מאיר עדלבוים

די יידן-שטאָט

מעזריטש

מאיר עדלבוים

די יידן־שטאָט
מעזריטש

(פון איר בראשית ביז ערב דער וועלט־מלחמה)

•

ארויסגעגעבן פון

מעזריטשער לאַנדסלייט־פאַראיין אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס

תשי״ז — 1957

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

TALLERES GRAFICOS "CULTURA", Sarmiento 2157
Buenos Aires — R. Argentina

די יידן-שטאָט מעזריטש

מאיר עדלבוים

קהילה־קדושה געווידמעט דעם אָנדענק פון דער קהילה־קדושה מעזריטש־פּאָדלאַסקי — אירע גרויסע תלמידי־חכמים פון אלע דורות; אירע ערלעכע האָרעפּאשנע, הארציקע פֿאָלקס־טימלעכע יידן; די איידעלע טרוימער פון נאציאָנאלער דערלייזונג, פון ברידערלעכקייט און סאָציאלער גערעכ־טיקייט.

געשריבן פון איר טרייען זון, וועלכער טראָגט אויף אייביק אין זיין הארצן דעם טרויער נאָכן טראגישן אומקום פון : זיין שוועסטער עלקע פריידע, איר מאן ר' לייב גראָסמאן, זייער טעכטערל צירעלע און קרובים; פון אלע באקאנטע און אומבאקאנטע ילידי מעזריטש — די עיר ואם בישראל. הי"ד.

פאָרוואָרט

יאָרן־לאַנג האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, צו פאַראייביקן מיין געבוירן־שטאָט, מעזריטש־פּאָדלאַסקי (אין אַלטע צייטן גערופן: מעזריטש־דליטאָ) אין פּוילן. נאָך אַלס תלמיד פון דעם גרויסן היסטאָריקער פון פּוילישן יידנטום, פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן ז״ל, האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן מעזריטש און כ׳בין שטאַרק דערמוטיקט געוואָרן פון מיין גרויסן לערער אָנצוגיין מיט אָט דער אַרבעט.

צוליב פאַרשידענע סיבות, איז מיר נישט דערמעגלעכט געוואָרן ביז איצט, אויסצונוצן אָט דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל אויף אַ ממשותדיקן אופן. ווער האָט זיך דאָס געקענט רעכענען, אַז דאָס פאַרוואָרצלטע יידישע לעבן אין פּוילן, צוזאַמען מיט די דורך און דורך יידישע שטעט, וועלן אָפּגעווישט און פאַרטיליקט ווערן? ווער האָט געקענט פריער איינפאַלן, אַז מיר שטייען ערב אַן אונטערגאַנג און אַז מען דאַרף זיך צואיילן און זען באַצייטנס מציל צו זיין די געשיכטלעכע ירושה פון יידישן פּוילן.

איצט, ווען איך שרייב דאָס בוך, איז פאַר מיר ליידער קלאָר, אַז עס איז מער ווי געשיכטע; איך שרייב אַ מצבה אויפן קבר פון דער יידן־שטאָט מעזריטש. אַ מצבה צווישן פיל אַנדערע מצבות, וואָס זיינען שוין געשטעלט געוואָרן און וועלן נאָך געשטעלט ווערן אויף די קברים פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, וועלכע זיינען פאַרלענדעט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע יידישע באַפעלקערונגען דורך די דייטשן און זייערע מיטהעלפער פון צווישן די פּאָלאַקן, ליטווינער, לעטן, אוקראַינער א. א.

ליידער, איז דער מאַטעריאַל, וואָס איז אין מיין רשות ווייט נישט גענוגנד; צוליב דעם טראַגישן חורבן, איז כמעט דער גאַנצער געשיכטלעכער מאַטעריאַל, וואָס ס׳האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט ביים פּוילישן יידנטום פאַרניכטעט געוואָרן. פּוילן געפינט זיך לעת־עתה אונטער דעם, אַזוי גערופענעם, „אייזערנעם פאָרהאַנג״ און די פאַרבליבענע געשיכטלעכע מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך דאָרט, זיינען דערווייל פאַר אונדז, נישט צוטריטלעך. דאָס איז, נאַטירלעך, אַ גרויסער חסרון ביים פאַרצייכענען געשיכטע. אָבער, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן מיר דאָך באַוויזן צונויפצוזאַמלען פיל היסטאָרישן מאַטעריאַל פאַר

אונדזער ארבעט און די „יידן־שטאָט מעזריטש" וועט דורך דעם בוך געפינען איר תיקון.

איך פיל א חוב צו די אלע, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן בייקומען די גרויסע שוועריקייטן, פארבונדן מיטן זאמלען די מאטעריאלן. קודם־כל, א דאנק מיין טייערן פריינט דר. יצחק ריווקינד, ביבליאָטעקאר פון דער וואַנדערלעכער ביבליאָטעק ביים יידישן טעאָלאָגישן סעמינאר. נישט נאָר האָט ער מיר געהאָלפן (אויך זיינע געהילפן) מיט אומצאָליקע ספרים און ביכער פון דער ביבליאָטעק, נאָר ער האָט מיר אויך מיטגעהאָלפן מיט אן עצה, א טרעפלעכע באמערקונג און א גערעכטע קריטישע הערה, ווען ער האָט געלייענט מיין מאנוסקריפּט. א גרויסן יישר־כח דריק איך אויך אויס צו ר' חיים ליבערמאן, דער ביבליאָטעקאר פון דער רייכער „ליובאַוויטשער ביבליאָטעק". ר' חיים האָט זיך דערביי אינטערע־סירט און געזאָרגט פאר דעם, אז אפילו די נויטיקע ספרים און ביכער, וועלכע געפינען זיך נישט אין סעמינאר, זאָלן אויך צוקומען צו מיינע הענט. דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אין ניו־יאָרק און זיינע צוויי פרויען־באאמטע: זינאַ אַבראַמאָוויטש, ביבליאָטעקארן און מאַדאַם טשעריקאָווער פון דעם ארכיוו־דעפּארטאמענט — א גרויסן יישר־כוח. איך האָב אין דעם דובנאָוו־ארכיוו ביים ייוואָ געפונען אן אוצר פון מאטעריאלן און איך בין דעריבער שטארק מכיר־טובה דעם ייוואָ, פאר געבן מיר די מעגלעכקייט צו באקענען זיך מיט דעם דובנאָוו־ארכיוו. איך האָב זיך אויך באנוצט מיט דער „פּובליק לייברערי" און איך וועל נישט בלייבן שולדיק א דאנק, פאר דער מעגלעכקייט פון באנוצן זיך מיט איר רייכער ביבליאָטעק. און אחרון, אחרון — א הארציקן דאנק צו דר. יעקב שאצקי, פאר זיינע עצות און מקורים, וועלכע זיינען מיר שטארק צונויץ געקומען.

איך וויל אויך אויסדריקן מיינע ווארימסטע געפילן צו מיין פאָטער, הר' יחיאל איידלבוים פון תל אביב, ישראל. זיינע זכרונות און אינפאָרמאציעס וועגן חסידים און מתנגדים אין מעזריטש, זיינען נישט אָפּצושאצן. אין ישראל, בעסער געזאָגט, אין ירושלים געפונען זיך נאָך דריי מענטשן, וועמען איך קום א דאנק: ישראל היילפּרין, מחבר פון „פּנקס ועד ארבע ארצות", דר. מ. הענדל, געווע־זענער גימנאזיאל־לערער אין דער מעזריטשער העברעאיש־פּוילישער גימנאזיע, היינט גימנאַזיאַל־אינספּעקטאָר אין ישראל און דעם הרב לייב, געלערנט אין דער מוסר־ישיבה „בית יוסף" אין מעזריטש, און איצט איינער פון די ראשי־ישיבה אין דער „בית יוסף"־ישיבה אין ירושלים. דער לעצטער האָט מיר אויס־געבאָרגט דעם כתב־יד „בר אבהן" פון ר' מאָטל פרידמאן, פון וואנען איך האָב גענומען זייער א סך.

מיין חוב איז אָבער דערמיט נאָך יישט פארענדיקט. צוויי פון מיינע בני־עיר האָבן גאָר א סך בייגעטראָגן און געדינט אלס הויפּט־מקורים פאר דעם דאָזיקן חיבור. איינעם האָבן מיר שוין אויבן דערמאנט (און מיר וועלן אים פיל

מאָל דערמאנען אין אונדזער ארבעט) און דאָס איז ר׳ מאָטל פרידמאַן. ער האָט געשטאמט פון א גרויסער רבנישער משפחה, וועלכע האָט געצויגן איר יחוס העט־העט פון די ווייטע הונדערטער יאָרן צוריק און זי האָט געהאט מיטגלידער כמעט אין אלע יידישע ישובים אין אייראָפּע, וועלכע האָבן פארנומען די סאמע וויכטיקסטע פּאָזיציעס אלס גייסטיקע פירער ביי יידן. ער אליין, איז געווען א געבוירענער אין מעזריטש (זיין פאָטער איז געווען א מעזריטשער איידעם) און אויך חתונה־געהאט פון מעזריטש. זייענדיק א גרויסער עושר און א פאבריקאנט האָט אים פונדעסטוועגן דאָס נישט געשטערט צו זיצן על התורה ועבודה און שרייבן חידושים אין פארשידענערליי תורה־זשורנאלן, וואָס זיינען דערשינען אין די תפוצות ישראל, צונויפשרייבן זיך מיט רבנים וועגן הלכה און זאמלען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און ענטוזיאזם ווערטפולע ספרים. ר׳ מאָטל האָט ספּעציעל אויסגעבויט א הויז, פארזיכערט קעגן שרפות, פאר זיינע ספרים און ער האָט דאָרט געזאמלט אלץ: הלכה, דרוש, חסידות און השכלה. זיינע ספרים זיינען געווען ווערט א גרויס פארמעגן. ר׳ מאָטל האָט זיך באנוצט מיט זיינע ספרים, נישט נאָר אויף לערנען אין זיי נאָר אויך פאר זיין ליבלינג־שטודיום: דער סדר־היוחסין פון בארימטע יידישע משפחות און דער עיקרשט פון מעזריטש. א דאנק זיינע כתבים, וואָס זיינען צופעליק ארייגעפאלן אין די הענט פון דעם אויבנדערמאנטן ר׳ לייב, האָט דר. הענדל און מיין ווייניקייט, געקענט זיך באנוצן מיט מקורים, וואָס וואָלטן געבליבן ווי א פארחתמעט בוך. דעריבער איז ר׳ לייבן בלויז א דאנק, באמת, צו ווייניק.

ארום דעם דרייסיקסטן יאָר פון דעם יאָרהונדערט, איז ר׳ מאָטל נפטר גע־וואָרן און זיינע יורשים האָבן פארקויפט זיין גרויסע ביבליאָטעק קיין אמעריקע.

דער צווייטער בן־עיר, וועמען מיר דערמאנען גאנץ אָפט — ר׳ יעקב שפּירא — האָט פארמאָגט די אלע מעלות פון ר׳ מאָטל פרידמאַן, נאָר נישט זיין געלט און שלות־נפש; און ער האָט זיך פארדינט מען זאָל ביי דער געלעגנ־הייט שרייבן איבער אים א קורצע ביאָגראפיע. ר׳ יעקב שפּירא האָט געשטאמט פון א יחוסדיקער מעזריטשער משפחה; ער איז געווען א גרויסער למדן און גלייכ־צייטיק באזיסן א גרויסע מאָס פון השכלה. ר׳ שפּירא, איז אָן שום ספק גע־שטאנען בראש פון דער מחלוקת, וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן די חסידים אין מעזריטש. ער האָט אין דעם קאמף אויסגענוצט הן זיין טאלאנט פון דער פען און אויך זיין רעדנערישער באגאבטקייט מיט דער שארפקייט פון א קנאי; און פארשטענדלעך, אז די חסידים האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מידה פון קאמף. זיין חיונה האָט ער געצויגן פון מלמדות און נישט געקוקט אויף זיין דחקות, האָט ער זיך איינגעשאפט ווערטפולע כתבי־יד און ספרים (ער האָט זיי שפּעטער פארקויפט. אייניקער פון זיינע קונים איז געווען פּראָפעסאָר שמעון דיבנאָוו אין אר״ז, אלכסנדר צעדערבוים, רעדאקטאָר פון „המליץ״, צו וועמען ער האָט פארקויפט דעם כתב־יד „דער טעאטער פון די חסידים״) און ער איז

געשטאנען אין ברייוולעכן קאָנטאַקט מיט די ביבליאָטעקן פון אומעטום, וואָס האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ יידישע ספרים. ספּעציעל די ביבליאָטעקן פון לאָנדאָן, פּאַריז און מינכען. ער האָט פון זיי אַרויסבאַקומען קאָפּיעס פון אַ סך כתבי־יד, וועלכע ער האָט באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן. די דאָזיקע אויסגאַבן זיינען פון אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט און די הקדמות, וואָס ער האָט געשריבן צו זיי, זיינען פון שרייבערישן הויכן קוואַליטעט. ווען די חברה „מפיצי־השכלה" אין פּעטערבורג, האָט באַשלאָסן צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער יידישער געשיכטע אין פּוילן און רוסלאַנד און די אַרבעט איז אָנגעטרויט געוואָרן דעם פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, האָט דער לעצטער באַשטימט ר' יעקב שפּיראָ אַלס זיין קאָרעספּאָנדענט און זיך שטאַרק גערעכנט מיט אים. כאָטש דובנאָוו אַליין באַצייכנט אים אַלס „מתנגדישער קנאי", האָט ער אים באַאויפטראָגט אויפצושרייבן פאַר אים די געשיכטע פון חסידיזם אין פּוילן, מיט וועלכער דובנאָוו האָט זיך באַנוצט אין זיין גרויסער אַרבעט: „די געשיכטע פון חסידיזם". שפּירא האָט אים רעגלמעסיק געשיקט פאַרשידענערליי מאַטעריאַלן פון דער געשיכטע פון די יידן אין מעזריטש און אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל אַדער ראשי־פּרקים פון דעם מאַטעריאַל האָבן מיר געפונען אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו פון ייוואָ אין ניו־יאָרק, וואָס איז טאַקע פאַר אונדז געוועזן ממש אַ אומדערשעפּלעכער קוואַל פון ידיעות (מיר האָבן געמאַכט קאָפּיעס פון זיינע בריוו, וועלכע פאַרדינען מען זאָל זיי אַרויסגעבן מיט באַמערקונגען; אָבער, דאָס איז אַן ענין פאַר זיך). אין גוף הספר וועט אונדז אויסקומען פיל מאָל זיך אָפּצושטעלן אויף זיין מערקווירדיקער פּערזענלעכקייט; אָבער דאָ, ווילן מיר בלויז צוגעבן אייניקע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון ר' יעקב שפּיראָ און מיט דעם פאַרענדיקן די קורצע ביאָגראַפיע וועגן אונדזער צווייטן שטאָט־היסטאָריקער און פאָרשער:

ר' יעקב שפּיראָ, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק גערודפט די חסידים און זיך נישט אָפּגעשטעלט אין דעם קאַמף אפילו צו גיין צוזאַמען מיט יענע וועלכע האָבן ווייט נישט געהאַט זיינע כוונות, איז אידעאָלאָגיש געשטאַנען נאָענט צו דער שיטה פון ווילנער גאון. זיין קעגנערשאַפט צום חסידיזם איז געוועזן אַן ערלעכע און ער האָט די חסידים באַקעמפט נאָר אַלס אָפּנייגער פון אַ טייל פּרינציפּן פון דת. אויך זיין השכלה, איז געווען פון דעם מין, וואָס דער גאון פון ווילנע האָט געבענטשט און דאָס אַרויסגעבן כתבי־יד פון ראשונים, איז אוודאי נישט געווען קיין באַווייז פון אַפּיקורסישער השכלה. אָבער, ביי די חסידים איז ער געוואָרן פאַררעכנט פאַר אַ מאָדערנעם משכיל און אַז ער איז אַראָפּ פונעם דרך־הישר; האָבן זיי דאָס אויסגעדריקט מיט אָפּרעכענען זיך מיט אים דורך דער זעלבער מידה פון רדיפה. דאָס קומט אַמבולטסטן אַרויס אין איינעם פון זיינע בריוו צו פּראָפ. שמעון דובנאָוו. דער בריוו איז דאַטירט ט"ו אלול, תרנ"ד און ר' מאָטל שרייבט דאָרט: „וע"ד שרוצה כבודו לכבדני לקרות בשמי אומנותי, מורה ללמד נערים, כיום הנני פה ולפנים הייתי כעשר שנים רצופות בווארשא

ולאדז וקבלתי פרס מחסידים ג״כ ואמרו הזהרו פן תגלו למקום גולה, לזאת מוחל אני על כבודי וידי עשה כטוב בעיניו ע״ד מנהגו לרשום בהערותיו מאין יצאן הדברים הנאמרים״ — בנוגע דעם וואָס איר ווילט מיך באערן און אָנגעבן מיין פּראָפעסיע: מלמד פון יינגלעך, היינט צו טאָג בין איך דאָהי (אין מעזריטש, מ. ע.) און אמאָל בין איך געווען ארום צען יאָר נאָכאנאַנד אין ווארשע און לאָדזש (ער איז דאָרט געווען מלמד, מ. ע.) און איך האָב אויך באקומען מיין געהאלט פון די חסידים, וועלכע האָבן צו מיר געזאָגט: זייט געוואָרנט טאָמער וועט איר פארטריבן ווערן צו א גלות־פלאץ (שפירא האָט דאָ פאראפראזירט דעם גוט באקאנטן זאָג פון דעם תנא אבטליון אין פרקי אבות, א—י״א: „חכמים הזהרו בדבריכם שמא תחובו חובת גלות״. זאָל עס זיין אז די חסידים האָבן אים געשראָקן אין א מסירה? מ. ע.). דעריבער בין איך מוחל אויף מיין כבוד און מיין פריינט זאָל טאָן ווי ער פארשטייט אליין בנוגע זיין מנהג צו אָנגעבן אין די באמערקונגען (דעם מקור, מ. ע.) פון וואנען די זאכן שטאמען...״

***

א הארציקן יישר־כח דעם מעזריטשער לאנדסלייט פאראיין און מיינע חברים אין ארגענטינע, וועלכע האָבן מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט דער־מעגלעכט דאָס דערשיינען פון דעם בוך. ספּעציעל די חברים און פריינט ה״ה אליהו באקאלאזש, מענדל פערלמאן און חיים לייבמאן, פאר זייער פער־זענלעכער מיטווירקונג, אז מיין ארבעט זאָל געפינען א תיקון.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן די ארבעט פון דעם קאָרעקטאָר מיכאל שמולעוויטש. צוליב טילטול הדרך האָב איך נישט געהאט קיין גענוג צייט מגיה צו זיין דעם מאנוסקריפּט און ער האָט דאָס משלים געווען מיט דער געהעריקער פארשטענדעניש און ליבע. מיין יישר־כוח אויך דעם פריינט מרדכי בערנשטיין פאר זיין ארבעט פון צוגעבן די פרושים און ראשי־תיבות צו די פּאָטאָסטאטן פון סוף בוך, וואָס איז פון אים געטון געוואָרן צוליב מיין אָפּוועזנהייט.

***

ואחרון, אחרון חביב: א דאנק מיין פרוי שרה. אין די פיל מאָנאטן פון מיין שווערער און מיזאמער ארבעט פון שרייבן דעם חיבור, האָט זי נישט גע־מאכט דעם בארעכטיקטן פאָרוואורף, אז צוליב מיין ארבעט איבער דעם בוך, האָב איך פארנאכלעסיקט מיין פרנסה. זי האָט, ממילא, א גרויסן חלק אין מיין בוך. זאָלן, בכן, אלע וואָס האָבן געהאט א חלק אין דער דערמעגלעכונג פון דער דאָ־זיקער געשיכטלעכער ארבעט — זיין געבענטשט.

דער מחבר

אריינפיר

ווען מעזריטש דערשיינט צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע, איז שוין ליטע, פון וועמען מעזריטש איז דעמאָלט געווען א טייל (די ליטווישע טעריטאָריע האָט זיך אמאָל געגרענעצט מיט פוילן, ביי לוקאָוו און ווענגראָוו) — געוועזן: א. א שותף צו פוילן און ביידע האָבן געהאט א בשות־פותדיקע קעניגרייך; ב. ס'איז שוין אויך געווען נאָך דעם צוריקקער פון די יידן קיין ליטע, נאָך זייער גירוש אין יאָר 1496, וואָס האָט אָנגעהאלטן ארום אכט יאָר, צוליב וואָס די צוריקגעקומענע יידן האָבן געמוזט צאָלן א ספּעציעלן שטייער דעם קעניג — א חוץ דעם געוויינלעכן קאָפּ־שטייער וואָס אַלע יידן האָבן געמוזט צאָלן — וועלכער האָט זיך טאקע גערופן „פּאָווראָטני" (צו־ריקקער); ג. עס איז שוין אויך געווען נאָך דער שפּאלטונג, וואָס איז פאָרגע־קומען אין דעם ועד חמש ארצות — קאָמיטעט פון פינף לענדער (גרויס־פוילן, קליין־פוילן, רייסן מיט פּאָדאָליע, אוקראַינע מיט וואָלין און ליטע). דער אויבנדערמאָנטער „ועד", וועלכער האָט רעפּרעזענטירט אַלע יידן אין דער פאראייניקטער פוילישׂ־ליטווישער קעניגרייך, האָט זיך געשפּאָלטן אין 1623. פון דעם יאָר אָן, האָבן עקזיסטירט צוויי צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן גערעדט אינעם נאָמען פון די יידן. איין צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַרטראָטן די יידן פון ליטע און ער האָט זיך גערופן „ועד דקהילות הראשיות דמדינת ליטא" און דער צווייטער קאָמיטעט האָט פאַרטראָטן די יידן אין די איבערגעבליבענע פיר לענדער און ער איז געווען באַקאַנט מיט דעם נאָמען „ועד ארבע ארצות".

דער כאַראַקטער און די פונקציעס פון די ביידע ועדים זיינען געווען אויטענטיש. זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט אויפן זעלבן שטייגער און האָבן דערפילט די זעלבע פונקציעס פאַר די יידן, וועמען זיי האָבן פאַרטראָטן. פון מאָל צו מאָל, פלעגן ביידע ועדים קאָאָפּערירן; דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין כלל־אינטערעסן, וואָס האָבן אָנגערירט דעם וווילזיין פון אַלע יידן, און דאָס איז געשען גאַנץ אָפט.

די אָרגאַניזאַציע פון די קהילות

יידן, אין אמאָליקן פוילן, זיינען נישט געווען קיין דיסאָרגאַניזירטע מאַסע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. יעדער יידישער יחיד איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם יידישן כלל — סיידן ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יידנטום. אַלס אַ יחיד, איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער לאָקאַלער קהילה פון זיין וווינאָרט; די קהילה אין זיין שטאָט, האָט געהאַט די פולשטענדיקע מאַכט איבער אים. אַלע יידן זיינען געווען אונטערגעוואָרפן זייערע קהילות, וועלכע האָבן געהאַט אַלע געזעצלעכע און אמטלעכע רעכטן צו באַשטייערן די מיט־גלידער — ד. ה. אַלע יידן אין שטאָט; צו קאָנטראָלירן זייער לעבן, זיטן, האַנדל און פּראָפעסיע און זיי אויך משפטן פאַר עבירות — לייכטע ווי פאַר האַרבע — אפילו מיט טויט־שטראָף.

נישט נאָר די שטאָט־יידן, נאָר אויך די יידן פון די סביבות, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קהילות, זיינען געווען אָרגאַניזירט. יעדע קהילה האָט געהאַט צו זאָגן איבער די סביבות, וועלכע זיינען איר אָנערקענט גע־וואָרן און צוגעטיילט געוואָרן. יידן פון די סביבות זיינען געווען אונטערגע־וואָרפן די קהילות, צו וועלכע מען האָט זיי צוגעטיילט. אין אַלע ענינים, סיי רעליגיעזע און סיי פינאַנציעלע און פּאָליטישע, זיינען זיי געווען אָפּהענגיק פון דער קהילה־פירערשאַפט.

אין שפּיץ פון דער קהילה, שטייען די פּרנסים (אויך גערופן „ראשים", אָדער „ראשי־הקהל"). די צאָל פון די פּרנסים, איז נישט גלייך אין אַלע קהילות. אַ טייל קהילות האָבן געהאַט צו דריי פּרנסים און ס'זיינען געווען אַנדערע קהילות וועלכע האָבן געהאַט פינף; די צאָל פון די פּרנסים איז געווען אָפּ־הענגיק פון דער חשיבות און גרויס פון יעדער קהילה. די פּרנסים האָבן אַמ־טירט לויט ראָטאַציע; יעדער פּרנס האָט אָנגעפירט מיט דער קהילה אַ חודש און איז געווען דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער אין דעם חודש; דערפאַר פלעגט מען אים רופן „פּרנס־החודש". אין די שטעט, וואָס זיינען געווען קעניגלעכע, פלעגן די פּרנסים אָפּגעבן אַ שבועה פון לאָיאַליטעט צום קעניג און זייער וואָל האָט געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן פון דעם וואָיעוואָדאַ, וועלכער איז געווען דעם קעניגס פאַרטרעטער. אין פּריציש שטעט איז דער וואָל פון פּרנסים, באַשטעטיקט געוואָרן פון דעם פּריץ, צו וועמען די שטאָט האָט גע־הערט.

די פּרנסים (אין 18טן יאָרהונדערט פלעגט מען זיי טיטולירן אין פויליש „בורמיסטוש קאַהאַלני" — קהלס בירגערמייסטער) האָבן אויסגעאַרבעט דעם בודזשעט און פאַרוואַלטעט מיט די קהלשע פינאַנצן. זיי, אָדער זייערע פאַר־טרעטער, זיינען געווען בייזיצערס אין דעם „יידישן געריכט" פון דעם וואָ־יעוואָדאַ, אָדער זיינע באַפולמעכטיקטע. די פּרנסים האָבן אויפגענומען רבנים,

דיינים, שוחטים, חזנים, שמשים און אנדערע קהילה־באאמטע. די פּרנסים האָבן געהאַט דאָס רעכט, צו נעמען הלוואות פאַר קהל און צו צאָלן חובות. זיי האָבן געהאַט די פולע דעה איבער „חזקה", ד. ה. די רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט א געוויסער באשעפטיקונג — פאַרשטייט זיך — קעגן א באשטימטן אָפּצאָל לטובת דער קהילה. די פּרנסים פלעגן אויך קלויבן פון צווישן זיך דעלעגאַטן צו די ועדי־הגלילות — קאָמיטעטן פון די קרייזן און צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט; דהיינו, אין ליטע צום ועד ליטא און אין רעשט פּוילן, צום ועד ד' (ארבע) ארצות.

אין אלע ענינים — כּמעט זיי האָבן געהאַט רעכט צו האַנדלען לויט זייער אייגנזען — פלעגן זיי זיך באַראַטן מיט א ברייטערער רעפּרעזענטאַנץ פון דער לאָקאַלער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנץ איז באַשטאַנען פון „קרואי העדה". אין קרוין־פּוילן האָט מען זיי גערופן „קהל" און אין ליטע און רייסן (א. נ. רייסן מיינט מען נישט תמיד ווייס־רוסלאַנד, — גרויסע טיילן פון מזרח־גאַליציע זיינען אויך אמאָל גערופן געוואָרן רייסן) האָט מען זיי גערופן „עקורי־הקהל", אָדער „עקורים" (אזוי האָט מען זיי אויך גערופן אין מעזריטש).

א חוץ זיי, זיינען געווען נאָך כלערליי אמטן. דעם וויכטיקסטן אָרט נאָך די פּרנסים, פאַרנעמען די „טובי העיר". אָדער „טובים". צו דעם אמט פלעגט מען געוויינלעך קלויבן, אין מערסטנטייל, געוועזענע פּרנסים. זייערע פונקציעס זיינען געווען ארויסצוהעלפן די פּרנסים. די פּרנסים פלעגן דעלעגירן צו זיי א טייל פון זייערע פליכטן. אין געוויסע ערטער פלעגן עקזיסטירן וואַל־קאָמיסיעס (למשל, אין פּויזן), וועלכע האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון א מין קאָנטראָל־קאָמיסיע איבער די טובים און פּרנסים. עס זיינען אויך געווען קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זיך גערופן „בעלי תקנות", וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען, מתקן צו זיין פאַרשידענערליי תקנות אין די אינטערעסן פון דער קהילה, אָדער צו רעווידירן אלטע תקנות, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין איבערבעסערונגען. עס זיינען אויך געווען שומרי תקנות (אזעלכע האָבן אויך עקזיסטירט אין מעזריטש), וועלכע האָבן אויפגעפּאַסט אז די תקנות זאָלן פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן.

א חוץ זיי, האָט די קהילה געהאַט פאַרשידענערליי ממונים, גבאים און משגיחים; זיי האָבן אכטונג געגעבן אויף די סאַניטאַרע באַדינגונגען צווישן יידן, אויף דעם געזונט־צושטאַנד, אויף כשרות, ערלעכע וואָגן און מאָסן, אויף די גוטע זיטן און אויף די מלמדים, אויף די וועכטער צו היטן דעם טויער פון דער יידישער געטאָ און אכטונג געגעבן מען זאָל נישט שטערן די רו ביינאַכט, ווען מענטשן דאַרפן שלאָפן. צווישן די אנדערע קאָמיסיעס, וואָס האָבן עקזיסטירט, זיינען אויך געווען, א רעוויזיע־קאָמיסיע — רואי חשבונות, וועלכע האָט נאָכקאָנטראָלירט די חשבונות פון קהל. און נאָך איינע, אין וועלכער

יידן אָן אויסנאם זיינען געווען שטארק פאראינטערעסירט, דאָס איז די קאָמיסיע פון „שמאים" — שאצערס.

די דאָזיקע קאָמיסיע האָט געהאט די אויפגאבע אויסצומעסטן דעם שטייער, וואָס יעדער איינער האָט געדארפט צאָלן צו דער קהילה. דער שליסל צום שאצן איז נישט אומעטום געווען גלייך. אין א טייל ערטער האָט מען גענומען אין באטראכט די גרויס פון דער משפחה און אין אנדערע, ווידער, האָט מען זיך גערעכנט מיט דעם פינאנציעלן מצב פון דער משפחה (דאָס איז געווען דער שליסל אין מעזריטש). די שאצערס פלעגן זיך הייסן צושטעלן א חשבון פון די פארדינסטן און טיילמאָל פלעגן זיי זיך נישט פארלאָזן בלויז אויף דעם חשבון, וואָס איז זיי צוגעשטעלט געוואָרן, זיי פלעגן אויספרעגן שכנים און באקאנטע, וועגן דעם פינאנציעלן מצב פון געוויסע יחידים, כדי צו קענען ריכטיק אויסמעסטן דעם שטייער, וואָס ער דארף צאָלן. אָרעמעלייט, אביונים, האָבן נישט געצאָלט קיין שטייערן; אפילו דעם קאָפּ־שטייער, האָט די קהילה געצאָלט פאר זיי.

דער רב אין שטאָט, איז געווען די העכסטע אויטאָריטעט; זיין פסק־דין איז געווען געזעץ. אָפטמאָל פלעגט מען זיך באנוצן מיט דעם שארפסטן מיטל: חרם; אָבער, די פרנסים האָבן מיט דער צייט צוגענומען פון דעם רב דעם כוח פון אריינלייגן עמיצן אין חרם, אָן דער צושטימונג פון די ראשי הקהילה. די דאָזיקע „רעוואָלוציע" קעגן דער אויטאָריטעט פון די רבנים, האָט געהאט סיי א פּאָזיטיוון און סיי א נעגאטיוון רעזולטאט; וואָרום, די פרנסים זיינען דורכדעם געוואָרן ווייניקער געצוימט און האָבן געקענט טאָן א סך זאכן, וואָס זיינען נישט געווען לטובת הקהל.

נישט אלע באאמטע פון קהל זיינען געווען פון גלייכן ראנג. דער שמש פון קהל („שקאָלניק") האָט פארנומען א וויכטיקן אמט אין דער אויטאָנאָמער אָרגאניזאציע פון דער קהילה. ער איז אייגנטלעך געווען דער שליח, אָדער, קהלס פאָרשטייער לגבי די אָרטיקע רעגירונגס־אמטן — דער שטאָט־פאר־וואלטונג און דאָרט ווו עס האָט געהערשט א פּריץ — אויך לגבי דעם פּריץ. ער איז, בכן, געווען א מין „שתדלן" פון קהל אין לאָקאלע ענינים.

יעדע קהילה, האָט צווישן אנדערע באאמטע, געהאט א „נאמן". ער איז געווען דער קאסירער פון אלע שטייערן. פיל מאָל, איז איינער פון די דיינים, טאקע געווען דער נאמן. קהל האָט אויך אויסגעהאלטן א רופא, וועלכער האָט געהיילט אָרעמע חולאים אָן געלט, אויפן חשבון פון קהל; א שערער, א הייבאם און אן אפטייקער.

שטייערן

אלע יידן האָבן געצאָלט דרייערליי שטייערן צו דער קהילה. זיי זיינען געווען: א. „סכום"; דאָס איז געווען דער שטייער, וואָס יידן האָבן גע־דאַרפט ארייננטראָגן אין „סקאַרב" (פינאַנץ־מיניסטעריום). דער שטייער האָט געדעקט דעם אזויגערופענעם „כרגא דמלכא", אָדער קאָפּ־שטייער. די אויבנ־דערמאָנטע שמאים פלעגן אויסמעסטן דעם שטייער. ב. אן אומדירעקטער שטייער אויף פלייש, ווייז א. א. ארטיקלען, אָדער קהילה־דינסטן, וואָס איז געווען באקאנט אונטער דעם נאָמען קאראָבקע. ג. דער חזקה־שטייער. תחילת, איז דער דאָזיקער שטייער איינגעפירט געוואָרן אלס מיטל צו רעגו־לירן און אויסצומיידן די אומגעזונטע קאָנקורענץ צווישן יידן, ביים דינגען כלערליי ארענדעס פון די פריצים, אָדער פון קעניג; שפּעטער — משמעות אונטער דעם שווערן לאַסט פון די אומדערטרעגלעכע שטייערן, כלערליי מתנות און לא־יחרץ־געלט, וואָס יידן האָבן געמוזט איינצאָלן — איז די חזקה געוואָרן נאָך א מקור פאר עקסטרא קהילה־שטייערן, כדי אזוי ארום צו קענען דעקן די הוצאות פון דער קהילה. פון דעמאָלט אָן, האָט קיין ייד נישט געקענט זיך פארנעמען מיט א וואָסער עס איז באשעפטיקונג, אזוי לאנג ווי ער האָט נישט אָפּגעצאָלט דער קהילה דעם חזקה־שטייער; אפילו מלמדים, האָבן גע־מוזט צאָלן חזקה־געלט.

ווער האָט געהאט רעכט צו וויילן און געווילט צו ווערן

זינט די קהילה האָט געהאט אזא אבסאָלוטע מאכט איבער אירע יידן, איז עס געווען א נאטירלעכע זאך, אז די פירערשאפט זאָל ווערן דער ציל און די אמביציע פון יעדן קהילה־מיטגליד. די גבירים האָבן, נאטירלעך, גע־וואָלט זיין די פירער (זיי זיינען עס טאקע אויך געווען אין רוב פאלן); וואָ־רום, עס איז געווען א גוטע סגולה פאר פרנסה, טאָן גוטע שידוכים א. א. גוטע זאכן פון זעלבסטנוצן. דער אָרעמאַן, ווידער, האָט אויך געהאט זיין רעכט; אזוי לאנג ער האָט געצאָלט זיין שטייער, איז ער געווען א בעל־הבית. און אפילו ווען ער איז נישט געווען ביכולת צו צאָלן, האָט ער אויך געהאט א שאנס צו וויילן און געווילט צו ווערן, אויב ער איז געווען א תלמיד־חכם. פלעגט טאקע אויף דעם געביט פון באהערשן די קהילות, פאָרקומען רייבונ־גען צווישן רייכע און אָרעמע און אפילו צווישן דער אינטעליגענץ און די רייכע; וואָרום, די קהילה־פירער פלעגן אמאָל אויסנוצן זייערע פּאָזיציעס און אָנשטעלן רבנים פון זייערע אייגענע: זין, איידעמס, אָדער קרובים. אמאָל פלעגן די פרנסים פארקויפן דאָס רבנות און מאכן פון דעם א קוואל פון הכנסה.

קיין אלגעמיינער כלל, ווי אזוי די וואלן זאלן דורכגעפירט ווערן און ווי אזוי צו פארהיטן, קעגן דער העגעמאָניע פון איין שיכט, אָדער אפילו יחידים, איז נישט געווען. עס האָבן געגילט די לאָקאלע תקנות פון יעדן אָרט. פון שאלות ותשובות, וואָס געפינען זיך אין פארשידענע רבנישע ספרים, ווייסן מיר, אז בדרך כלל פלעגן די רבנים פארטיידיקן די אינטערעסן פון כלל. טאקע אין דעם בארימטן שו״ת־ספר „צמח צדק״, געפינען מיר א שאלה פון די פירער פון א קהילה, וועלכע פרעגן זיך אָן ביים צמח צדק, וואָס צו טאָן אין דער וואל־פראגע; זיי ווילן באגרעניצן די רעכט פון די אָרעמע; היות די קהילה קאָסט זיי גאָר ווייניק, פארוואָס זאלן זיי האָבן אזא דעה אין די פינאנץ־ענינים פון קהל, אויפן חשבון הגביר? דער רב ענטפערט, אז דאָס איז פארבאָטן, וויבאלד דער מנהג איז ביז איצט געווען לטובת די אָרעמע. מיר זעען פון דעם, צוויי זאכן: ערשטנס — די קהילה־פירערס האָבן נישט געוואגט צו טאָן א זאך אויף זייער אייגענעם אחריות, אָן א פסק־הלכה פון א גרויסן רב; דאָס מיינט צו זאָגן, אז דער דין איז געשטאנען ווי א שומר איבער די יידן און זיי פארטיידיקט קעגן שלעכטע פירער. צווייטנס — דער יידישער דין איז געווען קאפאבל צו נעמען שטעלונג אין אזעלכע פראגן, וואָס רירן נאָך היינט אָן די סאמע יסודות פון דער געזעלשאפט; ווארום, די רעכט פון ווילן און אויסגעוויילט צו ווערן, איז נאָך עד היום נישט פולשטענדיק פארענטפערט. נאטירלעך, זיינען אויך געווען געוויסע רבנים, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן טענדענצן, וואָס האָבן נישט געמאכט קיין גוטן נאָמען פאר יענע רבנים.

אויך דער ועד ארבע ארצות האָט גענומען שטעלונג צו די דאָזיקע איבלען. מיר געפינען זייער שארפע תקנות, קעגן רבנים און קהילות, וועלכע האנדלען מיט רבנות־שטעלעס. אויך איינצעלנע קהילות, האָבן גענומען שטעלונג צו דער פראגע (אין מעזריטש איז געווען א חרם — ווי מיר וועלן שפעטער וועגן דעם שרייבן) און די תקיפים פון די קהילות זיינען געצווימט געוואָרן אין זייערע אפעטיטן. נישט איינמאָל פלעגן אויסברעכן „רעוואָלטן״ פון עמך און נישט געקוקט אויף די הארבע תקנות, צו דערשטיקן די רעוואָלטן (אפשר צוליב מורא פאר דעם צוזאמענברוך פון די קהילות און די דראָענדיקע הפקרות, וואָס אזא צוזאמענברוך וואָלט גורם געווען) — איז דאָס נישט געלונגען. עס איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אז לגבי די אומות העולם אין יענע צייטן, זיינען מיר געווען אומפארגלייכבאר דעמאָקראטישער.

איבער די קהילות זיינען געשטאנען די ועדי־הגלילות — קרייז־קאָמיטעטן. די דאָזיקע קאָמיטעטן זיינען באשטאנען פון דעלעגאטן, וועלכע זיינען געקליבן געוואָרן אויפן צוזאמענפאָר פון די ראשי־הקהילות פון דעם קרייז און פון ספעציעל דעלעגירטע. דער הויפט פון דעם ועד־הגליל האָט געטראָגן דעם טיטול „פרנס הגליל״. דער ועד־הגליל פלעגט זיך צונויפקומען איין מאָל אין

יאָר און זיך בּאַראַטן וועגן אַלע לויפנדיקע ענינים, וואָס זיינען נוגע דעם קרייז. דעמאָלט פלעגט מען אויך אויסמעסטן די שטייערן פאַר יעדע קהילה, וועלכע איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם גליל און דיסקוטירן פּראָבלעמען, וואָס שטייען אויפן סדר־היום פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט. דער וועד־הגליל האָט געהאַט אַ קרייז־רב (אב״ד הגליל), אַ מלוכה־שתדלן, אַ שרייבער, שמשים און אַ נאמן (קאַסירער). איבּער די ועדי־הגלילות איז געשטאַנען דער צענטראַל־קאָמיטעט; אין פּוילן — דער „ועד ארבע ארצות" און אין ליטע — דער „ועד דקהילות הראשיות דמדינת ליטא".

די דאָזיקע צענטראַלע קערפּערשאַפטן זיינען באַשטאַנען פון דעלעגאַטן פון די ועדי־הגלילות (קרייז־קאָמיטעטן). די גרעסטע קהילות, פלעגן שיקן צו 4 דעלעגאַטן, קלענערע — צו צוויי און די קלענסטע — צו איין דעלעגאַט. אויך די קהילות, וועלכע זיינען געווען זעלבּסטשטענדיק און נישט געווען אָפּהענגיק פון די ועדי־הגלילות (אַזאַ קהילה איז אויך געווען מעזריטש), האָבּן אויך געשיקט צו איין דעלעגאַט.

לויט דר. י. שיפּער (1) — איז דער ועד ארבע ארצות, קיינמאָל נישט באַשטאַנען פון מער ווי 70 מיטגלידער און זיין אויספּיר־אָרגאַן, וואָס האָט אַמטירט צווישן איין פאַרזאַמלונג פון ועד צו דער צווייטער — איז באַשטאַנען פון 23 מיטגלידער. ער דערקלערט עס מיט דעם, וואָס די יידן האָבּן געוואָלט, אַזוי־אַרום, אָנהאַלטן די טראַדיציע פון דעם סנהדרין, וועלכער איז, בּידוע, באַשטאַנען פון 70 מיטגלידער און די סנהדריה קטנה, האָט געציילט בּלויז 23 מיטגלידער.

דער ועד ארבע ארצות און דער ועד ליטא, זיינען געווען אָרגאַניזירט לויט דעם מוסטער פון די ועדי־הגלילות. דער עלטסטער פון דעם ועד האָט געטראָגן דעם טיטול — „פּרנס ועד ארבע ארצות" און אין ליטע — „פּרנס ועד דקהילות הראשיות דמדינת ליטא". פּאָלאַקן פלעגן דעם פּרנס פון ועד ארבע ארצות טיטולירן „מאַרשאַלעק זשידאָוו קראָנניך". דעם הויפּט־קאַסירער האָט מען גערופן נאמן ב״י (בית ישראל). ביים הויפּט־ועד, איז געווען טעטיק אַ בית דין עליון, וואָס איז געווען די העכסטע רעליגיעזע אינסטאַנץ און אויך דער העכסטער „אַפּיעל געריכט". דער דאָזיקער בית דין עליון, האָט רעגולירט דאָס יידישע לעבּן און געגעבּן זיין סאַנקציע אויף פאַרשידענע פּסקים, וואָס האָבּן צייטנווייז געענדערט דעם כאַראַקטער פון „עיקרי דינים". דער באַקאַנטער אויפטו פון „היתר־עיסקא", וואָס דערלויבּט יידן צו געבּן געלט אויף פּראָצענט, איז באַזירט אויף דער הנחה, אַז דער מלוה ווערט אַ שטילער שותף צום געשעפט פון דעם לווה, איז אריין אין קראַפט, מיט דער בּפירושער סאַנקציע פון דעם בית דין עליון.

די באַראַטונגען פון די ועדים פלעגן פאָרקומען בעת די גרויסע ירידים (למשל, יריד גראָמניטץ אין לובּלין). די ירידים פלעגן שפּילן אַ וויכטיקע

ראָל; וואָרום, ס'פלעגן זיך דאָרט צונויפפאָרן סוחרים פון ווי ווייט, הויכע מלוכה־באאמטע און פּריצים, רבנים און ראשי־ישיבות. האָט מען דערפאַר אהינצו געמופן די זיצונגען פון די ועדים — אי ווייל ס'איז געווען באקוועמער און אי דערפאַר — ווייל גאַנץ אָפט, האָט מען טאַקע אויפן אָרט געקענט דערליידיקן א סך וויכטיקע ענינים. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אויף די ירידים פלעגט זיצן א בית־דין און פּסקענען שאלות און אויסהערן דיני־תורות, נישט נאָר צווישן יחידים, נאָר אויך צווישן קהילות און זייערע ועדי־הגלילות און אפילו מיט דעם ועד ארבע ארצות.

אין צענטער פון די באראטונגען פון דיביידע צענטראַל־קאָמיטעטן (אויך פון די ועדי־הגלילות), איז תמיד געשטאַנען די שווערע און שטענדיק ברענענדיקע פראַגע פון פינאַנצן. דער ועד ארבע ארצות און דער ועד ליטא, זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם קאָפּ־שטייער, וואָס יידן האָבן גע־מוזט צאָל דעם סקארב. א חוץ דעם, האָט דער ועד געדאַרפט צוטיילן נאָך און נאָך פינאַנציעלע מתנות צו פאַרשידענע מלוכה־באאמטע, וועלכע האָבן געקענט טאָן א טובה, אָפּשרייען א גזירה וכדומה. דער ועד איז געווען שול־דיק חובות, וואָס ער פלעגט מאַכן סיי ביי יידן און סיי ביי נישט־יידן; האָט מען געדאַרפט אָפּצאָלן די חובות מיט די פּראָצענטן, וואָס זיינען געווען הויך. עס איז, אגב, כדאי צו באַמערקן, אַז די יידישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן, איז נישט געווען דער רעזולטאַט פון א פּאָליטישן ליבעראַליזם, וואָס האָט אין פּרינציפּ אָנערקענט די רעכט פון א נאַציאָנאַלער מינדערהייט, אויסצולעבן זיך אין די ראַמען פון זיינע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע הצטרכותן; נאָר איז געווען א רעזולטאַט פון ריינע עקאָנאָמישע חשבונות מצד פּוילנס מלכים. די פּוילישע מלכים האָבן איינגעזען, אַז דאָס אויפמאָנען דעם קאָפּ־שטייער פון די יידן, איז צו קאָמפּליצירט — האָבן זיי עס צוערשט איבער־איבערגעגעבן צו א ספּעציעל באַשטימטן ייד און פון דעם איז ביסלעכווייז ארויסגעוואַקסן די אויטאָנאָמישע קערפּערשאַפט, וועלכע איז אין איר יסוד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אָרגאַניזם, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם יידישן שטייער. טאַקע מחמת דעם, איז די אויטאָנאָמיע אויך בטל געוואָרן אין שפּעטערע יאָרן, ווייל די צענטראַל־קאָמיטעטן האָבן מער נישט געקענט צונויפברענגען דעם שטייער.

די שמאים פון דעם ועד ארבע ארצות און ועד ליטא, פלעגן באַשטימען דעם סכום, וואָס יעדער גליל מוז אריינטראָגן אין דער קאַסע פון ועד און אויך באַשטימט די קהילות, וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן דעם גליל און די סביבות וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן די קהילות, פון וועמען זיי האָבן גע־האַט א רעכט אויפצומאָנען דעם קאָפּ־שטייער.

נאַטירלעך, איז דער שטייער נישט געווען דער איינציקער פּונקט אויפן סדר־היום; די ועדים האָבן געהאַט נאָך א סך אנדערע פונקציעס, וואָס

זיינען געווען פארבונדן מיט דעם אָפּיציעלן סטאטוס פון דעם וועד, אלס די אָפּיציעלע רעפרעזענטאנץ פון דעם פוילישן יידנטום לגבי דעם קעניג, זיינע מיניסטאָרן און באאמטע, דעם סיים, דעם מלוכה־טריבונאל און דער קירך, אין וועמענס הענט עס איז אָפּט געליגן דער יידישער גורל. אָפּטמאָל האָט מען געמוזט אָפּשרייען גזירות, בטל־מאכן בילבולים — ווי עלילת־דם, אָדער דעם בילבול, אז יידן האָבן פארשוועכט דאָס הייליקע ברויט א. ד. גל.; און בכלל פארגרינגערן דעם שווערן יאָך, וואָס האָט אזוי שטארק געדריקט אויף די פוילישע און ליטווישע יידן — און ווי שוין געזאָגט, — האָט דער וועד אויך געדארפט מאכן תקנות צו רעגולירן דאָס אינערלעכע לעבן פון די יידן.

אן אויספירלעכע דערקלערונג וועגן די טעטיקייטן פון די ועדים, וועט אונדז צו ווייט פארפירן; אָבער עס וועט זיין גענוג צו זאָגן אָט־וואָס: אזוי מלוכה'ש און פארצווייגט איז געווען די טעטיקייט פון די ביידע ועדים, אין ליטע און אין רעשט פוילן, אז ס'איז ווירקלעך געווען א מין מלוכה אין א מלוכה, אין אלץ וואָס האָט געהאט א שייכות צום אינערלעכן לעבן פון די יידן. אזוי ווייט האָט געגרייכט דער איינפלוס פון דעם ועד ארבע ארצות צי פון ועד ליטא, אז אין די שפּעטערדיקע יאָרן, פלעגט זיך באטייליקן אין זייערע זיצונגען, דער פינאנץ־מיניסטער און אנדערע הויכע מלוכה־באאמטע. די זי־צונגען פלעגן, גאנץ אָפּט, אָפּגעהאלטן ווערן אין דער שטאָט, ווו עס האָט זיך געפונען דער פינאנץ־מיניסטער. די מלוכה האָט אָנגעהויבן צו האלטן אן אויג אויף די באשלוסן פון דעם ועד און נישט תמיד, זיינען זיינע באשלוסן געוואָרן סאנקציאָנירט פון דער מלוכה.

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידן אין פוילן און ליטע

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידן אין פוילן און ליטע, אין 16טן און 17טן י. ה. (דאָס איז די צייט ווען מעזריטש דערשיינט אלס יידי־שער ישוב), איז אין אלע הינזיכטן געווען אנדערש פון דער, וואָס האָט עק־זיסטירט סיי אין פוילן און סיי אין ליטע, אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער. די אנדערשקייט איז געווען א רעזולטאט פון א ריי סיבות. אין 16טן און אין 17טן י. ה. האָט זיך דער יידישער ישוב אין פוילן און ליטע שטארק פאר־גרעסערט. נישט נאָר האָט זיך דער ישוב פארגרעסערט פון דעם נאטירלעכן צוּוואוקס — נאָר אויך, און אפשר הויפּטזעכלעך, — פון דער גרויסער יידי־שער איינוואנדערונג קיין פוילן. אין 16טן י. ה. קומען פאָר א צאָל גירושים פון יידן פון די דייטשע פּראָווינצן. מען טרייבט אויך ארויס די יידן פון עסטרייך, פון טשעכיע און פון שלעזיע. יידן לאָזן זיך אין מחנות, הויפּטזעכ־לעך, קיין פוילן. די אלטע יידישע ישובים ווערן פארגרעסערט און עס אנט־

שטייען אויך נייע ישובים. לויט דר. י. שיפּער — זאָל די צאָל יידן אין מלכות פּוילן, ערב די גזירות ת"ח ות"ט און די אנדערע שחיטות וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, — האָבן געגרייכט צו אן ערך פון א האלבן מיליאָן נפשות. אויפן סמך פון דעה דאָזיקער מיינונג, קומט אויס, אז נישט ווייניקער פון 300.000 יידן זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן אין יענע שחיטות (2).

אויך די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג, האָט געווירקט אויף דער דאָזיקער אנדערשקייט. יידישע פּרנסות זיינען געווען פילפארביקער און פארשידנארטיקער. יידן דרינגען אריין אין פארשידענע פאכן; כאָטש די פּוילישע צעכן קעמפן קעגן די יידן און זייערע צעכן טוען אלץ צו פארווערן די יידן צו פארנעמען זיך מיט מלאכה — שטייגט די צאָל פון יידישע האנטווערקער און די פארשידנארטיקייט פון די מלאכות. יידן שפּילן א וויכטיקע ראָל אין דעם אויסלענדישן האנדל און דער דריטער וויכטיקסטער מקור פון פּרנסה, איז פּאכטעריי. יידן האלטן אין ארענדע גוראלניעס, ביר־ברויזן, שענקען און פיל אנדערע ארענדעס. דער גאנץ רייכער יידישער קלאס האלט נאָך אויך ווייטער אָן — אליין צי מיט נישט־יידישע שותפים — מלוכה־ארענדעס, גאנץ ספּעציעל אין ליטע און אין די דרום־פּראָווינצן. אָבער דווקא די סאָרט ארענדעס, ווערן קנאפּער און קנאפּער. א דאנק דעם אדל־שטאנד, וואָס ווערט מעכטיק און דער סיים נעמט אָן, צום סוף, א פארבאָט קעגן געבן מלוכה־ארענדעס צו יידן. אפילו דער ועד ארבע ארצות זעט זיך געצוווּנגען אָנצונעמען הארבע באַשלוסן קעגן יענע יידן, וועלכע ווילן האלטן אזעלכע ארענדעס, מחמת מורא פאר די פּריצים, וועלכע ווערן איצט די ארענדאטאָרן פון די מלוכהשע קאָנצעסיעס. דערפאר, קענען די פּריצים אליין נישט אויסקומען אָן די יידן, צו וועמען זיי גיבן ארענדעס און פארפאכטן זייערע גיטער. אויך לאנדווירטשאפט איז נאָך אלץ א וויכטיקער פּרנסה־צווייג פאר א גאנץ באדייטנדיקע צאָל יידן אין די מזרח־פּראָווינצן פון פּוילן און, בעיקר, אין ליטע.

אויך די רעכטלעכקייט פון די יידן אין פּוילן איז געווען אנדערש. דער וווּקס פון די יידישע ישובים אין פּוילן, האָט געפירט צו דעם באזעצן פון יידן אויף פּריצישן באָדן. אזוי לאנג ווי דער יידישער ישוב אין פּוילן איז געווען א קליינ'ער, האָט ער זיך, אין מערסטנטייל, קאָנצענטרירט אין די קעניגלעכע שטעט; די יידן זיינען דעריבער געווען אונטערגעוואָרפן דעם קעניג; אויסער אים און זיינע פארטרעטער האָט קיינער נישט געהאט קיין שליטה איבער די יידן; זיי זיינען געווען דעם קעניגס אייגנטום און ער האָט זיי געשיצט ווי זיין אייגנטום, וועלכן ער האָט מורא געהאט צו פארלירן, צוליב די הכנסות, וואָס די יידן האָבן אריינגעבראכט אין זיין שאץ־קאמער. די יידן האָבן אזוי ארום געהאט אן איינהייטלעכן רעכטלעכן סטאטוס.

מיט דעם אויסשפּרייטן זיך פון די יידישע ישובים איבער פּריצישע דערפער און שטעט, זיינען זיי געוואָרן „אונטערטאנער" פון די פּריצים. אייגנט־

לעך זיינען די יידן געוואָרן אָנגעוויזן אויפן חסד פון די פּריצים, אזוי גיך ווי זיי האָבן זיך באזעצט אין זייערע דערפער און שטעט; נאָר, מיט דעם אונ־טערשייד — ביז 1539, זיינען זיי לעגאל נאָך אלץ געווען אונטער דעם קע־ניגס שוץ. יידן וואָס האָבן געוווינט אין פּריצישע שטעט און דערפער, האָבן געקענט אפּעלירן צום קעניג נאָך שוץ קעגן דעם פּריץ. אָבער, ווען די פּריצים האָבן אין יאָר 1539 אָפּגעהאלטן א זיג אין דעם פּיעטרקאָווער סיים און דער קעניג האָט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאנג פון דער שלאכטע, צו דערקלערן אלע יידן וועלכע וווינען אויף זייער באָדן, אלס אבסאָלוטן אייגנטום פון דעם פּריץ און זיי געשטעלט אין דער זעלבער לאגע ווי דעם פּויער, איבער וועמען דער פּריץ האָט געהאט אומבאגרענעצטע רעכט — איז זייער לאגע געוואָרן א שווערע, אן אנדערשדיקע.

דער דאָזיקער נייער געזעץ, האָט געשאפן אין פּוילן צווייערליי יידנטומס: יידן וואָס האָבן געוווינט אין קעניגלעכע שטעט, זיינען געשטאנען אויף א העכערן רעכטלעכן שטאפּל, בעת די יידן אין די פּריצישע שטעט און דערפער האָבן רעכטלעך טיף געזונקען. די יידן אונטער דער פּריצישער הערשאפט האָבן נישט געגאָסן פון קיין איינהייטלעכן סטאטוס, זיי זיינען געווען אויס־געשטעלט אויף די קאפּריזן פון דעם פּריץ; איז דער פּריץ געווען אן איידעלער און געהאט א מענטשלעכע באציונג צו יידן — האָט ער זיינע יידישע „אונ־טערטאנען" אויך גוט באהאנדלט און זיי געשטיצט קעגן זייערע פיינט, די „מיעשטשאנעס", די צעכן, די קירכלעכע אָרדנס און סתם אנטיסעמיטן; איז ער געווען א יידן־פיינד, אָדער סתם א געמיינער מענטש — האָט ער זיך איזדעקעוועט איבער זיינע יידן און דורך שאנטאזש־מיטלען אויסגעפּרעסט געלט פון זיי. דאָס איז געווען דער אָנהויב צו די גרויזאמע מעשים, וואָס די פּריצים זיינען באגאנגען לגבי יידן, ספּעציעל לגבי זייערע ארענדארן, וועלכע זיי האָבן פארשפּארט אין תפיסות און זיי געהאלטן, ביז מען האָט זיי אויס־געלייזט פאר גוט געלט. די יידישע ליטעראטור, גאנץ באזונדערס די חסידישע, איז רייך אין מאטעריאלן וועגן דער דאָזיקער תקופה.

קעגן די דאָזיקע אכזריותן זיינען די יידן געווען מאכטלאָז. פון זינט זיי זיינען געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם פּריץ — איז אראָפּגענומען גע־וואָרן די קעניגלעכע שוץ פון זיי. טאקע אין יענעם געזעץ, ווו עס ווערט געזאָגט, אז דער קעניג ציט צוריק זיין שוץ פאר די פּריצישע יידן — ווערט אָנגעגעבן די זייער לאָגישע סיבה: „אויב מיר האָבן נישט פון זיי (פון די פּריצישע יידן) קיין שום נוצן, קומט זיי אויך נישט קיין שוץ" (3). עס איז ווידעראמאָל גילטיק דער גוט־באקאנטער כלל — דער ייד איז פאר דעם קעניג געווען א מיטל צו באַרייכערן זיין קאסע; אין בעסטן פאל, א מיטל צו העלפן אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון לאנד; נישט ליבעראליזם, נישט א מענטשלעכע באציונג, נאָר גאנץ פּשוט — געשעפט.

עקאָנאָמיש, האָט זיך די לאגע פון די יידן, מיט זייער איבערגאנג צו די פּריצים, נישט געענדערט. געווען אויך פאלן, ווען דווקא אונטער דער פּריצי־שער הערשאפט, פלעגן זיי גיכער קענען בייקומען דעם אנטיסעמיטישן ווי־דערשטאנד.

פּונקט ווי די עקאָנאָמישע לאגע פון די פּריצישע יידן איז נישט געווען קיין איינהייטלעכע, אזוי איז זייער עקאָנאָמישע לאגע אין די קעניגלעכע שטעט נישט געווען קיין איינהייטלעכע. אין די קעניגלעכע שטעט, איז דער קאמף פון די „מיעשטשאנעם" (שטאָטישער קלאס), פון די צעכן און פון דער קירך קעגן די יידן, געווען א שטארקערער און אויך א מער עפעקטיווערער. די מיעשטשאנעם — אין זייער קאמף קעגן דעם יידישן האנדל — פלעגן, נישט זעלטן זיך לאָזן קאָסטן געלט ביים קעניג, כדי ער זאָל צונעמען פון זייערע יידן די קעניגלעכע פּריווילעגיעס. דער קעניג פלעגט גאנץ אָפט נאָכ־קומען די דאָזיקע אנטי־יידישע פאָדערונגען. אָבער, אזעלכע גזירות האָבן נישט לאנג אָנגעהאלטן און עס איז ווידעראמאָל אויסגעגאנגען צו דער קע־שענע. יידן פלעגן געבן ווידעראמאָל געלט צום קעניג און ער האָט די פּרי־ווילעגיעס באנייט. איבערהויפּט שארף איז דער קאמף געווען אין די גרויסע קעניגלעכע שטעט; אין קליינע שטעט איז די לאגע פון די יידן געווען א בע־סערע: דער סטאראָסטע, וועלכער האָט אין די קליינע שטעט פארטראָטן דעם קעניג — פלעגט נישט דערלאָזן צו יידן־נגישות. פארשטייט זיך, אז אויך ער האָט דערפאר באקומען מתנות.

די גזירות ת"ח און די אנדערע שחיטות אויף יידן

אויב ביז דעם ערשטן העלפט פון 17טן יאָרהונדערט, האָט זיך די יידישע באפעלקערונג אין פּוילן שטארק פארגרעסערט — האָט זיך ביים אָפּשלוס פון דעם ערשטן העלפט פון דעם 17טן י. ה. — די לאגע ראדיקאל געענדערט לרעה. אין יאָר ה' ת"ח (1648), ברעכט אוים דער אויפשטאנד פון די קאָזאקן, אָנגעפירט פון העטמאן באָגדאַן (חמיל) כמיעלניצקי. אומעטום וווּהין כמיעלניצקי מיט זיינע באנדעס האָבן געגרייכט, האָבן זיי אויסגעהרגעט די יידן, וועלכע האָבן נישט באוויזן צו אנטלויפן. די צאָל פון אויסגעקוילעטע יידן, איז א שווידערלעכע. א טייל כראָניקער גיבן אָן די גיגאנטישע צאָל פון 600.000 נפשות. די צאָל איז שטארק איבערגעטריבן. דער בארימטער רב שבתי כהן (באקאנט אלס ש"ך — שפתי כהן — א פירוש אויף שולחן ערוך), וועלכער האָט אליין מיטגעמאכט די שווידערלעכע פּאָגראָמען און פארלוירן א טאָכטער ווען ער איז אנטלאָפן — גיט אָן אין זיין בארימט ווערק מגילת עיפה, אין וועלכן ער באשרייבט זיינע איבערלעבענישן, אז די צאָל פון די אויסגעהרגעטע יידן איז געווען ארום 100.000.

די יידן האָבן נאָך נישט באוויזן צוריקצוקומען צו זייערע כוחות פון דעם דאָזיקן חורבן, ווען א נייער אומגליק טרעפט זיי אויפסניי. אין 1654 באנייט כמיעלניצקי דעם אויפשטאנד; מיט אים גייען די רוסן און ווידעראמאָל ווערן יידן געמאָרדעט און זייערע פארמעגנס צוגערויבט. אין 1656 פארנעמען זיי ווילנע און הרגענען אויס אלע יידן, וועלכע האָבן נישט באוויזן צו אנטלויפן פון שטאָט. פון דאָרט מארשירן די באנדעס אויף די פוילישע פראָווינצן און פארוויסטן אלע יידישע ישובים, וועלכע זיי טרעפן אויף זייער וועג. טאָמער איז דאָס נישט גענוג — ווערן יידן בארויבט און געמאָרדעט פון פוילישע סאָלדאטן, אונטער טשארניעצקיס קאָמאנדע און אין זעלבן יאָר, ווערט פוילן באפאלן פון שוועדישע חיילות, וואָס קומען העלפן א טייל פון דער שליאכטע וועלכע האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דעם קעניג. די שוועדן שטייען נישט אָפּ פון זייערע מזרח־קאָלעגן אין דער מלאכה פון מאָרד און רויב און ווידעראמאָל זיינען די יידן די ערשטע צו ליידן. די אָרטיקע באפעלקערונג געפינט א שעת־הכושר זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן, און זיי העלפן צו רויבן און מאָרדן.

יידן זיינען אין אלע מלחמות געווען צווישן די לאָיאלסטע פארטיידיקער פון דער מאכט. יידן האָבן אויך געקעמפט קעגן די שוועדן מיט שווערד און וואָפן; אָבער, דאָס האָט נישט אָפּגעהאלטן דער קירך אויסצונוצן דעם כלומרשטן נס פון דער „טשענסטאָכאָווער מאמע" קעגן די שוועדן, צו העצן קעגן די יידן. דער נס איז א באווייז — האָבן גלחים געהעצט — אז דער קאטוילישער גלויבן מוז א סוף מאכן צו די אומגלויביקע. אומגלויביקע זיינען געווען א סך; אָבער בעת יענע אומגלויביקע זיינען געווען פּאָלאקן און אפילו מעכטיקע פּריצים און סתם נישט־יידן, מיט וועמען די קירך האָט זיך נישט געאיילט צו טשעפּען צוליב מורא — האָט מען פאר יידן נישט מורא געהאט און די קירכע האָט געהעצט און גערופן צו פּאָגראָמען.

פון די אלע שחיטות און חורבנות איז דאָס פוילישע יידנטום שטארק פאראָרעמט געוואָרן; נומעריש איז זייער צאָל געפאלן, פון אן ערך א האלבן מיליאָן, אויף 182.000 (4), און דאָס יידישע האָב און גוטס איז צוגערויבט געוואָרן.

שטארקער פון אלעמען האָבן די אומאויפהעריקע מלחמות געטראָפן דעם שטאָטישן עלעמענט, די הענדלער. די מיעשטשאנעס, וועלכע זיינען אויך געטראָפן געוואָרן פון די מלחמות, האָבן איצט נאָכמער געדריקט און באקעמפט די יידישע הענדלער און עס האָט געבראכט צו דעם, אז א סך יידן האָבן פארלאָזט די שטעט און זיך באזעצט אין די דערפער. עס ווערט געשאצט, אז א דריטל פון דער יידישער באפעלקערונג האָבן געוווינט אין דערפער און אין פּאָדליאשע האָבן 55 פּראָצענט יידן געוווינט אין דערפער. די יידן האָבן גע־צויגן פרנסה פון זייער האנדל מיט לאנדווירטשאפט־פּראָדוקטן, פי, מילכווארג און שענקעריי.

אין דער זעלבער צייט, איז דער יידישער האנדל מיט אויסלאַנד פאַר־קלענערט געוואָרן. דאקעגן וואקסט דער יידישער איינפלוס אויפן אינערלעכן האנדל; עס קומען אויף א סך קרעמער; עס זיינען נאָך אויך געווען יידישע עשירים, צווישן זיי רייכע ארענדאַרן און אפילו באנקירן; אָבער, זייער פּראָ־צענט איז באדייטנדיק קלענער ווי פריער. די יידן זיינען, בדרך כלל, געווען א פאַראָרעמטער שיכט פון דער באַפעלקערונג: קליינע קרעמער, בעלי־מלאכות און שנאָררערס.

דער דאָזיקער מצב פון די יידן, רופט נישט ארויס קיין פארשטענדעניש מצד די אָפיציעלע מלוכה־אָרגאנען. פאַרקערט, די יידן ווערן אלץ מער און מער באַלאַסטיקט מיט אויפגעשרויפטע שטייערן, וואָס מאכט זייער לאַגע ממש אומדערטרעגלעך. אלע וואָס קענען אויספּרעסן געלט, טוען עס אָן רחמנות און אָן א ברעקל יושר. יידן האָבן געצאָלט צו דער מלוכה, געגעבן מתנות צו מלוכה־באַאמטע, צו קירכלעכע אָרדנס, באזונדערס יעזואיטישע; צו קריסטלעכע שולעס און צו מיליטערישע קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען געווען איינגעקוואַרטירט אין די שטעט אָדער סביבה. פיל מאָל, פלעגן יידן צאָלן אין פאַרויס צום מי־ליטער, אבי זיי זאָלן נישט דורכמאַרשירן די שטאָט.

ס'האָבן געצאָלט שטייערן מכל המינים, דער ועד ארבע ארצות און דער ועד ליטא, עס האָבן געצאָלט די ועדי־הגלילות און די לאָקאַלע קהילות. די אַלע געלטער זיינען געקומען פון איין קעשענע — פון די יידישע יחידים, — וועלכע האָבן באַין אופן נישט געקענט נאָכקומען די דאָזיקע פארלאַנגען. עס איז געקומען צו א מצב, אז די ביידע צענטראַל־קאָמיטעטן — דער ועד ארבע ארצות און ועד ליטא — האָבן נישט געקענט מער אויפמאָנען דעם גאנצן סכום שטייער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אריינטראָגן אין דעם סקאַרב. די ועדים און די קהילות, האָבן געמוזט אָנקומען צו הלוואות און מיט די הלוואות האָבן זיי נישט געקענט דעקן די שטייערן און די אנדערע הוצאותן וואָס זיי האָבן געהאַט. אונטער אזעלכע אומשטענדן איז געבוירן געוואָרן אין די מלוכה־קרייזן דער געדאַנק, אז די יידישע אויטאָנאָמיע, איז מער נישט נוצלעך; ווי־באַלד די גאַנצע אויטאָנאָמיע, איז פון אָנהויב אָן געווען, פון דעם מלוכהשן שטאַנדפּונקט, נישט מער ווי א מיטל צו קענען ארויסבאַקומען פון די יידן א מאַקסימום שטייער, — איז איצט, מיט דעם באַנקראָט פון די ועדים — די אויטאָנאָמיע געוואָרן פאַר זיי א שטערונג. אין 1764 (תקכ"ד) איז די יידישע אויטאָנאָמיע אָפיציעל אָפּגעשאַפט געוואָרן. דער ועד ארבע ארצות און דער ועד ליטא, וועלכע האָבן אריינגעשריבן א וואונדערבאַר בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, זיינען נאָך הונדערטער יאָרן, בטל געוואָרן. מען האָט בלויז געלאָזט א ליקווידאַציע־קאָמיסיע, אָפּצוּוויקלען די חשבונות. די רעגירונג האָט אויך איבערגעלאָזט די אויטאָנאָמיע פאַר די לאָקאַלע קהילות, וועלכע זיינען פון איצט אָן געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע יידן.

די דאָזיקע תקופה — וואָס איז אויך די תקופה פון פוילנס אונטערגאַנג, אלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה — איז פאַקטיש געוועזן די שווערסטע אין דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן און ליטע. דער קאָפּ־שטייער, וואָס האָט ביז 1764 אויסגעמאכט 220 טויזנט זלאָטיס, איז אין א קורצער צייט געהעכערט געוואָרן אויף גאַנצע 860 טויזנט זלאָטיס. יעדער ייד פון דעם ערשטן יאָר־עלטער, האָט געמוזט צאָלן צוויי זלאָטיס קאָפּ־שטייער. אין 1775 איז דער שטייער געהעכערט געוואָרן מיט נאָך א זלאָטי און אין יאָר 1779, האָט דער סיים געהעכערט דעם יידישן שטייער מיט נאָך א העלפט און האָט איינגעפירט נייע שטייערן, וואָס האָבן נאָכמער געדריקט און פאַראָרעמט די יידן.

נישט נאָר געהעכערטן קאָפּ־שטייער און נייע שטייערן האָט מען געמאָנט פון די יידן; די פוילישע מושלים, וועלכע האָבן אוודאי שוין געזען די היסטאָרישע אויפשריפט פון זייער פולשטענדיקן חורבן, אויף דער וואַנט, האָבן נאָך אלץ געזוכט מיטלען צו באַקעמפן די יידן. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן גזירות אויף די יידישע קעפּ; גירושים פון א צאָל שטעט און דערפער און די יידישע שטעט זיינען פאַרפלייצט געוואָרן מיט מאסן היימלאָזע און בעטלערס.

דער קריזיס אין יידישן לעבן איז נישט געווען קלענער פון דעם קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט פוילן אלס מלוכה. אלץ איז געשטאַנען אין צושטאַנד פון צעפאַלנקייט. די אלטע פאָרמען זיינען געוואָרן אויסגעליידיקט פון זייער אינהאלט, דאָס יידישע אָרגאַניזירטע לעבן איז געוואָרן צעפלאָסן, אָן דער צענטראַלער יידישער אויטאָנאָמער קערפּערשאַפט; אפילו די לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, האָט פאַרלוירן איר גלאַנץ און מאכט איבער די יידן. עפּעס האָט געמוזט געטון ווערן; דאָס האָבן פאַרשטאַנען אפילו פּאָלאַקן אויך. דער פיר־יאָריקער סיים, האָט אונטערגענומען א שטודיום פון דער יידן־פראַגע און ווי אזוי צו געבן די פוילישע יידן א נייעם אינהאלט אין דער נייער פוילישער געזעלשאַפט, וואָס דער סיים האָט געזאָלט שאַפן. די ליבעראַלן האָבן געוואָלט עפּעס טאָן; די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן האָבן געזוכט צו לייזן די פראַגע, דורך שווערער מאכן דעם יאָך אויף די יידן. מער ווי רייד איז פון דעם אלעם, סיי ווי סיי, נישט אַרויסגעקומען און אין צווישן צייט, איז פוילן דריי מאָל צעטיילט געוואָרן צווישן אירע דריי שכנים: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן, און אין יאָר 1796, פאַרשווינדט דאָס אלטע פוילן פון דער ארענע און עס הויבט זיך אָן א נייע תקופה. וועגן דעם אלעם וועלן מיר רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

דער בראשית פון מעזריטש

אויף דער באַן־ליניע וואַרשע—בריסק, ליגט די שטאָט מעזריטש, וואָס איז דער אָביעקט פון דער דאָזיקער ארבעט. אין גאָר אַלטע צייטן, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די איינוווינער אין יענע מקומות זיינען נאָך געווען פּרימיטיוו — האַלב־ציוויליזירטע — האָבן זיך דאָרט, וווּ מעזריטש שטייט היינט, געפונען צוויי דערפער — סטאָלפּנע און מיענדזיזשעץ; ארומגערינגלט פון צוויי טייכן — טלוסק און דער גרויסער קרזשנאָ; פון דאַנען טאקע נעמט זיך דער נאָמען מיענדזיזשעץ, וואָס איז דער טייטש: צווישן טייכן.

ווען די ביידע דערפער זיינען געקומען אויף דער וועלט, איז נישט באַקאַנט. אָבער, אין 1390 זיינען שוין די ביידע דערפער געווען אויף דער וועלט און אין זעלבן יאָר גיט קעניג יאַגעללאָ — דער ערשטער ליטווישער פּרינץ, וועלכער האָט געטראָגן די קעניגלעכע קרוין פון דעם פאַרייניקטן פּויליש־ליטווישן קעניגרייך און שטאַם־פּאָטער פון דער פּוילישער מלכים־דינאַסטיע יאַגעללאָ — די ביידע דערפער במתנה צו אבראהאם כאמיעץ, וועלכער האָט נושא חן געווען ביים קעניג פאַר זיינע פאַרדינסטן. סטאָלפּנע און מעזריטש, ווערן דעמאָלט, דאָס פּערזענלעכע אייגנטום פון אבראהאם כאמיעץ, מיט דעם בפירושן תנאי, אַז ער וועט זיך צושטעלן צום קעניגס רוף, א באוואָפנטער צו יעדער צייט.

פון דעמאָלט אָן, האָבן זיך געביטן די פּריצישע בעלי־בתים פון סטאָלפּנע און מעזריטש: צווישן זיי די מעכטיקסטע מיטגלידער פון דער ליטווישער און פּוילישער גרויס־שליאכטע. די לעצטע צוויי גרויסע פּריצים־משפּחות, וועלכע האָבן געהערשט איבער מעזריטש, זיינען געווען די באַרימטע פירשטן־משפּחה טשאַרטאַריסקי פון קראָקע (אין די באַרימטע קראָקאָווער סוקיעננוציע געפינט זיך אויסגעמאָלן, צווישן אַנדערע הערבן, אויך דער הערב פון מעזריטש) און נאָך די טשאַרטאַריסקים, גייט מעזריטש אריבער, צוזאמען מיט 40 דערפער און הייפן, צו כראַביע פּאָטאָצקי.

אין פּריצישן שלאָס, וואָס שטייט אין א גרויסן הויף און אין א גרויסן פּאַרק, וואָס ציט זיך אויף קילאָמעטערס; א פּאַרק, וועלכער איז באַרימט מיט זיינע כלערליי מינים ביימער און אלייען — האָבן פון תמיד אָן געוווינט די פּריצים, ווו עס איז פאָרגעקומען פאַרווייל־ונגען און עס האָט געווימלט מיט

גרויסע געסט. איינער אזא גאסט, איז געווען קייזער יאָזעף דער צווייטער פון עסטרייך, וועלכער האָט געגעבטיקט אין דעם פירשטלעכן פאַלאַץ אין דער נאכט, ווען ער איז דורכגעפאָרן מעזריטש אין יאָר 1770 פון פעטערבורג, אויף זיין וועג א היים. אין 1813, איז אלעקסאנדער דער ערשטער געווען אין מעזריטש, קומענדיק פון ביאלע, ווו ער איז איינגעשטאנען אין דעם שלאָס פון פירשט ראדזיוויל, צו וועמען ביאלע האָט געהערט. אלעקסאנדער איז דעמאָלט געפאָרן צו דער שלום־קאָנפערענץ אין ווין. (וועגן די דאָזיקע און אנדערע באזוכן, זיינען נישטאָ קיין יידישע פארצייכענונגען; הפנים, אז יידן זיינען צו זיי נישט צוגעלאָזט געוואָרן און מען האָט זיי אויך נישט איינגע־לאדן אויפצונעמען די חשובע געסט).

אין יאָר 1775 ציילט שוין מעזריטש 424 הייזער און איז שוין דעמאָלט די גרעסטע שטאָט אין פאָדליאשע, ווו מעזריטש געפינט זיך. אירע דריי מאָל אין יאָר ירידים, וואָס זיינען שוין געווען פון לאנגע יאָרן באקאנט נאָענט און ווייט און האָבן צוגעצויגן סוחרים, הענדלער און וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון ווי' ווייט. פרינץ אדאם טשארטאריסקי, זייענדיק אינטערעסירט אין דעם וווקס פון מעזריטש און איר האנדל — וואָס האָט אויף זיכער אריינגעבראכט צו אים א באדייטנדיקע הכנסה, — באמיט זיך ביים פוילישן קעניג פּאָניאטאָווסקי און פועלט ביי אים אויס (אין יאָר 1779), א פערטן יריד, אויפן נאָמען פון דעם הייליקן יאקאָב און עס קומט־צו מער פרנסה אין שטאָט אריין און מער הכנסה צום פירשטלעכן הויף.

משמעות, אז אין יענע יאָרן — און ווי מיר זיינען זיך משער, א סך יאָרן פאר דעם — איז די מערהייט אין שטאָט געווען א יידישע. וואָרום, אין פוי־לישע מקורים פון יענער צייט, ווערט גערעדט וועגן כמעט צוויי גלייכע העלפטן פון דער באפעלקערונג, ד. ה. יידן און נישט־יידן. ווען מען נעמט אָבער אין באטראכט, אז אונטער קריסטלעכער באפעלקערונג, ווערט פארשטאנען קריסטן, וועלכע באזוכן א פאראפיע — ווערט קלאָר, אז אין דער קריסטלעכער העלפט ווערן אריינגערעכנט אלע נישט־יידן, וועלכע וווינען אין דער סביבה; בעת ווען עס רעדט זיך וועגן יידן, ווערט פארשטאנען, יידן וואָס וווינען אין שטאָט. די רעדאקטאָרן פון געאָגראפישן אטלאס „סטאראָזשיטנאַ פּאָלסקאַ" (מיענד־זירזשעץ־פּאָדלאסקי), שרייבנדיק וועגן דער באפעלקערונג אין מיטן 19טן י. ה. — באמערקט ער, אז: „דער גרעסערער טייל פון דער באפעלקערונג איז אומפארגלייכבאר יידיש".

וואָס איז מכוח יידיש מעזריטש? ווען איז יידיש מעזריטש אנטשטאנען? ווער האָט געלייגט דעם יסוד פאר דעם יידישן ישוב אין מעזריטש? די יידישע מקורים וועגן מעזריטש זיינען שפּעטערדיקע. די עלטסטע יידישע מקורים וואָס זיינען צו אונדז דערגאנגען, שטאמען פון דעם אָנהויב 16טן י. ה.. עס איז אָבער קלאָר, אז דער יידישער ישוב אין מעזריטש איז פיל, פיל עלטער.

א זייער אינטערעסאַנטער בריוו (איינער פון א צאָל בריוו, וואָס דער מעזריטשער ביבליאָפיל ר׳ יעקב שפּיראָ, האָט געשיקט צו פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, וועמענס קאָרעספּאָנדענט ער איז געווען. זע אין דער הקדמה וועגן ר׳ יעקב שפּיראָ), וואָס איך האָב געפונען אין דעם דובנאָוו־ארכיוו אין ניו־יאָרקער ייוואָ — דערמאָנט עפּעס וועגן דער דאָזיקער פראגע. ליידער, איז דער עצם דאָקומענט, אָדער דאָקומענטן, צו אונדז נישט דערגאַנגען און מיר קענען נישט פעסטשטעלן דעם אמת. אין דעם בריוו שרייבט זיין מחבר: „איך טייל אים מיט — איבערגעזעצט פון דעם העברעישן טעקסט — אז כ׳בין זיך משתדל צו באַקומען די דאָקומענטן און זכרונות וועגן אונדזער שטאָט. ס׳געפינט זיך דאָ א קריסטלעכער באַאַמטער, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט פאָרשן די געשיכטע פון אונדזער שטאָט און ער האָט געזאָגט, אז דער ייד אברהם הארץ (הערץ? — מ. ע.) האָט באַקומען די דערלויבעניש פון קעניג יאַגעללאָ, מיט 400 יאָר צוריק, צו באַהעפטן די דערפער סטאָלפּנע און מעזריטש און צו בויען א שטאָט פאר יידן. ער האָט דאָקומענטן, סיי אין כתב־יד און סיי אין דרוק״.

אזוי האָט געשריבן ר׳ יעקב שפּיראָ, צו וועמען דובנאָוו און א צאָל גרויסע יידישע געלערנטע פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד, האָבן ארויסגעוויזן זייער גרויסן דרך־ארץ. דובנאָוו אליין איז געשטאַנען מיט אים אין בריוולעכן קאָנטאַקט און האָט אים געצאָלט געלט פאר זיינע אינפאָרמאַציעס און דאָקומענטן. און עס קען גאַנץ מעגלעך זיין, אז ער האָט אים געשיקט אן אָפּשריפט פון די דאָקומענטן.

ווי געזאָגט, צווייפלען מיר, אויב שפּירא האָט געזען אָדער געהערט וועגן דעם דאָקומענט, וואָס דערציילט וועגן דער מתנה, וואָס דער קעניג יאַגעללאָ האָט געגעבן צו אַבראַהאַם כאַמיעץ אין יאָר 1390. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן מיר פאר זיך, איןביידע פאַלן, אן אויטענטישן נאָמען, כאָטש ס׳איז נישט אינגאַנצן זיכער, אז דער נאָמען אַבראַהאַם מוז זיך דווקא באַציען צו א יידן; וואָרום ס׳זיינען אויך געווען פּאָלאַקן וועלכע האָבן זיך גערופן מיט ביבלישע נעמען. דאָך האָבן מיר א גרונט צו מאַכן דעם אויספיר: איז דען די ענלעכקייט פון ביידע מקורים, נישט קיין פּאָזיטיווער באַווייז? מיר ווייסן דאָך, אז ביז צום העלפט פון 17טן י. ה. (ווי מיר האָבן שוין וועגן דעם געשריבן אין דעם אריינפיר), פלעגן יידן אויך האַלטן קעניגלעכע גיטער און דערפער אין ארענדע. פאַרוואָס־זשע זאָל עס זיין אוממעגלעך צו אָננעמען, אז דער „אבראַהאַם כעמיעץ״ איז טאַקע דער ייד אברהם, וועגן וועמען דער נישט־יידישער באַאַמטער האָט דערציילט שפּיראָן? אודאי, איז דער פאַמיליען־נאָמען כאַמיעץ נישט יידיש; אָבער, אפשר איז עס פאַרגרייזט פון חיים? דער בלינדער גלח פון דער מעזריטשער פּאַראַפיע (איינער פון דער פּאָטאָצקי־משפחה), פלעגט נישט איינמאָל דערציילן, אז אין דעם אייזערנעם קעסטעלע וואָס געפינט זיך אין דער קירכע, ליגט פאַרשלאָסן אן אַלטער דאָקומענט, ווו עס

עס ווערט דערציילט וועגן די ערשטע אכט יידן וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט, איידער מעזריטש איז געוואָרן א שטאָט. ווער זיי זיינען געווען און פון וועלכן יאָר דער דאָקומענט האָט געשטאמט — האָט ער קיינמאָל נישט געזאָגט; אָבער, אז דאָס איז א גאָר אלטער דאָקומענט — דאָס האָט ער פיל מאָל באשטעטיקט. האָט עס נישט אמאָל א שייכות, צו דעם סאמע בראשית פון מעזריטש וואָס האָט זיך געזאָלט אָנהויבן — לויט שפּיראָס אינפאָרמאַציע — אין 1390?

אויב אפילו מיר האָבן נישט קיין בפירושע באווייזן — צוליב דעם חיסרון פון די דאָקומענטן, — האָבן מיר פונדעסטוועגן א גוטן גרונט צו גלויבן, אז דער מעזריטשער ישוב מוז זיין א גאָר אלטער, אפשר נישט פיל יינגער פון דער אויבנדערמאָנטער דאטע.

לאָמיר זען: אין יאָר 1390 באקומט א. כאמיעץ במתנה די צוויי גיטער, אָדער דערפער, סטאָלפּנע און מעזריטש. פון דעמאָלט אָן זיינען דיביידע דערפער שכנים; ווי עס דריקט זיך אויס דער רעדאקטאָר אין דער אויבנדערמאָנטער „סטאראָזשיטנאָ פּאָלסקאָ", אין פּויליש: „יאַק בליזשניענטא", — ווי א צווילינג. און דאָך איז זייער גורל אזוי אנדערש. בעת מעזריטש אנטוויקלט זיך און שוין אין 15טן י"ה, באקומט זי מאגדעבורישע רעכט און ווערט אזוי ארום א שטאָט מיט אן אייגענער פארוואלטונג — וואָרום אלס א שטאָט, איז זי אין יאָר 1477, דאָס אייגנטום פון דעם בריסקער סטאראָסטע יאַן נאָסוטאָוויטש — ביז זי וואקסט אויס, צו ווערן די גרעסטע שטאָט אין פּאָדליאשע, אין 1775, מיט אן אקאדעמיע, געגרינדעט אין דער ערשטער העלפט פון 17טן י"ה און אין א רייכע פּראבאָסטווע, וואָס האָט א יערלעכע הכנסה פון 60.000 זלאָטים א. א. וו. דאקעגן, בלייבט סטאָלפּנע א קליין דערפל, וואָס טוליעט זיך כסדר צו מעזריטש אָן לעבט אין איר זכות. ווי קומט עס, וואָס זייערביידנס גורל איז געווען אזוי אנדערש? די געאָגראפישע לאגע איז געווען פּונקט אזוי גינסטיק פאר סטאָלפּנע ווי פאר מעזריטש און די בעלי־בתים זייערע — אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן אבראהאם כאמיעץ און די אנדערע וואָס זיינען געקומען נאָך אים, ווי נאסוטאָוויטש, די ווישינסקיס, טענשטשינסקיס, זאַבאַרסקיס, אַפּאַלינסקיס, טשאַרטאָריסקיס א. א. — זיי אלע זיינען געווען בעלי־בתים איבער סטאָלפּנע ווי איבער מעזריטש. טאָ אין וואָסזשע שטעקט די סיבה, וואָס איין דאָרף האָט זיך אנטוויקלט צו א שטאָט און דאָס צווייטע איז געבליבן א דאָרף?

אָט די דאָזיקע פראגע, צווינגט אונדז צו א ווייטגייענדע, אָבער מעגלעכע השערה, אז די פּריצים האָבן פאר א לאנגע צייט אויסגעשלאָסן סטאָלפּנע פון דער יידישער פּריווילעגיע. אין אנדערע ווערטער: זיי האָבן דערלויבט די יידן זיך צענעמען זייערע הענט אין מעזריטש, אָבער נישט אין סטאָלפּנע. דער דאָזיקער שטח פון די פּריצישע מאַיאָנטקעס, איז געווען רעזערווירט פאר

נישט־יידן. דער פּריץ האָט, משמעות, נישט געוואָלט האָבן די יידן אין שכנות פון זיין שלאָס, גערטנער און פּאַרקן.

א גרינטלעכער עקזאמען פון דער געאָגראַפישער לאַגע פון מעזריטש און איר סביבה זאָגט אונדז אונטער, אז אונדזער השערה איז א ריכטיקע. ווי שוין געזאָגט פריער, ליגט דער דאָזיקער שטח צווישן די טייכן טלוסק און גרויסן קרזשנאָ. מעזריטש איז געווען איבערגעשניטן פון דעם קרזשנאָ; אפילו ביז די לעצטע צייטן, איז אפשר מער פון ניין צענטל פון דער שטאָט, געווען אויפן לינקן ברעג טייך, בעת סטאָלפּנע און דער פּריצישער הויף און זיין סביבה, וואָס מען האָט גערופן פון תמיד אָן פּאָלוואַרק — ליגן אויפן רעכטן ברעג טייך. מיר זעען, בכן, אז די שטאָט האָט זיך אויסגעבויט אויפן לינקן ברעג טייך; דאַקעגן, איז דער רעכטער ברעג טייך געבליבן באַזעצט פון גוים. ערשט א סך שפּעטער, האָט זיך דער יידישער ישוב אויסגעשפּרייט אויך אויפן רעכטן ברעג, נישט אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ ווי אויפן לינקן ברעג טייך, און אפילו דעמאָלט, איז סטאָלפּנע געבליבן כמעט יידן־ריין, אפילו ווען זי איז שוין גע־וואָרן א דאָרפישע פּאַרגאַס (זי איז געבליבן א זעלבסטשטענדיקע דאָרפישע גמינע ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה).

עס איז נישט געווען קיין שום ספּעציעלע סיבה, צוליב וואָס דער ישוב פון די יידן און די שטאָט, זאָל זיך דווקא בויען אויפן לינקן ברעג טייך און נישט אויפן רעכטן ברעג; סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אז דער שטח אויפן לינקן ברעג טייך איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאר יידן און דער רעכטער ברעג, איז גע־בליבן רעזערווירט פאר נישט־יידן. דאָס גיט אונדז אויך דעם שליסל צו דעם רעטעניש, פאַרוואָס שוין אין 1477, ווערט מעזריטש אָנערקענט אלס שטאָט און דער אייגנטימער, סטאַראָסטע נאָסוטאָוויטש, קען זיך פאַרגינען דעם לוק־סוס אויסצובויען א קאָלאָסאַלע קירכע, אויפן אָרט פון דער אלטער און מיט אזא גרויסער הכנסה פון 60.000 זלאָטים. דאָס איז דערפאַר, ווייל שוין דע־מאָלט איז מעזריטש געווען באַוווינט פון יידן, וועלכע האָבן רייך־געמאַכט די שטאָט און די פּריצים, מיט זייער האנדל און ירידים.

אויב די דאָזיקע השערה איז א ריכטיקע — איז אָנצונעמען, אז די מעז־ריטשער קהילה האָט שוין עקזיסטירט אין דער ערשטער העלפט פון 15טן י״ה, אויב נישט נאָך פריער — טאקע שוין פון 1390; אויב דאָס איז אזוי, האָבן מעזריטשער יידן מיטגעמאַכט דעם גירוש פון די יידן פון ליטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1496; זיי האָבן דעמאָלט, אין דעם גירוש, פאַרלוירן זייער האָב און גוטס. ארום אכט יאָר שפּעטער, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייערע היימען און פּונקט ווי די רעשט ליטווישע יידן, האָבן אויך מעז־ריטשער יידן זיך צוריקגעקערט און, מן הסתם, אויך צוריק אָפּגענומען זייערע פאַרמעגנס אינגאַנצן אָדער טיילווייז.

דער דאָזיקער „ליבעראַליזם" מצד דעם קעניג (אגב, דער גירוש איז חל

געוועזן בלויז אויף די ליטווישע יידן, כאָטש דער זעלבער קעניג האָט געטראָגן אויך די פוילישע קרוין), איז געווען מחמת א פשוטן חשבון: ער האָט זיך ארומגעקוקט, אז די נישט אָפּגעגעבענע חובות, וואָס ער איז געקומען די יידן און דאָס צוגערויבטע האָב און גוטס, האָבן נישט קאָמפּענסירט דעם שאָדן, וואָס ליטע האָט געליטן פון דעם גירוש; וואָרום, עס האָט געמיינט, אז די קאסע האָט נישט אריינבאקומען דעם קאָפּ־שטייער („פּאָגלאָוווני") און א צאָל אנדערע שטייערן און דער האנדל איז געווען טויט. עס האָט זיך אים געלוינט צוריק אריינצולאָזן די יידן, נישט געקוקט אויף די אנטיסעמיטישע אינטריגעס פון די קאטוילישע הויף־גלחים.

דער עלטסטער און פּאָזיטיווסטער מקור, איז אָן שום ספק דער עלילת־דם, וואָס מען האָט געמאַכט אויף די יידן אין דעם דאָרף שווינאַראַוואַ, אין 1590; איינער פון די עדות פון דער באשולדיקונג, דערמאָנט די יידן פון מעזריטש (זע ווייטערדיקן קאפּיטל „עלילת־דם"), וואָס באווייזט, אז מעזריטש האָט שוין דאן געהאט א יידישן ישוב (5).

פון נישט־יידישע מקורים, וואָס זיינען צו אונדז דערגאנגען און פון וועלכע עס איז צו דרינגען, אז עס איז שוין געווען א באדייטנדיקער יידישער ישוב אין מעזריטש, דערוויסן מיר זיך, אז „דער ייד משה בן אברהם פון מעזריטש" האָט געפירט „געזאלצענע פיש" פון כעלם — דאָס אָנגעגעבענע יאָר איז 1583 — (אויסצוגן פון דעם בריסקער צאָל־אמט — „רעגיסטי אי נאָדפּיסי", פּאראגראף 642).

אויך די אקטן פון דעם מעזריטשער שלאָס פון 30סטן מערץ 1596, ווערט דערמאָנט דער יידישער ארענדאר ESYA — ישי? (דאָרט, פּאראגראף 1705).

נאָך אן אינטערעסאנטער פאל, דאטירט דער 14טער נאָוועמבער (סטיטשען) 1605 (דאָרט: פּאראגראף 1287), וואָס רעדט ווידער אמאָל וועגן מעזריטשער און אנדערע יידן און באווייזט, אגב, אז אין די ארומיקע דערפער האָבן געוווינט יידן — דערציילט זיך וועגן איינעם א געוויסן יאַזעף רימאשעווסקי, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם שטאָטישן־געריכט אין בריסק, אונטער דעם חשד פון באגיין א גנבה.

רימאשעווסקי דערקלערט פאר די אויספאָרשער, אז ער, צוזאמען מיט זיין שותפטע האָבן פארקויפט פון די געגנבעטע זאכן צו פּאָלגנדע יידן: צום ארענדאר פון דעם דאָרף דאלינע, וואָס געהערט צו מעזריטש, גרינעם שטאָף פאר 15 זלאָטים; דעם ייד גרשון פון ביאלע, 25 שטיקער זילבער פאר 60 זלאָטים; 4 גרויסע שטיקער זילבער פאר 13,50 זלאָטים, 2 גרויסע שטיקער זילבער פאר א האלבן טאלער; איין שטיק האָט ער אים אוועקגעשענקט און דריי געשטריקטע (מיט גאָלד אָדער זילבער?) שטיקער שטאָף האָט ער אים געגעבן אויף פּיקדון; דער יידישער אלמנה חנה פון מעזריטש האָט ער פארקויפט א גרויסן טייל פון דעם זילבער פאר 13 זלאָטים, א גרויסן שטיק זיל־

בער פאר 7 זלאָטים, 3 שטיקער שטאָף פאר איין זלאָטע מיט 7 גראָשן און 10 גרויסע שטיקלעך זילבער פאר 10 זלאָטים. אין דער קלאגע ווערט געזאָגט, אז מ׳דארף אָפּנעמען די אויבנדערמאָנטע זאכן פון די קונים.

א גאָר טשיקאווער פאל ווערט איבערגעגעבן וועגן מעזריטשער יידן, וועלכעס באווייזט, אָן ספק, אז יידן האָבן אין יענער צייט באהערשט מעזריטש און זיינען ווירקלעך געווען אירע באלעבאטים.

דאָס יאָר פון דער דאָזיקער אויסטערלישער געשעעניש איז 1661 און די קלאגע קעגן די יידן איז פון ערשטן פעברואר (לוטי) 1663 (דאָרט: פאראגראף 994).

אָט וואָס ס׳ווערט דאָרט דערציילט: „אין ערשטן פעברואר 1663 האָבן די שובינסקים דערלאנגט פאָלגענדע אָנקלאגע: אין 16טן נאָוועמבער (סטיטשען) 1661 האָבן די מעזריטשער יידן וואָלף, מאָנין (מאָניש?), זאוול, קאזועל(?), אגארילי(?), זעליק, שמואל און אנדערע, וועמענס נעמען די אויבנדערמאָנטע ווייסן בעסער, געכאפּט אין דאָרף קאריץ(?) צוויי איינוווינער פון דעם דאָרף, מארין כוויעדקא און ראָמאַן און האָבן זיי געבונדן און געבראכט קיין מעזריטש און זיי איינגעזעצט אין דער דאָרטיקער יידישער תפיסה, ווו מען האָט זיי געפּייניקט מיט כלערליי עינויים (ווי שמייסן מיט רימענעס, שטעכן מיט אן אָל, גיסן עסיק אין נאָז אריין א. אז. וו.). נאָכדעם האָט מען איינעם באַפרייט. איבער ראָמאַנען האָבן זיי (די יידן — מ. ע.) דורכגעפירט א פּריוואט געריכט און זיי האָבן אים צעהאקט אויף פיר שטיקער. דעריבער ווערט פארלאנגט צו נעמען די אָנקלאגע צו קענטעניש".

די עלטסטע יידישע מקורים, שטאמען פון דעם 17טן י"ה. אין פּנקס הקהילות הראשיות דמדינת ליטא, וואָס פּראָפעסאָר דובנאָוו האָט ארויסגעגעבן (בערלין 1928; אויך געדרוקט אין „המשכים", אין „יעווריעיסקאַיא סטאַרינאַ", וואָס איז דערשינען אין פּעטערבורג, אונטער דער רעדאקציע פון פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו), געפינען מיר מעזריטש, דערמאָנט גאנצע דריי מאָל. דער דאָזיקער פּנקס, וועלכער עפנט זיך אין יאָר ה׳שפ"ג (1623) — אין דעם יאָר ווען ליטע רייסט זיך אָפּ פון דעם פאראייניקטן ועד און גרינדעט א זעלבסטשטענדיקן ועד פאר די ליטווישע יידן — הויבט זיך אָן, מיט פעסטשטעלן די תקנות, וואָס זיינען חל אויף די קהילות וועלכע געהערן צום ועד און אויף זייערע סביבות. אויף דער דאָזיקער גרינדונגס־פארזאמלונג געפינען מיר בלויז די קהילות פון בריסק (דעמאָלט די גרעסטע), הוראָדנאָ (גראָדנע) און פּינסק. שפּעטער קומען אויך צו די קהילות פון ווילנע און סלוצק. און אין פאראגראף פ"ט (89), ווערן פעסטגעשטעלט די סביבות, איבער וועלכע יעדע איינע פון די דריי הויפּט־קהילות האָט צו זאָגן און דאָרט, געפינען מיר אָט וואָס: „דאָס זיינען די גרענעצן און סביבות פון בריסק, מעזריטש, וואָרין (וואָהין), יאַנאָווי, ראשס (ראשאשא), לאָמז (לאמאז), בילאַ

(ביאַלאַ), בעשטשץ (פּישטשאַטץ), וולאָודי (וולאָדאַווי), סלאַוויטץ (סלאַוואַ־טיטש), קרנה (קאָדני)..."

די אויבנדערמאָנטע כראָניק איז אַ באַווייז, אַז אין מעזריטש איז שוין אין יענער צייט געווען אַ יידישער ישוב, וועלכער איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם קהל פון בריסק.

אויך פון פאַרשידענע שאלות ותשובות פון יענער צייט, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען דורך די ספרים פון באַרימטע מחברים, — ווייסן מיר פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער קהילה אין מעזריטש, אין יענער צייט; און, היות, מעזריטש איז שוין דעמאָלט געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע קהילה מיט גרויסע רבנים, איז אַ באַווייז, אַז די מעזריטשער קהילה איז געווען אַן אַלטע, לכל הפחות, זאָל זי האָבן עקזיסטירט פון דעם אָנהויב 16טן י"ה.

צו די עלטסטע מקורים פון דער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור, געהערט דאָס באַרימטע ספר שו"ת מהר"ם לובלין (ווינעציא, שע"ט — 1619), פון דעם באַרימטן לובלינער רב, ר' מאיר (נפטר געוואָרן אין יאָר שע"ו — 1616). אין סימן נ"ב, קי"ג און קי"ד — ענטפערט ער דעם מעזריטשער רב, ר' צבי הירשן, וועלכער האָט געשטאַמט פון ווילנע. מיט דעם זעלבן ר' צבי הירש, שרייבט זיך אויך דורך דער נישט ווייניקער באַרימטער רב, ר' יהושע ולק (וואָלק אָדער פאָלק), מחבר פון דעם ספר שאלות ותשובות „פני יהושע" (אמסטרדם, תע"ה — 1715). ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר ת"ח, פון גרויס עגמת־נפש פון די שחיטות וואָס כמיעלניצקי מיט זיינע באַנדעס האָבן דע־מאָלט געמאַכט אויף די יידן.

פון די תשובות און פון די כיבודים וואָס דער מהר"ם באַנוצט אין זיינע ענטפערס צו רב צבי הירשן, איז צו דרינגען, אַז מעזריטש האָט שוין דעמאָלט געמוזט זיין אַ גאַנץ באַדייטנדע און באַקאַנטע קהילה; וואָרום, עס איז אָנצו־נעמען, אַז אַזאַ רבנישע פּערזענלעכקייט ווי ר' צבי הירש איז געווען, האָט געקענט באַקומען אַ גרויסע רבנות. עס איז אויך אינטערעסאַנט דערביי צו באַמערקן, אַז אין זיין ערשטער תשובה (סימן נ"ב), רופט ער אים בלויז ר"מ (ריש מתיבתא — ראש הישיבה), בעת אין דער צווייטער תשובה רופט ער אים אויך אב"ד (אב בית דין — רב).

איז עס בלויז אַ צופאַל וואָס ער רופט אים בלויז ר"מ און נישט אב"ד, אָדער טאַקע אַ פאַקט? נאַטירלעך, איז שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע. עס קען זיין, אַז דאָס וואָס ער רופט אים בלויז ריש מתיבתא, איז נישט מער ווי אַ צופאַל, און ר' צבי הירש איז אין דער ווירקלעכקייט אויך געווען רב. אָבער, עס שליסט נישט אויס די מעגלעכקייט, אַז ר' צבי הירש איז צוערשט אָנגעקומען אַלס ראש ישיבה און ווען די רבנות־שטעלע איז געוואָרן פריי, ענטוועדער דורך דעם טויט פון דעם רב, אָדער צוליב אָננעמען פון זיין פאָר־גענגער אַ שטעלע ערגעץ אַנדערש, האָט אים די קהילה אָנגעבאָטן דאָס רבנות

און ער איז געוואָרן מעזריטשער רב. אויב דאָס זאָל טאַקע אַזוי זיין, וואָלט עס געווען נאָך אַ שלאַגנדער באַווייז, אַז די מעזריטשער קהילה איז שוין דע־מאָלט געווען אַ גוט איינגעפונדעוועטע און אויך אַ רייכע; וואָרום, נישט יעדע קהילה האָט זיך געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס צו האַלטן אַ ישיבה מיט אַ ספּעציעלן ראש הישיבה.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, האָט אויך דער באַרימטער קראָקאָ־ווער רב, מחבר פון ספר שו"ת „פּני יהושע", זיך איבערגעשריבן מיט ר' צבי הירשן. די דאָזיקע תשובות געפינען מיר אין חלק יורה דעה, סימן ב' און י"ג און אין חלק אבן העזר, סימן ע"ב. אין אַ תשובה וואָס דער פּני יהושע שיקט צו אַ צווייטן רב (סימן כ"ב), פאַררופט ער זיך אויף אַ תשובה, וואָס ער האָט געשריבן „להחכם התורני מחו' (מחותני)... מו"ה צבי סג"ל אבד"ק מעזריטש *).

די תשובות פון דעם פּני יהושע, זיינען זייער אינטערעסאַנטע צוליב די גרויסע כיבודים און גוואַלדיקן דרך ארץ, מיט וועלכער ער ווענדעט זיך צו דעם מעזריטשער רב. און ער גרויסט זיך דאָרט מיט זייער מחותנימשאַפט. דאָס אַלץ זאָגט עדות אויף דער גרויסקייט פון דעם מעזריטשער רב און אומדיי־רעקט, אויף דער וויכטיקייט פון מעזריטשער רבנות. די התפעלות פון דעם פּני יהושע איז אָבער נישט קיין ווּנדער; וואָרום, דער מהר"ם לובלין, האָט נאָך, פאַר דעם פּני יהושע געשריבן צום מעזריטשער רב, וועלכער איז דעמאָלט געווען — ווי עס ווייזט אויס פון די תשובות — נאָך אַ יונגערמאַן, מיט ליבע און ליב וואָס ווערט געוויינלעך אַרויסגעוויזן צו אמתע גדולים. אַזוי, למשל, אין זיין תשובה (סימן קי"ג), שרייבט ער אויף אים: „מכוון להלכה ויורד לעומקה כגדולי המורים" — ער איז מכוון צום דין און דערגרונטעוועט זיך צו זיינע טיפקייטן, ווי די גרויסע מורים (פּוסקים). און נאָכמער — צווישן די פיל טיטלען, וואָס ער הויפּט אָן אויף אים, רופט ער אים צווישן אַנדערע ר"ג. די ראשי־תיבות קענען נישט זיין ראש גליל, ווייל מעזריטש איז דע־מאָלט זיכער נישט געווען קיין גליל; דעריבער מוז עס מאכן ראש גולה — דער עלטסטער פון גלות, וואָס ווערט אָפט גענוצט צו באַצייכענען אַ גרויסן גאון.

אויך דער נישט ווייניקער באַקאַנטער רב אין יענער צייט, ר' מאיר הכהן אשכנזי (אינטימער חבר פון דעם פּני יהושע, און ווי ער, אויך אַ געבוירענער אין ווילנע און פאָטער פון דעם באַרימטן רב שבתי כהן, דער ש"ך) — האָט געפירט אַ שאלות־ותשובות אויסטויש מיט דעם רב צבי הירש. אין זיין ספר „גבורת אנשים", סימן ה' (דעסוֹא תנ"ז — 1707), געפינען מיר ר' מאירס

*) הר"י לעווענשטיין, „הפּלס שנת שניה" ז. 622-684, דאָרט שנה שלישית. ש. בובער, „אנשי שם" — הרב חיים, זון פון בעל פּני יהושע, רב אין קאָלאָמיי, נאָכדעם ראש־ישיבה אין לעמבערג; ער איז געווען אַן איידעם פון דעם מעזריטשער רב, ר' צבי הירש.

תשובה צום מעזריטשער רב, און, אינטערעסאנט, אויך ער רופט אים „מחותני". די דאָזיקע תשובה איז געשריבן אין יאָר שצ"ו (1634). משמעות אז דער פּני יהושע, ר' מאיר און ר' צבי הירש, זיינען געווען חברים נאָך אין ווילנע, פונוואנען זיי דריי האָבן געשטאמט.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם א ביסל אויספירלעכער, דערפאר, ווייל לויט די רבנים, קענען מיר טיילמאָל וויסן די חשיבות פון דער קהילה. עס איז קלאָר, אז בלויז א וויכטיקע קהילה האָט געקענט אויפנעמען אזא גרויסן רב, ווי עס איז געווען דער רב צבי הירש ווילנער.

פון וואנען ווייסן מיר אָבער, אז דאָס איז די מעזריטש וואָס געפינט זיך אין דעם טייל וואָס הייסט פּאָדליאַשע אָדער ליטע? — ווייל דער נאָמען אליין איז נאָך נישט קיין באווייז; וואָרום, עס זיינען געווען נאָך דריי מעזריטשן אין פּוילן; היינו, מעזריטש נעבן קאָרעץ, מעזריטש נעבן אָסטראָ (ביידע אין וואָלין) און מעזריטש נעבן פּויזן. מיר האָבן עס אָבער פעסטגעשטעלט, דורך פאַרגלייכן די נעמען פון די רבנים, וועלכע זיינען געווען אין יענער צייט אין די אויסגערעכנטע מעזריטשן; ס'איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אז די מעזריטש וואָס ווערט דערמאָנט אין די אויבנדערמאָנטע שאלות ותשובות, איז די מעזריטש וואָס געפינט זיך אין דער טעריטאָריע פון פּאָדליאַשע.

א צווייטער באווייז, איז אפשר פון דעם פאָלגענדן שטעל וואָס מיר געפינען אין דעם בארימטן ספר שו"ת פּנים מאירות (לבוב, תנ"א) פון ר' מאיר אייזנשטאָט (ער איז נפטר געוואָרן ארום תס"ז — 1707), אין דער מערינשער שטאָט אייזנשטאָט, פון וואנען ער האָט באקומען דעם צונאָמען. ער איז צוערשט געווען רב אין שידלאָווצי און אין אנדערע שטעט אין פּוילן (פון וואנען ער האָט געשטאמט). אין דעם אויבנדערמאָנטן ספר, חלק א', סימן נ"א, לייענען מיר: „ונשאתי ונתתי עם החתן דודתי החכם השלם ראש ב"ד מק"ק מעזריטש דליטא והודאתי לדבריו — איך האָב דיסקוטירט מיט מיין מומעס איידעם... דער ראש בית דין פון מעזריטש דליטא און האָב מודה געווען צו זיינע רייד..."

אונדז שיינט, אז די דאָזיקע מעזריטשער מומע פון דעם בעל פּנים מאירות איז נישט קיין אנדערע, ווי די שנור פון דעם אויבנדערמאָנטן מעזריטשער רב, ר' צבי הירש און די טאָכטער פון דעם אמסטיבאָווער רב, ר' מאיר הכהן אשכנזי, וועלכער, ווי באקאנט, יחוסט זיך מיט דעם מעזריטשער רב און רופט אים מחותן. מיר ווייסן, אז ר' מאיר אייזנשטאָט איז געווען אן אייניקל פון דעם רב מאיר הכהן אשכנזי; דאָס זאָגט ער אליין עדות אין זיין ספר פּנים מאירות, סימן כ"ב; ער שרייבט דאָרט אזוי: „אחר זה בא לידי ספר גבורת אנשים וכתובים בסופו שו"ת מאבי אמי רבתי ה"ה גאון מוהר"ר מאיר ז"ל אביו של הש"ך — נאָכדעם איז געקומען אין מיינע הענט אריין דער ספר גבורת אנשים און אין סוף פון דעם ספר זיינען פאראן שאלות־ותשובות פון

מיין מוטערס גרויסן פֿאָטער ה"ה... ר' מאיר ז"ל..." *). זאָל דאָס נישט זיך באַציען אויף דער מחותנימשאַפֿט? עס איז גאָר נישט פֿאַראַן קיין ספֿק, אַז דער ר' צבי הירש ווילנער, איז געווען רב אין מעזריטש דליטא.

צו דער זעלבער צייט, געהערט אויך די רשימה, וועלכע מיר געפֿינען אין א פּוילישן מקור, וועגן א חוב, וואָס די מעזריטשער שיל איז געווען שולדיק דער אקאדעמיע אין ביאַלע (נעבן מעזריטש). צווישן אַנדערע פּאָזיציעס, אין דעם בודזשעט פֿון דער אקאַדעמיע, ווערט געזאָגט: „פֿון מעזריטש, פֿון דער שיל, פֿון דעם קאַפּיטאַל 5.513 פּוילישע זלאָטים צו 7 (פּראָצענט — מ. ע.) פֿון 100: 385,27". די דאָזיקע רשימה איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר ת"א (1641). דער דאָזיקער גרויסער חוב פֿון פֿינף מיט א האַלבן טויזנט זלאָטיס, באַווייזט, אַז אין יענער צייט האָט די מעזריטשער קהילה אודאי שוין באַדאַרפֿט ציילן איבער 100 משפּחות און אפֿשר פֿיל מער.

*) ישראל טוביה אייזנשטאַט, דעת קדושים, ז. 187, פּעטערבורג תרנ"ז-תרנ"ח, דערקלערט אַז ר' מאיר כ"ץ אשכנזי, האָט געהאַט איין טאָכטער. דאָס שטימט אָבער נישט מיט דער ריכטיקייט, ווייל ווען ס'זאָל זיין אַזוי, וואָלט דאָך נישט מעגלעך געווען, אַז ר' מאיר כ"ץ און ר' צבי הירש זאָלן זיין מחותנים; בעת ר' מאיר, אין זיין תשובה, רופֿט אים בפֿירוש מחותן. ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז ר' מאיר האָט געהאַט מער פֿון איין טאָכטער.

די באַציאונגען צווישן מעזריטש מיט אנדערע קהילות

אינערהאַלב דער אויטאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע יידן, איז פאַרגעקומען א שטענדיקער גערא׳נגל. עס האָבן געקעמפט צווישן זיך די הויפּט־קהילות איבער דער אויבערהערשאַפט. אין ועד ארבע ארצות, איז אין צענטער פון דעם דאָזיקן גראַנגל געשטאַנען לובלין; ביז וואַנען די זיצונגען פון דעם ועד זיינען סוף כל סוף אַרויסגענומען געוואָרן פון לובלין און פון איר דיספּראָפּאָרציאָנעלער השפּעה. אין ועד ליטא, איז אין צענטער פון דעם געראַנגל געשטאַנען בריסק דליטא; זי האָט געוואָלט אָנהאַלטן די אויבער־הערשאַפט איבער די אנדערע קהילות, וועלכע זיינען געוואַקסן אין השפּעה און אין יידישער באַפעלקערונג. עס האָבן געקעמפט צווישן זיך די ביידע ועדים, וועגן דער השפּעה איבער געוויסע געגנטן און עס האָבן געקעמפט די ועדי־הגלילות; בעסער געזאָגט, די שטעט ווו דער ועד־הגליל איז געזעסן, קעגן די שטעט, וועלכע האָבן רעוואָלטירט קעגן זייער אויבערהערשאַפט און עס האָבן אויך געקעמפט די קליינע קהילות, וועלכע זיינען געווען אונטער־געוואָרפן די גרעסערע קהילות און די סביבות קעגן די קהילות.

די דאָזיקע קאַמפן האָבן אודאי געהאַט אויך דעם עגאָאיסטישן מאָמענט פון פּרעסטיזש; אָבער נאָכמער ווי פּרעסטיזש, האָבן געשפּילט א ראָל אין דעם געראַנגל, ריין עקאָנאָמישע מאָטיוון.

ווי געזאָגט, איז דער הויפּט־מאָטיוו פון דער אויטאָנאָמיע, תמיד געווען דער יידישער שטייער; ארום אָט דעם שטייער און די אַלע אנדערע שטייערן, צאָלונגען און „פּריוויליקע" מתנות, וואָס די יידן האָבן געמוזט מאַכן, האָט זיך פון תמיד־אָן געפירט א העפטיקער קאַמף. יעדע גרויסע שטאָט האָט גע־וואָלט צאָלן וואָס־ווייניקער; אויסדינגען פאַר זיך קאָנצעסיעס. אזוי איז עס געווען בשייכות די ועדי־הגלילות און די קרייז־שטעט, פון זייער זייט, האָבן געוואָלט האָבן וואָס מער טעריטאָריע, וואָס מער שטעט און ישובים, פון וואַ־נען צו נעמען שטייערן און זיך אליין פאַרגרינגערן דערמיט דעם יאָך; אזוי איז עס געגאַנגען ביז אַראָפּ. אודאי זיינען אויך געשטנען אין קאָן, פּערזענ־

לעכע אמביציעס פון יחידים און פערזענלעכע פּראָפּיטן, וואָס מען האָט גע־מאכט א דאנק דאָס שטיין אין שפּיץ פון ועד א. אז. וו.

א חוץ דעם, איז געליגן נאָך א זייער וויכטיקער מאָטיוו אין אָט דעם קאמף, — א מאָטיוו וואָס חזרט זיך איבער אומעטום און ביי אלע פעלקער און אין אלע צייטן — דער כמעט אייביקער קאמף צווישן דער צענטראליזאַ־ציע און דעצענטראליזאציע. דער ועד ארבע ארצות און דער ועד ליטא האָבן געוואָלט אויסאיבן א וואָס גרעסערע השפעה איבער די ווייט־צעשפּרייטע ישובים; דאָס האָט געקענט געשען נאָר דעמאָלט, ווען די מאכט איז קאָנ־צענטרירט אין די הענט פון יחידים. דאָס האָט, נאטירלעך, געמוזט פירן צו דעם, אז דער ועד זאָל קוקן קרום אויף די טענדענצן פון די קהילות, צו ווערן וואָס מער אָפּהענגיק, ווייל ס'האָט געדראָט א סכנה, אז די גרויסע קרייזן (גלילות) זאָלן זיך אויפלייזן און צעשפּאלטן זיך אין עטלעכע קרייזן, און מיט דער אומפארמיידלעכער קאָנסעקווענץ פון נאָך און נאָך רעפּרעזענטאנטן אין דעם צענטראלן ועד און די אומגעווינטשטע חילוקי־דעות און סיכסוכים. נאָר מיט דעם, קענען מיר פארשטיין געוויסע סיכסוכים, וואָס האָבן געפונען זייער אָפּקלאנג ביים ועד ארבע ארצות און אין ועד ליטא און זייערע רעזולטאטן. אין אָט דעם דאָזיקן געראנגל, האָט אויך אָנטיילגענומען די שטאָט מעזריטש און דעם דאָזיקן געראנגל, איז געווידמעט דאָס איצטיקע קאפּיטל.

ווי געזאָגט, דערשיינט מעזריטש אלס יידישער ישוב אונטערגעוואָרפן דער קהילה בריסק, אין יאָר ה'שפּ"ג (1623). אלס איינע פון די בריסקער סביבות, איז מעזריטש געווען א טייל פון דעם ועד ליטא. ווי לאנג איז מעזי־ריטש געווען אָפּהענגיק פון בריסק? צי איז זי בכלל געווען שטענדיק אָפּהענגיק פון בריסק, אַזוי לאנג ווי מעזריטש איז געווען א טייל פון דעם ליטווישן ועד? דאָס ווייסן מיר נישט; עס האָט זיך נישט אויפגעהאלטן קיין שום רשימה, וועלכע זאָל אונדז געבן וועגן דעם א גענוגנדיקע אינפאָרמאציע. אלץ וואָס מיר ווייסן, איז, אז מעזריטש איז געווען א טייל פון דעם ליטווישן ועד ביז ארום ת"מ; וואָרום, די מעזריטשער קהילה דערשיינט אין דעם פנקס פון מדינת ליטא נאָך צוויי מאָל. איינמאָל, אין יאָר ת"ל (1670); אין דעם פּראָטאָקאָל פון דעם ועד ליטא פון יענעם יאָר, ווערט גערעדט וועגן חשבונות און חובות פון דעם ועד ליטא און דאָרט ווערט צווישן אנדערעס געזאָגט: „אלע חשבונות פון אלע קהילות, גלילות און ישובים, זיינען געווען פאר אונדז, אחוץ דער חשבון פון גליל־מינסק וק"ק (קהילה קדושה) בירזש און דער חשבון מעזריטש, וואָס זיינען נישט געווען פאר אונדז" (6).

די צווייטע דאטע איז פון תל"ו (1676). דאָס איז א פּראָטאָקאָל פון אן אסיפה פון ועד ליטא, וועלכע איז פאָרגעקומען אויפן יריד סטאָלאָוויטש און דאָרט ווערט געזאָגט, אז דעם מעזריטשער רב קומט א חוב פון 200 זלאָ־טים (7). ווער דער רב איז געווען, אין יענער צייט אין מעזריטש און צוליב

וואָס עס קומט אים א חוב פון 200 גילדן, ווערט דאָרט נישט געזאָגט. מן הסתם, איז עס פאר נישט־דערצאָלטע שכירות, פאר וועלכע דער ועד האָט זיך געמאכט פאראנטוואָרטלעך. די דאָזיקע דאטע איז די לעצטע וועגן מעזריטש; אין אלע ווייטערע באריכטן פון פנקס מדינת ליטא, ווערט שוין מעזריטש מער נישט דערמאָנט. דאָס איז גאנץ פארשטענדלעך; ווייל, קורץ נאָכדעם, איז מעזריטש געוואָרן א טייל פון דעם ועד ארבע ארצות.

פארוואָס איז מעזריטש ארויסגעטראָטן פון ועד ליטא? וואָס האָט איר געצוווּנגען צו טוישן איין ועד אויפן צווייטן? מיר האָבן נישט דערויף קיין גאנץ גענויעם ענטפער. פראָפעסאָר מאיר באלאבאן, אין א זייער אינטערע־סאנטער ארבעט, וועלכע איז דערשינען אין „היסטאָריא רוסקיך יעוורעיעוו" (8), פרוּווט יאָ געבן דערויף אן ענטפער; אָבער אין אונדזער פאל, לאָזט אונדז זיין ענטפער איבער מיט א צאָל פראגעס, אויף וועלכע מיר האָבן נישט קיין תשובות.

לויט פראָפעסאָר באלאבאן, איז א לאנגע צייט אָנגעגאנגען א סיכסוך צווישן דעם ועד ארבע ארצות און ועד ליטא, איבער דעם גליל פאָדליאשע, וועמענס קרייז־שטאָט ס'איז געווען די שטאָט טיקטין. וואָס אייגנטלעך דער סיכסוך איז געווען, ווי אזוי ער איז אנשטאנען? דאָס זאָגט אונדז נישט פראָפעסאָר באלאבאן. אָבער די סיבה פון דעם סיכסוך, איז א פארשטענדלעכע. פאָדליאשע איז אורשפּרינגלעך געווען א טייל פון ליטע. אין יאָר 1570 איז פאָרגעקומען די אזוי־גערופענע „אוניא־פּאָדלאסקא"; פאָדליאשע איז געוואָרן אדמיניסטראטיוו א טייל פון פוילן. דעמאָלט איז נאטירלעך אנטשטאנען די פראגע, ווער וועט האָבן די ווייטערע דעה איבער דעם גליל־פּאָדליאשע — ועד ליטא, אָדער דער ועד ארבע ארצות? ועד ליטא האָט, נאטירלעך, ווייטער געוואָלט אָנהאלטן די שליטה איבער דעם גליל פּאָדליאשע און דער ועד ארבע ארצות פון זיין זייט, האָט געפאָדערט יוריספּרודענץ איבער פאָדליאשע, אין איינקלאנג מיט דער אויבנדערמאָנטער אוניע. נאָך לאנגע דינגענישן, איז פאָדליאשע אריבער צום ועד ארבע ארצות; אזוי, אז ווען עס איז פאָרגעקומען די באקאנטע שפּאלטונג צווישן די ליטווישע יידן און דעם איבעריקן טייל פון דעם פוילישן יידנטום און עס האָבן זיך געשאפן צוויי ועדים, איז פאָדליאשע אריבער צום ועד ארבע ארצות.

די דאָזיקע דערקלערונג פון פראָפעסאָר באלאבאן, בנוגע דעם אריבער־גאנג פון פאָדליאשע צום ועד ארבע ארצות, פארענטפערט די פראגע, וועגן די סיבות פון דער איבערשיכטונג פון פאָדליאשע. אָבער, פאר אונדז שטעלט זיך דאָן די זייער הארבע פראגע: אויב דאָס איז יאָ אזוי, טאָ ווי־זשע קומט עס, וואָס מעזריטש איז געווען א טייל פון ליטווישן ועד, לכל הפּחות, ביז דעם יאָר תל"ו, — ווי מיר געפינען עס אין פנקס ליטא? באין ברירה, זיינען מיר געצוווּנגען צו קומען צו דער מסקנא, אז נישט גאנץ פאָדליאשע איז ארי־

בער צו פוילן. עס איז גאנץ מעגלעך, אז די ברירה איז געגעבן געוואָרן צו די איינצלנע קהילות און סביבות אין פּאָדליאַשע, צו אָפּטירן. ווי עס שיינט, האָט מעזריטש אָפּטירט צו פארבלייבן מיט דעם ליטווישן ועד און ווען עס האָט זיך איר מער נישט געלוינט (מעגלעך צוליב די העכערע שטייערן, וואָס די ליטווישע יידן האָבן געצאָלט), האָט מעזריטש באַשלאָסן, אז זי האָט שוין גענוג און איז ארויסגעטראָטן פון דעם ליטווישן ועד און זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ועד ארבע ארצות.

מיר ווייסן נישט, וועלכע זיינען געווען די באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן אָנשלוס; אָבער מיר קענען זיך גרינג משער זיין, אז די באַדינגונגען זיינען געווען נישט אנדערש פון די, וואָס האָבן געהערשט אין אַלע פּאָדליאַשער קהילות און אלס ערשטער תנאי איז, אודאי, געווען די אָנגעהעריקייט פון מעזריטש צום גליל־פּאָדליאַשע, וואָס האָט געמיינט — די העגעמאָניע פון טיקטין איבער מעזריטש.

ווי אזוי האָט מעזריטש רעאגירט אויף דעם דאָזיקן באַדינגנ? איך האָב א חשד, אז מעזריטש איז גאָרנישט געווען צופרידן פון דעם. אלס א סביבה־שטאָט, האָט זי, מן הסתם, נישט געלעקט קיין האָניק פון בריסק און האָט אודאי געוואָלט זיין פריי פון איר אויבערהערשאַפט. באין ברירה, האָט מעז־ריטש אָנגענומען דעם באַדינג און איז געוואָרן נכנע צו טיקטין; אָבער נישט אויף לאַנג.

די צייט אויף וועלכער מיר פאררופן זיך איז געווען אן אומרואיקע אי־נערהאַלב דער אָרגאניזאציע פון ועד ארבע ארצות. דער גרעראנגל פון געוויסע קהילות, צו באַפרייען זיך פון דעם יאָך פון די גלילות, איז געווען א העפטי־קער און דער זעלבער קאמף שפּילט זיך אויך אָפּ אין דעם גליל־פּאָדליאַשע, מיט טיקטין אלס די הויפּט־שטאָט. דעמאָלט רעוואָלטירט ווענגראָוו און קעמפט־אויס איר זעלבסטשטענדיקייט פון טיקטין און אין ווענגראָוו שליסן זיך אָן א ריי קלענערע קהילות. דער גליל־פּאָדליאַשע איז אזוי ארום געשפּאָלטן געוואָרן אין צוויי גלילות. לויט באַלאַבאַן, איז אין אָנהויב פון 17טן יאָרהונ־דערט, ד. ה. ארום ת"מ, געקומען דער זעלבער סוף אויך אויף ווענגראָוו — טשעכאַנאָווצי רייסט זיך אָפּ און ווערט אליין א גליל — קרייז־שטאָט. אויך מעזריטש באַפרייט זיך אין דער זעלבער צייט פון איר יאָך.

אין יאָר תמ"ח (1688), באַפרייט זיך מעזריטש פון טיקטין. (דאָס טאַקע באַווייזט, אז טיקטין האָט נישט לאַנג רעגירט איבער מעזריטש). נישט נאָר איז זי באַפרייט געוואָרן פון טיקטין, נאָר זי איז אויך געוואָרן א דעה־זאָגערן איבער די אייגענע סביבות, וועלכע האָבן געגרייכט ביז גאַנץ ווייט. דער אַפּעטיט פון מעזריטש, איז, ווייזט אויס, געוואַקסן און זי האָט געזוכט אויס־צוברייטערן איר הערשאַפט אויף קלענערע קהילות, ביז זי האָט זיך אָנגע־שטויסן אין די אינטערעסן פון טיקטין און עס האָט זיך אָנגעהויבן א גע־

ראנגל צווישן דער אלטער גליל־שטאָט טיקטין, מיט דער נאָר־וואָס באפריי־טער מעזריטש. זיי האָבן זיך געשלאָגן וועגן דער הערשאפט איבער גראָד־מעלניק און די סביבות. מעזריטש האָט, הפּנים, פארכאפּט די דאָזיקע טערי־טאָריע. עס איז פאראן א גרונט צו גלויבן, אז דאָס איז געווען מיט דעם פרייען ווילן פון דער אָרטיקער יידישער באפעלקערונג, ווי עס דרינגט ארויס פון די דיני־תורה־פּראָטאָקאָלן, ווי מיר וועלן באלד זען — און טיקטין און מעזריטש האָבן זיך קעגנזייטיק פארקלאָגט צום ועד ארבע ארצות.

די ערשטע דין־תורה איז פאָרגעקומען אין יאָר תמ״ט (1689), א יאָר נאָך איר באפרייען זיך פון טיקטין און זי איז פאָרגעקומען פאר דעם ועד ארבע ארצות. דער פּראָטאָקאָל פון דער דין־תורה לייענט זיך אזוי: „צו אונד־זער משפּט (זע העברעאישן טעקס אין די באמערקונגען) האָבן זיך היינט גע־שטעלט די אלופים־ראשים פון ק״ק מעזריטש, — די אָנקלאָגערס און די אלו־פים־קצינים (דער טיטול קצין איז געגעבן געוואָרן צו די פירער פון גליל, בעת די פירער פון ועד ארבע ארצות האָט מען גערופן, רוזנים) און מנחיגים פון ק״ק טיקטין — די אָנגעקלאָגטע, אין שייכות מיט די סביבות פון גראָד־מעלניק. וואָרום, די אלופים און קצינים פון טיקטין האָבן זיך געווערט און נישט געלאָזט א טייל פון די אויבנדערמאָנטע סביבות, געבן דעם קאָפּ־שטייער צו ק״ק מעזריטש; ווייל זיי טענהן, אז די דאָזיקע סביבות געהערן צו טיקטין, לויט זייערע פנקסים; און דאָס געשריי פון ק״ק מעזריטש איז, דאָס די סביבות זיינען שוין איר אָנערקענט געוואָרן פון די רוזנים פון ועד ארבע ארצות און זיי איינגעשלאָסן אין זייער קאָפּ־שטייער; האָבן מיר, בכן, געפּסקנט, נעמענ־דיק אין אָנבאטראכט, אז זיי זיינען שוין איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם קאָפּ־שטייער (כרגא דמלכא), זאָל עס אזוי בלייבן ביז דער נייער שאצונג, וואָס וועט געמאכט ווערן פון דעם פּערמאנענטן קאָמיטעט פון שאצערס (שמאים),ביים ועד ארבע ארצות און אלע משפּטים, סיי פון קהל און סיי פון פּריוואטע, געהערן פון איצט אָן צו טיקטין. דעם נייעם קאָפּ־שטייער, זאָלן די שמאים איינשליסן אין איר סכום (ווי מיר האָבן שוין דערקלערט אין דעם אריינפיר, איז סכום דער נאָמען פאר דעם קאָפּ־שטייער). דאָס איז באשטעטיקט און גע־קרעפטיקט געוואָרן מיט דער שטארקייט פון עונשים און קנס (אין פאל דער צד וועלכער האָט פארשפּילט וועט נישט אויספאָלגן דעם פסק דין — מ. ע.) אויף שטענדיק; און אזוי זאָל עס בלייבן ווי ס'איז באשלאָסן געוואָרן: ...היום ב' טו״ב תשרי, תמ״ט לפ״ק... אויסער מעזריטש, וואָס האָט שוין זוכה געווען צו אָפּטיילן זיך פון טיקטין...״ (9).

אין זעלבן יאָר, ווערט דער דאָזיקער פּסק־דין נאָכאמאָל באשטעטיקט (10). די דאָזיקע באשטעטיקונג, איז דער רעזולטאט פון א פּראָטעסט, וואָס די מנהיגים פון טיקטין האָבן באלייגט פאר דעם ועד ארבע ארצות. מיר לייענען דאָרט: „די אלופים און קצינים פון ק״ק טיקטין האָבן פּראָטעסטירט, זיי

דערציילן, דאָס די מנהיגים־אלופים פון ק"ק מעזריטש האָבן זיך באַרימט, אַז זיי האָבן פון אונדז אַ פּסק, וועלכער איז סותר טיילווייז די ווערטער פון דעם פּסק, וואָס איז אויפגעשריבן אויף דער אַנדערער זייט. ס'איז מעגלעך, דאָס מחמת די פיל טירדות, איז אַריינגעפאַלן עפּעס אַן ענדערונג גאַנץ אומגערן; בכן, פאַרשטאַרקן מיר דעם פּסק־דין פון דער אַנדערער זייט, וועלכער בלייבט אין קראַפט און אין זיין חזקה. און אויב אין דעם פּסק וואָס מעזריטש באַזיצט, געפינט זיך אַ סתירה, זאָל זיך קיינער נישט צוהערן צו אים. עס בלייבט, ווי מיר האָבן עס דערקלערט אויף דער צווייטער זייט, אָן שום ענדערונג, מינע־רונג אָדער צוגאָב... היום ה", כ' תשרי תמ"ט לפ"ק יאַראָסלאָוו".

מעזריטש איז געבליבן איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט זיך אונטער־געבן; דאָס איז גורם, אַז אין אַ יאָר אַרום, ד. ה. ת"נ (1690) ווערט דער אויבנדערמאָנטער פּסק נאָכאַמאָל באַשטעטיקט; ווי עס ווערט דאָרט געזאָגט: „כדי דער פּסק־דין פון דער אַנדערער זייט, זאָל נישט בלייבן ווי אַן אַלטער דאָקומענט, האָבן מיר באַנייט די ווערטער, מיט דער שטאַרקייט פון אַ פּסק־דין־גדול (דאָס מיינט צו זאָגן, אַ פּסק־דין פון דעם בית־דין־גדול, וועלכער האָט עקזיסטירט ביים ועד ארבע ארצות — מ. ע.). עס זאָל גאָרנישט געמי־נערט ווערן פון דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אויף דער אַנדערער זייט מיט (דער שטראָף, אין פאַל ווען מעזריטש וועט זיך נישט צוהערן — מ. ע.) אַ גרויסן קנס און אומצוקערן אַלע הוצאות און הזיקות. ...היום יום א', כ"ה תשרי תיו נון לפ"ק. און באשר די אלופים און קצינים, די מנהיגים פון ק"ק טיקטין. און אויך די אלופים און מנהיגים פון מעזריטש, זיינען ווידער דער־שינען פאַר אונדז, אין שייכות מיט דעם וואָס עס געפינט זיך (אויפגעשריבן — מ. ע.) אויף דער צווייטער זייט, איז אַרויס פון אונדזער מויל אויך אַצינד אַלס פּסק־דין־גדול, אַלץ ווי פריער, און דער אויבנדערמאָנטער פּסק בלייבט אין קראַפט, אָן שום צווייפל, פון איצט ביז אייביק. אין זעלבן טאָג, אין יאַ־ראָסלאָוו" (11).

הפנים, אַז דאָס איז נאָך אַלץ נישט געווען גענוג; מעזריטש האָט גע־מוזט זיך פילן גאָר שטאַרק און נישט מורא געהאַט, פאַר די אַלע פּסקים און סטראַשונקעס און געוואָגט זיך אַקעגנצושטעלן דעם ועד. וואָרום, אַ יאָר שפּעטער (תנ"א — 1691) פאַרנעמט זיך דער בית־דין־הגדול ביים ועד ארבע ארצות מיט דער אָנקלאָגע אויפסניי און נעמט אָן אַ זייער שטרענגע שטעלונג צו מעזריטש און ער קומט אַרויס מיט פאָלגנדע שטרענגע אזהרה צו מעז־ריטש: „אונדזערע הענט טוען שטאַרקן און באַפעסטיקן אַלע רייד פון די אַלו־פים, קצינים און רוזנים... וועלכע זיינען געחתמעט אויף דער אַנדערער זייט, מיט דער שטאַרקייט פון אַ חרם און שמתא פון די חכמים, דאָס די (פירער — מ. ע.) פון ק"ק מעזריטש, זאָלן נישט האָבן די העזה אויפצוהויבן זייערע קעפּ קעגן די פּסקים, וואָס געפינען זיך אויף דער אַנדערער זייט און נישט

דערוועגן זיך אָנצורירן אפילו א טייל פון די פסקים, אין קיין שום ענין וואָס האָט א שייכות צו ק"ק טיקטין... און טיקטין האָט דאָס רשות, צו צווינגען די מענטשן פון גראַד־מעלניק און די סביבות... זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפן צו טיקטין... דאָס זיינען די רייד פון די גרויסע ליכטער... יום ב', ח' תשרי תנ"א לפ"ק".

דער רעזולטאט פון דער דין־תורה, איז אודאי אויסגעפאַלן לטובת טיקטין און מעזריטש האָט אים געמוזט אויספאָלגן. מען האָט נישט גענומען לייכט קיין חרם, בפרט פון דעם בית־דין־הגדול. אָבער דער רעזולטאט, וואָסער ער זאָל נישט האָבן געווען, איז נישט וויכטיק. וואָס ס'איז יאָ וויכטיק, איז, די עצם דין־תורה און די הארבע פסקים; ווייל זיי דעקן אויף פאַר אונדז, א טייל פון דעם ביטערן גערא‏נגל, וואָס עס איז פאָרגעקומען אינערהאַלב דער יידישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע.

קודם־כל, פון דעם ערשטן פסק, וואָס דער ועד ארבע ארצות האָט ארויסגעטראָגן, ווערן מיר געוווּיר צוויי זאַכן: ערשטנס, וועגן דעם, אַז מעזריטש איז געוואָרן א מיטגליד אין דעם ועד ארבע ארצות און איז געווען אונטער דער דעה פון טיקטין, צו וועמענס קרייז זי האָט געהערט. צווייטנס, אַז שוין אין יאָר תמ"ח — און אפשר נאָך פריער — איז מעזריטש מער נישט געשטאַנען אונטער דער ממשלה פון טיקטין. צו וועמען האָט מעזריטש פון דעמאָלט אָן געהערט? לויט פראָפעסאָר באַלאַבאַן, איז מעזריטש געווען א קורצע צייט אָנגעשלאָסן אין דעם גליל־וועגנראָוו. דאָס איז אָבער נישט באַוויזן געוואָרן. מיר געפינען נישט קיין אָפּקלאַנג פון מעזריטשס אָנגעהעריקייט און נישט פון איר ארויסטרעטן פון דעם גליל־וועגנראָוו, אין קיין איינע פון די אקטן פון ועד ארבע ארצות פון יענער צייט. מיר געפינען נישט קיין רמז וועגן דעם, נישט אין מעזריטשער רשימות און נישט אין וועגנראָווער. איז עס דערפאַר אָנצונעמען, אַז מעזריטש איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן א זעלבסטשטענדיקע קהילה (געווען נאָך א צאָל זעלבסטשטענדיקע קהילות, אין יענער צייט), וועלכע האָט געשיקט איר דירעקטן פאָרשטייער, צום ועד ארבע ארצות.

דער זיג פון מעזריטש, איר אויסגעקעמפטע זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע, האָט איר גלייכגעשטעלט מיט די גרויסע קהילות; פון שטאַנדפּונקט פון פּרעסטיזש, איז עס אודאי געווען א גרויס געווינס. אויך אירע פירער, האָבן זיך געמוזט פרייען, ווייל זייער חשיבות האָט אויך געשטיגן און עס איז געווען א סגולה פאַר פיל זאַכן: שיינע שידוכים, אָנזען אין לאַנד און ביים מלכות און אויך א סגולה פאַר א גוטע פרנסה. אחוץ דעם, איז עס אויך געווען א פראַקטישער געווינס. פריער האָט מען מעזריטש צוגעשטעלט א צעטל, וויפיל שטייערן זי דאַרף צאָלן און זי האָט זיך בלויז געקענט דינגען; איצט איז זי געווען איר אייגענער בעל הבית און דער בעל הבית איבער אירע סביבות. ווי דער שטייגער אין ענלעכע פאַלן, האָט זיך דער אפּעטיט פון מעזריטש

שטארק צעוואקסן. אויך זי האָט געוואָלט האָבן מער און מער סביבות, כדי צו איינגעמען א גרעסערן קאָפּ־שטייער און אזוי ארום זיך גרינגער מאכן איר גרויסן לאסט. מעזריטש האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צו גראַד־מעלניק און די סביבות און האָט טאקע דאָרט אָנגעטראָפן אויף א שטארקן ווידער־שטאנד.

טיקטין איז פון איר שטאנדפּונקט געווען גערעכט; אויף איר זייט, איז געווען דער דין פון חזקה; מעזריטש איז געווען א נייע אין דער שפּיל; אַן אוזורפּאטאָר, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס באפרייט פון טיקטין. וואָסערע רעכט האָט זי געהאט, אויף דעם קאָפּ־שטייער און משפטים א. א. הכנסות פון גראַד־מעלניק און אירע סביבות? אָבער אינגאנצן גלאטיק איז עס נישט געווען. די חזקה־טענה פון טיקטין, האָט אויך אביסל אונטערגעהינקט; וואָרום, סוף־כל־סוף, וואָסערע חזקה איז דאָרט געווען? איז עס דען אַן אייביקייט? איז עס דען געווען די חזקה פון דעם שטאַרקן, איבער דעם שוואכן? ערשט נישט לאנג צוריק, האָט טיקטין געהאט די זעלבע טענה פון חזקה אויך אויף מעזריטש, ווענגראָוו, טשעכאַנאָווצי און נאָך און נאָך. די טענה האָט איר נישט קיין סך געהאָלפן. ווען די קהילות האָבן זיך געפילט שטארק, האָבן זיי רעוואָלטירט און פון דער חזקה איז גאָרנישט געוואָרן. דער חזקה־מאָמענט, איז אָן שום ספק, דוקא פון דעם תורה־שטאנדפּונקט, געווען שטארק אָפּפרעגבאר. דער פּסק־דין, כאָטש ער איז נאָכדעם אויך באשטעטיקט געוואָרן פון דעם בית־דין־הגדול, איז אָן שום ספק געווען מער ווי אלץ א פּאָליטישער. דאָ האָבן גע־ווירקט די מאָמענטן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין געשריבן פריער. דער ועד ארבע ארצות, האָט מיט געוואלד און כוח, געוואָלט אָפּהאלטן דעם צעקריש־לונג־פּראָצעס פון די גרויסע גלילות. דער גליל פּאָדליאַשע האָט זיך געפונען אין אַן ענלעכן פּראָצעס פון צעשפּליטערונג. דער ועד ארבע ארצות, האָט דעריבער זיך געזען געצוווּנגען אָנצונעמען מיטלען, קעגן דער „אינוואַזיע" מצד די אויפגעקומענע פרייע שטעט, וועלכע האָבן איצט געזוכט צו באהערשן וואָס מער טעריטאָריע. דער אויסגאנג פון דעם סיכסוך צווישן טיקטין און מעזריטש, האָט אין אָנזיכט פון אָט דער פּאָליטישער שטעלונג מצד די פּי־רער פון ועד ארבע ארצות, זיך געמוזט ענדיקן לטובת טיקטין. דערפאר, האָבן מיר אזא הארבן פּסק דין פון דעם בית דין הגדול, וועלכער האָט נישט נאָר געסטראשעט מיט חרמות און שמתות, פאר וועלכע יידן האָבן זיך געשראָקן; נאָר מיר זעען אויך, אין א פארשטענדלעך ליכט, דעם מיין פון דעם פּסק, וואָס גיט טיקטין רעכט צו צווינגען גראַד־מעלניק און די סביבות צו זיין גע־האָרכזאם צו טיקטין און נישט צו מעזריטש. וואָרום, שוין פון דעם פּסק איז געווען צו דרינגען, אז גראַד־ מעלניק און די סביבות האָבן געגעבן פּאָרצוג מעזריטש. פארוואָס דאָס איז אזוי, איז גאָרנישט שווער זיך משער צו זיין. טיקטין האָט צו־לאנג געהערשט איבער איר גליל און זיך נישט גערעכנט מיט די סביבות, וועלכע האָבן געהאט די קלענסטע דעה — אויב זיי האָבן בכלל גע־

האט א דעה — אין די באשלוסן פון דעם גליל. מעזריטש אלס א נייער צענ־טער, וואָלט זיך מיט זיי מער גערעכנט און, ממילא וואָלטן זיי אויך געהאט ביי איר בעסערע באדינגונגען.

נישט געקוקט אויף די הארבע מיטלען און די באמיאונגען, וואָס דער ועד ארבע ארצות האָט אָנגענומען, אָפּצוהאלטן דעם פּראָצעס פון דעצענטרא־ליזאציע, פון געבן די ברייטערע שיכטן א רעפּרעזענטאנץ אין דעם ועד, איז זיין קאמף געווען א פארשפּילטער. דער גליל־טיקטין האָט זיך געשפּאָלטן (12) און די צאָל גלילות, וועלכע זיינען געווען פארטראָטן אינעם ועד איז געוואָרן אלץ מער און מער, ביז די צאָל האָט געגרייכט צו 19 גלילות (13) און פּונקט אזוי, איז אויך געשטיגן די צאָל פון די פרייע שטעט, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען די שטאָט מעזריטש, וואָס האָבן געשיקט זייערע דעלעגאטן צום ועד ארבע ארצות (14).

איבער סביבות, האָט זיך מעזריטש אויך געלאָדנט מיט איר שכנה לוקאָוו, וועלכע איז געווען זייער אן אלטע און וויכטיקע שטאָט. הער סיכסוך צווישן זיי, איז אנטשטאנען, וועגן דעם ענין, ווער עס זאָל האָבן א דעה איבער די יידן אין די פּאָלגנדיקע דערפער: קאָנקאָלעווניצע, ברעזעוויצע, זאקאוואָליע, רוס־קאוואָליע, ליפּניק און דאָמבראָווע. דער סיכסוך איז געווען אן אלטער און עס איז צו קיין טאָלק נישט געקומען, ביז די פאָרשטייער פוןביידע קהילות האָבן זיך ווידער אמאָל צוזאמענגעקומען און צווישן זיך מושווה געוואָרן אויף אן אָפּמאך, וואָס האָט ביידע קהילות געקענט צופרידנשטעלן.

דאָס איז געשען אין ראש חודש אב, אין יאָר תקי"ט (1759). פאָרשטייער פון ביידע קהילות, האָבן זיך געטראָפן אין דעם דאָרף בערעזעוויצע און נאָך א פרישן משא־ומתן זיינען זיי געקומען צום דאָזיקן אויסגלייך: 1. די הכנ־סות פון חתונות, בריתן, דיני־תורה און קאָפּ־שטייער, — געהערן ביידע קהי־לות; היינו, איין יאָר צו מעזריטש און דאָס צווייטע יאָר צו לוקאָוו. אין דעם יאָר, וואָס די הכנסות וועלן געהערן צו מעזריטש, וועט לוקאָוו באקומען א פארגיטיקונג (עס ווערט נישט געזאָגט, ווי גרויס די דאָזיקע פארגיטיקונג דארף זיין. — מ. ע.). אין דעם יאָר ווען די הכנסות געהערן צו לוקאָוו, באַ־קומט מעזריטש א פארגיטיקונג פון בלויז איין רענדל. „כך תתנהגו עד ביאת משיחנו במהרה בימינו" (אזוי זאָלן זיי זיך פירן ביז צום קומען פון משיח גיך אין אונדזערע טעג); 2. אויף ראש השנה און יום כפור, מוזן די יידן פון די דאָזיקע מקומות, פאָרן קיין מעזריטש; 3. אתרוגים זאָלן די ישובניקעס קויפן אין דער שטאָט, צו וועלכער זיי געהערן, אין דעם לויפנדן יאָר; 4. צו קבר ישראל, זאָלן זיי געבראכט ווערן אין מעזריטש; 5. אויב איין קהילה וועט עמעצן פון די ישובים ארייגלייגן אין חרם, — מוז די צווייטע קהילה דעם באטרעפנדן מאן, אויך ארייגלייגן אין חרם (15).

אין דעם מעזריטשער פּנקס (16), זיינען אויך געווען פארצייכנט אָפּמאכן מיט אנדערע שכנותדיקע קהילות, ווי ראדזין און ראשאש.

מעזריטשער פּנקסים און וואָס זיי דערציילן...

אויסער פרעמדע מקורים — האָבן מיר אויך מקורים פון מעזריטש גופא; די מקורים זיינען פון שפּעטערע דאטעס; די סיבה איז א פּשוטע: די אַלטע פּנקסים זיינען פארפאלן געוואָרן; טיילמאָל זיינען זיי געוואָרן פארברענט פון די אָפטע שריפות, וואָס פלעגן פאָרקומען און די פּנקסים וואָס זיינען צו אונדז דערגאנגען, גאנצע אָדער בלויז טיילן פון זיי, זיינען ס׳רוב פון שפּעטערע דאטעס.

אויך די מעזריטשער פּנקסים געהערן צו א שפּעטערע דאטע; נעמלעך, צום 18טן י״ה. נאָר, פון מאָל צו מאָל, כאפּט זיך אריין אין די פּנקסים א פארצייכנטער עפּיזאָד, א רשימה פון א פריערדיקער דאטע; אָבער אפילו די צופעליקע פריערדיקע דאטעס, זיינען אויך נישט קיין גאנץ אַלטע.

די פּנקסים, אָדער טיילן פון זיי, וועגן וועלכע מיר וועלן שרייבן אין דעם קאפּיטל און אויך אין די וויטערדיקע קאפּיטלען, געהערן צו די דאָזיקע דריי פארשידענע מקורים:

1. אן אויסצוג, וואָס דער באקאנטער מעזריטשער ביבליאָפיל און קאָ־רעספּאָנדענט פון פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, ר׳ יעקב שפּירא, האָט געמאכט פון מעזריטשער שטאָט־פּנקס. עס איז א קאָפּיע פון א באריכט וועגן פאר־שידענע הכנסות און הוצאות פון דער מעזריטשער קהילה. דער דאָזיקער פּראָ־טאָקאָל איז שטארק כאאָטיש, אויף וויפל ס׳האָט א שייכות צו דאטעס. דאָס איז גראָד נישט געווען שפּיראָס שולד. דער סופר, וועלכער האָט געפירט דעם פּנקס, האָט, צוליב א סיבה, וואָס איז אים אליין בלויז געווען באקאנט, נישט געלייגט קיין אכט אויף די יאָרן. דערפאר, געפינט איר דאָרט (ווי עס איז צו זען פון דעם העברעאישן טעקסט, וואָס מיר ברענגען שפּעטער) א כאאָס בשייכות כראָנאָלאָגיע. מיר האָבן זיך, העריבער, דערלויבט, צו רעאנזשירן דעם כראָנאָלאָגישן סדר, אָבער נישט דעם עצם אינהאלט. די קאָפּיע האָבן מיר געפונען אין דעם דובנאָוו־ארכיוו ביים ייוואָ.

2. א באריכט וועגן מעזריטשער פּנקסים, וואָס דר. מ. הענדל האָט פאר־עפנטלעכט אין די ייוואָ־בלעטער (17). די דאָזיקע ארבעט גיט א פולן באגריף וועגן דעם אינהאלט פון די פּנקסים, וועלכע דר. הענדל האָט געזען

און באארבעט. עס איז נאָר א שאָד, וואָס ער האָט נישט קאָפּירט די פּנקסים; וואָרים, מיט דעם חורבן־מעזריטש, זיינען אויך די פּנקסים פארניכטעט גע־וואָרן.

3. א העפט „בר אבהן״ (אין כתב־יד), וואָס ר׳ מאָטל פרידמאַן האָט מחבר געווען, וועלכער באשטייט פון אויסצוגן פון די פּנקסים פון מעזריטשער בית־דין, שול און חברה־קדישא. דער דאָזיקער העפט האָט געהאט בלויז איין צוועק, נעמלעך, פעסטצושטעלן די נעמען פון די רבנים, דיינים און אנדערע חשובים פון מעזריטש. היות ווי דעם טייל רבנים א. א. גיבן מיר אָפּ א באַ־זונדערן קאפּיטל — וועלן מיר וועגן ר׳ מאָטלס העפט נאָך האָבן וואָס צו זאָגן ווייטער. וועלן מיר זיך דערווייל אומקערן צו די ערשטע צוויי מקורים.

די אָרגאַניזאַציע פון דער מעזריטשער קהילה

אין אונדזער אריינפיר, האָבן מיר געגעבן אַן איבערבליק וועגן דער אָר־גאַניזאַציע פון די יידישע קהילות אין פוילן, דהיינו, די העכסטע אינסטאַנץ — דער ועד ארבע ארצות (אין ליטע איז געווען דער ועד הקהילות הראשיות דמדינת ליטא), די ועדי־הגלילות, און די אויטאָנאָמע קהילות. אויך מעזריטש האָט געהאַט אַן אָרגאַניזירטע אויטאָנאָמישע קערפּערשאַפט, וועלכע האָט גע־רעדט אינעם נאָמען פון אַלע צו דער קהילה אָנגעהעריקע ישובים, סיי לגבי די יידישע העכסטע אינסטאַנצן און סיי לגבי די נישט־יידישע אינסטאַנצן; ווי למשל: די שטאָט־פּאַרוואַלטונג, דער „הויף" (מעזריטש איז געווען אַ פּריוואַטע שטאָט), די קירכע און די מלוכה.

די קהילה האָט געהאַט צו זאָגן נישט נאָר איבער די יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין מעזריטש. ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, האָט יעדע קהילה געהאַט די דעה איבער קלענערע יידישע ישובים אָדער סביבות, און ווי מיר וועלן זיך דערמאָנען, האָט מעזריטש געזוכט אויסצושפּרייטן איר העגעמאָניע איבער אַנדערע ישובים און זיך געקלאָרנט מיט טיקטין און אַנדערע קהילות וועגן דער חזקה אויף אַ רייע ישובים. מעזריטש האָט געהאַט צו זאָגן איבער קאָנקאָלעוויניצע, ברעצעוויצע, דרעליעוו און נאָך און נאָך דערפער; און איבער דעם שטעטעלע רשאַש מיט אירע ארומיקע דערפער.

פּונקט ווי די אַנדערע קהילות, האָט אויך די מעזריטשער קהילה גע־וואַכט איבער די אינטערעסן פון די מעזריטשער יידן און פון איר אָנגעהעריקע ישובים. ווען אַ פרעמדער ייד האָט זיך געוואָלט באַזעצן אין מעזריטש, האָט ער געמוזט זיך איינקויפן אַ חזקה. די קהילה האָט באַשטימט אַ געוויסן אָפּ־צאָל, וועלכער האָט זיך גערופן „חזקת־הקהילה". נאָכן אָפּצאָל האָט דער באַ־טרעפנדער פּערזאָן געהאַט דאָס רעכט צו וווינען אין מעזריטש און געניסן פון אַלע רעכט, וואָס די קהילה האָט געגעבן אירע מיטגלידער (מיר מוזן גערעכ־נען, אַז בלויז דער וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יידישן דת, האָט זיך געקענט באַפרייען פון זיינע קהילה־פליכטן (18). אָבער אפילו נאָכן אָפּצאָל פון דעם ספּעציעלן שטייער, האָט דער נייער בירגער געמוזט וואַרטן יאָרן, ביז ער האָט באַקומען דאָס רעכט געוויילט צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער קהילה־

פאַרוואַלטונג (19). און נישט נאָר פרעמדע, אַפילו אַלטע מעזריטשער תּושבים, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעקליבן אין אַ צווייט אָרט — ווען זיי האָבן געוואָלט צוריק זיך באַזעצן אין מעזריטש — האָבן געמוזט צאָלן דעם ספּעציעלן חזקה־אַפּצאָל. (ווען אַזאַ פאַל ווערט פאַרצייכנט אין פּנקס־מעזריטש אין יאָר 1761). דער געוועזענער תּושב, האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן, אַ חוץ דעם איינ־מאָליקן אָפּצאָל, 3 גילדן יערלעך חזקה־געלט.

ווי ווייט די קהילה האָט זיך באַצויגן ערנסט צו דער דאָזיקער פראַגע — באַווייזן די תּקנות פון יאָר 1762, וואָס באַשטימען, אַז געוועזענע מעזריטשער תּושבים, וועלכע וווינען אויסער מעזריטש 3 יאָר, ווי אויך פרעמדע ייִדן, וועלכע ווילן זיך באַזעצן אין שטאָט — קענען זיך איינשאַפן בירגערשאַפט אין דער מעזריטשער קהילה נאָר אויפן גרונט פון אַן איינהייטלעכן באַשלוס פון קהל און אַפילו איין מיטגליד פון דער קהילה אַליין קען וועטירן דעם באַ־שלוס פון אַ מערהייט („ואף אחד יכול לעכב") (20). אויך ווען עמעצער האָט געוואָלט פאַרלאָזן מעזריטש, האָט ער לויט אַ תּקנה פון יאָר 1757 געמוזט איבערלאָזן 3 פּראָצענט פון זיין באַר־געלט אויף צו דעקן די חובות (21).

אַזוי ווי אַלע קהילות אין פּוילן און ליטע, האָט אויך די מעזריטשער קהילה געזאָרגט פאַר אַלע הצטרכותן פון דעם רעליגיעזן, געזעלשאַפטלעכן, סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן א. א. וו. מחמת דעם, האָט קהל זיך באַמיט צו קאָנצענטרירן אַלע טעטיקייטן אין די הענט פון דער קהילה און האַלטן אין אויג אויף דעם טאָטאַלן לעבן פון דעם יחיד, ווי פון דעם ייִדישן כּלל. פאַר־שטייט זיך, אַז די ערשטע זאָרג פון דער קהילה איז תּמיד געווען די פינאַנצן; וואָרום, די קהילה איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די כּלערליי שטייערן, וואָס ייִדן האָבן געמוזט צאָלן, ווי אויך פאַר אַלע קהלשע הוצאות, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם רעליגיעזן לעבן; ווי דאָס אויסהאַלטן רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים, משוררים, שמשים, אַ פעלדשער צי אַ דאָקטאָר, אַ צירולניק, פאַרשידענערליי קהלשע באַאַמטע און ממונים; אינסטיטוציעס, ווי: הכּנסת־כּלה, הכנסת־אורחים, אַ הקדש, אַ שול און בתי מדרשים, אַ מרחץ און כּלערליי צדקה־געלטער, באַזונדערס פאַר ארץ ישׂראל־ייִדן, ישיבות א. ד. גל. דאָס אַלץ האָט אַריינגעטריבן די קהילה אין גרויסע הוצאות און דעריבער האָט די קהילה געמוזט אויסגעפינען פאַרשידענע קוואַלן פון הכנסה.

כּדי צו פאַרגרעסערן די קהלשע הכנסות, האָט די קהילה איינגעפירט כּלערליי חזקה־געלטער און נישט דערלאָזט, אַז די שטאָטישע ייִדן זאָלן זיך שפּאַלטן אויף מנינים און באַזונדערע בתי־מדרשים. עס קען זיין — דאָס איז בלויז אַ השערה — אַז דער קאַמף, וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן די חסידים און איז אַזוי העפטיק אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די רבנים און פירער פון די קהילות, איז געווען פאַרבונדן, אַ חוץ מיט דעם אידעאָלאָגישן

קאמף און מורא פאר סעקטאנטישע אָפּנויגונגען, — אויך מיט דער זאָרג, אז די מנינים וועלן שעדיקן די הכנסות פון דער קהילה.

אין מעזריטש, ווי אין אלע אנדערע קהילות, האָבן די פירער פון דער קהילה צוזאמען מיט די רבנים, פארבאָטן צו מאכן מנינים אָדער בתי מדרשים. די פירער האָבן געוואָלט, אז אלע יידן זאָלן דאווענען אין שול און אין דעם אָפיציעלן שטאָטישן בית־מדרש. אן אויסנאם האָט קהל געמאכט פאר דער חברת חייטים, וועלכע האָט געהאט א פריווילעגיע אויף א באזונדערן בית־המדרש (22).

די הכנסות פון דעם שטאָטישן מרחץ, האָט קהל באשטימט לטובת דעם שטאָטישן בית־המדרש. אין 1847, באקומען די תלמוד־תורה און דער הקדש, א טייל פון די דאָזיקע הכנסות. ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרן א צווייטער מרחץ, ווערט די קהילה אליין אויך א שותף צו די הכנסות; זי באקומט איין פערטל און די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס טיילן זיך מיט דער רעשט פראָפּאָרציאָנעל (1849) (23). הפנים, אז די צווייטע מקוה איז אויסגעבויט געוואָרן, נאָכדעם ווי די ערשטע האָט אָפּגעברענט.

וואָס איז שייך צדקה לטובת די ארץ־ישראל־יידן (זע דר. הענדל דאָרט), געפינען מיר אין דעם בודזשעט פון יאָר 1758 (תקי"ח) א פּאָזיציע „לאנשי ירושלים". עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז איינער פון די עלטסטע רבנים אין מעזריטש, ר' נתן נטע קאצענעלענבויגן, וועלכער איז געשטאָרבן אין ירושלים אין יאָר תמ"ט (1689), איז געווען דאָרט דער נשיא, ד. ה. ער איז געווען דער ממונה פון דעם ועד ארבע ארצות (אפשר גאָר פון ועד ליטא) איבער די חלוקה־געלטער וואָס מען האָט געשיקט קיין ארץ ישראל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן (1867, 1858), איז דער ענין איבערגעגעבן געוואָרן צו באזונדערע גבאים, מיט וועמען קהל איז געקומען צו א הסכם, אז פון די געזאמלטע געלטער פון די ספּעציעלע ארץ־ישראל־פּושקעס, זאָל מען 400 רובל שיקן קיין ארץ ישראל, 500 גילדן זאָלן גיין פארן ביקור־חולים און די רעשט פאר דער תלמוד־תורה (24). די ארץ־ישראל־פּושקעס, באקאנט אלס „רבי מאיר בעל הנס"־פּושקעס פלעגן הענגען אין אלע יידישע הייזער און די מאמעס פלעגן ערב שבת פאר ליכט־צינדן אריינוואַרפן צדקה אין די דאָזיקע פּושקעס אריין.

דער קאמף קעגן לוקסוס און אומנויטיקע הוצאות

דער ועד ארבע ארצות, דער ועד דקהילות הראשיות דמדינת ליטא און אלע יידישע העכסטע אָרגאנען אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער, ווי אויך די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן אין יענער צייט — האָבן זיך באמיט צו באקעמפן לוקסוס און פארשווענדעריש לעבנסשטייגער ביי יידן, דורך פאר־

שירענע תקנות, איסורים און חרמים. ווי אזוי האָט זיך דאָס אָפּגערופן אין מעזריטש? ווי אזוי האָט רעאגירט די מעזריטשער קהילה אויף די דאָזיקע באגרענעצונגען און ווי אזוי האָט דער יידישער כלל אויפגענומען די תקנות, וואָס האָבן באצוועקט צו רעגולירן דעם לעבנסשטייגער פון דעם יחיד? מען קען זיך משער זיין, אז די מעזריטשער יידן זיינען נישט געווען אנדערש, אין דעם פּרט, פון די יידן אין אנדערע קהילות; נישט קיין נפקא מינה, צי זיי זיינען עס געווען פּוילישע אָדער דייטשע יידן.

דר. מ. הענדל, פאר ווען עמען די פּנקסים פון מעזריטש זיינען געווען אָפן און ער האָט געהאט א געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט די כלערליי תקנות וועגן דעם ענין — גיט אונדז א שטיקל באגריף וועגן דעם, ווי אויך וועגן אנדערע ענינים און עס איז כדאי אויף אים זיך צו פארלאָזן; ער דערציילט אונדז (25):

„ס'ווערן אין מעזריטש עטלעכע מאָל איבערגעחזרט תקנות קעגן שיקן מתנות און משקאות צו פארשידענע אורחים. אן אויסנאם איז דער רב (משמעות, דעם אייגענעם רב. אָבער דאָס שטימט נישט תמיד מיט דער ווירקלעכקייט; וואָרום, אין איינעם פון די קהילה־בודזשעטן געפינען מיר א הוצאה וואָס קהל האָט געמאכט פאר א פרעמדן רב.. אפשר באציט זיך דר. הענדל נאָר אויף יחידים. ווייזט אויס, אז טיילמאָל זיינען די תקנות נישט אויסגעפּאָלגט געוואָרן—מ. ע.) און א מנהיג־מדינה, צו וועלכן מ'מעג יאָ שיקן מתנות (1757). ס'ווערט אויך באשטימט געוויסע וויפיל משקה מ'מעג שיקן דעם ראש־הקהל אין קהלס נאָמען אויף פארשידענע שמחות. זייער וויכטיקע באשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דעם פּרט אין יאָר 1790, דהיינו: 1. אויף שמחות מעגן קומען נאָר די יעניקע, וואָס זיינען איינגעלאדן געוואָרן; 2. צו א ברית־מילה טאָר דער בעל־שמחה נישט איינלאדן מער ווי 30 מענטשן, צו א „חתן־מאָל" (די סעודה פאר דער חתונה) — 20, צו דער סעודה נאָך דער חופּה — 30 אורחים; ס'ווערט אויך פארבאָטן איינצואָרדענען נאָך א דריטע סעודה, ווי ס'איז געווען דער מנהג ביז צו דעם יאָר. מיט דריי יאָר שפּעטער איז די גזירה א ביסל פארלייכטערט געוואָרן, ווייל ס'האָט זיך ארויסגעוויזן „שאין רוב הציבור יכולים לעמוד בה" (לויט דער גמרא קען נישט קיין בית־דין ארויפצווינגען אויפן כלל א גזירה, אויב דער רוב קען נישט די גזירה אויסהאלטן — מ. ע.) און ס'איז דערלויבט געוואָרן איינצואָרדענען אויך א דריטע חתונה־סעודה, מיט דעם מאקסימום פון 30 איינגעלאדענע געסט. א שאָד, וואָס די היסטאָרישע קוועלן שווייגן וועגן דעם, צי די תקנות זיינען געהאלטן געוואָרן, צי, און ווי אזוי מעזריטש האָט דערויף רעאגירט און מיט וואָסערע מיטלען קהל האָט זיך באנוצט, כדי אָט די באשלוסן צו רעאליזירן. דער פאקט אליין, אז די באשלוסן מוזן איבערגעחזרט ווערן, באווייזט, אז אנדערש איז געווען געשריבן אין פּנקס פון קהל און אנדערש האָט עס אויסגעזען אין לעבן".

וווי מיר זעען, איז מעזריטש אין דעם פּרט נישט געווען אנדערש פון אנדערע קהילות. דער קאמף איז, לעולם, געווען מיט די פארמעגלעכע יידן; דער אָרעמאַן האָט, סיי ווי סיי, נישט געקענט מאכן די גרויסע חתונה־מאָל־צייטן און גרויסארטיקע בריתן. דער קאמף קעגן לוקסוס, איז איבערהויפּט געפירט געוואָרן מיט דעם צוועק צו פארקלענערן די קנאה פון דער נישט־יידישער באפעלקערונג, און, היות, ווי ער איז געפירט געוואָרן מיט די רייכע איז דער קאמף באלד פון תחילת אָן, געווען פאראורטיילט אויף, לכל הפּחות, א טיילווייזן דורכפאל.

די איינגעטלעכע קהילה־פאַרוואַלטונג

אין אונדזער אריינפיר, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט א ביסל באריכות, אויפן צוזאמענשטעל פון די יידישע אויטאָנאָמע קערפּערשאפטן; דהיינו: פון דער לאָקאלער קהילה ביז צום העכסטן אָרגאַן — דער ועד ארבע ארצות. מעזריטש איז אויך געווען אָרגאניזירט אין די ראַמען פון אָט דער אינסטיטוציאָנעלער קאָנסטרוקציע. לויט דר. הענדל, איז די מעזריטשער קהילה־לייטונג באשטאנען פון ראשים, מנהיגים, טובים, גבאים, רואי־חשבון, יושבי־תמידין, שמונה קרואי עדה (אין מעזריטש האָט מען זיי אויך גערופן עקורים; דאָס איז געווען דער טיטל פאר די דאָזיקע באַאמטע אין ליטע, און מעזריטש איז אמאָל געווען אונטער בריסק־דליטא), און גבאי־נשים.

אזוי ווי אומעטום, זיינען אויך אין מעזריטש געווען די ווינכטיקסטע אמטן — די ראשים. די צאָל ראשים זיינען נישט געווען אומעטום גלייך; דאָס האָט זיך געווענדעט פון דער חשיבות פון יעדער קהילה. מעזריטש האָט גע־האט 4 ראשים. יעדער איינער פון זיי, האָט אמטירט א חודש. אלס ראש־הקהל פון דעם חודש האָט ער אויך געהאט די מיטהילף פון א גבאי־חודש. ביים סוף פון חודש, האָט דער אוועקגייענדיקער פּרנס־החודש, געמוזט אָפּגעבן א פינאנציעלן באריכט פון זיין טעטיקייט פאר דעם נאמן (מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דעם, אז דער נאמן איז געווען קהלס קאסירער און אז דער נאמן פון ועד ארבע ארצות האָט געטראָגן דעם טיטל פון „נאמן ישראל". אין מעזריטש, איז אָפּט דער נאמן געווען איינער פון די דיינים, אָבער נישט תמיד). ביים באטראכטן פון ווינכטיקע ענינים, פלעגט קהל צוציען אלע ראשים און מנהיגים און טיילמאָל, אויך די הויכע שטייער־צאָלער. עס גע־שעט אויך, אז די פירער רופן גאנץ קהל אויף אן אויסערגעוויינלעכע פארזאמ־לונג, צו באשטימען א גזירה פאר אלע צייטן א. ד. גל. אין מעזריטש האָבן מיר אויך דעם פאל — ווי מיר וועלן עס ברענגען ווייטער — אין דעם ענין פון א רבנישער מחלוקת.

די רואי־חשבון האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט א קאָנטראָל־קאָמיסיע, וועל־

כע האָט נאָכקאָנטראָלירט די הוצאות און הכנסות פון דער קהילה. נישט קלאָר איז געווען די פונקציע פון די „יושבי תמידין". דר. הענדל מיינט, אז זיי זיינען געווען בייזיצער ביי די קהילה־וואַלן. אין יאָר 1787, ווערן אויך באַשטימט 3 משגיחים, צו אסיגנירן די הוצאות־קוויטן פון דעם פרנס־החודש (26).

ווען די יידישע קהילות האָבן פארלוירן זייער אויטאָנאָמיע (אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט) — פארלירט אויך מעזריטש איר אויטאָנאָמיע און די קהילה קען זיך נאָר אָפּגעבן בלויז מיט רעליגיעזע ענינים. די קהילה־פּאַרוואַלטונג ווערט באַשרענקט, סיי אין אירע רעכטן און סיי אין איר צוזאמענשטעל. בלויז די עטאַט־צאָלערס קענען קלייבן דאָזאָרעס אין דער אָנוועזנהייט פון א רעגירונגס־פאָרשטייער פון דעם קרייז. די קהילה־פּאַרוואַלטונג באַשטייט דאַן פון דריי דאָזאָרעס, שבעה טובי־העיר און דריי רואי־חשבונות און אין אַלע באַשלוסן מוז זי האָבן די הסכמה פון דעם שטאָטישן בית־דין.

די דאָזיקע קהילה־פּאַרוואַלטונג איז נישט געקליבן געוואָרן אויף א דירעקטן אופן. צוערשט האָט מען געקליבן, דורך אַרויסציען 5 צעטלען פון אן אורנע, די „בוררים" — וואַל־קאָמיסיע; און אָט די בוררים־קאָמיסיע, אָדער וואַל־קאָמיסיע, האָט עס באַשטימט, ווער עס זאָל אריין אין דער פּאַרוואַלטונג. מחמת דעם וואָס א סך פון די גבירים האָבן געוואָלט פאַרנעמען א פּלאַץ אין דער פּאַרוואַלטונג, וואָס פּלעגט, — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט אין אונדזער אריינפיר — ליידער אויסגענוצט ווערן פיל מאָל לטובת אייגענע נוצן, האָבן פיל קהילות איינגעפירט א צאָל באַוואָרענישן, כדי צו פאַרמיידן ענלעכע איבערן. אין מעזריטש איז געווען א תקנה, אז די בוררים מוזן אָפּשליסן זייער אַרבעט פון באַשטימען א פּאַרוואַלטונג, אין משך פון איין מעת־לעת, און אז צווישן די בוררים זאָלן נישט זיין קיין קרובים פון די קאַנדידאַטן. אין 1790 האָט מען אָנגענומען א תקנה, וועלכע דראָט די בוררים מיט חרם, אויב זיי וועלן נעמען שוחד. אין 1787 האָט קהל אָנגענומען א תקנה, וועלכע פאַרווערט קאַנדידאַטן צו באַנוצן זיך מיט דער פּראָטעקציע פון מלכות אָדער „הויף", צו צווינגען די בוררים זיי צו קלייבן פאַר דעם געוואונטשטן אמט, אָדער צו אַנולירן דעם אויסוואַל וואָס די בוררים האָבן שוין געמאַכט. אין 1784 ווערט באַשלאָסן צו באַשטראָפן יענע בוררים, וועלכע האָבן נישט דורכגעפירט זייער וואַל בשלימות, מיט פאַרלירן דאָס פּאַסיווע וואַל־רעכט אויף דריי יאָר און צו פאַרשרייבן זייערע נעמען לדראון עולם אין דעם פּנקס. אין זעלבן יאָר, ווערט אויך באַשלאָסן, אז אויב דער וואַל פון די ראשים, מנהיגים, גבאים און ערשטן רואה־חשבון ווערט דורכגעפירט פון בלויז דריי פון די פינף בוררים, מוז דער וואַל זיין אַן איינשטימיקער. אַנדערע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער קענען געוויילט ווערן בלויז מיט א רוב שטימען (27).

אויך די קאָדענץ און די קאָמפּעטענצן פון די ראשים זיינען נישט אויסגעלאָזט געוואָרן. אין א פאַרמעסט אָפּצוהיטן די ערלעכקייט פון דער הנהגה

און צוימען די אפּעטיטן פון די ראשים, ווערן אַנגענומען א רייע באשלוסן. אין 1726 (28), ווערט באנייט אן אַלטע תקנה (דר. הענדל ברענגט דאָס לשון: „שנתיסדו מקדמונים”, ד. ה. פון אַלטע דורות), אז די ראשים טאָרן נישט געווײלט ווערן מער ווי 2 יאָר נאָכאנאנד. דר. הענדל באמערקט מיט רעכט, אז, ווי עס ווייזט אויס, איז די תקנה יאָ אָפּגעהיט געוואָרן; וואָרום, ערשט ביים אָפּשלוס פון 18טן יאָרהונדערט, ווערן אָנגענומען צוויי החלטות (1795, 1800), אז מחמת „השערוריה הנשמע במדינתנו”, ד. ה. צוליב די אויפטרייס־לונגען אין דער מדינה (דאָס זיינען געווען טעג פון פוילנס צעפאַלונג און נאָ־פּאָלעאָנישע מלחמות) (29) זאָל מען זיך נישט רעכענען מיט דער צייט־באַ־שרענקונג, וואָרום מען מוז האָבן אין איר שפּיץ טיכטיקע פירער — „כי מי יודע מה יוליד יום” — ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

אויך אין דער פראגע פון פינאנצן, ווערט דער פּרנס־החודש קאָנטראָ־לירט. לויט א תקנה פון יאָר 1787, קען נישט דער פּרנס־החודש אויף זיין אייגענע האנט פאראָרדענען דעם נאמן א הוצאה. ער מוז האָבן די הסכמה פון די דריי משגיחים, אָן וועמענס חתימות דער נאמן טאָר נישט מאכן די הוצאה. ווי אין אנדערע קהילות, אזוי אויך אין מעזריטש האָט מען באשרענקט די ראשים, זיי זאָלן נישט טאָרן אַרענדירן די קהלשע אַרענדעס (1788); אויך יענע וואָס האלטן ארענדעס פון הויף, טאָרן נישט געווײלט ווערן אין דער קהילה־פארוואלטונג (1856) (30). דער פּרנס־החודש טאָר נישט שיקן פאר קהלשע געלטער מתנות און משקאות צו בעלי־בתים אויף שמחות; און אויך נישט צו געסט, אפילו דעם „נשיא” (1772). אין יאָר 1787 ווערט בפירוש דערלויבט דעם פּרנס־החודש צו שיקן פאר קהלשע געלטער, אויף א חתונה — 3 פלעש־לעך משקה און אויף א ברית — 2 פלעשלעך (31). דר. הענדל דערציילט אויך, אז אין די תקנות ווערן די געווײלטע מיטגלידער אויפגעפאָדערט נישט צו אנט־זאגן זיך פון זייערע אמטן, און צו קומען צו אַלע זיצונגען (1800); די זיצונ־גען זאָלן נישט פאָרקומען אין א פּריוואטער דירה (1850); און אז דער גבאי־החודש זאָל קומען יעדן טאָג דאווענען אין שול אריין „מלובש נאה ויפה” — אָנגעטאָן שיין און ציכטיק.

צוויי פון די וויכטיקסטע קאפּיטלען, זיינען געווידמעט רבנים און דיינים אין מעזריטש און דאָרט שטעלן מיר זיך אָפּ באריכות וועגן זיי. מיר ווילן דאָ בלויז צוגעבן דאָס פאָלגנדע: די קהילה האָט געהאט א רעכט אליין אויפצונע־מען א רב און דיינים. לויט ר' מרדכי פרידמאן, האָט מעזריטש אמאָל געהאט פינף דיינים. טיילמאָל האָט מעזריטש אויך געהאט א ראב״ד (ראש בית־דין). דער אמט איז נישט געווען א שטענדיקער; טיילמאָל האָט מען ספּעציעל גע־שאפן דעם אמט, כדי מפייס צו זיין א דיין, וועלכער האָט פּרעטענדירט צו זיין שטאָט־רב און ער איז עס נישט געוואָרן צוליב א מחלוקה (זע וויטער וועגן אזא מחלוקה). דיינים זיינען געווען צווייערליי: דיינים קבועים, ד. ה.

געקליבענע, בארופלעכע און סתם דיינים. איינער פון די דיינים איז געווען א „ספרא", ד. ה. דער סעקרעטאר פון בית־דין און פון אנדערע אָפיציעלע דאָקומענטן. טיילמאָל איז איינער פון די דיינים אויך געווען דער נאמן, ד. ה. דער קאסירער פון קהל און דער הויפּט־שמש.

דר. הענדל מיינט, אז די דיינים פלעגן נישט באקומען קיין שכירות פון דער קהילה, נאָר האָבן געצויגן זייער חיונה פון פּסק־געלט און אנדערע בית־דין־הכנסות. דאָס איז נישט באוויזן געוואָרן. מיר מיינען, אז די דיינים קבועים, די געוויילטע, די בארופלעכע דיינים, האָבן יאָ באקומען שכירות, בעת די אנדערע דיינים פלעגן, אפשר, ציען חיונה פון אנדערע מקורים און זיי פלעגן אויך באקומען א טייל פון די ארייננגעפלאָסענע הכנסות פון די פּסק־געלטער.

די שחיטה איז, נאטירלעך, געווען שטארק רעגולירט, וואָרים זי האָט דאָך פאַרגעשטעלט נישט נאָר אן עיקר אין יידישן טאָג־טעגלעכן לעבן — אָן וועלכער א פרומער ייד קען זיך נישט באגיין — נאָר איז אויך געווען א וויכטיקער הכנסה־קוואל פאר דער קהילה. א שוחט האָט געדארפט געבן דער קהילה א באשטימטן אָפּצאָל יערלעך, פאר זיין רעכט צו שעכטן. דר. הענדל מיינט, אז דער שוחט איז דערפאר באלוינט געוואָרן פון דער קהילה מיט א געוויסן געהאלט און ער האָט דערגענצט זיין הכנסה מיט די שכר־טירחה־געלטער, וואָס ער האָט באקומען פאר זיין שעכטן פון יעדן שטיק באזונדער. דאָס, ווי עס שיינט אונדז, שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט; מיר געפינען נישט אין קיין שום בודזשעט פון דער מעזריטשער קהילה, א פּאָזיציע פון שכירות פאר שוחטים; דאקעגן געפינען מיר דאָרט, אז שוחטים פלעגן באצאָלן א יערלעכן אָפּצאָל צו דער קהילה. מיר דרינגען פון דעם, אז דער שוחט האָט געהאט בלויז איין הכנסה־קוואל, נעמלעך, זיין שכר־טירחה. אָבער ער איז נישט געווען פריי אליין צו באשטימען די הויך פון שחיטה־געלט. דאָס באשטימען דעם אָפּצאָל פאר שחיטה, איז געווען דאָס אויסשליסלעכע רעכט פון דער קהילה. פאר שטאָטישע יידן איז געווען איין פרייז און פאר די דאָרפס־יידן, א צווייטער. פאר דער שחיטה אויף שמחות איז געווען א האלבער פרייז. עס איז אָבער אויך געווען א באוואָרעניש, בנוגע די צאָל בהמות, וואָס דער שוחט מוז שעכטן פאר א האלבן פרייז פאר די פארשידענערליי שמחות און סעודות, וואָס חברות פלעגן איינאָרדענען. בלויז דער שניידער־צעך איז געווען פריי פון יעדן פלייש־אָפּצאָל.

אין די שפּעטערע יאָרן, מיט דעם וווּקס פון דער קהילה און ווי אויך, טיילווייז, מחמת דעם געענדערטן כאראקטער פון דער קהילה, וועלכע האָט פארלוירן איר אויטאָנאָמיע, האָט זיך אויך די שחיטה־רעגולאציע געענדערט. שוחטים האָבן נישט געדינגען, אזוי צו זאָגן, די שחיטה פון דער קהילה. אמת, קהל האָט נאָך אלץ געמוזט אויפנעמען א שוחט, אָבער נאָכן אויפנעמען אים, האָט קהל נישט געהאט איבער אים צו זאָגן — אויסער אין דער פראגע פון

נישט אויפשרויפן דעם שחיטה־פרייז — ער איז געווען, אזוי צו זאָגן, זיין אייגענער בעל־הבית. ער האָט אָבער געמוזט מיט דעם שחיטה־געלט זיך טיילן מיט קהל. א טייל איז געגאנגען פאר דעם בית־דין און אנדערע הצטרכותן און די רעשט פאר אים אליין. די שוחטים האָבן אינדיווידועל נישט געהאנדלט באזונדער מיט קהל. זיי זיינען געווען שותפים און פלעגן צווישן זיך רעגולירן דעם פונאנדערטייל פון דער הכנסה. טיילמאָל, פלעגן זיי פארקויפן צו א זייטיקן מענטש די הכנסה פון דער שחיטה פון עופות... אין 1814, איז איינגעפירט געוואָרן א תקנה, לויט וועלכער דער שוחט האָט געמוזט גיין צו א פריוואטן בעל־הבית שעכטן, ווען יענער האָט געוואָלט שעכטן א בהמה־דקה, אָדער מער פון פיר גענדז. א חוץ דעם, זיינען געווען באזונדערע שוחטים פאר די דערפער. מיט דער צוריקשטעלונג פון דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט אין 1917 און צוזאמען מיט דער רעאָרגאניזאציע פון די קהילות, איז מיט די שוחטים פאָרגעקומען א ראדיקאלע ענדערונג. דער שוחט, ווי די אנדערע כלי־קודש, איז געוואָרן א קהלשער באאמטער. אלע הכנסות פון דער שחיטה האָבן געהערט צו דער קהילה און דער שוחט האָט באקומען א באשטימטן געהאלט. היות ווי ער האָט פארלוירן זיין זעלבסטשטענדיקן סטאטוס און איז געוואָרן אויסגעשטעלט צום „גוטן ווילן" פון זיינע קהילה־בעלי־בתים, איז דער שוחט געווען געצוווּנגען צו באנוצן זיך מיט מאָדערנע מיטלען, צו פארטיידיקן זיינע אינטערעסן, און איז אין מערסטנפאל, געוואָרן א מיטגליד פון א פראָפעסיאָנעלן פאריין, וועלכער איז געווען אָנגעפירט פון דער „פּ. פּ. ס." — פוילישע סאָציאליסטישע פארטיי.

אויך דער חזן און זיינע משוררים, זיינען געווען קהילה־באאמטע. דער חזן האָט געמוזט דאווענען פארן עמוד יעדן שבת און יום־טוב. א חוץ די וויכטיקע שבתים (שבת מברכים, ראש חודש און ספירה־וואָכן), ווען דער חזן האָט זיך נישט געקענט באפרייען פון דאווענען פארן עמוד, דורך שיקן א פארטרעטער — איז אויך דער חזן געווען פארפליכטעט צו דאווענען, ווען אין שול איז געווען אן אויפרוף. נאטירלעך, איז דאָ געמיינט געוואָרן פון א רייכן בעל־הבית, אָדער עפּעס א וויכטיקן תושב אין שטאָט, ווען די שול האָט געהאט דערפון א גרויסע הכנסה. אין 1815, האָט דער חזן באקומען 16 גילדן וועכנטלעך. ער האָט אויך גענאָסן פון ספּעציעלע הכנסות (חנוכה־געלט, פּורים־געלט, חתונות, תנאים און בריתן א. אז. וו.). דער משורר־ראשון, דאָס מיינט דער הויפּט־זינגער, א כמו חזן־שני, האָט באקומען 5 גילדן וועכנטלעך און דאָס רעכט צו קלייבן נדבות פאר זיך יעדן ערב שבת ויום טוב. די אנדערע משוררים, האָבן קיין באשטימטע שכירות נישט באקומען; זיי „עסן טעג" ביי בעלי־בתים לויט א געוויסער אָרדענונג, וואָס ווערט אויסגעארבעט פון קהל (דאָס איז, הפּנים, געטאָן געוואָרן, כדי אויסצומיידן די מעגלעכקייט, אז איינער זאָל זיך איינשאפן א גוטן פּלאץ צו עסן און די אנדערע זאָלן דורכדעם ליידן). אין

1795, איז געווען א תקנה, אז פאר נישט דאַווענען פאַרן עמוד א שבת, פאַר־לירט דער חזן די שכירות פון דער וואָך (32). דר. הענדל ברענגט אויך דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, אז קהל האָט באַשטימט (1858) א לעבנסלענגלעכע פענסיע פאַר זייער חזן ר׳ נפתלי הערץ בן יצחק הלוי, שטאָט־חזן פאַר 14 יאָר, ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. איינע פון צווישן די אַלטע תקנות, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן פון די חזנים ביז דעם ערשטן וועלט־קריג, איז געווען, דער חוב פון דעם חזן צו דאַווענען נעילה אין דעם שניידער־שילעכל.

באַציאונגען צווישן דער קהילה און די מאַכט־אָרגאַנען

מעזריטש איז געווען א פּריצישע שטאָט און אַלס אַזעלכע, איז דער הויף געווען דער הויפּט בעל־הבית און דעה־זאָגער איבער די יידן. מחמת דעם, האָט די שטאָט־פּאַרוואַלטונג קיין גרויסע דעה נישט געהאַט איבער די מעז־ריטשער יידן און זייערע באַשטייערונגען צו דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג איז געווען קלענער, לערך צו דעם שטייער, וואָס יידן אין נישט־פּריצישע שטעט האָבן געצאָלט דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג. די יידן זיינען אויך געווען אונטער־געוואָרפן דעם שטאָטישן געריכט, אין ציוויל־ און שטראָף־ענינים צווישן ייד און קריסט. א שבועה האָט דער ייד אָפּגעגעבן ביים רב. דער הויף איז אָבער געווען שטאַרקער פון דעם שטאָטישן געריכט און אין אַלע ענינים, האָט דער באַשולדיקטער ייד געקענט אַפּעלירן צום הויף, קעגן דעם פּסק־דין פון שטאָ־טישן געריכט און אַפילו קעגן דעם פּסק פון בית־דין. נאַטירלעך, האָט קהל נישט געוואָלט, אז יידן זאָלן אַפּעלירן צום הויף קעגן די פּסקים פון בית־דין. וואָרום די קהילה האָט בכלל נישט געוואָלט, אז דער „הויף", אז גויים, זאָלן זיך אריינמישן אין דעם אינערלעכן לעבן פון די יידן. אָבער דאָס איז דער קהילה נישט געלונגען. דר. הענדל (33) שטעלט פעסט אויפן סמך פון די דאָ־קומענטן, וואָס ער האָט אונטערגעזוכט, אז דער הויף פלעגט זיך אריינמישן און דעצידירן, אין גאָר א גרויסער מאָס, אין אינערלעכע קהילה־ענינים. דער הויף פלעגט פּסלען דיינים, אָפּזאָגן מנהיגים און אליין באַשטימען קהילה־פּאַר־שטייער. אַזוי דערציילט ער, וועגן א סיכסוך וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 1760, צווישן א דיין און איינעם פון די מנהיגים פון איין זייט, מיט עטלע־כע איינפלוסרייכע יידן פון דער אנדערער זייט. דער הויף האָט זיך אריינגע־מישט און דער „אדון־הגדול, יעגאָמאָשטש פּאַן קאָמיסאַרזש יר"ה" האָט דער־ווייטערט דעם דיין און דעם מנהיג פון זייערע אמטן און צוגענומען פון זיי די אקטיווע און פּאַסיווע וואַל־רעכט, סיי אין קהל און סיי אין דער חברה־קדישא. כדי צו וואָרענען אנדערע, באַפעלט ער אויך, מפרסם צו זיין דעם פּסק זיינעם אין בית־המדרש און אין שול. שפּעטער האָט דער קאָמיסאַר צו־ריקגעצויגן די שטראָף.

9 יאָר שפּעטער, פּסלט ער צוויי דיינים, מחמת די מסירות אויף זיי, אַז זיי זיינען רודפי בצע און אויף זייער אָרט באשטימט ער 6 אנדערע. דער קאָמיסאר דערמאָנט אויך די יידן, אַז זיי קענען אפּעלירן צום הויף קעגן אַ פּסק פון בית־דין; אָבער די אפּעלאציע מוז גלייך געמאָלדן ווערן ביים לייענען דעם פּסק.

וועגן נאָך אַן אינטערוועניץ פון דעם הויף אין אינערלעכן יידישן לעבן, דערציילט דר. הענדל אין זיין שווין אָפּט־דערמאָנטער ארבעט:

אין יאָר 1781 האָט קהל, אויף יום כפּור, צוזאמענגעשטעלט אַ ליסטע פון מנדבים לטובת די אָרעמעלייט, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אריין אויף די ימים־טובים. איינער אַ ר׳ חיים בן מרדכי, וואָס ווערט באצייכנט אלס „זנאַטשנייישי וו׳ מיענדזירזשעצו גאָספּאָדאַרזש אי קופּיעץ" — באדייטנדער מעזריטשער בעל־הבית און סוחר — האָט באטראכט דעם צוזאמענשטעל פון דער רשימה אלס אומגעזעצלעך און ווען דער שמש איז מיט דער ליסטע געקומען אויפמאָנען פון אים די נדבה, האָט ער די ליסטע צעריסן. ר׳ לוי בן יעקב (פּילייכט דער גבאי־צדקה) האָט צונויפגערופן אַן אסיפה פון 14 יידן, צווישן זיי אויך פאַרשטייער פון קהל, און די אסיפה האָט ארויסגעטראָגן אַ פּסק, לויט וועלכן ר׳ חיים איז דערקלערט געוואָרן אלס „עוכר ישראל". ר׳ חיים האָט אפּעלירט צום רב (דעמאָלט איז אין מעזריטש געווען רב, ר׳ אברהם בר׳ יהודה ליב, וועגן וועמען מיר שרייבן שפּעטער) און ער האָט מבטל געמאכט דעם פּסק. ר׳ חיים האָט זיך אָבער נישט צופרידנגעשטעלט מיט דעם אליין און ער האָט אפּעלירט צום הויף. דער הויף האָט זיך אינגאנצן געשטעלט אויף זיין צד און אפילו געהאט בדעה אראָפּזעצן, אלס שטראָף, די אמטירנדיקע קהילה־פאַרוואלטונג; אָבער רעכענענדיק זיך מיט דעם פאַקט, וואָס אין דער פאַרוואלטונג געפינען זיך עטלעכע וויכטיקע פּערזאָנען, האָט ער עס נישט געטאָן. דער הויף־קאָמיסאר באפעלט אָבער אויסצומעקן דעם פּסק פון דעם פּנקס און די אָנטיילנעמער אין דער אסיפה, זאָלן ר׳ חיימן עפנטלעך איבערבעטן שבת אין שול. נאָך פּסקנט דער קאָמיסאר: אויב ר׳ חיים וועט ערגעץ־ווו אין דער פרעמד ליידן צוליב דעם פּסק, דאַרף יעדער איינער וואָס האָט אָנטיילגענומען אין דער אסיפה, באצאָלן אים אַ קנס פון 100 רויטע גילדן (אַן ערך פון 1.800 פּוילישע גילדן).

כאָטש קהל איז געווען קעגן דער אינטערוועניץ פונעם הויף, געפינען מיר, אַז מיט פינף יאָר שפּעטער, אפּעלירט קהל צום הויף, אין אַ סיכסוך מיט דעם שניידער־ציעך (34).

אין 1793 — דערציילט דר. הענדל — האָבן זיך צעוווערטלט, ביים באַהאנדלען די פראגע, ווי אַזוי צו רעגולירן דאָס צושטעלן פון פּראָוויאנט צום רוסישן מיליטער, דער ראש הקהל ר׳ אשר בר׳ חיים און דער אָנגעזעענער סוחר ר׳ וואָלף בר׳ יצחק (מיר מיינען, אַז ער איז געווען דער פאָטער פון

דעם עושר ר׳ ארוש מינץ, וועגן וועמען מיר וועלן שפּעטער שרייבן, באַקאַנט אַלס ר׳ וואָלף פּאָסעסאָר). ר׳ אשר האָט דאַן געפּאַטשט ר׳ וואָלפן. ר׳ וואָלף ווענדעט זיך צום הויף און דער הויפישער געריכט נעמט זיך אָן זיין קריוודע און דערוויטערט ר׳ אשרן אויף 6 יאָר פון יעדן קהלשן אמט; אַ חוץ דעם, מוז ר׳ אשר עפנטלעך בעטן מחילה ביי ר׳ וואָלפן. ר׳ אשר האָט זיך שפּעטער באַמיט ביים פּריץ אַליין (דער פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי — מ. ע.) און יענער האָט די שטראָף פון זעקס יאָר, אויסגעביטן אויף זעקס חדשים.

דער הויף איז געווען דער אייגנטלעכער בעל־הבית איבער די יידן פאַר עטלעכע יאָרהונדערט, ביז מעזריטש, ווי אַלע אַנדערע פּריצישע שטעט, איז באַ־פרייט געוואָרן פון דער פּריצישער הערשאַפט, אין צווייטן העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.

אַ חוב וואָס מעזריטשער קהל איז געווען שולדיק דעם קהל פון ווילנע

דער דאָזיקער דאָקומענט, איז געווען פאַרשריבן אין דעם נייעם פּנקס פון מעזריטש, אָבער ער שטאַמט פון אַן עלטערן פּנקס, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנ־גען. מיר לייענען דאָרט:

„...הראש הנגיד... מוהר״ ישראל... פון ק״ק בריסק*). היות די אלופים פון קהל... פון... מעזריטש... האָבן זיך מתחייב געווען אַריינצוטראָגן אין דער קאַסע פון די רוזנים און קצינים פון ווילנע 150 גילדן יערלעך. און, היות, דער איבנדערמאָנטער ר׳ ישראל האָט אָפּגעקויפט די אויבנדערמאָנטע הכנסה פון די רוזנים, אַז די הכנסה זאָל זיין זיינע אין משך פון זעקס יאָר און די התחייבות און די באַפולמעכטיקונג, וואָס די אויבנדערמאָנטע רוזנים האָבן אויף די אלופי־קהל פון ק״ק מעזריטש, געהערט, מיט דער צושטימונג פון די אויבנדערמאָנטע רוזנים, צום נגיד... ר׳ ישראל, וואָס ווערט אויבן דערמאָנט, און, היות, היינט צו טאָג האָט דער אויבנדערמאָנטער ר׳ ישראל אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער האָט באַקומען פון די אלופי־קהל פון... מעזריטש די גאַנ־צע סומע, וואָס איז געקומען פאַר די גאַנצע זעקס יאָר, ביז דער לעצטער פּרוטה — וועט דערפאַר נישט מער געהערט ווערן דאָס קול פון דעם מאָנער פון דער התחייבות, וואָס מעזריטש האָט געהאַט לגבי דעם אויבנדערמאָנטן ר׳ ישראלן. דאָס אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויבן, איז געמאַכט געוואָרן פאַר אונדז מיט אַן אַבסאָלוטער דעקלאַראַציע, על פי תורת חז״ל... און קיין שום שבועה און גזירה רעה... און כדי עס זאָל זיין אין זייערע הענט (מעז־

*) זע פאַטאָסטאַט (1) פון ר׳ יעקב שפּיראָס אָפּשריפט, געשיקט צו פּראָפ. דובנאָוו, וואָס מיר גיבן צום סוף בוך.

ריטשער קהל — מ. ע.) א באווייז, האבן מיר געחתמעט, היום יום ה׳ ח״י שבט תצ״ב (1732) לפ״ק פה ק״ק ווילנא... די רייד פון צבי הירש במוהר״י סג״ל זלה״ה און די רייד פון מאיר באמו״ר... יצחק אייזיק גינצבורג״.

דערנאך קומט די צושריפט פון דעם סופר, וועלכער האט געמאכט די קאפיע און דעם פנקס. ער שרייבט אזוי:

„כדי עס זאל בלייבן א צייכן און א דערהאלט פאר די קומענדיקע דורות, שום שבועה און גזירה רעה... און כדי עס זאל זיין אין זייערע הענט (מעז־

ריטשער קהל — מ. ע.) א באווייז, האבן מיר געחתמעט, היום יום ה׳ ח״י שבט תצ״ב (1732) לפ״ק פה ק״ק ווילנא... די רייד פון צבי הירש במוהר״י סג״ל זלה״ה און די רייד פון מאיר באמו״ר... יצחק אייזיק גינצבורג״.

דערנאך קומט די צושריפט פון דעם סופר, וועלכער האט געמאכט די קאפיע אין דעם פנקס. ער שרייבט אזוי:

„כדי עס זאל בלייבן א צייכן און א דערהאלט פאר די קומענדיקע דורות האב איך קאפירט פון דעם אריגינאל אות ביי אות, ווי געקריצט מיט אן אייזערנער פען און בליי, כדי ס׳זאל נישט פארלוירן גיין. דאנערשטיק, 25 טעג אין אייר, תקט״ו (1755)... יעקב בר׳ אשר זצלה״ה דיינא וספרא (דיין און רעקארדער) בק״ק מעזריטש...״

דער דאזיקער דאקומענט איז וויכטיק צוליב צוויי זאכן: ערשטנס, צוליב דעם עצם פאקט, אז מעזריטש האט געהאט, ווי עס שיינט, אן אלטע מאנע־טארע התחייבות צו ווילנע. א שאד, וואס דער דאקומענט דערציילט נישט, ווי אזוי מעזריטש האט זיך פארשולדיקט צו ווילנע און צוליב וואס? ווי קומט מעזריטש בכלל צו ווילנע? און צווייטנס, עס ווייזט אויף די פרנסות פון יידן אין דעם וויטן אמאל; זיי פלעגן אפקויפן חובות און זיי אויפמאנען. דאס איז, אייגנטלעך, נישט קיין פרעמדע און אויסטערלישע זאך, אפילו היינט; נאר, היינט צו טאג הייסט דאס א באנק־טראנזאקציע און האט נאך דערצו שיינע הויך־קלינגענדיקע נעמען. אמאל האט עס פשוט געהייסן ארענדע, פאכט, וואס האט ביי טייל יידן ארויסגערופן א שלעכטן ביי־געשמאק.

די קהילה־הכנסות פארן יאר תק״ח—תק״ט (1748—1749)

דער אויבנדערמאנטער ר׳ יעקב בר׳ אשר, דיינא וספרא, האט אויך פאר־שריבן די פאלגנדע באריכטן פון דער קהילהס הכנסות און הוצאות:

1. „די קאראבקע (דאס איז דער אומדירעקטער שטייער — מ. ע.), וואס הויבט זיך אן ר״ח כסלו תק״ח און ענדיקט זיך ר״ח כסלו תק״ט, איז גע־וואָרן פארפאכטעט צו די אלופים (משמעות, זיי זיינען געווען מיטגלי־דער פון דער קהילה־פארוואלטונג — מ. ע.) מ׳ יצחק במ׳ מאיר און מ׳

קאַפּיל בר"מ פאר 148 רענדלעך (אָדער דוקאטן — מ. ע.) לויט די באַדינגונגען וואָס זיינען פארצייכנט דאָ (אין פנקס — מ. ע.) 19טער בלאט. אויף דעם חשבון, האָבן די אויבנדערמאָנטע פאכטערס געגעבן 76 רענדלעך, 5 גילדן און 6 גדולים, דהיינו, צוזאמען מיט דער סומע פון 305 גילדן מיט 6 גדולים וואָס איז איינקאסירט געוואָרן פון די בעלי־בתים פאר סכום-וועגן, איז נאָך געבליבן ביי זיי, נאָכן אראָפּרעכענען 50 גילדן פאר דעם נאמן און 50 גילדן פאר דעם שמש ר' אבוש, א סומע פון 1.780 גילדן, 19 גדולים; זיי האָבן דערויף געגעבן דריי וועקסלען מיט זייערע התימות; איין וועקסל אויף 40 רענדלעך, וואָס וועט ווערן פעליק דעם קומענדיקן ר"ח סיון; אויף דעם וועקסל איז אויפגעשריבן א קבלה, אויף 15 רענדלעך; און נאָך צוויי וועקסלען אויף 1.224 גילדן, וואָס איינער וועט זיין פעליק אין ר"ח אלול תק"ח און דער צווייטער ר"ח כסלו תק"ט; א חוץ דעם, קומט פון די אויבנדערמאָנטע פאכטערס נאָך 119 גילדן, וואָס ווערט אויך פעליק דעם קומענדיקן ר"ח סיון. אויף דעם חוב איז נישטאָ קיין וועקסל.

2. די קאָראָבקע פון וועגן („אורחים" — זאָל עס זיין א מין פאטענט, וואָס דאָרפס-גייער האָבן געמוזט ארויסנעמען פון דער קהילה, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען חזקה? — מ. ע.) און פון וואָג, וואָס הויבט זיך אָן ר"ח תמוז תק"ז און ענדיקט זיך ר"ח תמוז תק"ח (ווייזט אויס, אז די הכנסה, ווי אויך די פאָלגנדע הכנסה, כאָטש זיי זיינען נישט שטרענג אין די ראמען פון דעם בודזשעט תק"ח—תק"ט, זיינען אריינגערעכנט געוואָרן אין דעם בודזשעט פון דעם יאָר תק"ח—תק"ט. — מ. ע.), — איז געוואָרן פארפאכטעט צו ר' דוד חר"ץ (חברת רודפי צדק?) פאר 36 רענדלעך. נאָך דעם ווי מען האָט אים געמאכט א הנחה פון איין רענדל, האָט ער אָפּגעצאָלט די גאנצע סומע ביז דער לעצטער פרוטה.

3. די שחיטה, וואָס הויבט זיך אָן ח"י (18) אייר תק"ז און ענדיקט זיך ח"י אדר תק"ח, איז פארפאכטעט געוואָרן צו ר' יהושע שוחט פאר 130 גילדן. ער וועט די ראטעס (פון דער סומע) אויסצאָלן צום רב אב"ד פון אונדזער קהילה, ווי ס'ווערט דערמאָנט אין דעם אָפּטייל פאר הוצאות.

סך הכל פון דער הכנסה

4. איינקאסירטע געלט פאר סכום, אויסער פארלענגערונגען (אין טעקסט ווערט גענוצט דאָס וואָרט „פיזור", וואָס מיינט אויסברייטערן, צעשפּרייטן), משכנות און רעשטל, וואָס ווערט דערמאָנט... איינקאסירט געלט פאר פּאָגלאָווני (קאָפּ־שטייער אין פּויליש) 201 גילדן, 15 גדולים מזומנים.

——— 1.047 גילדן, 11 גדולים

פון ר' אברהם ביאלער, פאר א הויז וואָס
ער האָט פארקויפט אין אונדזער קהילה... 2 רענדלעך ——————
סך הכל —————————— 8.705 גילדן, 22 גדולים.
אויסער די סומע פון 1.780, מיט 19 גדולים וואָס די פאכטערס פון דער טאקסא דארפן ארייננטראָגן".

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז קאַראָבקע, וואָס ווערט געוויינלעך פארשטאנען אלס אומדירעקטער שטייער און טקסא (טאקסע) אלס דירעקטער שטייער — ווי מיר זעען עס פון אנדערע בודזשעטן, — ווערט דאָ צונויפגעמישט. דער ספרא ודיינא רופט אָן די קאַראָבקע אויך טקסא.

דער שטייער וואָס קצבים האָבן געצאָלט

אין דער זעלבער קאַפּיטל, געפינען מיר אויך אן אויספירלעכן באריכט וועגן דעם אָפּצאָל, וואָס קצבים האָבן געמוזט ארייננטראָגן אין קהלס קאסע, אָדער צום פאכטער פון דער קצבישער ארענדע. עס איז קלאָר פון דעם, אז ווי ביליק עס זאָל נישט האָבן געווען אין יענע צייטן די פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, איז פלייש אלץ געווען א לוקסוס־ארטיקל, מחמת דער קאַראָבקע.

אָט וואָס דער זעלבער ר' יעקב בר' אשר האָט ארייננגעשריבן אין פנקס *):

„לויט די תקנות פון אונדזער קהילה יצ"ו (ישמרה צורה וגאולה), וועלכע שטאמען פון אלטע צייטן, איז די קאַראָבקע, וואָס די זובחי־צדק (קצבים) דארפן צאָלן, אזעלכע: פאר א כשרה בהמה — צוויי גילדן און זיבן גדולים (30 גדולים אין א גילדן) און פון א טריפה בהמה — איין גילדן און 19 גדולים; פון א גרויס קאלב — א האלבער גילדן.

„מיט א יאָר צוריק, האָט מען געמאכט נייע תקנות. מען האָט געציילט די שטימען און א מערהייט האָט באשלאָסן און עס איז מוסכם געוואָרן פון די אלופי־קהל, אז די אלופים פון קהל זאָלן פון איצט אָן, נעמען פאר קאַראָבקע פון די קצבים אלע פעלן, סיי פון כשרע און סיי פון טריפה־געוואָרענע בהמות. אָבער, היות אזוי ווי מען האָט דעמאָלט נישט גענומען אין אכט, אז אין אונדזער קהילה איז נישטאָ קיין קונה אויף טריפה פלייש און עס איז ממש „לכלב תשליכון אותו — איר זאָלט עס ווארפן צום הונט" (א פסוק אין תורה) און, היות דאָס איז שלעכט (פאר די קצבים — מ. ע.), האָבן די אלופים פון קהל יצ"ו איינגעזען, צו מאכן א תקנה פאר די קצבים, אראָפּצונעמען פון זיי דעם שווערן יאָך, אז זיי זאָלן געבן די פעלן נאָר פון די כשרע בהמות און פאר די פעלן פון די טריף־געוואָרענע בהמות זאָלן די אלופים פון קהל צאָלן די קצבים, פאר א פעל פון א טריפהנע בהמה — צוויי גילדן און 15 גדולים; פאר

*) זע פאַטאָסטאַט (3), וואָס מיר ברענגען צום סוף פון בוך.

א פעל פון א האלבער גסה (א גסה איז א גרויסע בהמה ווי א קו; א האלבע גסה איז א יאַלאָווקע — מ. ע.) — איין גילדן דריי פשוטים (18 פשוטים אָדער קטנים אין איין גדול. דאָס איז געווען די קלענסטע מטבע); פאַר א פעל פון אלערליי טריפהנ'ע דקות (א דקה רופט זיך א קאלב, א שעפּס און א ציג), — זעקס (גדולים?).

„אָבער נישט אלע צייטן זיינען גלייך; וואָרום, דאָס וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, איז געווען אָנהויב כסלו תקט"ו (1755). דעמאָלט איז דער פּרייז פאַר א פעל פון א גסה געווען זיבן גילדן און די פעל פון א האלבער גסה — פיר גילדן מיט 15 גדולים; די פעל פון א גרויס קאלב — אכט צע־נערס (אַ צענער איז א קופּערנע מטבע פון 10 גדולים; מאכט עס אויס צוויי גילדן מיט 20 גדולים). בכן, אלץ איז אָפּהענגיק פון דעם קורס פון די פעלן אין יעדער צייט. מחמת דעם האָבן די אלופים... רעכט בעסער צו מאכן אָדער שוואכער צו מאכן דעם כוח פון די קצבים.

„אויך דאָס, נעמלעך, די אלופי הקהל... זיינען נישט מחויב צו צאָלן פאַר די פעלן פון די טרפות אין מזומנים, נאָר זיי זאָלן זיך פירן לויט די אופנים וואָס ווערן דאָ ווייטער אויפגעקלערט...

„היות ווי... דער תורני מוהר"י לאזיל... האָט געפּאכטעט די קצבישע קאָראָבקע פון די אלופים... אויף צוויי יאָר, פון ר"ח כסלו תקי"ב (1752) ביז ר"ח כסלו תקי"ד (1754) אויף די אויבנדערמאָנטע באדינגונגען, דהיינו, אז ער זאָל נעמען פון (פון די קצבים אָנשטאָט געלט) די פעלן פון אלע בהמות, סיי גסות און סיי דקות, סיי פון כשרע און סיי פון טריפהנע — ווי מיר וועלן עס ווייטער אריינטראָגן אין דעם אָפּטייל פון הכנסות פאַר די אויבנדערמאָנטע צוויי יאָר — און דער אויבנדערמאָנטער האָט געגעבן פאַר דער קאָראָבקע א הויכן פּרייז, מער ווי ער האָט געדארפט געבן. והא ראיא: פאַר די אויבנדער־מאָנטע צוויי יאָר, האָט ער באצאָלט פאַר יעדעם יאָר א סומע פון 180 רענד־לעך (אין 18טן יאָרהונדערט איז א רענדל געווען 18 גילדן אין קופּערנע מטבעות), בעת פאַר דעם דריטן יאָר, פון ר"ח כסלו תקי"ד ביז ר"ח כסלו תקט"ו, האָבן די אלופים... גענומען פאַר דער קאָראָבקע 150 רענדלעך ווי ס'ווערט ווייטער דערמאָנט אין דעם אָפּטייל פון די הכנסות פון דעם יאָר... צוליב דעם האָט מען אים געגעבן, געשריבן, געחתמעט אין די קאָנטראַקטן, דאָס רעכט צו אוואנסירן דאָס קצבים־געלט אויף איינצוקויפן בהמות, ביז צו א סומע פון 800 פּוילישע גילדן. ווען ס'וועט קומען די צייט און זיין פּאכט וועט זיך ענדיקן, זיינען די אלופים פון קהל... פאַרפּליכטעט אומצוקערן צום אויבנדערמאָנטן ר"י לאזיל דעם חוב פון די קצבים, ביז 800 גילדן פון דער קהלשער קאסע. דאָס איבעריקע געלט, וואָס די קצבים וועלן אים בלייבן שול־דיק, זאָל בלייבן ליגן אויף „קרן־הצבי" (דער האָרן פון א הירש; דאָס מיינט

צו זאָגן, אז ער קען נישט פון קיינעם אויפמאָנען דאָס געלט, אויב די קצבים וועלן נישט קענען אָפּצאָלן דעם חוב. — מ. ע.).

„יוען דער טאָג איז געקומען און די ארענדע איז אָפּגעלאָפן, היינו, ר"ח כסלו תקט"ו... האָט קהל עקזאמינירט דעם רייסטער פון ר"י לאזיל און לויט דעם, קומט אים פון די קצבים, לויט חשבון־צדק וואָס זיי האָבן צווישן זיך געמאכט, אן ערך פון 50 רענדלעך און מער. און די אלופים זיינען מושווה געוואָרן מיט ר"י לאזיל, אז זיי זאָלן אים געבן פאר דעם חוב פון די קצבים 700 גילדן און די קצבים, פון זייער זייט, זאָלן צוריקצאָלן דעם חוב פון 50 רענדלעך צו די אלופים... מיט די פעלן פון די טריפות, לויט דעם ווי עס ווערט דערמאָנט פריער (לויט די פעסטגעשטעלטע פרייזן. — מ. ע.), ביז זיי וועלן אָפּצאָלן דעם חוב פון 50 רענדלעך. ווען זיי וועלן זיין פריי פון זייער חוב, דעמאָלט וועלן די אלופים פון קהל מוזן צאָלן פאר די פעלן פון די טריפות מיט מזומנים. יעדער קצב וועלכער וועט זיך פעדערן (און אָפּצאָלן זיין חלק חוב. דער חוב איז, בכן, נישט געווען קיין קאָלעקטיווער, נאָר אן אינדיווידועלער. — מ. ע.) וועט האָבן זוכה געווען (דאָס מיינט צו זאָגן, וועט באקומען באצאָלט פאר די פעלן פון זיינע טריפות מיט מזומנים. — מ. ע.).

„דאָס אלץ וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, איז באשלאָסן געוואָרן אויף דער אסיפה פון גאנצן קהל, און כדי עס זאָל בלייבן פאר די קומענדיקע דורות א צייכן און אן אויפהאלט, האָב איך עס אויפגעשריבן און געחתמעט פונקט ווי געקריצט מיט אן אייזערנער פען און בליי, כדי דער אמת זאָל בלייבן. ב"ה, דינסטיק, 24 טעג אין כסלו תקט"ו... יעקב... ב"ר אשר זצלה"ה דיינא וספרא דק"ק מעזריטש".

דער גענויער חשבון מיט ר"י לאזיל

„ר"י לאזילן איז געקומען 800 גילדן...... לויט די קאָנטראקטן וואָס ער האָט געהאט פון די אלופים.... לויט וועלכע די אלופים זיינען מחויב אומצו־קערן צום אויבנדערמאָנטן ר"י לאזיל די סומע פון 800 גילדן (פון די קצבישע חובות — מ. ע.) אין ר"ח כסלו תקט"ו... אָבער, היות די אלופים... האָבן גע־האט א טענה צו ר"י לאזילן, זיינען זיי מושווה געוואָרן מיט אים צו געבן אים בלויז 700 גילדן. ערב פסח תקט"ז (1756) האָבן זיי אים געגעבן 20 רענדלעך און האָבן אים געגעבן א וועקסל אויף נאָך 20 רענדלעך, געחתמעט פון ר' יעקב בר' אשר (טאקע דער זעלבער ספרא ודיינא. — מ. ע.) און עס איז אויסגעשטעלט אויף ר"ח כסלו תקט"ז. דעם קרן און די רווחים דארף ער באקומען אָפּגעצאָלט אויפן יריד וויסאָקי, וואָס קומט פאָר אין זומער פון יאָר תקט"ז".

הכנסה פון יאָר תקט"ו — תקט"ז

1. טקסא *) פון סכום און אנדערע איינקאסירטע געלטער, וואָס זיינען איינגעפלאָסן אין דעם יאָר (תקט"ו) האָבן באטראָפן 114 רענדלעך ווייניקער 1 גילדן, 15 גדולים און 2 טפלים (דריי טפלים איז א גדול).

2. די קאַראָבקע פון די קצבים, וואָס הויבט זיך אָן ר"ח כסלו תקט"ו און ענדיקט זיך ר"ח כסלו תקט"ז.... האָבן די אלופים פון קהל..... גענומען אויף זיך לטובת דער קהילה... ערב פסח תקט"ו האָבן זיי באקומען פון דער אויבנדערמאָנטער קאַראָבקע — 98 רענדלעך. אין דעם יאָר האָבן די אלופים פון קהל... באקומען פון דעם קאַראָבקע־געלט — נאָך 93 רענדלעך, 10 גילדן, 9 גדולים און איין טפל, דהיינו, מיט א פעל פון א נישט־קאסטרירטן אָקס און מיט א פעל פון א גרויסן קאלב פון הויף (?). קומט אויס אז די אלופים..... האָבן דערהאלטן פון דער קצבישער קאַראָבקע די סומע פון 182 רענדלעך, 10 גילדן, 9 גדולים און 1 טפל.

3. די שחיטה וואָס הויבט זיך אָן פון ר"ח אלול תקט"ז איז פארפאכטעט געוואָרן צו די שוחטים פאר א סומע פון 130 גילדן און די סומע איז געגעבן געוואָרן צום חזן.

4. סך הכל פון אלע הכנסות פון דעם גאנצן יאָר...... 460 רענדלעך ווייניקער 1 גילדן, 28 גדולים און 1 טפל".

לויט דעם חשבון פון דעם דעמאָלטיקן קורס פון 13 גילדן מיט 18 גדולים דאָס רענדל, באקומט זיך די אלגעמיינע סומע פון דער הכנסה: סך הכל...... 7726 גילדן, 1 גדול מיט 2 טפלים.

הוצאות

1. הוצאה אין קאָסטאַנטין *) אויסצופועלן הנחות אויפן חשבון פון דעם קאָפּ־שטייער פאר א משך פון 7 יאָר צייט און האָבן (די שליחים פון מעזריטשער קהל. — מ. ע.) געגעבן חתימה־געלט צו די רוזנים פון די ארבע ארצות און צו ליפּאָוועץ (? אין טעקסט איז געשריבן וליפוץ) און אויך צו קאָפּהיינער (טעקסט — קאפהיינר). ווי אויך חתימה־געלט וואָס זיי האָבן געגעבן צום דאָרטיקן פּאַן קאָמיסאַר פלאשטשינסקי, וואָס באטרעפט 30 רענדלעך, 200 גילדן, לויטן חשבון פון דעם קורס פון רענדל 13 גרו"ש (א גרו"ש איז 1 גילדן מיט 8 גדולים, פויליש) מיט 1 צענער, מאכן אויס 11 רענדלעך, 12 גילדן מיט 5 גדולים.

2. קאָפּ־שטייער — 23 רענדלעך.

*) אין זעלבן פאַטאָסטאַט (3), אין סוף בוך.

*) זע פאָטאָסטאַט (2), צום סוף בוך.

3. הוצאה פאר דעם טשעכאָנאָווער רב ווען ער איז געווען אין אונדזער קהי־לה — אויף האָבער, ווישניאַק און קאַפּאָן (האָן)...... 7 גילדן, 19 גדולים.
4. צום פּאָדוואָיעוואָדני.... 11 רענדלעך.
5. אויסגאַבן פאר אים אויף די ירידים און נישט ירידים — פלייש, האָניק אין האָבער פון היי פאר אים און זיינע דינער... 31 גילדן, 27 גדולים.
6. היזק פון די רענדלעך, וואָרום ער האָט באַקומען רענדלעך לויטן דאַנצי־קער שטיין (א וואָג)...... 12 גרי"ש (15 גילדן, 6 גדולים).
7. צום הער גלח אָפּיציאַל פון ביאַלע — פּראָצענטן פון דער הלואה פון 191 רענדלעך, וואָס מען האָט ביי אים גענומען אויף א זמן פון 25 טעג, אין שבט תקי"ב, ביז חגא יאָהאַנים תקט"ו. פּראָצענט פאר דריי און א האלב יאָר...... 46 רענדלעך, 13 גילדן, 25 גדולים.
8. צום אויבנדערמאָנטן גלח נאָך..... 5 רענדלעך (פון דער סומע פון 10 רענדלעך פּראָצענט וואָס קומט אים יעדעס יאָר פון דער אַלטער הלואה), עס קומט אים נאָך 5 רענדלעך, א חוץ די פּראָצענטער, וואָס קומט אים פאר דער צייט פון חגא יאָהאַנים תקט"ו פאר די הלואה פון די אויבנ־דערמאָנטע 191 רענדלעך און פאר די הלואה פון 118 רענדלעך, וואָס מען האָט פון אים געבאָרגט אין דעם יאָר, וואָס מאַכט אויס צוזאַמען...... 21 רענדלעך, 11 גדולים.
9. צום גלח מאָשוסטקי, לויט דעם פּסק פון דעם גרויסן פּאַן קאָמיסאַר גאָרסקי יר"ה (ירום הודו)..... 92 גרו"ש, 1 צענער (100 גילדן, 26 גדו־לים)".

לויט דעם אויפגעשטעלטן חשבון, באַקומען מיר א סומע פון 1.429 גילדן, 9 גדולים, וואָס איז אוועקגעצאָלט געוואָרן בלויז פאר פּראָצענט אליין, אויף אן אלגעמיינע הכנסה פון 7.726 גילדן, וואָס איז קנאַפּע 19 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער הכנסה.

דר. הענדל, אין זיין ארבעט וועגן „די מעזריטשער פּנקסים", וועלכע ער האָט געהאַט אין זיין האַנט, דערציילט באַריכות, וועגן דעם אינהאַלט פון דעם שטאָט־פּנקס, וועלכער הויבט זיך אָן פון יאָר תק"ז (1747). דאָס שטימט, לערך, מיט דעם אויבנדערמאָנטן אויסצוג, וואָס שפּירא האָט געשיקט צום פּראָפעסאָר דובנאָוו. דער פּנקס שליסט זיך מיט דעם יאָר תקפ"א (1821). דער פּנקס איז אָבער נישט געווען קיין גאַנצער; עס האָבן געפעלט 91 זייטן אין אָנהויב און אויך אינדערמיטן האָבן געפעלט א סך בלעטער..

אין דעם פּנקס, האָט ער געפונען פאַרצייכנט קהילהשע אָפּמאַכן מיט שכנותדיקע קהילות; אָפּמאַכן צווישן דער קהילה מיט פאַרשידענע חברות, ווי חברת ש"ס, חברה חייטים א. א. אָפּמאַכן מיט כלי־קודש, נעמען פון די מיט־גלידער פון די קהילה־פאַרוואַלטונגען, החלטות און אינסטרוקציעס פון די בוררים. צווישן די טיטולן, וואָס מיר געפינען, מיט וועלכע די קהילה־פירער

זיינען געקרוינט געוואָרן, זיינען פאַראַן — ראשים, טובים, מנהיגים, גבאים, רואי־חשבון (רעוויזיע־קאָמיסיע פון די קהילהשע הכנסות און הוצאות), משגי־חים, עקורים, יושבי תמידין, שמונה קרואי עדה, בעלי סכומות גבוהות (ד. ה. יענע, וואָס האָבן געצאָלט א הויכן קאָפּ־שטייער), שומרי־תיקונים, גבאי־נשים, גבאים פון שיל און בית־המדרש, בוררים, שמאים, סתם דיינים און דיינים קבועים (אָן זיי האָט מען נישט געקענט פּסקנען קיין דין־תורה), ידיעות וועגן די קהילה־פינאַנצן, פראַגמענטן פון בודזשעטן און דער גאַנצער בודזשעט פאַר די יאָרן 1759/1760 און 1760/1761. די הכנסות פאַר דעם לעצטן יאָר, האָבן אויסגעמאַכט 7.610 פּוילישע גילדן. די הוצאות דעקן זיך מיט דער הכנסה; אָבער אין הוצאות איז איינגעשלאָסן דער ציפער פון 2.084 גילדן, וואָס מ'ען האָט אויסגעגעבן אויף פּראָצענט, פאַר פאַרשידענע הלוואות — קנאַפּע 28 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער הכנסה.

דער פּנקס האָט אויך אנטהאַלטן א רשימה פון די טקסא־צאָלער די־רעקטע שטייערן פאַר לאָקאַלע צוועקן און פון די וואָס האָבן געצאָלט קאָפּ־שטייער. אויף 171 שטייער־צאָלערס, האָבן 127 געצאָלט א שטייער פון 15 גראָשן (א האַלבער גילדן) ביז 5 גילדן.

דר. הענדל דערציילט אויך, אז די קהילהשע חובות האָבן אָנגעטראָפן 33 טויזנט גילדן (מן הסתם מיט דעם פּראָצענט). דאָס איז געווען א זייער הויכע סומע, פאַר אזא קהילה ווי מעזריטש.

דער פּנקס האָט אויך פאַרצייכנט געשעענישן, וועלכע האָבן געהאַט א שייכות מיט די באַציאונגען צווישן דער קהילה מיט דעם הויף, סיכסוכים מיט די פּריצים און קאָנצעסיעס, וואָס יידן האָבן ארויסבאַקומען פון דעם הויף. איין קאָנצעסיע האָט זיך גערופן „הפּראַווי ליהודים". ליידער איז נישט גע־בליבן קיין קאָפּיע פון די קאָנצעסיעס. ס'ווערן דאָרט אויך דערמאָנט צוואות, ענינים פון יחידים, ארענדעס און חזקות.

דער פּנקס איז געפירט אין לשון קודש; אָבער עס געפינען זיך דאָרט 4 דעקרעטן פון דעם הויף אין פּויליש און איין יידישער טעקסט (וועגן דעם זע שפּעטער אין קאַפּיטל „תקנות וועגן רבנים").

ווי מיר זעען, האָט דער דאָזיקער פּנקס געגעבן א פולקאָמע אָפּשפּיגלונג פון דעם יידישן לעבן אין מעזריטש, אין א צייט־אָפּשניט פון בלויז 74 יאָר. אגב, וועגן דעם ענין קאָפּ־שטייער, געפינען מיר נאָך אינטערעסאַנטע ידיעות.

אין די שטייער־יאָרן פון 1740, 1741, 1742, האָט מעזריטש געדאַרפט אריינטראָגן אין דער קאַסע פון ועד ארבע ארצות צו 1.200 גילדן יערלעך *).

*) היילפּרין, „פּנקס ועד ארבע ארצות", סימן תר"מ. דר. מ. הענדל אין דער אויבנדערמאָנטער ארבעט, פאַרעפנטלעכט אין „פּאָדליאַשער לעבן" און אין בוך „מעזריטש", שטעלט פעסט, אז אין 1765 האָט די שטאָט מעזריטש געציילט 817 יידישע נפשות און די צאָל יידישע נפשות אין אירע סביבות איז געווען 259; צוזאמען 1076 יידן, וועלכע האָבן געצאָלט 2152 זלאָטים קאָפּ־שטייער.

וועלכעס באוווייזט, אז די צאָל יידישע נפשות אין מעזריטש, האָט אוודאי אויס־געמאכט איבער 600, נעמענדיק אין אָנבאטראכט, אז פאר יעדן ייד האָט דער ועד געמוזט צאָלן צוויי גילדן. דאקעגן געפינען מיר, אז פאר צוויי יאָר זיינען די מעזריטשער יידן געווען פטור פון צאָלן דעם קאָפּ־שטייער פון טויזנט גילדן יערלעך *). עס קען זיין, אז דער ועד האָט איינגעמאָנט דעם שטייער אין פּאָרויס, אָדער גענומען א הלואה פון דער קהילה און דערפאר אראָפּגערעכנט אָט די סומע אין משך פון צוויי יאָר, אָדער געגעבן א הנחה צוליב עפּעס א וויכטיקע סיבה. דער דאָזיקער פאַל איז פאָרגעקומען אין די יאָרן תע"ד—תע"ה (1714—1715). אין תקי"ג (1753) האָבן מעזריטשער יידן געצאָלט בלויז 400 פלאָרינס (א פלאָרין איז געווען דאָס זעלבע וואָס א גילדן) פאר קאָפּ־שטייער, און אין די יאָרן 1760 - 1759 — נאָר 290 זל. מיר האָבן פריער דערמאָנט וועגן דאָס משתדל זיין זיך פון מעזריטש ביים ועד ארבע ארצות, צו באקומען הנחות אויפן חשבון פון דעם קאָפּ־שטייער. טעגלעך אז די דאָזיקע קליינע סומע איז געווען א רעזולטאט פון דער הנחה, וואָס מען האָט שוין געהאט אויסגעפּועלט ביים ועד. צומערסטנס פלעגט מען באקומען הנחות, ווען דער גליל, אָדער די פרייע שטאָט האָט געקענט באווייזן, אז זיי זיינען געוואָרן באלאסטיקט מיט א ספּעציעלן שטייער פון דעם פּוילישן סיימיק — קרייז־פּארלאמענט. (נאָכן אויפלייזן דעם ועד ארבע ארצות, האָבן יידן אין מעזריטש געצאָלט בלויז 15 קופּערנע גראָשנס קאָפּ־שטייער *).

דער צווייטער פּנקס, וועלכער איז עקזאמינירט געוואָרן פון דר. הענדל, איז געווען דער פּנקס פון בית־דין. דער דאָזיקער פּנקס, שטאמט אויך פון 18טן י"ה און ענדיקט זיך אין די אכציקער יאָרן פון 19טן י"ה. דער פּנקס האָט אנטהאלטן פּסקים, פארקויפס־קאָנטראקטן, אָפּמאכן, רשימות פון קרע־דיטן, השגחה איבער יתומים, קהילהשע אָפּמאכן, רשימות פון קהילה־פארוואל־טונגען, ווי אויך באשרייבונגען וועגן מיידלעך, וועלכע האָבן פארלוירן זייערע בתולים צוליב אומגליקס־פאלן.

דער דריטער פּנקס איז געווען פון דער חברה קדישא „גומלי חסדים". פון זיין שער־בלאט איז צו דרינגען, אז פאר אים איז געווען אן עלטערער פּנקס; ער האָט זיך געטיילט אין דריי טיילן: דער ערשטער, וועלכער איז גערופן גע־וואָרן „פּנקס התמנות", האָט אנטהאלטן פּראָטאָקאָלן און רשימות פון די פאר־

---

*) הייל‍פּרין, דאָרט סימן תתקע"ד, „יהודי מעזריטש הפטורים 1.000" און אין סימן תתע"ה, „פּיטורי העיר מעזריטש 1.000".

*) דאָרט LXXXI: "Kahały miast wolnych od żadnego ziemstwa nie depędujących jakoto: ...Międzyrzeca Podlaskiego... z każdej głowy po groszy 15 miedzianiych wypłaceniem złożyly..."

וואַלטונגען; דער צווייטער, וועלכער האָט זיך גערופן „ספר חברה קדישא גומלי חסדים", האָט געהאט די נעמען פון די מיטגלידער פון דער חברה; און דער דריטער „פנקס השחור" (דאָס שווארצע בוך), האָט געהאט די רשימה פון די מתים. אָפטמאָל, פלעגט מען דאָרט אויך איינשרייבן די נעמען פון יענע, וועלכע מען האָט געלייגט אין חרם אריין.

לויט דער רשימה פון די מתים, דערוויסן מיר זיך די פארשידענע פראָפעסיעס, וואָס זיינען היעמאָלט געווען צווישן יידן. מיר געפינען דאָרט פארשמוקלער, דרעקסלער, בעקער, גלעזער, איינבינדער, זאָקנמאַכער, צייצייכנט פאָלגענדע פראָפעסיעס: שניידער, קאָטליאַרעס, קירזשנער, רופאים, צית-שפינער, שוסטער, וואַקסשלאַגער, גארבער און אן אפטייקער. ס'איז אינטערעסאנט, אז צווישן די אלע פראָפעסיעס געפינען מיר נישט קיין בערשטער; א סימן, אז ביז דעם אָנהויב פון 19טן י"ה זיינען נאָך נישט געווען קיין בערשטער אין מעזריטש.

אויך די פארשידענע חברות, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין שטאָט, האָבן געפירט זייערע אייגענע פנקסים, ווו עס זיינען פארשריבן געוואָרן די תקנות פון די חברות, די נעמען פון די מיטגלידער און די נעמען פון די פארוואלטונגס-מיטגלידער. די חברה-חייטים (שניידערס) האָבן געהאט א בשותפותדיקע חברה מיט די דאָרפס-גייער. פון דעם פנקס איז צו זען, אז שוין אין 18טן י"ה איז געווען א יידישער שניידער-צעך. עס איז אויך מעגלעך, אז אזא צעך האָט עקזיסטירט פון פריער. מיר ווייסן אויך פון א יידישן שוסטער-צעך, וועלכער האָט עקזיסטירט אין 18טן י"ה.

ביי דער שטאָט-שיל, האָט אויך עקזיסטירט א חברה נר-תמיד. ווי דר. הענדל באַריכטעט, האָט די חברה געהאט א זייער אינטערעסאנטע תקנה; נעמלעך, אז אויף א פארוואלטונג פון ח"י (18) מיטגלידער, מוזן זעקס זיין בעלי-מלאכה — עמך. אויך האָט ער געפונען אין דעם פנקס, אויסגעמעקטע נעמען (מן הסתם פון צווישן די מיטגלידער. — מ. ע.) מיט דער באַמערקונג: „יצא חוץ לעדתנו הקדושה על מעשה רע אשר פעל ולא יבא בקהל — ער איז ארויסגעטראָטן פון אונדזער הייליקער עדה צוליב א מיאוסע מעשה, וואָס ער האָט אָפגעטון, דערפאר האָט ער נישט קיין חלק אין קהל".

די דאָזיקע באַמערקונג, מיינען מיר, איז נישט קיין אָנדייט אויף שמד. דאָס לשון און דער נוסח, איז נישט פאסיק פאר דעם. גיכער איז צו גלויבן, אז דאָ האָבן מיר צו טון מיט א מיאוסער מסירה, וואָס האָט געבראכט אן אומגליק אויף יידן און אפשר אויך א טאט פון שאנד.

דר. הענדל ציטירט דעם אינטערעסאנטן אריינפיר צו דעם פנקס, וועלכן מיר דערלויבן זיך איבערצודרוקן:

יקבע שוכן שחקים עדתנו
הלא אז נעבוד עבודתנו
ואם עתה ידנו קצרה
שי להקריב ולהביא תשורה
עליות נר תמיד בבית תפלתנו
זאת ירצה פני שוכן שומע עתירתנו
עד יקום הכהן לאורים
לכנס נדחי עמו המפוזרים
יעלו אז עולות וזבחים
גם קרבן מנחה ונסכים *).

*) דער אקראָסטיק (אָנהויב אות פון יעדער שורה) פון דעם שיר, גיט אונז דעם נאָמען פון זיין מחבר, יהושע זעליג.

תקנות וועגן מעזריטשער רבנות

מעזריטשער האָבן נישט געטאָרט פארנעמען די רבנות־שטעלע

אין אלט פוילן, איז דער רבנות־פּאָסטן געווען די העכסטע פּאָזיציע, וואָס א ייד האָט געקענט דערגרייכן. דער מאָסשטאַב, איז נאטירלעך געווען די מאָס פון זיין תורה, וויסן און חכמה. האָט איינער געשמ'ט מיט זיין לומדות און איז געוואָרן אָנערקענט אלס תורה־אויטאָריטעט און חכם, האָט ער זיך געקענט דערשלאָגן צום העכסטן רבנישן פּאָסטן. אין דעם זין, איז די יידישע גייסט־לעבקייט געווען א דעמאָקראטישע אינסטיטוציע; איר הויפּט־קוואל איז געווען די יידישע אָרעמקייט; פון איר זיינען ארויס די לומדים, אין אלע צייטן.

אָבער נישט תמיד איז תורה אליין געווען דער איינציקער קריטעריום. געווען צייטן, ווען רייכע רבנים פלעגן קויפן זייערע רבנות־שטעלעס. אויב זיי זיינען נישט געווען רייך, האָבן זיי געהאט א רייכע משפחה, א מחותן, א ראש־הקהל, וועלכע פלעגן פאר זייערע אייגענע באקומען שטעלעס. דאָס האָט נישט נאָר געמאכט שפל דאָס רבנות, אוממעגלעך געמאכט אן ערלעכע קאָנקורענץ צווישן די לומדישע רבנים־קאנדידאטן, נאָר האָט אויך געשטעלט אין געפאר די רעליגיעזע אויטאָריטעט, וואָס דארף זיך באזירן אויף דעם עטישן פארזאָג פון דער תורה: „לא תכיר פנים"*). דער רב האָט געדארפט שטיין העכער פון פארטיי, העכער פון די צדדים. זיין עובדה איז געווען, צו דיספּענסירן מיט דעם דין, אין איינקלאנג מיט די העכסטע עטישע פרינציפּן. ליידער, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, זיינען נישט שטענדיק געוואָרן אויסגעפאָלגט אָט די גרונט־כללים.

כדי צו באקעמפן די דאָזיקע שעדלעכע דערשיינונג אין יידישן לעבן, האָט דער ועד ארבע אָרצות אָנגענומען הארבע מיטלען. אויך די שטעט גופא פלעגן אָננעמען מיטלען, צו באוואָרענען זיך קעגן קאָרופּציע אין דער פּראָצעדור פון אויפנעמען רבנים (אונטער רבנים, פארשטייען מיר: אב בית־דין און נישט

---

*) דברים מ"ח, י"ט.

דיין אָדער אפילו ראש בית־דין — ראב"ד). אויך מעזריטש האָט גענומען שטעלונג צו דער פראגע, כאָטש מיט פיל צענדליקער יאָרן שפּעטער. פאַרוואָס האָט זי גראד איצט ערשט אָנגענומען אזא שטעלונג? מן הסתם איז געווען א סיבה דערפאר. מיר וועלן די סיבה אויך פרוּוון אויפקלערן, אָבער מיר וועלן עס לאָזן אויף שפּעטער.

אין יאָר תקמ"ו (1786), האָט מעזריטשער קהל גערופן א ספּעציעלע פאַר־זאמלונג פון די שטאָט־יידן, צו באראטן זיך וועגן דער רבנים־פראגע. וואָס אויף דער פארזאמלונג איז פאָרגעקומען, די דעבאטן פאר און קעגן דעם פאַר־שלאג צו רעגולירן די פראגע, ווער מעג יאָ זיין רב און ווער עס טאָר נישט — זיינען נישט פארצייכנט געוואָרן אין שטאָטישן פּנקס. בלויז דער באַ־שלוס וואָס מיר ברענגען ווייטער, איז פארשריבן געוואָרן, ווייל ער איז דאָך געווען דער עיקר אין דער פראגע, און אויך דערפאר, ווייל דער באשלוס איז חל אויף אלע צייטן. און אָט וואָס דער באשלוס דערקלערט:

„ווען די אלופים־ראשים און מנהיגים, רוזנים, קצינים און נגידים (נגיד דארף נישט פארשטיין ווערן אלס „עושר", ווי מען רופט געוויינלעך א רייכן מענטש, נאָר — מנהיג, פירער. — מ. ע.) פון אונדזער קהילה יצ"ו, האָבן זיך פארזאמלט אויף אן אסיפה, צוזאמען מיט דער גאנצער הייליקער עדה, כמעט אלע מענטשן פון אונדזער קהילה, אין דעם קהילה־הויז, איז באשלאָסן געוואָרן פון אלע פארזאמלטע אין א קלאָרער שפּראך, מיטן פרייען ווילן און פולשטענ־דיקן און באזאכטן באוווסטזיין, און אלע האָבן אויף זיך גענומען, דאָס פון היינט אָן און ווייטער, ביז דעם קומען פון דעם גואל, גיך אין אונדזערע טעג, מיט דעם עונש פון דעם חרם הגדול פון יהושע בן נון, אז קיינער פון די איינוווינער אין אונדזער קהילה טאָר נישט זיין קיין רב אין אונדזער קהילה. און אפילו א פרעמדער, וואָס איז נישט איינער פון די איינוווינער אין אונדזער קהילה, אָבער אזעלכער וואָס האָט אין דער קהילה א קרוב, וואָס איז פּסול נאָר מצד דער תקנה פון די רבנים, אפילו ווען ער האָט א מחותן אין דער קהילה, און אפילו ער האָט נאָך נישט חתונה־געהאט (דאָס איז בלויז א מחותן פון תנאים. — מ. ע.) טאָר אויך נישט ווערן רב אין אונדזער קהילה.

„און נאָך האָבן מיר גענומען אויף זיך און אויף אלע וועלכע געהערן צו אונדז, מיט דעם חרם גדול, א הארבער חרם און מיט א שבועה פון דער תורה, אז ס'זאָל נישט העלפן קיין היתר קיינמאָל אויף אייביק, און אז אונדזער דעה זאָל קיינמאָל נישט בטל ווערן; דאָס קיינער פון די איינוווינער פון אונדזער קהילה יצ"ו זאָל נישט קענען ווערן רב אין דער קהילה דורך א היתר אָדער עפּעס אן אנדער פאָרטל און שווינדל. דאָס האָבן מיר גענומען אויף זיך, מיט דער גאנצער שטארקייט און קראפט פון די חומרות פון די חרמים, וואָס זיינען געווען פון די טעג פון משה רבנו עליו השלום ביז היינט. און מיר האָבן בפירוש זיך אויסגערעדט, דאָס אפילו ווען גאנץ קהל וועט פה־אחד מרוצה

ווערן, אָפּצושאפן די אויבנדערמאָנטע תקנה, אז ס'זאָל אויף זיי חל זיין דער עונש מיט א חרם און שבועה און אז קיינמאָל נישט, אונטער קיין שום באדינג, מבטל צו זיין די אויבנדערמאָנטע תקנה. און זיי האָבן אויך מקבל געווען אויף זיך, בטל צו מאכן יעדע אָפּגעגעבענע דעקלאראציע קעגן דער אויבנדערמאָנטער תקנה. און ווען ס'וועט זיך געפינען א מענטש, וועלכער וועט זיין פארדאָרבן און ער וועט גיין קעגן דער אויבנדערמאָנטער תקנה, זאָל דער מענטש זיין מוחרם און מנודה, אָפּגעשיידט און דערווייטערט פון דער יידישער עדה. זיין ברויט זאָל זיין ווי דאָס ברויט פון א גוי, זיין פלייש זאָל זיין פונקט ווי חזיר. ער זאָל זיין ווי דאָס מיסט אין גאס און עס זאָל אויף אים רוען אלע קללות, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער תורה.

„מיר האָבן זיך געחתמעט היינט, מיטוואָך, 9 טעג אין תמוז תקמ"ו. אויך מיר, דאָס בית דין...... די רייד פון הקטן אברהם החונה פה, ק"ק מעזריטש יצ"ו".

דערנאָך קומט א צושריפט וואָס ווארפט, לויט אונדזער מיינונג, א שיין אויף דעם אייבנדערמאָנטן דאָקומענט, וואָס איז אייגנארטיק מיט זיין אויס־טערלישער שארפקייט.

„אויך דאָס איז באשלאָסן געוואָרן, אז אין משך פון דריי יאָר זאָל דער רב..... מ' אברהם נ"י זיין דיין קבוע (געוויילטער דיין) אין אונדזער קהילה. דער שמש איז אים מחויב צו רופן צו יעדן משפט, א גרויסער אָדער א קליי־נער, און די דיינים טאָרן נישט זיצן (און משפטן. — מ. ע.), סיידן מ'וועט אים צוערשט רופן און ער וועט נישט קומען, אָדער ער וועט נישט זיין אין דער היים. (הפנים אין שטאָט. — מ. ע.).

„אויך דאָס איז באשלאָסן געוואָרן: אז אין משך פון די אויבנדערמאָנטע דריי יאָר, אויב מ'וועט נישט אינצווישנצייט אויפנעמען א רב — אב"ד אין אונדזער קהילה, מעג די רביצן פון דעם אויבנדערמאָנטן רב פארנעמען די „שטאָט" וואָס איז באשטימט פאר דעם רבס ווייב אין דער אלטער שיל און קיינער טאָר נישט קיינמאָל איר דאָס פארווערן אָדער שטערן...... 9 טעג אין תמוז, תקמ"ו *)".

ווי עס שיינט, איז אין דער שטאָט אָנגעגאנגען א מחלוקת וועגן דעם אויבנדערמאָנטן רב אברהם. לויט די דאטן וואָס מיר ברענגען אין דעם קאַ־פיטל „רבנים אין מעזריטש", איז צו זען, אז דער דאָזיקער ר' אברהם האָט פארנומען דעם פּאָסטן פון רב אין מעזריטש פון תקל"ז (1777) אָן. אָבער ווי געזאָגט, האָבן נישט אלע מסכים געווען, ער זאָל פארנעמען די שטעלע פון רב. אז ער איז געווען רב, אָדער זיך געהאלטן פאר רב, איז אויך צו זען פון דעם סטיל פון זיין אונטערשריפט. דאָס וואָרט „החונה" ווערט געוויינלעך באנוצט פון א רב און נישט פון קיין דיינים. אויך דער באשלוס פון דער פאר־

*) זע פאָטאָסטאַט (5), וואָס מיר גיבן צום סוף בוך.

זאמלונג, צו לאָזן זיין רביצן זיצן אויפן פּלאַץ ווו עס זיצט געוויינלעך דעם רבס ווייב, איז א באַווייז פון זיין ספּעציעלער פּאָזיציע. דערפאר טאקע ווערט ער אָנערקענט אלס דער הויפּט־דיין און אָן אים טאָר מען נישט פּסקנען; סיידן ער וויל זיך נישט באטייליקן אין דער דין־תורה, אָדער ווען ער איז נישטאָ אין שטאָט. דאָס איז אים געגעבן געוואָרן אלס פארגיטיקונג, מחמת דעם וואָס ער האָט געמוזט אויפגעבן זיין רבנות־אמט.

משמעות, אז דער רב אברהם איז נישט געווען קיין זון פון דעם פאר־שטאָרבענעם רב. וואָרום, אין דעם פאל, וואָלט מען נישט געקענט מאכן קיין באשלוס, וואָס זאָל זיין קעגן דעם אָנגענומענעם מנהג, צו אָנערקענען די חזקה. א באַווייז דערצו, האָבן מיר אין דעם פאקט, וואָס מעזריטשער קהל האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויפגענומען דעם פארשטאָרבענעם רבס זון אלס ממלא מקום. עס איז דערפון צו דרינגען, אז דער רב אברהם איז ענטוועג־דער געווען א מעזריטשער, ווען ער האָט געהאט א השפּעה אויף דער קהילה, אָדער ער האָט געהאט א מחותן אָדער אנדערע איינפלוסרייכע קרובים, וועלכע האָבן אים צוגעהאָלפן ווערן רב אין שטאָט און דערפון איז טאקע ארויסגעוואקסן די ביטערע מחלוקה. פון דאנען נעמט זיך טאקע די תקנה, וואָס האָט איין מאָל פאר אלע מאָל באשלאָסן, צו פארווערן א בן־עיר אָדער א פרעמדן מיט קרובים אין שטאָט, צו באזעצן דאָס רבנות אין מעזריטש.

דער רב טאָר נישט זיין קיין סוחר

אין יאָר תקנ"ג (1793), האָט קהל אָנגענומען א באשלוס, צו פארבאָטן דעם רב צו פארנעמען זיך מיט מסחר. אפשר מחמת דעם, וואָס דער פריערדי־קער רב אָדער זיינע קינדער, האָבן אויסגענוצט זייער ספּעציעלער פּאָזיציע און קאָנקורירט מיט די סוחרים. דער באשלוס, ווי ער איז פארשריבן אין פּנקס *), לייענט זיך אזוי:

„1. — דער רב אב"ד טאָר נישט האנדלען מיט קיין שום סחורה, אפילו נישט זיין קיין הורטאָווניק און אפילו נישט דורך א שותף, ער מעג בלויז לייען געלט מיט א היתר עיסקא. אויך זיינע זין און איידעמס, טאָרן נישט אליין האנדלען און נאָר מיט א שותף איז זיי דאָס דערלויבט, אָבער בלויז הורט און זיי מוזן צאָלן סכום און טקסא.

„2. — דער רב טאָר נישט שיקן א התראה מיט זיין גבאי. און אויב דער גבאי וועט געבן די התראה, פאלט נישט אויף די בעלי־בתים דער חוב פון פאָלגן. וואָרום, א התראה מוז געמאכט ווערן נאָר דורך דעם שמש, ווען קהל האָט ספּעציעל באשטימט.

*) אין זעלבן פּאָטאָסטאַט (5).

„3. — מען זאָל נישט שחטן פאר דעם רבס־וועגן קיין שום בהמות אָדער דקות (ווייזט אויס, אפילו נישט פאר געצאָלט. מן הסתם אויך צוליב מורא פאר קאָנקורענץ צו די קצבים. — מ. ע.). אָבער ווען ער וועט קויפן פלייש אין יאטקע, איז ער פּטור פון צאָלן די קליינע קאָראָבקע (וואָס די קאָראָבקע איז געווען, ווערט נישט געזאָגט. משמעות, אז עס איז געווען א ספּעציעלער שטייער וואָס מען האָט געמוזט צאָלן פאר כשר פלייש, וואָס יעדער איינער האָט געקויפט).

„4. — דער רב האָט נישט קיין רעכט אריינצולייגן קיין שום מענטש אין חרם אריין און טאָר אים נישט מנדה זיין, אָן דער ידיעה און הסכמה פון די אלופי הקהל. און אויב אזא חרם איז יאָ געמאכט געוואָרן, זאָל ער נישט האָבן קיין שום קראפט, סיידן די אלופים פון קהל וועלן זיך צוזאמענקומען און וועלן אויף דעם מסכים זיין.

„5. — דער רב טאָר נישט שרייבן קיין שום זאך וואָס געהערט צו דעם סופר; דהיינו, תנאים, ערשטע און לעצטע (ביי די ערשטע ווערט, מן הסתם, געמיינט ראשי פרקים און לעצטע, פולע תנאים. — מ. ע.) כתובות און קויפס קאָנטראקטן פון הייזער, געוועלבער און שטעט אין שיל און קאָנטראקטן, אָבער אנדערע געשריפטן מעגן אלע מענטשן שרייבן, איינגעשלאָסן דער רב אויך.

.....געחתמעט 22 טעג אין תמוז, תקנ"ג.

„און דער רב פון שטאָט האָט מקבל געווען אויף זיך די אויבנדערמאָנטע תקנות בזה הלשון: „איך וועל בוודאי האלטין אללע פונקטין אין וואָש עס איז אריסגגאנגין פון כבוד אלופים יצ"ו מען האָט צי מיר ניט בדארפט בחרם צי שיקען איך וועל אָן דעם אויך האלטין די פונקטין".

מיר ווילן צוגעבן צום פּונקט 4 אָט וואָס: דער קאמף פון די קהילות צו־צונעמען פון די רבנים דאָס רעכט פון אריינצולייגן עמעצן אין חרם, איז געווען אַן אלטער און האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אלע קהילות. דער חרם איז געווען אַ שרעקלעכער וואָפן קעגן יעדן יחיד אין יענע צייטן און האָט געקענט אַ תל־מאכן פון אַ מענטש. נאַטירלעך, האָבן אַפילו די מנהיגים זיך געשראָקן פאַר דעם חרם, וואָס איז געווען אַ שטארקע בייטש איבער זיי און געצווימט זייערע צע־רייצטע אַפּעטיטן. אָבער פון דער אנדערער זייט, האָבן די רבנים געקענט מיילווייז מיסברויכן מיט אים און אויסנוצן דעם וואָפן פון חרם אין ענינים, אין וועלכע דער רב איז גראָד געווען אומגערעכט. עס איז נישטאָ קיין ספק, אז מיט דעם אוועקנעמען פון דעם רב די רעכט אויסצורופן אַ חרם, האָט דער רב פארלוירן אַ סך פון זיין מאכט.

דער רב האָט זיך אונטערגעשריבן אויף די פּונקטן דעם 28טן תמוז.

א תקנה קעגן די גבירים*)

„ס'איז באשלאָסן געוואָרן נישט צו פארקלענערן דעם סכום פון יענע, וואָס האָבן געקויפט הייזער אָדער פון יענע, וואָס האָבן חתונה געמאכט זייערע זין און טעכטער און האָבן פארטאכלעוועט אויף דעם א סך געלט. (משמעות, אז עס זיינען ג'עווען אזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט ארונטערנעמען פון דעם סכום וואָס זיי האָבן געצאָלט, אונטער דעם אויסרייד, אז זיי זיינען אביסל פארענגט אין געלט, מחמת די הוצאה אויף א חתונה, אָדער צוליב קויפן א הויז. הפנים, אז מען פלעגט יאָ מאכן הנחות צו איינעם, וואָס האָט חתונה געמאכט א קינד; אָבער מען האָט זיך גערעכנט מיט די אומשטענדן און דעם אופן פון דער חתונה. — מ. ע.).

יענע וואָס האָבן געהאט א באשטימטן ריוח, טאָר מען נישט הויבן (אויפן סכום. — מ. ע.) מער פון א האלבן פּראָצענט פון דעם ריוח.

6 טעג אין תמוז, תקס"ג (1803)".

*) אין זעלבן פּאָטאָסטאַט (5).

מעזריטשער ירידים (35)

אין אונדזער ארייִנפיר, האָבן מיר פארבייגייענדיק דערמאָנט וועגן דעם, אז די באראטונגען פון די ועדים פלעגן פאָרקומען בעת די גרויסע ירידים. די ירידים האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א וויכטיקע אינסטיטוציע, נישט נאָר פאר דעם האנדל און אָפיציעלע באראטונגען, נאָר אויך משפּיע געווען אין כמעט אלע אַנדערע וויכטיקע קולטורעלע און סאָציאלע אָנגעלעגנהייטן. צו די גאָר גרויסע ירידים, פלעגן אויך פאָרן די ראשי־ישיבות מיט זייערע תלמידים. דאָרט זיינען געשלאָסן געוואָרן שידוכים, און מענטשן פון פארשידענע געגנטן פלעגן זיך באגעגענען, אפילו בלויז אויף צו באנייען קענטשאפטן. בקיצור, די ירידים זיינען אויסגענוצט געוואָרן פאר פיל עניָנים, וואָס האָבן אפילו גאָר־נישט געהאט קיין שייכות צו זייער אייגנטלעכן צוועק — האנדל.

נאטירלעך, זיינען נישט אלע ירידים געווען פון דער זעלבער וויכטיקייט. געווען ירידים, וואָס פלעגן ציען צו זיך אַן אומגעהייערע צאָל איינוווינער, סוחרים און וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון גאנצן לאנד. צו די הויפּט־ירידים האָט מען פאררעכנט דעם יריד־גראָמניץ (נאָכן נאָמען פון דער קאטוילישער חגאַ, וואָס רופט זיך „מאריא גראָמניצא") אָדער די לענטשנער ירידים, וווּהין מען האָט אריבערגעפירט נאָך די קאָזאקן־מלחמות, די לובלינער ירידים. אויף די גרויסע ירידים, פלעגן אויך פאָרקומען די זיצונגען פון דעם ועד ארבע ארצות. עס זיינען אויך געווען קלענערע ירידים אָבער פון געוויס וויכטיקייט, אז זיי זאָלן צוציען א סך סוחרים און אלערליי מענטשן פון דעם גאנצן געגנט און שכנותדיקע פּראָווינצן. אויך אויף די דאָזיקע ירידים פלעגן זיך צוזאמענ־פאָרן רבנים פון דער פּראָווינץ און פון שכנותדיקע פּראָווינצן, ארומצוריידן וויכטיקע פראגן, צו אויסגלייכן סיכסוכים און צו משפּטן.

איינע פון צווישן די שטעט וואָס האָבן צוגעצויגן צו זייערע ירידים א סך מענטשן פון ווי ווייט, איז געווען מעזריטש *).

אין דעם פּנקס פון מעזריטש, זיינען געווען דערמאָנט פארשידענע עפּי־

---

*) דר. מ. הענדל האָט פארעפנטלעכט אין „פּאָדליאשער לעבן" אַן ארבעט איבער די „מעזריטשער ירידים"; ליידער, האָבן מיר די ארבעט נישט געהאט צו דער האנט.

זאָדן פון די ירידים, אָבער זייער אָפּקלאַנג, האָט אויך געלאָזט שפּורן אין די אקטן פון די ועדים און אין די הסכמות אויף ספרים.

דער וויכטיקסטער עפּיזאָד פון די מעזריטשער ירידים, איז אָן שום ספק געווען דער צוזאמענפאָר פון די גרעסטע רבנים, וואָס פוילן און ליטע האָבן פארמאָגט, צוזאמען מיט די פּראָמינענטסטע פירער פוןביידע ועדים. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר, איז פאָרגעקומען אין יאָר תמ״ג (1683).

די געלעגנהייט פאר דער דאָזיקער צוזאמענפאָר איז געווען די דין־תורה צווישן דער קהילה פון בריסק פון איין זייט, מיט די קהילות פון גראָדנע (הוראָדנאָ), פּינסק און ווילנע (סלוצק איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אָנער־קענט אַלס אַ הויפּט־קהילה פון דעם ועד ליטא), פון דער אַנדערער זייט). די לעצטע דריי קהילות האָבן זיך געפילט שטארק בעוולה׳ט פון בריסק, וועלכע האָט זיך גענומען א סך מער פּריווילעגיעס און רעכט, זייענדיק דעמאָלט די ערשטע קהילה אין ליטע און ממילא די וויכטיקסטע אין דעם ועד. די רייבונ־גען צווישן די לעצטע דריי קהילות מיט בריסק האָבן ענדלעך דערפירט צו א דין־תורה צווישן זיי.

דאָ איז אנטשטאנען די פראגע, ווער איז קאָמפּעטענט צו משפטן אין דער דין־תורה? וואָלט עס געווען א ריינער רעליגיעזער ענין, וואָס קען ווערן לייכט אנטשיידן לויטן שולחן ערוך, וואָלט די דין־תורה געקענט פאָרקומען פאר יעדן קאָמפּעטענטן רב. אָבער דאָס איז געווען א פּאָליטישע דין־תורה, אזוי צו זאָגן. עס האָט זיך געהאנדלט אין ענינים פון העגעמאָניע, פּריווילע־גיעס און עוולות. קיין איינער פון די ליטווישע גרויסע רבנים האָט נישט געקענט פּסקנען, ווייל די רבנים פון די דאָזיקע קהילות זיינען אלע געווען נוגעים בדבר, פאראינטערעסירטע צדדים. דער בעסטער אויסוועג איז געווען, צו לאָדן זיך פאר די הויפּט־רבנים פון דעם פוילישן ועד. זיי זיינען געווען אין דעם פאל, אומפּארטייאיש און האָבן גיכער געקענט קומען צו א באשלוס, וואָס זאָל זיין גילטיק אלס דער ריכטיקער פסק פון רבנים, אָן פניות. מעזריטש, — אפשר דערפאר וואָס זי ליגט אזוי נאָענט פון בריסק און איז א מין מיטל־וועג פאר אלע צדדים, צי צוליב אנדערע סיבות — איז אויסגעקליבן געוואָרן אלס דאָס פּלאַץ פאר דער דין־תורה.

מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס אין דער מעזריטשער קהילה האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן. אזא צוזאמענפאָר פון גאונים און מנהיגים, איז נישט נאָר געווען א זעלטנהייט אין מעזריטש, נאָר אפילו אין לובלין און אין אנדערע גרעסערע קהילות. און ווי עס איז געווען דער שטייגער אויף אזוינע צוזאמענ־פאָרן, האָבן יידן פון אומעטום געצויגן קיין מעזריטש. עס זיינען געקומען ראשי־ישיבות מיט תלמידים, עס זיינען געקומען סתם וויכטיקע יידן, שדכנים און מחברים, בכדי צו בעטן הסכמות אויף זייערע ספרים; וואָרום, אָן דער הסכמה פון ועד ארבע ארצות אָדער די גדולי הדור, האָט מען נישט געקענט

דרוקן קיין ספרים, און באקומען שטיצע אודאי נישט. מעזריטש האָט דעמאָלט געמוזט דורכלעבן א גוואלטיקן יום־טוב, צוליב אזעלכע געסט ווי דער זקן־הרבנים און צומערסטנס פארערטער פויזנער רב ר׳ יצחק, וועלכער איז פריער געווען רב אין ווילנע און דער באַרימטער בריסקער רב ר׳ מרדכי גינצבורג, וועמענס מחותן איז געווען מעזריטשער רב אין יענער צייט. עס זיינען אויך געקומען דער ווילנער רב ר׳ משה קרעמער, דער זיידע פון ווילנער גאון און די רבנים פון פינסק, לובלין, לוצק און ריישע. דער שטאָט־בית-המדרש און דאָס הויז פון דעם מעזריטשער רב זיינען, אָן ספק, געווען באלאגערט פון א סך שטאָטישע און פרעמדע יידן, נייגעריקע צו זען די גרויסע ליכטער פון יידישן פאָלק, צו הערן א דבר־תורה און צו פרעגן פארשידענע שאלות און עצות.

פון אָט דעם גרויסן צוזאמענקונפט, האָט זיך אויפגעהאלטן א הסכמה, וואָס איז דורך די אויבנדערמאָנטע רבנים געגעבן געוואָרן אויפן ספר „זרע אברהם" אויף תורה, וועמענס מחבר איז געווען ר׳ אברהם בר׳ בנימין זאב ליפשיץ פון בריסק. די רבנים וועלכע חתמנען זיך אונטער דער הסכמה, שרייבן: „דאָס זיינען די רייד פון די וואָס רעדן אין שבח פון צדקה און לכבוד התורה אויף דער פארזאמלונג דאָ אין דער קהילה קדושה מעזריטש, זונטיק, ניין טעג אין טבת, באמת (תמ"ג) לפ"ק." *).

אגב, דער אויבנדערמאָנטער פויזנער רב, ר׳ יצחק, האָט אויך געהאט אמאָל א נאָענטע שייכות מיט מעזריטש. דער אונדז שוין באקאנטער מעזריטשער רב, ר׳ צבי הירש ווילנער, וועלכער האָט זיך איבערגעשריבן מיט דעם מהר"ם לובלין, דעם קראָקאָווער רב, דער בעל פני יהושע, זיין מחותן און מיט דעם צווייטן מחותן ר׳ מאיר אשכנזי, — ווי מיר האָבן שוין וועגן דעם אויס־פירלעך געשריבן **) — האָט זיך אויך איבערגעשריבן מיט ר׳ יצחק פויזנער. זיי זיינען געווען גאָר נאָענטע פריינט, ווי עס איז צו זען פון די שאלות ותשובות צווישן די ביידע רבנים, וואָס זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן אין ספר „באר יצחק" (ווין, תרמ"ד) פון דעם פויזנער רב. פונקט ווי די אנדערע, אזוי אויך ער, באערט אים מיט די העכסטע טיטולן, ווי, ר"ג (ראש גולה) און אַנדערע כיבודים.

---

*) „הסכמת הגאונים הרבנים בהתוועדות מעזריטש", קאָפּ פון דער הסכמה צום ספר. ווי געזאָגט, איז די דאָזיקע רבנישע אסיפה אין מעזריטש פאָרגעקומען מיטן צוועק צו משפטן אין דער דין-תורה, וואָס די הויפּט־קהילות פון ועד ליטא האָבן געהאט מיט בריסק, דעמאָלט, די הויפּט פון אלע קהילות אין ליטע. די דין-תורה האָט זיך פארענדיקט י"ד טבת תמ"ג, ווען עס איז ארויסגעטראָגן געוואָרן דער פסק פון די גאונים פון די ארבע ארצות און אונטער אים זיינען געחתמעט:... יצחק.... חונה פה ק"ק פוזן והגליל... אריה יהודה מלא־מיר... ישראל מטרנפאל... משה בא"א... ישראל יעקב... זע פנקס ליטא ז. 299.

**) זע „דער בראשית פון מעזריטש".

א צווייט מאָל ווערט דערמאָנט „יריד מעזריטש" אין שייכות מיט דעם סיכסוך, וואָס איז אנטשטאנען צווישן טשעכאַנאָווצי און ווענגראָוו. ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, איז טשעכאַנאָווצי אמאָל געווען אונטער ווענגראָוו. אָבער אין אָנהויב 17טן י"ה, האָט די קהילה אין טשעכאַנאָווצי רעוואָלטירט קעגן ווענגראָוו און איז געוואָרן א קהילה פאר זיך מיט איר אייגענעם גליל (36). מיט דעם ארויסטריט פון טשעכאַנאָווצי פון דעם ווענגראָווער גליל איז דער ענין נאָך נישט געווען געענדיקט (פונקט ווי דאָס באפרייען זיך פון מעזריטש פון טיקטינס הערשאפט, האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט סיכסוכים וועגן רעכט איבער געוויסע סביבות). טשעכאַנאָווצי האָט געפאָדערט די רעכט, איינצושליסן וויסאָקי אין איר גליל און אזוי ארום קענען אויפמאָנען דעם קאָפּ־שטייער און אנדערע שטייערן און הכנסות פון דער דאָרטיקער קהילה. ווענגראָוו האָט זיך געשטעלט קעגן טשעכאַנאָווצי און פונקט אזוי ווי טיקטין, האָט זי מן הסתם אויך געטענהט, אז וויסאָקי געהערט צו איר פון לאנג. דער סיכסוך איז אויך פאָרגעבראכט געוואָרן פאר דעם ועד ארבע ארצות און נאָך א באַ־ראטונג פון די רבנים, איז באשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם משפּט ביז „נאָך דעם יריד־מעזריטש, וואָס וועט פאָרקומען אין ווינטער תפוא"ו (1733)" (37).

מיר זעען אלזאָ, אז דער יריד־מעזריטש איז אודאי געווען א באַרימטער און צוגעצויגן א סך רבנים און סוחרים פון די ארומיקע שטעט און מחמת דעם וואָס די צייט איז, הפּנים, געווען צו־נאָענט צום יריד, האָבן זיי די דין־תורה אָפּגעלייגט אויף א שפּעטערע דאטע.

אויך זעען מיר פון די צוויי אויבנדערמאָנטע פאלן, אז די וויכטיקע ירידים אין מעזריטש, אָדער איינער פון די הויפּט־ירידים (מיר געדענקען אז ביז 1789 האָט שוין מעזריטש געהאט 3 יאָר ירידים) איז פאָרגעקומען אין חודש טבת.

גזירות ת״ח און אנדערע מלחמות

און זייער ווירקונג אויף די מעזריטשער יידן

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע געשעענישן, וואָס האָבן אריינגעבראכט טראגישע מאָמענטן און צערודערט דאָס נאָרמאַלע און פרידלעכע לעבן פון יידישן מעזריטש, אין דעם צייט־אָפּשניט וואָס ענדיקט זיך מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די געאָגראַפישע לאַגע פון מעזריטש, איז פון תמיד אָן געווען, פון מי־ליטערישן שטאַנדפּונקט, א וויכטיקע. מעזריטש ליגט אויף דעם הויפּט־טראַקט צווישן ווארשע און מאָסקווע. פון מעזריטש ציען זיך אויך וועגן צו זייטיקע שטעט, וואָס האָבן פאַרבינדונגס־קנופּן מיט אנדערע וויכטיקע שטעט אין פּוילן. שוין אין די גאָר אַלטע צייטן, נאָך א סך פריער איידער מעזריטש איז גע־וואָרן א ישוב, איז דער טעריטאָריעלער שטח, אויף וועלכן ס'האָט זיך אויס־געבויט די שטאָט מעזריטש, געווען באַקאַנט אלס דורכפאָר־פּלאַץ הן פארן יבשה און הן פארן וואַסער־פארקער. מחמת דעם איז מעזריטש געווען, אין קריגס־צייט, דער מיטל־פּונקט צו וועלכן עס האָבן זיך געצויגן כלערליי חיילות פון מזרח קיין מערב און פאַרקערט.

די בלוטיקע יאָרן פון ת״ח און ת״ט (1648—1649), האָבן אויך איבער־געלאָזט זייערע שפּורן אין מעזריטש, כאָטש קיין דירעקטע דאָקומענטן וועגן די טראגישע געשעענישן, זיינען אין מעזריטש גופא נישט פארבליבן. די סיבה דערפון איז, מסתמא, דאָס וואָס די פּנקסים פון יענער צייט זיינען פארלוירן געגאַנגען.

אז די מעזריטשער יידן האָבן אויך געפילט די מערדערישע האַנט פון כמיעלניצקים באַנדעס — אין דעם איז גאָר קיין ספק נישטאָ. מיר ווייסן אז כמיעלניצקים און אנדערע באַנדעס האָבן געמאכט זייערע באַזוכן אין די שכנותדיקע קהילות פון וולאָדאַווע (38), בריסק (39) און לוקאָוו (40); דערי־בער לייגט זיך נישט אויפן שכל אַז די דאָזיקע באַנדעס זאָלן האָבן אויסגעג־לאָזט מעזריטש, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען איינע פון די וויכטיקסטע שטעט אין פּאָדליאַשע.

פאַקטיש געפינען מיר אויך דערמאָנט דעם נאָמען מעזריטש אין דעם

ספר „טיט היון" (וויניצע, ת"י — 1650), וואָס איז געשריבן געוואָרן פון דעם ווינער ייד ר' שמואל פייביש בר' נתן פייטל מווין. הגם זיין בוך איז נישט שטאַרק פונדאמענטירט און קען נישט געשטעלט ווערן אין דער זעלבער מדרגה פון נתן נטע האנאָווערס „יון מצולה"; פונדעסטוועגן האָט דער ספר „טיט היון" דאָך א וויכטיקן היסטאָרישן ווערט. אויך זיין מאַטעריאל איז נישט אינגאַנצן ארויסגעזויגן פון פינגער, אָדער אַ בלויזער פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע. אויך דער ספר איז אין גרונט געבויט אויף דער באַזע פון פאַר־שידענע מקורים און פארשידענע שמועות. דער מאַטעריאל זיינער איז נאָר טיילווייז א נישט־קאָנטראָלירטער און אביסל אויך א צופיל גוזמאדיקער. ווי ס'זאָל נישט זיין, זיינען די אין אים דערמאָנטע שטעט זיכער אמתדיקע, ווייל די אָנגעגעבענע שטעט האָבן דאן עקזיסטירט.

און צווישן אנדערע כראָניקס פון דעם ספר*) לייענען מיר: „משם הלך למדינה הנקראה פודלשיאי... ומשם הלך בגבול שמונה ימים שלא היו שם יהודים ואחר בא לגבול ברישקפא ובא לקהילה קדושה מעזריטץ הגדולה, ושם שלש מאות בעלי בתים ונהרגו כמעט כולם. כל החורבן הזה עשה חמיל עם מושקוויטי — פון דאָרט איז ער געגאַנגען (ער מיינט כמיעלניצקין. — מ. ע.) צו דער מדינה וואָס רופט זיך פּאָדליאשע... און פון דאָרט איז ער געגאַנגען צו א שטאָט אכט טעג גאַנג אינערהאלב די גרענעצן (פון פּאָדליאשע. — מ. ע.) און דאָרטן זיינען קיין יידן נישט געווען (מן הסתם זיינען זיי אנטלאָפן. —

*) אין „יון המצולה" ווערט דערמאנט די שטאָט מעזריטש. אָבער דאָרט מיינט מען מעזריטש לעבן אָסטרא. דאקעגן אין „טיט היון", ציטירט אין ספר הדמעות, ווערט מעזריטש דערמאנט דריי מאָל. פון דעם אינהאלט דאָרט איז קלאָר, אז איינע פון די דריי מעזריטשן, וועלכע ווערן דאָרט דערמאנט, איז אונדזער מעזריטש. ער שרייבט דאָרט אזוי (ספר הדמעות, סימן קנ"ד): „ומשם הלך למדינה הנקראה פודלשיאי", און ווייטער שרייבט ער, „משם הלך לעיר בגבול שמונה ימים שלא היו שם יהודים ואחר כך בא בגבול ברישקפא ובא לקהלה קדושה מעזריטץ הגדולה ושם שלש מאות בעלי בתים ונהרגו כמעט כולם כל החורבן הזה עשה חמיל עם מושקוויטי..." עס איז קלאָר, אז דאָס האָבן מיר צו טאָן מיט מעזריטש דליטא, אָדער ווי זי ווערט אויך גערופן מעזריטש־פּאָדליאסקי. ווייל ער דערמאנט דאָך פודלשיאי (פּאָדליאשע). ער דערמאנט אויך „ברישקפא", וואָס איז זיכער די באקאנטע שטאָט בריסק דליטא, וואָס געפינט זיך אין שכנות פון מעזריטש. דאָס וואָס ער רופט די שטאָט מעזריטץ־הגדולה, איז דער מחבר נישט אויסן געווען אלס געאָגראפישע באַצייכנונג, וואָס וואָלט אָן ספק געהאט מער שייכות מיט מעזריטש, וועלכע געפינט זיך אין גרויס־פּוילן לעבן פּויזן. אהינצו האָבן כמיעלניצקיס באנדעס מיט די מאָסקוויטן נישט דערגרייכט. די באַ־צייכנונג „הגדולה", איז איר געגעבן געוואָרן, מחמת דעם וואָס דאָרט האָבן געוווינט „שלוש מאות בעלי בתים" — דריי הונדערט בעלי בתים — אין פארגלייך צו מעזריטש־קטון, וווּ עס האָבן געוווינט פיל ווייניקער. מען דאַרף זיך אָבער באַציען קריטיש צום מחבר פון „טיט היון", וועלכער האָט די שטעט נישט געקענט און ער האָט דאָס אַלץ געשריבן מפּי השמועה. מיר האָבן א גרונט אָנצונעמען, אז די צאָל פון די יידישע משפחות אין מעזריטש איז דעמאָלט געווען קלענער.

מ. ע.) און נאָכדעם איז ער געקומען אין די גרענעצן פון ברישקפּא און ער איז געקומען אין דער קהילה פון גרויס־מעזריטש, און דאָרט זיינען געווען 300 בעלי־בתים און זיי זיינען כמעט אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן. דעם גאַנצן חורבן האָט געמאַכט כמיעל מיט דעם מאָסקוויט...".

פון דער דאָזיקער באשרייבונג איז קלאָר, אז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אונדזער מעזריטש־פּאָדלאַסקי; ווייל אי ער דערמאָנט פּאָדליאַשע און אי ער דערמאָנט בריסק (ברישקפּא), וועלכע ליגט אין שכנות פון מעזריטש און ער דערמאָנט דערביי אויך מעזריטש אין איין אָטעם. דאָס וואָס ער רופט מעזריטש „מעזריטץ הגדולה" (גרויס־מעזריטש) איז נישט קיין וווּנדער, ווייל פריער דערמאָנט ער אויך דעם חורבן פון „מעזריטש־קטון" — קליין־מעזריטש מיט בלויז 100 בעלי־בתים. די דאָזיקע מעזריטש, איז זיכער די מעזריטש נעבן אָסטראָהא אין וואָלין. עס איז דעריבער גאָר קיין ספק נישט, אַז דער מחבר האָט געהערט פון פּליטים אָדער פון אנדערע מיטצייטלער וועגן דער שחיטה אויף די מעזריטשער יידן און ער האָט עס פארצייכנט לדור־דורות אין זיין ספר „טיט היון".

אגב, דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט גיט אונדז דעם ענטפער צו דער רעטעניש, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם אונדז באַקאַנטן ערשטן מעזריטשער רב ר' צבי הירש ווילנער. אין זיינע שאלות ותשובות מיט זיין פריינט און חבר ר' יצחק בר' אברהם, דער באַרימטער פּויזנער רב, שרייבט ער זיך אונ־טער „צבי הירש הלוי מווילנא ל"ע (לעת עתה) בברעזאָן". די דאטע פון די דאָזיקע שאלות־ותשובות איז א שפּעטערע פון דער דאטע פון די שאלות ותשו־בות מיט זיינע צוויי חברים און מחותנים, דער „פּני יהושע" (שאלות ותשו־בות) און „גבירת אנשים" און פיל שפּעטער פון זיינע שאלות־ותשובות מיט דעם באַרימטן מהר"ם לובלין.

שטעלט זיך די פראַגע: וואָס האָט באַוויגן דעם מעזריטשער רב צו פאַרלאָזן זיין בכבודיקע שטעלע אין מעזריטש און זי טוישן אויף ברעזאָן, א קליינע קהילה אין דער אָרעמער ליטווישער פּראָווינץ זאַמוט? זיכער, האָט אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט געקענט באַקומען אַ גרעסערע און באַדייטנדיקע־רע שטעלע ווי ברעזאָן און אפילו מעזריטש? וואָס־זשע האָט געצוווּנגען אַזאַ גרויסן רב צו באַזעצן זיך אין אַזא קליינע און אומבאַדייטנדיקע קהילה? מיי־נען מיר, אז דאָס איז געשען צוליב די פּאָגראָמען. עס קען זיין, אז עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון כמיעלניצקים באַנדעס, וועלכע האָבן געמאַכט די שחיטות אויף די יידן אין פּאָדליאַשע און ער איז געלאָפן צו זיין געבוירנ־לאַנד ליטע; אָבער ער איז נישט געלאָפן קיין ווילנע, ווייל זי איז אליין געווען אונטער דעם איינדרוק פון איר אייגענעם חורבן. דאָס בעסטע פּלאַץ צו אַנט־רינען, אויב נישט קיין אויסלאַנד, וווּהין א סך יידן זיינען אַנטלאָפן, איז פאַר דעם רב אויסגעקומען, א קליין זייטיק שטעטל, וואָס זאָל ליגן ווייט פון דעם

הויפּט־טראקט און וועלכעס זאָל, מעגלעך, זיין אמווינציקסטן באדראָט פון כמיעלניצקים חיילות און ער האָט אויסגעקליבן דאָס שטעטל ברעזאָן. נאָכדעם, ווען די סכנה איז שוין געווען פארביי, האָט ער, ווייזט אוים, צוליב פארשי־דענע סיבות נישט געאיילט זיך מיטן אומקערן צוריק צו זיין פריערדיקער רבנות־שטעלע. עס קען אויך זיין, אז דער פאקט וואָס מעזריטש איז געוואָרן חרוב און איר קהילה צעשטערט — האָט אים אָפּגעהאלטן פון אומקערן זיך נאָך מעזריטש און ער איז דעריבער פארבליבן אין ברעזאָן.

אויך די שוועדישע חיילות, וועלכע זיינען באפאלן פוילן אויף דעם פאר־לאנג פון דעם טייל פון דעם אדל־שטאנד, וואָס האָט נישט געוואָלט אָנערקע־נען דעם דעמאָלטיקן פוילישן קעניג — האָבן נישט דורכגעלאָזט מעזריטש, אזוי ווי אין די אנדערע שטעט, האָבן זיי אויך אין מעזריטש, גערויבט און געמאָרדעט יידן.

נאָכדעם ווי פוילן איז צום צווייטן מאָל צעטיילט געוואָרן פון די דריי גרויסמאכטן (רוסלאנד, עסטרייך און פּרייסן), איז מעזריטש פאר א צייט געווען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאציע און די מעזריטשער יידן האָבן געליטן פון די דאָזיקע אָקופּאנטן. די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן אויך גע־טראָפן מעזריטש און ווידער אמאָל האָבן די מעזריטשער יידן געליטן. א דאנק נאַפּאָלעאָנס נצחון, איז מעזריטש צוריק באהעפט געוואָרן צו דעם ניי־געשאַ־פענעם פּוילישן פירשטנטום, אונטער דער שוץ פון פראנקרייך. די דאָזיקע לאגע האָט אָבער לאנג נישט אָנגעהאלטן. נאַפּאָלעאָן ציט זיך צוריק פון מאָסקווע און מעזריטש ווערט דאן אָקופּירט פון די רוסישע חיילות און זיי פארניכטן די דאָרטיקע מאגאזינען און סקלאַדן. פון דעמאָלט אָן, איז שוין מעזריטש געבליבן אונטער דער רוסישער ממשלה ביז א יאָר נאָך דעם אויס־ברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914.

די דאָזיקע צווישנצייט, ד. ה. די צייט פון דער רוסישער אָקופּאציע, איז נישט תמיד געווען קיין רואיקע. פּאָדליאַשע איז געווען א צענטער פון פּוילישן פּאטריאָטיזם. די פּוילישע באפעלקערונג האָט כסדר רעוואָלטירט קעגן דעם אָקופּאנט און עס האָבן פון צייט צו צייט אויסגעבראָכן בלוטיקע אויפשטאנדן אין וועלכע מעזריטש איז אויך געווען פארמישט. אָבער וועגן דעם וועלן מיר שרייבן אין א ווייטערדיקן קאפּיטל.

די באַציאונגען צווישן מעזריטשער ייִדן און זייערע שכנים

ביז איצט האָבן מיר באהאנדלט די געשיכטע פון די מעזריטשער ייִדן אינעם ליכט פון דער אינעוויייניקסטער ייִדישער ספערע. איצטער וועלן מיר באַרירן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון ייִדישן מעזריטש און זיינע באַציאונגען מיט די אָרטיקע נישט־ייִדישע שכנים, דער איינפלוס פון די אָפטע מלחמות און אינוואַזיעס אויף דעם לעבן פון די מעזריטשער ייִדן, זייערע באַציאונגען מיט דער מאַכט א. א. וו.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר בדעה, אויף ווי ווייט ס׳איז מעגלעך אונטער די אומשטענדן פון נישט גענוג דאָקומענטאַרע עווידענץ, צו געבן א טיילווייזן איבערבליק וועגן די דאָזיקע באַציאונגען. כדי אָבער צו דערגענצן דעם איבערבליק, נויטיקט זיך אויסצוברייטערן דעם צייט־שטח ביז דעם צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד אין ליסטאָפּאַד (נאָוועמבער) 1830. מיט דער דאָזיקער דאַטע הייבט פּוילן אָן צו ווערן רעגירט —נישט נאָר פאַקטיש, נאָר אויך דע־יורי— פון רוסלאַנד. אַפילו די אינערלעכע מלוכהשע אויטאָנאָמיע, וואָס פּוילן האָט געהאַט באַקומען אין 1815, אויפן ווינער שלום־קאָנגרעס, האָט דעמאָלט אויך אויפגעהערט; עס איז דאַן פאַרשוווּנדן די כלומרשטע פּוילישע אויטאָנאָמיע און דער פאַקטישער בעל־הבית אין פּוילן איז געוואָרן דער רוסישער באַאַמטער; דאָס פּוילישע פאָלק איז פּאָליטיש און אַדמיניסטראַטיוו געוואָרן אונטעריאָכט פון רוסלאַנד.

היות, אַזוי ווי ביז 1830 האָט אָבער עקזיסטירט אַ פּיקציע פון פּוילישער מלוכהשאַפט, וועלכע האָט געהאַט איר השפּעה אויפן ייִדישן לעבן, כאָטש א באַגרענעצטע, וועלן מיר דערפאַר איינשליסן דעם גאַנצן פּעריאָד, וואָס ענ־דיקט זיך מיט דעם געגעבענעם צייט־אָפּשניט, אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל.

און אָנהייבן וועלן מיר אונדזער איבערבליק מיטן יאָר 1764; אין דעם יאָר טרעט אַריין אין די ייִדיש־פּוילישע באַציאונגען אַ גרויסע ענדערונג, וואָס רופט זיך אָפּ אויפן גאַנצן כאַראַקטער פון דער ביז דעמאָלטיקער אינערלעכער ייִדישער אויטאָנאָמיע.

דער פּוילישער סיים האָט דעמאָלט באַשלאָסן, אַז דער ייִדישער ועד,

וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די יידן לגבי דער מאכט, האָט פאַרלוירן זיין צוועקמעסיקייט. ווי מיר האָבן שוין פריער דערקלערט, איז די עקזיסטענץ פון דעם רעפּרעזענטאַטיוו ועד נישט געווען קיין פּראָדוקט פון א ליבעראלער איינשטעלונג וואָס האָט באַהויכט די מעשים פון די פּוילישע מלכים און רע־גירער לגבי די יידן; זייער כוונה מיטן טאָלערירן פון אָט דעם ועד איז געווען א ריין פּראַזאַישע — געלט־איינקונפטן.

כדי צו קענען צוקומען צו אַלע יידן, צו יעדן יידישן יחיד, און פון אים אויפמאָנען דעם קאָפּ־שטייער —אָדער „כרגא דמלכא", ווי ער איז אָפיציעל גערופן געוואָרן אין די יידישע דאָקומענטן פון יענער צייט און אויף פּויליש: „פּאָגלאָווני" — האָבן זיי געזוכט דעם ווירקזאַמסטן אופן ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן. צום ערשט האָבן די פּוילישע מלכים געפּרוווט צענטראַליזירן די קהילות פון אויבן אויף אַרונטער. זיי האָבן אויף אייגענער האַנט באַשטימט גענעראַל־פּאַקטאָרן (איינער פון זיי האָט זיך געשמדט) און א הויפּט־רב. דאָס האָט זיך זיי נישט אינגאַנצן איינגעגעבן. סיי די גענעראַל־פּאַקטאָרן און סיי די הויפּט־רבנים, זיינען נישט געווען לרצון פון די יידן. נישט געקוקט דערויף וואָס די דאָזיקע רבנים זיינען געווען אָנערקענט פון די יידן אַלס גרעסטע אויטאָריטעטן אין הלכה, האָט זיך דאָס יידישע פאָלק נישט געוואָלט אונטער־וואַרפן דער אויטאָריטעט פון א רב, וועלכן נישט דאָס פאָלק האָט געקליבן, נאָר איז זיי אָנגעוואָרפן געוואָרן מיט דער הילף פון פּראָטעקציע, אָדער צו־ליבן האָבן אַן איינפלוסרייכן שוועער. די זעלבע קעגן־רעאַקציע האָבן די יידן אַרויסגעוויזן צו די באַשטימטע גענעראַל־פּאַקטאָרן. נאָכדעם ווי דער דאָזיקער סיסטעם פון אָנוואַרפן פון אויבן א פירערשאַפט האָט באַנקראָטירט, האָט מלכות געפּרוווט דערגרייכן (אין יאָר 1551) איר ציל פון אויפמאָנען די שטייערן, דורך געבן די איינצלנע קהילות אויטאָנאָמיע און זיי מאַכן פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די שטייערן. אָבער אויך די דאָזיקע איינפירונג האָט נישט געגעבן דעם געהעריקן רעזולטאַט. די רעגירונג האָט אַלץ נישט באַוויזן אויפ־צומאָנען דעם גאַנצן שטייער פון אַלע יידן, וועלכע זיינען געווען צעשפּרייט איבער גאַנץ מלכות פּוילן און ליטע. אויך פון יידישן שטאַנדפּונקט, אויך די יידישע אינטערעסן, האָבן געפאָדערט דאָס שאַפן פון א רעפּרעזענטאַטיוו כוח, וועלכער זאָל קענען רעדן אינעם נאָמען פון אַלע יידן. אַזוי אַרום האָט די נויט געצוווּנגען איינצלנע קהילות (נאַטירלעך די גרויסע) זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין א מין לאַנדס־פאַרבאַנד. און אָט די פאָרשטייער פון די פאַר־באַנדן זיינען אויפגעטראָטן אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון די יידן פון זייערע געגנטן. פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער באַזע ביז צום קאָנסעקווענטן שריט, דהיינו, צענטראַליזירן אַלע לאַנדס־פאַרבאַנדן אין איין קערפּערשאַפט, איז געווען א ממילאדיקער פּועל־יוצא.

אין 1580 האָט זיך אויספאָרמירט דער ערשטער ועד פון אַלע פּינה לענ־

דער און דער ועד האָט באַלד ביי זיין ערשטן אויפטריט געפונען א גינסטיקן אָפּקלאַנג אויך ביי די פּוילישע מלוכה־באַהערדן. און דאָס איז געשען צוליב דעם, ווייל די ערשטע אויפגאַבע וואָס דער ועד האָט אויף זיך גענומען, איז געווען דאָס רעגולירן די איינמאָנונג פון יידישן קאָפּ־שטייער, דורך אָפּדינגען דעם אויבנדערמאָנטן שטייער. מיט דעם אויפטו האָט די רעגירונג געלייזט דעם פּראָבלעם פון איינמאָנען די שטייערן ביי אירע יידישע בירגער. דורך דער מיטהילף פונעם ועד האָט זי באַקומען א קיילעכדיקע סומע פון יידישן קהל יערלעך, אָן קאָפּ־דרייעניש. די רעגירונג איז אזוי ארום פטור געוואָרן פון דער זאָרג, אויפצומאָנען דעם קאָפּ־שטייער ביי די יחידים באַזונדער, וואָס איז, אגב, געווען פארבונדן מיט ספּעציעלע הוצאות און ממילא נישט געווען פּראַקטיש. עס האָט זיך, לכן, בלויז צוליב דעם אליין געלוינט דער רעגירונג צו אָנערקענען דעם ועד אלס די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק אין מלכות פוילן און ליטא.

אין 18טן יאָרהונדערט, ספּעציעל אין דער צווייטער העלפט פון דעם י"ה, האָט זיך ערשט די פּוילישע רעגירונג ארומגעזען, אז דער אייגנטלעכער אינטערעסן־מאָטיוו, צוליב וועלכן זי האָט די אלע יאָרן געדולדעט דעם ועד, ווערט שוין נישט איינגאַנצן באַפרידיקט דורך זיין עקזיסטענץ. דער ועד ארבע ארצות און דער ועד פון די ליטווישע יידן, האָבן מיט דער צייט מער נישט געקענט אזוי לייכט צונויפברענגען די סומע פון באַשטימטן קאָפּ־שטייער און זיי זיינען געבליבן שולדיק דעם פּוילישן סקארב דאָס איינצאָלן פאר עטלעכע יאָר שטייערן.

צו דער געענדערטער שטעלונג פון דער פּוילישער מאכט לגבי דעם ועד, האָבן נישט ווייניק מיטגעווירקט פּריוואַטע יידישע אינטערעסן, וואָס זיינען געווען א פּועל־יוצא פון די עוולות, וואָס טייל יידישע פירער זיינען באַגאַנגען לגבי די אָרעמע שיכטן. אויך זיינען פיל איינצלנע קהילות נישט געווען צופרידן מיט דער האַנדלונג פון די פירער פון ועד, בשייכות דער איינטיילונג פון דעם שטייער, וועלכן זיי האָבן נישט געהאַלטן פאר קיין ריכטיקן און פּראָפּאָרציאָנעלן לויט זייערע מעגלעכקייטן. דער דרוק אָפּצושאַפן דעם ועד ארבע ארצות און דעם ועד ליטא, איז אזוי ארום געווען א שטאַרקער פון יידישן צד זעלבסט.

אמת, דער דרוק מצד די יידן איז געווען באַאיינפלוסט פון גוטע כוונות. די קעגנערשאַפט צו דער דעמאָלטיקער יידישער פירערשאַפט, האָט געמיינט דערמיט אָפּצושאַפן די עקזיסטירנדיקע איבלען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אריינברענגען געוואונטשענע רעפאָרמען, וועלכע זיינען געוואָרן א נויטווענדיקייט. אָבער די פּוילישע רעגירער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אָט דער מציאה און האָבן געצויגן דערפון אנדערע מסקנות. זיי האָבן נישט געטראַכט פון דעמאָקראַטיזירן די יידישע אויטאָנאָמיע, אויסוואָרצלען די קאָ־

רופציע און געזונט־מאכן דאָס יידישע לעבן; זיי האָבן געמאכט זייערע אויס־פירן, אז די יידישע קערפּערשאפטן פארטאכלעווען דעם מלוכה־שטייער און זיי נארן אָפּ דער רעגירונג; זיי האָבן גיעהאלטן, אז די הינטערשטעליקייט מיטן איינצאָלן דעם שטייער, איז נישט קיין פּועל־יוצא פון דעם שוידערלעכן מצב אין וועלכן די יידן האָבן זיך אויף אן אמת דאן געפונען, נאָר אז דאָס איז א רעזולטאט פון די מיסברויכן, וואָס ווערן באגאנגען מצד דער יידישער פירערשאפט. און די פּוילישע רעגירונג איז גאָר געקומען צו א פארקערטער מסקנא, נעמלעך, אז די יידן קענען און דארפן צאָלן נאָך א גרעסערן קאָפּ־שטייער. די רעגירונג האָט גאָר אָנגעהויבן קוקן אויף די צוויי צענטראַלע ועדים פון די יידן אין פּוילן און ליטע, ווי אויף א שטער צו אירע פּלענער און האָט דערפאר באשלאָסן צוריקצוקערן זיך צום אלטן סיסטעם, פון אויפ־מאָנען די שטייערן דורך די איינצלנע קהילות.

אין 1764 איז דער ועד ארבע ארצות און אין ליטע דער ועד דקהילות הראשיות דמדינת ליטא, בטל געוואָרן. די יידישע אויטאָנאָמיע אין גאנץ מלכות־פּוילן, איז נאָך א צוויי הונדערט־יעריקער עקזיסטענץ, אָפּגעשאפט גע־וואָרן און דאָס פּוילישע יידנטום איז געוואָרן א דיסאָרגאניזירטע מאסע, אָן א קלאָרן וועג און אָן א וועגווייזער אין נאציאָנאלן מאסשטאב.

אמת, די קהילות זיינען אויך נאָכדעם ווי די צענטראַלע אויטאָנאָמיע איז אָפּגעשאפט געוואָרן, ווייטער געבליבן אויטאָנאָם — שוין צוליב דעם קאָפּ־שטייער אליין, פאר וועלכן יעדע קהילה איז איצט געוואָרן אינדיווידועל פאראנטוואָרטלעך — אָבער אויך די דאָזיקע נעבעכדיקע אויטאָנאָמיע איז גע־וואָרן אויסגעליידיקט פון איר אינהאלט. איר כוח אלס זעלבסטשטענדיקע פאַרטרעטערן און פאַרטיידיקערן פון די יידן איז געבליבן אָן ממשות. דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן האָט דורכגעלעבט זיין אייגענעם קריזיס צוזאמען מיט דעם קריזיס פון דער פּוילישער מלוכהשאפט, וועלכע איז געשטאנען ביים ראנד פון אונטערגאנג.

דער פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן קריזיס, איז געווען דאָס אנטשטיין פון די צוויי דרינגענדיקע פּראָבלעמען: ראשית, די ליקווידאציע פון דעם ועד; דאָס האָט געמיינט — ברענגען אין אָרדענונג די חובות וואָס דער ועד איז געבליבן שולדיק, ווי אויך די חובות פון די ועדי הגלילות און פון די איינצל־נע קהילות (און חובות זיינען געווען א סך און גרויסע). דער ועד איז געווען שולדיק חובות צו יחידישע יידן, צו קהילות, צו פּריצים, צו גלחים און קירכ־לעכע אָרדנס; און ענלעכע חובות האָבן אויך געהאט די ועדי־הגלילות און די איינצלנע קהילות — אחוץ דעם קאָפּ־שטייער וואָס זיי זיינען געבליבן שולדיק דער מלוכה־קאסע. שנית, די פיינלעכע פראגע, וואָס טוט מען מיט די יידן? ווי אזוי שטעלט מען איין זייער לעגאלע לאגע אלס איינוווינער פון לאנד; ווי אזוי פארבעסערט מען זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאגע, איצט, ווען זיי זיינען געבליבן אָן א אויטאָנאָמישע קערפּערשאפט?

די פּוילישע מלוכה־רעגירער האָבן דעמאָלט באַשטימט אַ ליקווידאַציע־קאָמיסיע. אַלע קהילות זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו שיקן פאָרשטייער קיין וואַרשע, צו פאַרהאַנדלען וועגן זייערע חובות. צו דער זעלבער צייט איז אויך געשטאַנען אויפן סדר־היום די התחייבות פון יעדער קהילה באַזונדער. די ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע האָט די אַלע פראַגן באַהאַנדלט, האָט צווישן אַנדערעס באַשטימט, אַז די קהילות פון די פרייע שטעט, צו וועלכע עס האָבן געהערט קוזמיר נעבן קראָקע, פּויזן, פּזשעמישל, מעזריטש־פּאָדליאַסקי (ד. ה. די מעזריטש וועגן וועלכע מיר שרייבן), אָליק און מעזריטש נעבן קאָרעץ, זאָלן צאָלן אַ קאָפּ־שטייער פון 15 גראָשן.

עס איז אָבער נישט קלאָר, צי דאָס איז בלויז געווען אַ צוגאָב־שטייער פאַר די פאַרלעגענע שטייערן, אָדער דער סכום פון דעם פּערמאַנענטן שטייער. גיכער איז אָנצונעמען, אַז דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער שטייער אויף צו דעקן די אַלטע חובות און איך בין חושד, אַז די דאָזיקע קהילות האָבן נישט געהאַנדלט קיין מציאה; ווייל לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָבן זיי שוין געהאַט באַצאָלט זייער געוויינלעכן קאָפּ־שטייער און האָבן עס אפילו געקענט דערוווייזן; נאָר כדי אַרויסצובאַקומען די הינטערשטעליקע חובות, האָט מען אַרויפגעלייגט אויף זיי אַן עקסטראַ־שטייער פון 15 גראָשן פער־קאָפּ. מיר זעען עס אויך פון דעם, וואָס קורץ נאָכדעם האָט דער סיים כסדר געהויבן דעם קאָפּ־שטייער. פון צוויי גילדן פער־קאָפּ, איז שפּעטער געוואָרן דריי און אַ האַלבער גילדן, און נאָך שפּעטער איז די סומע ווייטער געוואָרן פאַרדאָפּלט. די פּוילישע מלוכה־מענער האָבן אָפּגעשאַצט אַז די יידן זיינען בכוח צו צאָלן אַן אַלץ גרעסערן שטייער.

די צווייטע און וויכטיקסטע פראַגע איז, ווי שוין געזאָגט, געווען די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן. מיט דעם אינערלעכן קריזיס פון דער פּוילישער מלוכה, וואָס איז אין דעם צייט־אָפּשניט געוואָרן צוויי מאָל צעטיילט: איין מאָל אין 1772 און נאָכדעם אין 1793. דורך דער צעטיילונג האָט פּוילן פאַר־לוירן צו רוסלאַנד די טעריטאָריעס פון ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע און וואָלין ביז בריסק; צו עסטרייך — דעם גרעסטן טייל גאַליציע; און צו פּרייסן — פּאָמערן און אַ טייל פון דער פּויזנער וואָיעוווּדסטווע. אין דער צעפּיצלטער און רעדוצירטער פּוילישער מלוכה, איז דעמאָלט ערשט נאָך בולטער געשטאַנען די יידן־פראַגע אויפן סדר־היום. די אויטאָנאָמישע קערפּערשאַפטן זיינען מיט דער צייט געוואָרן אויפגעלייזט; קיין פּוילישע בירגערשאַפט האָבן זיי נישט געהאַט און זיי זיינען פּאַקטיש געבליבן אָן שום צוגעהעריקייט צו דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט און צו דער פּוילישער מלוכה.

די פּוילישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, איז דאַן געווען צעטיילט בנוגע דער יידן־פראַגע. ס'איז געווען אַ צד וועלכער איז געווען גרייט מסכים צו זיין צו לייזן די יידן־פראַגע אויף אַן עקסטרעמען און פאַר זיי, פּשוטן אופן —

ארויסטרייבן די יידן פון פוילן. אויף דעם האָט די מערהייט פון אדלשטאנד און אפילו די גלחים, נישט געקענט איינשטימען און דאָס גראָד נישט מחמת ריינע הומאניטארע געפילן, נייערט מחמת די חובות וואָס ס'איז זיי געקומען ביי די יידן.

דער פיר־יאָריקער סיים, וואָס האָט זיך אומאויפהערלעך באראטן, כדי צו סאנירן די פּאָליטישע לאגע פון לאנד און ראטעווען די פוילישע מלוכה פון איר ענדגילטיקן אונטערגאנג, האָט אויך גלייכצייטיק באשטימט א קאָמי־סיע, אויף צו באטראכטן די יידן־פראגע.

„יידן דארפן ווערן נוצלעכע בירגער פון לאנד!" — איז צו דער זעלבער צייט געוואָרן די לאָזונג פון א צווייטער טייל פון דער פוילישער געזעלשאפט. די נוצלעכקייט האָט זיך גֶעזאָלט אויסדריקן אין באזעצן די יידן אויף ערד און זיי פארוואנדלען אין לאנדווירטן.

דר. ע. רינגעלבלום, אין זיין בוך „די פוילישע יידן אין אויפשטאנד פון קאָשטשושקאָ — 1794", שרייבט וועגן דעם, אז אייגנטלעך האָבן פיר אוטי־ליטאריסטישע מאָמענטן באווירקט יענע, וועלכע האָבן פראָפּאגאנדירט די אידיי פון לייזן די יידן־פראגע דורך פארוואנדלען זיי אין לאנדווירטן. ער רעכנט אויס:

1. די ירידה פון דער פוילישער לאנדווירטשאפט און דער דוחק אין ארבעטס־הענט; 2. די פארשפרייטונג פון דער אידיי, אז דאָס רייכטום פון לאנד איז אָפּהענגיק פון דעם מצב פון דער לאנדווירטשאפט; 3. דאָס פאר־בעסערן די לאגע פון די יידן, כדי אזוי ארום צו פארזיכערן דאָס פארמעגן פון די פריצים און גייסטלעכע, וועמען עס איז געקומען פון די יידן גרויסע חובות; 4. דער ווונטש פון דעם פוילישן שטאָטישן סוחר און בעל־מלאכה צו פטרן די יידישע קאָנקורענץ.

פארשידענע פראָיעקטן זיינען אויפגעשוווּמען און פארשידן זיינען גע־ווען זייערע כוונות; עס זיינען אויך געווען צווישן זיי פראָיעקטן פון מענטשן מיט ליבעראלע אידייען, כאָטש זיי זיינען געווען ווייט פון פארשטיין די יידי־שע נאציאָנאלע, קולטורעלע און רעליגיעזע באדערפענישן. אינצווישנצייט האָט זיך די אלגעמיינע לאגע געענדערט פון טאָג־צו־טאָג און די יידישע באַ־פעלקערונג האָט זיך ממילא געמוזט צופאסן צו די געענדערטע באדינגונגען.

אין דער געשאפענער לאגע פאר די יידן אין אלגעמיין, האָבן די מעז־ריטשער יידן אין זייערע באציאונגען מיט זייערע נישט־יידישע שכנים, גע־מוזט נעמען אין באטראכט די לאָקאלע און מלוכהשע פאקטאָרן. אין לאָקאלן מאסשטאב זיינען זיי געווען אָפּהענגיק פון „הויף"; זייערע רעכטן האָבן זיך באזירט אויף געוויסע קאָנצעסיעס וואָס זיי האָבן באקומען פון די פריצים, די פריוואט־אייגנטימער פון דער שטאָט. בדרך כלל קאָן מען זאָגן וועגן די דאָזיקע באציאונגען, אז זיי זיינען נישט געווען קיין שלעכטע. די פריצים

האָבן געמיינט אַזוי אַרום צו באַגינסטיקן זייערע אייגענע אינטערעסן און אַרויסבאַקומען פון די יידן וואָס מער הכנסה. און היות די יידן האָבן געגעבן די פּריצים, דאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, האָבן זיי אויך פאַרטיידיקט די יידן, אַפילו ווען דאָס איז געווען קעגן די מלוכהשע אינטערעסן. אַזאַ פאַל איז טאַקע פאַרצייכנט אין די פּוילישע אַקטן. עס געפינט זיך אויפגעהאַלטן אַ באַריכט פון די סופּעראינטענדענטן פון דעם אָפּצאָל־שטייער, וועגן דער שטעלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו די רעגירונגס־באַאַמטע, וועלכע קומען איינמאָנען דעם אָפּצאָל. אין דעם דאָזיקן באַריכט ווערט אָנגעגעבן דער פאָלגנדיקער ביישפּיל וועגן דער פיינטלעכער שטעלונג פון דער באַפעלקערונג לגבי די שטייער־באַאַמטע:

„אין יאָר 1788 האָבן די יידן אין מעזריטש־פּאָדלאַסקי, בעת אין שטאָט איז פאָרגעקומען אַ יריד, אַרויסגעיאָגט פון שטאָט די באַאַמטע און די פינאַנץ־וועכטער. דער סופּעראינטענדענט (דער הויפּט־באַאַמטער) האָט געפאָדערט מען זאָל די שולדיקע יידן באַשטראָפן, אָבער זיי (די יידן), האָבן געפונען שוץ אין די (לאָקאַלע) מאַכטהאָבער" (41).

דער דאָזיקער פאַקט, וואַרפט אַ סך ליכט אויף דעם דעמאָלטיקן מצב פון מעזריטש, אין שייכות צו אירע יידן. קודם כל, באַווייזט עס, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטאַרק איבערוועגנדיקע אויף אַזוי פיל, אַז זיי האָבן געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער מאַכט. עס באַווייזט אויך, אַז זייערע באַציאונגען מיט דעם „הויף" זיינען געווען זייער גוטע און מחמת דעם וואָס זייער פירשטלעכער מושל אַדאַם טשאַרטאָריסקי — צו וועמען די שטאָט האָט געהערט — האָט זיי געגעבן שוץ, האָט דער מאַגיסטראַט מורא־געהאַט צו פאַרטשעפּען זיך מיט די יידן. דריטנס, קאָנען מיר דרינגען פון דעם פאַל, אַז דער רוב מנין און רוב בנין פון מעזריטשער האַנדל איז שוין דעמאָלט געווען אַ יידישער. פערטנס, קאָנען מיר דערפון אויך קומען צום אויספיר, אַז די באַציאונגען צווישן די יידן מיט דער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג און אַפילו מיט די אַרומיקע דערפער, האָבן געדאַרפט זיין גוטע; ווייל אין קעגנפאַל וואָלט נישט געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די פּאָלאַקן האָבן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט, ווי יידן באַפאַלן זייערע מלוכה־באַאַמטע און טרייבן זיי אַרויס פון דער שטאָט. אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז אויך די פּוילישע סוחרים האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון די צאָל־באַאַמטע, קען דאָס נישט געזאָגט ווערן וועגן דער רעשט באַפעלקערונג. אויך דער פאַקט, וואָס די מערהייט פון דער שטאָטישער נישט־יידישער באַפעלקערונג איז, ווי עס שיינט, פון תמיד אָן געווען אָן אוקראַינישע, קלערט נישט אויף די דאָזיקע אויסטערלישע דערשיינונג. ווייל די באַפעלקערונג אַרום דער שטאָט איז אין איר מערהייט געווען אַ פּוילישע אין דער דאָזיקער אויסטערלישער אינצידענט, וואָס איז געשען בעת אַ יריד, אין אַ צייט ווען עס זאַמלען זיך צונויף כמעט אַלע פּויערים פון דעם גאַנצן אַרום. נישט אַנדערש, אַז די יידן אין זייערע

שכנים האָבן דעמאָלט געלעבט אין פריינטלעכע באַציאונגען. אודאי זיינען אויך געווען סיכסוכים צווישן די יידן מיט זייערע שכנים; די אנטיסעמיטן האָבן געזוכט צו שעדיקן דעם יידישן האנדל (ווי מיר וועלן עס באלד זען); אָבער אין אלגעמיין זיינען די באַדינגונגען הפנים געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאָלפן צום וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג און אין זייער דע־צידירנדיקן איינפלוס אויף דער שטאָט.

וועגן דער ווירקונג וואָס דער בעל־הבית פון מעזריטש — פירשט אדאם טשאַרטאָריסקי — האָט געהאַט אויף די גוטע באַציאונגען צווישן די יידן און דער רעשט באַפעלקערונג פון זיינע גיטער אַרום מעזריטש און דער אָרטיקער באַפעלקערונג, זעען מיר אויך פון דעם, וואָס דער שוין אונדז באַקאַנטער בן עיר, ר' יעקב שפּירא דערציילט אין איינעם פון זיינע בריוו צו דובנאָוון (גע־פינט זיך אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו אין ייוואָ — ניו־יאָרק), וועלכן מיר זעצן דאָ איבער פון דעם העברעישן טעקסט:

„דער גרויסער האר טשאַרטאָריסקי, דער שר פון דער דאָזיקער שטאָט, איז געווען אַ גרויסער מאַן און פון קעניגלעכן הויז, דער באַזיצער פון אַ סך גיטער... אַ גוטער און אַ גוטס־טוער. אַלע זיינע גלוסטיקייטן זיינען געווען אויסצובּרייטערן און צו פאַרגרעסערן די שטאָט און איר באַפעלקערונג, און כדי אויפצושטעלן אַ מאַרק (אַזעלכער האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט פאַר דעם — מ. ע.) און גאַסן, האָט ער צעטיילט מיט אַ ברייטער האַנט צענדליקער טויזנטער ציגל פון זיין הויף כדי אויסצובויען גרויסע מויערן אַרום דעם מאַרק (די דאָזיקע מויערן, אַ טייל פון זיי זייער גרויסע, אַרומנעמענדיק גאַנצע בלאָקן, זיינען געווען כמעט אַלע יידישע. — מ. ע.). פון דער גאַנצער סביבה האָבן יידן געצויגן צו אים. און די אַלע וואָס זיינען געקומען, זיינען געשטאַנען אונטער דער שוץ פון דעם אויבנדערמאָנטן האר און זיין ממשלה. און יעדער קאָנפליקט צווישן איין מענטש און צווייטן, איז געבראַכט געוואָרן צום פירשטס קאָמיסאַר און ער האָט געמשפּט. אַזעלכע פּסקים, זיינען אויך פאַר־שריבן אין דעם פּנקס פון דער קהילה אין פּויליש און אונטער זיי איז גע־חתמעט דער דוכס.

„נאָכדעם, ווען ס'האָט אָפּגעברענט די הילצערנע שול, וואָס איז גע־שטאַנען פון אַמאָל אין אונדזער שטאָט... האָבן די שטאָט־מענטשן מיט דער הילף פון דעם דוכס אויפגעשטעלט אַ גרויסע מויערנע שול (די נאַצים האָבן חרוב געמאַכט די שול צוזאַמען מיט די יידן. — מ. ע.). דער מויער צוזאַמען מיט דער עזרת־נשים איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר תק"ל (1770)... *).

„און נאָך וועגן דעם דוכס, דער האר פון דער שטאָט. פון שטאָט־זקנים האָב איך געהערט, אַז זיינע גענג אין דער מלוכה־פּאָליטיק זיינען געווען גאַנץ

*) דר. הענדל אין אויבנדערמאָנטער אַרבעט דערקלערט, אַז די שול איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט אין יאָר 1779.

אנדערש (ווי באקאנט, איז ער געווען פון די קעגנער פון דעם לעצטן פוילישן מלך, אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי — מ. ע.)... אין די טעג פון דעם לעצטן פוי־לישן מלך פּאָניאַטאָווסקי, קעגן וועמען דער אדלשטאנד איז אויפגעשטאנען, דערפאר ווייל ער איז געווען א פריינט פון רוסלאנד, און די רוסישע ממשלה האָט אים געשטיצט מיט מיליטער פון צייט־צו־צייט. בכן, אין יענע טעג, האָט רוסיש מיליטער זיך פארשפרייט איבער דער מדינה און די פּריצים זיינען באשטראָפט געוואָרן מיט געלט־קאָנטריבוציעס. דעמאָלט זיינען רוסישע סאָל־דאטן אויך געקומען צו אונדז אין שטאָט אריין און האָבן געפאָדערט קנס־געלט אויך פון דעם שר פון דער שטאָט. און ווייל דער דוכס איז דעמאָלט נישט געווען, ווייל ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אויסלאנד, האָבן די יידן באצאָלט אויף זיין חשבון א סומע פון 40.000 רענדלעך, און די סומע האָבן די ראשי־הקהל געליען ביי דעם נגיד, הרב שלמה פרידמאן. נאָכדעם האָט דער קאָמיסאר (מן הסתם טשארטאָריסקיס פארטרעטער. — מ. ע.) אָפּ־געגעבן דעם חוב מיט א צאָל דערפער וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אין ארענדע אויף עטלעכע יאָר.

„אחוץ דער שול, האָט ער אויך געהאָלפן אויסבויען דעם בית־המדרש (דאָס איז דער אזויגערופענער גרויסער בית־המדרש, וועלכער האָט געהאלטן א גאנץ בלאָק אין דער לענג און איז געשטאנען קעגנאיבער דער שול. — מ. ע.), א גרויסער מויער מיט געוועלבער (און שפייכלערס — מ. ע.), מיט א געוועלבטן סופיט...״.

דער דאָזיקער אויסצוג פון שפּיראָס בריוו קאָן דינען פאר א באשטעטי־קונג פון דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט; דהיינו, אז די גוטע באציאונגען צווישן די יידן פון מעזריטש און זייערע נישט־יידישע שכנים, זיינען געווען אין א גרויסער מאָס א רעזולטאט פון דער פריינטלעכער שטעלונג פון פירשט טשארטאָריסקי צו די יידן. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אז ער האָט גוט פארשטאַנען און אָפּגעשאצט דעם גרויסן ביישטייער וואָס יידן האָבן געבראכט פאר דער אנטוויקלונג פון זיין שטאָט מעזריטש, וואָס האָט אים גלייכצייטיק אריינגעבראכט גרויסע הכנסות און רייכטום.

די געשיכטע פון די ראַד־קראָמען

צו די אינטערעסאנטע קאפיטלען וועגן די באציאונגען צווישן די יידן פון מעזריטש מיט זייערע שכנים — א קאפיטל וואָס האָט זיך טראגיש געענדיקט מיט דעם אומקום פון 6000.000 יידן, י״ד, דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער — געהערט, אָן ספק, דער קאמף וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר, ארום די ראַד־קראָמען *).

אין מעזריטש, אזוי ווי אין די אנדערע פּוילישע שטעט, האָבן פון אַלטע צייטן אָן, עקזיסטירט אין מארק האנדלס־קראָמען. די דאָזיקע קראָמען זיינען געשטאנען ארום דעם ראָטהויז און האָבן געהערט צו דרייערליי גרופּעס אייגנטימער: 5 קראָמען זיינען געווען דאָס אייגנטום פון דעם מאגיסטראט, וועלכער האָט זיי פאַרדונגען; אין די 20ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט מען זיי איינגעוואָרפן צוליב אַלטקייט און דאָס בוי־מאטעריאַל איז פארקויפט געוואָרן פאַר דער סומע פון 200 זלאָטעס. אַ צווייטע גרופּע האָט געהערט צו דער פּריצה פון דער שטאָט — אָפּאַלינסקאַ; די דאָזיקע קלייטלעך האָט זי פארדונגען צום קריסטלעכן שוסטער־צעך. אין יאָר 1677, דערמאָנט די פּריצה די דאָזיקע קלייטלעך, אין צוזאמענהאנג מיט העך פּריווילעגיע, וואָס זי האָט געגעבן דעם קריסטלעכן שוסטער־צעך. פון דעם איז צו דרינגען, אז די דאָזיקע קלייטלעך האָבן עקזיסטירט נאָך פון עלטערע צייטן. די דריטע און וויכטיקסטע גרופּע, האָבן געבילדעט די יידישע קראָמען; די צאָל פון די דאָזיקע קלייטלעך איז נישט געווען קיין פּערמאנענטע; זי האָט זיך געביטן פון צייט־צו־צייט, און מיט דער צייט זיינען אויך די קלייטלעך פון דעם קריסטלעכן צעך אריבער צו די יידן.

אין יאָר 1664, ווען מעזריטש האָט באקומען איר יסוד־פּריווילעגיע פון דער אויבנדערמאָנטער פּריצה איזאַבעלאַ אָפּאַלינסקאַ, זיינען די קראָמען שוין געשטאנען און די פּריצה אין איר גרויסמוטיקייט, האָט אָנערקענט דער שטאָטישער קאסע א שטענדיקן יערלעכן אָפּצאָל פון די קראָמען. פון די גרעסערע — 12 גראָשן יערלעך. שפּעטער איז דערין אריינגעטראָטן אן ענדערונג; די קראָמען־באזיצערס האָבן אָנשטאָט דעם מאגיסטראט, געצאָלט א צינז דעם

---

*) באארבעט לויט דר. הענדלס ארטיקלען, פאר וועלכן מיר דאנקען אים.

„הויף", אלס דער יורידישער בעל־הבית פון די פּלעצער, אויף וועלכע די קראָמען זיינען געשטאַנען. ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט, איז דער אָפּצאָל פון א קראָם געווען 5 זלאָטעס יערלעך — צום „הויף".

א סך יאָרן זיינען די קראָמען־אייגנטימער געשטאַנען רואיק אין זייערע קראָמען. קיינער האָט נישט קוועסטיאָנירט זייערע רעכט אויף די קראָמען, אָדער זייערע רעכט אויף אייביקן פּאַכט פון די פּלעצער. ווען געוויסע קראָמען זיינען געוואָרן רעמאָנטפּעליק, האָט מען זיי דערלויבט זיי צו רעמאָנטירן אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש. דאָס זעלבע איז געשען ווען קראָמען האָבן אָפּגעברענט; זייערע בעלי־בתים האָבן זיי צוריק אויפגעבויט; זיי האָבן אויך געקענט די קראָמען פארקויפן, אָדער איבערלאָזן אין ירושה. עס האָט זיך קיינער נישט געקימערט וועגן דער לעגאַלער אייגנטימער־רעכט. עס ווייזט זיך נישט אויס, אז אויף דעם געביט זאָלן האָבן פּאָרגעקומען וואָסערע עס איז צאַנקערייען צווישן די יידן און נישט־יידן, ביז דעם 19טן י. ה.

ערשט אין דער דאָזיקער צייט, פלאַקערט אויף א קאַמף ארום די קראָמען, וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך דריי סיבות: 1. אין צוזאמענהאַנג מיט דער שטרעבונג צו פארשענערן די שטאָט, האָט מען פּראָיעקטירט ארונטער־צוּוואַרפן די קראָמען פון מארק; 2. מעזריטש — פּונקט ווי אנדערע פּריציש־שטעט — האָט אָנגעהויבן א קאַמף קעגן דער פּריצישער הערשאַפט און זיך באַמיט צו באַפרייען פון אירע בעלי־בתים און ווערן זעלבסטשטענדיק; 3. כדי צו באַשווערן דעם יידישן האנדל (עס איז אָנצונעמען, אז אין יענער צייט זיינען שוין כמעט אלע מארק־קראָמען געוועזן אין יידישע הענט). דעמאָלט איז אויפגעשוווּמען די פראגע וועגן די מארק־קראָמען און עס האָט זיך גע־טומלט ארום דער פראגע גאַנצע 25 יאָר — פון 1843 ביז 1867, ווען ס'זיינען אויסגעבויט געוואָרן, נאָך גרויסער מי, אינטערווענצן, בקשות און הוצאות — די נייע קראָמען, אין דער פאָרעם פון א צוויי־רייאיקן ראָד.

דער טומל, ווי געזאָגט, האָט זיך אָנגעפאַנגען אין יאָר 1843. ס'איז דאַן ארויסגעגעבן געוואָרן א פאַראָרדענונג פון די שעדלעצער אויטאָריטעטן, אומ־צוּוואַרפן די קראָמען צוליב היגיענישע, עסטעטישע ווי אויך פייער־זיכערקייט־מאָטיוון. די קראָמען, אין דער צאָל פון 26, געבויט פון האָלץ, זיינען געשטאַ־נען אין צוויי שורות; אין זיי זיינען געווען 78 קלייטלעך, וועלכע האָבן גע־הערט צו 200 פּערזאָנען און האָבן אריינגעבראַכט א יערלעכע הכנסה פון בערך 10 טויזנט זלאָטעס. די יורידישע אייגנטימער פון די דאָזיקע קראָמען, זיינען געוועזן: רחל בארג, יואל סטאַניץ, לייזער זילבערמיניץ, אברהם פישביין, אלי' פינסבוים, הערץ חיים קופערבערג, נחום ווייסגלאַז, גליקל רויזן, פּערל ריינוויין, ברוך און איציק מיניץ, הלל איש, אביגדור גרינגראַז, לייב עפּשטיין, משה זאַפראַן, ברוך בארג, שלמה זילבערשטיין, מערקלטויב און באַרשטענ־בינדער, הערש אייזיקאָוויטש, היה דבורה רויזענצווייג. אייגנטימער פון דריי קראָמען איז געווען שיע ליכטענשטיין, פון 2 — מאיר אשבערג, איין קראָם

האָט געהערט צום קהל און איין קראַם צום שוסטער־צעך. 13 פון די אייגנטי־מער, האָבן געהאט אין זייער רשות דאָקומענטן צו באווייזן, אז די קראָמען זיינען זייערע; די אנדערע 13 האָבן נישט געהאט קיין שום דאָקומענטן אויף צו באווייזן, אז זיי זיינען די רעכטלעכע אייגנטימער. אָבער, ווי געזאָגט, קיינער האָט ביז העמאָלט נישט קוועסטיאָנירט זייערע אייגנטימערישע רעכט; און אלע האָבן נאָר געצאָלט דעם יערלעכן צינז צום הויף.

ווען עס איז אָנגעקומען די ביטערע גזירה איינצוואַרפן די קראָמען, האָבן די אייגנטימער פון די קראָמען זיך פארשטענדיקט צווישן זיך און אָנ־געגעבן א ביטע צום אינערן־מיניסטעריום (דעמאָלט האָט זיך עס גערופן: קאָ־מיסיאַ רזשאָנדאָוואַ ספראַוו וועוונענטשניך), אין וועלכער זיי האָבן אָנגעוויזן אז די קראָמען פארנעמען בלויז א דריטל פון דעם מארק; אז אין די קראָ־מען זיינען נישט פאַראַן קיין אויוונס און דערפאַר דראָט נישט קיין סכנה פון שריפות; אז פון די קראָמען זיינען אָפּהענגיק די חיונה פון 200 משפחות; און אז אחוץ דעם, וועלן אויך פון העם ליידן די מלוכהשע און הויפישע הכנסות און א גרויסע צאָל יידישע און קריסטלעכע אינסטיטוציעס. זיי בעטן, דערי־בער, מ'זאָל דאָס פראָלאָנגירן אויף 3 יאָר און זיי פארפליכטן זיך גלייכציי־טיק אויפצושטעלן אין דער צוקונפט געמויערטע קראָמען אויף זייערע פלעצער. דאָס מיניסטעריום האָט צוריקגעשיקט דעם ענין צו דער גובערניע און אָנגע־פרעגט איר מיינונג וועגן דער בקשה. די שעדלעצער באהערדן האָבן זיך ארויסגעזאָגט נעגאטיוו צו דער פעטיציע. אחוץ דעם האָט שעדלעץ אויך ארויסגעזאָגט איר מיינונג, אז די צוקונפטיקע קראָמען, וועלכע דארפן פאר־טרעטן די הילצערנע, זאָלן נישט אויפגעשטעלט ווערן אין מארק.

דאָס מיניסטעריום האָט פונדעסטוועגן זיך גערעכנט אביסל מיט דער לאגע פון די בארירטע פערזאָנען און באשלאָסן אָפּצולייגן דעם טערמין פון אומוואַרפן די קראָמען, ביז דעם 1טן מאַי 1844. גלייכצייטיק האָט זי גע־געבן דער גובערניע די פולמאכט, צו שליסן די 18 קראָמען, וועלכע זי האָט געהאלטן אלס שוין בויפעליק און אז זי זאָל דערלויבן בויען נייע קראָמען אויף אן אנדער אָרט, אויסער דעם מארק.

מעגלעך, אז אויף דעם באשלוס פון מיניסטעריום, אָפּצולייגן דעם ענין, האָט געווירקט די בקשה פון אברהם פישביין. ער האָט אָנגעוויזן אין זיין בקשה, אז דאָס לעבן איז שטארקער פון אלע פאָרשריפטן; ער האָט אויך אָנ־געוויזן אויפן פאקט אז נישט לאנג צוריק, האָט מען אין אנדערע שטעט יאָ דערלויבט אויפצושטעלן קראָמען אין מארק; ווייטער האָט ער דערמאָנט, אז ביים פונאנדערנעמען די קראָמען וואָלטן די אייגנטימער געמוזט באקומען אנטשעדיקונג פון דער רעגירונג; און, אז דאָס פונאנדערנעמען אזוי פיל קראָ־מען מיט איינמאָל, וואָלט גורם געווען, אז דאָס דירה־געלט פאר קראָמען וואָלט שטארק געשטיגן; ווייל די געליטענע וואָלטן אלע מיט א מאָל געלאָפן זוכן נייע קראָמען אויף אָנצוהאלטן זייערע פרנסות.

יעדנפאַלס, דער באַשלוס פון מיניסטעריום אָפּצולייגן די גזירה אויף אַ יאָר, בערך, האָט געגעבן די אייגנטימער צייט צו באַארבעטן דעם מאַגיסטראַט און אויך דעם פּאָוויאַט אין ראַדזין און דער ענין פון פונאַנדערנעמען די קראָ־מען איז דערווייל אַנטשלאָפן געוואָרן; די קראָמען זיינען געבליבן שטיין און די הויפּט־אינטערווענץ האָט זיך קאָנצענטרירט אויף צו באַקומען אַ דערלויב־עניש אויפצושטעלן געמויערטע קראָמען, און דווקא אין מאַרק.

מאיר אשבערג, וועלכער האָט גערעדט אינעם נאָמען פון אַלע אייגנטי־מער, האָט פון זיין זייט אַריינגעטראָגן אַ בקשה וועגן דעם זעלבן ענין אין מיניסטעריום, אין וועלכער ער דערקלערט, אַז די בעלי־בתים זיינען שוין גרייט צו שטעלן זיך בויען די קראָמען און האָבן שוין גרייט בוי־מאַטעריאַל, און אַזוי ווי דער מאַרק ליגט נישט ביים הויפּט־שאָסיי, וועלן דערפאַר די קראָמען נישט פאַרשטעלן מיט זיך קיין שטערונג. די בקשה איז, וואַרשיינלעך, אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די פּעטיציאָנאַנטן דורך ספּעציעלע מיטלען, און דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, אַז אין דעם פאַל, אויב דער מאַרק איז גענוג גרויס, דאַרף ווערן באַגינסטיקט די בקשה. מען האָט בלויז געוואַרט אויף די מיינונגען פון שעדלעץ און פון „הויף", ד. ה. פון דעם שטאָט־פּריץ.

אַלץ איז, ווייזט אויס, געגאַנגען כשורה; די שעדלעצער גובערניע איז געווען גענייגט אָנצונעמען די מיינונג פון דעם אינערן־מיניסטעריום. דער פּאָוויאַטאָווער בוי־מייסטער האָט דערביי אַרויסגעטראָגן זיין מיינונג, אַז אַזוי ווי די שטאָט האָט נאָך צוויי אַנדערע פּלעצער, וועלכע זי קען אויסנוצן פאַר אירע צוועקן און קענען דינען אַלס האַנדלס־צענטערס, קען דער מאַרק ממילא פאַרבויט ווערן. די דאָזיקע מיינונג איז געשטיצט געוואָרן פון דעם בורמישטש. דאָס מיניסטעריום אַליין, האָט זיך נאָך אַביסל געוואַקלט; דאָרט האָט מען נאָך געטראַכט, פיילייכט וואָלט געווען גלייכער צו בויען די נייע קראָמען אויפן פּלאַץ נעבן דער שול, אָדער דערלויבן אויפשטעלן נאָר איין שורה קראָמען אין מאַרק, אָנשטאָט די געפּלאַנטע צוויי שורות. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער ענין געשטאַנען אויפן וועג צו ווערן דערלידיקט. אָבער פּלוצלינג איז ווידעראַמאָל אַריינגעטראָטן אַ שינוי אינעם גאַנג פון דער זאַך און דער ענין איז געוואָרן קאָמפּליצירטער.

אין 1844 איז דער ראַדזינער פּאָוויאַט אַריבער צו לובלין. מעזריטש איז אַרויס פון דער יוריסדיקציע פון דער שעדלעצער גובערניע און איז געוואָרן אַ טייל פון לובלין און ווידעראַמאָל האָט מען געמוזט אָנהויבן מיט דער שתדלנות אויפסניי. אויך איז פּונקט אין זעלבן יאָר מעזריטש אַריבער פון די טשאַרטאָריסקיס צו דער גראַפישער משפּחה פּאָטאָצקי. דער נייער פּריץ האָט ווידער גענומען אַ גאַנץ אַנדערע שטעלונג צום ענין. ער האָט, קודם־כל, געוואָלט צוריקבאַקומען דעם מאַרק פאַר זיך, ווייל ער האָט אים באַטראַכט פאַר זיין אייגנטום. אויב דאָס אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג, איז צוגע־

קומען א דריטער פאקטאר: אין אויגוסט 1845, איז אין שטאָט אויסגעבראָכן א גרויסע שריפה, אין וועלכער עס זיינען אָפּגעברענט געוואָרן 300 הייזער, בתוכם די אַלטע קראָמען. ס'איז איצט ממילא געוואָרן מער אקטועל די פראַגע פון ווידעראויפבויען די הורבות אין אַלגעמיין און דער פּראָבלעם פון אויפבוי בכלל, האָט ממילא צונישט־געמאכט די פּלענער פון בויען געוועלבער אין מארק, ווייל דער גאנצער בוי־פּלאַן האָט געזאָלט ווערן פאריניקט.

דעמאָלט איז דער פריץ פּאָטאָצקי ארויס מיט א שפּאָגל נייעם פּלאַן; ער האָט פאָרגעלייגט אויסצובויען אין מארק א ראָטהויז און ארום אים אויפשטעלן שיין־איינגעריכטעטע קראָמען, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט צו פארדינגען צו די פריערדיקע אייגנטימער. אין אָנהויב האָט דער פריץ מיט זיין פּלאַן געמאכט דעם איינדרוק, אז ער גייט האנט ביי האנט מיט די יידישע קראָמען־אייגנטימער. וועלנדיק געפינען ביי זיי שטיצע פאר זיין פּלאַן, גיט ער זיי זיין מאָראלישע הילף און געהילץ, אויפצושטעלן צייטווייליקע קלייטלעך אין מארק. דער פּאָוויאַטאָוועער נאטשאַלניק האָט אפילו צוויי מאָל באזוכט מעזריטש און ביי דער געלעגנהייט פארבאָטן אויפצושטעלן די פּראָוויזאָרישע קלייטלעך אין מארק. אָבער נאָך לאנגע באמיאונגען מצד אָשבערגן, האָט דאָס מיניסטעריום אין ווארשע באשלאָסן, אין 1847, צו לאָזן די דאָזיקע צייטווייליקע קלייטלעך שטיין ביז א ווייטערדיקן באשלוס. פארן מיניסטעריום האָט זיך דאַן געשטעלט די פראגע, ווי אזוי צו האנדלען בנוגע די צוויי פּלענער — דער יידישער פּלאַן פון ערב דער שריפה, דהיינו, דערלויבן די יידן אויסבויען צוויי שורות געוועלבער אין מארק און דער נייער פּלאַן פון דעם פריץ, אויסצובויען א ראָטהויז אויפן מארק מיט קראָמען ארום אים. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער קאמף צווישן די פריערדיקע קראָמען־באזיצערס און דעם הויף.

דערווייל, האָט זיך א דריטע גרופּע ארייגעמישט אין דעם דאָזיקן שטרייט. דאָס זיינען געווען די בעלי־בתים פון די נייע הייזער, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן לויט דעם נייעם רעגולאציע־פּלאַן. זיי האָבן געטענהט, אז סיי דער געפּלאַנטער ראָטהויז און סיי די קראָמען, וועלן פאראומרייניקן דעם מארק און זיי האָבן דעריבער געפאָדערט, אז אין איינקלאנג מיט דעם עסטעטישן אויסזען וואָס זייערע הייזער גיבן דער שטאָט, זאָל דער מארק בלייבן פולשטענדיק נישט פארבויט. אזא שטאָט ווי מעזריטש, האָבן זיי אויך געטענהט, מוז האָבן א פרייען פּלאַץ און א צענטראלן פּונקט, סיי פארן מסחר און סיי פאר מיליטערישע פּאראדן. צום סוף, לאָזן זיי ארויס די קאַץ פון זאק און זאָגן ארויס אין זייער בקשה, דאָס וואָס עס האָט זיי אייגנטלעך געקוועטשט: „מיר האָבן אויסגעבויט אין מארק גרויסע שטאָקיקע הייזער, מיר האָבן זיך פארשולדיקט און האָבן געהאָפט, אז מיר וועלן פארדינגען די קראָמען אין אונדזערע הייזער; איצט, אויב ס'וועט אויסגעבויט ווערן א ראָטהויז, מיט נייע קראָמען, וועלן מיר דערפון ליידן, ווייל אונדזערע קראָמען וועלן בלייבן שטיין ליידיק". די גרופּע (אין איר נאָמען התמנען וואָלף רייכענבאך

און גדליה האַכמאַן) בעט דעריבער, אז דער מארק זאָל בלייבן ליידיק, און כדי נישט צו שאפן קיין פּרעצעדענטן, זאָל מען אויך אראָפּנעמען די „בודקעס" וואָס האלטן זיך אין פארמערן אויפן מארק.

יעדער צד האָט געזוכט פאר זיך פּראָטעקציע און דער ענין ווערט דערמיט אָפּגעצויגן. דאָס אינערן־מיניסטעריום דעצידירט דערווייל אין איין פראַגע, נעמלעך, ער ווארפט אָפּ אשבערגס בקשה און אנערקענט דעם פּריץ אלס איינציקער אייגנטימער פון מארק. עס קען שוין, אלזאָ, נישט זיין קיין פראגע וועגן דערלויבן די יידן בויען קראָמען, וויבאלד זיי האָבן שוין נישט קיין פּלעצער ווו צו שטעלן זייערע קראָמען. דער פּריץ — און דאָס איז זייער אינטערעסאנט — טרעט דערווייל ארויס אלס א באשיצער פון די אָרעמע יידן. ער זאָגט אין זיינער א פּעטיציע, אז זיינע קראָמען, ארום דעם ראָטהויז, וועט ער פארדינגען צו די אָרעמע יידן. ער פארזיכערט דער מאכט, אז ער האָט שוין אלץ גרייט צום בויען און ער ווארט אויף א שנעלע דעציזיע. זיין בקשה ענדיקט ער מיט אן אויסדרוק פון האָפענונג, אז אים, אלס פּריץ, וועט דאָס מיניסטעריום גיכער אנטקעגן־קומען איידער די יידן — סיי פון אשבערגס גרופּע און סיי פון וואָלף רייכענבאכס גרופּע.

דאָס מיניסטעריום האָט דערווייל באשטימט, אז כדי זיך צו שאפן א ריכטיק בילד פון דער יורידישער און פּאַקטישער לאַגע פון דעם ענין, זאָל מען דעם מצב אויספאָרשן אויפן פּלאַץ. אין יולי 1847, שיקט זי אראָפּ קיין מעזריטש א קאָמיסיע, וועלכע איז באשטאנען פון דעם פּאָוויאטאָוון נאטשאלניק, גובערניאלן אינזשעניר און פּאָוויאטאָוון בוי־מייסטער. מצד דער שטאָט, האָט אין דער קאָמיסיע זיך באטייליקט דער לאָווניק און קאַסירער נעמטשיק. די אויספאָרשונג, איז לחלוטין אויסגעפאלן לטובת אשבערגס גרופּע. זי האָט פעסטגעשטעלט, אז די פריערדיקע קראָמען־אייגנטימער זיינען די פּאַקטישע באזיצערס פון די פּלעצער, ווייל זיי זיינען זייערע אייביקע פּאכטערס פון דור־דורות; און וואָס ס'איז שייך די פּראָוויזאָרישע בודקעס, פארנעמען זיי קוים א שטח פון צוויי טויזנט איילן אויף 39 טויזנט קוואדראט־איילן פון דער גרויס פון מארק און אויך אז מען דארף נעמען אין אכט, אז זיי זיינען דער איינציקער מקור פון פּרנסה פאר א גרויסע צאָל אָרעמע משפּחות. די קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט, אז די פּראָוויזאָרישע בודקעס זאָלן דערווייל בלייבן נאָך א יאָר און נאָכדעם זאָלן די אייגנטימער אויפבויען די קראָמען אין מארק לויט זייער פּלאַן פון פאר דער שריפה. וועגן דעם פּלאַן פון ראָטהויז. דערקלערט די קאָמיסיע, אז, היות, דער פּלאַן איז שוין אלט צוויי יאָר און ס'איז ביז איצט גאָרנישט געמאַכט געוואָרן אים צו פארווירקלעכן, זאָל מען דעם פּלאַן אינגאַנצן איגנאָרירן.

וואָס האָט באַוויגן דער קאָמיסיע ארויסצוגעבן אזא גינסטיקן פּסק־דין לטובת אשבערגס גרופּע? אָן שום ספק, אז מען האָט פאר דעם באצאָלט א סך געלט. עס קען אָבער אויך זיין מעגלעך, אז די קאָמיסיע האָט פּאָרט געשטעלט

די אינטערעסן פון כלל, העכער ווי די אינטערעסן פון א יחיד — מעג ער אפילו זיין א גרויסער פריץ. אשבערג האָט געהאט אלע מאָטיוון צו זיין צופרידן פון דעם פסק־דין. ער האָט געקענט האָפן אז דער פסק־דין וועט פירן צום גינסטיקן דערליידיקן פון זיין בקשה, וואָס ער האָט צוגעשטעלט אזש צום סאמע נאָמיעסט־ניק אליין (ער איז געווען דעם צארס פּארטרעטער אין קאָנגרעס־פּוילן, וועלכעס האָט זיך נאָך אלץ גערעכנט פאר א פּויליש קעניגרייך).

די רעקאָמענדאציעס פון דער קאָמיסיע, זיינען געשטיצט געוואָרן פון דער גובערניאלער מאכט, וועלכע בעט ביים מיניסטעריום, צו דערלויבן אשבערגס גרופּע צוצוטרעטן צום בויען פון די קראָמען. אן ענלעכע שטעלונג, נעמט אויך אָן די יורידישע סעקציע ביים אינערן־מיניסטעריום, וועלכע גיט צו, אז דעם פּריץ זאָל מען אנערקענען דאָס רעכט צו פּראָצעסירן זיך מיט די יידן וועגן דער רעכט אויף די פּלעצער. דאָס מיניסטעריום אליין האָט זיך אָבער נישט געאיילט. אי מחמת ביוראָקראטישע דרכים און אי מחמת אנטי־יידישע מאָטיוון, האָט דאָס מיניסטעריום אָפּגעלייגט דעם ענטגילטיקן באשלוס.

דערווייל האָבן די אייגנטימער פון די נייע מארק־הייזער נישט געשוויגן. צוויי וואָכן נאָך דער קאָמיסיעס באשלוס, דערלאנגען זיי א נייע בקשה צום מיניסטעריום. זיי דערקלערן דאָרט, אז דער ארגומענט וועגן דערהאלטן די חיונה פון אָרעמע קרעמער איז א פּאלשער, ווייל די רייכע אייגנטימער האָבן זיך ספּעציעל איינגעשאפּט א פּארטיי פון אָרעמע קרעמער, וועלכע זיי נוצן אויס צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן. נאָך דער ערשטער בקשה, דערלאנגען זיי באלד א צווייטע ביטע צום זעלבן מיניסטעריום און א דריטע צום נאָמיעסט־ניק אליין און זיי שלאָגן פאָר, אז דאָס מיניסטעריום זאָל אראָפּשיקן א צווייטע קאָמיסיע, צו שטודירן אויפסניי די לאגע אויפן אָרט. אלס פּאָרשטייער פון דער קאָמיסיע, שלאָגן זיי פאָר דעם נאטשאלניק פון דעם ביאלער פּאָוויאט (משמעות, אז זיי האָבן אים שוין געהאט פון פריער באארבעט). זיי דריקן אויס זייער איבערצייגונג, אז די קאָמיסיע וועט איינזען, אז די גערעכטיקייט איז מיט זיי; און אז עס וועט נישט דערלויבט ווערן אויפצושטעלן סיי די קראָמען און סיי דעם ראָטהויז אין מארק; און אז מ'וועט באשטימען אראָפּצוּוואַרפן די בודקעס, וואָס פאראומרייניקן דעם מארק און שטעלן די שטאָט אין סכנה פון שריפות. אין איינע פון די בקשות, ווערט אויך דערמאנט א רשימה פון 20 אייגנטימער פון מארק־הייזער, וועמענס הכנסות פון די געשעפטן, זיינען באשטימט פאר ווילטעטיקע צוועקן. אין דער רשימה געפינען זיך פּאָלגנדיקע נעמען: אראָנאָ־וויטש, טיקאָטשינסקי, ליכטענבערג, האָלצמאן, 2 מאָל זילבערמאן, האָכמאן, האָלפּערן, רייכענבאך, ווייסגלאָז, סאָבעל, ווערטהיים, ראָזנגאָלד, פּאָליאק, שלייפשטיין, לוסטגארטן, אייזנשטאָט, שטיינמאָרדער און זילבערשטיין.

אינעם דיספּוט צווישן די ביידע יידישע צדדים, האָט דאָס מיניסטעריום געמאכט שלמה המלכס פּשרה — „גם לי וגם לך לא יהיה". אין סוף יאָר 1847

קומט די גובערניע אַרויס מיט איר מיינונג, אַז מ׳דאַרף אָננעמען דעם פּלאַן פון איַיפשטעלן דעם ראַטהויז אין מארק. דאָס וועט איינשפּאָרן דירה־געלט דעם מאגיסטראט און פאַרשענערן די שטאָט. און אַז דער פּלאַן פון בויען די קראָמען איז קעגן „די פאָרשריפטן פון בוי און אַלגעמיינער אָרדנונג״ פון שטאָט. אין דעם באַריכט פון דער גובערניע, ווערט נאָך צוגעגעבן, אַז נאָכן אויפשטעלן דעם ראַטהויז מיט די קראָמען ארום אים, וועט נאָך אַלץ בלייבן אין מארק געגוג פּלאַץ פאר 272 וועגענער. דאָס מיניסטעריום האָט אין 1848 נאָכגעגעבן דער גובערניע, נאָר מיט צוויי באַדינגונגען; איינע פון זיי איז, אַז דער פּריץ זאָל איבערגעבן דעם ראַטהויז אין רשות פון דעם מאגיסטראט. דער פּריץ האָט, אָבער, אויף ביידע באַדינגונגען נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער און דער ענין איז ווידער אַמאָל אנטשלאָפן געוואָרן אויף פרישע צוויי יאָר. ספּעציעל, האָט זיך דער הויף נישט געאיילט צו געבן קיין קלאָרן ענטפער אויף דעם צווייטן באַדינג, אַז ער זאָל גריכטלעך דורכפירן די פראגע פון אנטשעדיקונג פאר די יידן. דער פּריץ האָט זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג, אַז דער פּלאַץ איז זיינער אין ער איז ממילא פּטור צו געבן אנטשעדיקונג צו די פריערדיקע אייגנטימער פון די קראָמען. דאָס האָט דערוואייל געגעבן די צוויי קעגנערישע יידישע גרו־פּעס די מעגלעכקייט, צו באַארבעטן די געהעריקע אינסטאַנצן, אין וועמענס הענט עס אזוי געלעגן די דעציזיע פון דעם ענין.

אין אַפּריל 1850, באַנייט זיך די סעריע פון בקשות. די ערשטע בקשה דער־לאַנגט צום אינערן־מיניסטעריום די אַלמנה איטע לאה איש. זי ווייזט אָן אין איר בקשה, אַז דער הויף האָט אפילו נישט בדעה אָנצוהויבן די אונטערהאַנד־לונגען מיט די יידן וועגן דער אנטשעדיקונג און וועגן בויען דעם ראַטהויז טראַכט ער אויך נישט. צוליב אָט דער דאָזיקער פּאסיוויטעט און אָפּשלעפּונג, ווייזט זי ווייטער אָן, זיינען דערווייל געשטאָרבן א טייל אייגנטימער „דערפאַר וואָס עס איז געפאַלן זייער פארמעגן און האנדל״ און איצט דראָט א שווערע נויט די איבעריקע הענדלער, ווייל דער מאגיסטראט קלייבט זיך ארונטערצו־וואַרפן די פראָוויזאָרישע בודקעס (אין שייכות מיט זיין פּלאַן צו ברוקירן דעם מארק). זי פאַרלאַנגט, בכן, אַז דאָס מיניסטעריום זאָל צוליב דער פּאסיוויטעט פון דעם פּריץ, אָפּוואַרפן זיין פּלאַן און ענדלעך אָננעמען אַשבערגס פּלאַן, אויפ־צושטעלן מויערנע קראָמען אין צוויי שורות אויפן מארק. מיט דער בקשה, האָט זיך אינטערעסירט דער נאַמיעסטניק אַליין און דער רעזולטאט איז געווען, אַז דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט איצט געפאָדערט פון דעם פּריץ, אַז ער זאָל דערליידיקן דעם ענין פון אנטשעדיקונג פאר די יידן געריכטלעך אָדער פרידלעך ווי אַמשנעלסטן און אויב נישט, וועט מען צוריקציען די קאָנצעסיע וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אויף צו בויען דעם ראַטהויז. דער הויף האָט זיך דערפון געפילט שטארק געטראָפן און געענטפערט, אַז ער פאָדערט, אַז די יידן זאָלן באַווייזן מיט יורידישע דאָקומענטן, אַז די פּלעצער זיינען זייערע.

דערווייל איז פארלאָפן נאָך א יאָר, און אין א יאָר ארום, האָט דער הויף געענטפערט אנטגילטיק אין אן אויפגערעגטן טאָן, אז היות ווי די מאכט שטיצט דעם ענין פון א פּאָר „יידישע שפעקולאַנטן", וועלכע מיינען נישט די טובה פון דער שטאָט און שטעלט דעם הויף, וועלכער איז יאָ אויסן די טובה פון דער שטאָט, נישט אָנגעמבארע באדינגונגען, ציט ער צוריק זיין פּלאַן צו בויען א ראַטהויז מיט קראָמען. אָבער ער פארלאנגט גלייכצייטיק, אז דאָס מיניסטעריום זאָל נישט אָנרירן זיינע רעכט אלס אייגנטימער פון דער שטאָט. דאָס האָט גע־מיינט, אז קיינער טאָר נישט בויען דערווייל אויפן מארק ביז א בפירושן פּסק־דין פון דעם געריכט, אז די פּלעצער געהערן צו די יידן.

אשבערגס גרופּע האָט נישט געוואָלט אָנהויבן מיט געריכטלעכע פארהאנד־לונגען. ערשטנס, וואָלט עס גענומען א צו לאנגע צייט, און צווייטנס, וואָלט עס אויך אריינגעטריבן אין גרויסע הוצאות. אשבערג האָט געהאָפּט אויף א צופרידנשטעלנדיקן אופן צו דערלעדיקן דעם ענין. ער האָט ארויסגערוקט א נייעם פאָרשלאַג, אז אויב מ'וועט ענדלעך דערלויבן צו בויען די קראָמען, זאָל מען איינשליסן אין דעם פּלאַן אן אומזיסטע דירה פאר דעם מאגיסטראט, וואָס וועט דער שטאָט איינשפּאָרן 75 רובל יערלעך.

אין 1859, דערלאנגט אשבערג נאָך א בקשה צו דער גובערניאלער מאכט. ווידעראמאָל רוקט ער ארויס זייער גוט באַקאַנטע ארגומענטן, אז היות דער ראַט־הויז־פּראָיעקט איז נישט מער אקטועל און די פּלעצער זיינען רעכטלעך דאָס אייגנטום פון די יידן, זאָל מען סוף־כל־סוף דעצידירן דעם ענין לטובת זיין פּלאַן, וועלכער, ווי שוין פריער דערקלערט, שליסט אויך איין אן אומזיסטע דירה פאר דעם מאגיסטראט. עס מוז צוגעגעבן ווערן, אז אשבערגס בקשה האָט זיך נישט וויייניק געשטיצט אויפן פאקט, וואָס מען האָט זיך שוין דעמאָלט געגרייט צו ווייטגייענדיקע רעפאָרמען אין גאנץ מלכות רוסלאנד און אירע פּוילישע פּראָ־ווינצן, צו באפרייען די פּויערים, און די פּריוואטע שטעט פון זייער אונטערטע־ניקייט צו די פּריצים.

אויפן סמך פון דער נייער בקשה, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א מיינונגס־אייסטויש פון די אויטאָריטעטן און די אויסזיכטן, האָבן אויסגעוויזן צו האָבן א גינסקיטע דעצייזיע. אָבער, דאָ איז ווידער עפּעס געשען, וואָס האָט דעם ענין נאָכאמאָל פארשלעפּט. אין לאנד האָבן דעמאָלט אויסגעבראָכן אָפטע מהומות, וועלכע האָבן זיך פארענדיקט מיט דעם פּוילישן אויפשטאנד פון יאָר 1863. א יאָר שפּעטער באנייט זיך ווידעראמאָל דער שטרייט צווישן די צדדים וועגן דעם ענין קראָמען און דאָס מאָל וויל גאָר דער מאגיסטראט ווערן דער יורש פון דעם פּלאַץ. דער מאגיסטראט דערקלערט, אז צוליב עסטעטישע און זיכערהייטס־מאָ־טיוון, דארף מען אראָפּנעמען די פּראָוויזאָרישע קלייטלעך פון מארק און ער טרעט טאַקע צו גאנץ ערנסט צו דער זאַך. די יידן האָבן איצט זיך ארומגעזען, אז די סכנה איז גרויס און האָבן אונטערגענומען א נייע אקציע, שוין אויך קעגן

דעם מאגיסטראט, מיט א נייע סעריע בקשות; געהתמעט אינעם נאָמען פון אלע אייגנטימער, האָט הלל גאָלד. די דאָזיקע בקשות האָבן געהאט צוויי צילן: מען זאָל די פּראָוויזאָרישע קלייטלעך לאָזן דערוויייל שטיין נאָך א יאָר, און אין משך פון דער צייט זאָל מען דערלויבן די יידן אויפצובויען דעם ראד מיט די קראָמען.

אויף א העלפט האָבן די בקשות געפּועלט. אין סוף 1864, האָט דער לובלי־נער גובערנאטאָר געגעבן די נויטיקע פאראָרדענונג, אז מ'זאָל די פּראָוויזאָרישע קלייטלעך לאָזן שטיין דערוויייל. אָבער, פון דעם פּאָוויאַט אין ראדזין זיינען גע־קומען ידיעות, אז דאָרט זאָל מען זיך האָבן אויסגעדריקט, אז מ'וועט די יידן דערלויבן אויפצושטעלן קראָמען דעמאָלט „ווען האָר וועלן ארויסוואקסן אויף דער האנט-פלאך". גלייכצייטיק, איז דער פּאָליציי־שעף פון קאָנגרעס-פּוילן אויך ארויסגעטראָטן מיט א פאָדערונג אראָפּצוואַרפן די קלייטלעך פון מארק; און פון דער גובערניע איז אויך איינגעפלאָסן א מיינונג קיין ווארשע, אז די קלייט־לעך קענען לענגער נישט געדולדעט ווערן און אז דער פּלאן פון בויען קראָמען, איז אויך נישט דערלאָזבאר, ווייל די שטאָט מוז דיספּאָנירן מיט א פרייען פּלאץ.

די קראָמען־אייגנטימער, וועלנדיק אָפּשרייען די גזירה, האָבן ווידער אמאָל דערלאנגט בקשות צו דער מאכט און פּארזיכערט, אז די קראָמען וואָס זיי ווילן אויפשטעלן, וועלן זיין א צירונג פאר דער שטאָט. אונטער דער דאָזיקער בקשה, זיינען געחתמעט: גרונם ווייסגלאַז, ברוך פייגמאַן, זלמן דוד ראָזנטאל, איטקע גאָלדמאַן, שעיה גרינצווייג, יאנקל בארג, הלל איש, חנה זאַק, בער זינגער, וואָלף ציקערמאַן, נפתלי ריינווין, אברהם יאָסל שולמאַן און יוסף חיים סעגאל. די דאָ־זיקע בקשה האָט אויך נישט געהאָלפן און נאָך 2 יאָר פון ליגיטאציע און מי, זיינען די אייגנטימער געשטאנען צוריק ביים סאמע אָנהויב. ס'איז אָבער דאָך געווען א וויכטיקער אונטערשייד לטובה, ווייל, אין מיניסטעריום גופא האָט שוין געהאט גובר געווען די מיינונג פון יענע, וועלכע האָבן געהאלטן, אז די אייגנטימער האָבן פולשטענדיקן אייגנטום־רעכט אויף די פּלעצער און אז מען דארף דעריבער זיי יאָ דערלויבן אויפשטעלן די געמיַיערטע קראָמען.

אויפן פארלאנג פון די אייגנטימער —פארשטייט זיך, נאָך שווערער מי— האָט מען ווידער אמאָל אראָפּגעשיקט א בוי־קאָמיסיע, וועלכע האָט געדארפט פעסטשטעלן צי די אלטע קראָמען קאָנען נאָך בלייבן שטיין און צי ס'איז פּלאנ־מעסיק אז דער מארק זאָל פארבויט ווערן. אין דער קאָמיסיע האָט זיך באטיי־ליקט אויך דער מאגיסטראט, וועלכער איז געווען, ווי מיר האָבן שוין אויבן געשריבן, א פאראינטערעסירטער צד קעגן די יידן. די מאגיסטראט־מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן געפּועלט, אז די קאָמיסיע זאָל ארויסטראָגן א נעגאטי־ווע מיינונג. דאָס מיניסטעריום האָט אָבער דעם פּראָטאָקאָל (משמעות אונטער דער השפעה פון די פאראינטערעסירטע) נישט באשטעטיקט. דאָס מיניסטעריום האָט מאָטיווירט איר שטעלונג דערמיט, וואָס די קאָמיסיע איז בלויז געווען א

פּאָרמעלע און האָט נישט באוויזן אויסצוהערן די מיינונגען פון בארופענע פּאַכ־מענער.

דאָ האָט די רייכנבאַך־גרופּע, די אייגנטימער פון די שיינע מארק־הייזער, ווידער אַמאָל אינטערווענירט אין מיניסטעריום און האָט דערביי אויסגעדריקט איר מיינונג, אז די פּלאנירטע קראָמען וועלן ברענגען אן אומגליק און, אלס שלאָג־מאָטיוו, זיך אויך באנוצט מיט א רעליגיעזן ארגומענט. היות, אין מארק שטייט א קלויסטער, איז דערפאר נישט ראטזאם צו פארבויען דעם מארק. דאָס מיניסטעריום איז שוין, אָבער, געווען אנטשלאָסן צו האנדלען גינסטיק לטובת די קראָמען־אייגנטימער, נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאפט צו זייער צוגע־שטעלטן פּלאן, וואָס סיי דער פּאָוויאט און סיי די גובערניע האָבן ארויסגעוויזן. זי האָט דעריבער איבערגעגעבן דעם ענין צו איר יורידישער סעקציע. די יורידי־שע סעקציע האָט ארויסגעטראָגן איר פּסק־דין, אז עס איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אז די יידן זיינען די אייביקע פאכטער פון די פּלעצער און עס איז נישטאָ קיין שום גרונט פאר נישט דערלויבן די יידן אויפצושטעלן די קראָמען אויפן מארק, ווי זיי האָבן עס שוין לאנג געבעטן. דאָס מיניסטעריום האָט אָנגענומען דעם פּסק־דין און אין 7טן יוני 1866 האָט דאָס מיניסטעריום באפוילן דער גו־בערניע, אז די יידן מעגן צוטרעטן צום בוי פון די קראָמען. גלייכצייטיק איז פון מיניסטעריום געשיקט געוואָרן א באפולמעכטיקונג צו די יידן, אז זיי קע־נען צוטרעטן בויען די קראָמען לויט די באשטעטיקטע פּלענער פון דעם מיניס־טעריום. די אייגנטימער פון די פּלעצער זיינען דאן צוגעטראָטן בויען (אינטע־רעסאנט, אז אין די פּלענער פיגורירט נישט די צוגעזאָגטע דירה פאר דעם מא־גיסטראט. די אייגנטימער זיינען מן הסתם דורכגעקומען וועגן דעם מיטן מא־גיסטראט. אויך וועגן די רעכט פון הויף ווערט נישט דערמאָנט. אין יאָר 1866, איז סיי ווי סיי אַרויס דער געזעץ, וואָס האָט באפרייט די פּריוואטע שטעט פון דער פּריצישער הערשאפט).

נאָך סוכות 1866, איז דאָס בויען שוין געווען ווייט אויף פאָרויס. לויטן באַשטעטיקטן פּלאַן פון מיניסטעריום, האָט מען געזאָלט אויפשטעלן 88 קראָמען אין צוויי שורות און צווישן דיביידע רייען — א פרייער פאסאזש מיט א גלע־זערנעם דאך. עס האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אז דער באגלאָזטער דאך וועט קאָסטן מער ווי דאָס גאנצע בויען. די אייגנטימער האָבן זיך אויפסנײ גע־וואָנדן צום מיניסטעריום און געבעטן מען זאָל זיי דערלויבן צו בויען אָן א גלע־זערנעם דאך. (אונטער דער דאָזיקער בקשה, זיינען געחתמעט: שלמה פּאָליאַק, קדיש ציטריניאַק, פייוול ראָזענזומען, יאַנקל באַרג, ח. צענדלינג, יאָסל מאיר ביבערמאַן, ישעי' גרינצווייג, איציק מינץ, הלל גאָלד, וואָלף צוקערמאַן, שרה טריוואָקס, גרונם ווייסגרוס, לייב עפּשטיין, פ. דינגשטיין, בענדעט באַרג, משה גאָלדשפּינער, י. פישביין, אלי' הערש דימענט, זלמן ראָזענטאַל, רישע שולמאַן, איטקע גאָלדמאַן, בערל זינגער, יודל פרידמאַן, ליפּטשע אשבערג, בערל ריינווין,

נפתלי ריינווין, שלמה זילבערשטיין, ברוך גרינבערג, ברוך מאָנטאַרזש, ישראל פייוול וויינבערג, הינדע קערשנבוים, סענדער ראָזנצווייג און איציק גאָלד).

דער בוי־ראַט ביים מיניסטעריום, האָט זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דער ווענדונג, ווייל כאָטש דער באַגלאָזטער דאַך וואָלט צוגעגעבן אַן עסטעטישן חן דעם פּאַסאַזש, וועט אָבער, אָן אַ דאַך, אַריינקומען מער ליכט. דאָס מיניסטעריום האָט די דאָזיקע מיינונג באַשטעטיקט.

נאָך צוויי מאָל איז די קראָמען־פראַגע דורכגעלופּטערט געוואָרן אין דעם מיניסטעריום. אין נאָוועמבער 1866 בעט הלל גאָלד מ'זאָל דערלויבן די פּראָוויזאָרישע קראָמען בלייבן שטיין ביז יוני 1867, ווייל די נייע קראָמען קאָנען נישט פאַרטיק ווערן ביז דעמאָלט. די גובערניאַלע מאַכט אין לובלין איז געווען אַבסאָלוט קעגן דעם, ווייל צוליב די פּראָוויזאָרישע קראָמען איז די ענגשאַפט אין מאַרק געוואָרן שטאַרק מערקבאַר. אין דער מיט איז מעזריטש ווידער אַמאָל צוגעטיילט געוואָרן צו דער שעדלעצער גובערניע און די לובלינער ד'עציזיע איז נישט אויסגעפירט געוואָרן. דאָס צווייטע מאָל איז די ווענדונג געקומען אין מערץ 1877, פון וואָלף רייכטאַלער, ברוך מאָנטשאַרזש, הערש דימענט, אהרון שולמאַן און איינאַך גרינבערג. זיי האָבן געמסרט פאַר די מאַכט די מיטאייגנטימער פון די ראַד־קראָמען: יאַנקל באַרג, הינדע צענדלינג, סענדער ראָזנצווייג, אַז זיי האָבן געלאָזט מאַכן אין זייערע קראָמען זייטיקע אַריינגענג כדי צוציען מער קונים. דער ענטפער פון דער מאַכט געפינט זיך אָבער נישט אין די אַקטן.

דער לאַנגער קאַמף האָט זיך דאַן ענטגילטיק פאַרענדיקט מיט אַ זיג פון די אייגנטימער פון די אָפּגעברענטע הילצערנע קראָמען. נישט נאָר האָבן זיי אויסגעבויט די צוויי ראַד־קראָמען, נאָר אין מאַרק זיינען מיט דער צייט צוגעקומען נאָך און נאָך קראָמען.

מיט דעם אַנטשטיין פון אַ זעלבסטשטענדיק פּוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך דער קאַמף אַרום די מאַרק־קראָמען נאָכאַמאָל באַנייט. דער פּוילישער מאַגיסטראַט פון מעזריטש האָט אויף זיין אייגענער האַנט אָנגעהויבן שיקאַנעס קעגן די יידישע אייגנטימער. די טענה איז ווידער אַמאָל געווען באַגלייט מיט דעם אַלטן מאָטיוו, אַז מ'מוז געבן דעם מאַרק אַן עסטעטישן אויסזען.

די יידישע ראַטמענער, האָבן געקעמפט מיט אַלע מיטלען קעגן דעם פאַרזוך פון דער געקינסטלטער פּוילישער מערהייט פון מעזריטשער שטאָט־ראַט צו שעדיקן דעם יידישן האַנדל און אַרויסרייסן פון די יידן זייערע פרנסות.

גאַנץ ספּעציעל האָט זיך דער קאַמף פאַרשאַרפט אין די לעצטע יאָרן פון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז געווען דורכגעפּרעסן און דורכגעפּוילט מיט דעם נאַציסטישן קאַנסער. די מאַכט האָט דאַן מיט געוואַלט אָנגעהויבן אַרונטערוואַרפן די קלייטלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן מאַרק. אָבער די מעזריטשער יידן, וועלכע זיינען נישט געווען קיין שיפּע־זיבעלעך, האָבן זיך געווערט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען קעגן דעם, אַזוי שנעל ווי ס'איז אַרונטערגע־

ריסן געוואָרן אַ קלייטל, האָבן עס די יידן — איבער דער נאַכט צוריק אויפגעשטעלט. אַזוי, אַז די פּאָלאַקן האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט זיי.

איז אָבער געקומען דער שוידערלעכער חורבן. די נאַצים האָבן אויסגעשאָסן, אויסגעשחטן און פאַרברענט די יידן־שטאָט מעזריטש. ווען די שטאָט איז דערנאָך באַפרייט געוואָרן איז זי שוין געווען יידן־ריין. פּאָלאַקן האָבן זיך אַריינגעצויגן אין די יידישע הייזער און געוועלבער און דער פּוילישער מאַגיסטראַט האָט ענד־לעך באַוויזן צו מאַכן דעם מאַרק „עסטעטיש, ריין"... די קלייטן אין מאַרק און די קראָמען אין ראַד זיינען אומגעוואָרפן געוואָרן. עס איז, קען מען זאָגן, סימבאָליש: דער קאַמף אַרום די קראָמען האָט זיך פאַרענדיקט צוזאַמען מיט דעם אונטערגאַנג פון דער יידן־שטאָט מעזריטש...

מעזריטשער ייִדן אין דער פּוילישער באַפרייאונגס־באַוועגונג

דער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער צעטיילונג פון דער פּוילישער מלוכה, איז, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, נישט געווען בלויז אַ ריין פּוילישער; דער דאָזיקער קריזיס האָט אויך זיך שטאַרק אָפּגערופן אויפן ייִדישן קיבוץ אין פּוילן, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען דער גרעסטער ייִדישער ישוב אויף דער גאָרער וועלט. אין דעם צוויי־מאָליקן צעטייל, איז דאָס פּוילישע ייִדנטום געוואָרן שטאַרק צעפּיצלט. רוסלאַנד אַליין, האָט אין די געביטן וואָס זי האָט אָפּגעריסן פון פּוילן, איבערגענומען כמעט אַ מיליאָן ייִדן; עסטרייך האָט איבערגענומען הונדערטער טויזנטער ייִדן און פּרייסן האָט אויך געירשנט אַ פּאָר צענדליקער טויזנטער ייִדן. אין דער קליינער טעריטאָריע פון דער פּוילישער מלוכה, זיינען בלויז פאַרבליבן אַרום 300.000 ייִדן. די פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער געלעבט צוזאַמען אין די גרענעצן פון דער פּוילישער מלוכה און פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסן כוח אויף אַלע געביטן און געווען די הויפּט־וואָרטזאָגער אין דער ייִדישער וועלט, האָבן דעריבער געבענקט נאָך יענע שיינע טעג פון זייער פּאָטענציעלער גרויסקייט; זיי האָבן געוואָלט צוריק ווערן יענער פאַראייניקטער כוח פון פריער. דאָס האָט געקענט ווערן דערגרייכט, נאָר דורך דער צוריק־אויפריכטונג פון דער פּוילישער אינטעגראַלער זעלבסטשטענדיקייט.

אַ חוץ דעם דאָזיקן וויכטיקן אייגענעם אינטערעס, וואָס האָט באַווירקט, אַז די ייִדן זאָלן זיך שטעלן אין איין ריי מיט די פּאָלאַקן, אין קאַמף פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, זיינען זיי אויך געווען באַהויכט מיט ריין פּאַטריאָטישע געפילן, וועלכע זיי האָבן געבראַכט צום אויסדרוק ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט. אמת, די דאָזיקע געפילן האָבן זיך נישט תמיד אַרויסגעוויזן אין זייער אמתער ליכט; אָבער דאָס איז גראָד נישט צוצושרייבן אויפן חשבון פון די ייִדן; עולדיק אין דעם זיינען געווען די פּאָלאַקן אַליין; זיי האָבן תמיד באַטראַכט און באַהאַנדלט די ייִדן ווי פרעמדע און זיי האָבן קיינמאָל זיך נישט געוואָלט טיילן מיט די ייִדן, נישט מיט זייערע פריידן און נישט אין זייערע ליידן; זיי האָבן

דעריבער נישט געגעבן — בלויז אין אויסנאַם־פאַלן און דאָס אויך מיט קנאַפּן חשק — די יידן קיין מעגלעכקייט אַרויסצווייזן זייערע פּאַטריאָטישע געפילן. טראָץ דעם זיינען די פּאַטריאָטישע סענטימענטן פון די פּוילישע יידן געווען טיף פאַרוואָרצלט ביי זיי, ווייל זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט פּוילן זינט הונדערטער יאָרן און זיי האָבן דאָרט נישט געלעבט ערגער פון זייערע ברידער אין די שכנישע לענדער. אדרבא, מען קען טאַקע זאָגן, אַז אין פיל הינזיכטן זיינען זיי טאַקע געווען אין אַ בעסערער לאַגע.

די יידן אין פּוילן האָבן געהאַט גענוגנדיקע ידיעות וועגן דעם יידישן מצב אין רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן. די פּוילישע יידן האָבן דעריבער געהאַט אַלע טעמים צו וועלן פאַרבלייבן מיט פּוילן איידער מיט יענע דריי מלוכות, וועלכע האָבן זייער שלעכט באַהאַנדלט זייערע יידן. אַזוי, אַז נאָכדעם ווי פּוילן איז צוויי מאָל געוואָרן צעטיילט, זיינען די נעכטיקע פּוילישע יידן אַראָפּגעפאַלן צו דער מדרגה פון זייערע ברידער אין די אויבנדערמאָנטע לענדער. מיט דעם דערקלערט זיך דאָס, וואָס די יידן וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין דער באַשניטענער פּוי־לישער קעניגרייך, האָבן זיך געקלאַמערט אין דער פּוילישער אָנגעהעריקייט מיט אַלע כוחות, כאָטש זייער לאַגע איז אויך געווען נישט קיין גאָר גוטע.

צוליב אָט די אויסגערעכנטע סיבות, האָבן די יידן אין פּוילן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע און וואַרעמער פאַרשטענדעניש פאַר די פּוילישע פרייהייטס־באַוועגונ־גען און ווען דער פּוילישער פרייהייטס-קעמפער קאָשציושקאָ, איז אַרויס מיט זיין באַרימטער פּראָקלאַמאַציע צו אַלע אמונות און פעלקער, וועלכע וווינען אין פּוילן און זיי פאַרזיכערט גלייכע באַהאַנדלונג אין אַ באַפרייטן פּוילן, האָט זיין רוף אַרויסגערופן אמתע פרייד ביי די יידן. די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן, האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף קאָשציושקאָס רוף, כאָטש זיי האָבן געוווּסט אַז נישט אַלע פּאָלאַקן זיינען באַהויכט פון די זעלבע ליבעראַלע אידייען ווי קאָש־ציושקאָ (ער איז, אָן שום ספק, געווען באַאיינפלוסט פון די פרייהייטס־באַווע־גונגען אין פראַנקרייך און אין אַמעריקע, מיט דעם צומיש פון מאָטיוון פון פּאָ־ליטישן כאַראַקטער אין אַ גרויסער מאָס).

מעזריטשער קהל איז, ווייזט אויס, געוואָרן גערירט פון דער גרויסער גע־שעעניש און האָט אויפגענומען קאָשציושקאָס רוף מיט אַ געפיל פון אויפריכ־טיקן פּאַטריאָטיזם. וועגן דעם אָפּרוף ביי די מעזריטשער יידן, דערוויסן מיר זיך פון אַ מעמאָראַנדום, וואָס די פאָרשטייער פון מעזריטשער קהל האָבן צוגעשטעלט צו דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און וועלכן עס ווערט דערקלערט: „די אונ־טערגעחתמעטע פון מעזריטשער קהל, מחמת צוגעבונדנקייט צום פאָטערלאַנד, דורכגעדרונגען מיט דעם אויפריכטיקן ווילן מקריב צו זיין אונדזערע פאַרמעגנס פאַר די אַלגעמיינע באַדערפענישן פונעם פאָטערלאַנד און פון זיין רעגירונג" (41).

פונדעסטוועגן, איז ביי די פּאָלאַקן וועגן גלייכהייט פאַר יידן, דערווייל

נישט געווען וואָס צוריידן, כאָטש קאָשציושקאָ האָט בפירוש צוגעזאָגט אַ גלייכע באַהאַנדלונג פאַר אַלע איינוווינער. דער יידישער קאָפּ־שטייער, איז נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט שיקאַנירט די יידן. אָבער מען האָט זיי אָנגעהויבן מצרף צו זיין צו דעם קאַמף, וואָס די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אונטער קאָשציושקאָס פירערשאַפט האָט אונטערגענומען קעגן דעם פרעמדן שונא. אויפן טאָג־אָרדנונג איז צום ערשטן מאָל געשטאַנען די פראַגע פון רעקרוטירן יידן פאַר מיליטער־דינסט. כאָטש עס זיינען תמיד געווען יידן אין דער פּוילישער אַרמיי, זיינען זיי דאָס געווען אַלס יחידים און וואָלונטירן. איצט אָבער איז געוואָרן אַ פליכט פאַר די יידן זיך צוצושטעלן צו דער נאַציאָנאַלער אַרמיי. דאָך איז דער דאָזיקער באַשלוס נישט געווען קיין פעסטער. די רעגירונג האָט דורך אירע מיליטערישע קאָמיסיעס, גערן מסכים געווען צו פאַרבייטן דאָס פּערזענלעכע דינסט אין דער אַרמיי אויף אויסקויף־געלט. אויך די מעלניקער מיליטערישע קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט צו זאָגן איבער מעזריטש, האָט לויט דעם אוניווערסאַל פון 31טן מאַי אויפגעפאָדערט די יידן צוצושטעלן רעקרוטן אין פערזאָן, אָדער, ווי עס האָט געהייסן, אין „נאַטור". אין חודש יולי, האָט די מעזריטשער קהילה געפּועלט ביי דער מעלניקער מיליטערישע קאָמיסיע צו פאַרבייטן דאָס פּערזענלעכע דינסט אויף אויסלייז־געלט אין דער הויך פון 50 גילדן פאַר יעדן רעקרוט (42). אויך האָט די מעזריטשער קהילה — צוגלייך מיט אַנדערע קהילות — געמוזט צושטעלן אַ געהעריקע צאָל פערד און ווערבירן רייטער־רעקרוטן; זיי באַוואָפענען און באַקליידן. אויך דער באַפעל איז נישט געווען עקסטריקט; אַנשטאָט אַ רייטער, האָט די קהילה דערפאַר געצאָלט 50 גילדן.

דאָס אויסלייז־געלט וואָס די קהילה האָט געדאַרפט צאָלן, איז גענומען געוואָרן פון אַלע יידישע הייזער. פון יעדן קוימען האָט מען געמוזט צאָלן 12 גילדן. אין דער פראַגע פון רעקוויזירן וועגענער און פערד, איז די מאַכט יאָ געווען איינגעשפּאַרט; דאָ האָט נישט געהאָלפן קיין אויסקויף־געלט. יעדער מאַגיסטראַט, האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַשטימען, וויפיל וועגענער און פערד יעדע קהילה האָט געמוזט צושטעלן, לויט דער פראָפּאָרץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. געוויינטלעך איז די אויסמעסטונג געמאַכט געוואָרן אַזוי: אויף יעדע 150 קוימענס וואָס האָבן געדאַרפט צאָלן 13 גילדן שטייער פער קוימען, איז אויסגעפאַלן צוצושטעלן אַ וואָגן מיט צוויי פערד. און נישט נאָר דאָס — יידן האָבן אויך געמוזט צושטעלן די נויטיקע צאָל בעלי־עגלות און צאָלן דעם בעל־עגלה 60 גילדן פאַר זיין טרחה פאַר דריי חדשים. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום אויסרייד, בשייכות דער פאַראָרדענונג; די קהילה האָט אים געמוזט געבן אויספאָלגן, ווייל עס האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף פאַר עובר זיין אויף דעם באַפעל. פאַרשטייט זיך, ממילא, אַז די מעזריטשער קהילה — צוגלייך מיט אַנדערע קהילות — האָט דעם באַפעל געזען אויסצופאָלגן.

אין שייכות מיט דער רעקוויזיציע פון פערד און וועגענער, ווערט דערמאָנט

אין די קהילה־אַקטן פֿאָלגנדער אינצידענט מיט דעם מעזריטשער רב*) ביי ווע־מען מען האָט רעקווירירט אַ פֿערד און וואָגן (עס ווערט נישט געזאָגט צי דער פֿערד און וואָגן, זיינען געווען דעם רבס אייגנטום. דאָס, גלויב איך, איז זיכער נישט געווען אַזוי. גיכער איז דער אינצידענט פֿאַרגעקומען, בעת דער רב איז געפֿאָרן אין אַ געדונגענעם וואָגן און די פֿאַרשטייער פֿון דער מאַכט האָט אים געהייסן מוחל זיין און אַראָפּגיין פֿון וואָגן און זי האָט רעקווירירט דעם פֿערד און וואָגן). ווען מען האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם צום וואַרשעווער שטאָט־פּרע־זידענט ה׳ זאַקרזשעווסקי (פֿירער פֿון דעם נאַציאָנאַלן ראַט און, אגב, אַ גאַנץ גרויסער אַנטיסעמיט) און מען האָט אים אויפֿגעוויזן, אַז מען האָט אַזוי אַרום איך מבזה געווען דעם גייסטיקן פֿירער פֿון דער מעזריטשער קהילה, האָט ער געענטפֿערט: „אַ רב, און דערצו פֿון מעזריטש, מעג נישט בלויז לענגער וואַרטן אויף די פֿערדה, נאָר ער מעג זיי אויך אָפּטרעטן״(43).

אין מעלניקער קרייז, האָבן די יידישע קהילות, פֿון וועלכע מעזריטש איז זיכער געווען די הויפּט־קהילה, לויט דעם אוניווערסאַל פֿון 31טן מאַי, פּאַראַגראַף 6, געמוזט אויך צושטעלן, — אין פּראָפּאָרץ פֿון דער צאָל נפשות פֿון דער קהילה — בלייַ, פּולווער און קיזל־שטיינדלעך פֿאַר דעם מיליטער (44).

דאָס זיינען, פֿאַרשטייט זיך, נישט געווען די איינציקע שטייערן וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די יידן. יידן אין פּאָדליאַשע, פֿון וועלכער מעזריטש איז שוין דעמאָלט געווען איינע פֿון די גרעסטע און באַדייטנדסטע שטעט, האָבן געמוזט צושטעלן שטיוול, העמדער, פּעלצן און סוקמאַנעס פֿאַרן מיליטער. היות די מעזריטשער יידן האָבן זיך שוין דעמאָלט אָפּגעגעבן מיט גאַרבעריי, פּעלצן־פֿאַבריקאַט און שוסטעריי, איז אָנצונעמען, אַז מעזריטשער יידן האָבן אַ סך ביי־געטראָגן צום אויפֿשטאַנד אין פֿאַרשידנערליי פֿאָרמען. ד״ר רינגלבלום י״ד דער־קלערט, אויפֿן סמך פֿון דאָקומענטן, אַז פֿון אַ רייסטער פֿון 471 קהילות, מיט אַ צאָל נפשות פֿון בסך־הכל 24.233, האָט די מאַכט אויפֿגעמאָנט פֿאַרשידענע מלבושים און אונטערוועש, אין דער ווערט פֿון איין מיליאָן 660 טויזנט גילדן(45). דאָס איז זיכער געווען אַ ריזיקע סומע פֿאַר יענע צייטן און מען קען זיך פֿאָר־שטעלן, אַז מעזריטשער יידן האָבן אַ סך בייגעשטייערט צו דעם סכום.

אַלס צוגאָב צו די אַלע אויבנדערמאָנטע אָפֿיציעלע שטייערן און רעקוויזי־ציעס, פֿלעגט מען אויך בעטן „פֿרייוויליקע״ נדבות און מתנות ביי יידן, סיי אַלס יחידים און סיי פֿון דער קהילה אַלס גאַנצע. אַ חוץ דעם, פֿלעגט מען רעקווירירן ביי יידן אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט און זיך נישט אָפּגעשטעלט, אַפֿילו, ווען עס האָט געמיינט דער פֿולשטענדיקער חורבן פֿון דעם באַטרעפֿנדן יידן. אַזוי, למשל, האָט מען רעקווירירט אין אַ מעזריטשער האַמאַרניע (מאָזשדזשאַרניע — פֿאַבריק וואָס אַרבעט אויס קופּערנע כלים. מעזריטש האָט פֿון אַלטע צייטן געהאַט

*) הרב יהיאל מיכל הלפּרין.

א פאַבריקאַציע פון קופערנע כלים) וועלכע האָט געהערט צו עטלעכע יידן, 8.000 פונט קופער ווי אויך שוין אויסגעאַרבעטע כלים פון קופער

נאָך דער דאָזיקער רעקוויזיציע האָט זיך די פאַבריק געמוזט פאַרמאַכן (46). די רוסן פון זייער זייט האָבן זיך נוקם געווען אין דער פויליש־יידישער באַפעלקערונג. די רוסישע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף די קהילות פאַרשידנערליי קאָנטריבוציעס און אַפילו נאָכאַמאָל איינגעמאָנט דעם קאָפּ־שטייער, נאָכדעם ווי ער איז שוין איינמאָל איינגעמאָנט געוואָרן פון דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער מאַכט. זיי פלעגן אויך רויבן און אָנמאַכן פאַרשידנערליי הזיקות די יידן. אין מעזריטש האָט קהל אויסגעפועלט ביי די רוסישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן צורו־לאָזן די יידן און האָט זיי דערפאַר געגעבן 150 גילדן(47).

אויך אין די צוויי שפּעטערע אויפשטאַנדן, וואָס די פּאָלאַקן האָבן אָרגאַניזירט קעגן דעם רוסישן אָקופּאַנט אין 1830 און 1863, האָבן מעזריטשער יידן זיך באַטייליקט מיט מאַטעריעלע ביישטייערונגען און פערזענלעכן אָנטייל. אין דער פוילישער מעמואַרן־ליטעראַטור פון אָנפירנדיקע פיגורן פון די „פּאָווסטאַניעס", ווערט דערמאָנט גאַנץ אָפט מעזריטש און דער אָנטייל פון די דאָרטיקע יידן.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אז נישט נאָר האָט מעזריטש דאַן געהאַט די וויכטיקייט אַלס כמעט יידישע שטאָט, נאָר עס דאַרף דערביי דערמאָנט ווערן, אַז זי האָט אויך געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אינעם אויפשטאַנד, אַלס וויכטיקע סטראַטעגישע באַזע אין פּאָדליאַשע, וואָס איז געווען איינע פון די פּרינציפּאַלסטע פעסטונגען פון די אויפשטענדלער.

איינער פון די מעמואַריסטן פון יענער צייט(48) דערציילט, אַז אין דער גרויסער מעזריטשער שול האָבן זיך אין דעם יאָר 1830, פאַרזאַמלט אַ סך יידן, און ער, אַלס איינער פון די פירער פון דער פוילישער באַפרייאונגס־באַוועגונג, האָט ביי זיי אָפּגענומען אַ טרייהייטס־שבועה פאַר דעם אויפשטאַנד און זיינע פירער.

ווי מיר זען, אַלזאָ, האָט די מעזריטשער קהילה זיך באַטייליקט אַקטיוו אין דעם אַלגעמיינעם געראַנגל פון זייערע פוילישע שכנים, אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פוילן און דער ווידער־אויפריכטונג פון דער פוילישער מלוכה. ס'קען זיין, אַז דער שטאַרקער ענטוזיאַזם פון די מעזריטשער יידן פאַר דער פוילישער זאַך, איז געקומען צום אויסדרוק, דערפאַר וואָס אין אַלגעמיין זיינען די באַציאונגען צווישן די יידן אין מעזריטש און זייערע שכנים, סיי די שטאָטישע און סיי די דאָרפישע, כמעט תמיד געווען פריינטלעכע.

עלילת־דם אין מעזריטש

צום קאפיטל באציאונגען צווישן די יידן און זייערע שכנים האט אויך א שייכות, אן שום ספק, דאס קאפיטל פון עלילת־דם. דער פאר אונדזער פאלק אזוי־טראגישער בלוט־בלבול איז, אייגנטלעך, נישט קיין פוילישע דערפינדונג. דער עלילת־דם, וואס האט אונדז געקאסט א סך קרבנות, איז א סך עלטער ווי די געשיכטע פון עלילת־דם אין פוילן. אבער די פאלאקן, בעסער געזאגט: די קירכלעכע איניציאטארן פון דעם עלילת־דם אין פוילן, האבן אין די פאלאקן געפונען גוטע שילער, אדער א גוט געווערקצייג פאר זייערע אנטי־יידישע מעשים, וואס זיינען געווען קאלקולירט אויף צו פארפעסטיקן זייער ממשלה אין פוילן, קעגן איבער אלע אפנויגער פון דער קאטוילישער קירכע.

שוין אין סוף פון 16טן יאר־הונדערט, ווערט מעזריטש דערמאנט אין שייכות מיט א שוידערלעכן עלילת־דם. די מעשה, בקיצור, איז אזעלכע (49):

אין דעם דארף שוויניאראווא, איז ביים דארטיקן מילנער פעטרעני אוועקגעקומען זיין פיר־יאריקער זון. א ביסל צייט שפעטער, האבן פאסטוכער אים געפונען א צעשונדענעם און צעגריזשעטן. די פאסטוכער האבן פשוט געהאלטן, אז ווילדע הינט אדער וועלף האבן דאס קינד צעפרעסן. דער פאטער וואלט מיט דער צייט פארגעסן וועגן זיין אומגליק, ווען נישט דער אריינמישונג פון אן ארעמען שליאכטשיץ, דער פאכטער פון דארף וואדניקי, וועלכער האט געוואלט אויסנוצן די טראגישע פאסירונג אויף צו קענען פטור־ווערן פון די יידן. ער האט דאס אויסגעטראכט דעם בלבול, אז דאס קינד איז געווען א קרבן פון דעם יידישן מנהג צו צאפן בלוט פון קריסטן פאר ריטועלע צוועקן. באלד האט מען ארעסטירט דעם פראפינאטאר מרדכי, זיין זון אהרן גראמעק און איידעם אייזעק, זיין שענק־יונג יאאכים און זייערע א קריסטלעכע דינסט. מען האט די יידן אריבערגעפירט קיין לובלין, אויף דער אייגענער בקשה פון די יידן. זיי האבן גערעכנט, אז וויבאלד אין לובלין איז דער זיץ־פלאץ פון דעם קרוין־געריכט, וועט מען אין לובלין גיכער קענען אויפטון ממשותדיקס לטובת די ארעסטירטע יידן. די דאזיקע האפענונג, איז אבער גיך צערינען געווארן מיט דער גרויזאמער אינטערווענץ פון געוויסע קירכע־אויטאריטעטן. נאך שווערע עינויים וואס זיי האבן אויסגעפירט איבער דעם שענק־משרת, האט ער זיך „מודה־געווען" און אויסגעטראכט א פאנטאסטישע מעשה, וואס איז די מאכטהאבער שטארק געפאלן געווארן.

אויך די קריסטלעכע דינסט, איז געבראַכט געוואָרן קיין לובלין אויף אַן אויספאָרשונג; אָבער אַ שטיק צייט פאַר דער אויספאָרשונג איז זי גוט „באַאר־בעט־געוואָרן״ פון דעם גלח טרעטער, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַראינטע־רעסירט צו באַווייזן די יידישע שולד. די דינסט, וועלכע האָט ביז דעמאָלט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט פלוצלים באַקומען לשון און דערציילט, אַז זי אַליין האָט אַרויסגעטראָגן דאָס טויטע קינד, נאָכדעם ווי מען האָט פון אים געצאַפּט זיין בלוט; און אַז זי קען אין מעזריטש אַ גרויסע צאָל קריסטלעכע ווייבער, וועלכע העלפן די יידן אין ענלעכע פאַלן (50).

דער סוף פון די באַשולדיקטע יידן, איז געווען אַ טראַגישער. אָבער ווי עס שיינט, איז די רעשט יידן אין מעזריטש גאָרנישט געשען. כאָטש גאָר זיכער איז עס אויך נישט. אפשר האָט טאַקע דער איבנדערמאָנטער עלית־דם, צי אַן אַנ־דערער עלילת־דם טאַקע זיך געענדיקט טראַגיש פאַר די מעזריטשער יידן און גע־האַט אַ שייכות מיט דער לעגענדע, וואָס איז שפּעטער דערציילט געוואָרן אין מעזריטש פון די זקנים און איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

די לעגענדע דערציילט: איינמאָל האָבן גויים אויסגעטראַכט אַ בלוט־בלבול אויף די יידן אין מעזריטש און עס האָט געדראָט די פאַרלענדונג פאַר אַ סך יידן אין שטאָט. דעמאָלט האָט איינער, אַ געוויסער ר׳ אייזיק, גענומען אויף זיך די אויסשליסלעכע שולד, כדי צו ראַטעווען די גאַנצע קהילה פון אַ זיכערן טויט. דער ר׳ אייזיק האָט זיך מודה געווען אין זיין כלומרשטן פאַרברעך, פון דערמאָרדן דאָס קריסטלעכע מיידעלע.

די לעגענדע דערציילט ווייטער: ווען מען האָט ר׳ אייזיקן אַ לעבעדיקן אויפ־געשניטן דעם בויך, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז קיינער פון זיינע קינדער, ביז דעם צענטן דור, זאָל נישט באַטרעטן דאָס געסל ווו מען האָט אים געטויטעט. די דאָזיקע לעגענדע, איז אויך אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור און איז באַאר־בעט געוואָרן פון אַלטער קאַציזנע, אין זיין באַלאַדע „אַ יידישע חתונה״ (51).

אויב אפילו דאָס זאָל זיין בלויז אַ לעגענדע, האָבן די פּאָלאַקן מזכה געווען מיט אַן אמתן עלילת־דם די מעזריטשער יידן. און גראָד אַ דאַנק דער דעמאָלט־דיקער שטעלונג פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן שוין געהאַט צו זאָגן איבער פּוילן — כאָטש זי איז נאָך געווען אין אינערלעכע ענינים אויטאָנאָם — איז דער עלילת־דם בטל געוואָרן.

די מעשה פון דעם עלילת־דם, איז אויספירלעך באַשריבן געוואָרן פון דעם אונדז שוין באַקאַנטן בן־עיר, ר׳ יעקב שפּירא. ער האָט די באַשרייבונג, אין העב־רעאיש, צוגעשיקט צום פּראָפעסאָר דובנאָוו. דער אָריגינאַל געפינט זיך איצט אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו פון ייוואָ, ניו־יאָרק; זי איז געשריבן אין אַ באַפליגלטער שפּראַך און זייער מליצהדיק. פּראָפעסאָר דובנאָוו האָט די באַשרייבונג, מיט פאַר־קירצונגען און באַמערקונגען, פאַרעפנטלעכט אין דעם באַקאַנטן זשורנאַל פאַר

יידישע געשיכטע און וויסנשאַפט „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ" *). די באַשרייבונג פון דעם עלילת־דם, איז די:

„די געשיכטע פון דעם עלילת־דם, האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם דאָרף סאָל־טעץ, לעבן מעזריטש. אין יענער צייט, האָבן געוווינט אין די דערפער אַרום מעזריטש אַ סך רייכע יידן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די גיטער פון די פּריצים און זיי, די יידן, פלעגן אָפט קומען אין שטאָט אַריין, צו דערלייידיקן זייערע געשעפטלעכע ענינים.

„צווישן די דאָרפסלייט זענען געווען אַ צאָל תושבים, וועלכע זיינען אַפילו געוואָרן געקליבן צו דער פירערשאַפט פון דער מעזריטשער קהילה, פון וועלכער די דאָרפישע יידן זיינען געווען אָפּהענגיק.

„אין דער דאָזיקער צייט, זיינען די ראשים פון דער קהילה געווען: הערץ דרעוולער (פילייכט דרעלעווער — אַ דאָרף נעבן מעזריטש, מ. ע.), וועמענס פאַמיליע־נאָמען עס איז געווען אָפּענשטיין, זישע סאָלטעצער, וועמענס פאַמיליע־נאָמען עס איז געווען אייזענבערג און זעליג באָרענשטיין. זישעס ברודער, בנימין, איז געבליבן וווינען אין סאָלטעץ. איינמאָל האָט זיך בנימין סאָלטעצער צעקריגט מיט זיין קריסטלעכן שכן מאַקסים. מחמת כעס און שנאה, האָט מאַקסים אונ־טערגעצינדן בנימינס הויז און זיין משפחה האָט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, נאָר על־פּי־נס. אין זעלבן ווינטער (דאָס איז געשען אין 1815, מ. ע.), איז פאַרלוירן־געגאַנגען מאַקסימס דריי־יעריקע טעכטערל אין וואַלד. ערב פסח, ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן צו צעגיין, איז דער קערפּער פון דער פאַרלוירן־געגאַנגענער מיידעלע געפונען געוואָרן. דאָ האָט מאַקסים אויסגעפונען אַ גוטע געלעגנהייט צו נעמען נקמה פון זיין יידישן שכן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער ייד בנימין האָט דערמאָרדעט זיין קינד. באַלד האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער המון פּויערים, עס איז אויך געקומען דער גלח און אַ דאָקטער. דער לעצטער האָט אונטערגעזוכט דעם קערפּער פון דער טויטער מיידעלע און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט נישט געפונען קיין סימנים פון גוואַלד־טאַט. דער טויט, האָט ער דערקלערט, איז, וואַרשיינלעך, געקומען פון דעם, וואָס דאָס מייד־על איז פאַרשנייט געוואָרן און איז פאַרפרוירן געוואָרן אין וואַלד.

מיט דעם האָט זיך די געשיכטע נישט פאַרענדיקט. די דאָזיקע מעשה איז געוואָרן באַקאַנט אין שטאָט און די פּאָליציייאישע מאַכט פון מעזריטש האָט אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג אַרום דעם ענין.

„אין דער זעלבער צייט, איז אין דער מעזריטשער תפיסה געזעסן אַ שטאָ־טישער אויסוואָרף, אַ געוויסער וועלוול שניידער. עס רעדט זיך אַזוי אַ שניידער, ווייל אין דער אמתן איז ער געווען אַ גנב און דאָס איז געווען זיין אייגנטלעכע מלאכה. מחמת דעם וואָס ער האָט באַגנבעט אַ גאַסט אין ר' מתית'עס אכסניה, האָט אים ר' מתית געלאָזט איינזעצן אין תפיסה. וועלוול האָט געברענט פון רציחה אויף קהל, פאַרוואָס מען האָט אים איינגעזעצט, בפרט, עס איז גראָד

*) 5טער באנד, ז. 577-586.

געוועזן ערב דעם גרויסן יאַריד, וואָס האָט שטאַרק געדרייצט וועלוולס גנבהשן אַפּעטיט; דעמאָלט האָט ער צומבעסטן געקענט מאַכן נוצן פון זיין גנבהשער פּראָפּעסיע. כדי זיך צו באַפרייען פון דער תפיסה, האָט ער זיך דערטראַכט צו אַ טייוולאָנישן פּלאַן, מיט וועלכן ער זאָל אויך אין איינוועגס קענען נעמען נקמה פון קהל.

„וועלוול האָט געלאָזט וויסן דער מאַכט, אַז קהל האָט אים אומישנע אַריינ־געזעצט אין תפיסה, מחמת דעם ווייל ער ווייסט דעם סוד פון דעם געהיימניספולן מאָרד, וואָס איז באַאַנגגען געוואָרן איבער דער סאָלטעצער מיידעלע.

„וועלוולס מסירה האָט געהאַט אַ ווירקונג. אויפן סמך פון זיינע רייד, האָט מען אויפגעגראָבן דעם קבר און אַרויסגענומען דעם טויטן קערפּער און אים גע־בראַכט צו פירן קיין מעזריטש. פון מעזריטש, האָט מען דעם קערפּער פון דעם מיידעלע, אָפּגעפירט צום פּאָוויאַט קיין ראַדזין און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אויספאָרשונג. דער פריערדיקער ראָקטער, וועלכער האָט אויפסנייע עקזאַמינירט דעם טויטן קערפּער, האָט איצט דערקלערט, אַז ער האָט געזען „סימנים" אַרום די אָזיגן, פון וואַנען מען האָט געקענט צאַפּן בלוט (מען דאַרף געדענקען, אַז צווישן דער צייט האָט דער קערפּער אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון פוילן, מ. ע.). מען האָט געבראַכט קיין ראַדזין דעם מסור — וועלוולען, און אים גענומען אויף אַ פאַרהער: וואָס ווייסט ער צו זאָגן וועגן דעם ענין? דאָ האָט וועלוול דערציילט די פאָלגענדע אויסטערלישע געשיכטע:

„פאַראַיאָרן פסח ביינאַכט, נאָכן אָפּריכטן דעם סדר, האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף אַ שפּאַציר' און ער איז צוגעקומען ביז צו דער בריק. דאָ האָט ער געזען בנימין סאָלטעצער אָנקומען צו פאָרן אויף אַ וואָגן אין שטאָט אַריין. אויף זיין פראַגע, וואָס ער טוט איצט אין שטאָט? האָט בנימין כאָלטעצער געענטפערט, אַז ער איז געקומען איינלאַדן דעם רב אויף אַ ברית־מילה.

„וועלוול דערציילט ווייטער: דער ענטפער איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט בנימינען נישט געגלויבט און זייענדיק שטאַרק נייגעריק צו וויסן דעם אמת, האָט ער נאָכשפּיאָנירט בנימינען און ער האָט געזען ווי בנימין פאַרפאָרט צום הויז פון דעם ראש־הקהל פּרץ אָפּענשטיין. בנימין האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און ער איז אַריינגעגאַנגען צום ראש־הקהל.

„די דאָזיקע זאַך האָט אים געשיינט צו זיין גאָר פאַרדעכטיק אין זיינע אויגן. האָט ער זיך דעריבער אַוועקגעשטעלט הינטער דעם פענצטער און דורך אַ שפּאַ־רונע פון דעם לאָדן, האָט ער געזען בנימין סאָלטעצער, זיין ברודער זישע, דעם ראש־הקהל פּרץ אָפּענשטיין און דעם שטאָט־משרת. זיי אַלע האָבן געהאַלטן דעם קערפּער פון דער טויטער מיידעלע. אַ ביסל שפּעטער, איז בנימין אַרויסגעקומען פונעם הויז און געטראָגן מיט זיך עפּעס איינגעוויקלט אין אַ ליילעך. אַז בנימין איז שוין געזעסן אויפן וואָגן, איז אַרויסגעקומען פּרץ אָפּענשטיינס פרוי — רחל, און זי האָט געוואָרנט בנימינען אַז ער זאָל, למען־השם, גוט באַהאַלטן דאָס מע־

סער, אַנישט וועט ער ברענגען אויף אַלעמען אַ גרויס אומגליק. אויף צומאָרגנס האָט מען אויסגערופן אין שול און אין אַלע בתי־מדרשים, אינעם נאָמען פון דעם רב, אַז בנימינס באַזוך אין שטאָט מוז בלייבן אַ סוד גמור.

„וועלוולען האָבן אונטערגעשטיצט זיין מאַמע רייזע, פּונקט אַזאַ נידעריקער נפש ווי איר זון. זי האָט דערציילט, אַז זי אַרבעט אַ סך יאָרן אין בעקערייען וווּ מען באַקט מצות אויף פּסח און זי ווייסט, אַז דאָס מעל ווערט געמישט מיט בלוט. אויך אַ חבר פון וועלוולס שייקע, האָט באַשטעטיקט וועלוולס רייד.

„די אויספאָרשער האָבן זיך גערעכנט מיט די עדות פון דער באַשולדיקונג, בפרט אַז זיי זיינען אויך געוואָרן אונטערגעשטיצט פון די סאָלטעצער דאָרפסלייט, וועלכע האָבן געזוכט נקמה צו נעמען פון זייער יידישן שכן בנימין סאָלטעצער. ספּעציעל האָט איינער אַ פּויער, בנימינס אַ שכן, פאַרשטאַרקט דעם חשד מיט דעם, וואָס ער האָט דערציילט פאַר די אויספאָרשונגס־ריכטער:

„איינמאָל, ערב פּסח — האָט דער פּויער דערציילט — האָט בנימין פאַר־קויפט זיין חמץ צו אים און אים אַוועקגעגעבן דעם שליסל פון דעם שייער. אָבער, ביינאַכט איז בנימין געקומען צו אים און צוריקגענומען פון אים דעם שליסל פון דעם שייער און ערשט דעם צווייטן טאָג פאַרנאַכט, האָט אים בנימין צוריק געבראַכט דעם שליסל.

„די דאָזיקע דערקלערונג האָט געשיינט פולשטענדיק צו דערגענצן וועלוולס עדות־זאָגן, וועגן בנימינס כלומרשטער נסיעה אין שטאָט אַריין די ערשטע נאַכט פּסח.

„בנימין האָט אַנטשידן געלייקנט, אַז ער איז פּסח ביינאַכט געווען אין מעזריטש; ער האָט נישט געלייקנט די רייד פון דעם פּויער, אָבער ער האָט גע־געבן אַ צופרידנשטעלנדיקן ענטפער. בנימין האָט די ריכטער אויפגעקלערט, אַז היות אין שייער איז געלעגן דער חמץ, און היות ער האָט געהאַט בדעה צו פאָרן אין ערשטן טאָג חול־המועד אין שטאָט אַריין, האָט ער געוואָלט אַרויסנעמען פון דעם שייער דעם געשפאַן, איידער עס ווערט פּסח, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַריינקומען אין שייער אַריין די גאַנצע אַכט טעג פון פּסח, צוליב דעם חמץ וואָס איז דאָרט געליגן. דערפאַר האָט ער גענומען דעם שליסל ערב־פּסח און איידער עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּסח האָט ער דעם שליסל אָפּגעגעבן דעם שכן זיינעם, ווי עס פאָדערט דער דין.

„די דאָזיקע, דוכט זיך, איינפאַכע תשובה, האָט די ריכטער אינגאַנצן צע־מישט. דער גאַנצער ענין פון מכירת־חמץ און די דינים פון חמץ אין פּסח, זיינען געווען פאַר זיי עפּעס אַן אויסטערלישע און געהיימע זאַך. זיי האָבן באַשלאָסן איבערצושיקן דעם ענין צו דער וואַיעוואָדישער אינסטאַנץ קיין לובלין (אין יענער צייט איז מעזריטש געווען אַ טייל פון דער לובלינער וואַיעווּודסטווע, מ. ע.).

„אין לובלין, איז דער ענין אַריינגעפאַלן צום ריכטער ביעלעוווסקים הענט. ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט און אַ גרויסער שונא־ישראל און ער האָט באַשלאָסן

ביי זיך אויסצונוצן דעם ענין פאַר זיינע אַנטיסעמיטישע געפילן און אָנטאָן צרות די יידן. האָט ער דערפאַר זיך געווענדעט קיין וואַרשע צו דער צענטראַל־מאַכט (וואָס איז געווען נישט ווייניקער דורכגעפרעסן מיט אַנטיסעמיטיזם) און געבעטן אַ דערלויבעניש צו אַרעסטירן די יידן, אונטער דעם פאַרדאַכט פון באַגיין אַ ריי־טועלן מאָרד. די דערלויבעניש איז אים געגעבן געוואָרן. און אין שמחת־תורה אין דער פרי, אין יאָר 1815, ווען די גאַנצע שטאָט איז געווען אין שול און אין די בתי־מדרשים און געפּראַוועט הקפות, האָט מיליטער — פיסגייער און רייטער — אַרומגערינגלט די שטאָט. מיט זיי איז מיטגעקומען אַ גרויסער המון פויערים אין די אויספאָרשער מיט וועלוול מסור אין דער שפּיץ, זיינען אַריין אין שול; און אויף וועלוולס אָנווייזונג, האָט מען אַרעסטירט די אַלע באַשולדיקטע פירער פון דער קהילה, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. צווישן די אַרעסטירטע אין שול זיינען געווען: זעליג באַרנשטיין, פּרץ אָפּענשטיין, זישע אייזענבערג מיט זייערע פרויען, דער נאמן פון דער קהילה — ישראל בעקערמאַן, גרשון פּטאַשניק, דער קהל־שמש — יאָסקע און בנימין סאָלטעצער, זיין פרוי און זייער דינסט און נאָך איינער אַ קהלשער באַאַמטער — בסך־הכל: 13 פּערזאָן. מען האָט זיי גלייך איינגעזעצט אין דער תפיסה, וואָס האָט זיך געפונען אין פּריצישן הויף און אין שטאָט איז געוואָרן תשעה־באב.

„שפּעטער איז אָראָפּגעקומען פון לובלין אַ ספּעציעלער אויספאָרשער און ער האָט גענומען פּרץ אָפּענשטיינען אויף אַ פאַרהער. ער האָט אים אויסגעפרעגט און געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט געטאָן דעם גאַנצן ערב־פּסח. פּרץ אָפּענשטיין האָט געגעבן דערויף אַ גענויעם ענטפער. קודם־כל, האָט ער געענטפערט, איז ער גע־גאַנגען דאַווענען. נאָכן דאַווענען האָט ער פאַרברענט דאָס חמץ און צוגעגרייט די פּסחדיקע כלים. פאַרנאַכט האָט ער געדאַוונט מנחה און געזאָגט דעם קרבן־פּסח.

„דערהערנדיק דאָס וואָרט „קרבן־פּסח", האָט דער ריכטער געוואָלט וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס. פּרץ אָפּענשטיין האָט אויך אויף דעם גלייך געענטפערט. דאָס — האָט ער דערקלערט דעם אויספאָרשונגס־ריכטער — איז אַן אויסצוג פון דער גמרא פּסחים, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דער צערעמאָניע אין בית־המקדש, ווען יידן פלעגן מקריב זיין דעם קרבן־פּסח. דער אויספאָרשער האָט חושד געווען, אַז דאָרט ווערט אַוודאי אויך דערמאָנט דער „מנהג" פון באַנוצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח און ער האָט די'עריבער געהייסן מען זאָל ברענגען צו טראָגן די גמרא פּסחים.

„דאָ האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון וועלוולס שייקע און געזאָגט דעם ריכטער, אַז דאָס וואָס ער זוכט, וועט ער נישט געפינען אין דער גמרא פּסחים, נאָר אין זוהר. אויפן פאַרלאַנג פון דעם אויספאָרשער, האָט מען געבראַכט צו טראָגן דעם זוהר און אַלס עקספּערט מצד די יידן האָבן די מעזריטשער צוגעשטעלט זייער דיין און גרויסן בעל־מקובל ר' יעקב ישראל כעלמער, ער זאָל פאַרלייענען

די שטעלן פון זוהר, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם קרבן־פּסח. ר׳ יעקב ישראל האָט געלייענט און דער אויספאָרשער האָט אַלץ פאַרשריבן.

„דערנאָך האָט דער אויספאָרשער אַרויסגענומען אַ לאַטייניש בוך און געהייסן די יידן זיי זאָלן אים אויפקלערן, וואָס עס מיינט „טעות גוי מותר". ער האָט דאָס וואָרט טעות אַרויסגערעדט טוית (טאָווים), און די יידן האָבן אים געענטפערט, אַז „טוית גוי", מיינט אַ פאָדים וואָס איז געשפּינט פון אַ גוי איז מותר; דהיינו, איז דערלויבט צו באַנוצן זיך דערמיט און עס איז נישטאָ קיין חשש פון „שעטנז". די יידן האָבן בוכשטעבלעך איבערזעצט דאָס וואָרט „טוית" אַזוי ווי דער אויספאָרשער האָט עס אַרויסגערעדט.

„אויף זיין צווייטער פראַגע, וואָס עס מיינט „טאָב (ער האָט דאָס וואָרט טוב אַרויסגערעדט טאָב) שבגויים כּאַראָג" (אָנשטאָט הרוג) האָבן די יידן געענטפערט, „טאָב" איז דער נאָמען פון אַ יחידישן־מענטש. דאקעגן דאָס וואָרט גוי באַדייט — פאָלק, נאַציע, און „כּאַראָג" מיינט שטראַלן פון דער זון. עס באַקומט זיך אַזוי אַרום פאָלגנדער געדאַנק: דער נאָמען טאָב וואָס ווערט באַנוצט פון געוויסע נאַציעס, האָט דעם זעלבן באַדייט ווי דער נאָמען שרגא (ליכט) ביי יידן. צום סוף, האָט ער זיי געשטעלט אַ דריטע פראַגע: וואָס איז דער מיין פון „רבית נכרי מותר"? דערויף האָבן די יידן געענטפערט, אַז רבית אין אַראַמעיש מיינט אַ קינד און דער טייטש פון דעם איז, אַז יידן מעגן דערציען אַ נישט־יידיש קינד. דער אויספאָרשער האָט עס אַלץ פאַרשריבן און דערמיט האָט זיך דער ענין געענדיקט.

„אַ לאַנגע צייט, איז דער אויספאָרשער פאַרבליבן אין מעזריטש און אין דער צייט האָט ער אויך אויסגעפאָרשט די פּויערים און פאַרשריבן זייערע דערקלערונגען. אינצווישנצייט האָט זיך דער ריכטער דערוווּסט וואָסער פאַרשוין ועלוול איז און די יידישע תלמידי־חכמים האָבן דעם ריכטער אויפגעקלערט וועגן דעם איסור פון באַנוצן בלוט און ווי שטרענג עס איז דער פאַרבאָט צו עסן אָדער טרונקען בלוט.

„דער ענין האָט זיך געצויגן און פאַרשלעפּט און עס איז אַזוי אַדורך אַ גאַנצער ווינטער. די אַרעסטירטע יידן זיינען דערווייל געווען פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה פון דעם פּריצישן שלאָס אין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון דער אויספאָרשונג. ענדלעך איז געקומען די אַנטשיידונג. ערב פּסח 1816, האָט מען די יידן באַפרייט, לויט אַ באַפעל וואָס איז געקומען פון דער גובערניע אין לובלין. די שמחה אין שטאָט איז געווען זייער גרויס, אָבער נאָך גרעסער איז געווען די מפּלה פון וועלוול גנב און זיינע חברים — משה באָק און ביניש שיכור.

„מיט דעם האָט זיך אָבער דער דאָזיקער ענין נישט געענדיקט. די מעזריטשער יידן, וועלכע זיינען באַפרייט געוואָרן, זיינען נישט געווען אינגאַנצן צופרידן מיט דעם אופן פון דער באַפרייאונג. ווייל מען האָט זיי נישט אינגאַנצן ריינגעוואַשן, נאָר מען האָט זיי בלויז באַפרייט אויפן סמך פון נישט גענוגנדע

באוויזן. די באפרייטע האָבן אָנגעגעבן אַ ביטע קיין ווארשע און געבעטן מען זאָל זיי אינגאַנצן ריינוואַשן פון וועלכן עס איז חשד.

„צו זייער אומגליק, האָט זיך גראָד דעמאָלט פארשפרייט אַ כוואליע פון עלילת־דם. אין דער שכנותדיקער וולאָדאַווע און אין גראָדנע האָט מען אויך אויס־געטראַכט בלוט־בלבולים אויף יידן (אין גראָדנע איז אויך געווען פארמישט דערין אַ משומד, מ. ע.).

„דער הויפט־פאַרשטייער פון דער פוילישער אויטאָנאָמער רעגירונג, האָט פאַראָרדנט אַ נייע אויספאָרשונג. לויט אַ באַפעל פון דער צענטראלער מאַכט, האָבן אַלע באַפרייטע יידן צוזאַמען מיט וועלוול מסור זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אַ נייער אויספאָרשונג אין ביאַלע (נעבן מעזריטש, מ. ע.). דאָס איז געווען אין יאָר 1819, דריי יאָר נאָכדעם ווי מען האָט זיי געהאַט באַפרייט.

„וועלוול מסור, האָט פאַר די אויספאָרש־קאָמיסיע איבערגעחזרט זיין אַלטע אויסגעטראַכטע מעשה און האָט דערביי צוגעגעבן אַ שפּאָגל נייעם ליגן, נעמלעך, אַז בנימין האָט אין יום־כפור (פון נאָכן כלומרשטן מאָרד, מ. ע.) זיך מודה געווען אין דעם מאָרד און געבעטן מחילה אויף זיינע זינד. די באַשולדיקטע האָבן דאָס אַלץ אַנטשיידן געלייקנט און מיט פאַראַכטונג געשפּיגן אין מסורס פּנים אריין, פאַר די אויגן פון די אויספאָרשער. דער פאַרהער האָט זיך דערמיט געענדיקט און מען האָט די יידן געהייסן אַהיימפאָרן.

„עס זיינען אָפּגעלאָפן בלויז צוויי חדשים, ווען פון ווארשע איז אָנגעקומען אַ נייער באַפעל, וועלכער האָט געהייסן די יידן ארעסטירן אַ צווייט מאָל און זיי אָפּפירן מיטן עטאַפּ קיין כענטשין און זיי פארשפּאַרן אין דער דאָרטיקער פעס־טונג.

„אינצווישנצייט האָט זיך די צאָל פון די אָריגינעל ארעסטירטע פאַרקלע־נערט. ישראל בעקערמאַן, דער נאמן פון דער קהילה, גרשון פּטאַשניק און דער שטאָט־משרת יאָסקע, זיינען אין משך פון דער צייט געשטאָרבן. די איבערגע־בליבענע ביים לעבן, זיינען אַלע אַ צווייט מאָל ארעסטירט געוואָרן און אונטער אַ שטרענגער וואַך, זיינען זיי געבראַכט געוואָרן קיין לובלין, ווו מען האָט זיי צייטווייליק איינגעזעצט, ביז מען וועט זיי פירן ווייטער קיין כענטשין.

„די נייעם וועגן די ארעסטירטע מעזריטשער יידן איז שנעל געוואָרן באַ־קאַנט אין לובלין. אָבער די לובלינער קהילה און די דאָרטיקע יידן האָבן נישט אונטערגענומען די מינדסטע שריט לטובת די ארעסטירטע און האָבן זיך אפילו נישט געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די ארעסטירטע. ווי עס שיינט, האָבן די לוב־לינער יידן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט אויך אריינשלעפּן אין דעם עלילת־דם. עס איז געווען בלויז איין אויסנאַם: דאָס איז געווען דער גוט־באַקאַנטער לובלינער מגיד, ר' יעקב־בעריש היילפּערין, (אַ ברודער פון דעם מינסקער רב און איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פון די חסידים, מ. ע.). ער, איינער אַליין, האָט זיך נישט דערשראָקן און געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך, צו העלפן די

אומגליקלעכע מעזריטשער יידן. ער האָט אַזוי פיל פאַראַרבעט, אַז די אויפזעער פון דער תפיסה, האָבן דעם מגיד אַרעסטירט און אים פאַרשפּאַרט אין דער זעל־בער קאַמער, וווּ עס זיינען געזעסן די מעזריטשער יידן. כאָטש די אַרעסטירטע האָבן געהאַט עגמת־נפש, אַז צוליב זיי איז דער מגיד געוואָרן אַרעסטירט, האָבן זיי זיך דאָך געפרייט מיט אים, ווייל זיי האָבן פשוט אויפגעלעבט אין זיין אָנ־וועזנהייט. ר׳ בעריש האָט זיך געמאַכט היימיש מיט די מעזריטשער יידן אין זיין תפיסה־קאַמער און טאָג און נאַכט פאַרבראַכט מיט די יידן אין פאַרשידענע גע־שפּרעכן; זיי געטרייסט און אין זיי אַריינגעגעבן בטחון און מיט זיי געלערנט אַ שיעור גמרא און דווקא אויפן קול. די תפיסה־באַאַמטע, וועלכע האָבן ר׳ בערישן איינגעזעצט, האָבן איצט חרטה־געהאַט אויף זייער איבערגעאיילטן שריט. זיי האָבן איינפאַך נישט געקענט איינשלאָפן צוליב זיין לערנען און זיינע תפילות און זיי האָבן אים דעריבער באַפרייט.

„פון לובלין, האָט מען זיי ענדלעך אָפּגעפירט קיין כענטשין און דאָרט האָט מען די מעזריטשער יידן פאַרשפאַרט אין דער פעסטונג. זיי זיינען איצט שוין געוועזן בלויז 8 אין צאָל, היינו: פּרץ אָפּענשטיין מיט זיין פרוי רחל, זעליג באָרנ־שטיין, זישע אייזענבערג און זיין פרוי סערקע, בנימין סאָלטעצער מיט זיין פרוי און זייער יידישע דינסט.

„אין כענטשין, האָט מען די אַרעסטירטע ווידער אַמאָל גענומען אויף אַ פאַרהער. פּרץ אָפּענשטיין איז געוועזן זייער בעל־דברן און ער האָט זאַכלעך גע־ענטפערט אויף אַלע פראַגן, וואָס די אויספאָרשער האָבן געשטעלט. ער האָט אויפ־געוויזן די לעכערלעכקייט פון דער באַשולדיקונג און אויפגעדעקט די סתירות וואָס זי אַנטהאַלט.

„ער האָט געטענהט: אויב ס׳איז אמת, אַז יידן באַנוצן זיך מיט קריסטלעך בלוט פאַר מצות און זאָלן האָבן צוליב דעם געהרגעט דאָס קריסטלעכע מיידעלע, טאָ ווי־זשע קומט עס, וואָס דער כלומרשטער מאָרד־אַקט זאָל האָבן פאָרגעקומען, לויט וועלכע דערקלערונג, נאָכן סדר? דעמאָלט זיינען דאָך די מצות שוין פון לאַנג געבאַקן! אויך בנוגע די דערקלערונג פון דעם דאָקטער, אַז ער האָט כלומרשט געפונען סימנים אַרום די אויגן (פון טויטן מיידעלע. (מ. ע.), האָט אָפּענשטיין געהאַט וואָס אויסצוזעצן. דער דאָקטאָר — האָט ער געטענהט — האָט פשוט מורא געהאַט פאַר זיין פויערישער קליענטעלע. וואָלט ער אָפּגעוואָרפן די באַ־שולדיקונג פון די פויערים, וואָלט אים געדראָט מיט אַ באָיקאָט מצד די פויערים; אַזוי, לכל־הפחות, איז זיין מיינונג. אָפּענשטיין האָט אויך דערקלערט, אַז די גאַנצע נאַכט פון דעם ערשטן סדר, איז יעדער איינער געוועזן אין זיין היים און עס קען לחלוטין נישט זיין קיין רייד פון צוזאַמענקומען זיך ביי אים אין הויז.

„אין מיטן פון דער אויספאָרשונג, איז דער שוין גוט־באַקאַנטער לובלינער מגיד, דערשינען אין כענטשין, כדי צו זיין נאָענט צו די מעזריטשער יידן. די אויספאָרשער האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט חשד און אויף זייער באַפעל,

האָט מען אויך דעם מגיד פאַרשפּאַרט אין דער כּענטשינ'ער פעסטונג און געהאַלטן צוזאַמען מיט די מעזריטשער. פון דעמאָלט אָן, האָט זיך דער מגיד באַטייליקט אין דער אויספאָרשונג און פאַרבראַכט מיט די מעזריטשער יידן די גאַנצע צייט *).

„ווידער אַמאָל האָט מען געשריבן לאַנגע פּראָטאָקאָלן און זיי אָפּגעשיקט קיין וואַרשע. אינצווישנצייט האָט די מעזריטשער קהילה אונטערגענומען שריט לטובת די אַרעסטירטע. צוויי שליחים זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו מאָביליזירן הילף; איינער פון זיי, ישראל לייב לינדער, איז געפאָרן קיין אויסלאַנד, דאַרונטער קיין לאָנדאָן, און ער האָט זיך אויך דערשלאָגן צום פראַנקפורטער ראָטשילד. מ'האָט דערנאָך געזאָגט, אַז ראָטשילד האָט געשריבן אַ בריוו צום צאַר, אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וועגן דעם דאָזיקן ענין און אויף זיין ביטע האָט מען די יידן באַפרייט.

*) אין ספר „כתר כהונה", דף קכ"ד (אָדעס תרכ"ז), ווערט דערציילט פאָלגענדעס וועגן דעם מגיד ר' דובעריש היילפּערין שווערדשאַרף — אונדזער גוט־באַקאַנטער מגיד, וואָס האָט אַזוי פיל זיך אָפּגעגעבן מיט די מעזריטשער יידן, וועלכע זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין דער כּענטשינער פעסטונג (אגב, דער „כתר כהונה" ברענגט, אַז אויסער מגיד, איז ער אויך געווען ראב"ד פון לובלין):

„כדי צו וויסן דעם כאַראַקטער פון דעם מגיד, מוזן מיר דערמאָנען בלויז אַ טייל פון זיינע פירעכצן: ער האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין געשאַנק פון קיינעם. ער האָט אויך נישט גענומען קיין פסק־געלט אָדער רח"ש (די ראשי־תיבות פון רח"ש מאכן: רבי, חזן, שמש; דאָס הייסט די געלטער צו וועלכע דער רב, דער חזן אָדער שמש זיינען בארעכטיקט, ווי התונה־געלט וכדומה — פלעגט ער אויך נישט נעמען) און ער פלעגט זיך צופרידנשטעלן מיט די 8 זלאָטיס, וואָס קהל האָט אים געצאָלט; ער פלעגט האַנדלען מיט אַלטע מעבל און ווען ער פלעגט אויפקויפן אַ שטיק מעבל, פלעגט ער עס אַליין טראָגן אויף זיינע אַקסלען אַהיים; די טרעגער פלעגן אומזיסט זיך בעטן ביי אים, ער זאָל זיי געבן דאָס שטיק מעבל צו טראָגן אַהיים; ער האָט נישט געוואָלט אַז עמעצער זאָל אים באַדינען אָן שכר־טירחה; ער האָט געלעבט זייער אָרעם און ער פלעגט טראָגן אַ שוואַרצע דיקע קאַפּאָטע געמאַכט פון פלאַקס; ווען ער האָט געהאַלטן אַ דרשה, פלעגט ער אַליין אויסרופן אין די גאַסן און בעטן מען זאָל אים קומען הערן.

„איינמאָל האָבן די קאַטאָליקן אויסגעטראַכט אַ בלוט־בילבול אויף די יידן פון שעלישטש און מען האָט זיי אונגעזעצט אין דער זאַמאָשטשער פעסטונג; ווען דער לובלינער מגיד האָט געזען, אַז קיינער קימערט זיך נישט וועגן דעם, איז ער אוועק צום ריכטער פון זאַמאָשטש און דערקלערט, אַז ער איז אויך איינער פון די שולדיקע און מען האָט אים אויך איינגעזעצט אין תּפיסה און ער האָט נישט געוואָלט אַרויס פון דער תּפיסה אַ גאַנץ יאָר, ביז די חשובים פון לובלין האָבן זיך באַמיט, צו באַווייזן די אומשולד פון די באַשולדיקטע און ער איז צוזאַמען מיט זיי אַרויס פון דער תּפיסה."

עס איז נישט איבעריק צוצוגעבן, אַז דעם מחבר איז, ווייזט אויס, נישט געווען געניי באַהאַוונט אין די פאַקטן; נישט די מעשה האָט פּאַסירט אין שעדלעץ (שעלישטש), נאָר אין מעזריטש; נישט די אַרעסטירטע יידן זיינען געזעסן אין זאַמאָשטש, נאָר אין כּענטשין.

ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו ברענגען זיינע פאַקטן, וועגן דער מערקווערדיקער פּערזענלעכקייט פון דעם לובלינער מגיד.

„אין א צייט אַרום, איז קיין מעזריטש אַראָפּגעקומען אַ נייע קאָמיסיע; זי האָט זיך באַמיט אויפן אָרט אויסצופאָרשן דעם ענין און קאָנטראָלירן וועלוולס עדות. אויפן באַפעל פון אָט דער קאָמיסיע, האָט מען פאַרמאַכט די לאָדנס און מען האָט אָנגעצינדן ליכט אין אַפּענשטיינס הויז און די צאָל מענטשן, וועלכע האָבן — לויט וועלוולס עדות־זאָגן — דעמאָלט געוועזן ביי אַפּענשטיינען, האָט מען אויסגעשטעלט אויף די זעלבע פּלעצער, ווו די באַשולדיקטע זיינען כלומרשט געשטאַנען. די אויספאָרשער האָבן, נאָכדעם זיך געשטעלט הינטער דעם פאַר־לאָדנטן פענצטער, ווי וועלוול האָט עס געזאָלט טאָן אין יענער פסח־נאַכט, און האָבן געפּרוווט אריינקוקן: אָבער, זיי האָבן אבסאָלוט גאָרנישט געקענט זען. אָט די פּראַקטישע דערפאַרונג, האָט מיט איינמאָל צונישט געמאַכט וועלוולס עדות־דערקלערונג. דער גאַנצער בנין פון דער באַשולדיקונג, איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל.

„נאָך 20 חדשים פון שמאַכטן אין תפיסה, האָט מען די מעזריטשער יידן, ענדלעך באַפרייט און ריינגעוואַשן פון יעדער שולד.

„סוף גנב לתליה. סוף־כל־סוף האָבן וועלוול מיט זיין שייקע טייער באַצאָלט פאַר זייערע שיינע מעשים. אין אַ קורצער צייט אַרום, זיינען זיי געכאַפּט גע־וואָרן, פאַר מאַכן אַן איבערפאַל אויף אַ פּויער. זייער שולד איז באַוויזן געוואָרן און מען האָט זיי פאַרמשפּט אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט, אין דער זאַמאָשטשער פעסטונג. דאָרט האָבן זיי געאַרבעט אין אַ מינע און אין יאָר תקפ״ה, איז געשען מיט זיי אַן אומגליק; זיי זיינען לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן געוואָרן און זיי זיינען אומגעקומען. ווען די בשורה פון זייער טויט איז אָנגעקומען קיין מעזריטש, איז דער טאָג געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שמחה״.

און שפּירא פאַרענדיקט די פּאַטעטישע געשיכטע און דערציילט אונדז:

„אין דעם טאָג האָבן אַלע חדר־יינגלעך זיך פאַרזאַמלט אין שול און כלי־זמרים האָבן געשפּילט פאַר זיי און זיי האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען פאַר גרויס שמחה; פון די דאָזיקע קינדער זיינען נאָך איניקע ביים לעבן און געדענקען זייער גוט די גרויסע שמחה. ווי ס׳עס שטייט אין פּסוק: באבוד רשעים רנה — כן יאבדו כל צוררינו בארץ״.

שפּירא האָט די באַשרייבונג געענדיקט — יום ו׳, ה׳ תשרי תרנ״ד.

צווישן פּרץ אַפּענשטיינס כתבים האָט מען געפינען פאָלגנדע פאַרצייכעניש, וועלכע מיר גיבן דאָ איבער אין דער יידישער איבערזעצונג:

„אין שמחת־תורה אין דעם יאָר תקע״ו (1815, מ. ע.) זיינען מיר, מעזרי־טשער, אַרעסטירט געוואָרן דורך דעם סענדזשי (ריכטער) בולעווסקי פון לובלין. אין דער שפּיץ, מיך פּרץ און מיין ווייב רחל זאָל לעבן, צוליב אַ בלבול וואָס וועלוול ימח שמו האָט געמאַכט, אַז יידן באַנוצן זיך מיט קריסטלעך בלוט פאַר פּסח. דער מסור ימח שמו האָט געזאָגט, אַז אין מיין הויז איז געשאָכטן געוואָרן

א קריסטלעך מיידעלע פון דעם דאָרף סאָלטעץ. זעקס חדשים זיינען מיר געזעסן דאָ־הי, אין מעזריטש און 21 חדשים אין דעם קרימינאַל פון כענטשין (די צייט שליסט איין, הפּנים, די צייט וואָס האָט געדויערט ביז זיי זיינען אָנגעקומען מיט דעם עטאַפּ קיין כענטשין, מ. ע.). און דער אויבערשטער אין זיינע גרויסע רחמים האָט אַרויסגעצויגן אונדזער משפּט אויף דער ליכט און מיר זיינען באַפרייט גע־וואָרן. דער מסור ימח־שמו איז געשטאָרבן אין זאַמאָשטשער פעסטונג, ער און זיין מפּשחה צוליב די זינד פון גניבות און גזילות".

די ארעסטירטע אין מעזריטש	די ארעסטירטע אין כענטשין
איך נפתלי פּרץ (און מיין ווייב);	איך נפתלי פּרץ און מיין ווייב רחל;
ר' זעליג;	ר' זעליג בר' צבי;
ר' י. וואַקערמאַן (אָדער בעקערמאַן);	ר' זושא און זיין ווייב פערקע;
ד' יוסקע משרת;	זיין ברודער בנימין און ווייב מיט
ר' גרשון פּטאַשניק;	זייער דינסט.
ר' זושא און זיין ווייב פערקע;	
ר' בנימין — זיין ברודער — און זיין ווייב און זייער דינסט.	

ווי געזאָגט, זיינען אינצווישנצייט געשטאָרבן ר' ישראל בעקערמאַן, ר' גרשון פּטאַשניק און ר' יאָסקע משרת.

פון זעלבן פּרץ אָפּענשטיין איז פאַרבליבן נאָך אַ פאַרצייכעניש מיט אַ גע־ענדערטן נוסח:

„צום אָנדענק פון דעם עלילת־דם, וואָס וועלוול ימח־שמו האָט געמאַכט אין יאָר תקע"ו דאָ־הי אין מעזריטש אויף מיר און מיין ווייב פּעסע (אפשר האָט זי געהאַט צוויי נעמען, מ. ע.) און אויף נאָך מענטשן פון אונדזער שטאָט און מיר זיינען געזעסן ביז ערב פּסח. נאָך עטלעכע יאָר זיינען מיר ווידעראַמאָל געזעסן אין כענטשינער קרימינאַל 8 חדשים (מעגלעך, אַז דער עטאַפּ און דאָס זיצן אין לובלין, ביז מען האָט זיי געבראַכט קיין כענטשין האָט געדויערט גאַנצע דריי חדשים, מ. ע.) און גאָט אין זיין רחמנות האָט ליכטיק געמאַכט די אויגן פון קייסער ירום הודו און די אויגן פון די ריכטער צו זען, אַז יידן נוצן נישט קיין קריסטלעך בלוט אויף פּסח, ווי עס איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן אין תורת משה: „איר זאָלט נישט עסן קיין בלוט, יעטוועדעס בלוט זאָלט איר נישט עסן".

עד כאן דערציילט שפּירא די טרויעריקע געשיכטע פון דעם עלילת־דם. ער דערציילט אויך, אַז מען האָט אויך אַרעסטירט די יידישע דינסט פון ר' זעליג באָרנשטיין. זי איז שטאַרק געפּייניקט געוואָרן און איז געשטאָרבן פון די עינויים אין שבת חנוכה תקפ"א. די אַרעסטירטע, וועלכע זיינען געווען פאַרמעגלעכע יידן, לרוב, ווי ר' פּרץ וועלכער האָט געשיקט האָלץ קיין דאַנציג, ר' זעליג באָרנשטיין

און ר׳ זישע, וועלכע האָבן געהאַט אכסניות און שענקן — זיינען געשטיצט גע־וואָרן סיי פון שטאָט און סיי פון די געלטער, וואָס די צוויי שליחים האָבן גע־בראַכט צו פירן. אגב, ר׳ ישראל לינדער, וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין אויס־לאַנד און אָנגעשפּאַרט ביים פראַנקפורטער ראָטשילד איז אויך געווען אין די זעלבע אינטערעסן אין לאָנדאָן. אין דעם פּנקס פון מעזריטש, איז דערמאָנט גע־וואָרן דער עלילת־דם: אומדירעקט. עס ווערט בלויז דערמאָנט: „200 גילדן עבור אכילת השבויים בק״ק לובלין — אויף עסן פאַר די געפאַנגענע אין לובלין״.

פּראָפעסאָר דובנאָוו באַמערקט, אַז דער דעמאָלטדיקער קורס פון דער רוסי־שער רעגירונג, האָט זיך געשטיצט אויף מיניסטער גאַליצינס שטאַנדפּונקט, אַז יידן באַנוצן זיך נישט מיט קיין בלוט פאַר פּסח. דעריבער מוז יעדער בלוט־בלבול באַטראַכט ווערן ווי אַ געוויינטלעכע מאָרד־קלאַגע און בלויז אַלס אַזעלכע גע־משפּט ווערן. פּוילן איז אָבער געווען אויטאָנאָם אין אירע אינערלעכע ענינים און גאַליצינס אוקאַז, איז לכתחילה נישט חל־געווען אויף פּוילן, ווו די אַנטיסעמיטן האָבן פריי געשאַלטעוועט. אָבער, אונטער דעם דרוק פון דעם רוסישן נאַמיעסט־ניק אין וואַרשע, וועלכע האָט געפירט אַן אַנטי־פּוילישע פּאָליטיק, האָט מען דעם אוקאַז אויך אויסגעברייטערט אויף פּוילן. אַ דאַנק דעם, האָט מען ענדלעך גע־מאַכט אַ סוף צו די בלוט־בלבולים, וואָס האָבן זיך אַ גאַס־געטאָן ווי אַ כוואַליע איבער די פּוילישע שטעט — ווי מעזריטש, וולאָדאַווע און גראָדנע.

מעזריטש אונטער דער רוסישער הערשאפט

אין 1789 האָט זיך פאַרענדיקט אַ רייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום. די אויטאָנאָמיע פון דעם יידישן ישוב אין דעם אַמאָליקן פוילן, ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, איז מיט דעם דאַטום בטל־געוואָרן. ס'איז בלויז פאַרבליבן די רעדוצירטע אויטאָנאָמיע פון יעדער קהילה באַזונדער. אָבער, אפילו די באַגרענעצטע אויטאָנאָמיע, האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. דער סוף פון דער פוילישער מלוכה, איז שוין געווען אָנגעחתמעט. אין 1794, איז פוילן צעטיילט געוואָרן צום דריטן מאָל. אירע שכנים — רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן, האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער לעצטער ירושה פון דער אַמאָליקער גרויסער פוילישער מלוכה.

צוזאַמען מיט דעם אונטערגאַנג פון פוילנס זעלבסטשטענדיקייט, איז אויך געקומען אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם יידישן לעבן. דער גרעסטער טייל פון פוילישן יידנטום, איז אַריבער צו די דריי אָקופּאַנטישע מאַכטן, געוואָרן אונטער־געוואָרפן די געזעצן פון יענע לענדער און אַראָפּגענידערט צום סטאַטוס פון יענע יידן. פון דער גרויסער פוילישער מלוכה, איז בלויז געבליבן אַ קליינער טייל, וועלכער האָט כלומרשט גענאָסן פון מלוכהשער אויטאָנאָמיע אין זיין אינערלע־כער סטרוקטור, אָבער די אמתע בעלי־בתים זיינען געווען די פרעמדע מאַכטן. צומערשט איז דאָס דאָזיקע פוילן, אַלס „ווארשעווער פירשטנטום", געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דייטשלאַנד; נאָכדעם, ווען נאַפּאָלעאָן האָט באַהערשט אייראָפּע, איז פוילן טעריטאָריעל געוואָרן שטאַרק פאַרגרעסערט מיט דעם צוגאָב פוןי באַדייטנדיקע געגנטן פון גאַליציע, גרויס־פוילן א. אַ. און איז געשטעלט געוואָרן אונטער נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט און פּראָטעקציע. נאָך זיין מפּלה, האָט דער ווינער קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1815, באַשטימט, אַז פוילן זאָל ציריק געניסן פון מלוכהשער אויטאָנאָמיע און טראָגן דעם נאָמען פון אַ פויליש קעניגרייך; אָבער, איר מלך זאָל זיין דער רוסישער צאַר, אַלעקסאַנדער, דער ערש־טער (און פאַרשטייט זיך: און זיינע נאָכפאָלגער) און רוסלאַנד זאָל זיין איר באַ־שיצערן.

די יידן־פראַגע אין פוילן, וואָס איז פאַרשאַרפט געוואָרן זינט עס איז בטל־געוואָרן דער ועד ארבע ארצות, איז אין דער איבערגאַנגס־צייט געוואָרן נאָכמער

פאַרשפּיצט. דאָס פּוילישע פאָלק איז געווען דורכגעפּרעסן מיט אַנטיסעמיטיזם און זיינע פירער האָבן אין דער דאָזיקער שווערער צייט פאַר פּוילן, גאָרנישט גע־לערנט. אָנשטאָט צו דערנענטערן די יידן און צוזאַמען מיט זיי שמידן די צו־קונפט פון פּוילן, האָבן די פאָלאַקן געזוכט תחבילות און גזירות ווי אַזוי נאָכמער זיי אונטערצודריקן.

אַפילו די ליבעראַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן אין משך פון די אַלע יאָרן פון דעם קריזיס, זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן דעם יאָך פון די יידן, צו לינדערן זייער נויט דורך רעפאָרמען — און דאָס האָט זיי זיך נישט איינגעגעבן צוליב דער אַנטי־יידישער שטעלונג פון דער מערהייט פון דעם אַדלשטאַנד און די פירער פון דעם פּוילישן פאָלק — האָבן אויך נישט תופס געווען די אייגנטלעכע פּראָבלע־מאַטיק פון דעם יידישן פאָלק. זיי האָבן געזען זייער לייזונג דורך אַסימילירן די יידישע מאַסן. באַפרייען זיי פון זייער ספּעציפישער לאַגע, מיטן באַפרייען זיי פון זייער יידישקייט.

אין יענער צייט, זיינען אַנטשטאַנען די צוויי קעגנגעזעצטע באַוועגונגען אין יידנטום: די השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט צו פאַרוועלטלעכן דאָס יידנ־טום (די באַוועגונג איז אויך נישט געווען „מעור אחד”, קיין איינהייטלעכע. אין דייטשלאַנד האָט זי געהאַט בפירושע טענדענצן צו אַסימילאַציע און האָט אַלס קאָנסעקווענץ געפירט צו שמד און צו זעלבסט־פאַרניכטונג. בעת אין גאַליציע האָט די השכלה־באַוועגונג אונטער דער פירונג פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, ר׳ שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר) א. א. געפירט צונ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און יידישן רענעסאַנס); און די צווייטע באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער זעלבער צייט און האָט זיך ווי אַ לאַווע אַ צעגאָס־געטון איבער דער יידישער גאַס — די חסידישע באַוועגונג, אויסגעפורעמט און געשאַפן פון ר׳ ישראל בעל שם טוב.

ביידע באַוועגונגען, האָבן געפונען אין פּוילן זייערע אָנהענגער. די השכלה־איינפלוס האָט זיך צומערסטן געמערקט צווישן די רייכע שיכטן. די מערהייט פון אָט די יידן האָבן געשטרעבט אַדורכצוזעצן אין פּוילן דעם זעלבן געזעץ, וואָס איז געווען דאַן איינגעפירט אין פראַנקרייך, וועלכער האָט געזאָלט אָנערקענען נאָך 10 יאָר, די יידן בירגער־רעכט, בתנאי, אויב זיי וועלן מיט דער צייט קענען באַווייזן זייער פאַרוועלטלעכונג. כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט מען, לאָגישערווייזע, געדאַרפט דערגיין צו „עמאַנציפּירן” די יידן פון זייער יידישקייט. אין די זעלבע השכלה־קרייזן, האָט מען די דייטשע השכלה־באַוועגונג געשטעלט אַלס ביישפּיל, אירע אידעאַלן זיינען געוואָרן זייערע אידעאַלן. עס זיי־נען אויך געווען מעסיקע משכילים, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענטער צו דער גאַליציאַנער השכלה־שולע.

אָט די רייכע יידן, גרויסע פאָדריאַטשיקעס, באַנקירן און סוחרים — האָבן מיט אַלע כוחות געאַרבעט פאַר עמאַנציפּאַציע — מעג עס אפילו זיין אויפן חשבון פון יידישקייט און יידישע אידעאַלן. זיי האָבן אין דער ערשטער ריי געהאַט

אין זינען זיך זעלבסט, זייענדיק אויסן זייער אייגענע עמאַנציפּאַציע. אַט די יידן האָבן נישט גערוט און זיך משתדל געווען ביי די פּוילישע מאַכטהאָבער, אויף איינצופירן אויך אין פּוילן די עמאַנציפּאַציע לויטן פראַנצויזישן מאָדעל, וואָס איז געווען באַזירט אויף וועלטלעכע בילדונג און אַסימילאַציע.

אָט די משכילים, האָבן נישט געקוקט מיט קיין איבעריקער סימפּאַטיע אויף דער עקזיסטירנדיקער אויטאָנאָמיע פון די קהילות, וואָס האָט געגעבן די אָרטאָדאָקסישע פירער די לעגאַלע באַזע אויסצואיבן אַן איינפלוס אויפן רעליגיעזן לעבן פון דער קהילה און דורך איר אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט, קאָנטראָלירן די יחידים. ממשותדיק, איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין איינמאָנען דעם שטייער פון כשר פליייש און אַנדערע אַטריבוטן, וואָס די קהילה האָט געהאַט לגבי אירע מיטגלידער.

די אַסימילאַציע־שטרעבנדיקע יידן, האָבן אַפילו אין דער רעדוצירטער אויטאָנאָמיע געזען אַ שטער פאַר דער דערגרייכונג פון זייערע צילן און זיי האָבן אונטערגענומען אַ קאַמף פאַר דער אויפלייזונג פון די קהילות, בהסכם מיט זייערע אידייען. אַנשטאָט צו קעמפן פאַר דער אויסברייטערונג פון דער אויטאָנאָמיע, וואָס וואָלט געווען אין גייסט פון נאַציאָנאַלער אַספּיראַציע, האָבן זיי זיך באַמיט, אויפצולייזן אַלץ וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן פון דער יידישער אויטאָנאָמער סטרוקטור. אין קאָנקרעט: זייער קאַמף איז נישט געפירט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער ריכטונג, וואָס מיינט די דערגרייכונג פון אַ מער עפעקטיווע אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל באַגינסטיקן די רעכטן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. זיי האָבן גאָר געשטרעבט אויפצולייזן אַלץ וואָס ס'איז אָרגאַניש אין יידישן לעבן און בלויז איבערלאָזן אַ מעגלעכקייט פאַר די רעליגיעזע יידן אָנצוהאַלטן זייערע טראַדיציאָנעלע פאָרמען און נישט מער.

דער קאַמף פון די משכילים אין דער ריכטונג, איז געוואָרן נאָך פאַרביסענער, זעענדיק דעם גרויסן אימפּעט, וואָס ס'האָט אָנגענומען די חסידישע באַוועגונג אין פּוילן. כאָטש דער חסידיזם האָט דערגרייכט קיין פּוילן כמעט פון סאַמע בראשית פון זיין אַנטשטיין, האָט ער דאָרט נישט אָנגענומען דעם ברייטן פאַרנעם, ווי ער האָט דאָס באַוויזן אין אוקראַינע, רייסן און גאַליציע. אין יענע געביטן האָט די חסידישע באַוועגונג פון תחילת־אָן באַקומען גרויסע מאַסן אָנהענגער; בעת אין פּוילן, איז די חסידישע באַוועגונג אָנפאַנג פון געווען אַ יחידישע. ערשט אויפן שוועל פון 19טן יאָרהונדערט האָט די באַוועגונג זיך גענומען אויסברייטערן אויך אין פּוילן און זי האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע מאַסן מיט אַ גוואַלטיקער סטיכיע. די משכילים פוןביידע לאַגערן, האָבן דעריבער דאַן זיך אַרומגעקוקט, אַז דער חסידיזם איז די גרעסטע שטערונג פאַר דער דורכזעצונג פון זייערע אידעאַלן.

און נישט בלויז די משכילים, אויך די מתנגדים, אָנגעפירט פון זייערע רבנים און חשובע בעלי־בתים, האָבן מורא־באַקומען פאַר דער חסידישער באַוועגונג. די רדיפות און חרמות קעגן די חסידים, האָבן ווייניק געהאָלפן אין זיי האָבן דעריבער

געזוכט מער ווירקזאַמערע מיטלען; האָבן זיי געשלאָסן יד־אחת מיט די וואַרשע־ווער און אַנדערע משכּילים. אוודאי זיינען די שותּפים אין גרונט־געמען נישט געווען איידיק, ווייל יעדער צד האָט געשטרעבט צו דערגרייכן עפּעס אַנדערש. בעת די פרומע מתנגדים זענען אויסן געווען אויפצוהאַלטן דאָס יידישקייט, ווי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען, האָבן די משכּילים פון זייער זייט, נאָר געוואָלט אײנגאַנצן רעפאָרמירן דעם יידישן לעבנס־שטייגער. נאָר די בשותּפותדיקע שנאה צום חסי־דיזם, האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט אונטער איין דאַך.

ווען די פּוילישע אויטאָנאָמע רעגירונג אין וואַרשע, האָט באַשטימט, אין 1825, אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר יידישע ענינים, מיטן צוועק צו באַטראַכטן די מיטלען ווי אַזוי צו „ציוויליזירן" די יידן און באַשטימט אַ ספּעצעלע באַראַטונגס־קאַמער "Izba Doradcza" (ניט מיט שטים־רעכט) פון יידן אַליין, וועלכע זאָלן צוגרייטן און דיסקוטירן פאַרשידענע פּראָיעקטן וועגן דעם ענין — זיינען אויך אייניקע אָנפירער פון די מתנגדים צוגעשטאַנען צום קאָמיטעט.

די מיטגלידער פון יענער באַראַטונגס־קאַמער, זענען באַשטאַנען פון מיכאל עטינגער, איזאַק (יצחק) יאָנאַש, שלמה פּויזנער (אַ גרויסער למדן, אַ מעסיקער משכּיל און אַ גרויס־אינדוסטריאַל); אַלס פאַרטרעטער זיינען באַשטימט געוואָרן: ר' שלמה אייגער — דעמאָלט וואַרשעווער בעל־הבית און שפּעטער ממלא־מקום פון זיין באַרימטן פאָטער ר' עקיבא אייגער; ר' חיים האַלבערשטאַט און אברהם שטערן (אַ באַרימטער מאַטעמאַטיקער, למדן און מעסיקער משכּיל; ער איז געווען דער שווער פון ח. סלאָנימסקי; דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער „הצפי־רה"). ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעקערט פון די „ציוויליזאַטאָרן", ווען ער האָט דערזען זייער אמתן פּרצוף און זייערע ענד־צילן און נישט געוואָלט ווערן דירעק־טאָר פון דעם ערשטן רבנים־סעמינאַר אין פּוילן, וועלכער איז אין דער ווירקלעכ־קייט נישט געווען בעסער ווי אַ מין שמד־סעמינאַר); אַלס פאַרבינדונגס־מענטשן פון דער פּראָווינץ מיט דער קאָמיסיע, זיינען באַשטימט געוואָרן: אברהם בלומענ־טאַל פון דזשיאַלאָשיץ; אַ. מייזל, אַ גוט־באַזיצער אין דער קראָקעווער וואָיעוודס־טווע; יעקב מינץ פון אָסטראָווע (נישט קלאָר וועלכע אָסטראָווע — צי ס'מיינט אָסטראָווע־מאַזאָוויעצק אָדער אָסטראָווע־לובעלסק); הרב שלמה אשכּנזי, באַרימ־טער לובלינער רב און רודף פון חסידיזם; חיים ראָזען פון מעזריטש — (אונדזער מעזריטש) און אַנדערע (52).

נישט דער רעגירונגס־קאָמיטעט און נישט דער באַראַטונגס־קאַמער האָבן אַ סך אויפגעטאָן לטובת די יידן. די פּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָלט אַז די יידן זאָלן זיך ציוויליזירן (לייען: אַסימילירן) האָבן אויך ווייניק וואָס געקענט העלפן דערצו. עמאַנציפּאַציע, איז אַפילו די פאָרגעשריטענע און אַסימילירטע יידן נישט געגעבן געוואָרן. זיי האָבן בלויז געפּועלט איין זאַך, נעמלעך, אַז אויך דאָס אײ־בערבלייבעניש פון דער אַמאָליקער יידישער אויטאָנאָמיע זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. די יידישע קהילות האָבן פאַרלוירן זייער ביז איצטיקע אויטאָנאָמיע.

די געשעענישן אין פוילן, די פּאָליטישע אויסוויקלונג אין יענער צייט, זיינען געווען אַזעלכע, אַז אַפילו די אַזוי־גערופענע פּוילישע אויטאָנאָמיע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן; און כאָטש דער צאַר האָט זיך טיטולירט קעניג פון פוילן, איז דאָס לאַנד פאַר אַלע פּראַקטישע ענינים געווען נישט מער ווי אַ רוסישע פּראָווינץ און איז רעגירט געוואָרן אַלס אַזעלכע.

מיר באַציען זיך דאָ צו דעם פּעריאָד פון נאָך דעם ערשטן אויפשטאַנד פון יאָר 1830. די רוסישע מאַכט האָט אַפילו שוין נישט גערעדט וועגן איר ראָל אַלס באַשיצערן פון דעם זעלבסטשטענדיקן פוילישן קעניגרייך, וועלכע האָט דעם רוסישן צאַר אַלס פּוילישן קעניג. די פּוילישע יידן זיינען געוואָרן אַ דירעקטער טייל פון דער רוסישער אימפּעריע און געניאָסן פון די זעלבע „רעכט" וואָס די רעשט יידן אין רוסלאַנד. דער איינציקער אונטערשיד צווישן די יידן פון דעם כלומרשטן פּוילישן קעניגרייך, וואָס איז באַשטאַנען פון 10 גובערניעס און דעם רוסישן יידנטום, איז געווען אין דעם: בעת אין דער רעשט רוסלאַנד האָט עקזיסטירט די קאָראָבקע, אַ שטייער אויף שחיטה, ליכט א. ד. גל., פון וועלכן קהל האָט זיך אויסגעהאַלטן, איז אין די צען גובערניעס אָנגעגאַנגען דער אַזוי־גערופענער „עטאַט" — מלוכה־שטייער. די קהילה, האָט דורך אירע דאָזאָרעס אַרויפגעלייגט אַ שטייער אויף אירע יידן און די מלוכה האָט אים אויפגעמאָנט דורך די מאַגיסטראַטן. פון דעם שטייער, האָט מען געצאָלט די רבנים און מען האָט אויסגעהאַלטן די קהילה. נאַטירלעך, האָט דאָס נישט געסטייעט צו דעקן אַלע קהילה־הצטרכותן. האָבן די דאָזאָרעס אויך גענומען געלט פון די שולן, בתי־מדרשים און אַנדערע אָפּיציעלע יידישע אינסטיטוציעס און אַ טייל פון שחיטה־געלט. דער איבל פון דער קאָראָבקע איז אין די 10 פּוילישע גובערניעס, אַ דאַנק דעם, אויסגעמיטן געוואָרן.

די קהילה־רעפּרעזענטאַנץ איז געווען באַגרענעצט צו דריי דאָזאָרעס, דער רב און זיין געהילף. אין ספּעציעל גרויסע קהילות האָט מען דערלויבט אַ גרעסערע צאָל דאָזאָרעס און מער געהילפס־רבנים. די קהילה איז מער נישט געווען די העכערע אינסטיטוציע, וועלכע האָט פאַרוואַלטעט מיט אירע יידן און דער בעל־הבית איבער אַלע קהלשע אינסטיטוציעס. די קהילה האָט אין דער ווירקלעכקייט מער נישט געהאַט קיין ראַלע מאַכט. אויך די צאָל פון די וויילער צו דער קהילה איז געוואָרן אַ באַגרענעצטע. בלויז די עטאַט־צאָלערס האָבן געהאַט שטים־רעכט. די וואָלן זיינען נישט געווען קיין געהיימע און זיי זיינען פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון אַ רעגירונגס־פאָרשטייער.

דער זעלבער מצב האָט געהערשט אין מעזריטש, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן פון איר אַמאָליקער שייכות צו דער פּאָדליאַשער גובערניע, וועלכע האָט אייפגעהערט צו עקזיסטירן. מעזריטש איז פריער געווען אַ טייל פון דער שעדלעצער גובערניע און ווען די שעדלעצער גובערניע איז צעטיילט געוואָרן צווישן

אנדערע גובערניעס, איז מעזריטש געוואָרן אַ טייל פון דער לובלינער גובערניע, וועלכע איז געווען איינע פון די 10 פּוילישע גובערניעס.

אין אַלע אַנדערע פּרטים, האָבן די פּוילישע יידן, אַזוי גוט ווי די רוסישע, געשמאַכטעט אונטער דעם זעלבן סיסטעם פון רעכטלאָזיקייט און ווילקיר. די פּוילישע יידן, וועלכע זיינען געוואָרן „גלייכבארעכטיקט" מיט זייערע רוסישע ברידער, האָבן דאָך עפּעס געגאָסן פון זייער נייעם מצב; די פּוילישע יידן זיינען איצט געווען פריי צו לערנען כלערליי פאַכן און ציען פרנסה פון זיי; ווייל דער צעכן־סיסטעם איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און די פּוילישע צעכן האָבן מער נישט געהאַט די דעה אויף צו קענען שיקאַנירן די פּוילישע יידן; עס איז די יידן דערלויבט געוואָרן צו וווינען אין גאַנץ פּוילן, וואָס איז פאַר זיי געווען באַגרענעצט אַפילו אין דער צייט ווען פּוילן האָט בלויז געהאַט אינערלעכע אויטאָנאָמיע; דעמאָלט איז אויך אין וואַרשע געווען אַ יידישע געטאָ, ווייל מען האָט די יידן נישט דערלויבט צו וווינען אין גאַנץ וואַרשע. די פּוילישע יידן האָבן פון איצט אָן געמעגט עפענען פאַבריקן און האַנדלען אין גאַנץ רוסלאַנד. פאַר דעם פאַראָרעמטן און חרוב־געוואָרענעם פּוילישן יידנטום, איז דאָס געווען ממש אַ ישועה. גלייכצייטיק דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די רוסישע רעגירונג האָט נישט דערלאָזט צו די אַלע גזירות, וואָס די פּוילישע אויטאָנאָמע רעגירונג האָט איינגעפירט, אָדער געוואָלט איינפירן, קעגן די פּוילישע דאָרפס־יידן א. אַ. וו.

מקורים פון פרנסה פון די מעזריטשער יידן

פון די גאָר אַלטע צייטן, איז מעזריטש געווען אַ צענטער פון האַנדל און אינדוסטריע. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין דעם קאַפּיטל „מעזריטשער פּנקסים", האָבן דאָרט עקזיסטירט פאַרשידנערליי וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך; אָבער, פון די אינדוסטריעס וואָס ווערן שוין דעמאָלט דערמאָנט, זיינען בלויז צוויי פון זיי אויסגעוואַקסן צו אַ באַדייטנדיקער מדרגה. דאָס זיינען געווען די אינדוסטריעס וואָס האָבן צו טאָן מיט גאַרבעריי און פעלצן פון שעפּסענע פעלן. די אַנדערע אינדוסטריעס און מלאכות — ווי שניידעריי, שוסטעריי, שמוקלאַרסטווע, דרעקס־לעריי, איינבינדעריי, זאָקן־פאַבריקאַציע, ציצית־שפּינעריי, זייפן־זידעריי, ליכט־ציעריי, גלעזעריי, בעקעריי און קעמל-פאַבריקאַציע — זיינען געווען פאַר לאָקאַלע באַדערפעניש און פאַר די באַדערפענישן פון די סביבות. אַן אויסנאַם פון זיי, איז געווען די האַמאַרניע (קאָטלעריי)־אינדוסטריע. ווי עס שיינט, איז די מעזריטשער אינדוסטריע פון קופּערנע קעסלען און כלים, געווען גוט באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן און איז נישט געווען בלויז פאַרן לאָקאַלן געברויך. אַז דאָס איז אַזוי, זעען מיר פון פאַרשידענע מקורים, יידישע און נישט־יידישע (זע אויך דעם אינצידענט מיט דער יידישער האַמאַרניע בעת דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד). די וויכטיקסטע אינדוסטריע וואָס האָט מעזריטש באַקאַנט געמאַכט אין דער גרויסער וועלט, איז געווען די בערשטער־אינדוסטריע; אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, איז מעזריטש אין די אַלטע צייטן געווען באַ־קאַנט אַלס אַ האַנדלס־צענטער פאַר דער גאַנצער סביבה און אַפילו פאַר ווייטערע מקומות. די מעזריטשער ירידים פלעגן צוציען סוחרים פון גאָר ווייט. (זע אונדזער קאַפּיטל וועגן די מעזריטשער ירידים). אגב, אַן אָפּטער גאַסט אויף דעם ניקאָליי־יריד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַכט טעג צייט, פלעגט זיין דער באַרימטער גאון ר' אהרן בר' מאיר פון בריסק (נפטר געוואָרן 1777), מחבר פון דעם לומדישן ספר אויף עטלעכע מסכתות: „מנחת אהרן" (נאָווידוואָר תקנ"ב). ער פלעגט קומען מיט זיין סחורה קיין מעזריטש. אָבער אַנשטאָט אַוועקצושטעלן זיך אויפן מאַרק, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין בית־מדרש לערנען און פאַרברענגען זיין צייט אין שמועסן וועגן חידושי־תורה מיט די מעזריטשער לומדים. ערשט אין לעצטן טאָג

פונעם יריד האָט ער אויסגעפּאַקט זיין סחורה וואָס ער האָט גראָד פאַרקויפט פאַר גוטע פּרייזן.

מעזריטשער יידן זיינען געווען די צושטעלערס פון אַ ריי אַרטיקלען פאַר די נאָענטע סביבות און ווייטע געגנטן. איבערהויפּט האָבן זיי צוגעשטעלט וואָלענע שטאָפן, וואָס זיי פלעגן ברענגען פון דייטשלאַנד. עס איז באַקאַנט (זע מאַקס פרוידענטהאַלס בוך: „אױס געשיכטע אונד לעבען דער יודען אין לייפּציג", לייפּ־ציג), אַז די גרעסטע איינקויפערס פון וואָלענע שטאָפן אויף די לייפּציקער מעסעס, זיינען געווען די יידן פון מזרח־אייראָפּע. די דייטשע אינדוסטריע פון וואָלענע שטאָפן, האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען די פּוילישע יידן אויב זי האָט געהאַט אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן סעזאָן. פרוידענטהאַל דערציילט, אַז די דאָזיקע יידן פלעגן קומען מיט אַנגעלאָדענע וועגענער סחורה און אַוועקפאָרן ווידעראַמאָל מיט פולע וועגע־נער סחורה. זיי פלעגן ברענגען קיין לייפּציק פלאַקס, חלב, וואַקס א. אַ. אַרטיקלען, איבערהויפּט לעדער און רויכוואַרג (פוטער) און צוריקפאָרן מיט אַנדערע סחורות, הויפּטזעכלעך וואָלענע שטאָפן פאַר די מזרח־אייראָפּעישע מערק.

הפּנים, אַז מעזריטש איז געווען איינע פון די צענטערן, וואָס האָבן צוגע־שטעלט אויפן לייפּציקער יריד די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען (שפּעטער אויך חזיר־האָר), און אירע יידישע סוחרים פלעגן צוריקברענגען פון דייטשלאַנד פאַר־שידנערליי סחורות פאַר דעם פּוילישן מאַרק. די סוחרים פלעגן פאָרן גרופּנווייז, כדי צו קענען זיך שיצן קעגן איבערפאַלן, וואָס פלעגן פאָרקומען גאַנץ אָפט; און פאַר דעם אַרויספאָרן האָבן זיי געלאָזט שרייבן פאַר זייערע פרויען אַ תנאי־גט. שפּורן וועגן דעם געפונען מיר אין דעם ספר „עטרת צבי" (וואַרשע, תרנ"ו) פון דעם מעזריטשער רב ר' אליעזר הרל"פ. אין אַ תשובה וואָס דער רב ר' שמואל האַלדהיים פון פראַנקפורט ביים טייך אָדרע, האָט געשריבן צום מעזריטשער רב.

מיר לייענען דאָרט: „אחלה את פני מעכ"ת (מעלת כבוד תורתו) נ"י (נרו יאיר) לכבדני במכתבו ע"י אנשי קהלתו אשר יבואו לסחור את הארץ ביריד פ"פ (פראַנקפורט) — כ'בעט דעם ווירדיקן און דערהויבענעם פון תורה, צו באַערן מיך מיט אַ בריוו דורך זיינע קהילה־לייט, וועלכע וועלן קומען האַנדלען אויפן יריד אין פראַנקפורט".

די דאָזיקע תשובה איז דאַטירט י"ד אייר תקצ"ח, דאָס הייסט פון מיט 115 יאָר צוריק. ס'איז קלאָר, אַז די מעזריטשער יידן האָבן נישט אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט צו פאָרן אויף די ירידים קיין דייטשלאַנד. אויך צווישן מעזריטשער משפּחות האָבן זיך אויפגעהאַלטן מינדלעכע טעסטימאָניעס וועגן זייערע עלטער־עלטער־זיידעס, וועלכע פלעגן פאָרן צו די לייפּציקער מעסעס און אַנדערע ירידים. אָבער קיין פעסטער באַווייז איז עס דאָך נישט, ווייל אין דער רשימה פון די ערשטע מעסע־פאָרער, האָב איך נישט געפונען קיין מעזריטשער נעמען. עס קען אָבער מעגלעך זיין, אַז די רשימות זיינען נישט קיין פולשטענדיקע.

אַפילו אין די שפּעטערע צייטן, ווען די טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיך אַנ־

געהויבן אַנטוויקלען אין לאָדזש, האָט נאָך מעזריטש געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַלס די צושטעלערן פון טעקסטיל פאַר פּאָדליאַשע, אַפילו פאַר בריסק, לאָמזשע און אַנדערע שטעט אין מאַזאָוויעצק און גראָדנער גובערניע.

אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט, מער־ווייניקער, האָט מעזריטש אָנגעהויבן בליען אינדוסטריעל און איז געוואָרן די וויכטיקסטע אינ־דוסטריעלע שטאָט אין פּאָדליאַשע און איינע פון צווישן די וויכטיקסטע אינדוס־טריעלע שטעט אין גאַנץ פּוילן מחמת איר חזיר־האָר אינדוסטריע. ביז איצט איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן ווער עס האָט דער דאָזיקער אינדוסטריע געגעבן איר אָנהייב. ס'איז פאַראַן אַ מיינונג ביי מעזריטשער אַלטע תושבים, אַז דעם יסוד פאַר דער דאָזיקער אינדוסטריע האָבן געלייגט משה מיכל בראָמבערג און גדליה בלאַנקשטיין אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז, לויט מיין מיינונג, נישט אינגאַנצן עקזאַקט. בלי שום ספק אַז די חזיר־האָר־אינ־דוסטריע האָט עקזיסטירט פון אַ פריערדיקער צייט. אַזוי איז באַקאַנט, אַז משה מיכלס שווער, רייכענבאַך (זע קאַפּיטל „געשיכטע פון ראד״) האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט חזיר־האָר, און עס איז אויך נישטאָ קיין ספק, אַז די מעזריטשער יידן וועלכע פלעגן פאָרן קיין לייפּציק האָבן מיט זיך געפירט דעם דאָזיקן אַרטיקל נאָך מיט יאָרן צוריק. וואָס מען קען יאָ זאָגן וועגן די צוויי אויבנדערמאָנטע מעז־ריטשער אינדוסטריאַלן, אַז זיי האָבן די פאַבריקאַציע פון חזיר־האָר שטאַרק אַנט־וויקלט און אָנגעפירט גרויסע וואַרשטאַטן, פאַרהעלטניסמעסיק פאַר יענער צייט, באַשעפטיקנדיק אין זייערע אונטערנעמונגען צענדליקער אַרבעטער. אַזוי האָט בראָמבערגס אַן אייניקל דערציילט דעם שרייבער פון די שורות, אַז זיין זיידע משה מיכל האָט באַשעפטיקט אין זיין וואַרשטאַט 300 אַרבעטער. ווען אַפילו די אָנגעגעבענע צאָל זאָל זיין אַביסל איבערגעטריבן, קען מען אַלץ דערפון זען, אַז די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע.

מער קאָנקרעטע דאַטן וועגן דער צאָל באַשעפטיקטע יידן אין מלאכה און אינדוסטריע אין מעזריטש, באַקומען מיר פון דעם צעטל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון מעזריטשער קהל אין יאָר תרמ״ח (1888). מיר לייענען וועגן דעם אין „המליץ״, דאַטירט י״ב אדר תרמ״ח (2-12-1888) און איז געחתמעט פון יעקב בראָמבערג:

„דאָס איז די צאָל פון אַרבעטער, סוחרים און הענדלער אין אונדזער שטאָט: מענער־שניידער, 50; דאַמען־שניידער, 45; שוסטער, 130; היטל־מאַכער, 15; איינבינדער, 5; גאַרבער (דאָס מיינט ער גאַרבאַרניעס), 5; סטאָליאַרעס און דרעקסלער, 45; קאָוואַלעס, 8; בערשטער, 350; קצבים, 41; פישער 11; גאָלד־שמידן, 5; טאָקאַרניעס, 3 (געוויינטלעך האָבן זיי געאַרבעט בלויז די אייגנטי־מער); פאַרבער פון שטאָף און קליידער, 3; מאַלאַרזשעס, 12; רימאַרזשעס, 7; שלאָסער, 4; זייפנזידער און ליכטציער, 4 (אויך דאָ רעדט זיך פון אייגנטימער און

אין דעם פאַל קען מען צוגעבן די שטוב־מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן הן אין דער פאַבריקאַציע און הן ביים פאַרקויף; ווייל, על פּי רוב, האָבן די זייפנזידער געהאַט אייגענע געוועלבער); אַליאַרניקעס, 10; מויערער, 30; בויערער פון היל־צערנע הייזער, 45; שינדלמאַכער, 3; באַנדערס, 10; הייזער־טינקער, 11; ברוקאַ־זשעס, 10; שטיינהאַקער, 20; מצבה־קריצער, 4; וואָזאָוואָרניקעס (בעלי־עגלות וואָס האָבן געפירט בלויז משא), 10; דראָזשקאַרזשעס, 18; טרעגער און וועגעלע־פירער, 10; קוימענקערער, 2; שמוקלער, 6; קעמל־מאַכער, 9; גלעזער, 11; כלי־זמרים, 7; בעקער, 60; צוריכטער (דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער פאַך, וואָס איז געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין די הענט פון איין משפּחה. אפשר ווייל דאָס פאַרבן פון פעל איז געווען אַ העכסט־ספּעציאַליזירטער פאַך און די וואָס האָבן די מלאכה געקענט האָבן נישט געוואָלט אויסלערנען פרעמדע דעם פאַך), 10; טינט־מאַכער, 1; סטעלמאַכער, 4; בריוו־טרעגער, 2; טאַרטאַק־אַרבעטער, 40; האָלץ־העקער, 30; וואַסער־פירער, 12; בלעכער, 15; קופערשמידן, 3; טאָג־אָנגעשטעלטע, 25; דאָרפס־גייער, 25; פרויען וואָס נייען וועש, 30; שייטל־מאַכער, 7; הייבאַמס, 4; בעלי־מלאכה פון פוטער־מאַנטלען, 30; דאָקטוירים און צירולניקעס, 6; באַגרעבער, 2; שמשים, 10; מלמדים, 125; אַדוואָקאַטן און פּראָשעניע־שרייבער אין רוסיש, 5; לערער פון פרעמדע שפּראַכן, 6; סופרים, 5; העברעישע לערער, 10; רב און מורי־הוראה, 3; חזנים, 3; שוחטים, 6; אויסשטודירטער דאָקטאָר, 1; סוחרים פון ערשטער גילדע (אַזעלכע האָבן געמעגט וווינען אין גאַנץ רוסלאַנד), 2; פון צווייטער גילדע, 23; פון פאַרשידענע אַנדערע גילדעס, 500; וואַלד־און האָלץ־הענדלער, 15; מעקלער און פאַרמיטלער, 13; שוועבעלעך־פאַבריק (באַשעפטיקט 50 אַרבעטערס — מענער און פרויען), 1; וויין־ און עסיג־מאַכער (אויך דאָ ווערט געמיינט זעלבסטשטענדיקע אונטערנעמונגען. די צאָל באַשעפטיקטע איז דערפאַר געווען פיל מער און זיי זיינען נישט אריין אין דער סטאַטיסטיק, ווייל די העל־פערס זיינען ס'רוב געווען היימישע), 12; ברויז און גוראַלניע, 7; סאָדע־פאַבריק, 1; פאַבריק פאַר פען־האַלטערס (באַשעפטיקט 60 מענער און פרויען), 1; פאַראָווע (דאַמף)־מילן, 2, וועלכע האָבן באַשעפטיקט 40 אַרבעטער".

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע סטאַטיסטיק רעדט בלויז וועגן יידן. דאָס איז, ווי געזאָגט, געווען דער מצב אין יאָר 1888. שוין דעמאָלט זיינען געווען 350 בערשטער, וואָס איז געווען אַ זייער הויכער פּראָצענט־זאַץ און די גרעסטע אין צאָל אין פאַרגלייך צו אַנדערע בראַנזשעס. מיט דער צייט איז די דאָזיקע אינדוסטריע געשטיגן און די צאָל פון אירע אַרבעטער איז געווען פיל גרעסער, ווי די צאָל פון דער גאַנצער איבעריקער אַרבעטערשאַפט אין שטאָט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין משך פון 5 ביז 8 יאָר האָט זיך די צאָל בערשטער־אַרבעטער אַ הייב געטאָן פון 350 אין 1888, ביז 1.200 אין די יאָרן פון 1893—1897 (זע ס. דובנוו־ערליך, „גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד", קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע 1937). די דאָזיקע צאָל ווערט נאָכמער בולטער,

ווען מ׳באַטראַכט די אַלגעמיינע צאָל פון בערשטער און בערשטל־מאַכער אין גאַנץ רוסלאַנד, וואָס האָט באַטראָפן נישט מער פון 6.000 מעזריטש, וועלכע איז אפשר געקומען שפּעטער צו דער הזיר־האָר־אינדוסטריע פון אַזעלכע צענטערס פון בערשטעריי ווי מינסק, סוואַלק און אַנדערע שטעט, האָט זיי אַלע איבערגע־שטיגן און איז געוואָרן כמעט דער איינציקער וויכטיקער בערשטער־צענטער מיט וועלכן די אויסלענדישע מערק, וועלכע האָבן געקויפט פּויליש־רוסישע חזיר־האָר, האָבן זיך אויף אַן אמת גערעכנט. די אַנדערע צענטערס זיינען מיט דער צייט כמעט פאַרשווינדן. אויסער טרעסטינא, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אינדוסטריע פון חזיר־בערשטעריי (אָבער אומפאַרגלייכבאַר קלענער פון מעזריטש), איז כמעט גאַרנישט געבליבן פון די אַמאָליקע חזיר־האָר־בערשטעריי פון ווילנע און אַנדערע שטעט. נאָך בולטער האָט זיך דאָס באַמערקט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען מעזריטש איז געוואָרן דער איינציקער גרויסער צענטער פון חזירהאָר מיט אַ באַשעפטיקטער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט געציילט קרוב צו צוויי טויזנט. (אומדירעקט האָבן נאָך הונדערטער משפחות געצויגן חיונה פון אַט דער בראַנזשע).

אַ דאַנק דער דאָזיקער אינדוסטריע, האָט זיך אין מעזריטש איינגעשטעלט אַ גאַנץ אַנדערע עקאָנאָמיע ווי אין ס׳רוב אַנדערע אינדוסטריעלע שטעט, און נאָכמער זיך אונטערשיידט עקאָנאָמיש פון די ריין־קאָמערציעלע שטעט.

מחמת דעם וואָס מעזריטש איז דורך איר חזיר־האָר־אינדוסטריע געווען אָפּ־העגניק פון דער לייפּציקער מעסע (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מעז־ריטש שוין געהאַנדלט מיט ענגלאַנד א. אַ. וועלט־צענטערס און מער נישט געווען אָפּהענגיק פון לייפּציק), האָט זיך די לאָקאַלע עקאָנאָמישע לאַגע אויך געשטאַל־טעט לויט די אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. אויב דער פּדיון אויף דער מעסע איז געווען אַ גוטער, די נאָכפראַגע אויף סחורה אַ גרויסע, איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין מעזריטש געווען אַ גוטע. די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אין דער פּדיון אין שטאָט איז געווען אַ גוטער; ס׳האָט געלייזט דער שפּייז־קרע־מער, דער קצב, דער שוסטער, דער שניידער און דער שניט־קרעמער און אַלע אַנ־דערע בראַנזשעס. אויב דער סעזאָן איז געווען אַ שלעכטער — האָבן אַלע געליטן, אויסער יענע וואָס זיינען נישט געווען אָפּהענגיק פון דער בערשטער־אינדוסטריע.

אַ צווייטע זאַך מיט וואָס מעזריטש האָט זיך אויסגעטיילט פון ס׳רוב רוסישע און פּוילישע שטעט, איז געווען מיט אירע אַרבעטס־סעזאָנען און אַרבעטסלאָזע הדשים, דאָס וואָס מען רופט אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער „סלעק״. די מעזרי־טשער בערשטער אינדוסטריע האָט געהאַט צוויי סעזאָנען — אַ ווינטער־און זומער־סעזאָן, און אַן אַרבעטסלאָזע הפסקה צווישן די סעזאָנען.

אין די יאָרן 1910־12, פלעגט מעזריטש איינעמען אַ פּדיון פון דריי פערטל מיליאָן רובל אַ יאָר, בלויז פון חזיר־האָר אַליין (זע, י. שיפּער „דזשעיע האַנדלו זשידאָווסקיעגאָ נאַ זיעמיאַך פּאָלסקיך״, וואַרשע 1937). דאָס איז פאַר יענער צייט געווען אַ גוואַלטיק גרויסער פּדיון. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אויסער

חזיר־האָר האָט מעזריטש פאַרמאָגט נאָך רייכע בראַנזשעס ווי, די שוין דערמאָנטע, רויכוואַרג־בראַנזשע, וועלכע האָט אויך געהאַנדלט מיט אויסלאַנד; לעדער, בפרט יוכטן פון וועלכער מעזריטש איז געווען דער הויפּט־צענטער אין פּוילן; פּויערישע פּעלצן (מעזריטשער פאַבריקאַנטן פלעגן אָנשפּאַרן מיט זייערע פּעלצן אויף די ווייטסטע ירידים אין רוסלאַנד, ווי: ניזשני נאָוואָגראָד א. אַ.); אַ חוץ אַנדערע קלענערע און גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי: געגריוועטע שוסטערייען, די שוועבעלעך־פאַבריק, א. אַ. וו. דעריבער איז דער יערלעכער פּדיון פון די מעזריטשער יידן געווען געוווּנג גרויס און דערפאַר איז מעזריטש געווען פון די אויסנאַמלעכע שטעט אין רוסלאַנד און שפּעטער אין פּוילן, מיט איר עקאָנאָמישער סטרוקטור. דער ספּעציעלער מצב האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דעם סאָציאַלן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט. ס'איז אַ סברא, אַז דאָס וואָס מעזריטש איז געווען באַרימט אַלס צדקה־שטאָט, איז אויך געווען צו פאַרדאַנקען איר פּראָספּערירנדיקן האַנדל און איר גרויסן פּדיון.

אָט איז אַ ביישפּיל: אין דעם „המליץ" (1882, נומער 8) לייענען מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ פון מעזריטש, געחתמעט מיט די איניציאַלן מ. נ. ס. ע.: „דער גייסט פון רחמנות און מיטגעפיל, האָט זיך אויפגעוועקט אין די הערצער פון אונדזערע היגע ברידער און זיי האָבן אָוועקגעשיקט געלט פאַר די פּליטים פון רוסלאַנד, וועלכע געפונען זיך אין בראָד (אין דעם יאָר האָט די רוסישע רעגירונג אַרויסגעטריבן די יידן פון פיל געביטן אויסער דעם תחום־המושב — מ. ע.) ווי אויך 400 רובל פאַר די געליטענע פון וואַרשעווער פּאָגראָם (דער פּאָגראָם האָט בשעתו אויפגערודערט די אויסלענדישע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן געזוכט אַ פאַרשטענדיקונג מיט די יידן — מ. ע.). בעת די גובערניע־שטאָט — שעדלעץ האָט געשיקט נישט מער ווי 86 רובל און אַנדערע שטעט האָבן נישט געשיקט אַפילו קיין איין קאָפּיקע. דאָנערשטיק, כ"ז שבט האָט אונדזער רב (דעמאָלט איז געווען רב ר' ישראל־איסר שפּירא — מ. ע.), פּראָקלאַמירט אַ תענית און די שול און בתי־מדרשים זיינען געווען פול. דער רב האָט געדרשנט מענינא־דיומא און אַלע צוהערער האָבן אַ סך געוויינט. דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק און עס זאָל מער נישט וויסן פון פּיין".

די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ גיט אונדז, אין אַ געוויסער מאָס, אַן אָפּשפּיגלונג וועגן דער ספּעציפישער אייגנאַרטיקייט פון אונדזער מעזריטש. די האַנדלונג פון מעזריטש, ביישטייערנדיק זיך מיט אַ ברייטער האַנט פאַר די געליטענע ברידער, אין קאָנטראַסט צו די אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן מיט גאָרנישט בייגעשטייערט און די גובערניע־שטאָט — שעדלעץ, וואָס איר סומע איז געווען אַ גענוג מאָגערע — איז גאַנץ אָנזעעוודיק און בולט. מיט וואָס זאָלן מיר דאָס פאַרענטפערן? לויט ווי איך מיין און ווי כ'האָב שוין פריער באַמערקט, נעמט זיך עס דערפון, וואָס מעזריטש איז געווען מיט איר עקאָנאָמישער סטרוקטור אַ וועלט־שטאָט, איר פּדיון איז געקומען הויפּטזעכלעך פון אויסלאַנד און זי איז

בלויז געאָגראַפיש געווען אַ טייל פון דעם אומדערטערגלעכן תחום־המושב, ווו יידן האָבן געצויגן זייער חיונה פון האַנדל מיטן פויער און דער גראַנגל פאַר פרנסה איז געווען אַ גאָר שווערער. אויסער דעם, קען מען דעם סאָלידאַרישן זשעסט פון מעזריטש צושרייבן דעם ספּעציעלן וועלטלעכן כאַראַקטער פון אירע יידן, בעת די יידן פון כמעט דער גאַנצער פּוילישער און רוסישער מדינה, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע גרויסע אינדוסטריעלע שטעט און האַנדלס־צענטערן, זיינען כמעט נישט אַרויס פון די ד' אמות פון זייערע ווינקל־ערטער, איז מעזריטש, אין קעגנזאַץ, געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. מעזריטשער יידן זיינען אַרומגעפאָרן אויפקויפן סחורה איבערן גאַנצן לאַנד און זיינען אויך געווען אָפטע באַזוכער אין אויסלאַנד, אויף צו קויפן און פאַרקויפן זייערע סחורות. זיי זיינען אַ דאַנק דעם נישט געווען איזאָלירט און זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט די געראָדפּטע ברידער און דעריבער איז זייער יידישער סאָלידאַריטעט־געפיל אויך געווען מער אַנטוויקלט.

מחמת דעם אויסלענדישן פאַרנעם פון דעם מעזריטשער האַנדל, האָט אפילו די עמיגראַציע פון מעזריטשער יידן, אויך געטראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער, ווי די וואָס איז געגאַנגען פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און רוסלאַנד. מיטן אויסנאַם פון דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, וועלכע איז באַשטאַנען הויפּט־זעכלעך פון בערשטער־אַרבעטער און פון דער עליה קיין ארץ־ישראל אין די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט געטראָגן אַ אידעאישן כאַראַקטער, האָט מעזריטש אויך געהאַט אַן אַנדערן מין עמיגראַציע. אין לייפּציג, למשל, האָבן געוווינט עטלעכע טויזנט מעזריטשער יידן; זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט צוליב זייער מסחר מיט חזיר־האָר און רויכוואַרג. אויך אין אַנדערע גרויסע שטעט אין אויסלאַנד, ווי לאָנדאָן, האָט מען געקענט טרעפן אַ סך מעזריטשער יידן, וועלכע זיינען געקומען אין געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן און זיינען דאָרט פאַרבליבן, ווייל ס'האָט זיך צוליב דעם זעלבן געפאָדערט זייער אָנוועזנהייט דאָרט.

מעזריטשער זיינען טאַקע פאַרטראָטן כמעט אומעטום אין דעם האַנדל מיט פּוטער און חזיר־האָר און זיינען אויך די מערהייט און די טאָן־געבער אין די בראַנזשעס, אין יענע לענדער. אויך אין די נייע ישובים, ווי אַרגענטינע, בראַזיל, מעקסיקע און ארץ־ישראל, זיינען אַנטשטאַנען וויכטיקע חזיר־האָר־אינדוסטריעס מיט דער איניציאַטיוו פון די מעזריטשער און ליגט כמעט אויסשליסלעך אין זייערע הענט.

די שטאָט מעזריטש, וואָס איז געווען כמעט אין גאַנצן יידיש, האָבנדיק אַרום 85 פּראָצענט יידן, האָט ביז דער אַנטשטייאונג פון דער טרויעריק־באַקאַנטער פּוילישער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אָנגעפירט פון דמאָווסקין און־

טער ד'ער לאָזונג פון „סוואָי דאָ סוועגאָ"*), נישט געהאַט קיין פּויליש געוועלב, אויסער די ספּעציפיש פּוילישע חזיר-שענקען. ערשט ווען די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג האָט גענומען שלאָגן וואָרצלען, האָט זיך אין מעזריטש געעפנט דער „סקלעפּ פּאָלסקי"**), וואָס האָט געזאָלט האָבן דעם ציל אָפּצוצי'ען די פּוילישע קונים פון די יידן. אָבער מער ווי צו אַ סימבאָל פון רשעות און אַ ווילן צו טאָן שלעכטס די יידן, איז דער „סקלעפּ פּאָלסקי" נישט דערגאַנגען. די מאַסן פּויערים זיינען נישט געגאַנגען אין פּוילישן געשעפט אַריין, וועלכעס איז געבליבן אַ בן־יחיד אין אַ שטאָט מיט אַרום 3.000 נישט־יידן און מיט אַ גרויסע נישט־יידישע פּעריפּעריע פון די אַרומיקע דערפער.

דער יידישער האַנדל, די יידישע אינדוסטריע אין מעזריטש ווי אויך די יידישע האַנדלס־באַנק פון ש. ב. מינץ האָבן זיך אַנטוויקלט נאָרמאַל (אויף וויפיל די רוסישע מאַכט האָט זיי דאָס דערלויבט) און כסדר געשטיגן ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה'. האָט זיך אַליץ געביטן, אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער.

---

*) ס'מיינט צו זאָגן, אין פּויליש, יעדער זאָל קויפן ביי ס'זייניקע — פּאָלאַקן ביי פּאָלאַקן.

**) פּוילישע קראָם.

יידישע לאַנדווירטן פון מעזריטש פּראָטעסטירן קעגן דיסקרימינאַציעס

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז די יידן־פראַגע אין פוילן פון שטענדיק אָן געשטאַנען אויפן סדר־היום. אמת, די יידן־פראַגע האָט ערשט גע־גרייכט צו איר טאָפּיקאַלישקייט און שאַרפקייט אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר פון 18טן יאָרהונדערט; אָבער, אין דער ווירקלעכקייט, האָט זי נאָך פון פריער כסדר געהאַלטן פאַרזאָרגט די פוילישע רעגירנדיקע אינסטאַנצן, ביז די פוילישע אויטאָנאָמיע האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם־צוג. די פוילישע פירער האָבן אַ סך מאָל דעבאַטירט די אופנים ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבנס־שטייגער און אַלס איינע פון די ממשותדיקע פּראָ־יעקטן, איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער פּלאַן צו פאַרוואַנדלען די יידן אין לאַנד־ווירטן, אין איינפאַכע פויערים און זיי זאָלן ציען זייער חיונה פון אייגענער פּראַצע אין פעלד. דאָס זיינען אָבער געבליבן בלויז פוסטע רייד. די מערהייט פון די פוילישע פירער און דעה־זאָגער האָבן די פּראָיעקטן נישט גענומען אין ערנסט. זיי האָבן אַפילו נישט געפרוווט צו דערמוטיקן די יידן, וואָס האָבן אויפגענומען מיט סימפּאַטיע די אידיי פון באַזעצן זיך אויפן דאָרף און ווערן לאַנדווירטן.

בשייכות מיט דעם ענין, איז גראָד אינטערעסאַנט צו דערמאָנען וועגן אַ סיכסוך, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן יידישע לאַנדווירטן פון מעזריטש מיט דער פוילישער מאַכט *).

ווי מיר האָבן שוין געברענגט אין אונדזער אַריינפיר — האָט במשך אַ געוויסער צייט אַ גאָר גרויסער טייל פון די פוילישע יידן געצויגן זייער חיונה פון דעם דאָרף. אין פּאָדליאַשע, פון וועמען מעזריטש איז געווען אַ טייל, האָט דאַן די צאָל דאָרפישע יידן איבערגעשטיגן די צאָל פון די שטאָטישע יידן. אַרום מעזריטש זיינען פון תמיד אָן געווען אַ סך דאָרפישע יידן; זיי האָבן געצויגן

---

*) דר. י. שאצקי, „אין שאָטן פון עבר", פארבאנד פון פוילישע יידן אין אר־גענטינע, בוענאָס איירעס 1947. האָט זייער אַן אינטערעסאַנט קאפּיטל וועגן „די געשיכטע פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין קעניגרייך פוילן" און א פּלא, וואָס אים איז נישט באַקאַנט דער קאָלאָניזאַטאָרישער פּרווו פון די מעזריטשער יידן.

זייער חיונה פון פאַבטעריי און פון האַנדל מיט לאַנד־פּראָדוקטן און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן דאָרף. דאָרף און פּאַרמעריי איז, בכן, נישט געווען קיין נייעס פאַר די מעזריטשער יידן. אָבער דאָס אויף וואָס מיר באַציען זיך דאָ, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט יענע דאָרפס־יידן, נאָר מיט אַ באַוועגונג וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן די מעזריטשער יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט און זיך באַזעצט אין דאָרף, כדי צו ציען זייער חיונה טאַקע פון ערד־אַרבעט און נישט מיט דער כוונה פון האַלטן קרעטשמעס אָדער אַנדערע פּרנסות, וואָס זיינען בלויז פאַרבונדן מיטן דאָרף, אָבער נישט דירעקט מיט ערד־אַרבעט.

די מעזריטשער יידן, וועלכע האָבן געגלויבט אַז די פּוילישע געזעלשאַפט־לעכע מיינונג איז אויסן מיט איר פּראָפּאַגאַנדע אויף דער אמתן צו ענדערן די יידישע לופט־פּרנסות און זיי פּראָדוקטיווירן, האָבן באַשלאָסן אויפצוגעבן זייערע שטאָטישע פּרנסות און לעבנס־שטייגער און זיך פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכע פּויערים. לײדער, זיינען זיי זייער גיך אַנטוישט געוואָרן. זיי האָבן זיך אַרומ־געזען, אַז די אַלע שיינע רייד פון די פּאַלאַקן, זיינען נישט געמיינט געוואָרן ערנסט, מחמת די דיסקרימינאַציעס, וואָס די פּוילישע רעגירער האָבן גלייכצייטיק אָנגעווענדעט קעגן זיי, ווי מיר ווערן עס געוואויר פון אַ דאָקומענט*) וואָס דער אונדז גוט־באַקאַנטער בן־עיר, ר' יעקב שפּירא, האָט צוגעשיקט צו פּראָ־פעסאָר שמעון דובנאָוו (דעם דאָקומענט האָב איך געפונען אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו אין ייוואָ, אין ניו־יאָרק. ער איז אַ געטרייע קאָפּיע וואָס שפּירא האָט געמאַכט פון דעם העברעאישן אָריגינאַל). דער דאָזיקער דאָקומענט, וועלכער דעקט אויף די גאַנצע טראַגיק פון די פּוילישע יידן, באַשטייט אין אַ בקשה וואָס די מעזריטשער יידישע לאַנדווירטן האָבן צוגעשטעלט צום יידישן באַראַטונגס־קאַמער, וועלכער האָט עקזיסטירט ביי דער קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים, וואָס די פּוילישע אויטאָנאָמע רעגירונג האָט געהאַט באַשטימט אין 1825. די דאָזיקע בקשה לייענט זיך אַזוי:

„צו די הערן פון ישראל פון דער באַראַטונגס־קאַמער פון דער קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים אין דעם קעניגרייך פון פּוילן...

„אונדזער יידיש פאָלק גייט אין פינצטערניש און זיי זעען נישט קיין שטראַל פון ליכט; זיי ווערן געדריקט פון אַלע זייטן, באַלאַסטעט מיט אַ יאָך פון שטייערן און אָפּצאָלן מער פון אַלע אַנדערע איינוווינער אין דער מדינה; זיי זיינען אָן אַ שטיצע און אָן אַן אָנשפּאַר און פאַראַכטעט אין די אויגן פון די שרים און מושלים פון דער מדינה; מ'האָט שוין געבראַכט דערצו, דאָס זיי (די יידן — מ. ע.), זאָלן בלייבן אָן פּרנסה; אויך ברויט האָבן זיי נישט גענוג; מחמת זייער דחקות, האָט

*) זע הוספה — אָפּשריפט פון דער אָריגינעלער קאָפּיע, וואָס ר"י שפּירא האָט געמאַכט פאַר פּראָפעסאָר דובנאָוו.

זיך זייער געשריי געלאָזט הערן, און גאָט האָט אַראָפּגעקוקט פון הימל און אויפ־געוועקט דאָס הארץ פון אונדזער האר, דער דערבאַרעמדיקער און גענאַד־טוענ־דיקער קייזער ירום הודו (אַלעקסאַנדער דער ערשטער, מ. ע.), אַז ער זאָל אַכט־געבן מיט זיין אויג פון רחמנות אויף די דערשלאָגענע אָרעמעלייט פון אונדזער פאָלק; און אין זיין גרויס רחמנות און חסד, האָט ער באַשטימט זיינע לאָיאַלע שרים און יועצים פון דער קאָמיסיע; און נאָכמער: אין זיין גרויס חסד האָט ער אויך צוגעזעצט צו זיי, חשובע מענטשן פון אחינו בני ישראל (ער מיינט דעם באַראַטונגס־קאַמער, מ. ע.) זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט דעם כלל און זאָלן זיך באַמיען צו פאַרגרינגערן אונדזער יאָך אויף אַלע מעגלעכסטע אופנים כדי מיר זאָלן נישט זיין מער צו שאַנד, און מיר זאָלן זיך שיצן אין זיין שאָטן — דער שאָטן פון רחמים, ווי די אַנדערע אינטערטאַנער פון זיין ממשלה; אַזוי ווי ער האָט עס דערקלערט אין זיין דעקרעט פון דעם 22טן מאַי; דאָרט האָבן גע־טריפט טראָפּנס פון רחמים אויף אונדז, מיט דער זיסקייט פון זיין שפּראַך... פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער און שרים. האָט מען ווען עס איז געהערט פון אַזאַ גרויסן חסד זינט דעם טאָג ווען מיר זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן די פעלקער? מיר האָבן געזאָגט: עס איז געקומען אַ דערלייזונג פאַר אונדז, אַ פונק פון הימל וועט קומען אין אונדזער גרענעץ צו ברענגען ליכט אין אונדזער פינצ־טערניש; מיר וועלן נישט זיין מער קיין פרעמדע אין דעם לאַנד ווו מיר וווינען, ווייל אַ פאַדים פון חסד פון אונדזער האר דער דערבאַרעמדיקער קייזער, איז געצויגן צו אונדז; אָבער מיר האָבן געהאָפט אויף ליכט און, אוי, אַ חושך און אַ דיקע פינצטערניש איז פאַר אונדזערע אויגן און אַן אונטערדריקונג דעקט אונדז צו. ווי מיר וועלן פאַרשטעלן פאַר אייער כבוד די ענינים, און מיט אייער פאַר־שטאַנד וועט איר איינזען און פאַרשטיין דעם באַפעל פון דער „קאָמיסיע רזשאָנ־דאָווע פּזשיסאַדאָווו סקאַרבאַ" צו דריקן אונדז אומגעזעצלעך, דאָס איז נישט אין איינקלאַנג מיטן יושר און צדק; אַ חוץ דעם איז אויך דער נייער באַפעל סותר זייער פריערדיקן באַפעל, כדי אונדז וויי צו טאָן און פאַרשטויסן אונדז פון אונדזער מצב, ווי מיר וועלן אַלץ אויפקלערן אין פאַרשידענע דאָקומענטן.

„דער תוך פון דעם ענין

„מיר, די פאָסעסאָרן אין דער פאָדלאַשער וואָיעוווּדסטווע, האָבן געזען דעם גרויסן דרוק פון דעם רזשאָנד (רעגירונג) אויף די יידן — הן אויף די וואָס וווינען אין די דערפער און הן אויף די סוחרים אין די שטעט. מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ יאָך פון קאָנצעסיעס (פּאַטענטן), אַזוי, אַז זיי קענען עס נישט מער אויסהאַלטן, און זיי ווערן מיד פון זוכן אַ מקור פאַר פּרנסה. דאָס אַלץ האָט דער רזשאָנדר געטאָן מיט דעם פאָראויס־באַשטימטן ציל, כדי יידן זאָלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט און זיי זאָלן פירן אַ גליקלעך לעבן. אין 1819, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט די מעגלעכקייט, האָבן מיר אַוועקגעוואָרפן אונדזער האַנדל

און מיר האָבן געדינגען לאַנד פון די פּריצים אויף אַ באַשטימטע צאָל יאָרן, לויט די אָקטאַווע קאָנטראַקטן. מיר האָבן עס געטאָן נישט כדי צו פאַרדינען געלט אין בראָנפן־ברענערייען אָדער האַנדל, און אויך נישט כדי צו האַלטן שענקן; מיר האָבן עס געטאָן, כדי צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד און אַרויסצובאַקומען אירע פּרוכטן (און די רעגירונג האָט אונדז געשטיצט און דאָס איז געווען אַן אָנשפּאַר פאַר אונדז אין אַלע זאַכן, ווייל איצט איז דאָך אַוועק דער בלבול פון תמיד־אָן אויף די יידן, נעמלעך, אַז זיי ווילן בלויז מסחר און זיי פאַרמיאוסן און פאַראַכטן יעדע אַרט מלאכה?).

„נאָך איידער מיר האָבן געפּאַכטעט די ערד פון די פּריצים, מחמת מורא, טאָמער וועט דער רזשאָנד אויך פון דעם פאָדערן פון אונדז קאָנצעסיעס און וועט עס אָנרופן מסחר, כאָטש ׳עס גיט נישט באמת מער ווי אויפצוהאַלטן אונדזערע פאַמיליעס מיט צימצום, האָבן מיר וועגן דעם ענין אָנגעפרעגט אין דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע און מיר האָבן דערהאַלטן אַ תשובה, דאַטירט 2טער פּאַזדזיערניק 1819, נומער 24288/10081, אַז די וואָס דינגען לאַנד פון די פּריצים זיינען באַפרייט פון דער פליכט צו קויפן פּאַטענטן. דאָס האָבן מיר געטאָן פאַר דעם צוזאַמענשטעלן פון אונדזערע קאָנטראַקטן מיט די פּריצים.

„נאָכדעם, אין יאָר 1823, 13טער גרודזיען, איז אַרויס אַ באַפעל פון אַ היכן פּלאַץ, פון דעם שר־החסד, דער נאַמיעסטניק ירום הודו, וואָס איז דערשינען אין די דזשענניקעס (אָפיציעלע רעגירונגס־גאַזעטן, מ. ע.), דאָס די פּאָסעסאָרס וועלכע האַלטן אין אַרענדע לאַנד פון די פּריצים, זיינען מחויב אויסצוקויפן דריי פּאַטענטן: 1. פאַר האַנדל; 2. פאַר מאַכן בראָנפן; 3. צו האַלטן אַ שענק; כאָטש עס איז נישט געווען קיין איינציק ווייןהויז, שענק אָדער קרעטשמע אין דער פּאָסעסיע. דאָס טרעפט אָן אַ סך געלט און קיינער קען עס נישט באַווייזן אויסצוגעבן, אַפילו ווען די ערד זאָל געבן פּרוכט און די שפּייכלער זאָלן פול זיין מיט תבואה, און קאָרן און ווייץ זאָל דאָרט זיין לרוב. עס סטייעט קוים צו דערנערן די נפשות פון אונדזערע הייזער און ס׳וועט אוודאי נישט סטייען צו געבן אַזאַ גרויסע נתינה צום קעניגלעכן פינאַנץ־מיניסטעריום. נאָכמער, דער אויבנדערמאָנטער געזעץ איז אַן אומרעכט, מחמת דעם וואָס מיר פאַרנעמען זיך נישט בכלל מיט קיין בראָנפן־ברענעריי, מיר האַלטן בכלל נישט קיין שענקן. מיר האָבן דערזען דאָס שלעכטס פאַר אונדזערע אויגן און מיר האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון דער רזשאָנדאָווע קאָמיסיע און אויך אין די טירן פון דעם דערבאַרעמדיקן און פרומען נאַמיעסטניק ירום הודו; מיר זיינ׳ען געקומען מיט אַ געוויין און געשריי; מיר האָבן פאַר זיי פאָרגעשטעלט אונדזערע ענינים ווי זיי זיינען באמת און מיר האָבן אונדזערע רייד מברר געווען לויט די קאָנטראַקטן; אַ חוץ דעם, האָבן מיר אויך צוגעשטעלט קלאָרע עדות פון די פּריצים; און פאַרוואָס זאָלן אונדז געמאַז ווערן אַזאַ עוולה?

„אין יאָר 1823, איז אַרויס פון דעם גערעכטן רזשאַנד אַ באַפעל. וועלכן מיר

לייגן דאָ ביי. דער באַפעל פון דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע צו דער אָבוואָדאָווע קאָמיסיע פון 31טן גרודזיען 1824 נומער 52767/7027, אַז פּאָסעסאָרס וועלכע באַזיצן קאָנטראַקטן פון אַ פריערדיקער דאַטע, איידער עס איז אַרויס דער היובער באַפעל פון דעם האר נאַמיעסטניק יר"ה, דהיינו, דער באַפעל פון 13טן גרודזיען 1823, זיינען פּטור פון פּאַטענטן, אַזוי לאַנג ווי די קאָנטראַקטן זיינען גילטיק, און אַפילו אויך יענע פּאָסעסאָרס וועלכע האָבן געמאַכט קאָנטראַקטן נאָכדעם ווי דער באַפעל איז אַרויס, אויב זיי באַווייזן אַז זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט בראָנפן-ברענעריי און האַלטן נישט אַליין קיין משקאות אין זייערע קרעטשמעס, זיינען אויך פּטור פון די פּאַטענטן. דאָס האָט אונדז באַריאיקט און מיר זיינען געזעסן אויפן לאַנד פון די פּריצים, צופרידן מיט דעם ביסל, וואָס מיר האָבן אַרויסבאַקומען פון אונדזער האַרעוואַניע.

„מיר האָבן נישט באַוויזן רעכט זיך אָפּצורוען פון אונדזער זאָרג, איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן צו געניסן פון דעם דערגרייכטן חסד, איז דער באַפעל פון דער קאָמיסיע רזשאָנדאָווע געוואָרן איבערגעקערט און איז געוואָרן אונדזער משחית, ווייל לויט דעם נייעם באַפעל מוזן אַלע יידישע פּאָסעסאָרס, אַפילו די וואָס האָבן געהאַט אַלטע קאָנטראַקטן, און אַפילו ווען זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט בראָנפן-ברענעריי און האַלטן נישט קיין שענקן, מוזן אויך מקיים זיין דעם געזעץ פון אָפּצאָלן פאַר די פּאַטענטן — אָן שום אורזאַך און טעם.

„און עס איז געווען, ווען מיר האָבן דאָס געהערט, האָבן מיר שיעור באַקומען די אַפּאָפּלעקסיע און מיר האָבן צוגעשטעלט אַ בקשה צו דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע נאָכאַמאָל פאַרצוברענגען אונדזער ענין פאַר דער רזשאָנדאָווער קאָמיסיע און אונטערשטרייכן, אַז דער געזעץ איז סותר זייער אַלטן באַפעל און אַז מיר קענען נישט באַין אופן אויספירן דעם באַפעל. און עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די וואָיעוואָדישע קאָמיסיע האָט באַקומען אַן ענטפער פון דעם מיניסטער אַליין, דאַטירט דעם 20סטן ווזשעשיען 1825 נומער 39799/2393. דער ענטפער איז אָבער נישט געהתמעט פון אים. אין דעם ענטפער, דריקט דער מיניסטער אוים זיין תרעומות אויף דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע, הלמאי זי שטעלט זיך איין פאַר די יידן. עס ווערט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דער באַפעל וועט בשום אופן נישט געענדערט ווערן.

„זאָלן די הערן מיט זייער קלאָרן שכל, זיך אַריינטראַכטן אין די ווערטער פון דער דאָזיקער תשובה און זיי וועלן דאַן געפינען ווערמער, וואָס שטעכן ווי מיט שווערדן דעם גאַנצן כלל-ישראל. די דאָזיקע נגע (פּלאָג) איז נישט נאָר קעגן אונדז אַליין, עס איז אַ צרעת וואָס האָט אויסגעשלאָגן אויף אונדז אַלע. ווייל איז אונדז, מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון יענע אַקעגן וועמען מיר האָבן נישט קיין תקומה. דאָס קול פון די שאָף גייט אויף אין אונדזערע אויערן, טויזנטער יידישע נפשות בעטן ברויט און עס איז נישטאָ; און וואָס נאָך קען געטאָן ווערן?... דער דערבאַרעמדיקער קייזער יר"ה, איז ווייט פון אונדז, מיר

קענען נישט צוקומען צו אים, און צו וועמען זאָלן מיר שרייען נאָך הילף אין אונדזער נויט, מיר האָבן, אָבער, געפונען אייך, הערן, צו וועמען מיר רופן נאָך הילף... צו באַראַטן זיך מיט דעם הויכן קאָמיטעט לייכטער צו מאַכן דעם יאָך פון די אָרעמעלייט פון אונדזער פאָלק, אויף וויפל עס איז מעגלעך, צו אייך זיינען אונדזערע אויגן געווענדעט נאָך הילף, און גאָט זאָל זיין מיט אייך, צו קאָנען דערנערן אַ סך יידישע נפשות.

„אונדזער בקשה

„די געערטע הערן זאָלן אין זייער גרויסן חסד פאַרברענגען אונדזערע ענינים מיט אַ גוטער באַגרינדונג און פאַרשטענדעניש פאַר די שרים, וועלכע זיצן אין דעם קאָמיטעט און הערשן איבער יעדע גערעכטע און אמתדיקע זאַך. און דורכ־דעם וועט, ווי מיט דער האַנט, אָפּגעווישט ווערן די עוולה וואָס ווערט אונדז גע־טאָן נישט געזעצלעך. פאַרשטייט, אונדזערע הערן, און זעט די פאַרגוואַלטיקונג און דעם רויב, וואָס ווערט צו אונדז געטאָן.

„ערשטנס, האָבן מיר נישט פאַרבאָרגן אונדזער טאַט (דאָס הייסט, דער אַקט פון פאַכטן לאַנד פון די פּריצים, — מ. ע.), נייערט מיר האָבן צוערשט אָנגע־פרעגט ביי דער קאָמיסיע און זיי האָבן געענטפערט, אַז מיר זיינען פּטור פון פּאַטענטן, און לויט זייער דערקלערונג, אַזוי האָבן מיר געהאַנדלט. טאָ ווי קענען זיי איצט פון אונדז פאָדערן אַ זאַך וואָס מיר קענען נישט באַווייזן אויסצופאָלגן?

„צווייטנס, איז ווען עס איז געהערט געוואָרן, טראַכט זיך אריין, אַז מען זאָל גוזר זיין אויף סוחרים וואָס האַנדלען מיט לייפּציק, אויסצוקויפן פּאַטענטן פאַר אַ שענק, ווען יענע האָבן גאָרנישט אַזאַ געשעפט? פּונקט אַזוי וועלן אויסזען אונדזערע ענינים ביי אַלע וואָס פאַרשטייען צו לייענען. ס'וועט נישט זיין קיין איין איינציקער מענטש, וועלכער וועט געבן אַן אַנדערן פּירוש צום באַפעל פון דער קאָמיסיע, ווי ער איז פאַרשטאַנען געוואָרן פון דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע. דעריבער זאָלן זיי אין זייער חסד פאַרלייגן, מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט, פאַר אונדזער האַר דעם קייזער יר"ה, וועלכער וויל גוטס פאַר זיינע לאָיאַלע אונטערטאַנער, וואָס שיצן זיך אין זיין שאָטן — אַ שאָטן פון רחמים, און ער זאָל אונדז מאַכן אַנטרינען פון דער פאַרלייגטער פּאַסטקע.

„די דאָקומענטן וואָס זיינען דאָ אָנגעדייטעט, האָבן מיר שוין אַרויסגע־שיקט דורך דעם רבני מו"ה *) און ער וועט זיי ביילייגן צו אונדזער דאָזיקער בקשה אַזוי ווי מיר האָבן שוין צו אים געשריבן.

„פון אונדזער ענגשאַפט, אַפּעלירן מיר צו אייך און מיט אַ ברייטקייט וועט איר אונדז ענטפערן, זייענדיק באַרירט פון גאָטס גוטער האַנט, כדי די טרוקענע ביינער, וואָס דערהאַלטן נאָך זייער נשמה, זאָלן בלייבן לעבן. און גאָט

*) דער נאָמען פעלט אין שפּיראָס אָפּשריפט.

זאָל שיקן זיין מלאך פאַר אייך, אַרויסצוציען אונדזער משפט אויף דער ליכט, ווי איר און אייערע איבערגעגעבענע קנעכט ווינטשן עס.

אַלע פּאַסעסאָרס פון דער פּאַדליאַשער וואָיעוואָדסטווע *)"

צום סוף ענדיקט זיך די בקשה מיט פאָלגנדן שיר אין העברעאיש:

„לפנים אנשי נכבדי תבל היו שריך,
רועי ישראל עמודי עולם גדלת בנעוריך,
גם עתה יש בך גודרי גדר עומדים בפרץ.

עוד לך רועה ירעה דעה עמך,
יורם דרכי טוב צדק ומשרים ילמדך,
כל לב מנו שמח, נוח הוא לכל רוחות.

גם נדיבים נקיי דעת בך נמצאו,
עושי צדקה וחסד שועת דל ישמעו,
אל כל אובד ומר רוח עיניהם פקוחות.

עתה בנדבות רוחם בית מרפא החדישו,
מזור לחולי עמינו מחדש הקדישו,
להחיות בו נדכאים אותו הכינו.

אם נפש אחת כעולם ומלואה תחשב ?
אף כי רבבות מטים למות להשב,
אין זה כי אם בית אלקים עולמיב יבנו.

הביטה ד׳ ממרומך וברך את עמך,
פועל ידם תרצה סוככם בסוכת שלומך,
אם אנחנו לרפאות חולים פקחנו עין.

שלח אתה מקודש אלקים עזרך לתרף
הסר מחלונו מות אמור למלאך הרף,
כי בלעדיך אין עזר, רופא בלעדיך אין".

דער שיר איז אַ לויב־געזאַנג צום יידישן פאָלק, וועלכעס האָט נאָך מנהיגים וואָס שטעלן זיך איין פאַר זייערע געפּלאָגטע ברידער און ענדיקט זיך מיט אַ תפילה צום אויבערשטן, אַז ער זאָל זיי מציל זיין פון טויט, ווייל אויסער אים איז נישטאָ ווער עס זאָל העלפן אָדער היילן.

וואָס איז געוואָרן מיט די פּאַסעסאָרס? וועלכער איז געווען דער רעזולטאַט

*) אויך די אונטערשריפטן פעלן.

פון זייער בקשה? — ווייסן מיר נישט. מיר האָבן נישט געפינען ביי דובנאָוון קיין אָנדייט וועגן דעם. ווי געזאָגט, איז דער דאָזיקער דאָקומענט אַ בולטער באַווייז, ווי אַזוי די דעמאָלטדיקע פּוילישע רעגירער פון דער שטאַרק־באַשניטע־נער אויטאָנאָמישער פּראָווינץ, האָבן זיך איזדעקעוועט איבער די ייִדן, און ווי בלינד זיי זיינען געווען אין זייער שנאה צו ישראל, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער חלף האָט זיך שוין געהאַט טיף איינגעשניטן אין דעם האַלדז פון זייער מלוכהשקייט, האָבן זיי נאָך אַלץ נאָר געטראַכט ווי אַזוי צו טאָן שלעכטס צו ייִדן.

מתנגדים און חסידים אין מעזריטש

ווי אזוי האָבן אויסגעזען די באַציאונגען צווישן די מתנגדים און חסידים אין מעזריטש? ווי אזוי האָבן די מתנגדים רעאַגירט ביים באַווייזן זיך פון דעם חסידישן „כת"*) אין מעזריטש? מיר שטעלן די פראַגע מיט אַ ספּעציעלע כוונה, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז מעזריטש איז געווען באַצייכנט אַלס מתנגדישער אינדזל אינדערמיט פון חסידישן פּוילן; קומט דערפאַר אויס אַז אַזוי דיקטירט דאָך דער שכל־הישר, אַז די חסידים זייענדיק אַ קליינע מינדערהייט, האָבן געדאַרפט שטאַרק פילן דעם דרוק פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון די מתנגדים. איז דאָס טאַקע אַזוי געווען? און נאָך אַ פראַגע: אין וועלכער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן די ערשטע שפּראָצן פון חסידיזם אין מעזריטש?

דובנאָוו אין זיין „לתולדות החסידות"**) דערמאָנט, דרך אגב, בלויז אַן אָנדייט פון חסידיזם אין מעזריטש און דאָס אָנגעגעבענע יאָר איז תקנ"ד; אָבער מיר וועלן זיך באַנוצן מיט אַן עלטערן מקור.

ר' יעקב שפּיראָ, אין אַ בריוו צו דובנאָוון (מיר האָבן שוין דעם בריוו ציטירט, אין שייכות מיט דעם בעל־הבית פון מעזריטש — פירשט, אַדאַם טשאַרטאָריסקי***) דערציילט, צווישן אַנדערעם: „אין ..ט' תמוז תקמ"ו האָט מען אַרונטערגעזעצט פון כסא־רבנות דעם בן־עיר (ר' אברהם בן יהודה מנחם לייב ז"ל, — מ. ע.) און אַ יאָר שפּעטער האָט מען אויפגענומען פאַר רב ר' מיכל פון קוזמיר ז"ל. ער איז געווען אַ חסיד און ער איז דאָ געזעסן אַרום 10 יאָר און האָט געהאַט אַ מחלוקת מיט די מתנגדים, וועלכע האָבן נישט געקענט אים אַרויסטרייבן דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט חן אין די אויגן פון דעם המון, ווייל ער פלעגט גיין באַזוכן די קראַנקע; ער האָט געגעבן רפואות און געטיילט סגולות צו אַלע וואָס זיינען געקומען צו אים; און דאָס איז אים בייגעשטאַנען, אַז מען זאָל אין יאָר תקנ"ג, כ"ח תמוז, באַנייען מיט אים דעם כתב־רבנות און

*) אזוי האָבן די מתנגדים גערופן די חסידים: כת — סעקטע, וואָס האָט געהאַט אַ בייגעשמאַק און דערמאָנט אין דער באַצייכענונג פון „כת" פון די שבתי־צביניקעס.

**) כרך ג', פאַרלאַג „דביר", תל־אביב.

***) זע פריער וועגן דער דאָזיקער געשיכטע.

ער איז געבליבן ביי זיין קעניגרייך (אין דער גמרא ווערן די רבנים טיטולירט מלכים — מ. ע.) נאָך עטלעכע יאָר..."

אַט דער דאָזיקער ציטאַט, איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. עס ווערט דורך אים קלאָר אַ סך פאַקטן אין שייכות צו אונדזער טעמע.

פון דער אויבנדערמאָנטער דאַטע קענען מיר דרינגען, אַז מעזריטש האָט געהאַט חסידים, אפשר, פון דעם סאַמע אָנהייב אָן פון דער אַנטשטייאונג פון דער באַוועגונג. די חסידישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, בערך, אין יאָר ת"ץ; דאָס מיינט צו זאָגן, אַז פון דער אַנטשטייאונג פון חסידיזם ביז דער אויפנאַמע פון ר' מיכל קאזמער פאַר מעזריטשער רב, איז אַפּגעלאָפן בסך־הכל עטלעכע פופציק ביז זעכציק יאָר; און בלויז, בערך, 27 יאָר, זיינען אַפּגעלאָפן זינט דער פּטירה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, דער גרינדער פון חסידיזם, ביז דער אויפנאַמע פון ר' מיכל קאזמער אין מעזריטש. דער דאָזיקער מעזריטשער רב האָט, מעגלעך, נאָך געקענט פּערזענלעך דעם בעל־שם־טוב און אויך געוויס געקאַנט זיין יורש ר' בער, דער מגיד פון מעזריטש (נעבן ראָוונע). ווי עס שיינט, איז דער ר' מיכל געווען אַ תלמיד פון דעם באַרימטן רבין ר' שמעלקע (ברודער פון דעם גאון ר' פנחס הורוויץ, מחבר פון די ספרים „הפלאה" און „המקנה"), וועלכער איז מער פון עמעצן אַנדערש געווען איינער פון די זיילן פון חסידיזם אין פּוילן. ווייל ער, דער רבי ר' שמעלקע האָט דאָס אויפגעשטעלט זיין באַרימטע ישיבה אין דעם פּוילישן שטעטל ריטשעוואָל, ווו ער איז געווען רב (שפּעטער איז ער געוואָרן רב אין ניקלסבורג, בעהמען). דאָרט האָבן געלערנט די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע רביים, ווי דער „חוזה" ר' יעקב־יצחק פון לובלין, דער קאָזשעניצער מגיד ר' שבתי, ר' משה־לייב סאַסאָווער א. אַנד. אין דער ישיבה האָט מען געזען איינצופלאַנצן חסידות אין די הערצער פון די תלמידים און ר' שמעלקע פלעגט זיי אויך מיטנעמען צום רבין ר' בער.

דאָס יאָר תקמ"ו, איז געווען גאָר נאָענט צום סאַמע בראשית פון חסידיזם. עס שליסט זיך אין דער תקופה, ווען עס האָבן נאָך געלעבט דעם בעל־שם־טובס תלמידים און זיינע תלמידימס תלמידים; אַ תקופה וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם שאַרפסטן קאַמף, וואָס די מתנגדים, אָנגעפירט פון דעם ווילנער גאון ר' אליהו און זיינע תלמידים, האָבן פאַרפירט מיט די מענטשן פון דעם „כת" — די חסידים.

דער צווייטער מקור וועגן דער חסידישער באַוועגונג אין מעזריטש, געפינען מיר, ווי שוין געזאָגט, ביי דובנאָוון אין זיין „לתולדות החסידות" אין דעם איבערגעדרוקטן בריוו, וואָס ר' דוד מאַקאָווער האָט געשריבן צו זיין עלטער־פּעטערס אייניקל אין מעזריטש, הרב יהודה ספרא ונאמן *).

*) פּראָפ. ש. דובנאָוו, „לתולדות החסידות", הוצאת „דביר", תל־אביב, כרך ג'. דער אָריגינעלער בריוו האָט זיך געפונען ביי ר"י שפּיראָן און ער האָט דעם בריוו אָדער אַ קאָפּיע געשיקט צו דובנאָוון.

ר׳ דוד מאַקאָווער, איז געווען איינער פון די באַרימטסטע מגידים אין זיין צייט און איינער פון די שאַרפסטע באַקעמפער פון די חסידים און זייערע רביים. נישט בלויז וואָס ער איז געווען פון די מקורבים פון ווילנער גאון און זיינע תלמידים און געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט האַלטן דרשות קעגן דעם „כת", נאָר ער האָט אויך מחבר געווען דאָס קלאַסישע אַנטי־חסידישע ספר „זמיר עריצים" אָדער „שבר פושעים", וועלכעס האָט אויפגערודערט דורות, סיי מיט זיין אָנגרייפערישן טאָן און סיי מיט זיין אינהאַלט.

דער מאַנוסקריפּט פון דעם אויבנדערמאָנטן בריוו, האָט זיך געפונען אין רשות פון ר׳ יעקב שפּירא, וועלכער האָט אים באַקומען פון דעם מחברס זון און ער האָט געמאַכט דערפון אַן אָפּשריפט, וועלכן ער האָט געוויזן (ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו דובנאָוון), דעם באַרימטן מעזריטשער רב ר׳ אליעזר הרל״פ. וועגן וועמען מיר וועלן נאָך שרייבן אין דעם קאַפּיטל. אויך דער בריוו, וואָס ר׳ דוד מאַקאָווער האָט געשריבן צו זיין מעזריטשער קוזין, האָט זיך געפונען ביי שפּיראָן און ער האָט אים איבערגעשיקט צו דובנאָוון. דער דאָזיקער בריוו, וואָס איז איינער פון צווישן די וויכטיקסטע דאָקומענטן אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף צווישן די מתנגדים און חסידים, איז געשריבן אין העברעאיש, בעסער געזאָגט, לשון־קודש. מיר גיבן אים דאָ איבער אין דער יידישער איבערזעצונג מיט פאַרקירצונגען, דאָ און דאָרט, אַרויסלאָזנדיק שטעלן וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו אונדזער ענין:

„שלום לכבוד נ״ד (נכד דודי) ידיד נפשי ולבבי, ה״ה הרבני המופלג בתו״י (בתורה ויראה) מו״ה יהודה יודל נ״י (נרו יאיר) ויזרח.

„...כ׳וועל זיך נישט צוריקהאַלטן פון באַקאַנט מאַכן די וועגן פון די חסידים, אָט די רשעים און פושעים... דערפאַר מיין געליבטער קוזין זאָלסטו זיך נישט קערן צו די געטשקעס. טראַכט נישט חלילה, אפשר איז דאָך פאַראַן ביי זיי האָפענונג. וויי צו זיי און וויי צו זייערע נשמות. דערפאַר מיין געליבטער קרוב, דערווייטער זיי ווי אַ פרוי וואָס איז אַ נידה — שקץ תשקצנו כי חרם הוא *)

*) הרב שמעון גליקסבערג, א יליד מעזריטש, פריער רב אין אָדעס און נאָכדעם ראב״ד אין תל־אביב; דאָרט נפטר געוואָרן כ״ט כסליו, תשי״א, שרייבט אין זיינע זכרונות — פון איבערגעדרוקטן קאַפּיטל אין בוך „מעזריטש": — „עס איז געווען אָנגענומען (ד. ה. מתנגדים האָבן אזוי געהאלטן, מ. ע.) אָנצוהענגען די שולד פון דער מחלוקת די חסידים. זיי, די חסידים דערלויבן זיך צופיל... מיט זייערע אויס־מערלישע מנהגים. א טייל פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין גרויסן בית־המדרש. דאָרט האָבן זיי געהאט גענוג פלאַץ בעתן דאווענען צו לויפן אויף און אָפּ, צו דערוואַרעמען דאָס געפיל, און דאָס רייכערן דעם ליולקע־ציבעק פאַרן דאווענען איז אויך געווען א מין עבודה. און טיילמאָל האָבן זיי אפילו אויפן הויכן קול זיך דערלויבט צו דאווענען בציבור לפי נוסח ספרד, און אז די מתנגדים האָבן דערהערט דעם „ויצמח פורקניה" אָדער „הודו" פאַר „ברוך שאמר" אין סאַמע גרויסן בית־המדרש, זיינען זיי ממש אויפגעציטערט געוואָרן ווי א שלאַנג וואָלט זיי געביסן. און פון דעם איז

ווייל די חרמים, וואָס אַכציק גאונים און צדיקים האָבן אַרויסגעגעבן זיינען נאָך אין קראַפט (דער בריוו איז אויך געווען אָן ענטפער אויף דעם קלאַנג, וואָס די חסידים האָבן אַרויסגעלאָזט, אַז דער ווילנער גאון זאָל האָבן אויסגעדריקט זיין חרטה אויפן חרם, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט מיט יאָרן צוריק צוזאַמען מיט דעם דעמאָלטדיקן ווילנער רב א. א. ר' דוד מאַקאָווער ווייזט אָן, אַז נישט נאָר איז יענער חרם נאָך אין קראַפט, נאָר אַז דער חרם איז ווידעראַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן — מ. ע.), און עס איז אסור צו רעדן מיט זיי (מיט די חסידים — מ. ע.), אָדער אַריינקומען אין זייערע הייזער. זיי פונדערווייטנס פון די נאַרישע מענטשן און טרעט־אָפּ פון די געצעלטן פון אָט די רשעים. כ'בעט דיך מיין קרוב, גיב זיך נישט אָפּ מיט עולם־הזהדיקע ענינים. זע פון וואַנען דו שטאַמסט, כדי דו זאָלסט גיין אין דרך־הישר... און זאָלן זיי (די חסידים — מ. ע.) זיין אַזוי אומווירדיק ווי עבודה־זרה, און זאָלן זיי יונג שטאַרבן. קער דיין האַרץ צו דער סטעזשקע אויף וועלכער דו האָסט געטראָטן און אויך דיינע עלטערן..."

דער דאָזיקער בריוו, וועלכער איז געווען אַ תשובה אויף ר' יהודה יודלס אַ בריוו צום מאַקאָווער מגיד, איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז נישט נאָר איז אין שטאָט שוין דעמאָלט געווען אַ גאַנץ שטאַרקע חסידישע גרופּע נאָר, אַז אויך ער אַליין האָט געהאַט „זינדיקע מחשבות" און איז געשטאַנען אין אַ גאַנץ נאָענטן קאָנטאַקט מיט זיי און געגלויבט, אַז „דאָרט איז פאַראַן האָפענונג". און וואָס איז דער ווונדער? דער מעזריטשער רב איז דאָך געווען אַ חסיד. עס איז נישט אָנגעמבאַר, אַז ר' מיכלס חסידישע וועגן, זיינען געווען אומבאַקאַנט אין דעם שטעטל, פון וואַנען ער איז געקומען קיין מעזריטש; אַזוי, אַז די מעזריטשער קהילה וועלכע האָט אַוודאי געוווּסט פון דעם ווילנער גאונס חרם, האָט אויך געוווּסט וועגן די חסידישע דרכים פון דעם רב, ווען זיי גייען אויפנעמען, נאָכדעם ווי זיי האָבן מעביר געווען זייער בן־עיר. ס'איז קלאָר, אַז ר' מיכלס חסידות איז נישט געווען קיין שטער צו זיין באַשטימונג אַלס רב. מעזריטש האָט געזוכט אַ רב אַ למדן און דאָס האָט מען אין אים געפונען, ווי עס איז צו זען פון די הסכמות, וואָס מחברים האָבן געבעטן פון אים. עס איז דערפאַר נישטאָ קיין ספק, אַז אין מעזריטש האָט שוין דעמאָלט, אין יענע שווערע טעג פון מחלוקת, געעמוזט זיין אַ גאַנץ שטאַרקע חסידישע גרופּע וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע דעה אין שטאָט. דאָס קאָן מען אויך אַרויסדרינגען פון דעם באַנייטן

אַרויסגעקומען פולע קריגעניש... די זאַך איז אפילו דערגאַנגען ביז צו די טויערן פון גויאישן געריכט, און עס איז אַרויס אַ פּסק־דין... אַז מען טאָר נישט אָנהויבן מיט „הודו", נייערט מיט „מזמור שיר חנוכת"; אויך טאָר מען נישט רייכערן אין בית־המדרש הגדול. עד היום איז נאָך געבליבן די מודעה מיט גרויסע אותיות אין גרויסן בית־המדרש: „בכאן אסור לעשן... הן עפּ"י דת הן עפּ"י חוקי הממשלה" (אויך איך האָב די אויפשריפט געזען אָפּט. אָבער די דאָזיקע אויפשריפט איז די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן שוין געווען פאַרפאַרבט. מ. ע.)

קאָנטראַקט, וואָס די מעזריטשער קהילה האָט געמאַכט מיט דעם זעלבן רב אין יאָר תקנ״ג (כמעט אין זעלבן יאָר, ווען דער אויבנדערמאָנטער בריוו איז גע- שריבן געוואָרן), נישט געקוקט אויף די מחלוקת. וואָס די מתנגדים האָבן געפירט מיט אים.

די דאָזיקע השפעה פון דער חסידישער גרופּע, מיינען מיר, האָט אויך גע־ ווירקט אַז מעזריטש זאָל זיך נישט באַטייליקן אין דעם באַנייטן חרם פון די 80 רבנים אויף די חסידים, אין וועלכן דער דעמאָלטדיקער בריסקער רב ר׳ אריה־ לייב, האָט גענומען אַזאַ פירנדיקע ראָלע און זיך, גאַנץ באַזונדערס, באַרימט געמאַכט מיט זיין וויכוח מיט ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער און ער האָט זיך אפילו באַרימט, אַז ער האָט ר׳ לוי־יצחקן באַזיגט.

בריסק און מעזריטש, זיינען געווען נאָענטע שכנים און ווי געשיקט עס זיך, אַז דער בריסקער רב זאָל האָבן דורכגעלאָזט אַזאַ קהילה ווי מעזריטש? אָדער ער זאָל זיך נישט אריינמישן אויף נישט צו דערלאָזן, אַז אַזאַ וויכטיקע קהילה ווי מעזריטש איז שוין דעמאָלט געווען, זאָל נישט אויפנעמען קיין חסידישן רב? אָדער שפּעטער זען, אַז מען זאָל נישט באַנייען דעם כתב־רבנות מיט אים? איז טאַקע גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט מעזריטש נישט דורכגעלאָזט, אָבער ער האָט גאָר נישט געקענט פועלן.

מעזריטש האָט שוין דעמאָלט, אָן שום ספק, געהאַט אַ גאָר שטאַרקע חסי־ דישע גרופּע וועלכע איז באַשטאַנען פון לומדים און עשירים, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע דעה אין שטאָט. אויסער דעם, ווען די מתנגדים האָבן אָנגעזאָגט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם חסידישן רב, האָבן זיי געהאַט קנאַפּע שאַנסן אים צו קענען באַזייטיקן, ווייל דער המון האָט שטאַרקן געהאַלטן פון אים. עס איז דער־ פאַר גאָרנישט קיין ווונדער, פאַרוואָס ר׳ יהודה־יודל ספרא ינאַמן פון דער קהילה, איז געוואָרן פאַרכאַפּט, אָדער אָנגעשטעקט, פון דעם חסידישן געדאַנק. נישט נאָר איז ער געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם חסידישן רב, וועמענס דרכים זיי־ נען געווען וווּנדערלעכע, ווי שפּיראָ גיט עס אליין צו, נאָר ער איז אויך אַרונ־ טערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון זיינע חסידישע בעלי־בתים. דער ווונדער איז בלויז אויף ר׳ דוד מאַקאָווער, וועלכער מאַכט אים אויפמערקזאַם אין דעם בריוו, אַז ער זאָל זיך דערווייטערן פון די רשעים און פון זייערע הייזער, לויט ווי ס׳איז די תקנה פון דעם אָנגענומענעם חרם קעגן די חסידים. האָט ער דען געקענט אויסמיידן דעם רב אָדער די פירנדיקע מיטגלידער פון דער קהילה?

כאָטש די מעזריטשער מתנגדים האָבן אין די ערשטע יאָרן נישט באַוויזן אויפצוטאָן אַ סך אין זייערע באַמיאונגען, אָפּצושוואַכן דעם חסידיזם. האָט עס זיי פונדעסטוועגן נישט אָפּגעהאַלטן פאָרצוזעצן זייער קאַמף און זיי האָבן געזוכט אַלערליי מיטלען, אויף צו קאָנען באַקעמפן די השפעה פון די חסידים אין אונ־ דזער שטאָט.

צווישן די מיטלען מיט וועלכע די מתנגדים האָבן זיך באַנוצט צו דערלאַנ־

גען אַ קלאַפּ דעם חסידיזם, איז אויך געווען דער באַראַטונגס־קאַמער פון יידישע פאַרשטייער ביי דער קאָמיסיע פון יידישע ענינים, וואָס די פּוילישע אויטאָנאָמע צענטראַל־מאַכט, האָט געהאַט באַשטימט כדי צו „ציוויליזירן" די יידישע מאַסן.

לויט אונדזערע ידיעות, איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון איין זייט פון אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן און משכילים, ווי מיכל עטינגער, יצחק יאַנאַ־שעס און די געמעסיקטע משכילים און לומדים ווי ר' שלמה פּוזנער און ר' אברהם שטערן און פון דער אַנדערער זייט פון די שטרענג־אָרטאָדאָקסישע רבנים, ווי ר' שלמה אייגער (צו יענער צייט אַ תושב אין וואַרשע און נאָכדעם דער ממלא מקום פון זיין באַרימטן פאָטער, ר' עקיבא אייגער), דער לובלינער רב ר' שלמה אשכנזי א. אַ.

וואָס האָבן אַזעלכע פרומע יידן און לומדים, ווי די רבנים אייגער און אשכנזי און דער פרומער למדן ר' חיים האַלבערשטאַם געהאַט צו טאָן מיט אַ קאָמיסיע, וואָס איז געוואָרן באַשטימט מיט דעם שטאַרק־צעפּויקטן צוועק, צו „ציוויליזירן" די יידישע מאַסן? ס'איז זיכער, אַז דער קאָמיטעט האָט אין גרונט געמיינט צו קענען לייזן וויכטיקע פראַגן, איבערהויפּט די פראַגע פון סטאַביליזירן דעם לעגאַלן סטאַטוס פון די יידן אין פּוילן. אָבער, עס איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז דורך דעם קאָמיטעט וואָלט מען געקענט אַ סך דערגרייכן, ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן, צו צוימען די חסידישע באַוועגונג אין פּוילן. די פרומע רבנים וועלכע זיינען געווען פייערדיקע מתנגדים און אָנהענגער פון ווילנער גאונס שיטה, האָבן געהאַפּט אויסצונוצן די יידישע קאָמיסיע לטובת זייער ריכטונג. אָט די בשות־פותדיקע שנאה צו חסידות, האָט צוזאַמענגעבראַכט אַזוינע מאָדנע שותפים צו־זאַמען.

ווי מיר ווייסן שוין אויך, איז אַ מעזריטשער חשובער סוחר געווען איינער פון די קאָמיטעט־מיטגלידער וועלכע האָבן פאַרטראָטן דער פּראָווינץ. מעזריטשער האָבן, בכן, געהאַפּט, אַז צוזאַמען מיט אַנדערע מתנגדים וועלן זיי קענען דערלאַנ־גען דעם חסידיזם אַ טויט־קלאַפּ *).

ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, איז גאָרנישט אַרויסגעקומען פון יענער קאָמיסיע, און די יידישע ראַטגעבער האָבן גאָרנישט דערגרייכט. די פּאָלאַקן האָבן נישט גענומען ערנסט דעם פאַרמעסט פון דעם קאָמיטעט צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן, פאַרפעסטיקן די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און שאַפן פאַר זיי אַ לעגאַלן סטאַטוס, ווען אַפילו דאָס זאָל זיין אויפן חשבון פון פאַר־וואַנדלען די יידן אין אמתע „פּאָלאַקן פון משהס גלויבן". אויך די מעסיקע משכי־לים, פאַראייניקט מיט די מתנגדים אין זייער קאַמף קעגן די חסידים, האָבן אויך

*) זע אויספירלעכער וועגן דעם: דובנוב, „דברי ימי עם עולם", כרך ט', הוצאת „דביר", תל־אביב, ז. 148-49 און דר. י. שיפּער „זשידזשי קראָלעסטוואָ פּאָלסקיעגאָ וו' דאָביע פּאָוסטאַניא ליסטאָפּאַדאָוועגאָ", וואַרשע, 1932, ז. 31.

גאַרנישט געקענט דערגרייכן מיט דער הילף פון דעם קאָמיטעט. דורך פאַרשידענע מיטלען האָבן די חסידים באַוויזן אָפּצושרייען אַלע גזירות קעגן זיי. אַלץ וואָס מען האָט דאָ געפּועלט, מ'שטיינס געזאָגט, ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, איז געווען, אָפּצושאַפן די כלומרשטע אויטאָנאָמיע פון די קהילות און דאָס שאַפן פון אַ ראַבינער־שולע, וועלכעס האָט געהאַט בלויז איין צוועק, צו דערווייטערן די יידן פון זייער אמונה: אַ זאַך וואָס דער באַקאַנטער משכיל און מאַטעמאַטי־קער ר' אברהם שטערן האָט באַטראַכט ווי שמד, און ווען מען האָט אים פאַר־געשלאָגן צו ווערן איר ערשטער דירעקטאָר, האָט ער זיך פון דעם „כבוד" אָפּ־געזאָגט. די חסידים האָבן דערווייל טריאומפירט. דער פאַרמעסט פון די מתנגדים צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די חסידים דורך דעם יידישן קאָמיטעט, מיט דער הילף פון דער מאַכט, איז געווען אַ פאַרשפּילטער. די חסידישע באַוועגונג, אָנגע־פירט פון די רביים און חשובע חסידים, האָט איצט געהאַט אַ פריי פעלד פאַר איר אויסשפּרייטונג און דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף מעזריטש.

ווי שטאַרק די חסידישע באַוועגונג איז געווען אין מעזריטש און איר איינ־פלוס אויף דעם קהילה־לעבן, זעען מיר אויך פון דער באַשטימונג פון אַ צווייטן חסיד אַלס ראב"ד (ראש בית־דין). דאָס איז געשען אין יאָר תקצ"ב. ער האָט געהייסן ר' יעקב־דוד בידערמאַן און ער איז געווען צו־ערשט פון די גדולי תלמי־דים פון דעם רבין ר' שלמה־לייב לענטשער. נאָך דעם לעצטנס פּטירה, איז ער געוואָרן פון די גדולי תלמידים פון ר' מנחם־מענדל קאָצקער און נאָך דעם לעצטנס פּטירה, איז ער געוואָרן אַ תלמיד פון ר' איטשע־מאיר אַלטער — באַקאַנט אַלס בעל חידושי הרי"ם (זיי האָבן זיך אויך שפּעטער משדך געווען). ער איז נישט בלויז געווען אַ שאַרפער חסיד, באַאיינפלוסט פון זיינע דריי אויבנדערמאָנטע חסידישע רביים; נאָר ר' יאַנקל־דוד (אַזוי האָט מען אים גערופן) איז אַליין געווען אַ שטיק רבי און ער האָט זיך געפירט ווי אַ רבי. חסידים האָבן דערציילט מופתים פון אים און אים געהאַלטן פאַר אַ בעל רוח־הקודש.

מיין פאָטער הר' יחיאל נ"י, — וועלכער איז אַליין אָפּגערוקט פון אָט דער צייט בסך־הכל צוויי דורות און האָט נאָך אַליין געקענט זקנים פון יענעם דור מיט וועלכע ער האָט גערעדט (ער האָט אויך פיל געהערט פון זיין פאָטער, וועל־כער האָט זיכער געקענט יענעם דור און ער האָט אויך פיל געהערט פון זיין שווער ר' יהודה־לייב, וועלכער איז געווען איינער פון יענעם דור, אַ חבר פון דעם צדיק ר' נתנקע מאַקאָווער, געפאָרן צום חוזה פון לובלין, צום קאָזשעניצער מגיד ר' ישראל און צו אַנדערע רביים פון יענער צייט), — האָט וועגן יאַנקל־דודן, זיין פאָטער און אַנדערע צדיקים און חסידים אין זייער שייכות צו מעזריטש דערציילט אָט־דעם מערקווירדיקן עפּיזאָד:

ר' יאַנקל־דוד איז געווען באַקאַנט אַלס אַ בעל רוח־הקודש. ר' אייזיק ליכט־ציער, דער שווער פון אהרן־הערש זשעליכאָווער (דעם לעצטן האָט דער שרייבער פון די שורות געקענט), האָט מיר דערציילט: איינמאָל ווען ער איז געגאַנגען

ערב־פסח דאַוועגען צו ר׳ יאַנקל־דודן (ער פלעגט האָבן ביי זיך אַ חסידישן מנין), האָט אים ר׳ יאַנקל־דוד אַ זאָג־געטאָן: לויף שנעל אַהיים, ווייל דאָרט געפינט זיך נאָך חמץ. האָט ר׳ אייזיק זיך דערשראָקן און געלאָפן אַהיים און אָנגעהויבן זוכן און געפונען אַ שטיק ברויט.

און נאָך האָט דערציילט מיין פאָטער:

ר׳ יאַנקל־דודס פירונגען זיינען אויך געווען אויסטערלישע. ווען עס איז געגאַנגען די סדרה ווו עס רעדט זיך וועגן קרבנות, וואָס די נשיאים האָבן געבראַכט ביים באַנייען דעם משכן, פלעגט ר׳ יאַנקל-דוד זיצן נעבן זיין הויז, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דער שול, און ער פלעגט צורופן די פאַרבייגייער און זיי פרעגן ווער ס׳איז געווען דער נשיא פון דעם טאָג. די אַלע וועלכע האָבן געוווּסט צו ענטפערן, האָט ער געטיילט בראָנפן מיט לעקעך.

זאָל עס זיין, אַז זיין רוח־הקודש און זיין צדקות האָבן אַזוי אימפּאָנירט דעם מעזריטשער קהל, אַז זיי האָבן אים צוליב דעם אויפגענומען אַלס ראב״ד? די סיבה איז, וואַרשיינלעך, אויך נישט געווען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער גאון, ווי עס איז צו זען פון זיין באַרימטן ספר „הגהות מהרי״ד״ אויף ר״ש משאנץ, וואָס ער האָט אַרויסגעבן פון אַ כתב־יד צוזאַמען מיט דעם „תורת כהנים״ (וואַרשע, תרכ״ו). מעזריטש איז געווען באַקאַנט אַלס שטאָט פון גרויסע לומדים און עס האָבן אַוודאי נישט געפעלט קיין מתנגדישע לומדים און אפילו בעלי־מופתים צווישן זיי.

פּונקט אַזוי קענען מיר נישט אָננעמען די סברא, אַז זיין באַשטימען אַלס ראב״ד איז געוואָרן דעצידירט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ בן־עיר און ער איז געווען דער זון פון ר׳ ישראל־איסר און געשטאַמט פון דעם באַרימטן גאון דער בעל „כנסת יחזקאל״ א. אַ. גאונים, וועלכע האָבן געשטמט אין דעם אַמאָליקן פּוילן. גראָד פאַרקערט, דאָס וואָס ער איז געווען אַ בן־עיר, אַ מעזריטשער פון געבוירנשאַפט איז שוין גאָרנישט געווען קיין מעלה, און נאָך ווייניקער מעלה איז געווען, וואָס זיין פאָטער איז געווען ר׳ ישראל־איסר. ווייל ביי די מתנגדים איז ר׳ ישראל־איסר אַליין אויך נישט געווען צום הארצן.

ר׳ ישראל־איסר (דערציילט פון מיין פאָטער נ״י), האָט געשטאַמט פון אַפּאַטאָוו אָדער אַפּט *), באַקאַנט אַלס דאָס זיץ־פּלאַץ פון דעם באַרימטן צדיק

*) לויט דעם באַקאַנטן רבנים-פאָרשער ר׳ יוסף לעווענשטיין — סעראָצקער רבי, קומט אויס, אַז ר׳ ישראל־איסר, איז פון דור־דורות א מעזריטשער. אָט וואָס ער שרייבט (זע אהל נפתלי, וואַרשע תרע״א—1910 פון אברהם חיים שמחה בונם מיכל־זאָהן, זייט 118 אין דער באמערקונג): „דער גאון און צדיק מ׳ דובעריש — דער לובלינער מגיד, האָט אין זיין יוגנט געלערנט ביים גאון מ׳ רפאל הכהן בעל תורת יקותיאל זצ״ל פון פויזן און האמבורג און אין מעזריטש־דליטא האָט געוווינט הרב מ׳ זיסקינד בהגאון מ׳ פתחיה בהרב עיר דוד לידא און ער איז געווען א קרוב פון דעם ר׳ זיסקינד, דער פאָטער פון ר׳ רפאל האמבורגער. ר׳ זיסקינדס זון, ר׳ דודי,

ר׳ אברהם יהושע־העשל. זיינע עלטערן זיינען געווען רייכע יידן וועלכע האָבן געהאַלטן פּריצישע גיטער אין אַרענדע. אַלס קליין יינגל, האָבן אים די עלטערן געבראַכט צום ייד־הקדוש –– ר׳ יעקב־יצחק פון פּשיסכע (דער ייד-הקדוש איז געווען אַן אַפּטער), אַז ער זאָל מיט אים לערנען. ר׳ ישראל־איסר האָט זיך געכאַ־וועט ביים „ייד" און געוואָרן פון זיינע גרויסע תלמידים. ר׳ ישראל־איסר פלעגט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט שוין געוווינט אין מעזריטש (ווי אַזוי ער איז געקומען צו באַזעצן זיך אין מעזריטש איז נישט באַקאַנט. מיר זיינען זיך משער, אַז ער איז געווען אַ מעזריטשער איידעם), דערציילט זאַכן, וואָס ער האָט געזען ביים „ייד" ווען ער האָט ביי אים געלערנט.

איינע פון צווישן די אינטערעסאַנטע מעשיות (דאָס האָט מיין פאָטער גע־הערט פון דעם זיידן. איך בין זיך משער אַז ער אַליין האָט עס נישט געהערט פון ר׳ ישראל־איסרן; ער האָט עס אַוודאי געהערט פון זיין שווער און אַנדערע מעז־ריטשער, וועלכע זיינען געווען ר׳ ישראל־איסרס ידידים) וואָס ער האָט דער־ציילט, איז די:

ווען ער איז געווען אַ תלמיד פון ייד הקדוש — און ער איז שוין דעמאָלט

האָט געשיקט זיין זון בנימין בינוש פון מעזריטש צו לערנען אין ר׳ רפאלס ישיבה אין פויזן (דער בנימין בינוש איז שפּעטער געוואָרן דער איידעם פון דעם ביישטאָטער רבי, ר׳ חיים) און אָט דער בנימין בינוש און ר׳ דובעריש מגיד, זיינען געווען נאָענטע חברים. א דריטער תלמיד פון ר׳ רפאלן איז געווען דער גאון ר׳ נתן יחזקאל, אן אור־אייניקל פון דעם „פּני יהושע" און אויך ער איז געווען זייערער א חבר.

„אין פּשיסכע האָט אמאָל געוווינט דער קאָזשניצער מגיד און ער האָט זיך דאָרט געחברט מיט דעם חשוב און למדן ר׳ בער, וועלכער פלעגט פאָרן האנדלען קיין לייפּציק און האמבורג, שפּעטער, ווען דער מגיד איז געוואָרן בארימט אין קאָזשניץ, איז דער ר׳ בער געוואָרן זיינער א חסיד, אָט דער רב בער האָט געהאט א טאָכטער און ער האָט געזוכט א גוטן חתן פאר איר, זייענדיק ביים מגיד, האָט אים דער לעצטער גע־עצהט, אז ער זאָל זוכן א חתן פאר זיין טאָכטער אין ר׳ רפאלס ישיבה אין האמבורג. ער האָט אזוי געטאָן און ער האָט פארקנסט זיין טאָכטער צו דעם אויבנדערמאָנטן נתן יחזקאלן... ער איז געווען א מתנגד און זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען חקירה־ספרים און פילאָזאָפיע. יעדעס מאָל ווען ר׳ בער פלעגט קומען צום מגיד, פלעגט דער מגיד זיך נאָכפרעגן אויף זיין איידעם און פארוואָס ער קומט נישט צו אים.

„איינמאָל, איז דער מגיד געפאָרן קיין פּשיסכע און איז אליין געגאנגען רעדן מיט זיין איידעם, אָבער יענער האָט אים קוים אויפגענומען און דער מגיד האָט זיך צוריקגעקערט קיין קאָזשניץ אָן צו דערגרייכן זיין ציל.

„עס זיינען אריבער עטלעכע וואָכן און דער ר׳ נתן יחזקאל האָט זיך פארטיפט אין דעם חקירה-ספר „אור ד'" פון ר׳ חסדאי און ער האָט זיך נישט געקענט אן עצה געבן און ארויס פון דעם פילאָזאָפישן פלאָנטער, און ער האָט באשלאָסן צו פאָרן צום מגיד, דער שווער האָט זיך דערפרייט און זיי זיינען פרייטיק געגאנגען צום מגיד נעמען שלום.

„פון דעם ערשטן געשפּרעך מיט דעם מגיד, האָט נתן יחזקאל געזען, אז דער מגיד קען לייענען זיינע געדאנקען און שבת ביים טיש האָט דער מגיד גערעדט וועגן

געווען אַ גאַנץ גרויסער לַמדן — פּלעגט ער שטאַרק וועלן איינהערן זיך צו די געשפּרעכן, וואָס דער ייד־הקדוש פּלעגט פירן יעדן אָוונט מיט זיין תּלמיד — דער רבי ר' בונם פּשיסכער. אָבער יעדעס מאָס פּלעגן זיי אים זאָגן: „איסר, גיי שלאָפן".

דער דאָזיקער אופן ווי זיין רבי און עלטערער חבר פּלעגן זיך פירן מיט אים, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט פאָרט געוואָלט וויסן, וואָס זיי שמועסן צווישן זיך; האָט ער באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ער וועט זיי נישט פאָלגן און אויסזוכן כלערליי תּירוצים, צו בלייבן אין חדר צוזאַמען מיט דעם רבין און זיין תּלמיד. ער האָט עס אויסגעפירט. אָבער — האָט ר' ישראל־איסר ווייטער דערציילט — נישט נאָר האָט ער נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט פון זייער שמועס, נאָר עס איז אים אויך אָפּגענומען געוואָרן דער כוח־השמועה. ער האָט זיי געזען בלויז באַוועגן מיט די ליפּן און נישט געהערט קיין וואָרט, וואָס זיי האָבן גערעדט.

שפּעטער, ווען דער „ייד" איז נפטר געוואָרן, איז ר' ישראל־איסר שוין מער נישט געפאָרן צו קיין אַנדערן רבין. חסידישע רביים, וועלכע זיינען געקומען קיין מעזיטש (ווי ר' שלמה־ליב לענטשנער וועלכער איז אויך געווען פון די גרויסע תּלמידים ביים „ייד" און וועמען ר' ישראל־איסר האָט אוודאי שטאַרק פאַרהערלעכט און צו וועמען ער האָט געשיקט זיין זון ר' יאַנקל־דודן. אָדער ר' אשר סטאָלינער, אַ זון פון ר' אהרן קאַרלינער, וועלכער האָט פאַרשפּרייט חסידות און געווען פון די גרעסטע תּלמידים פון דעם מעזריטשער מגיד און אַ ציל־ברעט

די דאָזיקע ענינים און דער שמועס האָט נתן יחזקאלן געוויזן דעם וועג אויף אַרויס פון דעם פּלאָנטער.

„אַ צייט שפּעטער, האָט זיך ר' נתן יחזקאל משדך געווען מיט זיין יוגנט־פריינט פון מעזריטש ר' בנימין־בינוש. ער האָט גענומען פאַר זיין טאָכטער חיה מינדל ר' בנימינס זון — ישראל איסר. דעם שידוך האָט צוזאַמענגעפירט טאַקע דער דריטער חבר ר' דובעריש — דער לובלינער מגיד. היות, ווי אין מעזריטש האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דאָס חסידות פון דעם זשעליכאָווער צדיק, באַקאַנט אלס ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, האָט ר' בנימין בינוש געבראַכט זיין יוגנט־חבר, דעם לובלינער מגיד צו דרשנען קעגן די חסידים און זיי האָבן, אַ דאַנק זיין השפּעה, געמאַכט אַ כתב געחתמעט פון אַלע שטאָט־מענטשן, נישט צו פאַרדינגען אַ קלויז פאַר די זשעליכאָווער חסידים.

„אָבער, נאָכדעם ווי ר' ישראל איסר איז געקומען קיין פּשיסכע, איז ער געוואָרן אַ תּלמיד פון דעם ייד הקדוש און ווען ער איז צוריקגעקומען קיין מעזריטש, נאָך זיין פאָטערס טויט, האָט ער זיין משפּחה באַקערט צום חסידות און אין זיין פאָטערס הויז האָט ער געעפנט אַ חסידים־שטיבל.

„דער לובלינער מגיד, האָט עס אפילו פאַרויסגעזען און געזאָגט צו זיין חבר ר' בנימין־בינושן, אַז זיין זון וועט זיין אַרבעט צונישט מאַכן.

„ווען ר' ישראל־איסר האָט געפּראַוועט דעם פּדיון־הבן פון זיין בכור (דער שפּעטערדיקער ראב"ד פון מעזריטש) יעקב־דוד, זיינען געקומען צום פּדיון־הבן דער

פאַר די מתנגדים א. א.), זיינען איינגעשטאַנען ביי אים. ר׳ ישראל־איסר אַליין האָט זיך געפירט ווי אַ רבי און איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין רבין — דער ייד הקדוש. זיינע דרכים האָבן אַרויסגערופן גרויס קעגנערשאַפט, נישט נאָר צווישן די מתנגדים נאָר אויך צווישן פיל חסידים אַליין, דערפאַר וואָס דער „ייד" האָט זיך דערלויבט צו דאַווענען שפּעטער סיי שחרית און סיי מנחה. די דאָזיקע דרכים האָבן אוודאי און אוודאי נישט אויסגענומען ביי די מעזריטשער מתנגדים. אויך וועגן ר׳ ישראל־איסרן האָבן מעזריטשער חסידים דערציילט כלערליי מע־שיות וואָס פּאַסן זיך פאַר אַ רבין.

מיין פאָטער האָט דערציילט אַזוי:

ר׳ ישראל־איסר פלעגט דאַווענען ביחידות (דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ווען ער האָט זיך אויסגעפּאַרעט צו דאַווענען שחרית האָט מען שוין געהאַט, מן־הסתם, אָפּגעדאַוונט אין אַלע שולן און, אפילו, שטיבלעך. מתנגדים האָבן זיך שוין, אוודאי, געגרייט צו מנחה־גדולה. און אפשר, אויך צוליב אַנדערע סיבות, — מ. ע.). איינמאָל האָט ר׳ אברהמל וואַקערמאַן (וואַקערמאַן האָט געמיינט „נאמן", וואָס איז געווען, ווי מיר האָבן שוין פיל מאָל געשריבן, אַ זייער וויכ־טיקער אַמט אין דער אַמאָליקער אויטאָנאָמער קהילה אין פּוילן, זייענדיק דער ממונה איבער דער קהלשער קאַסע. ער איז אויך געווען דער, אַזוי־גערופענער, „צערעמאָניאַל־מאַסטער" אין שול בעתן דאַווענען. אפילו עליות א. א. כיבודים האָט ער אויסגעטיילט: ר׳ אברהמל איז געווען אַ חסיד פון דעם באַקאַנטן צדיק ר׳ יצחק וואָרקער — מ. ע.) באַשלאָסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ער מוז זען

ייד הקדוש און זיין תלמיד ר׳ פרץ הגדול פון פשיסכע, איז געווען דער כהן. די מוטער פון דעם קינד — חיה מינדל, האָט זיך באַקלאָגט פאַר די צוויי צדיקים, אַז די פיסלעך פון דעם קינד זיינען קרום. אויף דעם זאָל דער ייד הקדוש האָבן גע־ענטפערט: אָבער זיין שכל איז א גלייכער".

אָט די דאָזיקע דאַטן, זיינען פון גרויסן באַדייט. עס איז בלויז א וווּנדער וואָס אין דעם פנקס פון דער חברא־קדישא, וואָס ר׳ מאָטל פרידמאַן האָט איבערגעשריבן, איז נישט פאַראַן קיין אָנדייט וועגן דעם אלעם. נישט ער ברענגט ר׳ ישראל איסרן (דאָס איז אפשר פארשטענדלעך זעענדיק ווי ער האָט דורכגעלאָזט כמעט אלע חסידישע יידן) און נאָך מער חידוש איז, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אזעלכע יידן, ווי ר׳ זיס־קינד און ר׳ בנימין ביינושן, אייניקלעך פון דעם גרויסן רב דוד לידא, דאקעגן ברענגט ער זיין טאָכטער, שפרא, וועלכע האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אין מעזריטש (זע וויטער אויסצוגן פון חברא־קדישא־פנקס, נומער 25), עס איז א פראגע וואָס פאָדערט א תשובה, אָבער מיט דעם ווערט נישט אָפגעפרעגט הרב לעווענשטיינס באהויפּטונג.

א צווייטער ענין וואָס ווערט באַרירט אין הרב לעווענשטיינס באהויפּטונג, איז די אנטוויקלונג פון חסידות אין מעזריטש. מיר ווייסן, אז מעזריטש האָט געהאט א חסידישן רב. זיין צייט פאלט אוים מיט דעם באַרדיטשעווערס. זאָל ער האָבן געווען זיינס א חסיד? איז ער געווען א פארשפרייטער פון דעם באַרדיטשעווערס תורה? ר׳ לוי־יצחק, ווי באַקאַנט, איז צומערשט געווען רב אין פּינסק. ווען ער איז, צוליב

ווי ר׳ ישראל־איסר דאַוונט. האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין ר׳ ישראל־איסרס חדר און זיך באַהאַלטן אונטער די קליידער, וואָס זיינען געהאַנגען דאָרט און ער האָט געוואַרט. ענדלעך איז ר׳ ישראל־איסר אַריינגעקומען און זיך געשטעלט דאַוונען. ער האָט אַרויסגענומען דעם טלית און אָנגעהויבן זאָגן „ברכו נפשי" און דאַ האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ. נאָך אַ לענגערער צייט, האָט ער זיך צעשריגן: „כ׳וועל היינט נישט דאַוונען. הוציאו כל איש מעלי" (ס׳מיינט, קיינער טאָר נישט בייזיין. ס׳נעמט זיך פון דער סדרה ויגש, פּרשה מה, א.). ר׳ אברהמל האָט שפּעטער דערציילט, אַז ס׳איז געפאַלן אויף אים אַ גרויסער פּחד און ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן.

און אָט איז אַ צווייטע מעשה וואָס מיין פאָטער האָט געהערט פון זיין פאָטער:

איינמאָל איז ר׳ אשר הגדול (פון קאַרלין־סטאָלין) איינגעשטאַנען אַ שבת ביי ר׳ ישראל־איסרן און ער האָט דאָרט געדאַוונט. ווען ר׳ אשר איז אָפּגעפאָרן, האָט ר׳ ישראל־איסר געהייסן די בני־בית אין דער גיך אַרויסצוטראָגן אַלע שטוב־זאַכן, ווייל ער זעט פייער, אַז ס׳וועט אויסברעכן אַ שריפה (זאָל עס זיין די שריפה פון תר״ח, ווען עס איז אַוועק אַ גרויסער טייל שטאָט?). ווען מען האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער האָט עס געוווּסט? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט עס מרגיש געווען ווען ער האָט געזאָגט „הודו" ערב שבת, צו מנחה (מיין פאָטער גיט נאָך צו, אַז ער האָט געהערט פון זיידן די ווערטער פונעם פּסוק, וואָס האָט אים געגעבן דעם דאָזיקן פאַרגעפיל. לײדער האָט מיין פאָטער פאַרגעסן דעם פּסוק).

דער מחלוקת מיט דעם רב אביגדור און זיינע קעגנער די מתנגדים, געוואָרן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פּינסק, איז ער אָנגעקומען אלס רב קיין זשעליכאָווי אין פּוילן. אויך פון דאָרט האָט מען אים אַרויסגעטריבן און ער איז אָנגעקומען קיין באַרדיטשעוו.

אינטערעסאַנט איז די באַהויפּטונג, אַז אונטער דעם איינפלוס פון דעם לובלינער מגיד, ר׳ דובעריש האַלפּערין און פון זיין חבר ר׳ בנימין־בייניש, האָט מען אין מעזריטש — לויט זיין דערקלערונג „כל בני העיר" — אַלע שטאָט־מענטשן — גע־חתמעט אַ כתב (מן הסתם מיט אַ חרם, מ. ע.) אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז מען זאָל נישט פאַרדינגען אַ דירה פאַר אַ חסידישן קלויז. דאָס לאָזט זיך אויך נישט גלויבן. ר׳ יעקב שפּיראָ, דער מעזריטשער מתנגדישער קנאי און שרייבער פון גע־שיכטע פון חסידיזם אין פּוילן, אויף דובנאָווס פאַרלאַנג, דערמאָנט נישט וועגן אַזאַ „כתב".

דער דריטער פּונקט אין זיין באַמערקונג, וואָס אינטערעסירט אונדז, איז זיין מעשה וועגן דעם פּדיון־הבן, וואָס ר׳ ישראל־איסר האָט געמאַכט און אויף וועלכן דער ייד הקדוש ר׳ יעקב יצחק פון פּשיסכע איז געווען אָנוועזנד צוזאַמען מיט זיין תּלמיד ר׳ פּרץ הגדול. דאָס איז דער איינציקער מקור וואָס דערציילט אונדז, אַז דער „ייד" פון פּשיסכע איז אַמאָל געווען אין מעזריטש.

מיר האָבן דאָס געפילי, אַז אויך אין דעם פאַל, ווי אין אַנדערע פאַלן, האָט הרב לעווענשטיין זיך באַנוצט מיט לעגענדע און פאַקטן און עס איז שווער פעסטצו־שטעלן, וויפל לעגענדע און וויפלווירקלעכקייט עס איז פאַראַן אין דעם.

ס'איז אויסער יעדן ספק, אַז נישט די־אַ מעשיות און נישט ר' איסרס פּי־רונגען און אפילו נישט זיין לומדות און יחוס, האָבן געשפּילט וואָסער עס איז ראָלע ביים אויפנעמען זיין זון — ר' יעקב־דודן — אַלס ראב"ד. די מתנגדים זיינען זיכער גאַנץ ווייניק נתפּעל געוואָרן פון דעם; בפרט, עס האָט נישט אויס־געפעלט סיי לומדות און סיי יחוס אין מעזריטש, וועלכע איז דעמאָלט, און אַ סך יאָרן נאָכדעם, געווען באַקאַנט אַלס יחוס־שטאָט. פאַרקערט, עס איז אָנצונע־מען, אַז די מתנגדים האָבן, מן־הסתם, געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך, כדי צו פאַרמיידן דאָס אויפנעמען פון אַ חסידישן ראב"ד, נאָכדעם ווי זיי האָבן פון יאָר תקע"א ביז תקצ"ב געהאַט אַלס רב איינעם פון די גרויסע רבנים אין זיין דור, דווקא נישט קיין חסיד.

ווען מיר נעמען דאָס אַלץ אין אַכט, מוזן מיר ווידער אַמאָל קומען צום אויספיר, אַז די סיבה איז צו געפינען אין דעם שטאַרקן איינפלוס וואָס די חסידים. אין יענער צייט, האָבן געהאַט אויפן קהלישן לעבן. נישט נאָר האָבן זיי געמוזט זיין גרויסע לומדים און חשובים, נאָר אויך גרויסע עשירים. צוליב די ביידע מעלות (עס קען נישט זיין אַז דאָס איז געשען צוליב זייער נומערישן כוח, ווייל נומעריש זיינען די חסידים געווען דווקא שוואַך; ווי מיר וועלן עס ווייטער זען), האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער שטאָט. עס איז זייער אינטערע־סאַנט צו באַמערקן, פאַר וואָס מען האָט ר' יאַנקל־דודן מכבד געווען מיט דעם טיטל ראש־בית־דין. דאָס איז געווען נישט דערפאַר, ווייל מען האָט אים נישט געהאַלטן פאַר פּאַסנד צו באַקליידן דעם כסא־רבנות פון מעזריטש, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל זייענדיק אַ מעזריטשער האָט מען אים באין־אופן נישט געקענט אויפנעמען אַלס רב, ווייל עס איז געווען קעגן דעם חרם פון דעם יאָר תקמ"ג, וואָס האָט פאַרבאָטן אויפצונעמען אַ מעזריטשער אָדער אַ מעזריטשער איידעם, צי אַ קרוב פון אַ מעזריטשער אַלס רב. דאָס איז דאָך אויך געווען די סיבה, פאַר וואָס מען האָט מעביר געווען דעם מעזריטשער בן־עיר ר' אברהם במ' יהודה־לייב פון כסא־הרבנות און אים באַשטימט אַלס ראש הדיינים. וואָלט ר' יעקב־דוד נישט געווען זיין קיין מעזריטשער, וואָלט מען אים זיכער געקרוינט אַלס רב, ווייל גראַד אין יענעם יאָר איז נפטר געוואָרן דער מעזריטשער רב ר' נחמן.

נישט בלויז די באַדייטנדיקע חסידישע השפּעה, האָט באַווירקט די מעזרי־טשער מתנגדים מסכים צו זיין אויף אַ חסידישן ראב"ד. מיר מיינען, אַז אין מעזריטש האָט ביזן אָנקומען אויף דער רבנות־שטעלע פון דעם באַקאַנטן גאון ר' רפאל יום־טוב הײלפּערין, אין אַלגעמיין געהערשט אַ גוטע באַציאונג צווישן די צוויי לאַגערן; כאָטש עס זיינען, נאַטירלעך, געווען מאָמענטן פון מחלוקת. די מחלוקת זיינען אָבער נישט אַרויס פון די גרענעצן פון אָנשטענדיקייט. באַ־ווייזן דערצו זיינען דאָ אַ סך.

מיר ווייסן פון פאַרשידענע קוועלן, אַז דער ווילנער גאון, איז אויף זיינע גלות־וואַנדערונגען געווען אין מעזריטש און דאָרט זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע

מעג. דאָס איז זיכער געשען דערפאַר, ווייל דעם גאון איז געפעלן געוואָרן מעז־ריטש, וואָס האָט געשמט מיט אירע לומדים (מיין פאָטער דערציילט, אַז ער האָט געקענט די יידענע, וועלכע האָט דעם גאון באַדינט. זי האָט געהאַט אריכת־ימים און זי פלעגט זאָגן, אַז דער גאון האָט איר געבענשט דערמיט). ער האָט דאָרט געהאַט פיל אָנהענגער, און דאָך האָט מען אין מעזריטש אויפגענומען אַ חסידישן רב. שפּעטער האָט מען אויפגענומען אַ חסידישן ראב״ד. דער נאָמן ר׳ אברהמל, איז געווען אַ ווורקער חסיד. מיין פאָטער דערציילט: ר׳ אברהמל (וועמען דער עלטער־זיידע האָט גוט געקענט) פלעגט נאָך די תפילות אין שול, ווו ער פלעגט שטיין אויפן באַלעמער אין אַ צילינדער־הוט, זיך איבערטון אין חסידישע בגדים און גיין צו זיינע חסידים אין שטיבל אריין. דאָס באַשטימען אַן אויסגעשפּראָ־כענעם חסיד פאַר נאמן, איז נאָך אַ באַווייז, אַז אין אַלגעמיין זיינען די באַציאונ־גען צווישן חסידים און מתנגדים געווען נישט קיין שלעכטע.

און נאָך אַ באַווייז דערצו איז דער פאַקט:

מיט אַן ערך 100 יאָר צוריק, האָט מען אין מעזריטש געדאַרפט אויפנעמען נאָך אַ שוחט. ווי דער שטייגער, האָט מען געזוכט אַן ערלעכן ייד, אַ שוחט מיט אַלע מעלות. די חסידים האָבן געפאָדערט מען זאָל אָנשטעלן אַ חסידישן שוחט, אַזוי ווי די ערשטע שוחטים אין שטאָט זיינען געווען מתנגדים. די קהילה האָט דעם פאַרלאַנג נאָכגעגעבן, כאָטש לויט דער פּראָפּאָרץ, איז אויסגעקומען אַז די חסי־דים האָבן רעכט בלויז אויף דריי־פערטל שוחט. די מתנגדים האָבן זיך, הייסט עס, נישט איינגעריסן און האָבן אויפגענומען דעם שוחט ר׳ יהודה־לייב (גערופן ר׳ יודל) זאַלצמאַן, וועלכער איז געווען פון די חשובע חסידים אין קאָזשניץ און לובלין און אַ מקורב פון דעם צדיק ר׳ נתנקע מאַקאָווער (דער ר׳ יודל איז דער עלטער־זיידע פון דעם שרייבער פון די שורות).

מיר זעען אַלזאָ, אַז אין די באַציאונגען צווישן די מתנגדים און די חסידים, האָבן די מעזריטשער קהילה־פירער זיך באַמיט אויסצומיידן ווי ווייט מעגלעך אומנוצלעכע מחלוקתן; כאָטש, ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, אינגאַנצן פאַרמיידן צוזאַמענשטויסן צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע צדדים, איז געווען אַביסל שווער. די סיבות צו דער שטעלונג מצד די קהילה־פירער זיינען טאַקע געווען די מאָטיוון, וואָס מיר האָבן פריער געברענגט. קודם־כל האָבן זיי זיך גע־רעכנט מיט דעם פאַקט, וואָס דער חסידישער סעקטאָר האָט צו יענער צייט באַ־טראָפן כמעט אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג און אויך צוליב דעם, ווייל דער חסידישער טייל פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען אין מערסטנ־טייל פון אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער קהילה — עשירים און יחסנים, אַזוי, אַז זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ היפּשן כוח. די מעזריטשער קהילה, האָט טאַקע דעריבער זיך באַמיט אויך נישט צו מאַכן דעם טעות, וואָס ס׳זיינען באַ־גאַנגען אַנדערע קהילות, וועלכעס האָט דערפירט צו דער שפּאַלטונג אין אַ סך יידישע ישובים, ווו מ׳איז דערגאַנגען אויף אַזוי ווייט, אַז אין איין און דער

זעלבער שטאָט האָבן געהאַט אייגענע שוחטים און רבנים, די מתנגדים און די חסידים, יעדער באַזונדער.

עס איז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז די יידישע אויטאָנאָמיע איז צו יענער צייט, שוין געווען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער כוח פון די ראשי־הקהילה אַרויפצוצווינגען זייער ווילן אויף די קהילה־מיטגלידער, איז שוין מער נישט געווען אין קראַפט. צוליב די אָדער אַנדערע סבות, וואָס האָבן עקזיסטירט אין געוויסע קהילות (גראָד אין די סביבות פון מעזריטש, וועלכע זיינען דווקא געשטאַנען אונטער דער השפעה פון ווילנע), האָט דאָס פייער פון מחלוקת, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסן טייל פון יידנטום, זיי אויסגעמיטן, אַזוי לאַנג ווי מען האָט עס נישט אויפגעבלאָזן. אַזוי איז טאַקע געשען מיט אונדזער מעזריטש.

אַ שטאַרקן שטויס האָט די אַנטי־חסידישע באַוועגונג אין מעזריטש באַקומען, בעת אויף דעם כסא־רבנות איז געזעסן דער באַרימטער גאון און מקובל ר' אפרים־אליעזר הרל"פ (באַקאַנט אַלס ר' לייזער הרל"פ), און נאָכמער, בעת זיין אָרט איז, נאָך דעם לעצטנס פטירה, פאַרנומען געוואָרן פון דעם שוין־דער־מאָנטן ר' רפאל יום־טוב ליפּמאַן (גערופן ר' ליפּעלע) הײלפּערין.

ר' אליעזר הרל"פ איז געווען איינער פון די פירנדיקע רבנישע פּערזענ־לעכקייטן אין זיין דור און ער איז געווען פאַרהערלעכט ביי אַלע גדולים אין זיין צייט. ר' עקיבא אייגער, דער באַרימטער פּויזנער רב, פלעגט אים רופן ר' אליעזר הגדול און זיך אויפשטעלן ווען ער פלעגט דערמאָנען זיין נאָמען. אַ חוץ גאונות, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכנט, האָט ער אויך געשמט אַלס גרויסער מקובל און בעל־מופת. ר' לייזער האָט געפונען שוואַכע פונקטן אין די פירעכצן פון די חסידים און ער האָט אויף זיי שטאַרק געקלאַפּט. נאָך איידער ער איז געוואָרן רב אין לאָמזשע (פון וואַנען ער איז אָנגעקומען קיין מעזריטש), ווען ער איז נאָך געווען רב אין דער קלענערער קהילה פון שטוטשין, האָט ער זיך געשטעלט אין דער פאָדערשטער ריי פון אַ גרופּע מתנגדישע רבנים און אַרויסגעטראָטן אין אַ שאַרפן בריוו אַקעגן דעם שטאַרק־פּאָפּולערן רבין, ר' בונם פּשיסכער.

אין דעם דאָזיקן בריוו טאַדלט ר' לייזער הרל"פ דעם רבין ר' בונם, הלמאי די חסידים זיינען עובר אויף זמן־תפילה און קריאת־שמע (מיר האָבן שוין פריער געשריבן, אַז דאָס שפּעט דאַווענען איז באַזונדערס געוואָרן פּאָפּולער זינט דעם ייד הקדוש, וועמענס געטרייער תלמיד דער רבי ר' בונם איז געווען); הלמאי די חסידים טרינקען אַ סך און גיבן זיך אָפּ ווייניק מיט לערנען און נאָך אַ ריי אַנדערע טענות. דער דאָזיקער בריוו, כאָטש ער איז קיינמאָל נישט געוואָרן גע־דרוקט (דאָס איז אגב אַ באַווייז, אַז ר' לייזער הרל"פ האָט נישט געוואָלט אויף דער אמתן פאַרפירן קיין מחלוקת מיט אים אָדער אַנדערע חסידים. נאָר ווירקן אויף זיי דורך אַ שטילע קאָרעספּאָנדענץ און מיינונגס־אויסטויש), איז ער פיל מאָל איבערגעשריבן געוואָרן פון מתנגדים, איבערהויפּט פון דעם אונדז שוין

לאנג־באקאנטן ר׳ יעקב שפירא, וועלכער איז געווען א תלמיד פון ר׳ לייזער הרל״פ, מיט וועלכער ער איז אויסן געווען אויפצובלאזן דאס פייער פון מחלוקת קעגן די חסידים. און מערקווירדיק, נישט געקוקט אויף דעם שארפן טאן פון דעם בריוו, האבן די חסידים נישט נאר נישט גערעדט א שלעכט ווארט אויף אים (צו אזא באציאונג מצד די חסידים צו זייערע קעגנער, האט נישט זוכה געווען קיין שום אנדער רב, און אפילו אזעלכע בארימטקייטן ווי דער גאון פון ווילנע), נאר זיי האבן דערמאנט זיין נאמען מיט גרעסטן יראת־הכבוד, און נישט נאר די חסידים. אויך די רביים האבן ארויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ צו ר׳ לייזער הרל״פ און אנגענומען זיינע מוסר־רייד באהבה, כאטש זיי האבן דערמיט נישט גע-ענדערט זייערע פירעכצן.

דעם זעלבן דרך־ארץ־טאן, האט אויך אנגעהאלטן רבי בונם פשיסכער, אין זיין תשובה צו ר׳ לייזער הרל״פ. דער ענטפער איז געדרוקט אין דעם ספר „עטרת צבי״ פון ר׳ לייזער הרל״פ, ארויסגעגעבן פון זיין אייניקל (ווארשע, תרנ״ד) און אין ספר „קול שמחה״ פון רבין ר׳ בונם, ארויסגעגעבן מיט יארן שפעטער (פיעטרקוב, תרס״ג).

דאס איז דער אינהאלט פון דער תשובה:

„שלום טובה וברכה תבא אל כבוד מרן וגו׳ הרב הגאון מו״ה אליעזר צבי הירש הרל״פ נ״י אבד״ק שצוצין יצ״ו.

„את קולו קול חוצב להבות אש בין אבני אש יתהלך. אזני שמעה ותיבן לה תוכחת מגולה וגו׳. ונאמנים פצעי אוהב ה׳ ותוה״ק. יהלמני צדיק חרפה כהנה וכהנה. ידעתי כי לא מקנאה ושנאה ידבר רק מתוך רשפי אש יה אשר בקרבו ואהבת תמים דעים בשלהבת יה. חכמתו ויראתו וגדולת למודו שמעה אזני מפי כבוד אוצר בלום בנסתר ובנגלה וגו׳ מו״ה יצחק מלובלין זלה״ה, ומה גם מכבוד הרב הגאון מו״ה יצחק יהודי זלה״ה. כמעט לא זז מהבבו ותמיד תהלתו בפיו היה. ע״כ פקודתו שמרה רוחי ואולי אוכל ורבות עשיתי ואעשה למען קדושת שמו ית׳ (יתברך). ואהבתו בלבי ועל כל פשעים תכסה אהבה ושלום למר ולתורתו״.

אין יידישער איבערזעצונג לייענט זיך דער בריוו אזוי:

„זיין קול, א מעכטיק קול וואס האמערט אויס פלאמען פייער פון צווישן פייערדיקע שטיינער, האט מיין אויער פארנומען און האט פארשטאנען די אפענע שטראף־רייד א. א. וו. די ווונדן פון איינעם וואס האט ליב גאט און זיין הייליקע תורה זיינען אננעמבאר. מעג מיך א צדיק פארשעמען צוויי מאל אזוי פיל. ווייל איך וויים, אז ער רעדט עס נישט מחמת קנאה אדער שנאה, נאר צוליב די געט־לעכע פונקען, וואס האבן זיך צעפלאקערט אין אים און מחמת ליבע צום אויי־בערשטן וואס ברענט מיט א געטלעכן פלאם. מיין אויער האט געהערט פון זיין חכמה און יראה און די גרויסקייט פון זיין לערנען פון „כבוד אוצר בלום״ — פארבארגענער אוצר... מו״ה יצחק מלובלין ז״ל (דאס איז דער בארימטער חוזה

פון לובלין — מ. ע.) און אויך פון כבוד מרן הרב הגאון מו"ה יצחק היהודי (דער ייד הקדוש — מ. ע.). ער האָט כמעט קיינמאָל נישט אויפגעהערט אים ליב האָבן און ער האָט אים תמיד געלויבט. מחמת דעם, וועל איך אָפּהיטן זיין באַפעל און אויב איך וועל קענען, וועל איך טאָן פיל מער צוליב דער הייליקייט פון זיין נאָמען יתברך. מיין ליבע צו אים איז אין מיין האַרץ און די ליבע פאַרדעקט אַלע זינד און ס'זאָל זיין שלום צו אים און צו זיין תורה.

די רייד פון שמחה בונם במו"ה צ"ה זלה"ה".

די דאָזיקע תשובה, איז ספּעציעל מערקווירדיק, הן צוליב איר הכנעהדיקן טאָן און הן צוליב איר אינהאַלט. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ מין ענטפער ווערט געגעבן נאָר צו איינעם, וועלכער איז נישט אויסן מחלוקת. עס איז קלאָר, אַז דער רבי ר' בונם האָט נישט אָנגענומען דעם בריוו פון ר' לייזער חרל"פ, ווי אַן אויסדרוק פון שנאה צו הסידים און צו חסידות. נאָכמער, דאָס וואָס זיינע צוויי גרויסע רביים — דער חוזה פון לובלין און דער ייד הקדוש, — האָבן מיט גרויס דרך־ארץ גערעדט וועגן אים און, ווי ער זאָגט עדות, האָבן נישט אויפגעהערט אים ליב האָבן און געהאַט בלויז שבחים פאַר אים, זיינען געווען פאַר אים אַ גע־נוגנדיקער באַווייז, אַז ר' לייזער חרל"פ געהער נישט צו די רבנים, וועלכע באַ־קעמפן חסידים און חסידות אַלס אַ שיטה. מחמת דעם, האָט אַפילו דער שאַר־פער רבי, ר' שמחה־בונם, נישט נאָר גערעדט צו אים מיט הכנעה און גוואַלטיקן דרך־ארץ, נאָר אויך צוגעזאָגט צו טאָן אַלעס מעגלעכעס צו דערפילן „זיין באַ־פעל", כדי צו הייליקן דעם נאָמען פון השם־יתברך.

דאָס איז, דוכט זיך, קלאָר און דאָך האָט זיך דובנאָוו געלאָזט פאַרפירן פון זיין מתנגדיש־משכילישן פאַראורטייל לגבי חסידים און חסידות און איז געקו־מען צו דעם פאַלשן אויספיר, אַז רבי בונם האָט געזוכט זיך אַרויסצודרייען פון געבן אַ קלאָרע תשובה דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף דעם חרל"פס אויסזעצונגען און ער האָט דעריבער אויסגעמיטן פון געבן אַ קלאָרן ענטפער. פונקט אַזוי אומבאַגרינדעט, איז אויך דובנאָווס דערקלערונג, אַז ר' לייזער חרל"פ איז געווען איינער פון יענע רבנים, וועלכע האָבן גערודפט די חסידים און זייערע רביים. ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער מסקנא, אויפן סמך פון דעם בריוו, איז אומפאַרשטענדלעך.

מיר זיינען חושד, אַז נישט נאָר איז דובנאָוו געשטרויכלט געוואָרן פון זיין פאַראורטייל לגבי דעם חסידיזם, ווי דאָס ווייזט זיך אַרויס אַזוי בולט אין זיין „געשיכטע פון דער חסידישער באַוועגונג". נאָר מיר האָבן דאָ אויך צו טאָן מיט בכיוונדיקע טענדענציעזע אַנטי־חסידישע אויספירן.

ווי מיר האָבן שוין געשריבן, האָט זיך דובנאָוו דערוווּסט פון דעם בריוו, וואָס דער מאַקאָווער אַנטי־חסידישער מגיד, ר' דוד, האָט געשריבן צו זיין מעזריטשער קוזין, ר' יודל „ספרא ונאמן", ווי אויך פון ר' לייזער חרל"פס בריוו

צי רבי בינמען, פון זיין מעזריטשער קאָרעספּאָנדענט ר' יעקב שפּירא. דובנאָוו אָליין דערמאָנט עס אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם" (באַנד דריי, אין די ביבליאָגראַפישע נאָטיצן) ר' לייזערס בריוו, האָט שפּירא אָנגערופן „פּלא יועץ". דאָס ווערט אויך קלאָר פון דעם בריוו, וואָס ר' יעקב שפּירא האָט געשריבן צו דובנאָוון (געפינט זיך אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו פון ייוואָ, ניו־יאָרק) און איז דאַטירט — מעזריטש, יום ב', ה' ניסן תרנ"א.

אגב, אין דעם בריוו שרייבט שפּירא צווישן אַנדערעס, אַז ביי אים געפינט זיך אַן אָריגינעלער כתב־יד מיטן נאָמען „טעאַטער פון חסידיזם" (דאָס איז די באַקאַנטע אַנטי־חסידישע דיאַלאָגניזירטע סאַטירע פון אפרים פישלזאָן, וועלכער האָט געשטאַמט פון קרושנאָוויץ און יאָרן־לאַנג געוווינט אין זאַמאָשטש, פּאַרעפנטלעכט אין 1טן באַנד „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ווילנע. דעם כתב־יד האָט אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דובנאָוון, געקויפט פון שפּיראָן, דער רעדאַקטאָר פון דעם „המליץ", צעדערבוים). ער דערמאָנט אויך דעם כתב־יד „זמיר עריצים" פון ר' דוד מאַקאָווער, און ער רעקאָמענדירט אויף דובנאָווס פאַרלאַנג, אַז ער (שפּירא) זאָל אויפשרייבן פאַר אים די געשיכטע פון די צדיקים (ער מיינט חסידיזם) אין פּוילן. אַזאַ אַרבעט האָט אים שפּירא צוגעשטעלט און דובנאָוו האָט זיך מיט דעם מאַנוסקריפּט באַנוצט, ווי עס איז צו זען פון די שוין דערמאָנטע ביבליאָגראַפישע נאָטיצן אין זיין דריטן באַנד „לתולדות החסידות". אין דעם בריוו גיט אָבער שפּירא צו אַ קורצע איינלייטונג, וואָס ווייזט אַרויס שפּיראָס פּאַראורטייל לגבי דעם חסידיזם.

ער שרייבט דאָרט (איך גיב די יידישע איבערזעצונג):

„דער אָנהויב (פון חסידיזם אין פּוילן — מ. ע.) צעטיילט זיך אויף דריי הויפּט־צווייגן אין דריי שטעטלעך: פּשיסכע, — דאָרט האָט געוווינט דער ייד־הקדוש; קאָזשניץ — דאָס וווין־אָרט פון דעם מגיד ר' ישראל ז"ל; לובלין — דאָס אָרט פון הר' איציק ז"ל, דער רבי פון לובלין. די צייט פון זייער טעטיקייט, איז די צווייטע העלפט פון דעם פאַרגאַנגענעם י"ה (דאָס הייסט פון 18טן י"ה — מ. ע.). דער רבי פון לובלין האָט געהאַט אַ שטן קעגן זיך דעם רב המגיד, אַן אַפּשטאַמיקער פון ליטע, וועלכער איז געווען שטאַרק באַרימט מיט זיין צדקות (ער מיינט אוודאי דעם לובלינער רב, באַקאַנט אַלס „אייזערנער קאָפּ" — מ. ע.). אויך אין וואַרשע איז געווען טעטיק הרב הגביר... ר' זלמן פּויזנער ז"ל (מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם ר' זלמן פּויזנער, אין שייכות מיט דעם יידישן באַראָן־טונגס־קאַמער; ער איז געווען אַ שאַרפער מתנגד, אַ למדן און אָנגעשטעקט מיט השכלה — מ. ע.). ער איז דער יעניקער, וועלכער האָט געשטיצט ר' יוסף פּערלס, ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע אָפּדרוקן זיין ספר מגלה טמירין (קעגן די חסידים — מ. ע.). ער האָט אים געגעבן דערויף 300 רובל. ער איז נאָכדעם געפאָרן קיין ווין און דאָרט אָפּגעדרוקט דאָס ספר. אין דער זעלבער צייט האָט געלעבט אין וואַרשע דער נגיד און בעל־צדקה, אַ קרוב צום מלכות, זיין נאָמען איז

בערקע, תמר'לס מאַן (דער בערקע האָט זיך באַרימט־געמאַכט מיט ראַטעווען יידישע לעבנס אין וואַרשע־פּראַגע בעת די קאָזאַקן האָבן געפּראַוועט אַ שחיטה אויף די יידן אין וואַרשע. תמרל איז געווען אַ גרויסע חסידיתטע. זי האָט געשטיצט דעם רבין ר' בונם און זיינע תלמידים און פיל פון זיי זיינען געווען אירע אָנגעשטעלטע, איידער זיי זיינען געוואָרן רביים — מ. ע.). ער האָט דערהויבן דעם שטראַל פון דעם ר' בונמען ז"ל, וועלכער איז געקומען פון בערלין (ס'איז נישט באַוויזן געוואָרן אויב רבי בונם האָט געוווינט ווען עס איז אין בערלין — מ. ע.) מחמת דעם וואָס זיין פאָטער הר' צבי־הירש, איז דאָרט געווען אַ בעל־דרשן און ער האָט מחבר געווען דעם ספר „עשרה למאה" (אַ באַרימטער דרוש־ספר מיט וועלכן דרשנים האָבן זיך שטאַרק באַנוצט, אַפילו נאָך היינט אויך — מ. ע.). דער אויבנדערמאָנטער ר' בונם איז געווען אַ מענטש מיט בילדונג און געווען אַן אָנגעשטעלטער אין ה' בערקעס עסקים דאָ אין שטאָט און מחוץ דער שטאָט (זע ווייטער אין זעלבן קאַפּיטל וועגן דעם עפּיזאָד — מ. ע.), און ער איז געוואָרן בלינד אויףביידע אויגן און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך דערקלערט אַלס צדיק (אין דעם העברעאישן טעקסט דרוקט זיך שפּירא אויס — ומאז היה מצטדק — גאָרנישט קיין פּאַסענדער אויסדרוק — מ. ע.), ווייל ער האָט מקבל געווען דעם דרך החסידות פון דעם לובלינער און פון דעם פּשיסכער צוזאַמען, און פון אים זיינען אַרויסגעקומען די צדיקים פון דעם צייט־אָפּשניט פאַר אַנדערן דור.

„איין זאַך וועל איך דאָ פאָרברענגען קעגן אייך (דאָס הייסט קעגן דובנאָוון אַליין — מ. ע.) אַז ער טוט גאָר קיין חכמה נישט, ווען אין זיין שרייבן באַמיט ער זיך גאָר אַ סך צו לויבן דעם ר' שניאורזאָנען (דאָס מיינט ער דעם גרינדער און דעם באַגרינדער פון דעם חסידישן צווייג חב"ד, ר' שניאור־זלמן פון ליאַדי, וועלכער איז צוויי מאָל איינגעזעצט געוואָרן אין פּעטערבורג, מחמת די מסירות פון מתנגדים — מ. ע.) און דעם אשכול (אשכול הייסט אייגנטלעך אַ הענגל טרויבן. אָבער מיט דעם נאָמען ווערט באַצייכנט אַ גרויסער תלמיד־חכם אין דער רבנישער ליטעראַטור, ווו אשכול ווערט אויסגעטייטשט אַלס — איש שהכל בו — אַ מענטש וואָס באַזיצט אַלע חכמות. אַלזאָ, מיט דעם וואָרט אשכול מיינט שפּירא דעם ווילנער גאון — מ. ע.) וועמענס נאָמען אַלע רבנים און חכמים הויבן זייער שטאַרק. אים שטעלט איר אַרויס צו שאַנד און שפּאָט, ווי עס איז לעצטנס געפאַלן פון אייער פּען, אַזוי אַז איך וואָלט עס נישט געגלויבט ווען איך זע עס נישט מיט מיינע אייגענע אויגן. איר מוזט פאַרשטיין, אַז די וואָס האַלטן זיך פאַר חסידים, וועלן נישט, סיי ווי סיי, געפונען אייער אַרבעט אַלס גוט פאַר זיי און זיי וועלן סיי ווי נישט ווערן ווייסן פון אייער אַרבעט, און אויב ס'וועט זיי ווער דערציילן אַז עס געפינט זיך איינער, וואָס שרייבט חסידות אויף רוסיש, וואָס איז באַקאַנט צו די גויים אין דעם לאַנד, וועט ער מיט דעם גורם זיין מען זאָל דעם מחבר שעלטן און נישט בענטשן. און ווער זיינען דען אייערע לייענער,

אויב נישט די פאַרשטענדיקע ליטווישע יידן; צו וואָס האָט איר זיך באַנאַרישט אַזוי, צו פאַרשוועכן דעם עלטסטן פון דעם לאַנד מיט פאַלשקייט, און ווער וועט דאָס פאַרשווייגן? און וואָס וועט עס געבן און וואָס קען עס מערן צו אַ פאַר־שטענדיקונג דאָס וואָס איר מאָלט שניאורזאָנען אַלס אַ מענטש מיט גוטע מידות, וועט איר מיט דעם רעכטפאַרטיקן זיין שיטה? און וואָס איז שלעכט אויב דער גר"א (ר' אליהו דער ווילנער גאון — מ. ע.) איז האַרט ווי אייזן? צוליב אייער אייגענע טובה און אייער זעלבסט־ליבע זאָלט איר נישט מאַכן מער אַזאַ טעות. ווערטער מערן בלויז נאַרישקייט. ברוך־השם, איר האָט כוח אין אייער מויל און די פען אין אייער האַנט איז אַ שווערד מיט צוויי שאַרפן, צו רעדן דאָס וואָס עס איז ריכטיק, וואָס פאַרשטענדיקע זאָלן זיך פרייען מיט זיי, און אויך איך, אייער פריינט, וואָס ווינשט אייער ווילזיין.

יעקב שפּיראָ".

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף שפּיראָס בריוו, ווייל ער באַווייזט אַזוי בולט, ווי שטאַרק סוביעקטיוו ער איז געווען און פּאַראורטיילעריש לגבי דעם חסידיזם. ער האָט צוגעשטעלט דובנאָוון נישט נאָר היסטאָרישן מאַטעריאַל, ווי די בריוו פון ר' דוד מאַקאָווער און ר' לייזער חרל"פ און נאָך און נאָך, — נאָר ער האָט פאַר דובנאָוון אויך באַלויכטן און באַשריבן די חסידישע באַוועגונג אין פּוילן. נישט קיין ווונדער, וואָס דובנאָוו איז אַזוי געשטרויכלט געוואָרן אין זיין אָפּשאַצונג וועגן דער ראָל פון ר' ליזער חרל"פ אין זיין התנגדות צו הסי־דות, אַז ער מאַכט אים אַפילו אַלס אַ פירנדיקן רב אין דעם קאַמף מיט די חסידים. דאָס איז ווייט פון דערווירקלעכקייט. עס איז נישט קיין ספק, אַז דער חרל"פ האָט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן חסידים און קעגן זייערע רביים, מחמת אַ סך מאָטיוון, אָבער ער האָט זיי נישט פאַרפאָלגט דערפאַר און מיר האָבן גראָד פאַרקערטע עדות, אַז ער האָט זיי אויך פאַרהערלעכט.

אַז ר' ליזער חרל"פ איז נישט געווען צופרידן מיט געוויסע דרכים פון די חסידים און זייערע רביים, האָבן מיר שוין געזען אין דעם אויבנדערמאָנטן בריוו. איבערהויפּט האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די חסידים פאַרשפּעטיקן דעם זמן־תפלה. ענלעכעס דערציילט מיין פאָטער, אַז ר' ליזער חרל"פ האָט אַמאָל געשיקט שלי־חים צום באַקאַנטן צדיק ר' שלמה־לייב לענטשנער, ווען דער לעצטער איז געווען אויף איינע פון זיינע באַזוכן אין מעזריטש, ווו ער האָט געהאַט זיינע חסידים, אַז ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן דעם זמן־מנחה. ווי באַקאַנט, איז ר' שלמה־לייב לענטשנער געווען פון די גדולי תלמידים פון דעם חוזה און פון ייד־הקדוש און ער האָט זיך געפירט ווי דער לעצטער.

ווי מיר זען, איז ר' ליזערס קעגנערשאַפט געווען נישט אַזוי קעגן דעם עצם חסידיזם, נאָר קעגן געוויסע פירעכצן פון די חסידים, וואָס דער חרל"פ, וועלכער האָט זיך דערצויגן אויפן „שוים" פון דער מתנגדישער שטעלונג צו דער הלכה, האָט איינגעזען אַז זיי זיינען נישט אין הסכם מיט די עיקרים, פון וועלכע מען

טאָר נישט אָפּנויגן. אָט די דאָזיקע שיטה זיינע, ווערט אויך זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אין די צוויי מעשיות, וואָס דער באַרימטער גאון ר׳ יאָשע־בער סאָלאָווייטשיק, דער בריסקער רב פלעגן דערציילן (איך האָב עס געהערט פון פּראָפעסאָר שרגא אַבראַמסאָן פון ירושלים, היינט פּראָפעסאָר אין דעם טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק).

ער פלעגט דערציילן: ר׳ לייזער חרל״פ פלעגט זיך נוהג זיין, אַרויסצושטעלן אַ קניידל אין זיין פענצטער אַלע פּסח, כדי אַזוי אַרום צו ווייזן, אַז ער האַלט נישט מיט די חסידים, וועלכע זיינען אין דעם פאַל מחמיר און עסן נישט קיין געבראָקטס אין פּסח, צוליב אַ חשש חמץ. דאָס איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מתנגדישן רב, ביי וועמען דער דין איז געווען אַלץ. אַזוי איז עס דאָרט ווו דער דין איז מקיל, און נאָכמער שטרענג איז ער געווען ווען דער דין פאַרבאָט בפירוש צו טאָן אַנדערש ווי, למשל, תפילה נישט אין דער באַשטימטער צייט.

אַ צווייטע מעשה האָט ר׳ יאָשע־בער דערציילט: איינמאָל איז געקומען צו לויפן אַ אידענע (משמעות אַ ווייב פון אַ חסיד — מ. ע.) צו ר׳ לייזער חרל״פ מיט אַ גרויס געוויין, אַז ער זאָל איר געבן אַ ברכה. ר׳ לייזער חרל״פ האָט אויסגעהערט די בקשה און איר צוגעזאָגט צו העלפן, בתנאי זי וועט מהיום והלאה עסן געבראָקטסט אין פּסח.

מעגלעך ,אַז אויף די דאָזיקע מעשיות קען מען זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן, כאָטש דער בריסקער רב האָט זיכער געקענט דעם באַרימטן מעזריטשער רב, ווייל 14 יאָר איז ר׳ לייזער חרל״פ געווען רב אין מעזריטש; אַלטע יידן אין מיין לעבנס־צייט און נאָכמער אין מיין פּאָטערס צייט, האָבן אים גוט געקענט און געדענקט; אין שטאָט פלעגט מען זייער פיל דערציילן וועגן אים און זיינע מופתים. אַזאַ מין פירן זיך, ווי ס׳ווערט דערציילט פון בריסקער רב, וואָלט אוודאי געווען באַקאַנט אין שטאָט, מענטשן וואָלטן עס געדענקט און גערעדט וועגן דעם; האָבן מיר דאָך צו טאָן מיט אַ צייט ווען וועלט־געשעענישן האָבן נישט פאַרנומען דעם אויבנאָן, אין אַ צייט ווען אַלע געשפּרעכן אין אַ שטעטל האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום קהלשן לעבן א. ד. גל. אָבער אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיה. און דאָס וואָס מיר ווילן אַרויסנעמען פון דער מעשה איז, אַז דער חרל״פ האָט געשטעלט די הלכה אין סאַמע שפּיץ; דאָס איז ביי אים געווען דער עיקר און ער איז נישט אויסן געווען סתם מחלוקת, קעגן חסידים און חסידיזם.

דאָקעגן האָבן מיר אַ דאָקומענטאַרן באַווייז, אַז ער האָט זיך נישט געהאַלטן ווייט פון חסידיזם און אַז ער האָט די חרמות וואָס מען האָט אויסגערופן אויף זיי (איינעם פון די חרמות, האָט מען אויסגערופן ביי זיין לעבן, אין יאָר תקנ״ד) נישט גענומען ערנסט. דער דאָקומענט איז געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ הקדמה צום ספר „עטרת צבי״ פון ר׳ לייזער חרל״פ, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון זיין אייניקל וועלכעס האָט געטראָגן דעם זיידנס נאָמען. אָט דאָס

אייניקל האָט עס געשריבן די הקדמה און איז אָן שום ספק אַ מער באַגלויבטער עדות.

אין אָט דער הקדמה דערציילט זיין אייניקל:

„איך האָב געהערט פון מיין פאָטער עליו השלום, אַז ווען ער (דער זיידע — מ. ע.) איז געווען נאָך אַ יונגערמאַן, איז ער געפאָרן קיין לובלין וועגן אַ גע־ווּיסן ענין. אין לובלין איז ער אריינגעגאַנגען צום... רבין פון לובלין... און דער רבי האָט אים שטאַרק מקרב געווען, ווייל ער האָט באַלד דערקענט ווער ער איז. און כ׳האָב געהערט פון מיין פאָטער, אַז דער זיידע האָט אים דערציילט, אַז גראָד דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ ברית און דער רבי האָט אים געבעטן ער זאָל מיטגיין, איז ער מיטגעגאַנגען. דער זיידע איז געווען צוויי אָדער דריי מאָל אין לובלין און איז יעדעס מאָל געווען ביים רבין זכרונו לברכה. צוליב וואָס ער איז געפאָרן קיין לובלין, ווייס איך נישט. איך האָב אויך געהערט, ווען ער איז גע־ווען ביי אים דאָס ערשטע מאָל, האָט דער רבי ז״ל פונקט געלערנט רי״ף (אַ קאָ־מענטאַר אויף ש״ס פון ר׳ יצחק אלפסי, געלעבט אין 10טן י״ה, אין פעז, באַ־קאַנט מיט די ראשי־תיבות ריף — מ. ע.) און עס האָט אים געאַרט אַ קשיה, וועלכע ער האָט נישט געקענט פאַרענטפערן. ווען מיין זיידע איז אַריינגעקומען צום רבין, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן שמועסן וועגן דעם ענין און מיין זיידע, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט פשט אין רי״ף, וועלכעס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם רבין און דורך דעם האָט ער אים דערקענט...״

די הקדמה רעדט פאַר זיך. ס׳איז קלאָר, אַז ר׳ אליעזר הרל״פ איז נישט געווען קיין מתנגד פון דעם מין, ווי ער ווערט געשילדערט פון דובנאָוון און ווי ר׳ יעקב שפּירא האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר דובנאָוון. דאָס זעט זיך אויך, ווי מיר האָבן שוין פריער דערקלערט, פון דעם בריוו, וואָס דער רבי ר׳ בונם האָט אים געענטפערט.

עס שטעלט זיך די פראַגע, פאַרוואָס האָט ער זיך גראָד געוואָנדן צום רבין ר׳ בונם? האָבן דען נישט אויך זיינע חברים זיך געפירט אַזוי ווי ער? דער ענט־פער איז גאַנץ פשוט. פון זיינע אַלע חברים האָט זיך דער רבי ר׳ בונם אויסגע־צייכנט מיט זיין דרך, וועלכער איז געווען ענלעך צום דרך פון די ערשטע פאַר־שפּרייטערס פון חסידות. פונקט ווי יענע, אַזוי האָט אויך רבי בונם פשיסכער גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פּאָפּולאַריזירן און אויסברייטערן די שיטה פון דעם ייד־הקדוש, וואָס איז געווען אין אַ סך פרטים אַנדערש, ווי די שיטה פון זיין רבין, דער חוזה ר׳ יעקב יצחק פון לובלין.

דער נייער דרך פון דעם רבין ר׳ בונם, האָט אַרויסגערופן גרויס זאָרג און קעגנערשאַפט אויך אַפילו ביי אַ סך רביים פון זיין צייט, אויסער זיינע חברים. זיי האָבן מורא געקריגן, אַז דער וועג פון פשיסכער וועט די חסידים ווייט פאַר־פירן, פונקט ווי עס האָבן דער גר״א און זיינע תלמידים, בשעתם, מורא געהאַט,

אַז דער חסידיזם זאָל נישט אַמאָל ווייט פאַרפירן זיינע אָנהענגער. די מורא איז נישט געווען אינגאַנצן אָן אַ גרונד; דער וועג פון וועלן דורכפירן אָן אינערלעכן איבערברוך אין דער דערקענטעניש פון גאָט איז שפּעטער דערפירט געוואָרן צו זיין קולמינאַציע־פּונקט דורך ר׳ בונמס גרעסטן תלמיד, ר׳ מענדעלע קאָצקער און... ער האָט באַנקראָטירט.

מחמת דעם אויבנגעזאָגטן און מחמת אַלטע חשבונות, וואָס די טריי־געבליבענע תלמידים פון דער „חוזה" האָבן געפירט מיט דעם „יידס" תלמידים פאַר זייער פאַרלאָזן דעם „חוזה" און אָנערקענען דעם „ייד" אַלס זייער רבי און מורה־דרך (אַלע, סיי דער „ייד", סיי דער רבי רב בונם און דער רבי ר׳ שלמה־לייב לענטשנער א. אַ. זיינען געווען דעם חוזהס תלמידים), האָבן די צדיקים פון יענעם דור שטאַרק גערודפט דעם יידס תלמידים. דער עיקרשט דעם ר׳ בונם פשיסכער. אויף דער באַרימטער חתונה אין אוסטילע, ווען עס זיינען זיך צו־נויפגעפאָרן כמעט אַלע צדיקים פון יענער צייט מיט ר׳ אברהם־יהושע־העשל אַפּטער אין דער שפּיץ (ער איז געווען אָנערקענט פון אַלע, אַלס דער צדיק־הדור און איז געווען דער איינציקער צדיק, וועלכער איז געווען פון די גדולי תלמידים פון ר׳ אלימלך ליזשענסקער) האָבן די קעגנער פון רבין ר׳ בונם, געוואָלט פּועלן ביים אַפּטער צדיק מען זאָל אים און זיינע תלמידים אַריינלייגן אין חרם. די צוויי באַרימטע גוטע יידן, ר׳ יאָסעלע טאַרטשינער (דעם חוזהס זון) און ר׳ שמעון דיימש, האָבן פאַרגעלייגט זייערע טענות פאַר דעם אַפּטער. דער רבי ר׳ בונם, וועלכער האָט געוווּסט פון דער סכנה, האָט ספּעציעל געשיקט זיינע שליחים קיין איסטילע צו פאַרטיידיקן זיך, און ווען נישט דער רבי ירחמיאל פשיסכער (דער עלטסטער זון פון דעם ייד־הקדוש, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס קעגנער פון ר׳ בנומען), וואָס האָט מלמד־זכות געווען אויף ר׳ בונמען פאַר דעם אַפּטער צדיק, וואָלט דער חרם גאַנץ זיכער אויסגערופן געוואָרן. וואָס־זשע איז דער וואַנ־דער וואָס אַ האַלב־מתנגדישער אָדער אַ גאַנץ־מתנגדישער רב, אָבער גאָרנישט קיין ספּעציעלער קעגנער פון חסידים און חסידות, האָט אויך געקלאַפּט אויף אים? אוודאי האָט ער אויך נישט מסכים געווען מיט די פירעכצן פון די אַנדערע רביים, וועלכע האָבן זיך נוהג געווען צו דאַווענען שפּעט (ווי אין דעם פאַל פון ר׳ שלמה־לייב לענטשנער), אָבער יענע זיינען נישט געווען אויף אַזוי פיל געפערלעך; זיי האָבן זיך נישט פאַרנומען אויף ר׳ בונם פשיסכערס וועג, דורכצוזעצן דעם „יידס" תורה אין לעבן און געווינען וואָס מער אָנהענגער פאַר איר. דאָס זענען געווען די מאָטיוון, וואָס האָבן אָנגערעגט און באַווירקט ר׳ לייזערן, אָנצושרייבן דווקא צו ר׳ בונמען דעם שאַרפן טאַדלונגס־בריוו.

ר׳ לייזערס ערלעכע שטעלונג איז געווען גוט באַקאַנט צו די חסידים. זיי האָבן אין אים געזען נישט זייערס אַ קעגנער, נאָר אַ רב אַ צדיק, אַ בעל־מופת און אַ מקובל, וועלכער מיינט אַלץ לשם־שמים און נישט לשם־מחלוקת, און אַז ער איז ווייט פון מחלוקת. דאָס האָט זיי אימפּאָנירט און זיי האָבן אים גראָד

פֿאַרהערלעכט אָנשטאָט צו באַקעמפֿן אים. דאָס שיינט מיר צו זיין דער אמת וועגן ר׳ לייזער חרל״פ און זיין שטעלונג צו חסידים און חסידיזם.

ערשט אין דער צייט פֿון ר׳ לייזער חרל״פס ממלא־מקום, דער גוט־באַקאַנטער גאון ר׳ רפאל יום־טוב ליפּמאַן היילפּערין, זיינען די באַציאונגען צווישן די מתנגדים און חסידים אין מעזריטש געוואָרן שטאַרק אָנגעשטרענגט און ס׳איז דערגאַנגען צו זייער ערנסטע רעזולטאַטן.

פֿאַרוואָס גראַד אין זיין צייט? עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אויך פֿאַר אים האָבן עקזיסטירט באַדינגונגען, וועלכע האָבן זייער לייכט געקענט אויפֿבלאָזן דאָס פֿייער פֿון מחלוקת. עס האָט אָבער געפֿעלט די אויטאָריטעט, וועלכע זאָל געבן זיין פּרעסטיזש און שטיצע צו יענע, וואָס זיינען געווען אינטערעסירט אויפֿצובלאָזן דאָס פֿייער פֿון מחלוקת אין שטאָט.

פֿון פֿריער ווייסן מיר שוין, אַז נאָך אין דער צייט פֿון ר׳ יחיאל־מיכל קאַזמער, האָבן די מתנגדים געפֿירט אַ מחלוקת קעגן זייער חסידישן רב. שפּירא, אין אַ בריוו צו דובנאָוון (געפֿינט זיך אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו אין ייוואָ) — דאַטירט: יום ג׳, ב׳ אלול תרנ״א, מעזריטש — שרייבט צווישן אנדערעס: „איך האָב דערווייל נאָכנישט אויפֿגעשריבן די קריגערייען מיט דעם „כת״ (אויך ש. רופֿט די חסידים „כת״ — מ. ע.) דאַ־הי, און ס׳איז כדאי מען זאָל וועגן זיי ווייסן, ווייל אי זיי זיינען אַ סך און אי זיי זיינען געווען זייער שטאַרקע. אויב איר וועט זיך נויטיקן אין זיי וועל איך זיי אייך דערציילן פּאַדראָבנע. (זיי זיינען): אין יאָר תקצ״ג — וועגן אַ גט. (דעמאָלט איז געווען ראב״ד דער חסיד ר׳ יאַנקל־דוד און אין אָנהייב דעם יאָר האָט מען אויפֿגענומען ר׳ לייזער חרל״פ. עס איז נישט קלאָר ווער עס האָט זיך געקריגט מיט וועמען, דער ראב״ד מיט דעם רב, אָדער פֿאַרקערט — מ. ע.); אין תקצ״ד — איבער דאָס רויכערן טיטון אין בית־המדרש (ווי באַקאַנט רויכערן חסידים פֿון תמיד־אָן אין די בתי־מדרשים און די מתנגדים האָבן פֿאַרפֿירט אַ מחלוקת מיט זיי צוליב דעם — מ. ע.); אין תקצ״ה — איבער אַ שוחט; אין ת״ר — צוליב דער כאָליערע; אין תר״י — מיט אַ חצי (האַלבן) רבין פֿון דאַנען (מיר ווייסן פֿון צוויי אַזעלכע אין מעזריטש, איינער אַ געוויסער ר׳ יצחק און דער צווייטער, דער שוין־דערמאָנטער, ר׳ ישראל־איסר. פֿון די ביידע איז דער לעצטער, דער וואַרשיינלעכסטער. עס קען אָבער מעגלעך זיין, אַז ס׳איז געווען אַן אנדערער — מ. ע.); אין תרי״ט — איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע איבערקערעניש אין דעם נייעם בית־המדרש (דאָס מיינט ער אין דעם גרויסן בית־המדרש — מ. ע.). נאָך אַ שווערער מלחמה האָט מען, אין סוף טבת, מחרים געווען מיט דעם נוסח פֿון כלבו *) דעם צדיק (דאָס מיינט שפּירא דעם

*) ר׳ יעקב שפּירא, וועלכער האָט געלעבט אין יענער תקופה, האָט אין אַ בריוו צו פּראָפֿעסאָר דובנאָוו, דאַטירט ב׳ אלול תרנ״א (געפֿינט זיך אין ייוואָ־אַרכיוו — ניו־יאָרק) געשריבן צווישן אנדערעס: „אחרי מלחמת תנופה החרימו בנוסח הכלבו את

באַרימטן רבין, ר׳ מענדעלע קאָצקער) און זיינע חסידים און דער צדיק הר׳ מענדל איז געשטאָרבן כ״ב שבט, אין מיט חודש פּלוצים. אגב, מעזריטש איז געווען די איינציקע שטאָט, וווּ מען האָט מחרים געווען דעם קאָצקער און דאָס איז געווען דער לעצטער חרם אויף חסידים — מ .ע.). עס איז געווען אַ גרויסע מחלוקת און צוליב דעם איז דער רב (ר׳ רפאל יום־טוב ליפּמאַן — מ. ע.) אַוועק פון אונדזער שטאָט און ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ביאַליסטאָק״.

ווי מיר זעען, זיינען פאַרגעקומען פיל מחלוקתן, אָבער צו אַ זייער ערנסטע מחלוקת איז ערשט געקומען אונטער דער רבנות פון ר׳ רפאל יום־טוב ליפּמאַן. דאָס איז געשען מחמת דעם, ווייל ער, מער פון די אַנדערע רבנים וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר מתנגדים, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר אַ מחלוקת מיט די חסידים.

אין שטאָט פלעגט מען דערציילן פאַרשידנערליי ווערסיעס וועגן דער סיבה, וואָס האָט גורם געווען דעם אָנהייב פאַר יענע מחלוקת, וואָס האָט גורם געווען צו חילול־השם און דערפירט אַזש צו דעם, דאָס די מאַכט זאָל זיך אַריינמישן און איינשטעלן אַ סדר אין דער קהילה.

לויט איין ווערסיע*) זאָלן חסידישע יינגלעך האָבן אָפּגעשניצט פון אַ בית־מדרש־טיש שטיקלעך האָלץ, וואָס זיי האָבן צוגעלייגט צו די אָפּגעשניטענע נעגל זייערע אַלס עדות. איינער אַ מתנגד האָט עס געזען און עס האָט אים דאָס פאַר־דראָסן און ער זאָל האָבן געפּאַטשט איינעם פון די חסידישע בחורימלעך. פון דעם זאָל זיך האָבן פּראָוואָצירט די גרויסע מחלוקת.

לויט אַן אַנדערער ווערסיע, זאָל די מחלוקת זיין אַ רעזולטאַט פון ר׳ ליפּעלעס היילפּערינס באַליידיקנדיקע באַציאונג צו די חסידישע רביים. ער זאָל האָבן אָפּ־געהוזקט פון די חסידים, ביי ווענען „דער רבי שטייט העכער פון משה רבנו״

הצדיק ואנשין סוף טבת וימת הר״מ בקאָצק כ״ב שבט תוך החודש פּתאום. מחלוקת גדולה וממנה עזב הרב את עירנו ונתקבל לרב בביאליסטוק...״.

הרב גליקסבערג, אין די אויבנדערמאָנטע זכרונות׳ דערציילט: „אויך אין מיין קינדהייט האָב איך געהערט זאָגן א זקן מופלג פון די קאָצקער חסידים, אז ער אליין האָט געהערט אין רבינס הויף חסידים ישישים שמועסן וועגן דער מתנגדישער שטאָט מעזריטש׳ און זיי האָבן איבערדערציילט אין נאָמען פון רבי ר׳ מענדעלע׳ אז לויט זיינע ידיעות ציען זיך אונטער מעזריטש „אָדערן״, ספּעציעלע אָ־ערן אין דער ערד׳ וואָס פארבינדן זיי דירעקט מיט ווילנע און פון דאָרט ציט מעזריטש איר גייס־טיקע יניקה...״.

*) א שאָד וואָס שפּיראָ האָט נישט דערציילט גענויע פּרטים פון די אויבנ־ער־מאָנטע אָפּטע מחלוקתן. אין דעם דובנאָוו־ארכיוו האָבן מיר נישט געפונען קיין נייע מאטעריאלן וועגן די מחלוקתן. עס קען געמאָלט זיין אז ש. האָט יאָ באריכטעט אין דעטאלן. ליידער איז דער גרעסטער טייל פון דעם דובנאָוו־ארכיוו פארלוירן געגאנגען און דערונטער, אפשר׳ אויך די פּרטים.

און אַנדערע שאַרפֿע אויסדרוקן אויפֿן חשבון פֿון די חסידים און זייערע רביים. ווי עס זאָל נישט זיין, איז גאָר קיין ספֿק נישט, אַז דער רב ר׳ ליפּעלע האָט געהאַט אַ האַנט אין דער מחלוקת, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק און עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז די קהילה זאָל ווערן אַרומגעכאַפּט מיט אַזאַ צעפֿלאַמטן מחלוקת־פֿייער, וואָס האָט דערפֿירט צו אַ בולטער שפּאַלטונג פֿון די צוויי עדות.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס אין שטאָט זיינען אָפֿט פֿאָרגעקומען שטרייטן צווישן די ביידע צדדים, זיינען דאָך די באַציאונגען צווישן חסידים און מתנגדים, אויפֿן פּערזענלעכן באָדן, געווען גענוג פֿריינטלעכע. כאָטש די חסידים האָבן שוין פֿריער אויך געהאַט זייערע אייגענע שטיבלעך און מנינים, האָבן זיי זיך פֿונדעסטוועגן נשט אָפּגעזונדערט אינגאַנצן פֿון די מתנגדים; זיי פֿלעגן אויך דאַוונען אין שול און אין גרויסן בית־המדרש און דער נוסח־התפֿילה איז דאָרט געווען אַ געמישטער; חסידים האָבן געדאַוונט אין זייער נוסח און די מתנגדים אין זייער נוסח. און אין פּריוואַטן לעבן האָט אַנגעהאַלטן דער קאָנטאַקט צווישן די ביידע עדות.

מיטן אויסברוך פֿון דער לעצטער מחלוקת, זיינען געשטאַנען צוויי פֿיינט־לעכע לאַגערן איינער קעגנאיבער דעם אַנד׳ערן. עס איז געוואָרן אַ קריג אויף טויט און לעבן. נעכטיקע פֿריינט זיינען געוואָרן בלוט־שונאים איינער דעם אַנדערן; מען האָט זיך געשלאָגן און מען האָט זיך געמסרט. די לאַגע איז ג׳עוואָרן אויף אַזוי ווייט געפֿערלעך, אַז די רעגירונגס־מאַכט האָט אַזש געמוזט אינטערווענירן און איינשטעלן רו און אָרדנונג. אַלס רעזולטאַט פֿון דער אינטערווענץ, זיינען אַלע קהלש׳ע בתי־מדרשים און די שול געוואָרן אַ מין „פֿאַרבאָטענע זאָנע״ פֿאַר די חסידים. לויט דעם באשלוס פֿון דער מאַכט, איז דער נוסח־ספֿרד, רעגלאַמענ־טאַריש, פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דער שול און בתי־מדרשים (אויסער שטיבלעך). חסידים פֿלעגן אָפּלאַכן פֿון דעם פּסק־דין פֿון דעם סטאַראָסטווע פֿון דעם פּאָוויאַט, וועלכער האָט געזאָלט דערשיינ׳ען אויף דער בימה און אָפֿיציעל אויסגערופֿן: „ברוך שאמר וו׳פּעריאַד״, — ברוך שאמר, הייסט עס, מוז געזאָגט ווערן פֿאַר הודו. מיט יאָרן צוריק, איז דער דאָזיקער „גוישער״ פּסק־דין, ווי אויך דער פֿאַר־באָט צו רויכערן אין בית־המדרש געווען אויפֿגעשריבן איבער דער טיר, כדי מען זאָל חלילה נישט עובר־זיין אויף דעם איסור. זינט דעמאָלט, האָבן די חסידים זיך גענצלעך אָפּגעטיילט פֿון די אַנדערע יידן און זיך אויסגעלעבט נאָר אין זייערע שטיבלעך.

די דאָזיקע מחלוקת אין מעזריטש, איז געוואָרן באַקאַנט ווייט אויסער אירע גרענעצן. חסידים האָבן געשטעלט מעזריטש אויף דער זעלבער מדרגה ווי דובנאָ אין וואָלין. די דאָזיקע שטאָט איז געוואָרן פֿאַרהאַסט פֿון חסידים צוליב דעם, וואָס דאָרט האָט געוווינט דער באַקאַנטער משכיל און שריפֿטשטעלער גאָטליבער, וועלכער האָט געריסן פּאַסן פֿון די חסידים און די רביים אין זיינע אַרטיקלען.

ביי חסידים פלעגט, מחמת דעם, אַרומגיין אַ ווערטל: „כשתבטל מכת דם יבא משיח — ווען די מכה פון דם — דאָס זיינען די ראשי־תיבות פון דובנאָ מעזריטש — וועט בטל ווערן, וועט קומען משיח". דיביידע שטעט, זיינען געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די חסידים, מחמת די צרות, וואָס זיי האָבן געליטן פון די דאָרטיקע מתנגדים.

רבנים און איינפלוסרייכע יידן האָבן געפרווט זיך אַריינמישן און מאַכן שלום. דאָס איז צו זען פון אַ בריוו, וואָס דער 'ערשטער גערער רבי ר' איטשע־מאיר אַלטער, באַרימט מיט זיינע גאונישע חידושים אויף ש"ס א. נ. „חידושי הרי"ם", האָט געשריבן צו זיינע חסידים אַ חודש נאָך ר' מענדעלע קאָצקערס פּטירה (אגב, מעזריטש איז געווען די איינציקע קהילה, וועלכע האָט אויסגערופן אַ חרם אויף ר' מענדעלע קאָצקער און זיינע חסידים. דער דאָזיקער פאַקט איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט געוואָרן ביז איצט, — מ. ע.).

דער בריוו (מאיר עיני הגולה, וואַרשא, תרצ"ט — מכתבים י"ז) איז דאַ־טירט יום ב' כ"ד אדר ראשון תרי"ט און ער לייענט זיך אַזוי:

„החיים והשלום לכבוד אהובי הרבנים המופלגים נגידים חו"ש (חסידים ושלמים) מו"ה שלמה הייל‌פּרין נ"י ומ' יוסף הכהן ואל כל המנין (מער ווי אַ מנין גערער חסידים איז נישט געווען דעמאָלט, ווייל די קאָצקער חסידים האָבן זיך דעמאָלט צעטיילט. אַ טייל פון זיי זיינען געוואָרן חסידים פון ר' מענדעלע קאָצקערס בכור — ר' דוד. אין אַלגעמיין, ווי עס שיינט, זיינען דאָס רוב חסידים געווען אָנהענגער פון לענטשנער רבין און נאָכדעם פון זיין זון ר' יהושע אָסטראָ־ווער — מ. ע.) אנ"ש (אנשי שלומינו) שיחי'.

„לאשר שמעתי כי אחרי אשר הנגידים מביאלע וידידינו ר' הירש נ"י (זאָל ער זיין דער באַרימטער ר' הירש טאָמאַשאָווער, ר' מענדעלעס רעכטע האַנט און נאָכדעם דעם גערערס מקורב? — מ. ע.) עשו שלום בעירכם, אח"כ חזר ונתעורר המחליקת ואש הניצות בוער עד לב השמים שיש ח"ה (חלול השם) גדול וגם בא לפני הממשלה, אלה מבזים מאחב"י (מאחינו בני ישראל) להיות לבוז וללעג כל עדת ב"י על ידי אנשי עירכם וכי אפשר שיצא דבר טוב ממחלוקת כזה, והנכם אנשים יראי ד' ובשם חסידים נקראים ראוי לכם לחוס על כבוד שמים ולנטות אל השלום מה דאפשר. והנה דברתי עם הגאון אב"ד נ"י דפה"ק וכתב אל הרב דשם ואנשי הקהלה בכל תוקף ועוז שיטו א"ע (את עצמם) אל השלום, או שיתאספו אנשים חכמים מהם ומכם למצוא עצה לתוך השלום, או להציע לפני רבנים או לבא לכאן, ואקוה כי תשמען לדברי המיעץ אתכם לטוב בזה ובבא וראוי לכל אחד למחול על כבודו וגם הצדיקים והקדושים אשר בעולם אמת ודאי ניחא להם ומוחלים על כבודם בעבור כבוד שמים, כאשר היתה כל מגמתם וחפצם בעוה"ז וגם אקוה כי הרב דשם והאנשים אשר אתו ישמעו לדברי הרב הגאון דפ"ק יצ"ו".

אין יידישער איבערזעצונג, לייענט עס זיך:

„אזוי ווי כ'האָב געהערט, דאָס נאָכדעם ווי די נגידים פון ביאַלע און אונ-דזער ידיד ר' הירש נ"י האָבן שוין געהאַט געמאַכט שלום ביי אייך אין שטאָט, האָט זיך ווידער אַמאָל צעפלאַקערט די מחלוקת און דאָס אויסגעשפּרייטע פייער ברענט ביז דעם הימל אַריין, וואָס איז אַ גרויסער חילול השם, און עס איז שוין אויך געקומען צו מלכות, יידן זיינען מבזה איינער דעם אַנדערן און די גאַנצע יידישע עדה ווערט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט דורך מענטשן פון אייער שטאָט, איז דען מעגלעך אַז, גוטס זאָל אַרויסקומען פון אַזאַ מחלוקת? און איר זייט דאָך גאָטספּאַרכטיקע מענטשן און איר ווערט גערופן חסידים; דעריבער איז רעכט, אַז איר זאָלט זיך דערבאַרעמען אויפן כבוד שמים און זיך נויגן צום שלום מיט אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך. איך האָב גערעדט מיט דעם גאון אב"ד (דער דעמאָלטדיקער וואַרשעווער רב, ר' בעריש מייזל — מ. ע.) און ער האָט געשריבן אַ שאַרפן בריוו צום דאָרטיקן רב (ר' ליפּעלע הייליפּערין — מ. ע.) און צו די פירער פון דער קהילה, זיי זאָלן נוטה זיין צו שלום, אָדער עס זאָלן זיך צוזאַמענקומען קלוגע מענטשן פון זיי און פון אייך צו געפונען אַן עצה צו פאַר-מיטלען אַ שלום, אָדער פאַרצולייגן דעם ענין פאַר רבנים צו קומען אַהערצו (נאָך וואַרשע — מ. ע.), און איך האָף, אַז איר וועט זיך צוהערן צו די רייד פון איינעם וואָס עצהט אייך פאַר אייער גוטס-וועגן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און עס איז רעכט אַז יעדער איינער (פון די חסידים, מ. ע.) זאָל מוחל זיין אויף זיין כבוד און אויך די צדיקים און הייליקע, וועלכע זיינען שוין אויפן עולם־האמת זיינען אוודאי צופרידן און זיינען מוחל אויף זייער כבוד צוליב כבוד־שמים, ווי עס איז געווען זייער גאַנץ שטרעבן און רצון אויף דער דאָזיקער וועלט, און איך וויל אויך האָפן, אַז דער דאָרטיקער רב און די מענטשן וואָס האַלטן מיט אים וועלן זיך צוהערן צו די רייד פון דעם רב הגאון פון הי (דער וואַרשעווער רב, ר' בעריש מייזל, מ. ע.).

דברי ידידכם דו"ש הק' יצחק־מאיר בהרב מור"י ז"ל.

דער דאָזיקער בריוו, וואָס רופט צו שלום, אַנטהאַלט אין זיך אויך וויכטיקע פאַקטן וועגן דער דאָזיקער מחלוקת:

1. אַז די מחלוקת האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט און ס'איז שוין געהאַט געקומען צו אַ שלום. מיר האָבן נישט קיין ידיעות, אויף וואָסערע באַ־דינגונגען.

2. אַז די מתנגדים האָבן שפּעטער נאָכאַמאָל באַנייט די מחלוקת. מיר ווייסן נישט די מאָטיוון דערצו; אפשר האָבן די מיליטאַנטישע מתנגדים, זעענדיק אַז די חסידים זיינען געוואָרן נאָכגיביק, געוואָלט דערפירן זייער שטאַנדפּונקט צו אַ פולשטענדיקן נצחון; צוליב דעם האָט מען אַריינגעצויגן די מאַכט, אַז זי זאָל זיין דער פּוסק־אחרון.

.3 עס באַשטעטיקט אונדזער השערה, אַז אין צענטער פון דער מחלוקת איז געשטאַנען דער רב און „זיינע מענטשן"; אָנשטאָט צו צוימען די מחלוקת, איינשטילן די קריגערייען אין שטאָט און פאַרמיידן חילול השם, ווי עס וואָלט געדאַרפט טאָן אַ רב פון דער גאַנצער קהילה, האָט ער זיך געשטעלט אויפן צד פון די מתנגדים און, אַזוי אַרום געשטאַרקט די הענט פון די בעלי מחלוקת. דאָס איז קלאָר אַרויסגעבראַכט אין דעם שאַרפן בריוו, וואָס ר' בעריש מייזל, וועל־כער איז אַליין נישט געווען קיין חסיד האָט געשריבן צו ר' ליפּעלע הייל‌פּערין; עס איז צו זען, אַז ער וואַרפט די שולד אויפן רב און די פירער פון דער קהילה.

.4 אַז די סיבה אָדער איינע פון די סיבות, איז געווען דאָס באַליידיקן די רביים. וואָרום, דער בעל חידושי הרי"ם אין זיין בריוו שרייבט: „און אויך די צדיקים און הייליקע וואָס זיינען שוין אויפן עולם אמת, זיינען אודאי צופרידן און זיינען מוחל אויף זייער כבוד..."

עס איז מערקווירדיק, וואָס דער גערער רבי, וועלכער האָט אודאי געוווּסט פון ר' ליפּעלעס גאונות (כאָטש זיין ספר „עונג יום טוב", וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן אין דער לומדישער וועלט, איז אַרויס מיט יאָרן שפּעטער), האָט אים בלויז גערופן „הרב" און נישט „הרב הגאון", ווי עס איז בדרך כלל אָנגענומען, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ רב, אַפילו אַ קלענערער למדן. דאָס קען בלויז פאַרשטאַנען ווערן, אַז דאָס איז געקומען פון ר' איטשע־מאירס כעס אויפן מעזריטשער רב, וועמען ער האָט, קענטיק, געהאַלטן שולדיק אין דער מחלוקת.

ווי געזאָגט, האָט זיך די מחלוקת איינגעשטילט מיט דעם כוח פון דעם סטראַזשניק, פון דער מאַכט. די שלום־ווענדונג פון דעם „בעל חידושי הרי"ם" האָט נישט געהאָט, ווי עס שיינט, קיין ווירקונג אויף די מתנגדים. מען האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויפן אויסגלייך פון מענטשן און רבנים, נאָר אָנגעקומען צום גוי. די מתנגדים האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּולשטענדיקן נצחון. אָבער ר' ליפּעלע האָט דערפאַר געמוזט פאַרלאָזן מעזריטש. ער איז אָבער זיכער געווען צופרידן פון דעם בייט, נישט נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַוועק קיין ביאַליסטאָק, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען אַ רייכע יידישע שטאָט, נאָר פּשוט דערפאַר וואָס ער האָט שוין אין מעזריטש לענגער נישט געקענט בלייבן. אַ רב דאַרף האָבן די גאַנצע שטאָט הינטער זיך און דאָס האָט ער אין מעזריטש נישט געהאַט. מעזרי־טשער פלעגן זאָגן, אַז ביאַליסטאָק האָט אַרויסגענאַרט דעם רב פון זייער שטאָט.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין ביאַליסטאָק האָט ער שוין נישט געפירט קיין מחלוקת מיט חסידים; ער איז, הפּנים, שוין געווען מיד פון מחלוקת. דערפאַר האָט ער דאָרט באַקומען אַנדערע שונאים; די „כאַפּערס" פון יידישע קינדער פאַר מיליטער־דינסט האָבן אים באַטראַכט פאַר זייערס אַ דם־שונא, ווייל ער פלעגט זיי באַקעמפן. איינער אַ „כאַפּער" האָט אַפילו געהאַט צוגעגרייט אַ מסירה אויף ר' ליפּעלען. די דאָזיקע מסירה איז געפונען געוואָרן אין בוזים-

קעשענע ביי אַ יידן, וואָס איז אַוועקגעפּאַלן אַ טויטער אין ביאַליסטאָק אין מיטן גאַס.

עפּיזאָדן וועגן מעזריטשער מתנגדים און חסידים

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די גדולי החסידים, וואָס האָבן געוווינט אָדער באַזוכט מעזריטש. וועגן זיי אַלע ווערט דערציילט פאַרשידנערליי מעשיות, טיילווייז באַשטעטיקטע, וואָס כאַראַקטעריזירן די באַציאונגען צווישן חסידים און מתנגדים אין מעזריטש.

קודם־כל וועגן דעם רבין ר' בונם. שפּירא אין צוויי פון זיינע בריוו צו דוב־נאָוון דערציילט, אַז דער רבי ר' בונם איז געווען אין מעזריטש, איידער ער איז געוואָרן רבי. ער איז, וואַרשיינלעך, געווען דאָרט אַ לענגערע צייט, ווייל ער האָט פאַרטראָטן ר' שמואל זביטקאָווערס אינטערעסן אין מעזריטש. וועגן די דאָזיקע אינטערעסן דערציילט אונדז שפּירא אין איינעם פון די דאָזיקע בריוו: „די ממשלה האָט פאַרדינגען דעם שטייער אויף פלייש (כשר פלייש) צו ה' בערקא פון וואַרשע (דאָס איז דער אויבנדערמאָנטער ר' שמואל זביטקאָווער, מ. ע.). דער אַרענדאַר האָט געשיקט אין אונדזער שטאָט דעם צדיק ר' בונם, אַלס זיין אַגענט און ער איז געזעסן ביי אונדז מיטן כוח פון דער רעגירונג. אָבער דער רב ר' נחמן, האָט זיך גאָרנישט דערשראָקן פאַר אים (אין דעם סכסוך וואָס האָט אויסגעבראָכן אַרום דעם פלייש־שטייער, מ. ע.) ביז וואַנען ער (ר' בונם) האָט זיך אונטערגעגעבן און ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט...“

ווען איז דאָס געשען? וואַרשיינלעך צווישן די יאָרן תקע"א און תקע"ד (1811—1814). ווייל ר' נחמן איז געוואָרן רב אין מעזריטש אין תקע"א און דער ייד הקדוש איז נפטר געוואָרן אין תקע"ד און דעמאָלט איז ר' בונם געוואָרן רבי. מיר ווייסן אויך, אַז אַ צייט פאַר זיין רבים פּטירה, איז ער געווען אין אַנדערע מסחר־שליחותן אין דאַנציג.

אויך אין שייכות מיט ר' בונמס זיין אין מעזריטש ווערט דערציילט (איך האָב עס געהערט אין אונדזער משפּחה, צו וועלכער עס האָט אויך געהערט דער צווייטער צדיק, וואָס פיגורירט אין דער מעשה) פאָלגענדער עפּיזאָד:

דער רבי בונם האָט זיך באַנוצט אין זיין אַמט אויף אויסצופירן זיין אַרבעט (ביים אויפמאָנען דעם אויבנדערמאָנטן שטייער) אַפילו מיט מיליטער. איינמאָל האָט ער באַפוילן אַ מיליטערישן רייטער, אַז ער זאָל אַוועקרייטן קיין שעדלעץ און זיך נאָכפרעגן אויף דער וווינונג פון דעם צדיק ר' קלמן. ווען ער וועט קומען אַהינצו, וועט ער זיכער זען אַ קליין יידעלע איינגעוויקלט אין אַ טלית (ר' קלמן פלעגט גאַנצע טעג פאַרברענגען אין תפילה און לערנען און ער איז געווען ר' בונמס אַ חבר און פלעגט זיך מיט אים אָפט טרעפן ביים חוזה פון לובלין און דעם ייד הקדוש פון וועמענס גרויסע תלמידים ער איז געווען). זאָל ער נישט

מאַכן קיין לאַנגע שהיות, נאָר נעמען דעם ייד און מיט אים קומען גלייך צו רייטן קיין מעזריטש. דער סאָלדאַט האָט אַזוי געטאָן און אין זעלבן טאָג האָט ער געבראַכט צו פירן ר׳ קלמנען צו ר׳ בונמען קיין מעזריטש. מען קען זיך פאָר־שטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין ר׳ קלמנס הויז און די שרעק, וואָס ר׳ קלמן אַליין האָט, מן הסתם, דורכגעלעבט. אָבער, ווי דערשטוינט איז ר׳ קלמן געוואָרן, ווען דער סאָלדאַט האָט אים אַריינגעבראַכט צו זיין חבר. אויף זיין פראַגע — וואָס איז געשען? פאַרוואָס האָט מען אים „געפאַנגען"? האָט ר׳ בונם געענטפערט: „עס האָט זיך מיר געוואָלט טרינקען אַ ביסל בראָנפן. אָבער ווי אַזוי טרינקט מען עס אַליין בראָנפן? האָב איך זיך דערמאָנט אין דיר. איך האָב געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז מיין טייערער חבר זאָל מיט מיר צוזאַמען טרינקען און צוליב דעם, האָב איך געשיקט דעם קאָזאַק ער זאָל דיך ברענגען צו מיר".

אַ צווייטער רבי, וועלכער פלעגט קומען אָפּט קיין מעזריטש צו זיינע חסידים, איז געווען, דער שוין דערמאָנטער ר׳ שלמה לייב לענטשנער (אויך אַ נאָענטער חבר פון דעם ר׳ בונם און פון די גדולי תלמידים פון חוזה און פון ייד הקדוש);

מיין פאָטער דערציילט וועגן אים:

איינמאָל האָבן די מתנגדים אין מעזריטש אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דעם לענטש־נער. דאָס איז געשען, ווען דער לענטשנער איז אַמאָל געקומען קיין מעזריטש אויף אַ ברית, וואָס זיינער אַ חסיד האָט געפּראַוועט און ער האָט, פאַרשטענד־לעך, דעם רבין מכבד געווען מיט סנדקאות. דעמאָלט איז געווען דער מנהג צו מאַכן דעם ברית אין שול (איך געדענק נאָך דעם כסא־אליהו, וואָס איז געשטאַ־נען אין שול). ר׳ שלמה לייב לענטשנער איז פאַרפאָרן מיט זיין בויד צו דער שול צו פּראַווען דעם ברית, און דער פערד־און־וואָגן איז געבליבן שטיין לעבן די שול הפקר. דעמאָלט האָבן מתנגדישע חברה, לויז־געמאַכט די רעדער אויף די אַקסן כדי דער וואָגן, וואָס וועט דערנאָך פירן דעם רבין, זאָל אומפאַלן צוזאַמען מיט דעם רבין און זיינע שמשים און גבאים. ר׳ שלמה־לייב איז אָבער געווען אַ ייד אַ חכם און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מעזריטשער מתנגדים זיינען פעאיק אָפּצוטאָן כלערליי שפּיצלעך אַ חסידישן רבין, האָט ער דערפאַר באַפוילן זיין בעל־עגלה, ער זאָל גוט דורכקוקן די רעדער און דעם גאַנצן געשפּאַן און פעסטשטעלן, אויב אַלץ איז אין אָרדנונג. ס׳איז זיך לייכט משער צו זיין, אַז ביי געוויסע חסידים איז דאָס באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מופת פון רבין.

אַ צווייטע מעשה, וועגן ר׳ שלמה־לייב לענטשנער, וואָס איך האָב געהערט פון מיין פאָטער איז די פאָלגענדע:

די לומדישע מתנגדים אין מעזריטש פלעגן שטאַרק אָפּלאַכן פון די רביים און זייערע חסידישע תורות. איינמאָל האָבן די מתנגדים געשיקט איינעם פון זייערע גרעסטע לומדישע יונגעלייט, אָפּצולאַכן פון דעם לענטשנער צדיק, ווען

דער לעצטער האָט איינמאָל געפירט טיש אין מעזריטש, אויף איינע פון זיינע באַזוכן דאָרט. די חוצפּהדיקע פירונג פון דער יינגערמאַן, האָט אַרויסגערופן אויף זיך די הקפּדה פון דעם צדיק און דער יינגערמאַן איז אַוועקגעפאַלן אַ מסוכנדי־קער. די עלטערן, נעבעך, זיינען געלאָפן צו רופאים און דאָקטוירים און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַן עונש פון דעם צדיק און אַז בלויז ער קען העלפן דעם יינגערמאַן. זיינען די עלטערן אַוועק צום לענטש־נער מיט אַ יללה ער זאָל העלפן זייער זון. האָט דער לענטשנער אויסגעהערט די צעבראָכענע עלטערן און זיך אָפּגערופן: „נעמט אַ וואָגן און פירט אייער זון צו מיר קיין לענטשנע".

וואָס וועלן עלטערן נישט טאָן, כדי צו ראַטעווען זייער קינד? וואָס וועט דער חולה נישט טאָן, כדי געזונט צו ווערן? באין ברירה, האָט מען דעם חולה־מסוכן אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן און אים געבראַכט צו פירן קיין לענטשנע. נאָכן זיין אַ לענגערע צייט אין לענטשנע, האָט זיך דער חולה צוריקגעקערט אַ היים קיין מעזריטש אַן אויסגעהיילטער, אי פון זיין מחלה און אי פון מתנגדיזם. ער איז געוואָרן איינער פון די גרויסע חסידים און תלמידים פון דעם לענטשנער צדיק.

שפּירא דערציילט אין דעם אויבנדערמאָנטן בריוו, וועגן דער מחלוקת מיט אַ חצי רבין אין מעזריטש. מיר זיינען זיך משער, אַז שפּירא האָט אוודאי געמיינט ר' ישראל איסרן, וועלכער האָט זיך געפירט ווי אַ גוטער ייד, כאָטש ער האָט נישט געלעבט פון רביסטווע נאָר פון האנדל. ער האָט געהאַט אַ שניט־געשעפט, וואָס איז געווען איינע פון די גרעסטע אין דער גאַנצער געגנט. אַ חוץ אים, איז אין מעזריטש געווען נאָך אַ געהויבענער חסיד, אַ דאָרטיקער געבוירענער. זיין נאָמען איז געווען ר' יצחק און די רביים אין זיין דור האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אים. ס'איז אָנצונעמען, אַז ער האָט געהאַט פיל חסידישע פאַרערער אין זיין שטאָט און צווישן די חסידים, וועלכע זיינען געפאָרן צום זעלבן רבין. ער איז געשטאָרבן אין זיין יוגנט און זיין טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין די רבישע און חסידישע קרייזן.

דער באַקאַנטער צדיק ר' משה אליקים בריעה (אַ זון פון דעם קאָזשניצער מגיד, ר' ישראל) האָט אָפּגעדרוקט אַ הספּד אויף אים אין זיין ספר*). און ער באַצייכנט אים אַלס „צדיק וחסיד עליון, הרב הקדוש מו"ה יצחק מק"ק מעזריטש". אויך דער לענטשנער האָט שטאַרק פון אים געהאַלטן און דעם ערשטן שבת נאָך ר' יצחקס פּטירה, האָט זיך דער לענטשנער אויסגעדריקט פאַר די חסידים, וואָס זיינען געזעסן ביי זיין שבתדיקן טיש: „ר' יצחק איז שוין אין גן עדן" (געהערט פון מיין פאָטער און ער האָט עס געהערט פון ר' אהרעלען — אויך אַ רבישער ייד וועמען דער שרייבער פון די שורות האָט נאָך געקענט — און ער האָט נאָך

*) באר משה, מר' משה אליקים בריעה, דף קמ"ה.

געקענט דעם לענטשנער). צווישן די גדולי צדיקים, וועלכע פלעגן אָפט קומען קיין מעזריטש, איז אויך געווען, ווי מיר האָבן שוין געשריבן, ר' אשר הגדול פון סטאָלין. איינמאָל איז ר' אשר געגאַנגען אין גאַס און היות ווי מעזריטש איז געווען, בעיקר, אַ מתנגדישע שטאָט, האָבן די מתנגדים געלייגט ווינציק אַכט אויף אים. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מתנגד, איינער פון די חשובים פון שטאָט און ער האָט ר' אשרן נישט געענטפערט אויף זיין גוט־מאָרגן, האָט דאָס אים שטאַרק פאַרדראָסן. מעג איך טאַקע זיין אַ חסידישער רבי — האָט ר' אשר גע־טראַכט — אָבער פאַרוואָס קומט מיר נישט צו זאָגן אַ גוט־מאָרגן? ר' אשר האָט צוגערופן דעם חשובן מתנגד און צו אים געזאָגט: „אין תורה שטייט, אל תגזול דל כי דל הוא — באַרויב נישט דעם אָרעמאַן דערפאַר ווייל ער איז אַן אָרעמאַן".

חסידים האָבן דערציילט, אַז דער דאָזיקער מתנגד איז געוואָרן אַ יורד און איז געבליבן אַן אָרעמאַן כל ימיו (געהערט פון מיין פאָטער).

דער גערער און איזשביצער קריטיקירן מעזריטשער מתנגדישע פרומקייט

פון די אָנגעזעענע רביים, וואָס פלעגן קומען קיין מעזריטש, זיינען אויך געווען ר' איטשע־מאיר וואַרשעווער (שפּעטערדיקער גערער רבי) און ר' מרדכי־יוסף ליינער (שפּעטער געוואָרן איזשביצער רבי און גרינדער פון דער גוט־באַקאַנ־טער רבישער דינאַסטיע פון ראַדזין). תמיד, ווען זיי פלעגן קומען קיין מעזריטש (מעזריטש איז געווען אַ דורכפאַר־שטאָט), פלעגן זיי אַריינגיין אין גרויסן בית־המדרש, וואו עס זיינען תמיד געזעסן צענדליקער יידן, אַלט און יונג, און גע־לערנט. אָבער דיביידע שאַרפע חסידישע יינגעלייט, וועלכע האָבן זיך אויסגע־האָדעוועט אין דעם חדר פון ייד הקדוש און זיינע תלמידים, דער רבי ר' בונם און ר' מענדעלע קאָצקער, איז דאָס מתנגדישע אַרט לערנען און דאַווענען נישט געפעלן געוואָרן. עס האָט ביי זיי געפעלט דער חסידישער ברען, די התלהבות וואָס האָט פיל מאָל זיך געגרענעצט מיט כלות הנפש. זיי האָבן וועגן די מעזרי־טשער לומדישע מתנגדים און זייער עבודה זיך אַזוי אויסגעדריקט: „אונטער די בענק פון גרויסן בית־המדרש וואַלגערט זיך אַ סך תורה און תפילה".

די דאָזיקע קריטיק איז, בכן, געמיינט געוואָרן אין דעם זין, אַז סיי זייער תורה־לערנען און סיי זייער תפילה־טאָן גרייכט נישט אין הימל אַריין. אָט די דאָזיקע חסידישע שיטה, באַזירט זיך אויפן זוהר, וועלכער זאָגט אין אַ שטעלע: „תפילה שאיננה בדחילו ורחימו לא פרחה לעילא — תפילה וואָס ווערט נישט געזאָגט מיט מורא און ליבשאַפט גייט נישט אַרויף אין הימל אַריין".

כאָטש מתנגדיש און דאָך האָבן חסידישע רביים זיך געריסן קיין מעזריטש

כאָטש מעזריטש איז געווען אַ מתנגדישע שטאָט און די חסידים האָבן דאָרט נישט געלעקט קיין האָניק, האָבן דאָך חסידישע גוטע יידן זיך געריסן אַהינצו און זיך געוואָלט באַזעצן דאָרט. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל מעזריטש איז געווען באַקאַנט מיט אירע לומדים, חשובים און יחוס. די שענסטע משפחות ביי יידן, האָבן זיך משדך געווען מיט מעזריטשער בעל־בתים און מעזריטשער משפחות האָבן געצויגן זייערע יחוס־פעדים און שטאָלצירט מיט דעם.

איינער פון די גרויסע רביים פון די פריערדיקע דורות, וואָס האָט זיך דווקא געוואָלט באַזעצן אין מעזריטש, איז געווען דעם לענטשנערס זון און ממלא־מקום, ר' יהושע פרידמאַן — דער אָסטראָווער צדיק ז"ל.

ר' יהושע אָסטראָווער, איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער אין מעזריטש, וואו ער האָט געהאַט אַ סך חסידים. ער פלעגט איינשטיין ביי ר' סענדער ראָזענצווייג; איינער פון די שענסטע יידן אין שטאָט און, פון גרויסן יחוס (ער איז געווען אַן איידעם פון דעם וואַרשעווער רב. ר' חיים דאַווידזאָן). דער אָסטראָווער צדיק, האָט אַפילו שוין געהאַלטן ביים אָפּקויפן ד"ר וואָלפּס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער בריקן־גאַס. פאַרוואָס ער האָט זיין פּלאַן נישט אויסגעפירט, איז נישט באַקאַנט. מעגלעך, צוליב דער אָפענער קעגנערשאַפט פון די מתנגדים אָדער די מורא פון די חסידים, אַז זיין באַזעצן זיך זאָל נישט ווידער אַמאָל אַרויסרופן אַ נייע מחלוקת צווישן מתנגדים און חסידים (ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דער אָסטראָווער האָט גראָד „געפירט טיש" אין שטאָט, ווען אין מעזריטש זיינען פאָרגעקומען פאַרביטערטע קאַמפן צווישן מתנגדים און חסידים, וועלכע האָבן דערפירט צום חרם אויף ר' מענדל קאָצקער און זיינע חסידים).

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט ר' יהושע אָסטראָווער דאָך געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן מעזריטש און ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט פאַר זיינע חסידים, וועלכע האָבן, הפנים, זיך באַקלאָגט אויף מעזריטש: „עתידה מעזריטש להטהר — מעזריטש וועט אַמאָל גערייניקט ווערן..."

די נביאות פון אַ מעזריטשער חסיד

וועגן דעם רום פון מעזריטש אַלס שטאָט פון תורה וגדולה, וואָס האָט אַזוי אימפּאָנירט חסידישע רביים און אַנדערע גדולי תורה, שרייבט מיין פאָטער: „איך האָב געקענט פּראָסטע קצבים, וועלכע האָבן געגומען איידעמס גדולי תורה". מיין פאָטער דערציילט אויך: „צווישן די מעזריטשער סוחרים, וועלכע פלעגן פאָרן האַנדלען נאָך לייפּציק (אגב, מען פלעגט זיי רופן „תגרי לוד". דער דאָזיקער נאָמען איז געבאָרגט פון דער גמרא בבא מציעא. דאָרט ווערט באַהאַנדלט

א תלמודיש פּראָבלעם, אין שייכות מיט די תגרי-לוד –- סוחרים פון לוד, ארץ־ישראל — זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שאַרפקייט און גרויס־האַנדל, מ. ע.) זיינען געווען גרויסע לומדים. די דאָזיקע סוחרים פלעגן אַזוי פּלאַנעווען זייערע נסיעות קיין לייפּציק, אַז ס'זאָל זיי אויסקומען צו האַלטן שבת אין פּויזן, כדי צו פאַרברענגען דעם שבת אין תורה־שמועסן מיט דעם גאון און פּויזנער רב, ר' עקיבא אייגער ז"ל.

צווישן אָט די סוחרים, איז געווען א געוויסער ר' זונדל, א שאַרפער חסיד, וועלכער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו ר' עקיבא אייגער, מיט וועמען ער האָט געשמועסט אין לערנען. איינמאָל האָט ער דאָרט געטראָפן צו־גאַסט ר' עקיבא אייגערס אייניקל — לייבעלע, און ר' זונדל האָט שטאַרק באַאָבאַכטעט דעם קליינעם לייבעלען. אין א שמועס מיט ר' עקיבאַן, האָט ר' זונדל א זאָג־געטאָן צו אים: „רבי, מובטחני (עס הייסט, איך בין זיכער), אַז אייער לייבעלע וועט זיין א חסידישער רבי".

ר' עקיבא האָט געשטוינט אויף די דאָזיקע נביאות. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיין ר' שלמה אייגער, איז א שאַרפער קעגנער פון די חסידים און אַז זיין לייבעלע וועט זיכער דערצויגן אין עכט מתנגדישן גייסט.

„פון וואַנען ווייסט איר, אַז ער וועט זיין א חסידישער רבי?" — האָט ר' עקיבא געפרעגט.

„איך האָב געזען שוויים זיך גיסן פון זיינע פּיאות, בעת ער האָט געדאַווענט, און אַזוי דאַווענען קען בלויז א רבי" — האָט געענטפערט ר' זונדל (מיין פּאָטער האָט עס געהערט פון זיין פּאָטער, וואָס האָט דעם ר' זונדלען, וואַרשיינלעך, געקענט).

אגב, די מעזריטשער סוחרים וואָס פלעגן זיך אויפהאַלטן אין פּויזן און פאַרברענגען מיט ר' עקיבא אייגער אין תורה, האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט אים וועגן אָננעמען דאָס מעזריטשער רבנות. אַזוי האָט מען דערציילט אין מעזריטש און מיין פּאָטער האָט עס מיר אויך דערציילט. ר' עקיבא, איז אויף דעם געווען גרייט. דאָס וואָס דאָס מעזריטשער רבנות איז געווען ווייניקער חשובער ווי דאָס פּויזנער רבנות, האָט ר' עקיבאַן נישט געאַרט. מען דאַרף געדענקען, אַז ר' עקיבא האָט שוין אין פּויזן געזען דעם אָנהייב פון דער דייטשער השכלה, וועלכע האָט אין א קורצע צייט חרוב-געמאַכט דאָס דייטשע תורה־יידנטום. אים איז געווען ניחא צו באַזעצן זיך אין פּוילן, ווו תורה־יידישקייט, איז געווען אין איר פולער בליאונג. מעזריטש איז אים געווען באַקאַנט, נישט נאָר פון אירע גרויסע רבנים, וואָס זי האָט געהאַט און אַרויסגעגעבן, נאָר אויך פון אירע לומדישע בעלי־בתים מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אָפט אין פּויזן. דער דאָזיקער פּראָיעקט, איז אָבער נישט צושטאַנד־געקומען מחמת דעם, ווייל ר' עקיבא האָט געפאָדערט, אַז מעזריטש זאָל אויסהאַלטן זיין ישיבה.

אנטקעגן וואָס, האָבן מיר דערציילט די מעשה פון ר' זונדלס „נביאות"?

אקעגן דעם. וואָס מיט יאָרן שפּעטער האָט דאָרט געוווינט ר׳ עקיבא אייגערס אַן אור־אור־אייניקל, — דער רבי ר׳ שלמה אייגער. ער איז געווען אַ בעל־הבית אין שטאָט אַ לענגערע צייט. ווען זיין פאָטער ר׳ אברהמעלע אייגער איז נפטר געוואָרן אין לובלין (דאָרט האָט אויך געפירט רביסטווע זיין זיידע, דער אויבנ־דערמאָנטער ר׳ לייבעלע אייגער), איז ר׳ שלמה אייגער געוואָרן רבי אין לובלין אויף זיין פאָטערס אָרט.

די אַנטי חסידישע צוואה

ווי שאַרף און גרויס עס איז געווען די שנאה צווישן חסידים און מתנגדים אין שטאָט, אילוסטרירט די זייער טשיקאַווע צוואה, וואָס איינער פון די שענסטע בעלי־בתים אין שטאָט און פון גרויסן יחוס, ר׳ ארוש מינץ, האָט איבערגעלאָזט. אין דער דאָזיקער צוואה *), אין וועלכער ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע קלייטן (אַ גרעַ־סערע צאָל געוועלבער לענג־אויס דעם מאַרק, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט אַלס די „גן־עדן״־קלייטלעך) שרייבט ער, אַז זיין רצון איז: „ידעו המנהיגים למנות תחתיהם רק אנשים בעלי־תורה ויראי־שמים וגם בטוחים; אפס לא מאנשי מנהיגי ספרד; גם מהבתי־דירות לא מוכרו על בית התאספות מנהיגי ספרד״ — דאָס מיינט אין יידיש, אַז די אויספירער פון דער צוואה זאָלן באַשטימען פאַרטרע־טער בעלי־תורה, גאָטספאָרכטיקע און זיכערהאַפטע; אָבער נישט פון יענע לייט, וואָס פירן זיך לויט מנהגי־ספר (הסידים); און מען זאָל אויך נישט פאַרדינגען די דירות פאַר חסידישע צוזאַמענקונפטן (שטיבלעך).

די חסידים — אַזוי האָב איך אויך געהערט פון מיין פאָטער — פלעגן דערציילן, אַז אין דער זעלבער צוואה, האָט ער נאָך דעם וואָרט „התאספות מנהיגי ספרד״ אויך צוגעשטעלט „בתי זונות״, להבדיל. אָבער לויט ווי איך האָב אויס־געפונען אין די אויסצוגן פון דער צוואה, געפינט זיך דאָרט נישט דער אויסדרוק „בתי זונות״.

כ׳בין נישט זיכער צי די חסידים האָבן, אין די שפּעטערע יאָרן, גענומען נקמה פון דעם אויבנדערמאָנטן לומדישן מתנגד (געשטאָרבן אין יאָר תקצ״ג — 1813). כ׳בין זיך משער, אַז זיי האָבן אפשר גאָר נישט געוווּסט ווער יוליאַן קלאַטשקאַ, באַרימטער פּוילישער שריפטשטעלער, איז געווען. אודאי וואָלט דער פרומער ר׳ ארוש, וואָס האָט געווייכט פון חסידים, ווי מען ווייכט פון משומדים להבדיל, גיכער מסכים געווען, אַז זיין אייניקל זאָל ליבערשט זיין אַ חסיד, איידער אַ פרומער קאַטוילישער שריפטשטעלער...

*) די צוואה ווערט דערמאָנט אין מעזריטשער פנקס; זע „אויסצוגן פון פנקס חברה קדישא״ ווייטער. זי ווערט אויך דערמאָנט פון דר. מ. הענדל אין זיין שוין דערמאָנטן ארטיקל „מעזריטשער פנקסים״.

דער שאַרפער ענטפער...

אין מעזריטש האָט געוווינט אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, אַ למדן און אַ משכיל און דערצו נאָך אַ שאַרפער מתנגד, וועלכער האָט תמיד געטשעפּעט חסידים. ער האָט געהייסן ר׳ זיסקינד אדלער *). איינמאָל איז דער ר׳ זיסקינד אריינגעקומען אין גרויסן בית־המדרש אַריין און דאָרט געטראָפן ר׳ יאַנקל־דודס (ער איז געווען דער חסידישער ראב״ר) קינדער לערנען.

ר׳ זיסקינדן האָט זיך פאַרגלוסט אַ טשעפּע־טאָן דעם חסידישן ראב״דס קינדער; איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און געזאָגט: „איך האָב אַ בקשה צום רבונו של עולם, אַז נאָך מיין טויט זאָל איך מגולגל־ווערן אין אַ הונט, כדי איך זאָל קענען בייסן חסידים".

ר׳ יאַנקל־דודס קינדער, זיינען אים נישט געבליבן שולדיק. מניה־וביה, האָבן זיי אים געגעבן דעם פאַרדינטן ענטפער: „אַז איר וועט נאָך אייער טויט מגולגל ווערן — האָבן זיי אים געענטפערט — אין דעם זיינען מיר זיכער; נאָר נישט אין אַ הונט; איר וועט מגולגל ווערן אין אַ פערד און איר וועט פירן חסידים צו זייערע רביים..." (געהערט פון מיין פאָטער).

אויך אים האָט, ווייזט אויס, דער רבונו־של־עולם „געשטראָפט". ער אַליין, האָט אין די שפּעטערע יאָרן גענומען אַ זון פון אַ לענטשנער חסיד אַלס איידעם. ער האָט געהייסן ר׳ איצעלע קראָנגאָלד. אַ למדן און אַ משכילישער חסיד (איך האָב אים נאָך געקענט און ער איז אויך געווען אַ ידיד פון אונדזער משפחה).

די פּאה מיט אַ שטיק פליייש

ווי גרויס עס איז געווען די שנאה צווישן מתנגדים און חסידים אין מעזריטש, קען מען אויך זען פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד, וואָס איך האָב געהערט פון מיין פאָטער, וועלכער האָט גוט געקענט דעם „העלד" פון דער געשיכטע:

ר׳ שלום זילבערמאַן*) (אגב, אַ קרוב פון מיין מוטער ע״ה), אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטאָט (ער האָט געהאַט אַן אכסניה און אַ גרויסע קרעטשמע,

*) אין יאָר 1862, געפינען מיר אים אלס איינעם פון די שבעה טובי העיר.

*) אין יאָר תרכ״ב ווערט ער דערמאָנט אלס מיטגליד פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג. די פאַרוואַלטונג איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פאָלגנדע משגיחים (אייגנטלעך די הויפּט דאָזאָרעס. — מ. ע) ר׳ פייוול דעגענשיין, ר׳ שלום דוב זילבערמאַן, ר׳ מאָניש ראַפּאַפּאָרט; שבעה טובי העיר, ר׳ אלכסנדר זיסקינד, ראַבינערזאָן, ר׳ שמעון פּאַפּיערנאָ, ר׳ דוד טייטלבוים, ר׳ מאָטל ראָזענצווייג, ר׳ זיסקינד אדלער, ר׳ זעליג אייזענשטיין, ר׳ גדליה בלאַנקשטיין; צוויי רואה חשבונות, ר׳ אבא אהרנזאָן און ר׳ סענדער קאַזנצווייג.

ווּהין עס פלעגן פארפאָרן סוחרים און פריצים. זיין איידעם איז געווען דער באַקאַנטער קלעצקער רב, מחבר פון דעם לומדישן ספר „היכלי שן", מ. ע.), האָט זיך אַמאָל בארימט, אַז איינמאָל ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ נסיעה פון שכנותדיקן חסידישן שטעטל לאָשיץ און ווען ער איז באַפאַלן געוואָרן פון די דאָרטיקע חסידים (זיי פלעגן זיך נוקם זיין אָן די מעזריטשער מתנגדים, פאַר זייערע רדיפות אויף די חסידים), האָט ער אַ כאַפּ־געטון אַ חסיד פאַר זיין פאה און ער האָט איר אויסגעריסן צוזאַמען מיט אַ שטיק פלייש. ר' שלום־בער האָט טאַקע דערביי אויך געוויזן די אָפּגעריסענע פאה.

אויך דעם ר' שלום־בערן האָט, הפּנים, דער רבונו־של־עולם אָפּגעטון אַ שפּיצל. ר' שלום־בער האָט געהאַט אַ שטיף־זון, האָט ער געהייסן שלום־מרדכי. ווען ער איז אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן רב און שפּעטער אויך פאַרנומען דאָס רבנות אין בילגאָריי; און ער איז געווען בארימט מיט זיין לומדות; כל ימיו איז ער געווען אַ מתנגד און זיך געפירט ווי אַ מתנגדישער רב. ווען ער איז אָנגעקומען אַלס רב קיין בילגאָריי, האָט ער זיך פלוצים דערפילט אין אַ פרעמדער סביבה. כמעט אַלע יידן אין דעם שטעטל, זיינען געווען חסידים פון דער טריסקער מגיד ר' אברהם. ווען עס איז אונטערגעקומען עפּעס אַ וויכטיקער יום־טוב, באַזונדערס ראש־השנה און יום־כפור, איז דאָס שטעטל אויסגעליידיקט געוואָרן פון אירע בעלי־בתים. דער רוב חסידים פלעגן אַוועקפאָרן קיין טריסק און די אָנהענגער פון אַנדערע גוטע יידן זיינען געפאָרן צו זייערע רביים. דער רב האָט זיך אין אַזעלכע יום־טוב־טעג גאָרנישט געפילט יום־טובדיק, בלייבנדיק אָן זיינע חשובע בעלי־בתים און מיט דער פוסטקייט פון שטעטל. די חסידים פלעגן מיט אים כסדר איינטענהן, פאַרוואָס ער פאָרט נישט קיין טריסק; דאָרט וועט ער דערפילן דעם אמתן נחת־רוח; און דאָרט וועט ער זיך טרעפן אויך מיט אַנדערע רבנים, וואָס קומען צום מגיד.

די חסידים האָבן מיט אים געטענהט איינמאָל, אַ צווייט מאָל און ווידער אַמאָל, ביז ר' שלום־מרדכי האָט זיך אַרויסגערעדט: „גוט, איך בין מסכים צו פאָרן מיט אייך צום מגיד. אָבער איר ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין חסיד. רבישע מופתים און אַנדערע חסידישע מעשיות מאַכן אויף מיר נישט קיין רושם. מיין הויפּט־אינטערעס איז לימוד־תורה. שוין אַ לענגערע צייט, וואָס מיך אַרט אַ שווערע קשיא און כ'האָב נישט ווער עס זאָל מיר די קשיא פאַרענטפערן. אויב אייער רבי וועט די קשיא פאַרענטפערן, וועל איך ווערן זיין חסיד. אלא נישט, וועל איך מער צו אייער רבין נישט פאָרן".

באין ברירא, האָבן די חסידים מסכים־געווען אויף דעם תנאי פון זייער רב און זיי האָבן צו וויסן געגעבן קיין טריסק, אַז אַזוי און אַזוי האָט זייער רב זיך אויסגענומען און, אַז זיי קומען צו פאָרן צוזאַמען מיט זייער רב.

אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעקומען קיין טריסק זיינען זיי צוזאַמען מיט ר' שלום־מרדכין גלייך אַוועק צום מגיד. דער רבי און דער מתנגד האָבן באַלד פאַר־

פירט אַ שמועס, ביז דער מגיד האָט זיך אָפּגערופֿן: „בילגאָרייער רב, וואָס איז אײַך שווער אין דער סוגיא?".

ר' שלום־מרדכי האָט בלויז געוואַרט אויף דער געלעגנהייט און באַלד האָט ער אָנגעהויבן זײַן טיפֿן תורה־שמועס און אַרויסגעבראַכט זײַן קשיא פֿאַרן מגיד. „דער דאָזיקער ענין — האָט זיך אָפּגערופֿן דער טריסקער מגיד, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט דעם בילגאָרייער רב — איז שוין דערמאָנט אין אַ ספֿר און דאָרט זאָגט זיך פּשט אין דער סוגיא".

ר' אברהם טריסקער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט און גלײַך אַרויפֿגעקראָכן אויף דעם לייטער און אַרויסגעשלעפּט אַ ספֿר פֿון זײַנע פֿילע ספֿרים, וואָס האָבן פֿאַר־שטעלט די ווענט פֿון זײַן חדר און אויפֿגעמישט דאָס בלאַט, ווו דער גאַנצער ענין ווערט אַרומגערעדט. און דער מגיד האָט צוגעגעבן: „שוין 40 יאָר אַז מיר האָבן נישט אַרײַנגעקוקט אין דעם ספֿר..."

ר' שלום־מרדכי איז געוואָרן אויסער זיך, פֿון דעם מגידס לומדות און פֿון זײַן בקיאות אין ספֿרים, אָבער נאָכמער פֿון זײַן זכרון און... ער איז געוואָרן איינער פֿון דעם מגידס תּלמידים.

ווען דער טריסקער מגיד איז נפֿטר געוואָרן, האָבן אַ סך טריסקער חסידים אויפֿגענומען ר' שלום־מרדכין פֿאַר זייער רבין און ער האָט זיך געפֿירט ווי אַ רבי.

אָט דאָס האָב איך געהערט פֿון מײַן פֿאָטער און ער האָט אויך דערציילט, אַז זײַן פֿאָטער, ד. ה. מײַן זיידע, איז געווען אַ גרויסער ידיד פֿון ר' שלום־מרדכין; זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען צוזאַמען ביי די אָפֿטע באַזוכן פֿון דעם בילגאָרייער רב אין מעזריטש. איך האָב אויך ענלעכעס געהערט פֿון דעם מגידס אייניקלעך.

ר' יעקב שפּיראָ זיצט שבעה...

עס איז אונדז שוין אויסגעקומען פֿיל מאָל צו דערמאָנען דעם מעזריטשער ייִד ר' יעקב שפּיראָ, נישט נאָר אין שייכות מיט זײַן זאַמלען היסטאָרישע מאַ־טעריאַלן פֿאַר דובנאָוון, נאָר אויך, גאַנץ באַזונדערס, זײַן שנאה צום חסידיזם און די מלחמה וואָס ער האָט געפֿירט קעגן זיי.

אויך מיט אים, איז געשען עפּעס ענלעכעס. מײַן פֿאָטער, וועלכער איז געווען אַן עדות פֿון דער דאָזיקער געשעעניש, דערציילט: „ר' יעקב שפּיראָ האָט געהאַט אַ בן־יחיד, האָט ער געהייסן אליהו (איך האָב אים געקענט און אָפֿט געזען, — מ. ע.) ער איז געווען זייער אַ געראָטענער און איינער פֿון די חשובע לומדישע יינגעלייט, וואָס זײַנען געזעסן און געלערנט אין גרויסן בית־המדרש. ר' יעקב שפּיראָ האָט זיך, אײַנפֿאַך, געשפּיגלט אין זײַן בן־יחיד, ביז עס איז געשען דער גרויסער אומגליק.

מײַן זיידע, ר' משה־צבי (פֿון די מקורבים פֿון דעם אויבנדערמאָנטן ר'

יהושע אָסטראָווער און נאָכדעם פון זיין איידעם ר׳ יעקב־יצחק, באַקאַנט אַלס ר׳ יאַנקעלע ביאַלער, וואָס האָט געפירט רביסטווע נאָך דער פּטירה פון זיין שווער), האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם זיידענעם יינגערמאַן. זיי האָבן דעמאָלט גע־ווינט — דערציילט מיין פאָטער — ביי שפּיראָן אין הויז. דער פאָטער זיינער (ד. ה. דער זיידע) האָט אָנגעהויבן צו פאַרברענגען מיט ר׳ יעקבס זון, וועלכער איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער צום זיידן און דאָרט האָט אים דער זיידע אויפ־געקלערט, וואָס אַזוינס חסידות איז און וואָס עס איז זיין תוך, ביז דער ר׳ אליהו האָט באַשלאָסן, אַז ער קען נישט ווייטער בלייבן צווישן די מתנגדים אין בית־מדרש און אין איין פרימאָרגן האָט מען זיך דערוויסט די „שרעקלעכע" בשורה אין שטאָט, אַז אליהו ר׳ יעקבס, איז געפאָרן קיין ביאַלע צום רבין און איז געוואָרן אַ שטיבל־ייד.

ר׳ יעקב שפּירא, וועלער האָט אַזוי שטאַרק מלחמה־געהאַלטן קעגן די חסי־דים און איז געווען אַ סך פאַרמישט אין דער מחלוקת מיט זיי, האָט די חרפּה נישט געקענט דורכטראָגן און... ער האָט זיך געזעצט שבעה און געקלאָגט אויף אים, ווי מען קלאָגט איבער אַ מת. ער האָט דעם בן־יחיד קיינמאָל נישט מוחל געווען.

נאָטירלעך, האָט דער זיידע נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט בלייבן וווינען אין שפּיראָס הויז. ער האָט זיך אַריינגעצייגן אין אַ צווייטע דירה, כדי אויסצומיידן מחלוקת מ׳ט אליהוס פאָטער. יעדן שבת, ווען אליהו פלעגט גיין פון שטיבל, ווו ער האָט איצט כסדר געדאַווענט, פלעגט ער אַריינוואַרפן דאָס שטריימל צום זיידן, כאָטשבי אויף אַזוי פיל נישט ווייי־צו־טון זיין פאָטער.

מעזריטש באַקומט דאָך אַ רבין...

דאָס וואָס דער אָסטראָווער רבי, ר׳ יהושע האָט נישט אויסגעפירט, האָט באַוויזן זיין אייניקל, ר׳ מאיר שלמה יהודה (געהייסן נאָך דעם לענטשנער זיידע) ראַבינאָוויטש, ממלא־מקום פון זיין פאָטער, דער ביאַלער רבי. הפּנים, דעם אָס־טראָווערס נבואה, אַז „מעזריטש וועט אַמאָל ווערן גערייניקט", איז מקוים גע־וואָרן, ווען מעזריטש האָט אַריינגעלאָזט שפּעטער זיין אייניקל.

תחילת האָבן די מעזריטשער חסידים פון ר׳ שלמהלען זיך אָקעגנגעשטעלט דעם רבינס ווונטש, אַרויסצוציען זיך פון ביאַלע און זיך באַזעצן אין מעזריטש. נישט נאָר האָבן זיי געדענקט די אַלטע מחלוקת (די אַלטע חסידים האָבן טאַקע אַליין אויך מיטגעמאַכט די מחלוקת) און זיך געשראָקן אַז דאָס באַזעצן זיך פון רבין, זאָל נישט זיין דער גורם פון נייע מחלוקת, נאָר זיי האָבן, אחוץ דעם, געהאַט נאָך אַ סיבה מורא־צו־האָבן: גראָד מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַר ר׳ שלמהלעס באַשלוס, צו באַזעצן זיך אין מעזריטש, איז געקומען צו פאָרן דער ראַדזינער רבי ר׳ מרדכי־יוסף לייגער קיין מעזריטש און זיך געוואָלט דאָרט באַ־

זעצן. ווען די מתנגדים האָבן זיך פון דעם דערוווּסט, האָבן זיי געשיקט זאָגן דעם ראַדזינער רבין, ער זאָל נישט דערווענגן דאָס צו טאָן. זיי האָבן אים בפירוש געוואָרנט, אַז מען וועט חרוב־מאַכן דאָס הויז אין וועלכן ער וועט זיך אַריינציען. דער ראַדזינער רבי האָט גוט געוווּסט, אַז די מעזריטשער מתנגדים זיינען פּעאיק צו האַלטן וואָרט און ער האָט באַשלאָסן צוריקצוציען זיך פון זיין פּלאַן.

די ביאַלער חסידים, כאָטש זיי זיינען געווען אַרום נייַנציק פּראָצענט פון די שטאָטישע חסידים, האָבן געוווּסט וואָס די מעזריטשער מתנגדים האָבן מודיע געווען דעם ראַדזינער רבין און זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז זיי וועלן אויך זייער רבינס הויז חרוב־מאַכן און שטעלן אין סכנה זיין לעבן. די מורא פון די ביאַלער חסידים (אַזוי האָבן זיך גערופן ר׳ שלמהלעס חסידים) האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעט. ר׳ שלמהלע האָט זיך אַריינגעצויגן קיין מעזריטש און פון דעמאָלט אָן, איז צוגעקומען אַ נייער חסידישער נאָמען, וואָס האָט באַצייכנט אַ חסידישע שיטה — מעזריטשער חסיד. ר׳ יהושע אָסטראָווער האָט דאָך רעכט געהאַט... און נישט בלויז דאָס. אין מעזריטש האָט מיט אַ פופציק יאָר צוריק געוווינט אַ ייִד אַ גביר, אַן אָנגעזעענער ייִד און למדן, — ר׳ שמעון (מ׳האָט אים גערופן מיט דעם פאַרצוויגענעם נאָמען — ר׳ שימעלע) פּאַפּיערנאַ. דער דאָזיקער ר׳ שמעון, איז געווען פון דער באַרימטער ווילנער משפחה אָפּאַטאָווסקי און פון גרויסן מתנגדישן יחוס.

זיין מויער און סאַד, אין קאַליע־געסל, האָט געהערט צו די פאַרנעמסטע הייזער אין שטאָט. ביי אים אין שטוב, פלעגן זיך אָפט צונויפקומען די חשובים פון שטאָט און שמועסן וועגן כלל־ענינים און פאַרברענגען אין תורה־וויכוחים. ווי אַ ווילנער מתנגד, האָט ער, פאַרשטענדלעך, נישט ווינציק אָפּגעלאַכט פון די חסידים און זייערע רביים, וואָס זאָגן אַזוינע „מאָדנע" תורות, וואָס האָבן, דוכט זיך, גאָרנישט צו טאָן מיט לומדות און דרוש.

אָט דער ר׳ שמעון, האָט געהאַט אַ נאָענטן קרוב אין דעם שכנותדיקן שטעטל לאָשיץ און ער איז געווען אַן אָסטראָווער חסיד. תמיד, ווען ר׳ יהושעלע אָסטראָווער פלעגט קומען קיין מעזריטש, איז דער לאָשיצער חסיד געקומען צו פאָרן קיין מעזריטש. זייענדיק אַ קרוב פון ר׳ שימעלע פּאַפּיערנאַ האָט ער געהאַלטן ביי אים אכסניה; אָבער ער פלעגט זיך דאָרט נישט פילן איינגאַנצן באַקוועם. ר׳ שימעלע, זיין משפחה און ידידים, פלעגן דעם לאָשיצער קרוב פאַרשאַפן עגמת־נפש, דורך אָפּלאַכן פון זיין רבינס תורה, וואָס ער פלעגט איבערחזרן פאַר זיי.

איינמאָל, האָט דער לאָשיצער קרוב באַשלאָסן אָנצולערנען זיין קרוב און זיינע ידידים און זיי פּשוט ווייזן, אַז ווען זיי לאַכן אָפּ פון זיין רבינס תורה, איז עס נישט דערפאַר, וואָס זיי געפעלט באמת נישט זיין תורה, נאָר עס איז מער צוליב זייער גרויסער שנאה צו חסידות. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ספּעציעלע געלעגנהייט, ווען זיין רבי וועט זיין אין מעזריטש ביי זיינע חסידים און אַזוי ווי תמיד, איז ער אויך דאָס מאָל געקומען צו פאָרן קיין מעזריטש און איז פאַרפאָרן

צו זיין קרוב. שבת נאָכן רבינס טיש, איז דער קרוב אהיימגעגאַנגען צו זיין גאַסט־געבער ר׳ שימעלען און דאָרט האָט ער שוין געטראָפן די מתנגדישע פּני זיצן אַרום דעם גרויסן טיש, פאַרברענגען אין שבתדיקע שמועסן. דערזעענדיק דעם לאַשיצער קרוב, זייער שטענדיקן קרבן, אָפּצוחוזקן פון די חסידים און גוטע יידן, האָבן זיי, ווי תמיד, ווידער זיך אַ נעם געטאָן צו אים.

„וואָסער תורה האָט אייער רבי היינט געזאָגט?״ — האָבן זיי זיך געוואָנדן צו אים. דער לאַשיצער קרוב, האָט גראָד דאָס מאָל זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און ער האָט פאַרגעזאָגט פאַר זיי אַ לאַנגן דרוש אויף דער סדרה פון דער וואָך. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָבן אַלע בייוועזנדע אָנגעהויבן זיך טשעפּען מיט אים און ווידער אַמאָל אָפּגעלאַכט פון דער תורה. דעמאָלט האָט זיך דער קרוב אויפגעשטעלט און פאַמעלעכדיק צוגעגאַנגען צו דער ספרים־שראַנק און פון דאָרט אַרויסגענומען דעם באַקאַנטן „רבינו בחיי״ אויף תורה און אויפמישנדיק די סדרה פון דער וואָך, האָט ער זיי געוויזן, אַז דעם דרוש, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזאָגט און וואָס זיי האָבן אַזוי ציניש אויסגעלאַכט, האָט ער אַרויסגענומען פון דעם ספר. און ער האָט פאַרענדיקט: „אָט אַזוי האָט אַ טעם אייער אָפּלאַכן און אָפּחוזקן פון מיין רבינס תורה״ (געהערט פון מיין פאָטער).

וואָס בין איך אויסן געווען מיט דער געשיכטע? איך האָב אייך געוואָלט דערציילן ווי אַזוי עס איז מקוים־געוואָרן דעם אָסטראָוועררס נבואה, אַז „מעזריטש וועט נאָך גערייניקט ווערן״. צום סוף האָט נאָך ר׳ שלמהלע אָפּגעקויפט ר׳ שי־מעלע פאַפּיערנאָס מויער און דאָרט איינגעשטעלט דעם מעזריטשער „הויף״ און אין זעלבן הויז, ווו חסידות איז פריער אויסגעלאַכט געוואָרן, האָט מען פון דע־מאָלט אָן געפּראַוועט חסידות און טויזנטער יידן פון גאַנץ פּוילן, זיינען דאָרטן געקומען צו געפינען גייסטיקע דערהויבונג און מאַטעריעלע עצות.

דער מעזריטשער רבי, האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. פון זיין פאָטערס צד — פון דעם ייד הקדוש, בן אחר בן און פון דורות רבנים און פון דער מו־טערס צד — אַן אורייניקל פון דעם לענטשנער צדיק ר׳ שלמה־לייב, פון דעם מגלה עמוקות, דעם ב״ח און פון דער רבנישער משפּחה מייזליש און דעם באַ־רימטן ר׳ עקיבא פון אובן, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס ביז צו אהרן הכהן. ער אַליין איז געווען אַ שטיק יחוס. מיט זיין לומדות, חכמה און אויסערגעוויינט־לעכער באַשיידנקייט און דרך־ארץ פאַר אַלע מענטשן, האָט ער ממש געפאַנגען די הערצער פון די מעזריטשער מתנגדים, צווישן זיי, די לומדים און חשובים. זיי זיינען געוואָרן זיינע נאָענטסטע פריינט און אים אָפט באַזוכט סיי אַלס פריינט און סיי אַלס מענטש, מיט וועמען עס איז כדאי זיך צו האַלטן אַן עצה און סתם שמועסן. אפילו די אַרבעטס־מענטשן, וואָס זיינען געווען, אין גרעסטן טייל, רעוואָלוציאָנערן און די משכילים פון שטאָט, האָבן דעם רבין און זיין משפחה ליב־באַקומען. דאָס גרעסטע וואונדער איז געווען, וואָס די מזרח־וואַנט־מענטשן פון גרויסן בית־המדרש, וועלכע האָבן נאָך זיכער געדענקט די ביטערע

מחלוקת, האָבן מיט אים געלעבט בשלום און פאַר אים אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ. אין זיין צייט און אונטער זיין טאַקטישער פירונג, האָט זיך אַ סך פאַר־היילט די אַלטע מחלוקת־ווונד אין דער ברידער־ריס, וואָס האָט זיך געצויגן אין מעזריטש פון יענער באַרימטער מחלוקת אָן. חסידים און מתנגדים האָבן זיך צוריק משדך־געווען און עס איז צוריק געוואָרן איין עדה, כאָטש די מתנגדים האָבן ווייטער געזאָגט „ברוך שאמר" פאַר „הודו" און די חסידים „כתר" אנשטאַט „נעריצך".

מיט יאָרן שפּעטער, ווען מעזריטש האָט געזוכט אַ נייעם שטאָט־חזן, האָט מען גערן אויפגענומען דעם רבינס זון ר' פּנחס, אַלס שטאָט־חזן (ער האָט זיך געראַטעוועט פון די נאַציס און וווינט היינט אין שיקאַגאָ, וווּ ער איז חזן). מעזריטשער יידן האָבן ליב געהאַט זיין חזנות און זיך געקוויקט מיט זיין „זאָגן" אין וועלכן זיי האָבן דערפילט אַ נייעם טאָן — דעם חסידישן ברען און קנייטש. דאָס השתפכות־הנפש, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט ביי זיין פאָטער, האָט ער צו־נויפגעגאָסן מיט דעם מתנגדיש חזנישן רעטשיטאַטיוו. ווען ר' שלמה פלעגט קומען אויף זיינע אָפטע באַזוכן קיין מעזריטש פון וואַרשע, וווּ ער האָט געוווינט זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה, פלעגט מען אים אויפנעמען מיט גרויס כבוד און ליבע. דער רבי אַליין איז אַפילו איינמאָל געגאַנגען אין שול אַריין הערן דעם זונס דאַווענען. אין דער דאָזיקער שול, וווּ עס האָט זיך פון דעם מעזריטשער בראשית־אָן, געפירט לויט דעם אוראַלטן נוסח, האָט מען לכבוד דעם באַ־ליבטן גאַסט — דעם מעזריטשער רבין — דאָס מאָל משנה־געווען דעם פאַר־הייליקטן נוסח און מען האָט געזאָגט „הודו" פאַר „ברוך שאמר" און „כתר" פאַר „נעריצך" און דער חזן האָט געטראָגן אַ זייענע קאַפּאָטע, אַ גאַרטל און אַ חסידיש קאַפּל. אזא פאַרערונג, האָט דאָס מתנגדישע מעזריטש אַרויסגעוויזן פאַר איר חסידישן רבין, ווען זי האָט, אַזוי צו זאָגן, אַדאָפּטירט.

פונקט אַזוי איז געווען ר' שלמהלעס אויפריכטיקע ליבע צו מעזריטש און צו אירע מענטשן. שוין וווינענדיק אין וואַרשע, האָט ער ביי אַלע געלעגנהייטן אונטערגעשטראָכן זיין מעזריטשער אָנגעהעריקייט. ער האָט באמת אָפּגעשאַצט די מעלות פון מעזריטש, וווּ ער האָט זיך באַזעצט. ער האָט געזען מעלות סיי ביי די לומדים און שיינע יידן און סיי ביי דעם המון, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט געבן צדקה און אהבת־תורה, וואָס האָט מעזריטש זיכער געשטעלט אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע אין גאַנץ פּוילן.

ליידער, איז די אידיליע איבערגעריסן געוואָרן. די ברוטאַלע האַנט פון די היטלעריסטישע און אַנדערע אַנטיסעמיטישע באַנדעס האָבן חרוב־געמאַכט די גרויסע יידישע קהלה פון מעזריטש. נישט חסידים און נישט מתנגדים זיינען געגאַנגען אין די קאַלכאַויוונס אויף קידוש־השם נאָר יידן — ברידער און שוועסטער.

דער רבי איז נפטר געוואָרן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אין דער וואַרשעווער

געטאָ — 17 טעג אין חודש אדר ה'תש"ב — בלויז אַ קורצע צייט פאַר דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ און ער האָט זוכה געווען צו אַ גרויסער לויה און צו באַערדיקט ווערן נעבן זיין פאָטער ר' יאַנקעלע ביאַלער און זיין זיידן ר' יהושעלע אָסטראָווער. די מצבה אויף זיין קבר דערציילט בלויז, אַז „דאָ האָט געפונען זיין אייביקע רו דער מעזריטשער רבי — זון פון ביאַלער רבין און אייניקל פון די גוטע יידן פון אָסטראָווע, לענטשנע און פשיסכע; און לויטן פסק פון די וואַרשעווער רבנים, איז דער איסור פון דעם אָסטראָווער רבין צו לייגן עמעצן אין זיינע ד' אמות נישט חל אויף אים, ווייל ניִשט אים האָט ער געמיינט". אַן ענלעכע אויפשריפט געפינט זיך אויך אויף דער מצבה פון זיין פאָטער, וועלכער ליגט דאָרט באַערדיקט.

מיינער אַ חבר, וועלכער האָט איבערגעלעבט די נאַצים, אין פוילן, האָט דעם שרייבער פון די שורות איבערגעגעבן, אַז דער רבי האָט מיט זיין חכמה און טיפן פּאָליטישן חוש, דערשפּירט לאַנג פאַר דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ, אַז היטלער וועט אומברענגען די יידן. און ער האָט געוואָרנט זיינע חסידים און אַלע וואָס זיינען געקומען צו אים, אַז זיי זאָלן זיך ראַטעווען אויף וויפל ס'איז מעגלעך, ווייל ער זעט פאָר, אַז די יידן שטייט פאַר פולשטענדיקער אונטערגאַנג אונטער די נאַצים. חסידים האָבן דערציילט, אַז דער רבי פלעגט ממש בעטן אויף זיך דעם טויט, נישט ווילנדיק און נישט קענענדיק אַריבערטראָגן די יסורים פון די יידן און די נאָך גרעסערע צרות וואָס ס'שטייען זיי פאָר. ווי עס שיינט, האָט ער דאָס אויסגעבעטן מיט זיין נאַטירלעכן טויט, און ער איז ניצול געוואָרן פון דעם שוידערלעכן טויט דורך די נאַצישע הענט.

די רביצן איז אומגעקומען אין דער געטאָ און אַזוי אויך זיינע צוויי זין, דער בכור יהושע און דער צווייטער זון משה ראַבינאָוויטש מיט זייערע משפחות. יהושע ראַבינאָוויטש איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין דער געטאָ און גענומען אַ פירנדיקן אָנטייל אין די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד.

על־פי־נס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ קאָפּיע פון ר' שלמהלעס צוואה (געשריבן נאָך פאַר דעם קריג), וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מעזריטשער רבין *).

*) זע הוספה.

די עליה קיין ארץ־ישראל און ציוניסטישע באוועגונג

מען קען זאָגן, אַז יעדע נסיעה פון אַ ייד קיין ארץ־ישראל, איז געווען אַ נאַציאָנאַלע טאַט. אַפילו די נסיעה, וואָס איז, אין פלוג געווען גענומען מיט דער כוונה אויסצולעבן די עלטערע יאָרן אין הייליקן לאַנד און פאַרברענגען די טעג אין תורה און תפילה. דאָס פאָרן פון אַ ייד קיין ארץ־ישראל, איז געווען אין זיך אַ באַוווסטזיניקער צוריקקער אַהיים. אַפילו ווען דער ייד האָט נישט געטראַכט אין נאַציאָנאַלע טערמינען, איז ער פון זיך אַליין געוואָרן אַ פאָרגייער פאַר דער געשטאַלטונג פון דעם יידישן היימלאַנד, וואָס האָט געוואַרט אויף זיינע פאַרטריבענע קינדער. דעריבער דאַרף מען נישט אויסטיילן די דאָזיקע עולים פון דער שפּעטערדיקער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די־אָ עליה פון איינצלנע יידן פון עלטערן דור האָט אויף אַן אמת קיינמאָל נישט אויפגעהערט. אויך מעזריטש האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ מיט זיינע עולים קיין ארץ־ישראל, כאָטש מיר ווייסן בלויז וועגן איניקע פון זיי. אין „תולדות חכמי ירושלים" פון ר' י. ל. פרומקין (ירושלים), געפונען מיר אויסגערעכנט איניקע מעזריטשער, וועלכע האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין ירושלים, אין יענע יאָרן, ווען ירושלים איז געווען פול מיט גאונים און חשובים. אין באַנד צוויי, זייט 247. טרעפן מיר דעם מעזריטשער, הרב ר' מרדכי־מאיר ז"ל, וועלכער ווערט דאָרט באַצייכנט אַלס „איש צדיק ועניו ירא ד' מנעוריו. לא מש מאהלה של תורה יומם ולילה, ידיו רב לו בנגלה, שפט דין, בצדק ידין אלמנות ויתומים, עני ואביון החזיקו ידיו — הרב ר' מרדכי־מאיר ז"ל בהר' ר' אליהו האבד"ק מעזריטש בפולין; נתבקש בישיבה של מעלה ביום ש"ק ז' לחודש תמוז שנת תרכ"א לפ"ק, תנצב"ה".

ריבלין אין זיינע הערות דאָרט, גיט צו פאָלגענדעס: „דיין רבות בשנים במעזריטש ובפה — לאַנג־יאָריקער דיין אין מעזריטש און דאָ (ירושלים, מ. ע.)". אויך באַמערקט ריבלין, אַז ר' מרדכי מאיר איז געווען צווישן די מנהלים פון דער ישיבה עץ־חיים, אין ירושלים, אין יאָר תרי"ה (די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן טאַקע אין דער צייט פון דעם גאון און צדיק ר' שמעון בר' זרח — געוועזענער רב אין טוראגען א. אַ. שטעטלעך אין ליטע). ער איז אויך אונטער־

געחתמעט צוזאַמען מיט אַנדערע גאונים און רבנים פון ירושלים, אויף אַ ריי פּסקים און תקנות. ריבלין מיינט, אַז דער דאָזיקער ר׳ מרדכי־מאיר, איז דער זעלבער ר׳ מרדכי־מאיר דיין פון ביאַלע, וועלכער איז געווען דער הויפּט־ממונה פון דעם כולל־פּולין.

ווי עס איז צו זען, איז ער געווען אַ גאַר וויכטיקע פּערזענלעכקייט. אָבער דאָס וואָס פּרומקין באַצייכנט אים אַלס זון פון אליהו — מעזריטשער רב, איז אומפּאַרשטענדלעך. מעזריטש האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין רב מיט דעם נאָמען. דאַקעגן, האָט זי געהאַט צוויי מורי־הוראה מיט דעם נאָמען. איינער פון זיי, איז געווען ר׳ אלי׳ בר׳ לייב, וועמענס חתימות געפינען זיך אין דעם פּנקס פון בית־דין און זיי דאַטירן זיך פון די יאָרן תקמ״ז ביז תקע״ז. אַ צווייטער. ר׳ אליהו איז געווען דער פּאָפּולערער ראש־הדיינים, וועלכער איז געווען אַ זון פון דעם מעזריטשער רב, ר׳ נחמן. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ח, דאָס הייסט מיט אַכט יאָר שפּעטער ווי דער ירושלימער דיין, ר׳ מרדכי־מאיר. דאָס שליסט נישט אויס, אַז ער זאָל זיין ר׳ אליהוס אַ זון. ווייל, ווי עס שיינט, איז ר׳ מרדכי־מאיר געשטאָרבן אין די יונגע יאָרן.

אויך די באַמערקונג פון ריבלינען, אַז ר׳ מרדכי־מאיר איז געווען פאַר פיל יאָרן דיין אין מעזריטש איז העכסט אומוואַרשיינלעך. אַלס דיין, וואָלט ער אוודאי אונטערגעחתמעט זיין נאָמען אויף די פּסקים; דאַקעגן, זיין נאָמען ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט. אפשר איז ער געווען דיין אין ביאַלע און ס׳האָט זיך ריבלינען פאַרביטן די שטעט, אָדער ער האָט זיך אַזוי משער געווען על פי סברא.

אין יאָר תרכ״ו, איז נפטר געוואָרן אין ירושלים, ר׳ אליהו בר׳ דוד בארג פון מעזריטש, וועלכער איז פריער געווען רב אין סעמיאַטיטש, אין שכנות פון מעזריטש (דאָרט ז. 245) און אין תר״ל, איז געשטאָרבן הצדיק ר׳ צבי זאב פון מעזריטש, וועלכער האָט מנדב געווען איבער טויזנט רובל אויף דער ישיבה „עץ חיים״ (דאָרט ז. 236).

דער ר׳ צבי־זאב האָט געהייסן פישביין אויפן פאַמיליע־נאָמען און האָט געשטאַמט פון אַ באַוווסטער משפּחה אין מעזריטש און איז געווען אַ רייכער ייד. זיין אור־אייניקל, דער באַרימטער געלערנטער און מחבר פון „אוצר ישראל״ א. א. ספרים — ר׳ יהודה אייזענשטיין פון מעזריטש — ניו־יאָרק, האָט מיר דערציילט, אַז ווען ר׳ צבי־זאב פישביין איז געוואָרן אַן אַלמן פון זיין ערשטער ווייב, נעמלעך, זיין עלטער־באָבע רייכל, האָט ער חתונה־געהאַט אַ צווייט מאָל מיט אַ פּרומער גיורת. אין יענע יאָרן, האָט עס אוודאי געמוזט אַרויסרופן אַ גוואַלטיקע סענסאַציע.

זיי זיינען נישט געווען די אייציקע, פון דער פריערדיקער עליה; אַ סך מעזריטשער יידן זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל נאָך לאַנג פאַר זיי און עס איז אוודאי אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער שטרעבונג פון יידן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיר, אָבער, ווילן זיך דערעיקרשט אָפּשטעלן אויף דער עליה, וועלכע האָט שוין געטראָגן דורך און דורך אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

די עליה קיין ארץ־ישראל, האָט אין מעזריטש אָנגעטראָפן אויף אַ דאַנקבאַר פעלד. אין יאָר 1863, ווען די פּוילישע פּאָווסטאַניע (אויפשטאַנד) האָט אויסגע־בראָכן קעגן דעם רוסישן יאָך, איז מעזריטש געווען צווישן די שטעט, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די אויפשטענדלער. דער פּוילישער פּאַטריאָט ראַגונסקי ראַמאָן, האָט איינגעשווירן די מעזריטשער יידן אין דער שטאָטישער שול פאַר דער זאַך פון דער פּוילישער באַפרייאונג. די רוסישע רעגירונג האָט שפּעטער גע־נומען נקמה פון די שטאָט־יידן און אָנגעוואָנדן גרויסע שיקאַנעס קעגן זיי אויפן געביט פון האַנדל און אינדוסטריע. אַלס רעזולטאַט פון די סאַנקציעס, האָבן אַ געוויסע צאָל יידן באַשטימט צו ליקווידירן זייערע חזיר־האָר־פאַבריקן און אויס־וואַנדערן נאָך אויסלאַנד. אַ טייל פון זיי זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל. צווישן זיי ר' צבי־זאב פישביין און ר' דוד יאַנאָווער; ר' זאב־וואָלף אייזענשטיין (פאָטער פון דעם אויבנדערמאָנטן ר' יהודה אייזענשטיין), האָט אין 1864 עמיגרירט קיין אַמעריקע (אגב, ער איז געווען דער ערשטער מעזריטשער ייד, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע און אפשר פון די איינצלנע מעזריטשער, צו יענער צייט, אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט); ער האָט שפּעטער עולה־געווען קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט גבריאל צוקערמאַן, אויך אַ מעזריטשער. ר' וואָלף אייזענשטיין איז באַערדיקט געוואָרן אין ירושלים, אויפן הר־הזיתים, נעבן ר' צבי פישביין און זיינע צוויי זין. אַנדערע מעזריטשער זיינען אין יענער צייט געפאָרן קיין דייטש־לאַנד (לייפּציק), קאַנאַדע און אַרגענטינע.

די פאַרמירונג פון „יסוד המעלה"

די אידיי פון חיבת־ציון, האָט גלייך געפונען אָנהענגער אין מעזריטש. שוין אין די ערשטע יאָרן פון איר פאַרשפּרייטונג, האָט דער רעיון פון שיבת־ציון אויף אַזויפיל אַריינגעדרינגען, אַז אַ סך מעזריטשער האָבן גענומען ערנסט דענקען וועגן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט ווערן איינפאַכע פויערים (נישט האָבנדיק די מינדסטע ידיעות נישט פון ערד־אַרבעט און נישט וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין ארץ־ישראל, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, געקוקט אויף דער גאַנצער אונטערנעמונג מיט ראָמאַנטישע אויגן) און אין יאָר תרמ"ג (1883), האָט זיך אין מעזריטש געגרינדעט אַ גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון 16 בעלי־בתים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל און דאָרט גרינדן אַ קאָלאָניע.

זיי זיינען נישט געווען די איינציקע חובבי־ציון אין שטאָט; עס זיינען געווען נאָך יידן אין שטאָט, וועלע האָבן געדענקט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער נישט אַלע חובבים האָבן פאַרמאָגט די געהעריקע מיטלען דערצו, אַז זיי

זאָלן זיך קענען דערלויבן דעם לוקסוס איינצושאַפן זיך אַ נחלה אין ארץ־ישראל; האָבן זיי זיך דערווייל באַנוגנט מיטן אָנשליסן זיך אין דער באַוועגונג פון חיבת־ציון, שטיצן אירע צילן און דערווייל נאָכגעפאָלגט מיט סימפּאַטיע דעם פּאַר־מעסט פון זייערע שטאָט־מענטשן, וועלכע האָבן שוין די זכיה צו רעאַליזירן זייער טרוים.

אויסער דער דערמאָנטער גרופּע, איז געווען נאָך אַ משפּחה, וועלכע האָט באַשלאָסן עולה־צו־זיין, אַלס יחידישע און זעלבסטשטענדיקע. דער ראש פון דער דאָזיקער משפּחהה, ר׳ דוב פעלמאַן *) האָט נישט געהאַלטן פון זיך פאַראייניקן מיט דער גרופּע. ער האָט זיך פאַרנומען צו בויען אַ ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל אַליין אויפן אייגענעם חשבון.

מיר האָבן נישט בדעה, דאָ צו געבן די געשיכטע פון „יסוד המעלה" — די קאָלאָניע, וועלכע מעזריטשער יידן האָבן געגרינדעט אין גליל־העליון — איר שווערן אַנטוויקלונגס־וועג אָין איר ראָל אינעם אויפבוי פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים. נישט דאָס איז אונדזער אויפגאַבע; דאָס איז אַ קאַפּיטל אָן און פאַר זיך. מיר ווילן בלויז דערמאָנען דאָס וואָס איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער געשיכט־לעכער פּאַזע; די מענטשן וועלכע האָבן מיט זייער פּיאָנערן־אַרבעט פאַרשריבן אַ גאָלדן בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק; אויף וויפיל דאָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער מעזריטש. דערפאַר וועלן מיר איבערהיפּערן די אַלע וויכטיקע עטאַפּן, וואָס האָבן צו טאָן מיט „יסוד המעלה" גופא און מיר וועלן זיך אָפּגעבן מיט אירע פּיאָנערן — זין פון מעזריטש.

די מעזריטשער ציון־גרופּע, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין יאָר תרמ"ג, האָט אייגנטלעך נישט דערפינדעט דעם נאָמען „יסוד המעלה"; פריער נאָך ווי אין מעזריטש, האָט זיך אין סוואַלק געגרינדעט אַ גרופּע וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן לומדיש־משכילישן ייד, אַלטשולער און זי האָט זיך גערופן מיט דעם נאָמען „יסוד המעלה". פון יענער חברה איז גאָרנישט געוואָרן. ממשותדיקס האָט זי גאָרנישט געשאַפן אין ארץ־ישראל. דער נאָמען, איז ממילא געבליבן הפקר און די מעזריטשער ציון־גרופּע האָט אים, אַזוי צו זאָגן, רעקווי־זירט.

דער ערשטער בריוו, וואָס די גרופּע האָט געשיקט פון ארץ־ישראל און איז געשריבן געוואָרן פון ר׳ ברוך־מאיר ראָזענבלום, איז, קען מען זאָגן, אַ היס־טאָרישער דאָקומענט; ווייל דער בריוו באַווייזט, אַז די גרינדער פון דער קאָלאָ־ניע גיבן זיך חשבון, אַז זייער איניציאַטיווע, איז נישט סתם אַזוי אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט דער שיבת־ציון באַוועגונג אַלס אַזעלכע, נאָר עס קומט קלאָר צום אויסדרוק, אַז זיי האַלטן זיך אַלס אַ טייל פון דער אינטעגראַלער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

*) דער זעלבער ר׳ דוב פעלמאַן, וואָס ווערט פריער דערמאָנט.

מיר גיבן דאָ דעם בריוו אין זיין יידישער איבערזעצונג:

„ב"ה קול קורא לעזרת האחים (אַ רוף פאַר ברידערלעכע הילף).

„לכבוד... חברת „חובבי ציון" בעיר ווארשא.

„אינעם נאָמען פון דעם הייליקן רעיון פון ישוב ארץ־ישראל, וועלכעס איז טייער צו אייך און צו אַלע חובבי ציון, און אינעם נאָמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער פאָן... און אין נאָמען פון ברודער־ליבע און חברשע פאַרבונדשאַפט, וואָס פאַרבינדט אונדזערע הערצער און נשמות, זיינען מיר געקומען היינט צו אייך, טייערע ברידער, אויסדריקן די געפילן פון אינדזערע הערצער, אין אַ מאָמענט פון זעלישער שוואַכקייט.

„געליבטע ברידער, געוויס ווייסן מיר, אַז די אגודה פון אייערע ברידער פון מעזריטש, איז אויסגעקריצט אויף אייערע הענט און אַז די גרינדונג פון אונדזער גרופע זיינען באַוווּסט פאַר אייך, ווייל דאָס פלאַץ פון וואַנען מיר קומען און אונדזער געבוירנאָרט, איז נאָענט צו אייך. דערפאַר זיינען אייך גוט באַקאַנט אַלע אירע קערונגען און ווענדונגען, איר כאַראַקטער און אירע וועגן. דאָך ווילן מיר זיך נישט אָפּהאַלטן פאַרצוברענגען פאַר אייך אַלע פּרטים פון אונדזער פאַרמירונג און דאָס אָרט, ווו מיר געפונען זיך איצט. ס'איז אונדזער האָפענונג, אַז אונדזערע ווערטער וועלן זיך איינקריצן אין אייערע הערצער און אַז איר וועט זיך צוהערן צו אונדזערע רייד מיט אָפענע אויערן.

„מיר זיינען די ערשטע פון די פוילישע פראָווינצן, וואָס האָבן געאָפּפערט אונדזערע הערצער און נפשות אויפן מזבח פון ליבע פאַר דעם הייליקן לאַנד; און דער הייליקער פונק פון ישוב ארץ־ישראל, וואָס איז דער באַגער פון דעם יידס נשמה, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פלאַם פייער און עס האָט געברענט אין אונדזער אינגעווייד און אונדז געמאַכט לייגן דעם ערשטן ווינקל־שטיין פון אַלע אונדזערע ברידער אין גאַנץ פוילן, וואָס געפינען זיך אינ־מער רוסלאַנד; און אין יאָר תרמ"ג, ווען דער וויכטיקער געדאַנק (פון ישוב ארץ-ישראל — מ. ע.) האָט אין אונדז אויפגעברויזט, האָבן מיר זיך פאַרבונדן עט־לעכע משפחות (די אייגנטלעכע גרופע איז באַשטאַנען פון 24 מיטגלידער, מ. ע.) און יעדער פון אונדז האָט אַריינגעטראָגן זיין געלט, מיט דעם צוועק אויפצו־שטעלן פאַר אונדז אַ קאָלאָניע אין לאַנד פון אונדזערע אבות, מיט אונדזער אייגן פאַרמעגן וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן.

„אין חודש ניסן תרמ"ג, האָבן מיר געשיקט אונדזער פאָרשטייער און מיר האָבן אים געגעבן אונדזער געלט (ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז דאָס געווען ר' לייב רובין און פישל סאַלאָמאָן, מ. ע.) אויסצוזוכן פאַר אונדז אַ פלאַץ און קויפן פאַר אונדז לאַנד. ער האָט נישט גערוט און איז נישט געווען פאַסיוו און ער האָט זייער שטאַרק געפאָרשט און געזוכט גוטן באָדן פאַר אונדז. לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן דערפאַרן פון די צייטונגען, וועגן אַנדערע קאָלאָניעס

און לויט די בריוו, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פון אונדזער שליח, האָבן מיר איינגעזען, אַז אונדזער פּלאַן איז צו גרויס פאַר אונדז, מיר זאָלן אים קענען פאַרווירקלעכן. דעמאָלט זיינען געפּאָרן חשובע יידן פון מעזריטש צו אייך, חשובע הערן חובבי־ציון, מיט אייך זיך צו האַלטן אַן עצה וועגן דעם וויכטיקן ענין. אייערע גוטע און ריכטיקע רייד, וואָס איר האָט צו אונדז גערעדט און אייער הבטחה, דאָס מיר זאָלן זיך נישט שרעקן און אַז איר זענט מיט אונדז און איר וועט אונדז העלפן פונדערווייטנס, האָבן דערפרייט אונדזערע הערצער.

„אונדזער שליח האָט געטאָן זיין פליכט. נאָך גרויסער מאַטערניש און גרויס נאָכפאָרשן, האָט ער געקויפט פאַר אונדז אַ גוטע און געבענטשטע נחלה ביים „מי־מרום” און דער אַוואַנגאַרד איז געגאַנגען פאָראויס און אין יאָר תרמ״ד זיינען מיר אָנגעקומען אַהערצו.

„אַך, ווי גרויס עס איז געווען אונדזער פרייד און שמחה, ווען מיר האָבן געזען דאָס אונדזערע נחלות פון גוטע, פעטע און פרוכטבאַרע ערד ליגט אויפן ברעג פון „מי־מרום”, פון וואַנען מיר וועלן קענען באַציען וואַסער אָנצוטרינקען אונדזערע פעלדער אַ גאַנץ יאָר. דער באָדן איז ברייט און איז ריין פון שטרויכלונגס־שטיינער. דער באָדן איז אַ פלאַכער און מען קען אים באַארבעטן מיט אַלערליי מאַשינען, וואָס געפונען זיך אין אייראָפּע. מיר האָבן שוין ב״ה געפלאַנצט אַ שיינעם גאָרטן, 300 אויף 300 איילן, 6.000 פלאַנצן, טויזנטער אתרוגים־ביימער, 1.100 איילבירט־ביימער און נאָך פאַרשידענע פלאַנצן. אַרום האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ גרויסן גרובן און מיט פליים זיינען מיר באַשעפטיקט מיט אונדזערע אַרבעטן און מיט דעם שוויים פון אונדזערע פּנימער שטייען מיר, אונדזערע זין און טעכטער אויף אונדזערע פּאָסטנס צו באַארבעטן דעם באָדן און צו קולטיווירן אים. אַפילו די איידעלע און צאַרטע צווישן אונדז, וועלכע זיינען קיינמאָל נישט געווען געוווינט צו טאָן אַזאַ אַרבעט, מחמת ליבע פאַר דער דאָזיקער גרויסער אונטערנעמונג, טוען זייער אַרבעט אין פעלד מיט גרויס פליים. אַ לויב צו גאָט, וואָס מיר זעען אַ ברכה אין אונדזער אַרבעט. די פלאַנצן צעוואַקסן זיך, די גערטנער שפּראָצן און די ערד גיט איר פרוכט, וואָס דערפרייט דאָס האַרץ און באַלייכט די אויגן. זיי זיינען די לויב פון צפת, די הייליקע שטאָט, וואָס ליגט פון דאַנען אַ מרחק פון פיר שעה; זיי גליסטן שטאַרק אונדזער פרוכט, צוליב זיין גוטסקייט און זיסן טעם. געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען, וואָס האָט אונדז געהאָלפן ביז איצט צוצוגרייטן וואַפנע און פיל שטיינער פאַרן בוי, און מיר האָבן שוין אָנגעהויבן בויען. איצט זיינען מיר באַשעפטיקט מיט גראָבן ברונעמער צו ציען וואַסער מיט פּלומפּן. אַלץ מיט גאָטס גענאָד, מיט אונדזער אייגן געלט און אייגענער שווערער אַרבעט. יעדע שטיק ערד איז אונדז זיס און מיט פרייד און שמחה באַשיינען מיר אונדזער קאָלאָניע, זי זאָל זיך אַרויסהויבן אין איר פּראַכט און שיינקייט; און זי איז

געשטיגן אין איר גרויס און שיינקייט איבער אַלע קאָלאָניעס וואָס געפינען זיך אין אונדזער גרענעץ.

„ב"ה, מיר זיינען געקומען צו אונדזער ציל ביזן היינטיקן טאָג. מיט שווערער אַרבעט פון אונדזערע הענט און מיט אונדזער געלט האָבן מיר אָפּגערייניקט די אַלע שטרויכלונגען; ב"ה, זיי זיינען ווייט פון אונדז. מיר האָבן ביי היינט צו טאָג דערגרייכט מער, ווי דער באַראָן ראָטשילד האָט דערגרייכט מיט זיין גרויסן קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויף ראש־פּינה; און דאָס אַלץ איז אונדז אָנגעקומען מיט בלוט און מיט אונדזערע לעצטע כוחות.

„און איצט, געערטע פריינט, די מכשולים וואָס מיר האָבן באַגעגנט אויף אונדזער וועג. — איבער אַלעמען די באַגרענעצונגען פון דער רעגירונג — זיי האָבן אונדז פאַרדאָרבן, זיי האָבן אויסגעליידיקט דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט און מיר זיינען געבליבן מיט ליידיקע הענט. מיר קענען נישט גיין פאָראויס אפילו איין טריט אויפן וועג, וואָס מיר האָבן אויסגעטראָטן פאַר אונדז, ווייל דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט און מיר האָבן נישט מיט וואָס אָנצוהייבן די בנינים פאַר דעם ווינטער, כדי זיך צו שיצן פון רעגנס און פאַרפלייצונג און הן אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט אין פעלד, ווייל די טעג פון אויפאַקערן דעם באָדן און אים פאַרזייען דערנענטערן זיך. און מיר, אונדזערע טייערע און פאַרערטע, זיינען אָן געלט און מיר האָבן נישט קיין שום עצה און וועג, ווי אַזוי אויסצופירן אונדזערע פּלענער. אויב דורכדעם זאָלן מיר זיין געצווינגען אָפּצוטרעטן — די ערד וועט ווערן וויסט און וועט באַדעקט ווערן מיט דערנער און שטעכעלקעס — וועט דאָס זיין נישט נאָר אונדזער האַרץ־ווייטיק, פאַרשעמונג און חרפּה, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער חברה פון חובבי־ציון, וועט עס ברענגען אייביקע שאַנד, ווייל דאָס וועט באַקאַנט ווערן אומעטום און עס וועט ברענגען חרפּה אויף אַלע נדיבים פון פּוילן און רוסלאַנד, וועלכע זיינען מיד געוואָרן באַלד ביי דער ערשטער קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון זייערע ברידער. און דערפאַר איז די פליכט אויף זיי צו דערלייזן אונדז צו העלפן אַרויסציען די קאָלאָניע אויף דער ליכטיקער שיין, ספּעציעל איצט ווען אַלץ איז שוין צוגעגרייט.

„פריינט, „באו בנים עד משבר וכוח אין ללידה — די קינדער האָבן געגרייכט די צייט אויפגעבונדן צו ווערן; עס איז, אָבער, נישטאָ קיין כוח צו געווינען". איר קענט אויספאָרשן דעם אמת פון אונדזערע רייד, ווי אַזוי איר ווילט. דעריבער בעטן מיר אייך, געליבטע ברידער, רופט צונויף אַ פאַרזאַמלונג און גיט כבוד צו אייער גאָט און צום הייליקן רעיון פון אויפלעבן אונדזער פאָלק, צוליב וואָס מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער צייט און מיר האָבן געבראַכט אַ קרבן עולה אונדזער פעטס און בלוט פאַר דעם אויבערשטן און פאַר דער ליבע פון דעם לאַנד פון אונדזערע אבות. שטייט נישט פונדערווייטנס, באַהאַלט נישט דאָס אויג פון רחמנות, דערוועקט זיך מיט רחמים און שטעלט זיך צוהילף פון

גאַט צווישן די גבורים, און גרויסעס קען אייער האַנט אויפטאָן, אונדז צו העלפן און די מצוה וועט אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם וואָס ענדיקט זי (אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה).

„מיר בעטן אייך, טייערע ברידער, קערט אייערע ריינע הערצער צו אונ־דזערע רייד, וואָס גייען אַרויס פון האַרץ און איילט זיך אונדז צו העלפן. זייט געשווינד מיט דער הילף צו אונדז, כל־זמן עס איז דאָ צייט, און מיר בעטן, נאָך איידער איר גייט אונדז העלפן — און מיר האָבן צוטרוי צו אייער ישרת־לב — שיקט אונדז גלייך אייער בריוו; און פיל בעסער וואָלט געווען אַ טעלעגראַ־פישע בשורה, כדי צו שטאַרקן אונדזערע שוואַכע הענט און די זיסע האָפענונג וועט שטאַרקן אונדזערע הערצער. ב"ה, מיר האָבן בטחון, דאָס מיט רחמים און מיט רצון וועט איר דערפילן גאַנץ שנעל אונדזער בקשה. דערפאַר וועט אייך דער אויבערשטער אייך געבן גוטס, רייכקייט, כבוד און גדולה ביז משיח וועט קומען; און די אויסגעלייזטע הורכן אויבערשטן, וועלן זיך אומקערן קיין ציון מיט געזאַנג שנעל אין אונדזערע טעג אכי"ר (אמן כן יהי רצון).

„דאָס זיינען די רייד פון די חלוצים פון דער קאָלאָניע יסוד־המעלה; כ' מנחם־אב, ה'תרמ"ד לפ"ק, ראש החלוץ (דער פירער פון די קאָלאָניסטן) ברוך מאיר רויזנבלום" (54).

דער דאָזיקער בריוו פון ר' ברוך־מאיר ראָזענבלום, דערציילט אונדז אַ סך. קודם־כל וועגן דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע; זייער ראַנגלען זיך מיט אייגענע מיטלען און כוחות צו שטיין אויף די פיס; זייער נאַיווער גלויבן, אַז זיי וועלן קענען אויסקומען אָן שטענדיקער הילף פון דרויסן. אָבער ועל כולם, פלאַמט דער בריוו מיט ליבע און אידעאַליזם. נאָר אַזאַ ייד, ווי ברוך־מאיר ראָזענבלום, האָט געקענט אַרויסברענגען אַזוי פיל גלויבן און האָפענונג; ווייל דער ייד האָט ממש געברענט מיט ליבע צו ארץ־ישראל.

פון דעם בריוו ווייזן זיך אַרויס די צוויי שוואַכע פונקטן, וועלכע האָבן מיט זיך געברענגט די הויפּט־שוועריקייטן, און, מעגלעך, אַז אָן זיי וואָלט דער וועג פון די פּיאָנערן געווען אַ סך גרינגער און ס'וואָלטן, אפשר, אויך געקענט זיך אויסמיידן אַ טייל קריזיסן.

קודם־כל, דאָס נישט האָבן קיין דערפאַרונג; די פּלאַנצן וואָס זיי האָבן פאַרפּלאַנצט, זיינען אין גרעסטן טייל צעשטערט געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג אין ערד־אַרבעט, גערטנעריי און פּרדסנות. אָבער, דער הויפּט־אומגליק זייערער איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געקענט אַרויסבאַקומען די קושאַנעס אויפן באָדן; צוליב די געזעצן, וועלכע האָבן באַגרענעצט דעם באָדן־קויף פאַר פרעמדע אונטערטאַנער און די טעותים, וואָס זיי האָבן אין שייכות מיט דעם געמאַכט, האָט דאָס זיי געשטערט אין משך פון אַ פּאָר יאָר צו בויען אויפן אָרט פּאַסיקע וווינונגען און צו איינאָרדענען דאָרט אַ פּאַסיקע

ווירטשאַפט. די קאָלאָניסטן זיינען אַזוי אַרום געווען געצוווּנגען צו וווינען אין צפת, אָנשטאָט אין יסוד־המעלה.

סוף־כל־סוף איז יסוד־המעלה געוואָרן איינע פון די דאגות פון דער חיבת־ציון באַוועגונג.

אין חשון תרמ״ה (1884), קומט פאַר די ערשטע קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון אין קאַטאָוויץ. אויף דער דריטער זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען 21 טאָג אין חשון (11/9/1884), ווערט באַהאַנדלט די פראַגע פון געבן צייטווייליקע הילף פאַר דער קאָלאָניע יסוד־המעלה און פיגורירט אַלס צווייטער פונקט אינעם סדר־היום פון דער קאָנפערענץ.

דער פאָרשלאָג רעדט וועגן אַ סומע פון 2.000 רובל, וואָס זאָל איבערגע־שיקט ווערן צום „מעזריטשער רב הרב הגאון שפּירא״ (אגב, ר׳ ישראל־איסר שפּירא, איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון די חובבי־ציון. ער האָט אויך צו־זאַמען מיט אַנדערע רבנים אויסגערופן אַן איסור אויף די אתרוגים פון קאָרפו און געהייסן מאַכן אַ ברכה נאָר אויף ארץ־ישראל־אתרוגים. אין אַ תשובה וואָס דער באַרימטער קוטנער רב ר׳ יהושעלע טרונק שרייבט צו אים — ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם מעזריטשער רב און טיילמאָל געבעטן ער זאָל זיך אַרויסזאָגן אין אַ שווערער שאלה און זי פּסקענען — ווינטשט ער אים ער זאָל זוכה זיין צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. אין דער תשובה זאָגט זיך: „ב׳ מנחם־אב תרל״ט — שוכן מעונה יזכהו לעלות לציון ברננה, כבוד י״נ הרב הגאון הגדול המפורסם ערוגם הבושם כבוד קדושת שם תפארתו מו״ה ישראל איסר שיחי׳ הגאבד״ק מעזריטש״) (55). די דאָזיקע סומע איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן פון די חובבי־ציון אין וואַרשע און איז ביז דעמאָלט נישט דערפילט געוואָרן.

דער רעפערענט וועגן דער פראַגע, איז געווען ר׳ דוד גאָרדאָן, דער אַרויס־געבער פון דער באַרימטער העברעאישער צייטשריפט „המגיד״. ער באַריכטעט, אַז דער קאָלאָניע דערוואַרטעט אַ גוטע צוקונפט. ער גיט אויך איבער, אַז די קאָלאָניסטן האָבן שוין אינוועסטירט אין דער קאָלאָניע 10.000 רובל און אַז ביז איצט האָבן זיי נישט דערהאַלטן קיין שום שטיצע און היות ווי זיי נויטיקן זיך איצט אומבאַדינגט אין הילף, דעריבער איז אַ פליכט איצט גוטצומאַכן די הבטחה פון די וואַרשעווער חובבי־ציון. פאַר דעם פאָרשלאָג רעדן אויך אַנדערע פירנדיקע פערזענלעכקייטן און דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען (56).

אין דער דאָזיקער היסטאָרישער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידער־אויפלעבונג פון ארץ־ישראל, און פון דעם יידישן פאָלק אין זיין היים, איז אויך געווען פאַרטראָטן מעזריטש מיט איר דעלעגאַט, וואָס באַווייזט, אַז מעזריטש האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער באַוועגונג פון חיבת־ציון. דער דעלעגאַט — וואָס האָט געחתמעט דעם פּראָ־טאָקאָל פון דער קאָנפערענץ צוזאַמען מיט די אַנדערע פערזענלעכקייטן און איז אַריין אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק — איז געווען דער גוט־באַקאַנטער

כלל־טוער, ר׳ נחום שיינמאַן, וועלכער איז געווען פון די חשובים אין שטאָט; אַ פרומער ייד, אַ גרויסער יודע־ספר און משכיל און פון די פירנדיקע ציוניסטן אין שטאָט.

אַ זייער אינטערעסאַנטער באַריכט וועגן יסוד־המעלה, איר מענטשן־מאַ־טעריאַל און אירע שוועריקייטן, האָט צוגעשטעלט ר׳ יחיאל־מיכל פינעס, וועל־כער איז דעמאָלט געווען דער פאַרטרעטער פון די חובבי־ציון אין ירושלים. צוליב זיין אינטערעסאַנטן אינהאַלט, וועלן מיר ברענגען די וויכטיקסטע שטעלן וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדז.

דער ערשטער טייל פון זיין באַריכט, אַנטהאַלט אַ שילדערונג פון דעם לאַנד, די געאָגראַפישע לאַגע און דעם כאַראַקטער פון דעם באָדן, די טראַנ־זאַקציע און דער לעגאַלער מצב פון דעם פאַרקויף, די פּראָצעדור פון באַאַרבעטן דעם באָדן און די באַדינגונגען פון דער אַרבעט; און אַ באַשרייבונג פון די איינ־וווינער פון דער קאָלאָניע און דאָס לעצטע איז פאַר אונדז אַמאינטערעסאַנטסטן:

„די קאָלאָניסטן

„די נחלה „יסוד־המעלה" איז צעטיילט אויף 24 חלקים מיט זעכצן אייגנ־טימער. זיבן פון זיי זיינען דערוויל אין צפת און די איבעריקע זיינען נאָך לעת־עתה אין זייער וווין־אָרט מעזריטש. אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט שטאַ־מען פון מעזריטש, אַ חוץ איינער — ר׳ שלמה מזרחי, אַ ספרדישער ייד, וועל־כער וווינט אין צפת. ער האָט דאָרט געהאַט אַ טייל פון דעם באָדן, נאָך איידער ער איז פאַרקויפט געוואָרן. ער האָט פון זיין חלק פאַרקויפט אַ העלפט און איין העלפט געלאָזט פאַר זיך. איצט האָט ער צוריק ביידע חלקים".

פון די זיבן, זיינען בלויז 6 משפחות מעזריטשער. פינעס גיט אָן אויס־פירלעכן באַריכט וועגן זיי:

„1. ר׳ פישל סאַלאָמאָן, זיין פרוי, פינף זין, אין עלטער פון 6 ביז 22 יאָר און איין טאָכטער, 20 יאָר אַלט; סך־הכל — 8 נפשות;

2. ר׳ אברהם סטאָליאַר, זיין פרוי, אַ זון — 20 יאָר אַלט און צוויי טעכ־טער אין עלטער פון 10 ביז 15 יאָר; סך־הכל — 5 נפשות.

3. ר׳ שבתי, זיין פרוי, פיר זין, אין עלטער פון 4 ביז 14; בסך־הכל — 6 נפשות.

4. ר׳ חיים קאָוואַל, זיין פרוי, 1 זון, 9 יאָר אַלט, דריי טעכטער, אין עלטער פון 3 ביז 13 יאָר; בסך־הכל — 6 נפשות.

5. ר׳ יחזקאל כהן, זיין פרוי. בסך־הכל — 2 נפשות.

6. ר׳ יוסף מלמד, זיין פרוי. בסך־הכל — 2 נפשות.

„וואָס איז שייך דעם כאַראַקטער פון די מענטשן, האָב איך געהאַט בדעה צו שרייבן וועגן יעדן איינעם באַזונדער. אָבער מען טאָר נישט זאָגן קיין שלעכטס וועגן יידן ברבים; אָבער, איך באַטראַכט עס אַלס אַ פליכט צו דערקלערן, אַז

איך האָב נישט געפונען אין זיי אַלע אַ גרונט צו זיין צופרידן. קאָנפליקטן און קריגערייען איבער קליינלעכקייטן; און זיי זיינען באַהערשט פון קנאה און דאָס האָט גורם געווען צו קאָנפליקטן און האָט פאַרערגערט זייער לאַגע. דאַקעגן וועל איך אויסרעכענען די מעלות פון יעדן איינעם: ר׳ פישל סאַלאָמאָן, אַ מאַן פון אַ יאָר 40; ער איז אַן אויסגערעכנטער מענטש; ער טוט אַלץ מיט חשבון און פינקטלעכקייט און ער באַארבעט זיין פעלד מער ווי אַלע אַנדערע. ר׳ אברהם סטאַליאַר, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק; אַ פשוטער און קרעפטיקער מענטש, וואָס וויל אַריבערטראָגן די ליידן. ר׳ שבתי כהן, אַ מאַן פון אַ יאָר 35; אַ קרעפטיקער מאַן, וואָס האָט חיים בלוט און ווען ער אַרבעט איז ער פלייסיק אין זיין אַרבעט. ר׳ חיים קאָוואַל, אַ מאַן פון אַ יאָר 40; ער אַרבעט ווען ער וויל; דערווייל האָט ער נאָך נישט געאַרבעט. ר׳ יחזקאל כהן, אַ מאַן פון אַ יאָר 50; אַן ערלעכער און תמימותדיקער מענטש און איז פריינטלעך צו אַנדערע; זיין פרוי, איז פונקט אַזוי ווי ער. ר׳ יוסף מלמד, אַ מאַן פון אַ יאָר 45; ער איז טויגלעך צו אַרבעט...

„די געשיכטע פון דער קאָלאָניע

„אין יאָר תרמ״ג, זומער־צייט, האָט זיך אין מעזריטש געגרינדעט די חברה יסוד־המעלה און זי האָט געשיקט ר׳ לייב רובין און ר׳ פישל סאַלאָמאָן קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו קויפן באָדן פאַר אַ קאָלאָניע. זיינען די מענטשן גע־קומען און האָבן געזוכט אין יהודה און נישט געפונען; האָבן זיי זיך געקערט צום גליל און האָבן דאָרט געזוכט אַ פאַסנדן באָדן פיל טעג, ביז זיי זיינען געקומען אויפן באָדן פון איזבד (לייענט זיך: איזבעד; אַ נאָמען פון אַן אַראַבישן שבט וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין יענע מקומות, מ. ע.). דאָס לאַנד האָט נושא־חן געווען אין זייערע אויגן און זיי האָבן עס געקויפט פאַר 480 פראַנ־צויזישע נאַפּאָלעאָנס און אין חודש כסליו, תרמ״ד, איז דער מקח אָפּגעשלאָסן געוואָרן. מיט אַלע הוצאות צוזאַמען, האָט זיי געקאָסט אַן ערך פון 550 נאַפּאָלע־אָנס און מען האָט געשריבן די שטרות אין העברעאיש אין אַ יידישן בית־דין... נאָכן אונטערשרייבן פון די קאָנטראַקטן, איז ר׳ לייב רובין צוגעטראָטן אויפצו־שטעלן 16 קליינע הייזקעס אַרום דעם שפייכלער, וואָס איז דאָרט געווען, כדי די קאָלאָניסטן וואָס דאַרפן קומען, זאָלן זיך קענען באַזעצן און האָבן מנוחה. ר׳ פישל סאַלאָמאָן האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם פּלאַן. צווישן די ביידע איז געוואָרן אַ שלעכטע באַציאונג, וואָס איינער האָט געזאָגט האָט דער צווייטער צונישט געמאַכט. דערווייל איז אָנגעקומען דער ווינטער און עס איז נישט געטאָן געוואָרן קיין זאַך און אין זומער־צייט, זיינען אָנגעהויבן קומען די קאָ־לאָניסטן און זיי זיינען געווען מיטגלידער פון אַכט משפחות: די אויבנדער־מאָנטע זעקס און נאָך צוויי — ר׳ ברוך־מאיר ראָזענבלום און ר׳ וואָלף בעקער. ר׳ לייב האָט זיך צוריקגעקערט קיין מעזריטש און די פירערשאַפט פון דער קאָ־לאָניע איז אָנגעטרויט געוואָרן צו ר׳ ברוך־מאירן. דער דאָזיקער מענטש, איז

אַ זייער טייערער מאַן און איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו דער זאַך און אויך ער האָט געהאַט די זעלבע מיינונג ווי ר׳ לייב רובין און ער האָט אָנ־הויבן צו בויען... פּלוצים איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון דער רעגירונג און די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

„די סיבה איז געווען די: דער הער יעקב עבו, דער פאַרקויפער פון דער נחלה איז געווען דער פראַנצויזישער קאָנסול און ער האָט געשיצט די אַראַבער, וועלכע שטאַמען פון אַלזשיר (דאָס איז דער אַראַבישער שבט וואָס האָט זיך האַרט באַזעצט און זיין נאָמען איז איזבער, מ. ע.) און, היות, ווי די טערקישע רעגירונג איז פון תמיד אָן געווען אינטערעסירט צו מאַכן די אַראַבער פאַר אירע אינטערטאַנער, האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפער קריג צווישן דעם גובערנאַטאָר פון דעם קרייז מיט עבון, וועלכעס איז אַריבער די גרענעצן פון בלויזער פּאָלי־טיק און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערזענלעכער פיינטשאַפט צווישן די צוויי; יעדער איינער האָט געזוכט צו שטירצן דעם אַנדערן.

„פאַר עבון, איז געווען זייער לייכט צו קויפן באָדן און בויען הייזער. אָבער ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די קאָלאָניסטן און עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער באָדן איז צו זיי פאַרקויפט געוואָרן, האָט דער גובערנאַטאָר אויסגענוצט די געלעגנהייט און געשטערט דאָס בויען. נישט געקוקט אויף דעם, וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען קיין אומגליק. ר׳ יעקב עבו האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז דער באָדן און די בנינים זיינען זיינע און אַז די מענטשן זיינען זיינע אַר־בעטער. דאָס וואָלט געהאָלפן, ווען ס׳מישט זיך נישט אַריין ר׳ פישל, וועלכער האָט געטענהט, אַז כל־זמן דער באָדן איז נישט איבערגעשריבן אָפיציעל אין די רעגירונגס־אַמטן אויף זייערע נעמען, זאָל מען נישט בויען. און, היות, ווי זיי האָבן זיך געהאַט באַזאָרגט מיט דאָקומענטן פון ירושלים, אַז זיי זיינען אַלע ירושלימער, זיינען זיי געווען זיכער, אַז דער ענין איבערשרייבן קען גרינג דער־לייִדיקט ווערן. ר׳ יעקב עבו האָט געעצהט מען זאָל זיך נישט איילן מיטן אי־בערשרייבן; אָבער ר׳ פישל האָט חושד געווען עבון, אַז ער וויל זיי פשוט באַגזלען און אויסשווינדלען דעם באָדן, דערפאַר גיט ער זיי אַזאַ עצה. ער האָט געאַרבעט הינטן־אַרום און ער האָט אויך געווינען ר׳ ברוך־מאירן אויף זיין זייט.

„זיי זיינען געגאַנגען צום מושל און אָנגעקלאָגט עבון צו אים. היות, ווי ס׳איז שוין אַ יאָר ווי ער האָט זיי פאַרקויפט דעם באָדן און ער דרייט זיך אַרויס פון געבן זיי קושאַנעס. ווען דער מושל האָט עס געהערט, איז ער צוגעפאַלן צו דעם ווי אויף אַ ווילדע מציאה. ער האָט זיך געקליגלט און געזאָגט: — אויב איר וועט מיר געבן 50 נאַפּאָלעאָנס, וועל איך זיך משתדל זיין, אַז דער באָדן זאָל איבערגעשריבן ווערן אויף אייערע נעמען און אויב איר וועט מיר איצט געבן 10 נאַפּאָלעאָן־שטיק וועל איך זאָגן וואָס איר דאַרפט שוין טאָן. זיי האָבן אָנגענומעןביידע פאָרשלאָגן.

„לויט זיינע אינסטרוקציעס, האָבן זיי אָנגעשריבן אַ בקשה און דאָרט דער־

ציילט אַלץ וואָס זיי האָבן פריער דערקלערט און זיינען אָוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָט דער מושל אָוועקגעשיקט אַ באַריכט קיין דמשק און בייגעלייגט די דער־קלערונג פון די יידן און ער האָט נישט נאָר אָפּגעשטעלט דאָס בויען, נאָר ער האָט אויך פאַרמסרט די יידן פאַר זיין הויפּט אין דמשק, אַז זייערע ירושלימער דאָקומענטן זיינען פאַלשע און אַז עבו האָט געבראָכן דעם געזעץ, וואָס פאַרבאָט צו פאַרקויפן לאַנד צו פרעמדע.

„די מסירה האָט באַלד געמאַכט אַ רושם. פון דמשק איז אָנגעקומען אַ באַפעל, וואָס פאָדערט־אויף גלייך אָנצוהויבן אַן אויספאָרשונג און אויב עס וועט זיך טאַקע ארויסווייזן, אַז די דאָקומענטן זיינען פאַלשע, זאָל מען זיי נישט נאָר נישט לאָזן באַטרעטן דעם באָדן, נאָר אויך אַרויסטרייבן פון לאַנד.

„די לאַגע פון די קאָלאָניסטן איז געווען אַ שווערע. אָבער, דער אויבערש־טער האָט פאָרגעברייט די רפואה פאַר דער מכה. דער מושל איז אַרונטערגע־זעצט געוואָרן און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער גובערנאַטאָר און די גאַנצע זאַך איז צייטווייליק פאַרגעסן געוואָרן.

„די קאָלאָניסטן האָבן זיך באַזעצט אין דעם שפּייכלער, וואָס איז געווען אָן פענצטער און נישט פּאַסיק צום וווינען. זיי זיינען געזעסן אין פינצטערניש און זיך געוואַלגערט אויפן מיסט און עס האָבן אויסגעבראָכן עפּידעמיעס, וועל־כעס האָט אָוועקגערויבט דאָס לעבן פון ר׳ שבתי׳ס פרוי, וועלכע איז געווען אין איר בליענדן עלטער. נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן, זיינען זיי איינציקווייז אָוועק וווינען קיין צפת און אין דער קאָלאָניע זיינען געבליבן עטלעכע מענטשן.

„אַ נייער אומגליק...

„אין דער קאָלאָניע האָט זיך געפונען אַ וואַרשעווער יונגערמאַן, וועלכער האָט געוואָלט זיך אָנשליסן אין דער קאָלאָניע. איינמאָל האָט ער פאַרבלאָנ־דזשעט און פון שרעק איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און זיין לעבן איז אים נמאס געוואָרן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן, ער האָט מיט אַ בריטווע זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז. ווען די קאָלאָ־ניסטן האָבן אים געפונען, האָט ער נאָך געלעבט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער נאָך געלעבט און דערנאָך איז ער געשטאָרבן.

„דער אומגליק, האָט די מענטשן אַריינגעוואָרפן אין גרויס מורא. ר׳ ברוך־מאיר, זייער מנהל און אַ מענטש אַ בר־דעת, איז נישט געווען אין דער קאָלאָ־ניע. ער איז גראָד געווען אין ירושלים. ר׳ פישל סאַלאָמאָן, איז געווען אין ביי־רוט. האָבן ר׳ יוסף מלמד און ר׳ יחזקאל כהן, גענומען דעם טויטן קערפּער און אים אויפגעלאָדן אויף אַ וואָגן און אים אָפּגעפירט קיין ראש־פּינה, צו ברענגען אים דאָרט צו קבורת־ישראל.

„ר׳ יוסף מלמד האָט ליב געהאַט צו זאָגן ליגנס, אַפילו דאָרט וווּ דער אמת האָט געבראַכט מער נוצן. אויפן וועג רופט ער זיך אָפּ צו ר׳ יחזקאל כהן:

לאָמיר זאָגן, אַז דער בחור איז געפאַלן אויף אַ שאַרפע זאַך און איז דערפון געשטאָרבן. ר׳ יחזקאל, אַן ערלעכער און פּשוטער מענטש האָט דערצו מסכים געווען.

„ווען די איינוווינער פון ראש־פּינה האָבן דערזען דעם שניט אין האַלדז, האָבן זיי זיך שטאַרק געוווּנדערט און געוואָלט וויסן, וואָס איז געשען מיט דעם יינגערמאַן. דאָ, האָט ר׳ יוסף מלמד אָפּגעבאַקן זיין ליגנט. דער יינגערמאַן, האָט ער דערקלערט, איז געפאַלן אויפן שאַרף פון אַ מעסער און איז אומגליקלעכער־ווייזע דערשאָכטן געוואָרן. ר׳ יחזקאל, ווידער, האָט געזאָגט אַז ער איז געפאַלן אויף אַ שאַרפן שטיין און זיך געלעכערט דעם ווּשט. ביידע דערקלערונגען, האָבן זיך סותר געווען און זייער ליגן איז געווען קלאָר. ראש־פּינה, האָט זיך אָנט־זאָגט צו באַגראָבן דעם קערפּער. פון דאָרט האָבן זיי דעם קערפּער געפירט קיין צפת און, היות, ווי אויך צפת האָט נישט געוואָלט באַערדיקן דעם טויטן, האָט מען דעם קערפּער צוריקגעפירט קיין יסוד־המעלה און דאָרט מקבר געווען.

„די דאָזיקע געשעעניש, איז אָבער באַקאַנט געוואָרן אין צפת און אַ יידי־שער מסור האָט פאַרמסרט די יסוד־המעלה־קאָלאָניסטן פאַר דער מאַכט: זיי האָבן געשאָכטן דעם בחור — האָט ער געזאָגט אין זיין מסירה — און צוגע־רויבט פון אים 200 גילדענע רענדלעך. די מאַכט האָט אַרעסטירט אַלע קאָלאָ־ניסטן און זיי איינגעזעצט אין תפיסה אין צפת. ווען ר׳ ברוך־מאיר, האָט נאָך זיין צוריקקערן זיך פון ירושלים געהערט די מעשה, איז ער אַוועק קיין צפת צו דעם ריכטער און אים געזאָגט, אַז אויב מען האַלט זיינע פריינט אַרעסטירט אונטער דעם פאַרדאַכט פון מאָרד, איז ער אויך שולדיק און ער האָט געפאָ־דערט מען זאָל אויך אים אַרעסטירן. ר׳ יעקב עבו און נאָך חשובים פון צפת, האָבן אינטערוועניִרט און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די מענטשן זיינען אומ־שולדיק און מען האָט זיי באַפרייט; אָבער זייער קאַסע איז געוואָרן אָרעמער מיט 65 רענדלעך. אַ נס, וואָס דער באַרימטער סיר אָליווער אָליפאַנט (אַן ענג־לענדער וואָס האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם צוריקקער פון יידן קיין ארץ־ישראל און האָט פאַר דעם אידעאַל אוועקגעגעבן אַ סך געלט און כוחות, מ. ע.) איז זיי געקומען צו־הילף. ער האָט זיי געגעבן 50 נאַפּאָלעאָנס און קליידער.

„אינצווישנצייט, איז זייער לאַגע געוואָרן שטאַרק פאַרערגערט, וואָס האָט אויך אַרויסגערופן קריגערייען און אַרומרייסענישן איבער יעדער קלייניקייט. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן צו אַפּעלירן צו זייערע חברים אין מעזריטש און צו ר׳ לייב רובין, ער זאָל קומען קיין ארץ־ישראל אויף צו אַרויסשלעפּן זיי פון זייערע צרות און דערליידיקן דאָס איבערשרייבן. נאָך אַ לאַנגער דינגעניש, האָבן די מעזריטשער חברים איינגעשטימט צו געבן אים 400 רובל אויף הוצאות. אויסצוהאַלטן אים אין צפת און אויסהאַלטן זיין משפּחה אין מעזריטש אַ האַלב יאָר צייט.

„ר׳ לייב איז אָנגעקומען ערב סוכות, אין דער צייט ווען די קאָלאָניסטן

זיינען געוואָרן פאַרדעכטיקט אין דעם מאָרד און ער האָט אָנגעטראָפן אַ לײדיקע קאַסע.

„ר׳ לייב האָט גלייך אונטערגענומען שריט, צו פאַרזאָרגן דער קאָלאָניע מיט אַרבעט. ער האָט געקויפט, אויף באָרג, 5 פּאָר אָקסן און זריעה און די קאָלאָניע האָט זיך ווידער געשטעלט אַרבעטן און ווען ענדיקן דאָס איבער־שרייבן, האָט ער געעצהט צו וואַרטן ביז די קאָלאָניע וועט שטיין אַ ביסל בעסער פינאַנציעל, כדי זי זאָל קענען געפונען די נויטיקסטע קאָסטן, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט דעם. אָבער, ר׳ פישל, וועלכער האָט פון פריער געטראָגן אויף ר׳ לייבן אַ האַס, האָט ווידער אַמאָל געהעצט קעגן אים. ווידער אַמאָל זיינען פאָר־געקומען מחלוקתן. די אַרבעט אין גאָרטן איז נישט געטאָן געוואָרן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין און די פלאַנצן און זריעה זיינען געוואָרן אויסגעטרוקנט און פאַר־וויאַנעט.

„אין דער צייט, האָט די חברה חובבי־ציון גוט־געמאַכט דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ. זיי האָבן דאָס געלט געגעבן צו ר׳ ביינישן (איינער פון די חברים פון דער מעזריטשער גרופּע און באַקאַנטער ציוניסט, ר׳ לייזער־ביייניש גאָלדפאַרב, וועלכער איז נאָכדעם אַוועק קיין אַמעריקע און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, מ. ע.) און נישט צו ר׳ לייב רובין (ווייל ר׳ פישל האָט גערעדט שלעכטס אויף אים און געוואָרנט די חובבי־ציון אַז ער וועט צונעמען דאָס געלט) און זיי האָבן אים דעלעגירט צו דערליידיקן דעם ענין פון איבערשרייבן. צומ־ערשט, איז ר׳ ביייניש געפאָרן קיין ירושלים און דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט ר׳ זאב (וועלוול) בעקער פון יסוד־המעלה. דער ר׳ וועלוול האָט ביינישן דערציילט, אַז ער האָט פאַרקויפט זיין חלק און אַז ער פאָרט צוריק קיין מעז־ריטש, ווייל די גאַנצע קניה איז אַ פאַלשע; דער פאַרקויפער האָט אַליין נישט קיין כשרע דאָקומענטן און ער וויל בלויז צונעמען זייער געלט (דאָס איז געווען ר׳ פישלס טענה, מ. ע.) און אַז ער זאָל נישט דערוועגן מיטצונעמען דאָס געלט; ווייל זיי וועלן ביי אים צונעמען דאָס געלט מיט געוואַלט.

„ר׳ ביייניש האָט זיך צוגעהערט צו די שלעכטע און פאַלשע רייד און ער האָט זיך אַנטזאָגט צו פאָרן קיין צפת. עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן פון זיינע פריינט אין צפת, עס האָבן נישט געהאָלפן מיינע רייד (דאָס מיינט, די רייד פון דעם באַריכט־שרייבער, ר׳ יחיאל מיכל פינעס, מ. ע.) און נישט צו די רייד פון ר׳ קלמן־זאב וויסאָצקי (דער באַרימטער יידישער טיי־קעניג פון רוס־לאַנד. ער איז דעמאָלט געווען אין ארץ־ישראל אין שליחות פון די חובבי־ציון, פון וועמען ער איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער, מ. ע.). דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון וואַרשע, אַז ער זאָל דאָס געלט אָפּגעבן צו וויסאָצקין.

„נאָך שבועות זיינען מיר, איך און וויסאָצקי, אָפּגעפאָרן קיין חיפה, מחמת דעם וואָס דער וועג איז אַ שווערער, די בערג זיינען הויכע און דער וועג פול מיט שטרויכלונגס־שטיינער, האָט ער נישט געוואָלט פאָרן קיין צפת. ער האָט

איינגעלאדן דעם פאַרקויפער פון באָדן, ר' יעקב עבו, קיין חיפה כדי צו ענדיקן דעם פאַרקויף. ער איז נישט געקומען און ער האָט געשיקט זיין ברודער. מיר האָבן געזען, אַז מצד דעם פאַרקויפער, איז נישטאָ קיין שום מניעה און אַז אַלץ הענגט אָפּ פון דער רעגירונג. דעמאָלט, האָט מיך וויסאָצקי געשיקט קיין צפת און מיך באַפולמעכטיקט צו דערליידיקן דעם ענין, ענטוועדער איבערצושרייבן דעם באָדן אויפן נאָמען פון די קויפער אַליין און ווען דאָס וועט זיין אוממעג־לעך, איבערצושרייבן דעם באָדן אויפן נאָמען פון דעם גאון הרב ד"ר עזריאל הילדעסהיימער (דר. הילדעסהיימער איז געווען דער רב אין דער פרומער קהילה אין בערלין און האָט אויך געגרינדעט דעם באַרימטן הילדעסהיימער ראַבינער־סעמינאַר. ער איז געווען אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט פון די חובבי־ציון, מ. ע.) וועלכער האָט מיר געגעבן אַ ספּעציעלן אַמטלעך באַשטעטיקטן פולמאַכט אַלס זיין פאַרטרעטער (אין יענע יאָרן און אויך שפּעטער, ביז ארץ־ישראל איז פאַר־נומען געוואָרן פון ענגלאַנד האָבן אויסלענדער נישט געקענט קויפן קיין באָדן אין ארץ־ישראל, מיטן אויסנאַם פון בירגער פון געוויסע לענדער. יידישער באָדן פלעגט דערפאַר איבערגעשריבן ווערן אויף פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן יאָ געקענט קויפן לאַנד אין ארץ־ישראל, מ. ע.). ווען כ'בין אָנגעקומען קיין צפת, נאָך איידער איך האָב באַוויזן אַראָפּצוגיין פון מיין פערד, האָבן זיך שוין גע־פונען מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן יענעם וואָס האָט עס געדאַרפט צו וויסן, אַז עס איז געקומען אַ שליח פון דעם „שר־האוצרות" (ראָטשילד? מ. ע.), וועלכער שיצט די קאָלאָניעס און ער גייט אויך נעמען יסוד־המעלה אונטער זיין שוץ און ווען איך האָב נאָר אָנגעהויבן עפּעס מאָן, האָב איך באַגעגנט גרויסע שטרויכלונגען אויף מיין וועג..."

ה' פינעס דערציילט ווייטער וועגן די שוועריקייטן, די גרויסע הוצאות און דער צייט־פאַרלוסט, וואָס עס וואָלט געקאָסט, ווען ער וואָלט געווען באַ־שלאָסן צו אַריינלאָזן זיך אין באַמיאונגען איבערצושרייבן דעם באָדן אויף די נעמען פון די קויפער. האָט ער דערפאַר באַשלאָסן, אָפּצומאַכן מיט איינעם, וועלכער איז אין די קאַנדיציעס דורכצופירן אויפן בעסטן אופן אזא סאָרט עסק און ער איז מיט אים מושווה געוואָרן צו באַצאָלן 250 נאַפּאָלעאָנס פאַרן איבער־שרייבן דעם באָדן אויף דר. הילדעסהיימערס נאָמען. אָבער, ליידער, האָט ווי־סאָצקי נישט געוואָלט באַשטעטיקן דעם אָפּמאַך, ווייל מען האָט אים געזאָגט, אַז פינעס האָט צוגעזאָגט אַ צו הויכע סומע. אגב, דער דאָזיקער באַשלום פון ווי־סאָצקין, האָט אַרויסגערופן אַ סך קריטיק פון אָנגעזעענע חובבי־ציון, אפילו פון דר. פינסקער — דער פירער פון די חובבי־ציון .דאָס אָפּשלעפּן דאָס אי־בערשרייבן, האָט פאַרערגערט די לאַגע פון יסוד־המעלה און זי נאָכמער קאָמ־פּליצירט. פינעס, אָן אנטוישטער, האָט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים מיט גאָרנישט. אָבער, איידער ער איז אָפּגעפאָרן, האָט ער אויף וויסאָצקין אָנווייזונג, געגעבן צו יעדער משפחה „10 גאָלדענע רענדלעך" (נאַפּאָלעאָנס). בסך־הכל 60

גאָלדענע רענדלעך. 10 פון זיי, האָט מען אריינגעטראָגן פאַר שטייערן צו דער רעגירונג און פאַר די איבעריקע געלטער, האָט זיך יעדע משפחה איינגעשאַפט אַ פּאָר אָקסן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אָפּגעצאָלט די חובות פאַר די אָקסן, וועלכע זיי האָבן געקויפט אויף באָרג...

פינעסעס קריטישע באַציאונג צו וויסאָצקין איז נישט געווען בלויז צוליב זיין קמצנות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן גראָד אין דעם פאַל. נאָר אויך צוליב זיין נישט פריינטלעכע און אפילו נישט ריכטיקע שטעלונג, וואָס ער האָט אָנ־גענומען צו ר׳ לייב רובין, מיט דעם וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו דער לשון־הרע וואָס איז אים געוואָרן צוגעטראָגן.

וועגן ר׳ לייב רובין, שרייבט פינעס: „דער איינציקער מענטש, ר׳ לייב רובין, וועלכער וואָלט, אפשר, געקענט האַלטן די פירערשאַפט פון דער קאָלאָניע אין זיינע הענט און לכל־הפחות פאַרמיידן איר חורבן, איז צוריקגעפאָרן קיין מעזריטש. מחמת, הרב קלמן־זאב וויסאָצקי נ״י, האָט זיך צוגעהערט צו דער לשון־הרע, אַז ער באַרויבט און באַגזלט די קאָלאָניסטן און שינדט פון זיי אַראָפּ די הויט. און ווען ער איז פאַר אים דערשינען, האָט ער אים פאַרשעמט אין דער אַנוועזנהייט פון די קאָלאָניסטן, און זיך צעשריען אויף אים, נאָך איידער ער האָט דעם ענין אויסגעפאָרשט. ער האָט אים אפילו באַשמוצט אין „המליץ״ (וויסאָצקי האָט זיין רייזע באַשריבן אין „המליץ״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין פעטערבורג, אונטער צעדערבוימס רעדאַקציע, מ. ע.). איך וועל נישט פאַרליי־קענען, אַז איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן האַרץ־פאַרדרוס. איך שטעל פעסט אַלס עדות, אַז איך האָב אונטערגעזוכט אַלע זיינע חשבונות און זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן פּרט און איך האָב אויך וועגן יעדע אויסגאַבע (וואָס איז דערשינען אין ר׳ לייבס חשבון, מ. ע.) געפרעגט באַזונדערס די קאָלאָניסטן, אויב זיי האָבן עטוואָס אייסצוזעצן קעגן דער הוצאה און קיינער האָט דערויף נישט געמאַכט די מינדסטע קריטישע באַמערקונג״.

פינעס דערציילט אויך, אַז די טענות און קעגן־טענות צווישן ר׳ לייב רובין און זיין קעגנער, ר׳ פישל סאַלאָמאָן, האָבן נאָכאַמאָל באַוויזן, אַז רובין האָט גאָרנישט געפעלשט. די איינציקע סיבה פון זייער נישט איינשטימיקייט, איז געווען, וואָס ר׳ פישל האָט נישט געוואָלט זיך באַטייליקן אין די אַלע הוצאות פון די קאָלאָניסטן; למשל, אין דער הוצאה אויף אַן אַלבום לכבוד משה מאָנ־טעפיאָרע, דאָס פאַרריכטן דעם אויוון און די פענצטער אין דעם שפּייכלער וכדומה. זיין טענה (ר׳ פישל סאַלאָמאָנס, מ. ע.) איז געווען, אַז ער טיילט זיך אויס פון דער גרופּע. אפילו וויסאָצקיס טענה קעגן רובינען, אַז ער האָט גענומען 16 רובל אַ וואָך פון דער קאַסע — דערקלערט פינעס — איז אויך אַ ליגן. ווייל פאַר דעם האַלבן יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, האָט ער באַ־קומען געצאָלט פון די מעזריטשער יידן, איידער ער איז אָפּגעפאָרן. אַלץ וואָס ער האָט גענומען פון דער קאַסע, איז געווען 100 רובל פאַר פינף חדשים אַרבעט.

טאָ מה רעש? אין מעזריטש האָט ר' לייב פאַרדינט, פון מעקלעריי, 20 רובל א וואָך. איז ער נישט באַרעכטיקט צו 10 רובל א וואָך, פאַר זיין טרחה? פינעס, באַציענדיק זיך צום ענין רובין, פאַרענדיקט מיט די פאָלגענדע זייער כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג: „די איינציקע שולד, וואָס איך האָב געפונען אין ר' לייב רובין, איז די זעלבע וואָס מען געפינט געוויינטלעך ביי אַלע עוסקים־בצרכי־צבור... וואָס פאַרשאַפט זיי בלויז שאַנדע און חרפה".

פינעס שליסט־אָן זיין זייער אינטערעסאַנטן באַריכט מיט דער באַמערקונג, אַז עס זיינען געמאַכט געוואָרן פעלערן, אייגנטלעך, די זעלבע פעלערן וואָס מען האָט געמאַכט אויך אין די אַנדערע קאָלאָניעס און ער שטעלט אַוועק די חובבי־ציון פאַר אַ ברירה — ענטוועדער אויפצוגעבן יסוד־המעלה, אָדער טאָן אַלץ וואָס כ'איז מעגלעך, ווען עס זאָל איצט אַפילו קאָסטן אַ סך מער, כדי אַוועקצושטעלן יסוד־המעלה אויף געזונטע יסודות. ער מאַכט דערביי אַ רייע פאָרשלאָגן, אָבער דאָס האָט צו אונדזער ענין נישט קיין דירעקטן שייכות (57).

לאַנג האָט מען זיך מתעסק געווען מיט דעם ענין יסוד־המעלה. מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז מען דאַרף האָבן גרויסע געלט־מיטלען, כדי צו קענען פאַרלייכטערן איר סיטואַציע. דאַן איז ד"ר לעאָ פינסקער אַרויסגעקומען מיטן פאָרשלאָג, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ געזעלשאַפט מיט אַקציעס, וועלכע זאָל איבערנעמען די חלקים באַדן פון די יידן, וועלכע זיינען דערוווייל פאַרבליבן אין מעזריטש. דאָס געלט האָט מען געזאָלט אינעווסטירן אין יסוד־המעלה. דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן און די מעזריטשער יידן האָבן פאַרקויפט זייער חלק. אָבער דאָ איז ווידער אַמאָל געשען אַ נייעס:

די קאָלאָניסטן פון יסוד־המעלה, האָבן זיך משתדל געווען ביים „נדיב הידוע" --- באַראָן עדמונד ראָטשילד, — ער זאָל אויך יסוד־המעלה נעמען אונטער זיין שוץ. ווען דער באַראָן ראָטשילד האָט געגעבן דערצו זיין צושטימונג, האָבן די מעזריטשער מיטגלידער, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרקויפט זייערע חלקים, זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן געמאַכט אַן איבערגעאיילטן שריט און די 11 פאַרבליבענע אין מעזריטש חברים פון יסוד־המעלה, האָבן זיך געוואַנדן מיט אַ בריוו צו ראָטשילדס אַ פאַרטרויאונגס־מענטשן, מיכאל ערלאַנגער, וועגן דעם ענין. דער בריוו לייענט זיך אַזוי אין דער יידישער איבערזעצונג:

„מיט ערפורכט דערלויבן מיר זיך צו רעדן עטלעכע ווערטער אין די אויערן פון אונדזער האַר און מיר האָפן דאָס מיט זיין ריין האַרץ, וועט ער מאַכן זיין פּנים שיינען אויף אונדז און וועט באַוויליקן אונדזער בקשה...

(דאָ ווערט דערציילט וועגן דעם יאָר תרמ"ג, וועגן די פּאָגראָמען און דער געדאַנק פון חיבת ציון, וואָס האָט געפאַנגען אויך די אונטערגעשריבענע. וועגן דער שליחות פון רובינען און די אַלע צרות א. אז. וו.) „...אין אָנהויב זומער פאַריקעס יאָר (תרמ"ו, מ. ע.), ווערט דאָרט ווייטער געזאָגט, האָט דער ד"ר פינסקער פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן פאַרקויפן אונדזערע חלקים צו עטלעכע מענטשן פאַרן פרייז פון 250 רובל פאַר אַ חלק. ער האָט דערקלערט, אַז אַזוי אַרום וועט

מען קענען אויפריכטן די קאָלאָניע. און מיר, וועלכע זיינען אינטערעסירט אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל און נישט אין איר חורבן, זיינען געצווונגען געוואָרן צו בויגן אונדזערע קעפּ און זיך אָפּזאָגן פון אונדזער באָדן, וואָס האָט אונדז געקאָסט אַ סך און טייער געלט, און זעענדיק, אַז מיר האָבן נישט מער קיין געלט ווידער־אַמאָל אויסצוגעבן אויף איבערצושרייבן געריכטלעך דעם באָדן, האָבן מיר נישט געוואָלט שטערן אין דער אויסלייזונג פון דעם באָדן, האָבן מיר געחתמעט אַ דאָקומענט און פאַרקויפט אונדזער לאַנד לויטן געזעץ.

„פון דעמאָלט ביז היינט, איז דערוויילע אַריבער אַ זומער, עס איז פאַרלאָפן אַ ווינטער און מיר האָבן נישט באַקומען אפילו קיין איין פּרוטה פאַר דעם באָדן און די קאָלאָניע איז נאָך אַלץ נישט איבערגעשריבן געוואָרן און איז נאָך אַלץ נישט באַזעצט (ווי מיר ווייסן שוין פון פריער, האָבן די מעזריטשער געוווינט אין צפת, מ. ע.) פונקט ווי פריער און די ענדערונג פון דעם באָדן־אייגנטום איז, לכן, געווען נוצלאָז. און ווען מיר האָבן געהערט, אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין דעם הארצן פון דעם נדיב, זיין קנעכט (דאָס איז דער באַראָן ראָטשילד — באַקאַנט אַלס נדיב הידוע, מ. ע.) רחמנות אויף יסוד־המעלה, אַוועק־צושטעלן איר און שטיצן איר מיט גערעכטיקייט און צדקה, האָבן מיר זיך גע־איילט און געשריבן צום דאָקטער (ד״ר לעאָ פּינסקער, מ. ע.) אַז ער זאָל אומ־קערן אונדזער באָדן, וואָס מיר האָבן אפילו פונדערווייטנס באַנעצט עס מיט דעם שוויים און בלוט פון אונדזערע הערצער און עס איז נישט רעכט, סיי לויטן דין און סיי לויטן יושר, דאָס אונדזערע חלקים און אונדזער האָרעפּאַשנע אַרבעט זאָל געהערן צו פרעמדע. דערויף האָבן מיר דערהאַלטן אַ תשובה, אַז ער איז גרייט צוריקצוגעבן אונדזער חלק מיט דעם באַדינג, אַז מיר זאָלן אומקערן 8.000 פראַנק, וואָס ער האָט געשיקט קיין פּאַריז פאַר דעם צוועק איבערצושרייבן דעם באָדן. אָבער דאָס איז פאַר אונדז, איצט, אוממעגלעך נאָכצוקומען, ווייל מיר נויטיקן זיך אין אַ סך געלט אויף אויסצובויען הייזער און אויף אַנדערע נויטיקע זאַכן.

„מחמת דעם בעטן מיר אונדזער האַר, אַז ער זאָל געפינען אַן אויסוועג נישט צו באַנוצן זיך מיט דעם געלט פון דעם דאָקטער, אויף אונטערצושרייבן די נחלה, נאָר עס געבן בתורת־הלוואה, אויף דער גאַנצער נחלה און איבערשרייבן די נחלה אויף אייער נאָמען, אָדער אויף דעם נאָמען פון זיינס אַ פאַרטרעטער, אַלס משכון און פאַרזיכערונג אויף דער אויבנדערמאָנטער סומע. היות, די טובה פון דעם ישוב פאָדערט אויך, אַז דער באָדן זאָל זיך נישט געפונען אין דעם באַזיץ פון די קאָלאָניסטן אין דער ערשטער פּאַזע פון זיין קאָלאָניזירן און מיר זען, אַז אַלע שטרויכלונגען און קריגערייען, זיינען אַרויסגעקומען צוליב דעם, וואָס יעדער איי־נער באַטראַכט זיך אַלס איינציקער הערשער איבער זיין טייל; און ווער נאָך אַזוי ווי איר, ווייסט אַזוי גוט די אָנגעלעגנהייטן פון דעם ישוב, דעריבער, האָפן מיר אַז די ווערטער פון אמת און צדק וועלן געפונען אַ וועג צו אייער האַרץ און אַז

אונדזער תפילה וועט געהערט ווערן, אַזוי אַז מיר זאָלן נישט פאַרלירן אונדזערע נחלות און אַז קיינער זאָל פון איר נישט פאַרשטויסן ווערן; און נישט איבערצו־שרייבן די קאָלאָניע אויפן נאָמען פון די קאָלאָניסטן, נאָר אויף אַן אַנדערן מענטש, לויט דעם איינזען פון אונדזער האַר.

„גאָט זאָל באַנייען און אונדז געבן אַ גוט און זיס יאָר, אַ יאָר פון שלום און קבוץ־נפשות און איר זאָלט עס זען מיט אייערע אויגן.

„דאָס זיינען די ווערטער פון די וואָס פאַרנויגן זיך מיט גרויס אונטערטע־ניקייט און געפילן פון כבוד".

דער דאָזיקער בריוו, איז דאַטירט „יום ו' שבעה ועשרים לחדש אלול תרמ"ז, פה מעזריטש יצ"ו" און איז געחתמעט פון די 11 מיטגלידער, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין מעזריטש (די נעמען ווערן דאָ נישט אָנגעגעבן). ער האָט אויך די חתימה פון דעם מעזריטשער רב ר' ישראל־איסר שאַפּירא בראש (58).

די בקשה פון די מעזריטשער, איז גינסטיק דערליידיקט געוואָרן. דער באָדן איז זיי צוריקגעגעבן געוואָרן. יסוד־המעלה איז סוף־כל־סוף געקומען אונטער דעם שוץ פון דעם נדיב־הידוע. אָבער צו דער חובבי־ציון־באַוועגונג האָבן זיי אויך נישט דערלייגט. פון דער ערשטער חובבי־ציון־קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ אין תרמ"ה (1884) ביז דעם יאָר תרמ"ט, האָט יסוד־המעלה באַקומען פון די חובבי־ציון 8.402.50 פראַנק, אַ חוץ 5.000 רובל, וואָס זי האָט באַקומען פון דעם באַקאַנטן חובב־ציוניק ה' מיכאל האַלפּערין (59).

אין יאָר תר"ן, לייענען מיר די ערשטע גוטע נייעס פון יסוד־המעלה, ווע־מענס קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן זען פון איר נחת, נאָך יאָרן פון שווערע צרות און טרויעריקע איבערלעבענישן.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אָפּגעדרוקט אין „הצפירה" פון יום ו', י"ח כיון ה'תר"ן — 25/5 1890, לייענען מיר וואָס דער קאָרעספּאָנדענט מיט דעם פּסעוודאָנים „הצופה בגליל העליון", שרייבט:

„די געשיכטע פון דער חברה וואָס האָט געגרינ־דעט די קאָלאָניע יסוד־המעלה. אין יאָר ה'תרמ"ג האָט זיך געגרינדעט אין דער שטאָט מ. (מעזריטש, מ. ע.) די חברה, וועלכע האָט געציילט 24 מיטגלידער... זיי האָבן אויסגעקליבן פון זיך צוויי דעלעגאַטן — ר' לייב רובין און ר' פישל שולמאַן (דאַרף זיין סאַלאָמאָן, מ. ע.) זיי זאָלן קויפן לאַנד... דאַן האָבן יחידים אָנגעהויבן קומען אין לאַנד אַריין: ר' אברהם הכהן פעלדמאַן און זיין זון (דער שרייבער האָט דאָ פאַרדרייט די יוצרות און צונויפגעמישט צוויי זאַכן, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען, מ. ע.), הרב ברוך־מאיר שו"ב, ר' שבתי כהן ליקערמאַן, ר' יחזקאל כהן. דערנאָך זיינען געקומען ר' יוסף גידולטער (ר' יוסף מלמד, מ. ע.), ר' חיים מנזשיבסקי (דאַרף זיין מענזשינסקי, מ. ע.) און די משפחה פון ר' פישל שולמאַן (?).

„אין חודש תשרי תרמ"ו, האָבן זיי אויפגעשטעלט צריפים (ביידלעך) און

האָבן זיך דאָרט באַזעצט מיט זייערע משפּחות... בערך אַ יאָר שפּעטער, האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה און זיי זיינען אַרויס ממש נאַקעטע און אַלע האָבן זיך אַריינגעצויגן צוזאַמען מיט זייערע בהמות אין אַ שטאַל (דאָס מיינט ער אוודאי דעם שפּייכלער, מ. ע.) און אין יאָר תרמ"ז, אין חודש חשון, האָבן זיי ווידער אַמאָל אויפגעשטעלט ביידלעך און זיך באַזעצט אין זיי און זיי וווינען דאָרט. היינט איז דער טאָג, וואָס דער גאָט פון ישראל האָט אונדז געהאָלפן צו לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דעם הויז פון דעם אַגראָנאָם הער משה וואַרהאַפטיג, און אַזוי זאָל ער אונדז העלפן צו ענדיקן די בנינים, וואָס זאָלן דינען פאַר וווינונגען און פאַר אַ שוץ פאַר אונדזערע ברידער.

„אין יאָר תרמ"ח, איז אונדז געלונגען, נאָך אַ סך פּיין, צו באַקומען קושאַנעם אויף אונדזער באָדן דורך דעם הער פראַנק פון ביירוט און דורך דעם הער בן-שמואל, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער פאַרוואַלטער פון ראש-פּינה. די קושאַנעם זיינען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן אויפן נאָמען פון דעם הער דוד אריה פון ירושלים און דאָס געלט פון די הוצאות, אין דער הויך פון 5.000 פראַנק, איז געקומען פון די חובבי-ציון און אַ קליינער טייל פון דעם באַראָן (ראָטשילד, מ. ע.) זאָל ער לאַנג לעבן.

„אָבער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט די קושאַנעם, האָבן מיר אַלץ נישט געקענט אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו בויען הייזער, מחמת די שטערונגען פון די שכנישע אַראַבער און דער רעגירונג, ביז עס איז, מיטן אויבערשטנס הילף, געקומען צו אונדז דער הער ר' יהושע אָסאָוויצקי, וועלכער איז געוואָרן פאַרוואַלטער פון ראש-פּינה און פון אונדזער קאָלאָניע און ער האָט איבערגעווינען דעם באַראָן, ער זאָל אונדז העלפן מיט דעם הייזער-בוי, און אויך מיט זיין גרויסער פעאיקייט, איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג, אין דעם יאָר, צו בויען הייזער, און היינט, 21 טאָג אין חודש אייר תר"ן, האָט אונדז גאָט געלאָזט לעבן, ער האָט אונדז דערהאַלטן און אונדז געמאַכט דערגרייכן צו זען ווי מען לייגט דעם ווינקלשטיין פאַר דעם הייזער-בוי אין יסוד-המעלה.

„עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע לאַנד-אַרבעטער פון יסוד-המעלה און ראש-פּינה — זיי, זייערע ווייבער און קינדער — מיט דעם הער ר' יהושע אָסאָוויצקי אין דער שפּיץ, ר' יוסף אריה הכהן, דער רב פון דער קאָלאָניע; דער הער ח. א. חישין, אַ מיטאַרבעטער פון דעם „וואָסכאָד", וואָס דערשיינט אין רוסלאַנד; דער הער משה-דוד שוב, לערער פון ראש-פּינה; דער הער דוהי, דער הויפּט-גערטנער (אַגראָנאָם); דער הער וואַרהאַפטיג, דער גערטנער פון דער קאָלאָניע; און מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ יום-טוב אַלע יאָר אין זעלבן טאָג פאַר אַ געדעכעניש אויף אייביק. עס זאָל זיין אַ געדענק-טאָג און אַ צייכן, אַז די קאָלאָניסטן פון יסוד-המעלה האָבן זיך דערנערט פון דעם טאָג פון זייער אָנקום אין לאַנד אַריין אָן דער חודשלעכער הילף (אַלע קאָלאָניסטן האָבן דעמאָלט באַקומען שטיצע פון די חובבי-

ציון. די מעזריטשער האָבן דאָס נישט געבעטן און נישט באַקומען, אויסער שטיצע צו העלפן זיי באַקומען באָדן און אוועקשטעלן די קאָלאָניע אויף גוטע יסודות, מ. ע.) אויסער דאָס ביסל שטיצע וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער חברה „עזרא" אין בערלין, פון די חובבי־ציון און פון אָליפאַנטן (מיר האָבן שוין פריער געשריבן וועגן אים, מ. ע.). מיט דעם האָט זיך די קאָלאָניע אונטערשיידעט פון די אַנדערע קאָלאָניעס, וואָס לעבן פון מאָנאַטלעכער שטיצע. געווים האָבן די קאָלאָניסטן פון דער קאָלאָניע געהאַט אויסצושטיין א סך צרות און פיין... איצט, געלויבט דער אויבערשטער, דערנערן זיי זיך פון די פּראָדוקטן פון זייער לאַנד און פון דעם קליינעם געהאַלט, וואָס זיי באַקומען פון אַרבעטן אין דעם גאָרטן, וואָס דער באַראָן האָט פאַרפלאַנצט אין דער קאָלאָניע. דער באַראָן וועט זיי אויך העלפן מיט א דאָקטער און מעדיצין, א שוחט, א מלמד און אַלע אַנדערע זאַכן, אין וועלכע א קהל נויטיקט זיך".

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער טייל פון דער געשיכטע פון די מעזריטשער יסוד־המעלהניקעס, וועלכע זיינען אוועק קיין ארץ־ישראל העלפן בויען דאָס יידישע לאַנד. אמת, זיי זיינען נישט געווען די ערשטע און די לעצטע פון מעזריטשער עולים; אָבער זיי האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זייער ביי־שטייערונג און אָנשטרענגונג פאַרן וווקס פון ישוב.

די מאַמע פון פּרדסנות אין ארץ-ישראל

אין דער צייט ווען אין מעזריטש האָט זיך אָרגאַניזירט די געזעלשאַפט „יסוד־המעלה", זיינען געווען אין מעזריטש נאָך יידן, וואָס האָבן זיך אויך אַרומגע־טראָגן מיט דעם געדאַנק עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער בלויז אַלס יחידים און נישט אַלס מיטגלידער פון א גרופּע. איינער פון זיי איז געווען ר' דוב הלוי פעלמאַן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר"ב, מיט בערך 110 יאָר צוריק, אין מעזריטש. זיין פאָטער ר' אברהם הלוי, איז געווען א למדן און א רייכער סוחר. און זיין מוטער האָט געהייסן רבקה און איר פאָטער איז געווען אַן אַרענדאַר. ווי דער שטייגער אין יענע יאָרן, האָט אויך ר' דוב באַקומען א תורה־חינוך; און ווען ער איז אויפגעוואַקסן און געוואָרן א מענטש פאַר זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו האַנד־לען מיט חזיר־האָר, וועלכע ער פלעגט פאַרקויפן אין דייטשלאַנד (מן־הסתם, האָט ער, ווי די אַנדערע שטאָט־מענטשן פון דער בראַנזשע, פאַרקויפט זיין סחורה אויף די לייפּציקער מעסעס, וואָס פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל אין יאָר). ער איז געוואָרן איינער פון די וואָרט־זאָגער אין דעם מעזריטשער קהילה־לעבן און צו 30 יאָר, איז ער שוין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרנס־הקהל.

ווען ס'האָט זיך אין יאָר תרמ"ג געגרינדעט די חברה „יסוד־המעלה", איז ער געווען איינער פון אירע מיטגרינדער. ער האָט זיך געשטעלט אין בריוולעכן קאָנטאַקט מיט ר' יחיאל־מיכל פינעס, פון וועמען ער האָט געבעטן אינפאָרמאַ־

ציעס. און ווען די געזעלשאַפט „יסוד־המעלה" האָט באַשלאָסן צו שיקן ר' לייב רובינען קיין ארץ־ישראל, מיטן אויפטראַג צו קויפן לאַנד פאַר די חברים, האָט זיך ר' דוב אָנגעשלאָסן אין דער רייזע. אָבער, ער האָט עס געטאָן אַלס יחיד, אַז ער האָט געדעקט אַליין זיינע רייזע־הוצאות און ער האָט אויך באַשלאָסן צו קויפן באָדן, דאָרט ווו ער וועט געפינען פאַר פאַסיק.

קומענדיק קיין ירושלים, האָט ער באַהאַלטן זיין קאַפּיטאַל — 10.000 רובל — ביי זיין פעטער, ר' יעקב רויז, וועלכער האָט שוין געוווינט דאָרט פון לאַנג. ווען ער האָט זיך באַקענט מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון די קאָלאָניסטן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיין פרוי און קינדער וועלן נישט זיין בכוח מיטצומאַכן דעם אָרט לעבן. האָט ער דערפאַר באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין אַ פּלאַץ, ווו עס איז שוין דאָ אַ ישוב, מעג עס אפילו זיין אַן אַראַבישער. נאָך לאַנגע דינגענישן, האָט ער געקויפט 40 דונאַם לאַנד לעבן דעם אַראַבישן דאָרף סומל (סומאַל), וואָס איז היינט אַ טייל פון סאַמע הארץ פון תל־אביב, כדי ער זאָל קענען גלייך אַרויסבאַקומען דעם קושאַן, איז ער געוואָרן אַ טערקישער בירגער און ער איז גלייך צוגעטראָטן צוצוגרייטן אַ פּלאַץ פאַר זיין משפחה. ער האָט רעמאָנטירט אַן אַלט אַראַביש הויז, ער האָט זיך איינגעשאַפן עטלעכע בהמות, ער האָט אויפגעאַקערט דעם באָדן און פאַרזייט ווייץ און גערשטן אַזן דאָס אַלץ איבערגעלאָזט צו אַן אַראַבער, צו וועלכן ער האָט געהאַט צוטרוי און ער אַליין איז צוריקגעפאָרן קיין מעזריטש, שוין אַלס אָטאָמאַנישער בירגער, בכדי צו ליקווידירן זיינע געשעפטן און מיטנעמען זיין משפחה קיין ארץ־ישראל.

אין חודש כסלו תרמ"ד, האָט ער און זיין משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון זיין אַלטער מוטער רבקה, זיין צווייטע פרוי שרה־איטה, זיינע צוויי זין פון דער ערשטער פרוי צפורה — אהרן־לייב 17 יאָר און יעקב 15 יאָר און די קינדער פון זיין צווייטער פרוי — חיים 10 יאָר אַלט, נחמן 7, ברכה 4, חיה 2 און עלקע 1 יאָר אַלט, פאַרלאָזט מעזריטש. ער האָט זיך אויך מיטגענומען ר' ברוך־מאיר ראָזענבלום, וועלכער האָט געזאָלט זיין אי שוחט און אי מלמד פאַר זיינע קינדער (ר' ברוך־מאיר איז שפּעטער געוואָרן פאַרוואַלטער פון יסוד־המעלה, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל). זיי זיינען געפאָרן קיין אָדעס אין דאָרט גענומען די שיף, וועלכע האָט זיי געפירט צו זייער ציל. כדי די משפחה און ער זאָלן קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט די אראבער, האָט ער איינגעשאַפט אַן אַראַביש לערנבוך און אין פאַרלויף פון דער נסיעה, האָט ער מיט זיין משפחה זיך צוגעלערנט די יסודותדיקע געברויכס־ווערטער, אין וועלכע זיי וועלן זיך אומבאַדינגט נויטיקן אין זייערע טאָג־טעגלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבער.

קומענדיק אין לאַנד אַריין, האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין זיין פאַרמערישן לעבן. ער און זיינע צוויי עלטערע זין, האָבן געאַרבעט אין דער ווירטשאַפט; זיי האָבן געפלאַנצט אַ פּרדס (פאַר אָראַנזשן) און האָבן צוגעבויט אַ נייעם פליגל צו זייער הויז. יעדן טאָג נאָך אָפּדאַווענען שחרית, גאַנץ פרי און

לערנען א פרק משניות האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף זיין אייזעלע, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט קאַנען מילך און גרינצייג און איז אַריינגעפאָרן קיין יפו און דאָרט עס פאַרקויפט. צוריקגעקומען פון יפו האָט ער זיך ווידער איינגעשפּאַנט אין זיין אַרבעט און ווען ער האָט, מיטן טאָג, פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען מנחה־מעריב און דערנאָך געלערנט זיין שיעור גמרא.

די אראבער פונעם דאָרף, האָבן געהאט פאר ר׳ דובן גרויס דרך־ארץ און אים צוגעהאָלפן אין זיין אַרבעט. אין די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיינע פריינט אין מעזריטש פון זיין לעבן אין זיין משק (ווירטשאַפט), וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „חות דוב", האָט ער גערעדט מיט ענטוזיאַזם וועגן דעם גליק, וואָס אַ ייד פילט ווווינענדיק אינעם לאַנד פון די אבות. ליידער, איז אים נישט געווען באַשערט צו געניסן אַ סך פון דעם גליק. אין חודש תמוז תרמ"ד האָט ער באַקומען אַ זון־שלאַג און אין ה׳ תמוז איז ער געקומען צו קבר־ישראל אין יפו.

מען האָט געקענט מיינען, אַז מיטן טויט פון דעם ענערגישן און טייערן ייד ר׳ דוב, וועט קומען א סוף צו דער דאָזיקער ווירטשאַפט. אָבער, צום גליק, איז זיין ווייב שרה איטה געווען אַן אמתע אשת־חיל. שרה איטה איז געווען מיט 14 יאָר יינגער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן; זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרט"ז (1856); איר פאָטער חיים דאָמב, איז געווען אַ גוטבאַזיצער. שרה איטה האָט פעסט ביי זיך באַשטימט, נישט אויפצוגעבן דעם פּרדס. נאָכדעם ווי ר׳ ברוך־מאיר איז אַוועק קיין יסוד־המעלה, האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון ירושלים די באַרימטע רבנים ר׳ שאול שאולאַזן פון חברון, ר׳ דוב מאַרקוס פון ירושלים און ר׳ נהמן גדליה בראָדער צו לערנען מיט אירע קינדער תורה. דער לעצטער האָט טאַקע אין דעם פּרדס געשריבן זיין באַקאַנטן חיבור „גן ירושלים". ער איז מיט דער צייט גע־וואָרן פון די וואָרט־זאָגער פון דעם אַלטן ישוב אין ירושלים, און רבי פון דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם גאון, מקובל און רב פון מאה־שערים, אין ירושלים (נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער אין תשי"ב) — ר׳ גרשון הורוויטץ.

נישט האָבנדיק גענוג געלט אויף צו אַנטוויקלען איר פּרדס, האָט שרה איטה פאַרקויפט איר צירונג און אויך אָפּגענומען די חובות, וואָס איר מאַן האָט נאָך געהאט אין מעזריטש און ביזן לעצטן גראָשן אַלץ אינוועסטירט אין איר ווירט־שאַפט. דערציי האָט זי אויך באַקומען אַ הלואה פון באַראָן ראָטשילד. וועלכעס זי האָט אָפּגעצאָלט ביז צו דער לעצטער פּרוטה. ווען דאָס אַלץ האָט נישט גע־סטייעט, האָט זי אַזש געמוזט אָנקומען צו פּראָצענטניקעס און צאָלן הויכע פּראָ־צענטן.

פריינט אין באַקאַנטע, וועלכע האָבן צוגעזען אירע מאַטערנישן, האָבן איר געעצהט, זי זאָל זיך צוריקציען פון איר שווערער אַרבעט. עס זיינען געווען גענוג בעלנים — אויך נישט־יידן — וואָס האָבן געוואָלט אָפּקויפן איר פּרדס. אָבער, זי האָט די עצות אויסגעהערט און באַשטימט מיט די לעצטע כוחות פאַרזעצן אין איר משק. איר פּרדס און געמישטע ווירטשאַפט, אין וועלכער זי און אירע קינ־

דער האבן אריינגעלייגט א סך מי און ארבעט און גלייכצייטיק געמאכט בלערליי עקספערימענטן, איז מיט דער צייט דערגאנגען אלס מוסטער פארן ארץ־ישראל־ישוב, ווי אויך אלס די עקספערימענטן־שולע און אן ארט פון איבונג פאר אלע, וועלכע האבן אנגעפאנגען צו פלאנצן פרדסים. אויך ר׳ אריה־לייב פרומקין, וועלכער האט געפלאנצט דעם ערשטן פרדס אין פתח־תקוה, ווען ער האט פארוואלטעט דיווירטשאפט פון ה׳ עובדיה לאכמאן פון בערלין, פלעגט אפט קומען צו שרה־איטהס פרדס און דארט האט ער באקומען די נויטיקע אנווייזונגען און עצות ווי אזוי צו פלעגן זיין פרדס.

נישט איינמאל פלעגן בעדואינער באפאלן שרה איטהס ווירטשאפט, אבער די אראבער פון דעם דארף, וועלכע האבן איר געשעצט פאר איר חכמה און שטארקן ווילן, האבן איר תמיד באשיצט און פאריאגט די בעדואינער. נאך 15 יאר זיצן אין דער ווירטשאפט, האט זי צום סוף זיך אריבערגעצויגן קיין יפו, צוזאמען מיט איר אלטער שוויגער, קינדער און אייניקלעך. אבער, זי האט נישט אויפגעגעבן דעם פרדס, וועלכן זי האט געהאלטן פאר איר ליבסטן לעבנס־ווערק. אין יפו האט זי אויך אקטיוו זיך באטייליקט אין אלע צדקה־אנשטאלטן.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראכן, האט זי זיך באזעצט מיט איר משפחה אין טבריה און נאך דער מלחמה — ווען זי האט זיך צוריקגעקערט און זיך באזעצט אין תל־אביב — האט זי שוין אנגעטראפן איין א נייע פאליטישע לאגע: ארץ־ישראל איז שוין געווען אנערקענט אלס די יידישע נאציאנאלע היים און זי איז דעמאלט פון ישוב געקרוינט געווארן מיט דעם פארדינטן טיטול: „אם הפרדסנות העברית" — די מאמע פון דער יידישער פרדסנים־פלאנטאציע; און אין חנוכה תרצ"ד (א גאנצער יובל יארן זינט זי האט זיך באזעצט אין ארץ־ישראל) האט זי געפייערט דעם יובל פון איר פרדס מיט א פייערלעכער מסיבה, אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט פארשטייער פון דער יידישער אגענץ, פארשטייער פון דער רעגירונג, אינסטיטוציעס און א גרויסע צאל וויכטיקע פערזענלעכקייטן.

אינצווישנצייט, האט זיך תל־אביב צעוואקסן. איר פרדס איז געווארן איינגעשלונגען פון דער שטאט און לטובת דער שטאט, האט זי דעם פרדס פארצעלירט. היינט געפונען זיך דארט די גאסן אורלוזורוב, יהודה הלוי און שלמה־המלך. צום אנדענק פון דעם פרדס, האט דער שטאט־ראט פון תל־אביב אנגערופן איינע פון די גאסן, וואס ציען זיך דורך דעם שטח פון איר געוועזענעם פרדס — „רחוב הפרדס". אויך פתח־תקוה, האט באשלאסן צו באערן דעם נאמען פון דער גרויסער מעזריטשער משפחה און אנגערופן איינע פון אירע גאסן „רחוב פלמן (פעלמאן) — הפרדס הראשון בא"י".

שרה איטה, איז נפטר געווארן אין תל־אביב אין 83־יעריקן עלטער, אין יאר תרצ"ו און איז געקומען צו איר אייביקער רו אויפן אלטן בית־עולם אין תל־אביב.

אויך ר׳ דובס צוויי זין פון זיין ערשטער פרוי און זיינע קינדער פון שרה־

איטהן, האָבן אַסך בייגעטראָגן צום אויפבוי פון ארץ־ישראל און אַלס מעזריטשער, האָבן זיי געבראַכט כבוד זייער געבורט־שטאָט.

ר׳ אהרן־לייב פעלמאַן, האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ אברהם מקלב (מאַקלעוו?); איר נאָמען איז געווען רבקה. ר׳ אברהם איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון בריאַנסק און ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם בוי פון דעם ירושלימער שטאָט־פערטל „בית יעקב״. דעם נדן, וואָס ער האָט באַקומען, האָט אהרן־לייב אינוועסטירט אין באָדן, וואָס ער האָט געקויפט אין פתח־תקוה און זיך דאָרט באַזעצט. אויך ער, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פלאַנצן פּרדסים און ער איז געוואָרן אָנערקענט אַלס עקספּערט אין ציטרוס־פלאַנצן, און ער איז דערפאַר אויך איינגעלאַדן געוואָרן אַלס עקספּערט צו באַטראַכטן דעם באָדן פון חדרה, איידער ער איז געקויפט געוואָרן דורך דער חברה „מנוחה ונחלה״. אין יאָר תרנ״א, האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם זייער אינטערעסאַנטן ספר „מעין גנים — הלכות נטיעות גנים ופרדסים בארץ הקדושה״ (ירושלים). דער ספר איז געשריבן אין דעם סטיל פון דער משנה און גיט איבער אינעם נוסח פון הלכה אַלע פּרטים, ווי אַזוי צו פלאַנצן אַ פּרדס און אַלע אַנדערע נויטיקע ידיעות דערצו. אויסער דעם, פלעגט מען זיך ווענדן צו אים דורך בריוו אָדער פערזענלעך מיט פאַרשידענע פראַגן און ער האָט אַלעמען געענטפערט און געעצהט וואָס צו טאָן. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ה, כ״ד טבת, און איז באַערדיקט געוואָרן אין יפו. איינער פון זיינע זין, דער אַדוואָקאַט ד״ר שלמה פעלמאַן, האָט אַ געוויסע צייט פאַרטראָטן די יידישע אַגענץ, אין דעם פּאַלאַץ פון קעניג פייזל, ווען ער איז געווען קעניג אין סיריע. ער האָט געהאַט די ראַנגע פון אַ דיפּלאָמאַט.

זיין ברודער נחמן, האָט אויך אָנגעהאַלטן די משפחה־טראַדיציע און זיך אָנגעגעבן מיט פּרדסנות. אין 1903, האָט ער צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער חיים, איבערגענומען די פאַרטרעטערשאַפט פון די וויין־קעלערן אין ראשון־לציון און אַנטוויקלט דעם עקספּאָרט פון ארץ־ישראל־וויין קיין אייראָפּע, אַפריקע און אַמעריקע און ער האָט אויך געעפנט אַ וויין־געשעפט צו באַדינען יפו און די סביבה. זייער געשעפט, איז גלייכצייטיק געוואָרן די אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר אַלע עולים. שפּעטער, ווען ראשון־לציון האָט געמאַכט ספּעציעלע אָפּמאַכן מיט דער חברה „כרמל״, האָבן זיי אַנטוויקלט דעם עקספּאָרט פון די קלענערע וויין־קעלערן. נחמן איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער חברה „אחוזת־בית״, וואָס האָט געגרינדעט תל־אביב. ווען עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל נישט קענען באַקומען קיין קושאַנעס און אויך דאָס האַנט־געלט, וועלכעס מען האָט געגעבן, איז געווען אין סכנה פון פאַרפאַלן ווערן, האָט ער אויסגענוצט זיינע פאַרבינדונגען מיט אסף (אסאף) ביי און מען האָט אַרויסבאַקומען די קושאַנעס פאַרן באָדן פון תל־אביב. ער האָט אויפגעשטעלט איינע פון די ערשטע הייזער אין תל־אביב (אויף דעם אָרט שטייט היינט די אפּ״ק באַנק אין הרצל־גאַס), ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דעם שטאָט־פערטל אין יפו „בית־וגן״ (היינט:

בת־ים) און צוזאַמען מיט מנחם גילוץ האָט ער געגרינדעט די „חברת־מרכלת״, וועלכע האָט אויסגעבויט דעם צפון־טייל פון דעם „מרכז־מסחרי — האַנדלס־צענטער״ אין תל־אביב.

אין אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג האָט ער, אויף דער עצה פון זיין פריינט שאקי ביי פון דמשק, זיך אָנגעשלאָסן אין טערקישן מיליטער אַלס אינזשיניער. ער האָט געדאַרפט צושטעלן וואַסער און עלעקטרישע ליכט צום טערקישן און דייטשן מיליטער אין מדבר־סיני און ער האָט אויסגענוצט זיין אַמט לטובת יידן. ער האָט באַשעפטיקט 500 יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט בלויז 5 מיט אַ האַלבן טאָג אין דער וואָך און באַקומען שכירות פאַר זעקס טעג און עסן פאַר זיבן טעג. דורכ־דעם, זיינען זיי געוואָרן באַפרייט פון מיליטערישער צוואַנגס־אַרבעט. ער האָט אויך אויסגעפועלט ביי דער מיליטער־מאַכט, צו דערלויבן אַ יידישן בית־הקברות פאַר די יידישע סאָלדאַטן און יידישע צוואַנגס־אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאָרבן.

זיין ברודער חיים, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אים געאַרבעט אין דעם וויין־פאַרקויף, האָט פונקט ווי ער און זיינע אַנדערע ברידער און עלטערן, אויך אַ סך ביי־געטראָגן צום אויפבוי פון דעם ישוב. ער האָט געהאָלפן בויען רחוב אחוה אין נוה־צדק (יפו); ער האָט זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן חדר אין יפו, וואָס איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער באַרימ־טער שולע „תחכמוני״; זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דעם „מזרחי״; און געהאָלפן גרינדן די תלמוד־תורה „שערי־תורה״ און אַנדערע צדקה־אינסטיטוציעס.

אזוי ווי זיין עלטערער ברודער אהרן־לייב, האָט אים אויך געצויגן צים שרייבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל אַרטיקלען אין דעם „החבצלת״, „הצפירה״ און „החרות״. ער פלעגט זיך חתמנען מיט די פסעוודאָנימען „תושב״ און „עין־רואה״.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן און געפירט די געהיימע פּאָטשט און געלט, וואָס איז אָנגעקומען פון דעם „ועד־ההגירה — עמיגראַציע־קאָמיטעט און ער האָט צוגעשטעלט — טראָץ דעם פאַר־באָט — וואַסער און שפּייז פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דעם ישוב, וועלכע זיינען מאַסנווייז געוואָרן אַרעסטירט און מען האָט זיי אָפּגעפירט קיין דמשק אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנען. דאָס האָט ער געטאָן, ווען ער האָט געהאַט אַ קאָנצעסיע פאַר אַ קאַנטין אין צמח, דורך וואַנען די צוגן זיינען פאַרביי געפאָרן. מען האָט אים, סוף־כל־סוף, אַרויסגעטריבן פון צמח און ער האָט זיך באַזעצט אין טבריה. נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין תל־אביב, האָט ער גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין דעם אויפבוי פון לאַנד און תורה־אינסטיטוציעס. ער איז געשטאָרבן אין יאָר תרצ״ט *).

*) תדהרי, „אנציקלופדיה חלוצי הישוב ובוניו״, חלק א׳ וב׳ (תל־אביב). אין דער זעלבער ענציקלאָפּעדיע געפינען זיך קורצע ביאָגראַפיעס פון דער גאַנצער משפחה

סיי „יסוד המעלה" און סיי די פריוואַטע איניציאַטיווע פון ר' דוב פעלמאַן און זיין פרוי שרה־איטה, זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער אידיי פון חיבת־ציון, וועלכע האָט זיך באַזירט אויפן פּאָליטישן ענד־ציל — מלכות־ישראל. אין דער באַוועגונג פון שיבת־ציון, האָט זיך מעזריטש אויסגעצייכנט פון א סך אנדערע שטעט. ווען די חובבי־ציון אין רוסלאַנד האָבן, סוף־כל־סוף, אויסגעפּועלט ביי דער מאַכט צו לעגאַליזירן זייער געזעלשאַפט און ס'איז פאַררופן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ אין אָדעס (14טער אַפּריל, 1890), געפונען מיר דאָרטן א דעלעגאַט פון מעזריטש; זיין נאָמען איז ר' חיים עטינגער; א מיטגליד פון דער גוט באקאנ־טער משפחה עטינגער, וועלכע האָט געוווינט אין אָדעס.

אָבער, נישט די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרקאָכט אין חיבת־ציון. די חסי־דים, אין רוב, זיינען נישט געווען קיין חובבי־ציוניקעס. א טייל האָבן זייער אומ־צופרידנקייט געלאָזט הערן אין דער עפנטלעכקייט. אָבער עס איז נישטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז די דאָזיקע חסידישע פּראָטעסטן האָבן נישט געפונען קיין סימפּאַטיע אַפילו צווישן די חסידים אליין. וועגן אָט דער חסידישער עפנטלעכער אָפּאָזיציע, בעסער געזאָגט אָפּאָזיציע פון געוויסע חסידים, לייענען מיר אין „המליץ" פון כ"ד אלול תרמ"ט (1889):

„די נויטיקייט צווינגט מיך אויפצודעקן אין דער עפנטלעכקייט די שאַנדע פון עטלעכע פאַרשייטע אין אונדזער עדה, וועלכע האָבן אָנגעטאָן א מאַסקע און פאַראַדירן אַלס חסידים (דאָס איז א באַוויז, אַז נישט אַלע חסידים — און אפשר טאַקע די מערהייט, איז געווען קעגן די דאָזיקע לייט) און פרומע און זייערע הערצער זיינען פול מיט באַטרוג און יעדע זאַך, וואָס געפעלט זיי נישט, ווערט פון זיי געשטעמפּלט אַלס אפיקורסות. אַזוי האָבן זיי זיך געוואָגט צו שטעלן קעגן דעם הייליקן רעיון פון ישוב־ארץ־ישראל, וואָס דער רמב"ן ז"ל האָט עס געציילט צווישן די מצוות, וואָס מען איז מחויב צו טאָן על פּי אונדזער הייליקער תורה. אָבער זיי האָבן געוואָגט אָפּצושפּאָטן פון דעם גרויסן און טייערן רעיון און צו רעדן שלעכטס וועגן די מענטשן, וועלכע זיינען עוסק און גיבן זיך אָפּ צו דער דאָזיקע מצווה. נאָכמער, זיי האָבן אויך מיאוס גערעדט וועגן דעם באַוווּסטן דרשן ר' צבי הירש הארלאַנסקי, וועלכער האָט דאָ־הי געדרשנט זוּנטיק, פּרשת תבא און האָט מיט א וי פיל געשמאַק און וויסן געגעבן צו פאַרשטיין זיינע צוהערערס די וויכטיקייט פון דעם געדאַנק און זיין גרויסן נוצן. די דאָזיקע חצופים, האָבן געהאַט די העזה אָנצורופן דעם רב־המטיף — אַפּיקורס.

פעלמאַן, וועלכע האָט פיל בייגעטראָגן צום אויפבוי פון ארץ ישראל. אדוואָקאַט פעלמאַן פון דער פירמע פלמן, ליוואי ושותפ', תל אביב, א זון פון דעם אויבנדערמאנטן חיים פעלמאַן, האָט ארויסגעגעבן א בוך, וואָס באשרייבט דעם בייטראָג פון זייער משפחה צום אויפבוי פון ארץ ישראל. דאָס בוך הייסט „חלוצי הפרדסנות בא"י" און איז דערשינען אין תל־אביב.

„אָבער נישט בלויז אויף דעם מגיד אליין, איז געפאַלן זייער כעס. די דאָזיקע לייט, האָבן זיך אויך צעקריגט מיט די רבנים און די שוחטים אין שטאָט. דער קלענסטער פון דער דאָזיקער קאָמפּאַניע, שטעלט זיך ווי א ריש בריוני (ווי דער עלטסטער פון די בריונים — מיט דעם נאָמען בריונים האָבן די חכמי־התלמוד גערופן די לייט וואָס האָבן נישט געוואָלט שלום־מאַכן מיט די רוימער, ווען זיי האָבן באַלאַגערט ירושלים, מ. ע.) זיי האָבן אויך גערעדט מיט חוצפה קעגן דעם רב פון דער שטאָט און אפילו אויך אויפגעהויבן די האַנט, און מיט זייער צאָרן האָבן זיי פאַראורזאַכט א גאַנצן געטומל אין שטאָט... דאָס זיינען בלויז א טייל פון די וועגן פון אונדזערע ברידער אין דער שווערער צייט. אחוץ די צרות, וואָס קומען אויף אונדזערע ברידער פון דרויסן, אויסער די חרפות און די באַליידיקונגען מיט וועלכע מיר זעטיקן זיך טאָג־איין טאָג־אויס פון די וואָס טוען אונדז לעסטערן, ווערט דער כבוד פון אונדזער פאָלק נאָכמער דערנידעריקט, צוליב די אַרומרייסע־נישן איבער קליינלעכקייטן... ווי לאַנג נאָך, אָה, גאָט! וועלן זיי האַלטן פאַרמאַכט זייערע אויגן און וועלן נישט זען די אַלע צרות, וואָס געשען אונדז צוליב די קריי־גערייען, צוליב די מחלוקת און אומאָרדענונגען אין דער קהילה. אָנשטאָט דעם. זאָלן זיי בעסער א סוף מאַכן צו די קריגערייען און שלום מאַכן צווישן די וואָס קריגן זיך און פאַרשטיין, אז דאָס איז נישט א מחלוקת לשם שמים, נאָר זיי פאַרשוועכן דורכדעם גאָטס נאָמען און תורה און דעם יידישן נאָמען אין ברענגען בלויז חשכות אויף די יידן אין אונדזער לאַנד. מיין ווונטש איז, אַז זיי זאָלן זיך פאַרטראַכטן אין די קומענדיקע פּאָרכטיקע טעג און זיי זאָלן אָנערקענען די עוולות, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען און זאָלן אויף זיך מקבל זיין צו באַהערשן זייערע געמיטער און דערלאַנגען א האַנט צו יענע, וועלכע זיי האָבן אומזיסט באַליידיקט און זאָלן נישט מער אַרויסרופן קריגערייען און רייסענישן און זיי זאָלן מאַכן יד־אחת, צו זאָרגן פאַר דעם וווילזיין פון זייער עדה און פאַר דעם כבוד פון אונדזער גאָט און פאָלק. פאַר דעם וועלן זיי זוכה זיין פאַרשריבן צו ווערן און געחתמעט צו ווערן פאַר א גוט און שלומדיק לעבן מיט דעם גאַנצן פאָלק ישראל, ווי עס גלוסט און עס ווינטשט צו זען גוטעס פון זיינע יידישע ברידער, און די מיטגלידער פון זיין עדה בפרט. א. פ.״

צו קיין ערנסטער מחלוקת איז נישט דערגאַנגען. די חסידים האָבן זיך גע־פילט צו שוואַך אויף צו קענען אויפהייבן א קאַמף קעגן דעם שיבת־ציון־אידעאַל. אויף וויפל ס׳איז באַקאַנט האָט זיך עס געהאַנדלט אין א קליינער גרופּע מחוצפים, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם טומל און גערעדט אינעם נאָמען פון די חסידים. מיר דאַרפן זיך אויך רעכענען מיט דעם פאַקט, אז די חסידים האָבן שטאַרק דרך־ארץ־געהאַט פאַר ר׳ ישראל־איסר שאַפּירא, וועלכער האָט סימפּאַטיזירט מיט די חובבים.

ציוניסטישע באַוועגונג

נאָך חיבת־ציון, איז געקומען די ציוניסטישע באַוועגונג. אַלע חובבי־ציון מיט ר׳ ברוך־מאיר ראָזענבלום (ער איז צוריק געקומען קיין מעזריטש, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו באַהערשן די לאַגע אין יסוד־המעלה) אין דער שפּיץ, האָבן זיך אָנגערופן אויף דר. הערצלס רוף. צו די ציוניסטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלע אָנגעזעענע בעלי־בתים, וואָס האָבן זיך שוין פון פריער געהאַט אידענטיפיצירט מיט דער חיבת־ציון־באַוועגונג, ס׳האָבן זיך אויך רעקרוטירט די משכילים פון שטאָט מיט ר׳ שמעון־בער מינץ אין דער שפּיץ און סתם יידן, ביי וועמען ארץ־ישראל איז געווען שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן. אוודאי, זיינען ס׳רוב חסידים געשטאַנען מן הצד, פּונקט ווי עס זיינען געשטאַנען מן הצד, יענע פרומע מתנגדים, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו די פּראָטעסט־רייד פון די מתנגדישע גאונים, וואָס זיינען געווען קעגן חיבת־ציון און פּאָליטישן ציוניזם אודאי און אודאי.

די מעזריטשער ציוניסטן זיינען געווען שטאַרק טעטיק. נישט נאָר האָבן זיי געפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע אין מעזריטש גופא, האָבן פאַרקויפט שקלים, געזאַמלט געלט פאַר דעם קרן־קימת — ווען דער פאָנד איז געשאַפן געוואָרן — און געקויפט און פאַרקויפט אַ סך אַקציעס אין דער יידישער קאָ־לאָניאַל־באַנק, נאָר זיי זיינען אויך געוואָרן פּראָפּאַגאַנדיסטן אין די אַרומיקע שטעט, ווו זיי זיינען צומאָל געווען אויסגעשטעלט אַריינצוכאַפּן קלעפּ. ר׳ ברוך מאיר ראָזענבלום, האָט דעם שרייבער פון די שורות נישט איינמאָל דער־ציילט, אַז דרשענען אין דעם ביאַלער בית־מדרש (דאָרט זיינען געווען אַ סך חסידים) צי אין אַן אַנדער שטעטל, האָט געמיינט גאַנץ איינפאַך צו כאַפּן אַ „משכנתא", ד. ה. מען פלעגט דעם פּרעדיקער אַריבערלייגן איבערן שולחן און אים גוט אַריינצימבלען. דאָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך, וועלכע האָבן געוואַגט צו פּרעדיקן ציוניזם.

גאָר אַ שאַרפער ציוניסט אין זיינע טעג, איז געווען ר׳ לייזער־בייניש גאָלדפאַרב (דער זעלבער גאָלדפאַרב, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר די „גזלנים" פין יסוד־המעלה און נישט געוואָלט פאָרן קיין צפת). אויך ער פלעגט אַרומ־פאָרן איבער די נאָענטע שטעטלעך און אָרגאַניזירן די ציוניסטן. וועגן איינעם פון זיינע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־רייזעס לייענען מיר אין „המליץ" פון י"ט סיון תרנ"ח: „פון לוקאָוו איז מען מודיע, דאָס ווען דער משכיל מר ישראל (לייזער?) בייניש גאָלדפאַרב פון מעזריטש *) איז דורכגעפאָרן אונדזער שטאָט,

*) דער זעלבער גאָלדפאַרב לייזער בייניש, וועמען די חובבי־ציון האָבן געשיקט קיין ארץ־ישראל מיט הילף פאַר די מעזריטשער קאָלאָניסטן פון „יסוד־המעלה" און ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען צוריקברענגענדיק די צוגעשיקטע הילף, מחמת לשון הרע. ער האָט שפּעטער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, ווו ער איז געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און ער איז דאָרט געשטאָרבן.

און ער איז אַ מענטש וואָס איז מיט זיין גאַנצן לעבן און נשמה איבערגעגעבן דעם ציוניסטישן געדאַנק; און ער האָט שוין געדרשנט וועגן דעם אין אַ סך גרויסע שטעט נישט בעטנדיק פאַר דעם קיין געצאָלט, האָבן אים אַ סך שטאָט־מענטשן געבעטן, אַז ער זאָל אויך רעדן איבער די ציוניסטישע צילן און שטרע־בונגען. ער האָט אָנגענומען זייער בקשה און ער האָט זיי אויפגעקלערט די וויכטיקייט פון דעם ישוב־ארץ־ישראל און זיינע ווערטער זיינען אַריין אין די הערצער פון זיינע צוהערער און האָבן געמאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק און זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דעם אידעאַל און אויך געגעבן געלט פאַר ציון".

די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט מעזריטש געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקן פּונקט. דאָס איז קלאָר פון דעם, וואָס מעזריטש האָט זוכה געווען צו שיקן דעלעגאַטן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. ר' שמעון־בער מינץ, איז געווען אַ דעלעגאַט צו איינעם פון די ערשטע קאָנגרעסן און ברוך־מאיר ראָזענבלום איז אויך געווען אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַמבורג אין 1909.

פיל מאָל פלעגן אין מעזריטש פאָרקומען געהיימע ציוניסטישע ראַיאָן־קאָנפערענצן, אין וועלכע עס פלעגן זיך באַטייליקן געסט און פאָרשטייער פון דער צענטראַלער לייטונג. וועגן פאָרגעקומענע קאָנפערענצן אין מעזריטש, האָט דעם שרייבער פון די שורות דערציילט דער ציוניסטישער פירער לייב יאפע וועלכער האָט זיך פערזענלעך אין זיי באַטייליקט.

שפּעטער, ווען עס אַנשטייט די אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטן ציאָ־ניסטן — „ס. ס." — שאַפט זיך אויך אַזאַ גרופּע אין מעזריטש. אין דעם אָרגאַן פון די „ס. ס." — „דער נייער וועג" (ווילנע, 19טער אָקטאָבער 1906), לייענען מיר: „אונדזער אָרגאַניזאַציאָן האָט דאָ (אין מעזריטש, מ. ע.) באַגעגנט גרויסע שטערונגען פון דער היגער בונדישער אָרגאַניזאַציאָן. דאָך האָט אונדז געלונגען פיר די קורצע צייט, וואָס מיר עקזיסטירן, צו פאַרשפּרייטן אונדזער ווירקונג אויף אַ בעדייטענדען טייל פון דער היגער יידישער אַרבייטער־מאַסע. מיר האָבן דורכגעפיהרט שטרייקען ביי די פּאַכען פון שפּיגל־פּאַלצער, מאַשינקע־מאַכער, בעקער און קאַמאַשענמאַכער אין לעצטען פאַך האָט דער בונד שטאַרק אַגיטירט געגען אונז, אָנרופענדיק אונז פיר פּראָוואָקאַטאָרען און שפּיאָנען. דאָך, האָט די פאַרזאַמלונג פון פאַך אַרויסגעטראָגען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס דרוקט אויס זיין פאַראַכטונג געגען די טאַקטיק פון בונד און דעם וואונש, אַז דער שטרייק זאָל ווייטער געפירט ווערען דורך אונז. יעקב".

ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אינעם ציוניזם, מיטן באַווייזן זיך פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, זיינען אויך די מעזריטשער ס. ס.־ניקעס געוואָרן טעריטאָריאַליסטן. און, נאַטירלעך, געוואָרן קעגנער פון ציוניזם און די קאָנגרעס־באַשלוסן. אַן אָפּקלאַנג פון דעם, געפינען מיר אין אַ קאָרעס־פּאָנדענץ, וואָס איז דערשינען אין דעם ס. ס.־אָרגאַן „דאָס וואָרט" (ווילנע)

פון 12טן יולי 1907: „דער אויפרוף פון די טעריטאָריאַליסטן" — לייענען מיר דאָרט — „צו די אַקציאָנערן פונם קאָלאָניאַל־באַנק, וועגן פּראָטעסטירען געגען דעם בעשטעטיגען די ענדערונגען פון די באַנק־סטאַטוטען, האָט דאָ געפונען אַנ'אבקלאַנג. ס'איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרן העכער 70 אַזוינע פּראָטעסטן".

דער איינפלוס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, איז אָבער געווען זייער אַ שוואַכער. אין זעלבן נומער טאַקע, אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ לייענען מיר: „די טעג איז אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער צ. ס.־גרופּע אָפּגעפאָרן קיין האַל־וועסטאָן" (האַלוועסטאָן איז געווען דעמאָלט אַ וויכטיקער עמיגראַציע־פּאָרט אין אַמעריקע, מ. ע.)

די גרופּע האָט געהאַט קיצור־ימים. אַ טייל האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, עטלעכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן שפּעטער אין די פּועלי־ציון, ווען די פּאַרטיי האָט זיך אָרגאַניזירט אין מעזריטש און אַנדערע זיינען געוואָרן „באַלעבאַטישע" ציוניסטן.

די אַרבעטער־באַוועגונג

דער „בערשטער־בונד" און די אַרבעטער־קאַמפּן

אין דעם קאַפּיטל וועגן „אינדוסטריע און האַנדל", האָבן מיר שוין אָנגע־וויזן, אַז די הויפּט־אינדוסטריע אין מעזריטש, איז געווען בערשטעריי. אויף וויפל ס'איז אונדז באַוווּסט, איז חזיר־האָר און בערשטעריי־באַשעפטיקונג אין מעזריטש געווען אַן אַלטע, ווייל שוין מיט 100 יאָר צוריק האָבן מעז־ריטשער יידן זיך אָפּגעגעבן מיט עקספּאָרטירן חזיר־האָר קיין לייפּציק. אַרום דער אינדוסטריע, האָבן זיך קאָנצענטרירט דאָס רוב אַרבעטער פון מעזריטש. אָבער, ביז צום סוף פון דעם 19טן יאָרהונדערט, האָט מעזריטש נישט געוווּסט פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג און פון שטרייקן. ערשט מיטן באַווייזן זיך פון אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, האָט זיך געביטן די לאַגע אויך אין דער בערש־טער־אינדוסטריע. דאָס איז געשען אין די 90ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

צו יענער צייט, איז מעזריטש שוין געווען איינער פון די הויפּט־צענטערס פון בערשטעריי. אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 6.000 אַרבעטער, אין גאַנץ מלכות רוסלאַנד און פּוילן, איז אין מעזריטש שוין געווען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע 1.200 אַרבעטער.

דער אָנהייב פונעם קאַמף פון די בערשטער־אַרבעטער פאַרן פאַרבעסערונג פון זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען און לוינען, איז געווען מיט די פאַרמיטלער אין דער בראַנזשע. דאָס פאַרמיטלעריי, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין דעם פאַך, האָט זיך גענומען דערפון, מחמת די סוחרים און אונטערנעמער פלעגן זיין פאַרנומען מיטן אַרומפאָרן אויפקויפן די חזיר־האָר און צוליב דעם נישט געהאַט קיין צייט אַליין אָנצופירן מיט די פאַבריקן. דעריבער האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו אַ פאַרמיטלער. דער פאַרמיטלער פלעגט מושווה־ווערן מיט די סוחרים וועגן פרייז פון די אויסגעאַרבעטע חזיר־האָר אויפן פונט. זיי, פון זייער זייט, האָבן דעם אַרבעטער נישט געצאָלט קיין שטיק־לוין, נאָר אַ וועכנטלעכן געהאַלט. סיי דער סוחר און סיי דער פאַרמיטלער האָבן גע־מאַכט אַ גוט געשעפט אויפן חשבון פון די אַרבעטער. דער סוחר האָט באַקומען זיין פּראָדוקציע אָן קאָפּ־דרייעניש און דער פאַרמיטלער האָט זיך באַמיט אַרויס־צובאַקומען אַ וואָס גרעסערע פּראָדוקציע פאַר אַ וואָס קלענערן לוין.

אין א ווארשטאט, ווו עס זיינען געווען באשעפטיקט, צ. ב. ניין ארבעטער פלעגט, אין דורכשניט, אויסגעארבעט ווערן וועכנטלעך 13 פוד מיט 11 פונט הזיר־האר. דער פארמיטלער פלעגט באקומען פון דעם פאבריקאנט 2.90 רובל פון יעדן פוד, וואס מיינט, אז ער האט באקומען 38.50 רובל א וואך. פון דעם פלעגט דער פארמיטלער אויסצאלן נישט מער ווי 30 רובל פאר ארבעטס־לוין. דעם פארמיטלער איז אזוי ארום פארבליבן ריינער פארדינסט — 8.50 רובל א וואך. אויסער דעם, האט נאך דער ארבעטער וואס האט דורכשניטלעך פארדינט 3 רובל א וואך, געדארפט אפצאלן דעם פארמיטלער 85 קאפיקעס א וואך, אדער 40 רובל א יאר. אזוי, אז פון בלויז דריי באשעפטיקטע ארבעטער פלעגט דער פארמיטלער פארדינען כמעט אזוי פיל ווי אן ארבעטער. און נישט בלויז דאס, וואס דער פארמיטלער איז געווען א שותף צום לוין פונ'עם ארבעטער, האט ער אויך באשווערט דעם קאמף מיט דעם הויפט־באלעבאס, ווענען די ארבעטער האבן צומאל נישט געהאט די געלעגנהייט צו זעען און נישט געהאט מיט אים קיין דירעקטן קאנטאקט.

היות, אזוי ווי די פארמיטלער זיינען איבערהויפט געווען פאראינטערעסירט אין דער קוואנטיטעט — זיי פלעגן דאך באקומען געצאלט פון פוד — האבן זיי זיך אנגעשטרענגט ארויסצובאקומען א וואס גרעסערע פראדוקציע, וואס האט, ממילא, גורם געווען א פארקירצונג פון די ארבעטס־סעזאנען אין דעם פאך — דער זומער־ און ווינטער־סעזאן און מיט זיך געשאפן א גרעסערן צווישן־פעריאד פון ארבעטסלאזיקייט און זיינע קאנסעקווענצן.

אלזא, די פארמיטלער האבן מיט זיך פארגעשטעלט א מין דריטער קלאס — אן ארבעטער־אריסטאקראטיע מיט א דורכשניטלעכער וועכנטלעכער הכנסה פון 25—35 רובל. די בערשטער־ארבעטער, האבן, בכן, אין דער ערשטער פאזע פון זייער קאמף, געזוכט צו באזייטיקן דעם פארמיטלער. מיטן באזייטיקן דעם פארמיטלער, וועט ממילא זייער לוין ווערן געהעכערט און עס וועט ווערן פאר־בעסערט זייער מערכה.

פונדעסטוועגן, אין די שפעטערע יארן, ווען די בערשטער־ארבעטער, האבן אנגעהויבן שטרייקן פאר העכערע לוינען און מענטשלעכע ארבעטס־באדינגונגען, האבן גאנץ אפט די פארמיטלער מיטגעשטרייקט; זיי האבן זיך אויך געפילט באעוולהט פון די ארבעטס־געבער. אבער אויך גאנץ אפט פלעגן זיי זיך אויך צושטעלן אלס שטרייק־ברעכער.

אין די 90קער יארן (פריער אוודאי און אוודאי) האבן די בערשטער גע־ארבעט 17—18 שעה א טאג. זיי פלעגן אפשטעלן די ארבעט ערב־שבת ממש און מוצאי־שבת, באלד נאך הבדלה, האבן זיי זיך ווידער צוריקגענומען צו דער ארבעט. אויך די באדינגונגען פון דער ארבעט זיינען געווען שווערע. מחמת דעם וואס דאס רוב פאבריקן זיינען געווען קליינע (דווקא די ערשטע ווארשטאטן ווי, למשל, די פאבריקן פון מיכל בראמבערג און גדליה בלאנקשטיין זיינען גע־

ווען גרעסער און באקוועמער. די פאבריקן וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, זיינען געווען קלענערע אין פארנעם, כאָטש שפּעטער האָט די צאָל פון די פאבריקן זיך שטאַרק פארגרעסערט). אין אַ קליינעם ארבעטס־פּלאַץ, האָבן די בערשטער גע־אַרבעט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען און די קרבנות פון שווינדזוכט, אַנעמיע, געשווירן און קראַנקע פיס, זיינען, צווישן זיי געווען זייער אַ סך.

אין 1895, איז פאָרגעקומען די ערשטע באַראַטונג פון די בערשטער־אַרבעטער פון רוסלאַנד און פּוילן. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט נישט גע־טראָגן קיין פּאָליטישן כאַראַקטער, נאָר האָט געהאַט פאַר זיך דעם ציל צו פאַר־בעסערן דעם אַלגעמיינעם מצב פון די אַרבעטער אין דעם פאַך. נאָך אים, פלעגן די באַראַטונגען פאָרקומען רעגולער צוויי מאָל אין יאָר, אין דער וואָך פון די סוכות און פסח־טעג (אין די ערשטע באַראַטונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויס־סער מעזריטש, האָבן די בערשטער פון אַנדערע שטעט, נאָך געשפּילט מער ראָלע, ספּעציעל ווילנע). און דאָס זוכן געמיינזאַמע מיטלען, אינעם קאַמף פאַר אויפ־הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די בערשטער־אַרבעטער, האָט מיט דער צייט גע־געבן גינסטיקע רעזולטאַטן. די דאָזיקע הצלחה פון די אַרבעטער, האָט באַוויזן די פאַבריקאַנטן, אַלס קעגן־מיטל, צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ סינדיקאַט פון באַ־לעבאַטים. דאָס באַווייזן זיך פונעם סינדיקאַט, האָט דעצידירט די אַרבעטער צום שאַפן פון אַ בערשטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין בכוח זיך צו ספּראַווען מיט דעם סינדיקאַט. די שאַפונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איז צושטאַנד־געקומען אויפן פיפטן בערשטער־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1898.

דער „בונד" ווערט אַ כוח אין מעזריטש

ווי מיר האָבן פריער געברענגט, האָט דאָס יאָר 1898 אריינגעטראָגן אַ ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון די בערשטער־אַרבעטער. אויפן צוזאַמענפאָר פון די בערשטער (אין וועלכן מעזריטש האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל, ווייל זי האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל אַרבעטער פון דעם פאַך), ווערט געגרינדעט דער ערשטער פראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד פון דעם בערשטער־פאַך. דאָס איז געווען פון די ערשטע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אויפן שטח פון רוסלאַנד; און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, אז דער פאַרבאַנ־האָט זיך דערקלערט אַלס אַ טייל פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיקע געשעעניש, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט איר אָפּקלאַנג איבער גאַנץ רוסלאַנד און אַפילו אין אויסלאַנד, האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אָפּגערופן אויף מעזריטש.

צוויי שטריכן, האָבן ספּעציעל כאַראַקטעריזירט די בערשטער־אַרבעטער־באַוועגונג: 1. איר מאַסן־כאַראַקטער — זי האָט אַפּעלירט דירעקט צו די אַר־בעטער, אָן שום פּראָפּאַגאַנדע פון דרויסן און אָן דער אריינמישונג פון דער

אינטעליגענץ (די בערשטער־ארבעטער האָבן פון תמיד־אָן געקוקט מיט חשד אויף די רייכע זינדלעך און טעכטער און זיי באַזייטיקט פון דער אָרגאַניזאַציע ביים מינדסטן דיסציפּלין־ברוך); 2. איר אינטענסיוויטעט, פּאַרביטערטקייט אין קאַמף און אייזערנע דיסציפּלין. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם איינפלוס, וואָס די סאָציאַליסטישע לערע, האָט געהאַט אויף די דאָזיקע האַרעפּאַשניקעס, ביי וועלכע זי האָט אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען. די סאָציאַלע רעוואָלוציע, דאָס שטירצן דעם צאַריסטישן רעזשים — האָט געמיינט פאַר זיי: פרייהייט, בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, אַ גרעסערן אַרבעטס־לוין און אַ סוף צו דער עקספּלאָ־טאַציע און די אַנדערע איבלען, מיט וועלכע ס'זיינען געווען אויסגעפּילט זייער טאָג־טעגלעכער גורל.

מיט דער גרינדונג פון „בערשטער־בונד", האָט מעזריטש באַקומען אַ גאַר אַנדערע פיזאָנאָמיע. נישט נאָר איז דאָס געווען די התחלה פון דער טעטיקייט פון „בונד" אין מעזריטש, וועלכער האָט אין משך פון זיין אַקטואַציע אויסגע־איבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן יידישן לעבן אין שטאָט אין אַלע זיינע פאָרמען — סאָציאַל, פּאָליטיש און קולטורעל — נאָר אין שטאָט גופא האָט מען גלייב־צייטיק אָנגעהויבן פילן די אויפמערקזאַמקייט, וואָס די רוסישע מאַכט האָט איי־געהויבן שענקען דער שטאָט.

ביז 1898, האָט די פּאָליציי כמעט זיך נישט געמישט אין די אַרבעטס־קאָנפליקטן, וואָס פלעגן פאָרקומען אין שטאָט. די דערקלערטע שטרייקן, מצד די אַרבעטער, האָבן נישט געטראָגן פּאָליטישע מאַטיוון און זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. אויב ס'האָט אויסגעבראָכן עפּעס אַ שטרייק, איז דאָס ביז איצט באַטראַכט געוואָרן אַלס פּשוטער ברוך פון קאָנטראַקט; איז דאָס געווען אַן ענין פאַר דעם געריכט צו משפּטן, אָדער אַ דין־תורה, אין וועלכער דאָס בית־דין האָט געדאַרפט פּסקענען. ווען די מאַכט פלעגט יאָ אַמאָל אינטערווענירן אין אַ קאָנפליקט און אַרעסטירן וועמען פון די שטרייקער, זיינען די אַרעסטירטע געהאַלטן געוואָרן אין דער שטאָטישער תפיסה אַ טאָג אָדער צוויי און מען האָט זיי דערנאָך באַפרייט. מיטן באַשלוס פון 1898, צו שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די אַרבעטער, וואָס האָט זיך גלייכצייטיק אָנגעשלאָסן אין „בונד", האָט זיך די לאַגע געביטן. די בערשטער זיינען איבער נאַכט— לגבי דער מאַכט — געוואָרן סאָציאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן און קעמפער קעגן דער „סאַמאָדערזשאַוויע", קעגן דער אַליינהערשאַפט. דעריבער איז די בערשטער־אַרבעטער־באַוועגונג געשטעלט געוואָרן אונטער דער אייפערזיכט פון דער פּאָליציי. יעדער בערשטער־אַרבעטער, איז אויטאָמאַטיש באַטראַכט געוואָרן אַלס פּאָ־טענציעלער שונא פון דעם רעזשים. אַרעסטירטע שטרייקער פלעגט מען, פון איצט אָן, באַשטראָפן מיט לאַנגטערמיניקע תפיסה און אָפטמאָל אפילו פאַרשיקן קיין סיביר אויף 4—5 יאָר. די דאָזיקע האַרבע שטראָף איז זיי געגעבן געוואָרן אַלס „מעיכןשן פון אוממאָראַלישער אויפפירונג"; דאָס איז געווען די אָפיציעלע באַ־

צייכענונגען פאר דער עבירה פון שטרייקן. אלס אזעלכע, האָט מען זיי נישט באַהאנדלט ווי פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן דאָך געגאָסן פון ספּעציעלע רעכטן, נאָר ווי פּשוטע קרימינעלע פארברעכער און אלס קאָנסעקווענץ זיינען זיי דורכגעגאַנגען אַלע פּיינען און יסורים, וואָס קרימינעלע פאַרברעכער האָבן אויס־צושטיין.

אין 1900, ברעכט אויס דער ערשטער פאַרמעלער שטרייק אין מעזרימש. דער דאָזיקער שטרייק, איז שוין נישט געווען ענלעך צו די פריערדיקע קריגערייען און אינצידענטן צווישן די בערשטער מיט זייערע פאבריקאַנטן. דער שטרייק האָט אָנגענומען ערנסטע פאַרמען און אָנגעוואַרפן אַ פּאַניק אויף די פאַבריקאַנטן. די אַרבעטער האָבן דאָס מאָל אַרויסגעשטעלט שטאַרקע פאָדערונגען, וואָס האָבן די פאַבריקאַנטן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. די הויפּט־פאָדערונגען זיינען געווען: איינפירן אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און פאַרקלענערן די צאָל פון פאַרמיטלער*).

די אַרבעטער האָבן אַרויסגערופן דעם שטרייק גראָד אין אַ גינסטיקן מאָמענט. די קאָניוקטור אין דער בראַנזשע, אויפן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדלס־מאַרק, איז געווען אַ גוטע און עס איז געווען אַ שטאַרקע נאָכפראַגע אויף דער אויסגעאַר־בעטער סחורה. די פאַבריקאַנטן האָבן, באין־ברירה, געמוזט נאָכגעבן די פאָדע־רונגען פון די אַרבעטער **)

*) אגב, איז זייער וויכטיק אָנצוּווייזן אויף דעם אופן ווי אזוי מ׳פרוּווט שרייבן געשיכטע מיט פריערדיקן פאַראורטייל, וואָס גיט ממילא א פאלשן בליק אויף דער געשיכטע. סאָפיא ערליך־דובנאָוו אין איר בוך „גארבער־בונד און בערשטער־בונד" (קאָאָפּעראטיווער פארלאג קולטור ליגע, ווארשע 1937), פון וואנען איך האָב געשעפּט פאר דעם קאפּיטל א סך מאטעריאל, אין איר שרייבן וועגן דעם שטרייק גיט אזוי, כלאחר יד, א בילדל פון מעזריטש. זי שילדערט מעזריטש אלס אָפּגעשטאַנען חסידיש שטעטל, וועלכעס איז פארזונקען אין איר חסידישער צוריקגעשטאַנענקייט און אז ערשט אין דעם יאָר 1900, האָט זיך דאָרט אריינגעריסן דער ערשטער שטראל פון ליכט און פּראָגרעס, פארשטייט זיך, אונטער דעם איינפלוס פון „בונד". אז דאָס איז לחלוטין נישט ריכטיק, איז קלאָר פאר יעדן איינעם. נישט נאָר איז מעזריטש נישט געווען קיין חסידישע שטאָט, נאָר חסידים האָבן אפילו נישט געהאט קיין בערשטער פאבריקן, אפילו נישט קיין קליינע. אז מעזריטש איז נישט געווען קיין כניאָקישע שטאָט, קען מען אויך זען פון אירע משכילישע טענדענצן און אויך פון דער ביבליאָטעק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך איידער דער „בונד" איז אפילו עמיצן צו חלום געקומען, זוייל די ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן אסך יאָרן איידער דער בונד איז אפילו געבוירן געוואָרן, און אזוי וואָלטן מיר אויך געקענט ברענגען א סך אנדערע ביישפּילן. עס איז בכלל פאראן גענוג גרונט צו צווייפלען, אויב יאנקל „שמעגדע" און די אנדערע חברים וואָס האָבן אין 1897 געשוווירן אין גרויסן בית המדרש ביים אָפענעם אָרון קו״ש, צו גרינדן „די אָרגאניזאציע" (זע י. האָרן „מיין חרובע היים", ז. 26, בוענאָס איירעס 1946) וואָלטן מסכים געווען מיט איר פירוש.

**) ס׳איז דערביי אויך אינטערעסאנט צו באמערקן, אז סוּוואלק, וועלכע איז נישט געווען „פארזונקען אין חסידישער אָפּגעשטאנענקייט" — האָט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון מעזריטש ערשט מיט א גאנץ יאָר שפּעטער — אין 1901.

דער זיג פון די אַרבעטער, האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן, אַלס קעגן־כּוח, באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאַבריקאַנטן־סינדיקאַט. די פאַראייניקטע פאבריקאנטן האָבן שפּעטער פּרובירט צו רעדוצירן דעם אַרבעטס־לוין מיט 25 פּראָצענט און זיי האָבן אויך נישט געוואָלט צוריק אָנשטעלן 25 אַרבעטער.

נישט געקוקט אויף דעם קריזיס, וואָס האָט מיט דער צייט, געהערשט אין דער אינדוסטריע, האָבן די אַרבעטער אויף דעם געענטפערט מיט אַ שטרייק *).

אין 1903, זיינען מעזריטשער אַרבעטער־פירער פון די בערשטער געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַלע מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם „בערשטער־בונד". בכלל, האָבן די פאַבריקאַנטן שיצנדיק זיך אונטער דער פאַר־שטאַרקטער רעאַקציע אין לאַנד, זיך דערוואַגט אָנצונעמען רעפּרעסיוועּ מיטלען קעגן די אַרבעטער.

אין 1906, האָבן די מעזריטשער פאַבריקאַנטן דערקלערט אַ לאָקאַוט. 3000 אַרבעטער זיינען געוואָרן מיט איין מאָל אַרבעטסלאָז. די פאַבריקאַנטן האָבן אַרויס־געשטעלט צוויי פאָדערונגען: 1. נישט אונטערצוהאנדלען מער מיט דעם ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; 2. די אַרבעטער זאָלן גאַראַנטירן צוצושטעלן אַ באַשטימטע קוואָטע פון אויסגעאַרבעטע האָר ביז אַ באַשטימטן טערמין.

די אַרבעטער האָבן אָנטשיידן צוריקגעוויזן דיביידע פאָדערונגען און האָבן פון זייער זייט אַרויסגעשטעלט קאָנטראַ־פאָדערונגען: מעדיצינישע הילף און אַ העכערן אַרבעטס־לוין.

דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די בערשטער האָט געשיקט זיינע פאָרשטייער אָנצופירן מיט דעם שטרייק. עס זיינען פאָרגעקומען אַ גרויסע צאָל פאַרזאַמלונגען; אַ טייל פאַרזאַמלונגען האָבן צוגעצויגן ביז 800 אַרבעטער מיט איין מאָל. דער שטרייק איז געפירט געוואָרן רואיק. די אַרבעטער האָבן באַשטימט נישט דורכ־צופירן קיין טעראָר־אַקטן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איין פאַבריקאַנט האָט

*) אין דעם אויבנדערמאנטן בוך פון סאָפיא דובנאָוו־ערליך, דערציילט זיך, אז די ארבעטער זיינען אוועק בעטן דעם רבס פארמיטלונג (ר' דוב נחמן שאפּיראָ). אָבער דער רב האָט זיי געעצהט זיי זאָלן צוזאָגן די פאבריקאנטן, אז זיי וועלן זיך מער נישט בונטעווען. די ארבעטער האָבן זיך דעמאָלט פארזאמלט אין בערשטער בית־המדרש און אָפּגעהאלטן א פארזאמלונג, אויף וועלכער ס'איז באשלאָסן געוואָרן צו ווארפן גורל, בכדי צו פארטיילן די אָפּגעזאָגטע ארבעטער איבער פארשידענע ווארשטאטן און נאָכ־אַמאָל באנייט זייער קאטעגאָרישע פאָדערונג אָנצושטעלן די אָפּגעזאָגטע ארבעטער. אונטער דעם דרוק פון דעם פעסטן באשלוס, האָבן די פאבריקאנטן קאפּיטולירט. סאָפיא דובנאָוו־ערליך מאכט דאָ פאָלגנדיקע באמערקונג, נעמלעך, אז דער אינצידענט איז געווען א לעקציע פאר די ארבעטער צו דערווייטערן זיך פון יידישן קלער און די חסידים (זי איז אליין אונטער דעם שרעקוואָרט, נישט באגרייפנדיק ווי פאלש און אומבאגרינ־דעט איר מיינונג איז, מ. ע.) און אויסטוישן דעם רעליגיעזן פאטאָס אויפן ענטו־זיאזם פון רעוואָלוציאָנערן קאמף.

אויסגעשאָסן, ווען אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע איז געקומען דורכפירן אַ קאָנטראָל אין זיין פאַבריק. דער מעזריטשער לאָקאַוט האָט אויך באַאיינפלוסט די חזיר־האָר־פאבריקאנטן פון אנדערע שטעט. צו דער זעלבער צייט האָבן זיך די אונטערנעמער פארזאמלט אין איידקונען (דעמאָלט די רוסיש־דייטשע גרענעץ) און זיי האָבן באַשלאָסן: 1. די פאבריקאנטן זאָלן זיך קעגנזייטיק שטיצן אין פאַל פון א קאָנפליקט צווישן א פאבריקאנט און זיינע ארבעטער; 2. קיין פאבריקאנט זאָל נישט צונעמען קיין ארבעטער פון א צווייטער פאבריק, סיידן דער ארבעטער ברענגט מיט זיך א דערלויב־צעטל פון זיין באַלעבאָס; 3. אלע פאבריקאנטן, וועלכע האָבן אָנגעשטעלט ארבעטער, וואָס האָבן פריער פארלוירן זייערע שטעלעס צוליב אַ לאָקאַוט אין אַן אַנדערער פאַבריק, דאַרפן זיי באַזייטיקן די דאָזיקע אַרבעטער פון זייערע שטעלעס; 4. היות, ווי די פאָדערונגען פון די פּוילישע פאַבריקאַנטן וואָס האָבן דערקלערט דעם לאָקאַוט זיינען נאָכנישט אויסגעהאָרכט געוואָרן, באַשליסט דער צוזאַמענפאָר, אַז אַלע מיטגלידער פון דעם פאַבריקאַנטן־פאַרבאַנד, וועלכע האָבן נאָכנישט אָפּגעשטעלט די אַרבעט, זאָלן זיך סאָלידאַריזירן מיט די פאַבריקאַנטן־חברים פון דעם פּוילישן בערשטער־ראַיאָן.

די אלע אויבנדערמאָנטע רעזאָלוציעס האָבן געזאָלט נאָך אמאָל באהאנדלט ווערן אויף דער נאָענטער לייפּציגער מעסע, ווו אַלע חזיר־האָר־פאַבריקאַנטן וועלן האָבן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן. די דאָזיקע רעזאָלוציעס זיינען שפּעטער ראַטיפיצירט געוואָרן און עס איז אָנגענומען געוואָרן צו פאַראַלגעמיינערן דעם לאָקאַוט און פארמאכן אלע פאבריקן; און עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן נישט צו עפענען די פאבריקן, אזוי לאנג ווי די ארבעטער וועלן נישט נאָכגעבן די פאָלגנדיקע דריי פאָדערונגען: 1. די פאבריקאנטן זאָלן נישט דארפן מער אונטערהאנדלען מיט דעם ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען; 2. אָנשטאָט א וואָכן־לוין, זאָל ווערן איינגעפירט א טאריף פאר יעדן אויסגעארבעטן פּוד חזיר־האָר; 3. די פאבריקאנטן נעמען זיך דאָס רעכט צוצונעמען ארבעטער לויט זייער קאָנוועניענץ און איינזען...

דער לאָקאַוט האָט זיך פאַרצויגן אַ לענגערע צייט. לסוף האָבן די פאַבריקאַנטן זיך אונטערגעגעבן. די מעזריטשער אַרבעטער האָבן דעמאָלט געוווּנען פאַר זיך דעם אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַ וואָכן־לוין, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן 6 און 7.75 רובל און העכער (עס האָט זיך געווענדט אין דער סאָרט אַרבעט און קוואַליפיקאַציע). אין דער זעלבער צייט, האָבן די בערשטער אין טרעספּינע, ווילנע און אַנדערע ערטער נאָך געאַרבעט 9 שעה אַ טאָג און פאַר אַ סך אַ נידעריקערן וואָכן־לויט.

אין 1907, האָט זיך אָנגעפאנגען אַן ערנסטער קריזיס אין דער בערשטער־בראַנזשע. די לייפּציגער מעסע האָט אין דעם יאָר געגעבן זייער נישט גינסטיקע רעזולטאַטן. די פאַבריקאַנטן האָבן געטראַכט וועגן שליסן די פאַבריקן און עס האָט געדראָט מיט אַרבעטסלאָזיקייט. דער בערשטער־פאַרבאַנד האָט דאַן

צוזאַמענגערופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג, אויף צו באַטראַכטן די ערנסטקייט פון דער לאַגע און אָננעמען אַ ריי מיטלען, איבערצוּווינדן דעם קריזיס. אזוי איז באַשלאָסן געוואָרן, צווישן אַנדערעס, צו שאַפן אַ שטרייק־פאָנד, אין פאַל די פאַבריקאַנטן וועלן זוכן אויסצונוצן דעם קריזיס און פּראָוואָצירן שטרייקן; צו־גרייטן שטיצע פאַר די ארבעטלאָזע; און אויף צו דעקן די פאָנדן, זאָלן אַלע באַ־שעפטיקטע אַרבעטער אָפּגעבן אַ האַלבן טאָג אַרבעטס־לוין פאַר די קרבנות פון דעם קריזיס. אויף דעם צוזאַמענפאָר, זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן נאָך צוויי וויכטיקע באַשלוסן: באַטראַכטן אַלע פאַבריקאַנטן, וועלכע באַנוצן זיך מיט פּאָלי־צייאישער הילף אין זייערע קאָנפליקטן מיט די אַרבעטער אַלס פּראָוואָקאַטאָרן און שפּיאָנען און זיי באַקעמפן אַלס אַזעלכע; און איינטיילן דאָס צענטראַל־ביוראָ אויף אַ פּוילישן און אַ ליטווישן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מעזריטש האָט אין די באַראַטונגען געשפּילט אַ הויפּט־ראָלע, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז זי האָט שוין דעמאָלט קאָנצענטרירט מער פון 50 פּראָצענט פון דער אינדוסטריע אין אירע הענט.

אין 1908, דערקלערן די מעזריטשער פאַבריקאַנטן ווידער אַ נייעם לאָקאַוט. זייער איצטיקער פּרוּוו, צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג אויף 10 שעה, ענדיקט זיך מיט אַ דורכפאַל. די מעזריטשער פאַבריקאַנטן האָבן, הפּנים, זיך איבערצייגט, אַז זיי וועלן נישט באַוויזן צו ברעכן דעם אַרבעטער־כּוח און דערווייל אויפגע־געבן דעם פאַרזוך פון נייע לאָקאַוטס. בעת אין דער גאַנצער חזיר־האָר־בראַנזשע קומען פאָר לאָקאַוטס אין די יאָרן 1909־10, איז אין מעזריטש רואיק. מעזריטשער אַרבעטער געניסן אָן שטערונג פון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, ביז אין דער מיט פונעם יאָר 1911. צו דער זעלבער צייט, האַלטן קוים אָן אַלע אַנדערע בערש־טער אין דער מדינה, זייער דערגרייכטן אַרבעטס־טאָג פון 9 שעה. אין 1911 פאַר־נעמען זיך די מעזריטשער פאַבריקאַנטן אויף אַ נייעם פאַרמעסט; זיי ווילן נאָך אַליץ נישט שלום מאַכן מיטן פאַקט פונעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; זיי דער־קלערן, בכן, אַ נייעם לאָקאַוט, וואָס דויערט גאַנצע 17 וואָכן. אָבער, די עקשנות־דיקע האַלטונג פון די אַרבעטער האָט נאָכאַמאָל זיך אימפּאָנירט. דער זיג פון די מעזריטשער אַרבעטער, האָט, ממש עלעקטריזירט די בערשטער אַרבעטער איבע־ראַל און די גאַנצע בערשטער אַרבעטערשאַפט דערקלערט זיך אין שטרייק, פאָ־דערנדיק איינצופירן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג פאַרן גאַנצן פאַך. אַ דאַנק דעם געוואַלטיקן אימפּעט, וואָס האָט אָנגענומען דער שטרייק, האָבן די אַרבעטער דעמאָלט דערגרייכט זייערע פאָדערונגען.

בעת די מעזריטשער בערשטער־אַרבעטער, ווערן אַליץ שטאַרקער אין זייער אָרגאַניזאַציע, ווערן מיט דער צייט די רעשט בערשטער־אַרבעטער בהדרגהדיקער שוואַכער. די לאַגע פון די בערשטער־אַרבעטער אין 1913/14 ווערט געשילדערט אין דער צייטונג „צייט“ *) פון יענעם פּעריאָד, אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער צייט־

*) דערשינען אין ווילנע.

שריפט שרייבט, אַז זעענדיק דעם נידעריקן גייסטיקן מצב פון די בערשטער (אויסער מעזריטש) און זייער געבראָכנקייט, גלייבט זיך קוים, אַז די זעלבע מענטשן זאָלן האָבן ווען עס איז אָנטייל גענומען אין אַן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די בערשטער־ארבעטער האָבן, ווי אמאָל אין די אַלטע צייטן, געארבעט א סך שעהן אין טאָג.

אַן אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון 1903

אין 1898, הייבט אָן דערשיינען „דער וועקער", אַלס אָרגאַן פון „בערשטער־בונד", וועלכער האָט די אויפגאבע צו פארטיידיקן און באדינען די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע. ליידער, האָבן זיך אויפגעהאַלטן (אין ייוואָ, אין ניו־יאָרק) בלויז צוויי נומערן פון דער אויסגאבע. טרעפן מיר אין נומער 12 פון 1903 א קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע מיר האַלטן פאַר ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש און דערפאַר געפינען מיר פאַר אינטערעסאַנט, איבערצוגעבן איר טעקסט, כאָטש ער איז אַ ביסל אויסגעצויגן.

די קאָרעספּאָנדענץ לייענט זיך אַזוי:

„נאָך דעם פאַרגאַנגענעם פּסח האָט זיך אַרויסגערופן אַ שטרייק אין צוויי פאַבריקן, ביי מאיר ציטרין און ביי לייב ביר. געפאָדערט האָט מען — דעם פּרייטיק, אָנשטאָט 10 אויף 7 שעה פאַרקירצן. די פאָדערונג האָט מען באַלד אויסגעפירט און נישט ביי די צוויי פאַבריקאַנטן אַליין, נאָר אַלע האָבן איר דערפילט.

„זעקס וואָכן האָט מען אָפּגעאַרבעט נאָך דער נייער אָרדנונג, און נאָכהער האָבן זיך די קליינע פאַבריקאַנטלעך אָפּגעשטעלט. מיט די קליינע בעלי־בתים איז אַזאַ געשיכטע: זייענדיק אַליין צו שוואַך צו האַנדלען אויפן בערשטערשן מאַרק, זיינען זיי שטענדיק אָפּהענגיק פון די עטלעכע גרעסערע, וועלכע זיינען דאָ ביי אונדז. די גרעסערע העלפן זיי אויס מיט געלט און אַ נויטיקער צייט, פירן זייערע אויסגעאַרבעטע סחורה אין לייפּציג און... שערן זיי אין גאַנג ארום. איבער וואָס די קלענערע באַקלאָגן זיך נעבעך און אגב האָבן זיי גענומען זוכן תחבולות קעגן דעם, אַז די גרויסע זאָלן זיי אַזוי פיל נישט דריקן".

...„ארום 35 בעלי־בתימלעך — דערציילט ער ווייטער — האָבן זיך פאַרזאַמלט און געשאַפן 175 רובל אין מזומנים און אין וועקסלען, ארום 5.000 רובל, בערך, כדי זיך אַליין ארויסצוהעלפן און דערקלערן אַ שטרייק קעגן די גרויסע פאַבריקאַנטן, אָבער זיי האָבן איינגעזען, אַז אָן די אַרבעטער וועלן זיי נישט אויסקומען, האָבן זיי צונויפגערופן די ארבעטער און געזאָגט: „ברידערלעך, העלפט אונז... די גרויסע פאַבריקאַנטן ביי וועמען איהר ארבייט ווילן אונז דערשטיקען". זיי האָבן געוואָלט אַז די ארבעטער זאָלן ארויס אין שטרייק „ביז זיי וועלן אונז נאָכגעבן וואָס מיר פאָדערן ביי זיי „כל ישראל ערבים זה בזה, איינער דעם צווייטען מוז העלפען"...

דער קאָרעספּאָנדענט גיט איבער וועגן די אונטערהאַנדלונגען. דערעיקרשט האָבן די ארבעטער געוואָלט וויסן, אויב די בעלי־בתים וועלן זיי אויסהאלטן אין משך דער צייט פון שטרייק. אויף דעם האָבן זיי געטענהט. אז „ביי אונז ארבייטן דאָך א היבשע צאָל ארבייטער. איז דאָס וועניג?"

„די בערשטער האָבען זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט און זיי האָבען זיי געגעבען דעם פאַרדינטען ענטפער, אַז זיי דאַרפען דורכקומען מיט זייערע „ברידער"... „און אויב נישט, זאָל קיין גרעסערע צרה נישט זיין. וועלען אונזערע אַרבייטער אנשטאט 50 בעלי־בתימלעך, האָבן צען — און טאקע מהיכי־תיתי, פארוואָס נישט? פאַ־ אונזערע אַרבייטער איז דאָס גאָר קיין שאָדען נישט, אדרבה.

„זיי האָבען זיך צעכעסט און פאַרמאַכט די פאַבריקלעך, אַזוי שנעל ווי זיי האָבען אויסגעפּאַרטיקט די אַרבייט און געזאָגט די אַרבייטער, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס „אייערע ברידער" האָבן זיי נישט געהאָלפען. אָבער די אַרבייטער האָבען געלאַכט פון דעם סטראַשונעק ווייל זיי האָבן געוויסט, אז זיי וועלען מוזען עפענען די פאַבריקלעך און כך הוה. אָבער זיי האָבען נישט אַנדערש פאַרלאַנגט ווי אויפגעגעבן דעם 7שעהדיגען ארבייטס־טאָג אין פרייטאָג און אראָבנעמען 1 רובל אויפן וואָך שכירות. ס'האָט זיך אָנגעהויבען א ריכטיקער שטרייק — 300 מאן האָבן געשטרייקט.

„די בעלי־בתימלעך האָט דאָס נישט געשמעקט... נאָר די אַרבייטער, וועלכע האָבן געאַרבייט ביי די גרעסערע פאַבריקאַנטען האָבען זיי ברודערליך געשטיצט. מען האָט אויף יעדען בערשטער אַרויפגעלעגט אַ נאַלאָג... און יעדער האָט מיט גרויס צופרידענהייט געצאָהלט, אַפילו אינגלעך, וועלכע פערדינען גאָר אַ קליינִיגקייט, אויך זיי האָבען געצאָהלט".

דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט ווייטער, אַז די פאַבריקאַנטלעך האָבן נאָכגעגעבן און זיך געטרייסט, אַז נאָך דער לייפּציגער מעסע וועלן די גרויסע פאַבריקן זיך שליסן און מיט פאַרייניקטע כוחות קעמפן קעגן די אַרבעטער, אָבער די האָפענונג האָט זיך צערינען. דער קאָרעספּאָנדענט פירט אויס, אז דער מוסר־השכל פון דעם שטרייק פון די בערשטער־אַרבעטער איז געווען דאָס פאַרלירן דעם ווערט פון דעם פרינציפּ פון „כל ישראל חברים", און אנשטאט דעם, דער געווינס פון דעם „קלאסן־באוווּסטזיין" און דעם כוח פון די בשותפותדיקע ארבעטער־אינטערעסן.

ער שרייבט ווייטער: „איך אינטערעסירט געווים, וואָס פאַר אַ מיטלען נעמען אָן די קליינשטעדטעלדיקע פאַבריקאַנטן — די חסידים, — געגען די אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זיך נישט בונטעווען?".

ער דערציילט דערביי אָט די מעשה נורא: ביי איינעם אן ארבעטער איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל. איז אָבער דער אבי־הבן גאָרנישט קיין חשוב ביי די פאַבריקנטן און זיי האָבן באַשלאָסן דעם אַרבעטער אָנצוזלערנען. זיי זיינען אַוועק צום רב (דאָ באַמערקט דער קאָרעספּאָנדענט, אַז „אונזערע אידישע גייסטליכע

זיינען ברוך־השם נישט בעסער פאַר די רוסישע, אויב נישט ערגער" — א י ר ה ע ר ט, נ אָ ך ע ר ג ע ר! — מ. ע.), אז ער זאָל רופן דעם פאָטער פון קינד און אים מתרה זיין. ערשטנס, ער זאָל ווערן א פרומער ייד; צווייטנס, פאַסט זיך כלל נישט פאַר א ייד צו בונטעווען זיך.

דער אבי־הבן האָט זיך „שטאַרק פאַרנאַנדערגעלאַכט" און דער אויפגערעגטער רב האָט דעם פאָטער, פאַר זיין חוצפה, אויפן אָרט מודיע געווען, אז אין זיין הויז טאָר נישט פאָרקומען דער ברית. א כשרער ייד טאָר נישט אהינצו אריינ־גיין.

דער קאָרעספּאָנדענט לאָדנט אויס זיין צאָרן, פאַרוואָס מען האָט געמוזט שלעפּן אַ קינד פון 8 טאָג און די קראַנקע מוטער אין שול אריין, ווו מען האָט געפּראַוועט דעם ברית.

ער דערציילט אויך, אז די רעפּרעסיעס פון דער מאַכט קעגן די ארבעטער ווערן שטאַרקער. די פּאָליציי פילט צוגלייך מיט די בעלי־בתים, אַז די מעזריטשער בערשטער זיינען שוין נישט אַמאָליקע „פּרים הנשרפים", „מעלקעדיקע קעלבלעך". די היטער פון אָרדענונג ווייסן שוין גאַנץ גוט, אַז ווען עס קומט דער ערשטער מאַי אויף דער וועלט דאַרף מען זיך אָנגורטן מיט כלי־זיין און לאָזן זיך שפּאַנען איבער דער שטאָט און אין די וועלדער, כדי נישט צו דערלאָזן און שטערן די אַרבעטער צו פייערן זייער יום־טוב. ער דערציילט, אַז אויך היינטיקס יאָר (1903), זיינען די בערשטער אַוועק אין וואַלד אַריין פייערן דעם ערשטן מאַי. די פּאָליציי איז אַוועק און געזוכט און גענישטערט אַ גאַנצן טאָג צו דערגיין דאָס פּלאַץ ווו דאָס קומט פאָר. דערווייל האָבן די ארבעטער געיום־טובט אַ גאַנצן טאָג, געהאַלטן רעדעס און טאָסטן... און די אַדמיניסטראַציע איז געבליבן „מיט אַ גרויסער נאָז".

דרך אגב, דערציילט ער וועגן דעם אַרעסט פון אַן אומשולדיקן איינבינדער. די זשאַנדאַרמעריע האָט געוואָלט געפינען דעם מקור פון דער אומלעגאַלער ליטע־ראַטור אין מעזריטש. נישט געפונענדיק דעם שפּור, זיינען זיי איבערגעפאַלן דאָס הויז פון אַן איינבינדער. זיי האָבן ביי אים געפונען „לעגאַלע זשאַרגאָנישע ליטע־ראַטור" און מען האָט אים אַרעסטירט אונטערן חשד פון האַלטן נישט כשרע לי־טעראַטור. שפּעטער האָט מען אים צוריקגעגעבן אַ טייל פון דער קאָנפיסקירטער ליטעראַטור.

ווייטער ווערן מיר געוויר, אז אונטערן איינפלוס פון די בערשטער, זיינען 50 גאַרבער־אַרבעטער צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. זייער מצב איז געווען אַ שווערער. אָבער נאָך עטלעכע שטרייקן, האָבן זיי שוין דערגרייכט פיל אויסבע־סערונגען. אויך אין „הענטל־פאַבריק" (פען־האַלטערס) איז היינטיקן זומער (1903 — מ. ע.) פאָרגעקומען אַ שטרייק. דאָרט אַרבעטן בלויז מיידלעך.

„די עקספּלואַטאַציאָן — דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט — איז דאָרטן אַ אונמענשליכע. דער בעל הבית פון דער פאַבריק איז אַ ציוניסט, האָט ער אויס־געטראַכט אַלס אַ פייערדיקער פּאַטריאָט, אַלס ברענענדער אידען־פריינד, צו צאָ־

לען זיינע אַרבייטערקעס מיט רעדעס וועגען ציוניזם אָנשטאָט שכירות... נאָר די אַרבייטערקעס בעגנוגענען זיך מיט דעם ניט, און האָבען אַרויסגערופען אַ סטרייק. ליידער, איז אָבער די צייט דאַן ניט געווען קיין גוטע און אונזער ציוניסט האָט זיך בענוצט מיט דעם. דעם סטרייק האָט מען פאַרשפּילט, נאָר די אַרבייטערקעס זיינען ביי זיך ניט געפאַלען. זיי זעהן גאַנץ גוט דעם העסליכען געזיכט פון דעם אידישן בלוט־זויגער. נישט קוקענדיק אויף דעם וואָס, ער האָט אַרום זיך אַרומגעדרעהט אַ פּאַטריאָטישע פעל...

„מיר האָבען דאָ דערמאָנט די ציוניסטען, טאָ לאָז שוין געהן כסדר. אין סעפּטעמבער מאָנאַט זיינען פאָרגעקומען צוויי אַרבייטער־פערזאַמלונגען... פון דער צווייטער איז מען „אַוועק דעמאָנסטרירענדיג אין שטאָדט". אויסגעקומען איז עס געוועהנטליך שבת פאַרנאַכט, ווען דאָס מעזריטשער פּובליקום לאָזט זיך אַרויס שפּאַצירען „בתוכם... מעזריטשער ציוניסטען". די מעזריטשער אַרבייטער האָבען זיך פונדערווייטנס באַוויזן און זייער געזאַנג האָט אָפּגעהילכט ווי ווייט. ווען זיינען שוין געווען אין שטאָט און האָבען געזען די שפּאַצירנדע ציוניסטען האָבען פיעל אויסגערופן:: „נידער מיט די ציוניסטן!"; „נידער מיט דער זעלבסט הערשונג!".

„פיעל קענען זיך שטעלן די קשיא, צוליב וואָס איז דאָס נויטיג? צוליב וואָס דער האַס צו אַ צווייטער פּאַרטיי? מיר ווייסען אַז פיעל „אַדעלע" (דעם קאָרעספּאָנדענטס געגנזנפּיסלעך, מ. ע.) נאַטורען שטעלען אַזעלכע פראַגען. נאָר ווען די אַלע... וואָלטען זיך צוגעקוקט נאָענטער צום לעבען און... זיך אָבגעגעבען אַ רעכענונג וועגען דיזער הויקערדיגער בעשעפענים ביי אידען אונטער דעם נאָמען „ציוניזם", און ווי נאָך הויקערדיגער... דיזע באַשעפעניש איז רחמנא ליצלן געוואָרן אויסהאָדעוודיג זיך ביי אונזער אידישער בורזשואַזיע, ווי העסליך איז צו זעהן ווי דיזע פאַרדאָרבענע געלט־דורשטיגע בורזשואַזיע טראָגט זיך אונטער מיט דיזער מתנה, ווי משה רבנו מיט די לוחות, און וויל מיט קאַלטע וואַסערדיג־פייערדיגע רעדעס ווירקען אויף אונדז אַרבייטער, מיר זאָלען דיזע מתנה צונעהמען... וואָלט איהר דערזעהן זייער מיין... אַז מיר, אַרבייטער, זאָלן ווערען ציוניסטן, קעמפפען גע־גען זיי זאָלען מיר אויפהערען. זיי זאָלען אונדז ווי אַמאָל אַזוי גוט־אָרענטליך אַרומשערען, די בלוט אויסזויגען און מיר זאָלען אויסגלאָצן די אויגען צום הימעל און וואַרטען, אויף די גוט הערציגקייט פון דעם טערקישען סולטאַן ירום הודו און אויף די גרויסע העלדישקייט פון ר' הערצלען. אָה! דאַכט זיך, אַז איהר וואָלט שוין קיין קשיות נישט געפרעגט, וואָס אַפילו די מעזריטשער אַרבייטער פון דיזען פינצטערען ווינקעלע זיינען שוין געקומען צום באַוואוסטזיין פון זיינע קלאַסען־אינטערעסן... די מעזריטשער אַרבייטער קוקען שוין אַזוי קלאָר אויפן לעבען און זיינען אים שטאַנד אונטערצושיידען ווער עס זיינען זייערע פריינד און ווער עס זיינען זייערע שונאים".

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין די ראַמען פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט

און אונדזערע דערפאַרונגען, זיינען דעם קאָרעספּאָנדענטס מיינונגען שטאַרק נאַ־איוו. דער קאָרעספּאָנדענט אַליין, וועמענס נאָמען ס'ווערט נישט אָנגעגעבן וועל־כער איז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן נישט געווען קיין אַרבעטער און גאַנץ מעג־לעך נישט געאַרבעט קיין איין טאָג אין זיין לעבן (דאָס איז צו זען פון דעם סטיל און זיינע קאָרעקטע ציטאַטן. די אַרבעטער האָבן זיך רעקרוטירט אַממיינסטן פון די אָרעמסטע שיכטן וואָס האָבן קוים געקענט אַ ביסל יידיש, אַ פּשיטאַ אַז זיי האָבן ווייניק געקענט ציטאַטן פון גמרא אָדער אַ קאָרעקטן העברעאיש) האָט, אפשר, שפּעטער אַליין געקוקט אויפן אינהאַלט פון זיין קאָרעספּאָנדענץ ווי אַ מיטל צו שאַפן שטימונג און קלאָריט דורך מאַכן אַזעלכע ווילדע באַמערקונגען, ווי: „אונדזערע אידישע גייסטליכע זיינען ברוך השם נישט בעסער פאַר די רוסישע, אויב נישט נאָך ערגער", אָדער דאָס „אויסטוייטשן דעם פּרינציפּ פון ,,כל ישראל חברים" אויפן „קלאַסן־באַוווּסטזיין". צי גאָר אַזאַ פּערל ווי „הויקערדיקע באַשע־פּעניש ביים יידן... ציוניזם". אגב, אַריינצושיסן סתם נישט אמתן וועגן „דיזען פּינסטערן ווינקעל (מעזריטש, מ. ע.)" אָדער „פּאַבריקאַנטן — ציוניסטן און חסי־דים". מאיר ציטרין, ביר, ווישנע און אַלע אַנדערע פּאַבריקאַנטן און „בעלי־בתימלעך", זיינען געווען אַזוי ווייט פון חסידות, ווי עס איז דאָס בכלל אַ מתנגד. דער אמת איז, אַז נישט נאָר זיינען זיי געווען ווייט פון חסידות, נאָר אויך פון ציוניזם זיינען זיי געשטאַנען מחוץ אין גרעסטן טייל. דעריבער איז גאָרנישט קיין וווּנדער, וואָס אַזאַ קאָרעספּאָנדענט (ער האָט, אגב, געשריבן נאָך ענלעכע קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען, ווי עס באַמערקט עס דער רעדאַקטאָר אין זיין אַריינפיר) האָט געקענט פאַרפירן מאַדאַם סאָפיאַ דובנאָווו־ערליך צו שילדערן מעזריטש אין שוואַרצע פאַרבן און אין אַן אַבסאָלוט נישט אמת בילד, אָדער מאַכן דעם רעדאַקטאָר פון „וועקער" שרייבן אין זיין אַריינפיר צו דער קאָרעספּאָנדענץ: „דאָס זיינען (די פאַבריקאַנטן) אַ מחנה מלמדים (לומדים), פּראַצענטניקעס מיט פערדרעהטע גמרא־קעפּלעך און מיט גרויסע וועלערס צי געלד. פון דעם אַרבייטער וואָלטן זיי וועלן שטילינקערהייט אויסזויגען די ביי־טעלע בלוט זיינע, כדי נאָכדעם אויסבייטן די אויסגעזויגענע בלוט אויף געלד — דאָס איז זייער אידעאַל".

מיר לייענען אַדורך אָט דעם פּאַשקוויל־קאָרעספּאָנדענץ און ס'דערמאָנט זיך, אַז קאַרל מאַרקס אין זיין בראָשור „צור דער יודען־פראַגע" האָט געשריבן, מער־ווייניק, אין דעם נוסח וועגן דעם יידישן פאָלק; און זיינער אַ תלמיד האָט נישט מער ווי נאָכגעפאָלגט דעם זעלבן סטיל.

די רעוואָלוציע פון 1905

דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם וואָס האָט אַרומגעכאַפּט רוסלאַנד און פּוילן אין יאָר 1905, האָט, נאַטירלעך, נישט אויסגעמיטן מעזריטש. די בערשטער־

אַרבעטער זיינען געווען צווישן די מוטיקסטע און קעמפערישסטע אינעם אויפֿשטאַנד. און ווען די אַרבעטערשאַפֿט אין רוסלאַנד האָט זיך געגרייט אַראָפּצוּוואַרפֿן די אַליינהערשנדיקע צאַרישע רעגירונג, האָט די מעזריטשער אַרבעטערשאַפֿט, צוזאַמען מיט די סימפּאַטיקער צווישן דער אינטעליגענץ זיך געשטעלט אין די רייען פֿון די קעמפֿער. כאָטש, אין פּלוג, איז מעזריטש געווען אַ יידיש שטעטל אין תחום־המושב און דאָס וואָס ס'זאָל דאָרט נישט פֿאָרקומען, וואָלט נישט געהאַט דעם מינדסטן איינפֿלוס אויפֿן גאַנג פֿון די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד, האָט עס דאָך נישט פֿאַרמינערט די העלדישקייט און איינשטעלעניש פֿון די מעזריטשער אַרבעטער. ווייל, צו יענער צייט איז מעזריטש געווען אַ גאַרניזאָן־שטאָט; אין מעזריטש האָבן זיך געפֿונען מיליטערישע קאַזאַרמעס כמעט איבער דער גאַנצער שטאָט — דוכט זיך, אַז טיילמאָל זיינען דאָרט געווען איינגעקוואַרטירט ביז אַ גאַנצער פּולק — ביי אַזעלכע ספּעציעלע אומשטענדן, האָט דאָס מיליטער געהאַט די אויפֿגאַבע צו וואַכן איבער דער שטאָט. דאָך, נישט געקוקט אויף דעם, האָבן די מעזריטשער אַרבעטער זיך געגרייט צו דער רעוואָלוציע.

די מאַכט אין שטאָט האָט געוווּסט, אַז אין די פֿאַבריקן ברענט דאָס פֿייער פֿון רעוואָלוציע און די שנאה צום רוסישן קייסער און זיין רעאַקציאָנערן רעזשים האָט, לעולם, געברענט אין אַלע יידישע הייזער. און אין דער אמתן, אויף וויפֿל ס'האָט אַ שייכות צו יידן, וואָלט זיך נישט געפֿונען קיין איין ייד וואָס זאָל פֿאַרגיסן אַ טרער אויפֿן אונטערגאַנג פֿון דעם שוואַרץ־מאַהדיקן צאַרישן רעזשים.

אין מעזריטש פֿלעגט מען דערציילן, אַז ביי גאָלדעלע שטיין אין וואַרשטאַט „שווערן די אַרבעטער יעדן טאָג צו קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט און רעכט און אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם קייסער. און ביי מאיר שמחהן אין פֿאַבריק, ביים לאַנגן טיש... איז איין קאָם אַרומגענומען מיט אַ זיידענע רויטע שלייף און אין אַ ווינקל איז אויסגעמאָלן דער רוסישער קייסער. און ווי נאָר דער זייגער קלינגט פֿינף, לויפֿט צו בעריש קאַבעלע מיטן אויסגעשריי: „דאַלוי סאַמאָדזשערזשאַוויע" און שטעכט אריין אַ מעסער אין קייסערס פּנים אריין" (60).

כאָטש נישט אַלע זיינען געווען צופֿרידן מיט די מעשים פֿון די „ברידער" (אזוי האָט מען גערופֿן די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אידענטיפֿיצירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג) ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר רעפּרעסיעס מצד דער מאַכט, האָבן זיי אָבער נישט ווייניקער מורא געהאַט צו פּראָוואָצירן די „ברידער" און מאָן עפּעס קעגן זיי, אודאי נישט. אין שטאָט האָבן אַלע געוווּסט די מעשה מיט איטשקען דעם פֿערדהענדלער און מען האָט זיך געשושקעט אין די אויערן וועגן דער חברה וואָס האָבן אים „קאַלט געמאַכט". די מעשה פֿון דעם איז געווען אזוי:

איינמאָל איז איטשע פֿערדהענדלער פֿון וואַרשע געקומען צו פֿאָרן קיין מעזריטש און פֿאַרפֿאָרן צו משה קאָניאַך. אָט דער איטשקע איז געווען ביי

דער ווארשעווער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פּארצייכנט אלס אַן אַגענט פון דער אָכראַנע. ער איז אויך געווען אַן עדות אין אַ גרויסן פּאָליטישן פּראָצעס און געווען אַ מיטהעלפער צו דעם, אַז אַ סך רעוואָלוציאָנערן האָבן באַצאָלט מיט זייער פרייהייט. די אָרגאַניזאַציע האָט דעריבער געזוכט דעם אופן ווי אַזוי אים אומשעדלעך צו מאַכן און האָט באַשלאָסן איבערגעבן דעם איטשקען אין די הענט פון די מעזריטשער חברים.

די מעזריטשער חברים, האָבן די זאַך דורכגעפירט בשלימות. ווען איטשקע איז געזעסן ביי משה קאָניאַך און געגעסן „וועטשערע", זיינען אריינגעקומען „צוויי יונגעלייט" און געפרעגט צי ער איז איטשקע, האָט ער געענטפערט, אַז יאָ... האָבן אים די צוויי יונגעלייט באַלד דערשטאָכן. דער באַלעבאָס מיט זיין ווייב... האָבן אָנגעהויבן שרייען, האָט זיך איינער פון די צוויי יונגעלייט צוריקגעקערט און געזאָגט: „ר' משה, איר האָט גאָרנישט געזען!" (61).

די דאָזיקע געשיכטע, האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. מען האָט איינגעזען, אַז מען שפּילט זיך דאָ מיט פייער, און אַקעגנשטעלן זיך קעגן די „ברידער", הייסט ריזיקירן מיטן לעבן. מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו הערן קאָמענטירן די „מעשה איטשקע" און דערמאָנען דערביי די יונגעלייט, וואָס האָבן אדורכגעפירט דאָס שטיקל ארבעט, איז נאָך אַלץ געלעגן שרעק אין די אויגן פון די דערציילער.

צי איטשקע איז טאַקע געווען אַ שפּיאָן, אַן אַגענט פון דער אָכראַנע — איז געבליבן אַ רעטעניש. טייל מעזריטשער האָבן נאָכדעם געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַ פאַטאַלער טעות. גראָד דער מענטש, וועמען מען האָט אוועקגעלייגט, איז נישט געווען דער אמתער שולדיקער. ער האָט טאַקע געהייסן איטשקע, אָבער ס'איז נישט געווען דער, וועמען די אָרגאַניזאַציע האָט געזוכט צו מאַכן אומשעדלעך.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז דערפאַר מעזריטש געווען אינגאַנצן אונטער דעם דרוק פון די „ברידער". ווען זיי האָבן פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק און באַפוילן צו שליסן אַלע געשעפטן און ווארשטאַטן, האָבן אַלע זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס. די באַלעבאַטים פון דער שטאָט זיינען אין יענעם מאָמענט געווען די ביידע קיווועס — קיווע דער גרויסער (וועמען מ'האָט אָפּגעהאַקט די לונגען אין די צארישע תפיסות. ער איז נאָכדעם געשטאָרבן אין אַמעריקע אין די מיטעלע יאָרן) און קיווע דער קליינער, און זייערע נאָענטסטע אַדיוטאַנטן, סאַנעלע, מאָרעס א. א.

נישט נאָר די קרעמער און די באַלעמלאָכעס, נאָר אפילו די שוחטים האָבן אויך געשטרייקט. מיין מוטער פלעגט מיר דערציילן, אַז מיין פאָטער האָט זיך אַנטזאָגט צו גיין אין בוינע שעכטן. ערשט מיט דער באַגלייטונג פון אַ מיליטערישער וואַך, איז ער געגאַנגען שעכטן.

אויף צו מאָרגן, איז געקומען איינער פון די קיווועס (איך געדענק נישט

וועלכער), מיט נאָך עטלעכע חברים זיינע צו אונדז אהיים און זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין פאָטער. די מאמע האָט זיך שטארק דערשראָקן.

„שרעקט זיך נישט, שוחטקע" — האָט א זאָג געטאָן איינער פון דער דעלעגאציע — „מיר זיינען געקומען אויסדריקן אונדזער יישר־כוח ר' כילן (יחיאלן). ער האָט געהאנדלט ווי א פריינט".

די שטאָט איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן און עס האָבן נישט געהאָלפן די באפעלן פון דער באוואָפנטער מאכט — קיינער האָט נישט געוואגט צו עפענען זיין קלייט.

מעזריטש האָט געיובלט, ווען דער צאר האָט צוגעזאָגט צו געבן א קאָנסטיטוציע און צו פאררופן א דעמאָקראטיש דערוויילטע דומע. אָבער צוגלייך מיט דער גאנצער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, האָט די מעזריטשער ארבעטערשאפט — נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאנד — געהאט אויסצושטיין רעפּרעסיעס מצד דער מאכט. די ארבעטער האָבן אָבער נישט אויפגעגעבן זייער ווייטערדיקן קאמף פאר מענטשלעכערע לעבנס־באדינגונגען און זיך געגרייט צו דעם נאָענטן פארמעסט, צו באפרייען רוסלאנד פון איר דעספּאָטישן רעזשים און איינפירן א סאָציאליסטישע אָרדענונג.

דער ערשטער קרבן...

אין 20סטן דעצעמבער 1905, האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער פּאָליטישער שטרייק, וואָס האָט אָנגעהאלטן צוויי טעג. די שטאָט איז געווען באַהערשט פון א גענצלעכן שטילשטאנד. אין די גאסן איז בלויז געווען מערקבאר דאָס דרייען זיך פון באוואָפנטע פּאטרולן פון מיליטער און פּאָליציי, וועלכע האָבן געעצהט די קרעמער צו עפענען זייערע קראָמען און די אָנגעשטעלטע, צוריקצוקערן זיך צו זייערע פּאָסטנס. די פּאָליציי האָט אפילו געסטראשעט מיט א פּאָגראָם מצד דעם מיליטער. אָבער, די שטאָט האָט זיך נישט צוגעהערט צו די סטראשונקעס פון די היטער פון דער אָרדענונג.

די פּאָליציי איז געווען שטארק אויפגעבראכט פון דעם און כאָטש זי האָט זיך טיילווייז געשטילט דעם כעס מיטן ארעסטירן א געוויסע צאָל ארבעטער, האָט זי נאָך געזוכט ווי אזוי נקמה צו נעמען פון דער שטאָטישער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך געלאָזט באאיינפלוסן פון די ארבעטער און נישט אויסגעפאָלגט אירע באפעלן. דער צופאל האָט געוואָלט, אז אזא געלעגנהייט זאָל זיך מאכן אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג:

שבת, דעם 24סטן דעצעמבער, האָט א גרופּע קליינע קינדער זיך געשפּילט אין א דעמאָנסטראציע. זיי האָבן גענומען א רויטן טוך און געמאכט פון אים א פאָן און האָבן אזוי מארשירט איבער די גאסן. דער סטראזשניק, וואָס האָט געזען די קינדער־„דעמאָנסטראציע", איז ארויס אין מלחמה מיט

די „חברים" — און די קינדער, פון זייער זייט, האָבן אים גענומען באַמבאַר־דירן מיט שניי־קוילן. דער סטראַזשניק האָט געזען, אַז די מלחמה איז א צו שווערע פאַר אים אליין, איז ער אוועק צום קאָמאַנדיר פון מעזריטשער גאַרני־זאָן און דאָרט דערציילט, אַז אין שטאָט קומען פאָר אומרוען. דער אָפיציר, וועלכער האָט זיך גראָד געפונען אין א שיכורן צושטאַנד, האָט אפילו נישט איבערגעפרעגט, וואָס אייגנטלעך עס קומט פאָר אין שטאָט און ער האָט אים מיטגעגעבן 30 סאָלדאַטן, כדי „איינצושטעלן די אָרדענונג".

צוויי שעה צייט, האָבן די סאָלדאַטן געשאָסן אין די גאַסן און דער רע־זולטאַט פון דער שיסעריי איז געווען: 12 פאַרוווּנדעטע דורך קוילן; 15 פאַר־וווּנדעטע פון קלעפּ מיט די „פריקלאַדן"; איין אַרבעטער איז געשטאָרבן פון די וווּנדן. די סאָלדאַטן זיינען זיך אויך מערדעריש באַגאַנגען מיט די פאַרוווּנ־דעטע, וואָס האָבן בכלל נישט געהאַט קיין שייכות צו דער דעמאָנסטראַציע. פון דער בלינדער און הפקרדיקער שיסעריי, האָבן אויך איינצלנע קוילן פאַר־בלאָנדזשעט אין די הייזער און פאַרווונדעט מענטשן אין זייערע היימען.

אויף דער שטאָט איז אָנגעפאַלן א פּחד; אָבער, גלייכצייטיק האָט אַלעמען באַהערשט א שרעקלעכע אויפרעגונג קעגן דעם וואַנדאַלישן אַקט. די „אָרגאַ־ניזאַציע" (אַזוי האָט מען גערופן דעם „בונד"), האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַ־מירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק קעגן דער אומזיניקער און ווילדער שיסעריי. זונטיק אין דער פרי, האָט אַלץ געשטרייקט. אַן ערך 1.300 אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט און זיינען אַרויס אין גאַס, גרייט צו דעמאָנסטרירן בעת דער לויה פון זייער אומגעקומענעם חבר. די פּאָליציי האָט אָבער נישט דער־לאָזט צו פאַרזאַמלען זיך און באַוואָפנטע פּאַטרולן זיינען אַרומגעגאַנגען אי־בער די גאַסן און געשלאָגן יעדן איינעם, וואָס זיי האָבן נאָר באַגעגנט. דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג, וואָס ס'האָט אָנגעהאַלטן דער שטרייק, האָט די פּאָלי־ציי נישט געוואָלט דערלויבן די לויה, בכדי אויסצומיידן די צוגעגרייטע פּראָ־טעסט־דעמאָנסטראַציע און אירע מעגלעכע פאָלגן. ערשט ביינאַכט האָט די פּאָליציי, מיט דער הילף פון סאָלדאַטן, אַרויסגעגנבעט דעם דערמאָרדעטן אַר־בעטער און אים מקבר געווען (62).

ווי אַזוי מען האָט געפעלשט געשיכטע

די פּרעסע, איז אָן שום ספק א מקור פאַר געשיכטע. אָבער, אין טייל פאַלן, א צווייפלהאַפטער מקור. צו דעם אויספיר מוז מען קומען, ווען מען באַקאָנט זיך מיט געוויסע פּרעסע־באַריכטן וועגן ענינים, וואָס זיינען אייך באַקאַנט; און אין געגעבענעם פאַל, זעט מען בולט, אַז דער פּרעסע־באַריכט איז נישט נאָר א טענדענציעזער, נאָר, נאָכמער, ער איז אַבסאָלוט פאַלש. צו דער מסקנא בין איך פיל מאָל געקומען, אין משך פון מיינע פאָרש־אַרבעטן און

אלס מוסטער וועל איך זיך טאקע באנוצן מיט א באריכט, וואָס האָט צו טאָן מיט אונדזער מעזריטש.

אין דער בונדישער „ארבייטער־שטימע" *) לייענען מיר (איך ענדער דאָ נאָר די אָרטאָגראַפיע, אָבער נישט דעם סטיל):

„מער ווירקונג, ווייזט אויס, האָט דער מעזריטשער רב —ר' חיים זאק— פון זיין ק"ק (קהילה קדושה — מ. ע.). די שטראַלן פון פרייהייט האָבן אונד־זער מעזריטש אויך נישט פארבייגעלאָזן; שרייבט מען אונדז פון דאָרטן, אז דער פאנאטיזמוס פון דער יוגנט האָט אָנגעהויבן צו זינקען. דעם היינטיקן יום־כפור, האָבן א סך יונגעלייט נישט פארבראכט אין פאסטן און תחנונים, און האָבן פריילעך צוגעבראכט די פרייע צייט. דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן דעם רב און די בה"ב (באלעבאטים) פון די יונגעלייט, וועלכע זיינען מייסטנס בערשטער; און ער האָט געגרינדעט א חברה „מחזיקי הדת". זי באשטייט פון טרעגער, פורלייט און אייניקע פרומע יידן. דער ציל פון וועלכער, איז אכ־טונג צו געבן אויף אלע ערטער, ווו מען וועט געפינען אסיפות פון בחורים און בתולות און צו זאיאווען (ד. ה. מעלדן — מ. ע.) וועגן דעם דעם זשאנ־דאַרמסקען (?): ער האָט פונאנדערגעקלעפּט וועגן דעם אין די בתי־מדרשים הודעות, פון וועלכע מיר ברענגען דאָ דעם גאנצן טעקסט אָן שום פארענדערונג:

„הודעה

„מען איז מודיע לאנשי עירם דפה, אזוי וויא כפי הנשמע, איז דאָ הרבה מקומות בפה וואָס קומען זיך צוזאַממען בחורים, איבער הויפט בשבת קודש בבוקר בשעת התפילה. אין יעדער אָרט איז דאָ א בחור וואָס האָט אונטער זיך כמה תלמידים, וואָס עהר לערינט זיי וויא אזוי אראָפּגיין פון דרך התורה והיהדות און גיין אנטקעגען פּראַוויטעלסטוואָ, וואָס דערמיט זענין זייא רודף דעם גאנצן כלל ישראל, און מחלל שם־שמים בפרהסיא ד' ירחם, דרום איז מען מודיע אז עס איז ייעצט נתייסד געוואָרען א חברה הנקראים בשם „מחזיקי הדת" אנשים אשר יראת ד' נגע בלבם והרב אבד"ק בראשם. ובידיעת המוראַ־וואייע־סאָדיאַר (דאָס איז דער פרידנס־ריכטער פון שטאָט — מ. ע.) און די חברה וועלין ארום גיין אכטונג געבין אין אלע ערטער און אז מען וועט געפי־נען א זעלכע אסיפות אָדער איין פארזאמלונג פון בחורים און בתולות וועט מען דאָס זאייאווען דעם זאנדארמיסקע. גם די בעה"ב וואָס עס געפינען זיך ביי זיי א זעלכע אסיפות וועלין האָבן א גרויסן אוהמשטאנד. גם איז מוטל אויף ייעדער מענטש וואָס ווייסט וויא די אסיפות געפינען זיך זאָל מען קומען מעלדירען להרב דפה ולהשומע ינעם. עס פאָלגט די חתימה פונעם רב".

„דער רב — ווערט ווייטער געזאָגט אין דער קאָרעספּאָנדענץ — ווייזט אויס איז זייער אן ענערגישער מאן... דער מעזריטשער רב האָט זיך נישט בע־

*) נומער 35, ווילנע, 1903.

גנוגענט מיט זיינע ליטעראַרישע ווערק, פון וואָס מען זעט אַרויס ניט מער ווי זיין גראָבהייט און אומוויסנהייט. ער האָט אויפגערופן די בה"ב און האָט ביי זיי זיך דערוווּסט אַלע נעמען פון די בונטאָווטשיקעס (אַ בונטאָווטשיק איז דער, ווער עס האָט געגעסן יום־כפור) און האָט געמאַכט פון זיי אַ צעטל. די באַדייטונג פון דעם צעטל, האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָ נישט לאַנג. אייניקע פאַבריקאַנטן האָבן צוגענומען אַרבעטער נישט וויסנדיק, אַז זיי זיינען איינגע־שריבן ביים רב אין צעטל. דער רב האָט גלייך פאַררופן די בה"ב צו זיך. דער פּועל־יוצא פון דעם וויזיט איז געווען, אַז קומענדיק צוריק אַהיים האָבן זיי געזאָגט די אַרבעטער אינעם נאָמען פון דעם רב, אַז מען טאָר זיי נישט האַלטן און האָבן זיי אַנטזאָגט. דאָס איז פאַר דעם, וואָס זיי „האַלטן נישט פון יידישן גלויבן, און שטרייטן קעגן די בה"ב און דער רעגירונג"; אַזוי האָט דערקלערט דער נייער זשאַנדאַרם אין דער רבנישער פעל, די סיבה, פאַר וואָס מען האָט אַנטזאָגט די אַרבעטער".

•

מיין ערשטע רעאַקציע, ביים איבערלייענען די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ, איז געווען איר צו איגנאָרירן. איך בין געווען זיכער, אַז נישט אונדזער מעז־ריטש ווערט דאָ געשילדערט אין אַזעלכע שוואַרצע פאַרבן. אָבער, דער פאַקט וואָס דאָרט ווערט גערעדט וועגן דער בערשטעטער־ אינדוסטריע און אַנדערע אייַנצלהייטן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער זעלבער קאָרעספּאָנדענץ, האָבן פאַר מיר קלאָר געמאַכט, אַז דאָס מיינט מען אונדזער מעזריטש. יעדער מעזריטשער —אויב ער פאַרמאָגט נאָר אַביסל אַ ידיעה וועגן דער געשיכטע פון אונדזער שטאָט— וועט מוזן מסכים זיין מיט אונדזער אויספיר: אָדער אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט גאַנץ באַוווּסטזיניק פאַרפירט דעם רעדאַקטאָר; אָדער ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ צייטונגס־קאַטשקע (דאָס צווייטע איז וויניקער וואַרשיינלעך אָבער נישט אויסגעשלאָסן) וואָס די רע־דאַקציע האָט אַליין פאַבריצירט. לאָמיר באַווייזן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי:

קודם כל, האָט מעזריטש קיינמאָל, נישט געהאַט קיין רב מיט דעם נאָ־מען חיים זאַק. אין מעזריטש איז צו יענער צייט געווען רב ר' נחמן דוב שאַ־פּירא. און ער האָט געירשנט דאָס רבנות פון זיין פאָטער ר' ישראל איסר. אפילו די דיינים, וואָס ווערן דערמאָנט, האָבן געהאַט אַנדערע נעמען. איינער האָט געהייסן ר' משה קאַצענעלנבויגן און דער צווייטער — ר' מאיר לעוו. דער רב איז, בכן, עפּעס אַ צוטשעפּעניש צו מעזריטש און וויבאַלד דער דער־מאָנטער רב איז אַ געפּעלשטער, איז דאָך דער אויפרוף מיט דעם רבס שטעמפּל, כלומרשט, אויך אַ פאַלשער.

צווייטנס, האָט מעזריטש קיינמאָל נישט געהאַט קיין חברה מיט דעם נאָמען „מחזיקי הדת".

דריטנס, דער סטיל פון דעם כלומרשטן אויפרוף. אַלע וואָס האָבן גע־קענט מעזריטש ווייסן גאַנץ גוט, אַז דוקא אין מעזריטש האָבן יידן נישט גע־

רעדט מיט ר׳סיפּיציזמען. די שטאָט אזוי געווען א דורכאויס יידישע און רוסן זיינען דאָרט כמעט נישט געווען בנמצא. די ארומיקע גויים, האָבן גערעדט פּויליש אָדער אוקראַיניש. דער אויפרוף האָט, ממילא, צופיל רוסיפיציזמען, אז ער זאָל זיך צופּאסן צום מעזריטשער רעדנס־ארט.

אויך ווען מען צעגלידערט דעם סטיל און אויסלייג פון דער „הודעה", זעט מען די קאָמישקייט פון דעם פּאלסיפיקאט. הפנים, דער פארפאסער פון דער הודעה האָט געוואָלט נאָכמאכן א רבנישן אויפרוף אין זיין אויסלייג און סטיל, און עס איז ארויסגעקומען א פארזעעניש. אמאָל לייגט ער אויס די ווערטער מיט א יוד אָנשטאָט אן עין און אמאָל פארקערט; אמאָל שרייבט ער נאָך א יוד אָדער צוויי יודן מיט אן אלף צום סוף און אמאָל אָן אן אלף. דאָס וואָרט „איבערהויפּט" פּאסט זיך כלל נישט אריין אין דעם סטיל און נאָך ווייניקער די גענזנפיסלעך. דער כלומרשטער רב חיים זאק, וועלכער האָט קוים געקענט אויסלייגן, האָט זיכער נישט געוווּסט פון אזא זאך, ווי גענזנפיסלעך.

עס איז אָן שום ספק, אז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט א פּאשקוויל פון דעם נידעריקסטן מין און די קאָרעספּאָנדענץ איז שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן פון א יעווסעקישן שרייבער, וועלכער האָט אָנגעשריבן א בראָשור, אין וועלכער ער באווייזט, אז די רבנים האָבן געדינט דער אָכראַנע.

איצט וועלן מיר זיך צוריקקערן צו דער צווייטער טייל פון דער אויבנדערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז, אגב, אין בפירושער סתירה צום ערשטן טייל:

„גלייך נאָכן ערשטן מאַי, שרייבט מען אונדז פון מעזריטש, זיינען ביי אונדז פאָרגעקומען יידישע פארזאמלונגען אין אלע בתי־מדרשים אונטער דער אָנפירונג פון דעם ציוניסטישן רעדנער גאָלדפאַרב (דאָס איז דער זעלבער לייזער בייניש גאָלדפאַרב, וועמען מיר האָבן שוין דערמאָנט אין אונדזער קאפּיטל „נאציאָנאַלע באוועגונג" — מ. ע.). ער האָט ארויפגעוואָרפן שמוץ און בלאָטע אויף דער יידישער אָרגאַניזאציאָן („בונד" — מ. ע.) און האָט זי אָנגערופן מיט די שענדלעכסטע ווערטער. אלע יידישע צרות און די פּאָגראָמען שטאמען כלומרשט פון איר. ער האָט גערעדט דעם עולם, אז ביי וועמען עס איז נאָר טייער דאָס יידנטום, זאָל זען מיט אלע מעגלעכקייטן ארויסצוגעבן זיינע נישט אָרנטלעכע קינדער דער פּאָליציי, און אויף אזא אופן אויסוואָרצלען דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט.

„די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער האָבן אויפגעוואָרפן דעם ה׳ גאָלדפאַרב, וואָס ער האָט אזוי פיל באשמוצט, נישט געבנדיק זיי די מעגלעכקייט צו פארטיידיקן זיך. מען האָט דעריבער איינגעשטימט צו מאכן אין שול א דיספּוט צווישן די ציוניסטן מיט די ארבעטער.

„דעם 26סטן מאַי, האָבן זיך פארזאמלט א מאן 1.000 אין שול. ארום שול זיינען געשטאנען א מאן 3.000, וועלכע האָבן שוין נישט געקענט אריין

(דאָס איז בכלל נישט ריכטיק, ווייל די מעזריטשער שול צוזאַמען מיט די עזרות־נשים האָבן, אָן ספק, געקענט אריינגעמען די 4.000 מענטשן — מ. ע.). ה' גאָלדפארב האָט גערעדט וועגן דעם, צי קען דער סאָציאַליזמוס אויסגעפירט ווערן, וואָס וועלן יידן פון דעם געניסן? אים האָבן געענטפערט צוויי ארבע־טער. איינער האָט גערעדט וועגן דער היסטאָרישער אנטוויקלונג און וועגן סאָציאַליזמוס. ווי ער האָט נאָר געענדיקט, האָט מען פון פובליקום א געשריי געטאָן: „עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!" דאָס פובליקום האָט געענטפערט מיט א הילכיקן „הורא!"

„דער צווייטער ארבעטער האָט גערעדט וועגן די אורזאכן פון נאַציאָנאלן האַס; האָט באוויזן, אז די שנאה צו יידן שטאמט פון די זעלבע עקאָנאָמישע באדינגונגען, פון וועלכע עס שטאַמען אויך די מלחמות פון אייראָפּע מיט כינע, פון ענגלאנד מיט טראַנסוואל. די פארווירקלעכונג פון סאָציאַליזמוס וועט מאכן א סוף צו אלע צרות, וואָס די קאפּיטאַליסטישע אָרדענונג ברענגט מיט זיך, און דאַן וועט אויך נעמען א סוף צו די יידישע צרות.

„די ציוניסטן האָבן געקראָגן ספּאַזמעס, און האָבן נישט געקענט ענדיקן זייערע רעדעס. ווען איינער פון זיי האָט געענדיקט מיט די ווערטער „ובא לציון גואל במהרה בימינו אָמן", האָט קיינער קיין „אָמן" נישט געענטפערט.

„אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען גערעדט וועגן דעם זיג פון די ארבע־טער איבער די ציוניסטן.

„נייע צייטן, נייע לידער! עס וועט נישט העלפן ר' חיים זאַק, דער רב פון מעזריטשער ק"ק, מיט זיינע יידישע שוטרים. עס קען אויך נישט העלפן דער זשאנדארמסקער, וועלכער איז גלייך נאָך דער דיסקוסיאָן געקומען אין שול און האָט דעם 10טן אָקטאָבער ארעסטירט אין גאַס צוויי ארבעטער, עלנ־צווייג און ברענזילבער און געהאַלטן זיי 6 וואָכן פאַר די זעלבע דיסקוסיאָן".

די דאָזיקע טייל פון דער קאָרעספּאָנדענץ, איז דער שטארקסטער ארגו־מענט קעגן דעם אָנהייב פון דער זעלבער. קען ווער זיך גלייבן, אז אין איין־און דער זעלבער צייט זאָל מען רעדן וועגן עפּעס געהיימע פארזאמלונגען און וועגן אומבאקאַנטע מענטשן, וועלכע פירן אראָפּ די יוגנט פון דרך הישר; מענטשן וואָס מען מוז אויפדעקן — אזוי האָט פארלאַנגט דער „מעזריטשער" רב חיים זאַק — און ער האָט געמוזט אזש גרינדן א חברה פון טרעגער און פּורמאַנעס צו נאָכשפּיאָנירן יענע חברהלייט, די בחורים און בתולות; און אין דער זעלבער צייט, טאַקע בנשימה אחת, ווערט דערציילט וועגן דער אָפענער דיסקוסיע אין שול, אין מקום־קדוש, צווישן די זעלבע פארשוינען — און זיי זיינען שוין מויזנטער, די ארבעטער־רעוואָלוציאָנערן — מיט די ציוניסטן. האָבן זיי שוין גאָרנישט מורא געהאַט? און ווו איז געווען דער רב? פארוואָס האָט ער נישט פארבאָטן די פארזאמלונג אין שול? איז ער דאָך געווען דער מרא־דאתרא? און ווו זיינען די טרעגער און אַנדערע שטאַרקע יונגען? ווי אזוי

האָבן זיי דאָס צוגעלאָזט צו אזא חילול־השם און נישט אויסגעפּאָלגט דעם רבס ווילן, ווען מען „שוטרים" זיי זיינען געווען?

עפּעס גלויבט זיך נישט, אז דאָס איז סתם א פּארפּירערישע קאָרעספּאָנ־דענץ. בין איך מאַק חושד, אז זי איז שטארק באארבעט געוואָרן פון דער רע־דאקציע גופא, כדי עס זאָל זיין וואָס מער פעטער און געזאלצענער אויף ארויסצושטעלן א רב אין שווארצע פארבן און שטעמפּלען אים אלס אן אגענט פון דער אָכראַנע. אָט אזוי האָט מען געפּעלשט געשיכטע, אין די אינטערעסן פון פּארטיי־פּאָליטיק.

פּארטיי־קאַמפּן און געשלעגן

מיטן באווייזן זיך אין שטאָט פון דער ארבעטער־גרופּע פון די ס. ס. האָבן זיך אָנגעהויבן פּארטיי־רייסענישן און ס'איז אפילו דערגאנגען צו בלוטיקע געשלעגן. די דאָזיקע שטרייטן זיינען איבערהויפּט פאָרגעקומען אויפן געביט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, וואָס די ס. סאָווצעס האָבן זיך גענומען אָרגאניזירן אין מעזריטש, אין הסכם מיט דעם באשלוס פון זייער פּארטיי.

אין „דער נייער וועג" *) לייענען מיר ווענן: „דער הריגה אין בוכשטעב־ליכן זין פון דעם וואָרט" וואָס איז פאָרגעקומען פון „איין טייל פּראָלעטא־ריער..."

„עס האָט זיך אָנגעהויבן, ווען אייניקע מענטשן (דער קאָרעספּאָנדענט זאָגט, אז דערוויייל ווייסט מען נישט, ווער זיי זיינען און צו וועמען זיי גע־הערן) האָבן אטאקירט א בונדישן ארבעטער, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אָנשליסן אין דעם שטעפּער־שטרייק, וואָס איז דערקלערט געוואָרן אין איין שטעפּעריי. דאָס האָט אויפגעבראכט דעם „בונד" און זיינע חברים האָבן זיך צעטיילט אויף גרופּן און האָבן זיך געלאָזן איבער די הייזער צו די באקאנטע ס. סאָווצעס און האָבן זיי שרעקלעך צעשלאָגן מיט שטיקער אייזנס. א פּאָטער פון א ס. סאָוויעץ, האָבן די חברים געשפּאָלטן דעם קאָפּ. מחמת מורא, האָבן פיל חברים נישט גענעכטיקט אין דער היים. וואָרום די בונדיסטן האָבן אין יענער נאכט געמאכט אן אונטערזוכונג ביי אלע אונדזערע חברים. אויף צו מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי אויך פיל פון אונדז אָפּגעהיט און געשלאָגן... עטלעכע ליגן נאָך קראנק פון די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באקומען. מיט איין וואָרט: מיר האָבן איבערגעלעבט אן עכטן פּאָגראָם מיט אלע קליפּערלעך, און ער האָט געווירקט אויף אונדז שווערער, ווייל איהם האָבן געמאכט... מיטגלי־דער פון א סאָציאל דעמאָקראטישער אָרגאניזאציאָן".

דער בונדישער אָרגאן „די פּאָלקסצייטונג" **) ברענגט גלייכצייטיק א

*) אָרגאן פון ס. ס., ווילנע, 23סטער אָקטאָבער 1906, נומ. 38.

**) ווילנע, 11טער יאנואר, 1906.

קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם זעלבן ענין און —פאַרשטייט זיך— דערציילנדיק דאָס געשעענע אויף א פאַרקערטן אופן. די קאָרעספּאָנדענץ, איז געשריבן פון איינעם וואָס חתמעט זיך מיטן איניציאַל ח. ער באַקלאָגט זיך וועגן דעם ביל־בול וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויפן „בונד", ער זאָל האָבן געמאַכט א פּאָגראָם אויף די ס. סאָוועצעס. ער לייקנט אָפּ דעם בילבול און דערציילט, אז צוליב איין שטעפּער, וואָס איז א מיטגליד אין דער ס. ס. האָט זיין פּאַרטיי געוואָלט ארויסרופן א שטרייק. היות אָבער ווי דער פאַראיין איז גאָר א בונ־דישער, האָט ער נישט געוואָלט צושטימען צום שטרייק, אָן דער הסכמה פון דער אָרגאַניזאַציע. האָבן זיך די ס. סאָווצעס געוואָרפן אויף די ארבעטער און געשלאָגן מיט שטעקנס אלס שטרייקברעכער. דער „בונד" האָט אינטערווע־נירט און האָט בלויז שלום געמאַכט.

אָט אזוי, האָבן די ארבעטער־פּאַרטייען געקעמפט פאַר דער העגעמאָניע אויף דער יידישער גאַס אין מעזריטש. דער דאָזיקער קאַמף צווישן די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען, איז אייגנטלעך נישט געווען פון די וויכטיקסטע. ווייל די ס. ס. האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן. די אמתע פּאַרטיי־רייסענישן האָבן זיך אָנגעפאַנגען מיט יאָרן שפּעטער, אינעם פּעריאָד ווען פּוילן איז געוואָרן א זעלבסטשטענדיקע מלוכה. אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער.

דערציערישע, קולטורעלע און הילפס־אינסטיטוציעס

אונדז איז שוין אויסגעקומען פריער אונטערצושטרייכן, אז מעזריטש האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיין הויכן ניוואָ פון תורה און לומדות.

לויט אלע וואַרשיינלעכקייטן, האָט מעזריטש געהאט א ישיבה און א תלמוד־תורה — אויסער די פּריוואטע חדרים — שוין אין די פריערסטע צייטן. דער ערשטער מעזריטשער רב, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער אלטער שו״ת־ליטעראטור, ר' צבי הירש ווילנער, איז צומערשט געווען ראש־מתיבתא אין מעזריטש. אלס אזעלכן, געפינען מיר אים טיטולירט פון דעם מהר״ם פון לובלין (זע: „דער בראשית פון מעזריטש"). ס'איז אויך באוווּסט, אז דער דובנער מגיד איז אלס 18־יאָריקער בחור געקומען לערנען קיין מעזריטש. איז צו דרינגען פון דעם, אז מעזריטש איז געווען באקאנט אלס מקום־תורה, וואָס האָט צוגע־צויגן בחורים פון דער פרעמד, וועלכע זיינען געקומען דאָרט אהין לערנען.

אין „פּנקס־חברה־קדישא" ווערט אויך דערמאָנט: „יום ה' ד' כסליו (תרי״ב) נפטר ראש־הישיבה". מן הסתם, איז ער נישט געווען דער איינציקער ראש־ישיבה ביז דעמאָלט.

עס איז אויך אָנצונעמען, אז די ישיבה איז געווען פארבונדן מיט דער תלמוד־תורה, וועלכע האָט ארומגענומען אלע פאזן פון רעליגיעזן דערציאונג, פון דרדקי ביז דער העכסטער כיתה, ווּ יונגעלייט האָבן שוין געלערנט פאר זיך און בלויז געהערט שיעורים פון זייער ראש־ישיבה. א שטיקל באווייז דער־צו, געפינען מיר אין א צווייטער פארצייכעניש אין דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא, וואָס לייענט זיך אזוי:

„ח' ימים בח' אדר שני נפטר ר' פּנחס בר' שניאור שהי' ראש הישיבה בהת״ת שלנו בפּה — אכט טאָג אין אדר שני איז נפטר געוואָרן ר' פּנחס בר' שניאור ראש הישיבה אין דער היגער תלמוד־תורה".

מיר זעען פון דעם ציטאט, אז דער ראש פון דער תלמוד־תורה, איז אויך אָנגערופן געוואָרן ראש־ישיבה; איז דאָס מן הסתם געווען דערפאר, ווייל ביי־דע אנשטאלטן זיינען געווען פאראייניקט און די ישיבה איז געווען א פאָרזע־צונג פון דער תלמוד־תורה.

אין יאָר תרמ"ח (1888), ווען ס'איז אויפגענומען געוואָרן אין מעזריטש דער צענז פון די באַשעפטיקונגען, געפינען מיר אין דער סטאַטיסטיק נישט ווייניקער ווי 125 מלמדים, דאָס הייסט, ווען מיר זאָלן רעכענען, אַז אַרום 10 מלמדים זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער תלמוד־תורה, בלייבן נאָך אַלץ איבער 115 פּריוואַטע מלמדים, וועלכע האָבן זיך איינגעטיילט אין 4 קאַטע־גאָריעס: דרדקי, חומש און התחלת־גמרא, גמרא מיט געקליבענע תוספות — ביז מיט אַלע תוספותן, און גמרא מיט מפרשים. אין דעם לעצטן סטאַדיום, פלעגן די תלמידים שוין אויך לערנען פאַר זיך און טיילמאָל אויך פּרווון עפּעס מחדש צו זיין. ביים דערגיין צום העכסטן שטאַפּל פון לימוד, האָבן טייל תל־מידים זיך געגרייט צו פאָרן אין גרעסערע ישיבות, אָנגעפירטע פון באַרימטע ראשי־ישיבה.

לויט אונדזער אָפּשאַצונג, האָבן צו יענער צייט העכער פון 2.000 קינדער באַקומען זייער רעליגיעזע דערציאונג אין די פאַרשידענע חדרים.

פאַרהעלטנישמעסיק אַ סך קלענער, איז געווען די צאָל לערער, וואָס האָבן געלערנט וועלטלעכע לימודים און העברעאיש.

אין דעם אויבנדערמאָנטן צענז וועגן באַשעפטיקונג ביי יידן אין מעזריטש, געפינען מיר אויך אַ רובריק וועגן לערער און דאָרט ווערט אָנגעגעבן: „פּרעמד־שפּראַכיקע לערער — 6, לערער פון לשון־עבר אָדער העברעאיש — 10". דאָס הייסט, אַז אויף 125 מלמדים, האָבן מיר בלויז 16 יידישע לערער, וואָס מאַכט אויס עפּעס אונטער 9 פּראָצענט. דאָס אָבער באַווייזט נאָך נישט, אַז די צאָל קינדער, וואָס האָבן געלערנט וועלטלעכע לימודים, זאָל אין דער אמתן האָבן געווען באַדייטנד קליין. מ'דאַרף דערביי נעמען אין אַכט צוויי מעגלעכע אומ־שטענדן: ערשטנס, דאָ רעדט זיך בלויז וועגן יידישע לערער; אין שטאָט האָבן זיך, אָן ספק, דעמאָלט אויך געדאַרפט געפינען רוסישע לערער, וועלכע האָבן געגעבן אונטערריכט אין די רייכע הייזער. צווייטנס, צווישן די אָרעמע קינדער, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס פון האָבן אַ פּריוואַט־לערער, האָבן אַ סך זיך אַליין געלערנט, פיל מאָל מיט דער הילף פון די ריי־כערע קינדער, וואָס האָבן יאָ געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען פּריוואַטע בילדונג.

ס'איז אָנצונעמען, אַז דער פּראָצענט פון די וואָס האָבן פאַרמאָגט וועלט־לעכע בילדונג אין שטאָט, האָט נישט געדאַרפט זיין קיין קליינער, מכמה טעמים:

אַלס שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין געשעפטלעכער פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד און געהאַנדלט מיט פרעמד־שפּראַכיקע יידן אָדער נישט־יידן, איז די באַדערפעניש צו קענען שפּראַכן — אַמווינציקסטן דאָס עלעמענטאַרסטע — געווען אַ נויטווענדיקייט. יענע יידן, וואָס זיינען געפאָרן צו די לייפּציגער מע־סעס און אַנדערע אויסלענדישע ירידים אָדער קיין טיף רוסלאַנד אין זייערע

געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, האָבן געמוזט כאָטש טיילווייז קענען רוסיש און דייטש; און פאַרמאָגן אביסל ידיעות אין חשבון א. א. וו.

מען דאַרף אויך נעמען אין אכט, אז מעזריטש האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט א גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל משכּילים, וועלכע האָבן זיכער געהאַט וועלטלעכע בילדונג. שוין אין יאָר ה׳תקצ״ב, געפינען מיר איינפלוסן פון דער בערלינער השכּלה אין מעזריטש.

כאַראַקטעריסטיש וועגן דער השפּעה, איז דאָס וואָס מיין פאָטער דערציילט:

„איינמאָל איז ר׳ יעקל דוד בידערמאַן (דער שוין אונדז גוט באַקאַנטער מעזריטשער ראב״ד) איינגעלאַדן געוואָרן צו א ברית וואָס באַרנשטיין (ס׳איז אונדז נישט קלאָר צי ער איז דער זעלבער ר׳ זעליג באַרנשטיין, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב דעם עלילת־דם אָדער זיינען א זון) האָט געמאַכט. ווען ר׳ יעקל דוד איז אַריינגעקומען אין שטוב אריין, האָט ער א זאָג געטאָן: „כ׳שפּיר דאָ א ריח פון טומאה״. האָט מען גלייך אָנגעהויבן צו נישטערן און זוכן, ביז מען האָט זיך געכאַפּט אז דער ריח „טומאה״ שלאָגט פון משה מענדעלסאָנס „ביאור״.

פון דעם זעען מיר, אז שוין אין יענע יאָרן האָט זיך אין מעזריטש פאַרוואַנדלט מענדעלסאָנס ספרים, צווישן די „השכלה־ליטעראַטור״. און ס׳איז נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן! מעזריטשער סוחרים, וואָס זיינען געפאָרן קיין לייפּציג, האָבן זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף די השכלה־ספרים, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אויף דער מעסע צווישן די יידישע סוחרים. עס איז א באַקאַנטער פאַקט, אז משה מענדעלסאָן אליין פלעגט קומען צו די מעסעס פאַרקויפן זיינע חיבורים צו די יידישע סוחרים.

די תלמוד־תורה און ישיבה

אין יאָר תרל״ו (1876) ווערט אין מעזריטש אונטערגענומען א וויכטיקער שריט, ריכטיקער געזאָגט, עס ווערן פּלאַנירט צוויי וויכטיקע פּראָיעקטן, איינער א סאָציאַלער און דער אנדערער א דערציערישער. די דאָזיקע צוויי אויפטוען, האָבן אזוי באַגייסטערט א מעזריטשער תושב, וועלכער האָט געשטאַמט פון דעם דערבייאיקן שטעטל לוקאָוו, אז ער האָט עס באַשריבן אין „הצפירה״, מיט דעם צוועק אויפצוּוועקן זיין געבוירנשטאָט פון איר לעטאַרגישן שלאָף און איר באַווירקן, אז זי זאָל נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון מעזריטש. אָט וואָס מיר לייענען אין דער קאָרעספּאָנדענץ אין דער „הצפירה״ פון כ״ו אדר תרל״ו:

„דורך דעם רחמנות וואָס גאָט האָט אויף זיין פאָלק, האָט ער אויפגעשטעלט פאַר זייערמוועגן געטרייע פּאַסטוכער אין יעדן דור, וואָס באַנוצן גייסט און פאַרשטייען צו באַטראַכטן יעדע זאַך מיט משפּט און צו פאַרבעסערן דעם

מצב פון אונדזער פאָלק, צו פאַרריכטן די איינברוכן און צו היילן זיינע וווּנדן, צו שטאַרקן קני וואָס ציטערן און קרעפטיקן שלאַבעריקע הענט; און מיט זייערע כוחות טוען זיי העלפן די אָרעמע פון זייער שטאָט, כדי זיי אויפצושטעלן פון זייער געפאַלנקייט; אָך, ווי שיין עס איז צו זען די שטאָט... ווי שיין איז זי מיט אירע ווערק פון צדקה, וואָס האָבן געפונען א סטעזשקע צו די הערצער פון דעם רוב פון אירע איינוווינער און זי שטייגט איבער אירע שוועסטער (דאָס הייסט, שטעט — מ. ע.) וואָס געפינען זיך ארום איר. אויך מיט אירע מעלות און גוטע מידות מיט ווערכע א וועלטלעכער ייד און א מענטש פון מאָראַל מעג זיך גרויסן; און פון די גוטע זאכן, וואָס איך וועל דאָ פאַרברענגען פאר די לייענער, וועט איר ממילא משפטן וועגן די רעשט גוטע אייגנשאפטן פון אירע איינוווינער. זיי זיינען: דאָס גמילת־חסדים־הויז, וואָס באַצוועקט צו העלפן יעדן איינציקן צו באקומען א הלואה אָן פּראָצענט, און די תלמוד־תורה פאר אָרעמע צו לערנען מיט זיי תורה און דרך־ארץ, אזוי זיי זאָלן נישט דארפן מער ארומלויפן פריי און טאָן וואָס דאָס הארץ דיקטירט. און ווען איך טראכט וועגן די אייגנשאפט פון דער דאָזיקער שטאָט, זינט איך האָב זיך דאָרט באזעצט, פיל איך, ווי די קנאה פאר מיין געבורטשטאָט לוקאָוו פרעסט מיך אויף און די שאנד פון אירע שענדיקער פאַרדעקט מיך. די דאָזיקע שטאָט איז נאָענט פון דער שטאָט מעזריטש, פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט אָפּלערנען נאָכצוטאָן איר ביישפּיל? געחתמעט, מרדכי עפּשטיין".

א יאָר שפּעטער —ד' טבת תרל"ז— שרייבט ווידער א צווייטער קאָרעספּאָנדענט, וואָס חתמעט זיך ז. אין דער „הצפירה", וועלכעס באווייזט די ערנסטע באציאונג וואָס די שטאָט־מענטשן האָבן ארויסגעוויזן צו דער וויכטיקייט פון דעם דערציאונגס־פּראָבלעם:

„מעזריטש, כ"א כסליו. פון וואָך צו וואָך, ווען מיינע אויגן זעען אין דער טייערער צייטשריפט „הצפירה" בריוו פון קאָרעספּאָנדענטן פון יעדער שטאָט, וואָס באשיינען און לויבן זייערע שטאָט־מענטשן צוליב זייער גוטהארציקייט, האָב איך געזאָגט, לאָמיר אויך דערשיינען אויף די שפּאַלטן פון „הצפירה" צו באקאַנט מאכן די ברייטהארציקייט פון א חשובן באַלעבאָס אין אונדזער שטאָט, דאָס איז — דער גביר ר' שרגא פייבל דאגענשיין *). מיט פיל יאָרן צוריק איז דאָ געגרינדעט געוואָרן א חברה תלמוד־תורה, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו דינגען א הויז און אָנשטעלן מלמדים וועלכע זאָלן לערנען תורה מיט די אָרעמע קינדער פון אונדזער שטאָט... מערערע מאָל האָט מען זיך באמיט צו קויפן א הויז און ס'איז נישט געלונגען, צוליב דעם מאנגל אין געלט; איצט האָט דער אויבנדערמאָנטער אויסגעבויט א נייַ הויז און ער האָט עס מקדיש געווען פאר דער תלמוד־תורה. פאַריקן שבת איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית מיט גרויס שיינקייט און פּראכט. אלע חשובים פון אונדזער שטאָט האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אין געדאַוונט. די אויפגערופענע צו דער תורה, האָבן מנדב

*) איינער פון די דריי הויפּט־מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

געווען פאר דעם צוועק און דער רב האָט געהאלטן א שיינע דרשה לכבוד דעם וויכטיקן ענין און געלויבט דעם ר׳ שרגא פייבל, וועלכער פארדינט טאקע דעם לויב״.

דער דאָזיקער בנין, איז באמת געווען א שיינער. די צימערן זיינען געווען גרויס און רחבותדיק מיט א סך פענצטער, וואָס האָבן זיי פארלויכטן און אויך די בענק און די טישן זיינען געווען פיינע. אחוץ דעם אלגעמיינעם בנין פון צוויי שטאָק, איז אויך געווען נאָך א פליגל, וואָס איז באשטאנען בלויז פון איין שטאָק — א פּאַרטער מיט גרויסע צימערן, וועלכע זיינען ארויסגעגאנגען אין א גרויסן הויף, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט א גרויסן פּארקאַן, אזוי, אז דער בנין איז געווען פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן פון דער גאס. בעת די הפסקות, האָבן די תלמידים דיספּאָנירט מיט דעם גרויסן הויף, ווו זיי האָבן פריי געקענט זיך שפּילן.

ווי געזאָגט, איז די תלמוד־תורה געווען נישט סתם אזוי א תלמוד־תורה, וואָס האָט, געוויינלעך, געדארפט בלויז דינען דעם צוועק פון תורה־לערנען און איז, אין מיינסטנפאל, געווען אָפּגעלאָזן און אָן השגחה. די נייע תלמוד־תורה, איז געוואָרן אוועקגעשטעלט מיט א דאָפּלטן צוועק — נישט נאָר צו דערציען די אָרעמע קינדער, נאָר זיי אויך לייסטן אביסל וועלטלעכע בילדונג, און דערפאר האָט מען טאקע די תלמוד־תורה גערופן „ת״ת עם דרך ארץ״.

אויף וויפל די תלמוד־תורה האָט דערפילט איר אויפגאבע פון געבן וועלטלעכע בילדונג די קינדער פון יענעם דור — בלייבט א פראגע־צייכן. כאָטש אין יענער צייט, האָט שוין מעזריטש פארמאָגט א גרויסע צאָל משכילים און אין שטאָט האָט מען געעפנט ספּעציעלע קורסן פאר תנ״ך, ווו מען האָט געלערנט לויט דעם מאָדערנעם שטייגער מיט א געמיש פון קריטיק און שפּראכלעכער פאָרשונג. דאָך, איז די תלמוד־תורה —ווי עס איז לייכט צו זען— נישט געוואָרן באלד דער מאָדערנער לערן־אנשטאלט. ערשט אין די תר״ן׳ס ווערט געמאכט א נייער פּרוּוו צו פארוואנדלען די תלמוד־תורה אין אן אמתן לערן־אנשטאלט, ווו וועלטלעכע בילדונג (פארשטייט זיך, גאנץ עלעמענטארע) זאָלן ווערן אָבליגאטאָריש. אויך אין דעם פאל, שטייען אונטער דעם דאָזיקן איניציאטיוו די שיינע באלעבאטים, לומדים און משכיליש־געשטימטע עלעמענטן. מיר געפינען שוין אין דער פירערשאפט אזא ייד ווי ר׳ שמעון בערמינץ, דער גרינדער און אייגנטימער פון דער האנדלס־באנק און א גרויסער משכיל. די עסקנים פון דער תלמוד־תורה האָבן גלייכצייטיק זיך געשטעלט די אויפגאבע אוועקצושטעלן דעם אנשטאלט אויף דער שטופע, אז ער זאָל אויך זיין פּאסנד פאר די רייכערע באלעבאטישע קינדער. איז דאָס געווען א געוואגטע און באדייטנדיקע איניציאטיווע. אָבער, ווי עס שיינט, האָט זיך דער דאָזיקער פּרוּוו נישט איינגעגעבן.

פארוואָס די פארמעגלעכע באלעבאטים האָבן דאָך ווייטער נישט געשיקט

זייערע קינדער אין דער תלמוד־תורה, איז נישט קלאָר. מעגלעך, אז זיי האָבן געהאַלטן פון דער מער־ווירקזאַמקייט פון די פּריוואַטע מלמדים און פּריוואַטע לערער פאַר זייערע קינדער. מיטן אויסנאַם פון די אויבערשטע צוויי קלאַסן, וועלכע האָבן שוין געטראָגן דעם כאַראַקטער פון א ישיבה —וווּהין די באַלע־באַטים פלעגן יאָ שיקן זייערע קינדער— איז די תלמוד־תורה פאַרבליבן דער לערן־אָרט פאַר די אָרעמע, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו צאָלן שכר־לימוד און דאָרט געשיקט זייערע קינדער.

די עסקנים (דער שרייבער פון די שורות האָט נאָך א טייל פון זיי גע־קענט), וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער תלמוד־תורה ביזן יאָר 1916, זיי־נען בדרך־כלל, געווען פון דעם טיפּ יידן, וואָס האָבן קודם־כל זיך געזאָרגט פאַר דעם וווילזיין פון די קינדער; מען האָט די קינדער באַשיכט און באַ־קליידט; אָבער, זיי האָבן שוין נישט פאַרמאָגט די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר דער דערציאונג פון די קינדער. כאָטש די זעלבע פרומע יידן האָבן זייערע אייגענע קינדער געגעבן מער־וויניקער א וועלטלעכע דערציאונג, האָבן זיי פונדעסטוועגן די אָרעמע קינדער געוואָלט דערציען אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי מ'האָט דאָס פּראַקטיצירט מיט 50 אָדער גאָר מיט 100 יאָר צוריק.

ערשט אין יאָר 1916, איז אין לערן־סיסטעם פון דער תלמוד־תורה געקו־מען צו אן ענדערונג; און די באַנייאונג איז קודם־כל געווען פון פּראַקטישן אינהאַלט. ביז דעמאָלט, איז דער גאַנצער סדר־הלימוד געווען א כאַאָטישער און אַלץ האָט זיך געוואָנדן אינעם מלמד. איז דער מלמד געווען א פעאיקער און געוויסנהאַפטער, האָט ער געזוכט איינצופלאַנצן די לימודים אין די מוחות פון די קינדער און די בעסערע תלמידים האָבן אויך באַוויזן צו שטייגן העכער, אַלאַ נישט, האָט עס אויך קיינעם נישט געקימערט. אזוי ווי אַלץ האָט זיך גע־פירט אָן שום סיסטעם, זיינען דאָס רוב קלאַסן —אויסער די צוויי העכסטע— כמעט געווען סדרלאָז. גאַנץ ספּעציעל די נידעריקע קלאַסן, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רעזערוואַט פאַר קינדער, וועלכע זייערע מאַמעס האָבן דאָרט איבערגעלאָזט, כדי צו קענען גיין צו זייערע באַשעפטיקונגען מיט א רואיקן קאָפּ און זיך באַפרייען פון דער זאָרג פאַר זייערע קינדער.

דער בייט אין דעם אופן פון דער פירונג אין דער תלמוד־תורה, וואָס איז שפּעטער דערגאַנגען ביז צו ראַדיקאַלע רעפאָרמען, האָט זיך אָנגעפאַנגען מיטן קומען צו גאַסט פון ארץ־ישראל, אויף צו באַזוכן זיינע עלטערן, פון ר' יעקב יצחק וואַכטפויגל (איצט רב פון שכונת מאה־שערים אין ירושלים). אזוי ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים פאַרכאַפּט, איז ער פאַרבליבן דעמאָלט אין שטאָט. צוזאַמען מיט זיין נאָענטן ידיד ר' ברוך מאיר ראָזענבלום ז"ל — א ייד א למדן, א פרומער און גלייכצייטיק א מסירת־נפשדיקער ציוניסט — האָבן זיי באַשלאָסן ביי זיך, אז מען טאָר נישט ווייטער לאָזן די תלמוד־תורה אין דעם קלעגלעכן צושטאַנד, אין וועלכער זי געפינט זיך. וועגן ראַדיקאַלע רע־

פֿאַרמען איז געווען צו פרי צו רעדן. האָבן זיי מיט דער הילף פֿון אַנדערע לומדים, מיט א מאָדערנעם צוגאנג צו דערציאונג, קודם־כל אָנגעהויבן איינפירן אָרדענונג אינעם סדר פֿון די לימודים. לויט דעם נייעם סיסטעם, האָט דער אלף־בית־קלאַס געדאַרפט זיין א שטאַפּל פֿאַר די ווייטערדיקע קלאַסן און דער העכסטער גראַד, האָט טאַקע געדאַרפט ארויסלאָזן לומדים.

דער פעריאָד, האָט צו פאַרצייכענען א בלי־צייט פֿאַר דער תּלמוד־תּורה. עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט אז זייערע קינדער זאָלן קענען לערנען, האָבן איצט געגרן געשיקט זייערע קינדער אין דער תּלמוד־תּורה. די אַלטע עסקנים, זיינען ביסלעכווייז ארויסגעשטויסן געוואָרן און פֿאַרלוירן די השפּעה. נאַטירלעך, איז דאָס נישט געווען אָן קאַמף און נאָכדעם ווי ס'איז פֿאַרגעקומען אַלגעמיינע וואַלן. די שטאָט, די באַלעבאַטים, האָבן זיך איצט ארומגעזען, אז די תּלמוד־תּורה איז געוואָרן אַן אמתער דערציערישער אנשטאַלט מיט דערפֿאָלג.

דער איינפלוס פֿון ר׳ יעקב (אָדער ווי מען האָט אים גערופֿן: ר׳ יאַנקל) וואַכטפֿויגל, וועלכער האָט אויך צוגעצויגן צו דער ארבעט דעם מעזריטשער למדן און משכיל, וואָס איז אזוי פּאָפּולער גערופֿן געוואָרן — וואַווע פערלמאַן (ער איז געווען א תּלמיד פֿון ר׳ נפתּלי ראַדינער און א תּלמיד פֿון דעם וועלטבארימטן גאון און געלערנטן, ר׳ חיים העלער, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט זיין רבנים־סעמינאַר אין בערלין אין די צוואַנציקער יאָרן. נאָכדעם איז ער געווען רב אין מאָטעלע און אין איוויע. ער איז אומגעקומען פֿון די נאַציס הי״ד) און אנדערע עסקנים אויף די תּלמידים, איז געווען א געוואַלטיקער. נישט נאָר וואָס די נייע מעטאָדן האָבן געווירקט אויף זייער לומדות, נאָר זיי זיינען אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פֿון די ציוניסטישע אידייען פֿון די דאָזיקע רבנים און מדריכים, וועלכע האָבן אין זיי איינגעפּלאַנצט די ליבע צו ארץ־ישׂראל, א פארשטענדניש פֿאַר רעליגיעז־ציוניסטישע פּראָבלעמען, א באַציאונג צו דער העברעאישער שפּראַך און בכלל זיי געגעבן א מער מאָדערנעם בליק אויפֿן לעבן.

די דאָזיקע נייע אטמאָספֿערע, וואָס האָט באַהערשט סיי די עלטערן און סיי די תּלמידים, האָט די תּלמוד־תּורה געשטופּט אַלץ מער אין דער ריכטונג, וואָס איז געווען אין גייסט פֿון דער צייט — אויפֿן וועג פֿון „תּלמוד־תּורה עם דרך־ארץ״— תּורה מיט וועלטלעכקייט. דאָס האָט גורם געווען, אז ארום דער תּלמוד־תּורה זאָל אויסברעכן אַן אמתער געראַנגל.

דער קאַמף פֿאַר דער הגמוניע איבער דער תּלמוד־תּורה, האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די גאַנצע שטאָט איז דאַן געגאַנגען כּאַדראַם ארום דעם ענין. די אַמאָליקע טוער און צוזאַמען מיט זיי אַלע צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן, אַלע קעגנער פֿון ציוניזם — סיי פֿון די מתנגדים און סיי פֿון די חסידים (איןביידע לאַגערן זיינען זיי גראָד געווען נישט גרויס אין צאָל) — האָבן זיך פֿאַרלייגט „אָפּצוראַטעווען״ די תּלמיד־

תורה פון איר נייער ריכטונג; זיי האָבן זי נאָך אַלץ באַטראַכט ווי זייערס אַן אייגנטום און אַ פּאָזיציע, וועלכע זיי האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן. אָבער, די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וואָס איז דאַן פאַררופן געוואָרן און איז געוואָרן באַ־הערשט פונעם לאָזונג: „כבוש התלמוד־תורה" — האָט געזיגט. סיי משכילים און סיי פרומע יידן, וואָס האָבן אָבער געהאַט אַ ברייטערן בליק אויף וועלט־ענינים און זיך גערעכנט מיט דער דעמאָלטיקער סיטואַציע — די ראַדיקאַל־פּאָליטישע ענדערונגען, דאָס אַנטשטיין פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, די באַל־פור־דעקלאַראַציע, די רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן אין כמעט גאַנץ אייראָפּע — האָבן געשטימט פאַר דער נייער ריכטונג אין דער תלמוד־תורה.

די וויכטיקסטע פירער אין דעם דעמאָלטיקן קאַמף זיינען געווען, ווי גע־זאָגט, ר' ברוך מאיר ראָזענבלום, ר' יעקב וואַכפויגל, ר' וואָווע פּערלמאַן, הירש חיים ראָזענצווייג א. א. און די תלמידים מובהקים, וואָס ר' יעקב וואַכט־פויגל האָט שוין באַוויזן אין משך פון די יאָרן אויפצושטעלן, צווישן וועלכע אויך דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם גרויסן כבוד צו געהערן.

די תלמוד־תורה איז גלייך רעאָרגאַניזירט געוואָרן און זי איז אפשר גע־ווען די ערשטע, אויב נישט די איינציקע, וועלכע האָט גלייך איינגעפירט די שיטה פון עברית בעברית (אויסער אין גמרא) און האָט אָנגעשטעלט אַ צאָל מאָדערנע לערער און גלייכצייטיק רעליגיעזע. און ווען עס איז אַרויס אין פּוילן דער געזעץ פון צוואַנג־שול, איז די תלמוד־תורה אָנערקענט געוואָרן אַלס עלע־מענטאַר־שול, מיט די זעלבע רעכט פון אַנדערע מאָדערנע שולעס. די תלמוד־תורה איז באמת געווען אַ צענטער פון תורה און יידישקייט און ביז איר אונ־טערגאַנג —צוזאַמען מיט דער פאַרלענדונג פון דער מעזריטשער קהילה— האָט זי אַרויסגעגעבן תלמידים, וואָס זיינען געווען אויסגעצייכנטע העברעער און די בעסטע תלמידים אין די העכערע תורה־אַנשטאַלטן, צי דאָס איז געווען דער באַרימטער רבנים־סעמינאַר „תחכמוני" אין וואַרשע, צי אין די באַרימטע ישי־בות פון קלעצק, באַראַנאָוויטש, מיר, ראַדין, און אַנדערע ישיבות; מעזריטשער תלמידים האָבן געהאַט אַ שם אַלס לומדים אומעטום. דאָס אַלץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער כמעט רעוואָלוציאָנערער ענדערונג, וואָס ר' יעקב וואַכט־פויגל און זיינע חברים האָבן אַריינגעבראַכט אין דער תלמוד־תורה און זייער גייסטיקע ווירקונג אויף די תלמידים.

אחוץ דער תלמוד־תורה, וואָס האָט אַזוי גלענצנדיק —ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן— דערפילט איר מיסיע אויפן געביט פון רעליגיעזן חינוך, איז מעזריטש געווען באַרימט אַלס מקום־תורה. אפילו אין דער צייט ווען מעזריטש האָט נישט פאַרמאָגט קיין ספּעציעלע ישיבה פאַר דערוואַקסענע יונגעלייט און מעזריטשער בחורים פלעגן זיך אַליין אַוועקלאָזן לערנען אין די באַרימטע ישיבות פון וואָלאָזשין, טעלז, סלאָבאָדקע, ראַדין, מיר א. א., פלעגן גאַנץ אָפט קומען קיין מעזריטש יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין איינעם פון די

בתי־מדרשים פון שטאָט, ספּעציעל אין גרויסן בית־המדרש, וואָס איז פון פאַר־טאָג ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהן געווען באַזעצט פון הונדערטער יידן, וועלכע האָבן געלערנט תורה סיי אליין, סיי מיט א חבר אָדער גאָר אלס חבר פון א חברה — צי איז דאָס געווען חברה ש״ס אָדער משניות, שולחן־ערוך אָדער מנורת־המאור, עין־יעקב צי מדרש. דאָס זעלבע איז געשען אין ר׳ סנדר׳ס בית־המדרש און אפילו אין בעל־עגלהשן בית־המדרש, ווו ס׳האָבן זיך אויך געפונען א סך ספרים, ספּעציעל לומדישע; און אזוי איז אויך געווען אין דעם מעזריטשער־שטיבל, ווו עס זיינען געזעסן חסידישע יונגעלייט און גע־לערנט. די אָנגעפּאָרענע פלעגן זיצן און לערנען, און די בית־המדרש־מענטשן אָדער חסידים, פלעגן באַזאָרגן די יונגעלייט מיט עסן, א פּלאַץ צום שלאָפן און אפילו קעשענע־געלט.

אין די יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג, איז געמאַכט געוואָרן א פּרוּוו צו באַנייען די אמאָליקע ישיבה. אין 1913 האָבן מעזריטשער בעלי־בתים, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען ר׳ ברוך מאיר ראָזענבלום, אָרגאַניזירט א קיבוץ פון יונגעלייט. מען האָט אויסגעקליבן די בעסערע לערנער פון בריסקער משמר און אנדערע ישיבות און מען האָט זיי באַזעצט אין גרויסן בית־המדרש און דערמיט באַנייט די ישיבה. מעזריטש איז גיך געוואָרן באַקאַנט אלס שטאָט ווו בחורים וואָס ווילן זיצן און לערנען, קענען געפינען א פּאַסיקן פּלאַץ. מיט צוויי זאַכן האָט זיך אונטערשיידט מעזריטש פון די אנדערע ישיבות: איינס, מעזריטש האָט נישט אַרויסגעשיקט קיין משולחים צו שנאָרען געלט פאַר איר ישיבה; זי האָט אליין אויסגעהאַלטן דעם קיבוץ; די לומדים און על־טערע בחורים האָט מען איינגעקוואַרטירט „אויף סטאַנציעס״ און מען האָט זיי געצאָלט וואָכנגעלט, פון וואָס זיי האָבן זיך אליין אויסגעהאַלטן. די יינגערע בחורים, ווידער, האָט מען איינגעאָרדנט דורך צעטיילן זיי צווישן די שטאָט בעלי־בתים; א טייל האָבן געגעבן א טאָג אין דער וואָך פאַר א ישיבה־בחור און אנדערע בעלי־בתים, צוויי און אפילו מער טעג אין דער וואָך. ס׳איז, דוכט זיך, נישט געווען קיין איין הויז, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט די ישיבה־בחורים, און נאָך א זאַך: עס איז נישט געווען קיין ישיבה מיט מלמדים און ראשי־ישיבות ווי איבעראַל. די בחורים האָבן געלערנט פאַר זיך אליין אָדער מיט חברים, ווייל ס׳רוב פון זיי זיינען געווען אזעלכע וואָס האָבן נישט באַ־דאַרפט מער קיין ראשי־ישיבות. דער מעזריטשער רב, ר׳ נחמן שאפּירא, פלעגט אָבער איינמאָל אין וואָך זאָגן א שיעור פאַר די גרויסע בחורים.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז זיך דער קיבוץ צעפאַלן. די יונגעלייט זיינען זיך צעפאָרן און דער קול־תורה אין שטאָט איז געוואָרן פאַרקלענערט. ערשט מיט פינף יאָר שפּעטער — אין 1919 — ווערט געמאַכט א פרישער פּרוּוו. עס ווערט געעפנט א נייער קיבוץ פון די בחורים אין מעזריטש, וועלכע האָבן פריער געלערנט ביי ר׳ יעקב וואַכטפויגל. מעזריטשער לומדים

מיט ר' וואָווע פערלמאַן אין שפּיץ זאָגן פאר זיי שעורים. די דאָזיקע לאָקאלע ישיבה ווערט, אגב, אָנגעפירט און פארוואלטעט פון די תלמידים אליין. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין ערנסטער פּרווו אויף אויפצושטעלן א ישיבה ממש. די אלע תלמידים פון קיבוץ, וואָס זיינען אממיינסטן געווען לאנג־יאָריקע חברים, האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט פּלענער, וואָס האָט זיי געשטויסן אויף ברייטערע שליאכן. זיי האָבן געגארט צו פאראייניקן די אלטע און מאָדערנע וועלט, געפינען א סינטעז צווישןביידע וועלטן פון שם און יפת, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דער מזרחי־רבנים־סעמינאר „תחכמוני" אין ווארשע האָט זיך געעפנט, זיינען כמעט אלע געוואָרן זיינע שילער, ווו זיי האָבן זיך, אגב, אויך אויסגעצייכנט מיט זייער התמדה און לומדות. פון דער גרופּע זיי־נען, נאָכן ענדיקן דעם סעמינאר, א סך אָפּגעפאָרן קיין אויסלאנד, ווו זיי האָבן ממשיך געווען זייערע שטודיומס, אנדערע זיינען געוואָרן רבנים און פארנומען הויכע שטעלעס, און א טייל פון זיי זיינען אוועק קיין ארץ־ישראל און דאָרט פארנומען וויכטיקע אמטן.

דער עצם־געדאנק פון א ישיבה אין מעזריטש, האָט אָבער אָנגעהאלטן. דאָס האָט זיך רעאליזירט אביסל שפּעטער, נאָכן אויפקום פון פּוילן אלס מלו־כה. די נאָוואָרדאָקער ישיבה „בית־יוסף", וועלכע האָט נאָך מיט פיל יאָרן צו־ריק געוואָרפן אן אויג אויף מעזריטש (זייער גרינדער, ר' יוזיל, איז צוליב דעם געקומען קיין מעזריטש), האָט זיך באזעצט אין מעזריטש און איז צוזאמען מיט ביאליסטאָק געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון די נאָוואָרדאָקער מוסר־ישי־בות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט פארשפּרייט אין פּוילן. די דאָזיקע ישיבה האָט שטארק מצליח געווען און געפונען א סך שטיצע אין מעזריטש, וואָס איז פון תמיד אָן געווען אי א צדקה־שטאָט און אי א שטאָט וואָס האָט סתם ליב גע־האט תורה. די שטאָט האָט אויך פיל בייגעשטייערט פארן אויסבויען דעם ספּע־ציעלן בנין פאר דער ישיבה. דער חורבן־מעזריטש האָט אויך געמאכט א סוף צו דער ישיבה. זי איז צוזאמען מיט דעם פּוילישן יידנטום אונטערגעגאנגען. דער איינציקער טרייסט איז אין דעם פאקט, וואָס א באדייטנדיקער טייל פון די תלמידים פון דער ישיבה האָבן פאר דער מלחמה עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיינען דאָרט געוואָרן די פּיאָנערן פון די נאָוואָראָדאָקער מוסר־ישיבות.

דערציאונגס־אנשטאלטן

אויסער דעם תורה־חינוך, האָט מעזריטש אויך געהאט צו פארצייכענען אנשטאלטן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט נאציאָנאלער דערציאונג. באאיינ־פלוסט פון נאציאָנאלע אידייען, וואָס האָבן באהערש מעזריטש, גאנץ ספּעציעל מיט דעם אנטשטיין פון דער ציוניסטישער באוועגונג, איז אויך געקומען דער

פארלאַנג צו געבן א יידיש נאציאָנאלע דערציאונג דער יוגנט. אין מעזריטש עפענען זיך דאן צוויי מיידל־שולעס, וואָס ווערן שוין נישט געפירט ווי חדרים. מ׳לערנט די מיידלעך העברעאיש און אנדערע קענטשאַפטן, ספּעציעל עלעמענטארע. זייערע גרינדער און אָנפירער, זיינען געווען בוליע גלוזשניידער און הערש חיים גרינבערג. דאָרט זיינען געוואָרן געשיקט באזונדערס בעלי־בתישע קינדער. אין דער זעלבער צייט, אין אָנהייב פון דעם 20סטן יאָרהונדערט, עפנט זיך אין מעזריטש דער ערשטער חדר־מתוקן. זיין גרינדער איז א זון פון דעם אויבנדערמאָנטן הערש חיים — וואָלף גרינבערג. דאָ ווערט שוין אלץ געלערנט אין עברית בעברית. די לערן־ביכער זיינען שוין מאָדערנע, עס לערנען יינגלעך מיט מיידלעך צוזאמען און אין דער גאַס, ווו די שולע געפינט זיך, הערט מען זינגען נאציאָנאל־העברעאישע לידער און די שילער רעדן צווישן זיך העברעאיש. נאטירלעך, קוקן פרומע יידן קרום אויף דער דאָזיקער שולע, וועמענס לערערס עס זיינען נישט קיין שטארק מדקדקי במצוות און עס שמעקט מיט פּאָזיטיוויזם און וועלטלעכקייט און ציוניזם. זיי האָבן פארשטאנען, אז פון אזא חדר־מתוקן (פרומע פלעגן עס רופן חדר־מסוכן — וואָס מיינט געפערלעך), וועלן נישט ארויסקומען קיין פרומע ווייבער, וואָס זאָלן לייענען דעם טייטש־חומש און פרומע מענער, וואָס זאָלן לויפן כאַפּן א ברכו און קדושה. דער רוב פון די פרומע יידן האָבן טאקע געזוכט צו ווייכן די שולע. אין 1911 הערט אויף די דאָזיקע שולע צו עקזיסטירן; זי ווערט פארוואנדלט אין א מיידלשער פּראָ־גימנאזיע, וואָס ווערט געגרינדעט פון מאדאם אננא (גערופן אנושקא) אדלער. זי איז געווען די פרוי פון דעם פּאָפּולערן דענטיסט שעפּקע אדלער; ביידע זיינען געווען מעזריטשער. זי האָט געהייסן בראָמבערג פון דער היים. די דאָזיקע שולע, כאָטש א רוסישע, האָט אָבער אָנגענומען א ברייטן העברעאישן פּראָגראם און די שילערינס האָבן, כמעט אלע, געהאט ברייטע ידיעות אין העברעאיש, ווייל זיי זיינען אין מיינסטן טייל געווען פריער שילערינס אין גרינבערגס שולע. גרינבערג אליין איז געווען דער דירעקטאָר פון די העברעאישע לימודים. די פּראָ־גימנאזיע איז אזוי ארום, בעצם, געווען א נאציאָנאלער יידישער לערן־אנשטאלט און איז געוואָרן די פעסטונג פון א יידישער נאציאָנאלער מיידלשער יוגנט, וואָס האָט זיך נישט געשעמט מיט יידיש און יידישקייט, כאָטש מען האָט אין דער שולע נישט געלערנט קיין יידישקייט אין דעם רעליגיעזן זין. נישט נאָר האָט די יידישע סביבה פון מעזריטש און די היימען פון די שולערטערן, וואָס זיינען אין רוב געווען רעליגיעז, געווירקט אויף די שילער זיי זאָלן זיך נישט רוסיציפירן ביז אסימילאציע, נאָר דער גייסט פון העברעאיש — וואָס איז געווען באהויכט פון א שטארקן ציוניסטישן גייסט — האָט געווירקט אז די שילערינס זאָלן זיין אין גרונט נאציאָנאל־באוווסטזיניק.

פון וואָלף גרינבערגס שולע, איז שפּעטער געפאָרן איינער לערנען אין דער נאָר־וואָס געגרינדעטע ערשטע העברעאישע גימנאזיע „הרצליה" אין תל־

אב־ב (דעמאָלט יפו), וואָס האָט דעמאָלט געמאכט א רושם אין שטאָט. דאָס איז געווען יוסף יאַווערבוים, א זון פון דעם רעליגיעזן ייד און איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין מעזריטש — ר' שמואל יאַוווער־בוים.

קולטור־טעטיקייט

האנט ביי האנט מיט דער העברעאישער נאציאָנאלער דערציאונג, איז אויך געגאנגען די קולטורעלע טעטיקייט, ספּעציעל פון די ארבעטער־אָרגאני־זאציעס.

מעזריטש האָט געהאט א גרויסע ארבעטער־מאסע. זי איז געקומען, ווי עס איז פארשטענדלעך, פון נישט פארמעגלעכע עלטערן. שוין אין די גאנץ יונגע יאָרן האָט מען זיי געשיקט ארבעטן אין די פאבריקן. דאָס ביסל תורה וואָס זיי האָבן געהאט צייט אויסצולערנען זיך אין חדר צי אין דער תלמוד־תורה, איז געווען זייער קנאפּ (אוודאי איז געווען אויך א מינדערהייט צווישן זיי, וואָס האָט זיך געלערנט און זיי זיינען געוואָרן גרויסע לומדים און רבנים. אנדערע האָבן זיך אויך געלערנט וועלטלעכע לימודים). די דאָזיקע האָרעפּאַש־נע קינדער האָבן שנעל פארגעסן דאָס ביסל תורה וואָס זיי האָבן געלערנט. פון מיידלעך, פון די דאָזיקע שיכטן, איז דאָך אודאי אָפּגערעדט, אז זיי זיינען געווען אָן שום בילדונג, אפילו רעליגיעזע. צוזאמען מיט די נייע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין דער יידישער גאס, און ס'האָבן זיך אויספּאָרמירט די רעוואָלוציאָנערע און פרייהייטס־באוועגונגען, האָט זיך אין די קרייזן אָנ־געהויבן א באוועגונג אויסצובילדן די מאסן. אין אָנהויב פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט ווערן אין מעזריטש געעפנט ספּעציעלע אָוונט־קורסן אין יידיש, וואָס באַצוועקן צו באקענען די ארבעטער־מאסן קודם־כל מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראטור און דורך איר אריינפירן זיי אין דער ברייטער וועלט מיט אירע פּראָבלעמען, ספּעציעל ארבעטער־פּראָבלעמען. אין שייכות מיט דעם, האָט מען אָפט איינגעלאָדן קיין מעזריטש פארשידענע יידישע שרייבער, צווישן זיי אויך פּרצן, צו האלטן פּאָרטראגן און פּאָרלעזונגען.

צווישן די קולטור־אינסטיטוציעס, דארף ספּעציעל פארצייכנט ווערן די יידישע ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן פון העברעאישע משכילים, גרויסע פארערער פון דעם בארימטן העברעאישן שרייבער און רע־דאקטאָר פון „המליץ" — צעדערבוים. די ביבליאָטעק האָט טאקע געטראָגן זיין נאָמען „אר"ז" (די ראשי תיבות פון זיין נאָמען אלעקסאנדער צעדערבוים, און אויך זיין פאמיליע־נאָמען, ווייל ארז איז דער טייטש צעדערבוים). זי האָט אויך געהייסן „נהריים" („נהריים", ווידער, איז אן איבערזעצונג פון דעם נאָ־מען מעזריטש, סיי אין פּויליש און סיי אין רוסיש — וואָס מיינט צווישן טייכן.

ווייל מעזריטש ליגט צווישן צוויי טייכן: טלוסק און קזשנאָ). די ביבליאָטעק וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין תרנ"ג — 1893, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בלויז אַזױ העברעאיש. זי האָט אויך אַריינגענומען אַלע יידישע ביכער און אויך רוסישע און אפילו אנדערע, פרעמד־שפּראַכיקע ביכער. די ביבליאָטעק איז מיט דער צייט געוואָרן א צענטער פון גרויסן באַדייט פאַר די מאסן און, ממילא, א טרעף־פּונקט צווישן זיי און דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט גע־זוכט צו באַאיינפלוסן די מאסן.

עס איז אויך געמאַכט געוואָרן א צווייטער שריט, א פיר אָדער פינף יאָר פאַר דעם אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, אין דער ריכטונג פון בילדן די מאסן: א גרופּע אינטעליגענטן און מעצענאַטן האָבן געעפנט א לייען־זאַל.

צו דער קולטורעלער טעטיקייט דאַרף מען אויך צורעכענען דעם טעאַטער און דעם לאָקאַלן אָרקעסטער. מעזריטש איז פון תמיד אָן געווען איינע פון די בעסטע שטיק־פּונקטן פאַר דעם יידישן טעאַטער. ווען דער יידישער טעאַטער אין פּוילן איז נאָך געווען אין זיינע קינדער־וויקעלעך, האָבן וואַנדער־טרופּעס געשפּילט יידיש טעאַטער אין מעזריטש. קאָמפּאַניעץ מיט זיין טרופּע איז גע־ווען אָן אָפטער גאַסט אין מעזריטש, וואָס איז אַלס ארבעטער־שטאָט מיט פּראָגרעסיווע אידייען געווען איינע פון די גאָר וויניקע, אויב נישט די איינ־ציקע שטאָט אין פּוילן, וועלכע האָט אויפגענומען א טעאַטער־טרופּע מיט א באַזונדערער יום־טובדיקער פייערלעכקייט. אין מעזריטש פלעגן די טרופּעס שטענדיק שפּילן פאַר אויספאַרקויפטע פלעצער. אין 1912, איז אפילו געשען א גרויסע טראַגעדיע בעת דעם באַזוך פון קאָמפּאַניעצעס טרופּע. אָן אַקטריסע פון דער טרופּע, האָט אויסגעטרונקען סם, אַלס רעזולטאַט פון א ליבעס־טראַ־געדיע און איז דאָרט געשטאָרבן. דער דאָזיקער טראַגישער פאַל, האָט געמאַכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף די שטאָט־מענטשן און איז געווען די סענ־סאַציע און דער געשפּרעך פאַר א לענגערער צייט. די אַקטריסע האָט מען גע־לייגט ביי דער וואַנט, אַזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט אַלע זעלבסטמערדער. אָבער מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער, איז איר קבר געווען כמעט אין צענטער פון בית־עולם, ווייל די וואַנט איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן און דער בית־עולם איז געוואָרן גרעסער.

די דאָזיקע טרופּעס און אודאי אויך דער אינערלעכער דראַנג פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן באַוויגן דער יוגנט צו גרינדן א לאָקאַלן אַמאַ־טאָרן־קרייז, וואָס פלעגט אָפט אויפפירן טעאַטער־פּיעסן אין יענע פאַר־מלחמה־דיקע יאָרן מיט גרויס דערפאָלג.

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָט מעזריטש אויך פאַרמאָגט א יידישן אָרקעסטער. אחוץ כלי־זמרים, וואָס פלעגן שפּילן אויף יידישע און נישט־יידישע שמחות און זיינען געווען באַקאַנט אַלס גוטע מוזיקער, האָט

מעזריטש געהאט א פולקאָם אויסגעשטאַטעטן בלאָז־אָרקעסטער. דער דאָזיקער אָרקעסטער, איז געווען א טייל פון דער פייערלעשער־געזעשאפט, וועלכע איז געווען כמעט אן אויסשליסלעך יידיש. פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען אין דער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע", וואָס איז געווען א פּריוויליקע, בלויז צוויי גוים. אירע מיטגלידער זיינען, נאַטירלעך, געווען אממערסטנס יונגע מענטשן פון אלע שיכטן. עס זיינען אפילו אויך געווען צווישן זיי יידן מיט בערד. אָט די פייערלעשער האָבן געהאט א גאנץ גרויסן בלאָז־אָרקעסטער, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון מענדל שפּילמאַן, א יידישער מענטש און א זייער באגאבטער מוזיקער, וואָס איז ארויסגעוואקסן פון א כלי־זמר־משפּחה. די משפּחה שפּילמאַן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אייגנגעבוירענעם טאלאנט, אינטואיציע און א סך איבונג, אָבער אָן מוזיקאַלישער שולע און אָן קאָנסערוואטאָרישער אויסבילדונג. מענדל שפּילמאַן האָט געשפּילט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן און האָט אויך איינשטודירט מיטן אָרקעסטער.

אלע זונטיק פלעגן די פייערלעשער מאכן „מאַנעוורעס" און דער אָרקעסטער פלעגט שפּילן פאַרשידענע מאַרשן. פיל מאָל פלעגן אויך די לאָקאַלע כלי־זמרים מיטשפּילן. דאָס איז בלויז געווען דאַן, ווען מען האָט געגעבן ספּעציעלע קאָנצערטן, ווי א שטייגער, דער חנוכה־קאָנצערט אין דער שול א. א. וו. אזא קאָנצערט, פלעגט ווערן גוט איינשטודירט מיט דעם חזן און זיין כאָר. ספּעציעלע אָוונטן פלעגן אויך איינגעאָרדנט ווערן אין א גרויסן סאַד, טיילמאָל אין הויפּישן פּארק און דאָס געלט איז געגאנגען לטובת דעם איינקויף פון פאַרשידענע אפּאראטן, אין וועלכע פייערלעשער נויטיקן זיך.

אזוי ארום, איז דער אָרקעסטער געוואָרן א פּלאַץ פאר לאָקאַלע יידישע טאלאנטן צו לערנען זיך מוזיק. טייל פון זיי האָבן טאקע דאָרט געמאכט פאַרשריט, פערפעקציאָנירנדיק זיך שפּעטער אין געהעריקע מוזיק־שולעס.

פאַרן קריג — אין תרע"ה, האָט א גרופּע יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געהאט פּרעטענזיעס אויף ליטעראַרישקייט, ארויסגעגעבן א זאמלהעפט מיט דעם סימבאָלישן נאָמען „בליהונג". אין דעם דאָזיקן זאמלהעפט —וואָס האָט געזאָלט זיין אן אָנהויב— האָבן זיך באטייליקט שרייבער־אָנפאנגער און א טייל וואָס האָבן זיך שוין געהאט געדרוקט אין פאַרשידענע אנדערע אויסגאבעס; צווישן זיי אברהם געלמאַן און, דוכט זיך, אויך לייב לעוו. כמעט אלע דערציילונגען, אזוי אויך דער פּאָעטישער טייל פון דער אויסגאבע, ווייזן ארויס אָנפאנגערישע נאַאיווקייט (איינגעשלאָסן אפילו דער מאטעריאל פון די וואָס האָבן זיך שוין געהאט געדרוקט). בלויז איינער פון די באטייליקטע אינעם זאמלהעפט, דוכט זיך, דער ייִנגסטער פון אלע — לייזער גאָלדשמידט, האָט ארויסגעוויזן אמתן פּאָעטישן טאלאנט. ער איז, ליידער, געשטאָרבן אין קורצן עלטער, אין די ערשטע יאָרן פון קריג. א גרופּע פריינט פון זיינע פּארטייחברים — די פּועלי־ציוניסטן, האָבן נאָכדעם ארויסגעגעבן א ביכל געזאמלטע

בליהונג

מעזריטשער אויסגאַבע.

אינהאַלט.

גערעטעטע (ליעד)	א. געלמאַן
קינדער-יאָהרען (ליעד)	אברהם
אָהן אַ היים (ערצעהלונג)	ש פאוהרמאַן
עלעגיע (ליעד)	מ. העפנער
דאָס געוויסען (סקיצע)	כ. הימעלשטיין
פריהלינג (ליעד)	נ. געלבערג
פריהלינג'ס זיעג (ליעד)	נ נרושקע
די פלעפע (ערצעהלונג)	מ. העפנער
די יוגענד (ליעד)	ח. ליבערמאַן
אין וועלדער (ליעד)	א. נ.
וואַנדער! (ליעד אין פראָזע)	ש פאוהרמאַן
*** (ליעד)	ל. קלאַין
דאָס צויבער שיפעל (ליעד)	אברהם
דורשט נאָך ליעבע פסיכאָלאָגישער עטיוד	נ. געלבערג
ראָמאַנס (ליעד)	יש. אַיזען
מיניאַטורען	נ. נרושקע

וואַרשא — דרוק אוניווערסאַל, לעשנאָ 31. — הר' עד

די מעזריטשער צייטשריפט „בליהונג"

לידער פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער. ליידער, האָבן מיר נישט קיין עקזעמפּלאַר פון דעם ביכל און ס'געדענקט זיך נישט דער נאָמען. א צווייטער פון דער גרופּע, איז דער גוט־באַקאַנטער ניו־יאָרקער קולטור־טוער נפתלי וועלוול געלבערג, וועלכער דרוקט זיך פון מאָל צו מאָל אין „פאָרווערטס"; ער איז אויך געווען א מיטאַרבעטער אין דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" אין וואַרשע.

מער ווי צו א סימבאָל און פאַרצייכענער פון די אינטעליגענטע און שע־פערישע כוחות, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, איז דער דאָזיקער העפט נישט דערגאַנגען. די גרויסע וועלט־מלחמה איז געשטאַנען הינטער דער טיר און מיט איר אויסברוך, האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, און ווען דאָס פרידלעכע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי, האָט זיך אַלץ ווידער באַנייט מיט גוואַלדיקן אימפּעט. אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין א באַזונדערן קאַפּיטל.

דער יידישער שפּיטאָל און אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס

איינע פון די עלטסטע יידישע אינסטיטוציעס אין מעזריטש, איז אָן שום ספק געווען דער יידישער שפּיטאָל. דער שפּיטאָל, וועלכן מען פלעגט אמאָל רופן דער „הקדש", איז געווען א גרויסער, שיינער בנין מיט גרויסע און לופטיקע צימערן פאַר די קראַנקע, מיט א גרויסן גאָרטן. איינער פון די יידן, וואָס האָבן זיך בעת זיין גרינדונג און אויך שפּעטער ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דעם שפּיטאָל, איז געווען דער שיינער בעל־הבית און עושר, ר' אורי בער גינצבורג, אן איידעם פון דעם גרויסן מעזריטשער גביר ר' ארוש מינץ. ר' אורי דוב־בער גינצבורג איז געווען פּרעזעס פון שפּיטאָל ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — כ"ג אייר תרי"ט (1859). ווער עס האָט זיך שפּעטער פאַרנומען מיטן שפּיטאָל, ווייסן מיר ליי־דער נישט.

דער שפּיטאָל, וואָס איז געווען א ריין יידישע אינסטיטוציע, האָט נישט געמאַכט קיין דיסקרימינאַציעס און אויפגענומען אויך נישט־יידישע קראַנקע, כאָטש די יידן האָבן אויסשליסלעך געטראָגן די לאַסט פון אויסהאַלטן אים. דער שפּיטאָל האָט על־פּי־רוב באַדינט די אָרעמע שיכטן פון שטאָט.

ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל געווען ד"ר טוביה ראָזענבלום. ער איז געווען א מעזריטשער; אין זיין יוגנט איז ער געווען א לערנער און פון די בעסערע תלמידים פון דעם באַ־קאַנטן מעזריטשער רב, ר' ישראל איסר שאפּיראָ. ער איז געוואָרן באַגייסטיקט פון דער ליבעראַלער פּאָליטיק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד, אונטער דער הערשאַפט פון צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער. ווי באַקאַנט, האָט מען דעמאָלט געמאַכט א רייע הנחות צו יידן, באַזונדערס פאַר יענע מיט העכערע בילדונג. אַלס מעדיצינער, האָט זיך ד"ר טוביה ראָזענבלום דערדינט צו א הויי־

כער ראנג, און אין די אכציקער פון פאַריקן יאָרהונדערט, איז ער —נישט גע־קוקט אויף דער קעגנערשאפט פון די לאָקאלע אנטיסעמיטן און די פוילישע דאָק־טוירים, וואָס האָבן געווינט אין מעזריטש— באשטימט געוואָרן אלס מלוכה־דאָקטער פון גאנצן קרייז. די מעזריטשער האָבן זיך שטארק געפרייט מיט דעם זיג פון זייער בן־עיר, וואָס איז באטראכט געוואָרן אלס א זייעריקער. אגב, ער האָט אויך געפירט א יידישע היים און איז געווען א שטאָלצער ייד. ער האָט אָנגעפירט מיטן שפיטאָל און ער האָט אויך דורכגעפירט כירורגישע אָפעראציעס, ווען עס האָט זיך געהאנדלט פון לייכטע פאלן.

אין די ערשטע יאָרן פון נאָכן וועלט־קריג, איז דער שפיטאָל געוואָרן אי־בערגעבויט א דאנק די שטיצע פון די מעזריטשער לאנדסלייט אין אמעריקע, אי־בערהויפּט א דאנק דעם לאנדסמאן ה' גדליה סאיעטע ע"ה און פרוי, און טייל־ווייז אויך א דאנק דער שטיצע פון די לאנדסלייט אין ענגלאנד, איז דער מעז־ריטשער שפיטאָל געוואָרן איינער פון די מאָדערנסטע אין גאנץ פוילן און זיך גערעכנט צווישן די וויכטיקסטע יידישע שפיטאָלן אין לאנד.

אין שפּיץ פון די באלעבאטים, וועמען ס'איז אָנגעטרויט געוואָרן די מאָ־דערניזירונג און אָנפירונג פון דעם שפיטאָל, מצד די אמעריקאנער לאנדסלייט, איז געשטאנען ר' יחיאל עדלבוים (ר' יחיאל שוחט). אלע טוער האָבן מיט אי־בערגעבנקייט געארבעט צו פארוואנדלען דעם שפיטאָל אין אן אינסטיטוט, וואָס זאָל באמת קענען לייסטן די נויטיקע הילף פאר די קראנקע. די קאָמפּליצירטסטע אָפּעראציעס האָט מען באוויזן דורכצופירן א דאנק דער מאָדערנער איינריכטונג און דעם הויפּט־כירורג, ד"ר מישורסקי (היינט אין תל־אביב), לאנג־יאָריקער געהילף פון דעם גרויסן יידישן כירורג ד"ר סאָלאָווייטשיק, פון ווארשע. דער הויפּט־דאָקטער פון שפיטאָל, ד"ר יוסף קאפלאן, און די דאָקטוירים קאָזעס און ליכטענבערג, אלע דריי מעזריטשער, האָבן מיט אים קאָאָפּערירט.

אחוץ דעם שפיטאָל, האָט אויך עקזיסטירט א „חברה לינת־הצדק", וועלכע האָט געהאט פארשידענערליי אויפגאבן: ווי, נעכטיקן ביי א חולה, געבן נויטיקע הילף צו אָרעמע א. ד. גל. די חברה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תרנ"א (1891). אין דעם „המליץ" פון כ"ט ניסן תרנ"ה, לייענען מיר: „ה' גדליה ראָ־זענצווייג (פון מעזריטש) איז מודיע. די חברה לינה („לינת־הצדק" — מ. ע.), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער דאָזיקער שטאָט מיט פיר יאָר צוריק, ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג און די צאָל פון אירע מיטגלידער גרייכט שוין קרוב צו הונדערט".

עס האָט אויך עקזיסטירט א הכנסת־אורחים פאר פרעמדע אורחים. די דאָ־

זיקע אינסטיטוציע איז שוין געווען אַן אַלטע; אַ מושב־זקנים און אַ בית־לחם (אָדער לחם לעניים) און פאַרשידענערליי צדקה־חברות, ווי, הכנסת־כלה, גמילות־חסדים־קאַסע, וואָס פלעגט באָרגן געלט אויף משכנות אָן פּראָצענטער; אַ לייַ־און שפּאָר־קאַסע. אין די שפּעטערע יאָרן, איז אַ דאַנק די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, געגרינדעט געוואָרן אַ לייַ־קאַסע, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן סוחרים און קליינע פאַבריקאַנטן אין שווערע צייטן.

די שול און בתי־מדרשים

דער עלטסטער בית־תפילה אין מעזריטש, איז, אָן שום ספק, געווען די שטאָטישע שול. די שול, וואָס מיר האָבן געקענט, איז נישט געווען די ערשטע און, מעגלעך, אויך נישט די צווייטע. לויט די ידיעות וואָס מיר האָבן, ווייסן מיר, אז די שול איז אויסגעבויט געוואָרן אויפסניי אויפן זעלבן אָרט, ווו עס איז פריער געשטאַנען די עלטערע הילצערנע שול, וועלכע האָט אָפּגעברענט אין די ערשטע יאָרן פון צענדליק תק״ד—תק״ל, אין דער צייט, ווען אויפן מעזרי־טשער כסא־הרבנות איז געזעסן ר׳ אבישל פראנקפורטערס זון — הרב ר׳ עוזר. די שול, לויט ווי מיר פאַרלאָזן זיך אויפן סמך פון שפּיראָס אינפאָרמאציעס פאַרן פּראָפ. דובנאָוו, האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין דער פריער אָנגעגעבענער צייט, און איר בוי האָט זיך פאַרענדיקט אין יאָר תק״ל (1770 *). א צווייטער מקור, וואָס באַשטעטיקט שפּיראָס אינפאָרמאציעס, איז א רשימה אין דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא. דאָרט דערציילט זיך וועגן דעם טויט פון דעם רבנו מהורר״א זיסקינד... וועלכער איז געווען דער „וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט דעם בוי (פון דער שול) און (ער איז געווען) דער מאָלער פון דעם בית־הכנסת פון אונדזער קהילה, און ער האָט זיך משתדל געווען אז די שול זאָל שנעל פאַר־ענדיקט ווערן... כ״ה מנחם אָב תקל״ט...". מיר זעען, בכן, אז די דאטע וואָס שפּיראָ גיט אָן, איז א קאָרעקטע.

שפּיראָ דערציילט אויך, אז דער אייגנטימער פון מעזריטש — פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי — האָט געגעבן ציגל פאַרן בוי. דאָס האָט דעם פירשט אָפּגעקאָסט א היפּשע מטבע, ווייל די שול איז ווירקלעך געווען א גיגאַנטישער בנין: די ווענט האָבן געהאַלטן מער פון איין צאָל די דיק און די הויך פון דער שול, איז געווען פון פיר שטאָק.

דער פאָרעם פון דער שול, איז, כמעט, געווען אינעם סטיל פון די קירכעס,

---

*) דר. מ. הענדל אין זיין דערמאַנטער ארבעט איבערגעדרוקט פון „פּאָדליאַשער לעבן" אין בוך „מעזריטש" שרייבט, אז די פּריווילעגיע אויף בויען די נייע שול איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון דעם לוצקער בישאָף, וועלכער האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער מעזריטשער פּאַראַפיע, אין יאָר 1761. ער האַלט אויך, אז אין 1779 איז דער בנין נאָכנישט געווען געענדיקט.

וואָס מען האָט געזען איבעראל אין פוילן. אינעם צענטער פון בנין, איז געווען די אייגנטלעכע שול און אויף דרום און צפון זיינען געווען צוויי פליגלען, וואָס האָבן געדינט אלס עזרת־נשים. די עזרות־נשים האָבן געהאט גראטעס, וואָס האָבן געשאפן א מחיצה מיט דער מענער־שול. דיביידע פליגלען פון דער ווייבער־שול, האָבן נישט געהאלטן מער פון איין שטאָק (פּארטער) די הויך. די מערב־זייט פון דער שול, איז שוין נישט געווען אינעם קירכלעכן סטיל. די מערב־וואנט איז באשטאנען פון א פשוטער מויער מיט א סך פענצטער — פון די צוויי גאַרנס פון די עזרות־נשים (ווייבער־שול) — וואָס זיינען ארויסגעגאנגען אין גאס אריין. די אָריגינעלע טיר (מ'האָט די טיר געביטן, ווען מען האָט רעמאָנטירט די שול, אין 1912) איז געווען פון דיקן אייזן, מיט אייזערנע גראווירונגען באשלאָגן אויף איר און האָט געהאלטן ארום דריי איילן די ברייט. הארט ביים אריינגאנג פון דער שול, האָט זיך געפונען א גרויסער פּאָליש. לינקס פון פּאָליש, איז געווען דער קליינער בית־המדרש; דאָרט האָט מען גע־דאוונט און אויך געלערנט (אין שול גופא, האָט מען קיינמאָל נישט געלערנט), מן הסתם, האָט מען דאָרט אויך פון צייט צו צייט געפּראוועט א סעודת־מצוה. איך בין זיך משער —און איך האָב דערצו געגוג באווייזן— אז אין דעם קליי־נעם בית־המדרש האָט מען מיט יאָרן צוריק אָפּגעהאלטן קהלישע אסיפות און דאָרט האָט מען אויך געפּסקנט אלערליי שאלות, ספּעציעל אזעלכע וואָס האָבן געהאט א שייכות צו קהל אָדער אין שייכות מיט עבירות, וואָס איינער איז באגאנגען לגבי קהל. אין פּאָליש איז אמאָל געווען די קונע, דאָרט האָט מען אויך דורכגעפירט, אין די אלטע צייטן, פארשידענערליי שטראָפן קעגן די זינ־דיקע און אויך געשלאָגן מלקות ערב יום־כפור.

פון פּאָליש האָבן צוויי ברייטע טירן, פון איבער צוויי מעטער די ברייט, געפירט אין אינערן פון שול. דער אינערלעכער טייל פון דער שול, איז געווען זייער הויך אין דער סופיט, וואָס האָט זיך געהאלטן אויף קאָלאָנעס, פון ארום א מעטער די דיק יעדע איינע, איז געווען געוועלביקמעסיק. גרויסע פענצטער אויף צפון און דרום האָבן צוגעלאָזט ליכט בשפע. אינדערמיט שול, איז גע־שטאנען דער באלעמער און אויפן באלעמער איז געשטאנען דער שולחן. אויפן שולחן איז געלעגן א לעדערנע קישעלע, וועלכעס האָט געדינט פארן שמש, צו קלאפּן דערויף, בכדי איינצושטילן דעם עולם. זייט איך געדענק, איז דאָס קי־שעלע שוין געווען שטארק אָפּגענוצט און אלט; הפנים, אז דאָס קישעלע איז שוין דאָרט אזוי געלעגן פון סאמע בראשית אָן, ווען די שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן. אויפן באלעמער איז אויך, אין דער זייט, געשטאנען א באנק.

אויף דער מערב־זייט, זיינען געווען צוויי באלקאָנען — א מין גאלעריע. דאָרטן פלעגן אמאָל שטיין די חדר־יינגלעך, ווען די מלמדים פלעגן אין די שבתים און ימים־טובים ברענגען צום דאווגען, כדי זיי זאָלן ענטפערן „אמן", „יהא שמיה רבא" און מיטזאָגן „ברכו" און „קדושה". דער שרייבער פון די

שורות, געדענקט דאָס שוין נישט. אָבער א דור פאר דעם, האָט נאָך די דאָזיקע גאַלעריע עקזיסטירט און די מלמדים האָבן אָפּגעהיט אָט דעם מנהג. הפּנים, אז ביי א פריערדיקן רעמאָנט האָט מען די גאַלעריע צענומען. די אורזאַכן דערפון — פון אוועקנעמען די גאַלעריע — איז נישט באַקאַנט.

דער אָרון־קודש, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס מען האָט די שול אויפגעבויט, איז געווען א הילצערנער. דער ארון־קודש האָט געהאַלטן א גוטע דריי איילן די ברייט און איז געווען גאַנץ הויך. ער איז געווען געשניצט און די שניצערייי איז געווען געליישט מיט גאָלד. שפּעטער, ווען מען האָט רעמאָנטירט די שול און מען האָט אויפגעשטעלט א צווייטן אָרון־קודש, האָט מען דעם אַלטן ארון־קודש ארײנגעשטעלט אין פּאָליש אריין. ביז צום רעמאָנט, האָט די שול פאַרמאָגט א כסא של אליהו הנביא, וועלכער איז געוואָרן באַנוצט, ווען מען פלעגט פראַוון בריתן אין שול.

אונטער די טרעפּ צום עזרת־נשים, אויף צפון זייט, פלעגט זיך געפינען דאָס טהרה־ברעט און א קאַסטן מיט זאַמד. אהינצו, האָט מען אריינגעוואָרפן די ערלות נאָכן מלה זיין.

אין 1912, האָט מען רעמאָנטירט די שול. די דאָזיקע ארבעט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דעם פּאָפּולערן מאָלער און קינסטלער, הערש ליבער פּאַדאַלסקי. אליין האָט ער געשטאַמט פון לוקאָוו, אָבער ער איז געווען א תושב פון מעזריטש פאר פיל יאָרן און איז אויך אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע מעזריטשער לאַנדסלייט און זיך באַטראַכט פאר איינעם פון זיי. א סך מאַנאַטן האָט געדויערט דער דאָזיקער רעמאָנט און די הוצאה איז געווען א גרויסע; עס האָט אָפּגעקאָסט איבער עטלעכע טויזנט רובל. ער אליין האָט אויסגעארבעט אין דער מזרח־וואַנט אַן ארון־קודש מיט א פריים פון גיפּס און צעמענט, וואָס איז געווען באַצירט מיט גיפּסענע פיגורן פון בלומען און ער האָט אויספּאַרמירט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פון בית־המקדש, וואָס ווערן דערמאָנט אין תהילים, קאַפּיטל ק"נ. דער נייער ארון־קודש, וואָס איז געווען ארום צוויי שטאָק די הויך, איז ווירקלעך געווען א מייסטער־ווערק. די ברייט פון דעם ארון־קודש, איז געווען א גוטע פינף איילן. פאר דעם ארון־קודש איז געווען א גרויסע גאַלעריע, צו וועלכער מען איז ארויפגעגאַנגען פוןביידע זייטן מיט טרעפּ; אויב איך בין זיך נישט טועה — 15 טרעפּ, לויט די צאָל טרעפּ וואָס זיינען געווען אין בית־המקדש, אנטקעגן די ט"ו שיר־המעלות. אויף דער גאַלעריע פלעגט פון מאָל צו מאָל שטיין דער כאָר. דאָס איז אָבער געווען בלויז אין זעלטענע פאלן. געוויינלעך איז דער כאָר געשטאַנען ארום דעם חזן, אונטן, ביים עמוד. איבער דעם ארון־קודש, זיינען געווען צוויי לוחות און א כתר אויף זיי. הינטער די לוחות, איז געווען א פענצטער פון וואַנען עס איז געפאַלן ליכט אויפן כתר. אונטער דער גאַלעריע, איז געווען א טיר וואָס האָט געפירט צו

א ספּעציעלן גאָרטן. דאָרט פלעגן מתפללים כאפּן פרישע לופט, באזונדערס אין די ימים־נוראים.

בלויז דריי שולן, אין גאנץ פּוילן, זיינען געווען געבויט אין דעם סטיל און די מעזריטשער שול איז געווען די גרעסטע פון די דריי, און ס'קען זיין, אז צווישן די גרעסטע אין גאנץ פּוילן. די שול צוזאמען מיט אירע ווייבער־שולן, האָט אָן שום ספק, געקענט ארייננעמען איבער דריי טויזנט מענטשן. זי איז געווען דער צענטער פון די שטאָטישע טעטיקייטן. די גרעסטע פארזאמ־לונגען זיינען דאָרט פאָרגעקומען. אָבער פארזאמלונגען אין שול זיינען נישט פאָרגעקומען גאָר אָפט. צווישן די וויניקע פארזאמלונגען, זיינען געווען די כ' תמוז־פייערונגען —ד"ר הערצלס יאָרצייט— וואָס זיינען געפּראוועט געוואָרן יאָר־יערלעך אין דער שול. ביי דער געלעגנהייט פון אויסנאמלעכע פארזאמלונ־גען און איבערהויפּט, אויב אין שול האָט געדאוונט א גוטער חזן, איז די שול געווען געפּאקט ממש. טויזנטער מענטשן פלעגן אין דעם פאל שטיין אין גרעסטן געדראנג און אויסהערן דעם רעדנער אָדער דעם חזן מיט זיין כאָר.

מענטשן פון שטאָט, איבערהויפּט שרעקעוודיקע, פלעגן מורא האָבן דורכ־צוגיין דאָס שול־געסל נאָך האלבער נאכט. מען האָט געזאָגט, אז נאָך 12 ביי־נאכט, איז די שול פול מיט מתים וואָס קומען דאוונען. מען האָט וועגן דעם אָפט דערציילט כלערליי לעגענדעס.

משה בנימין פעלדשער האָט דערציילט, אז איינמאָל, ווען ער איז אין א ביינאכט פארבייגעגאנגען די שול, האָט ער געהערט ווי מען רופט אים אויף צו דער תורה. האָט ער פארשטאנען, אז דאָס האָבן די מתים אים מכבד גע־ווען מיט אַן עליה. איז ער אוועק צום רב פרעגן וואָס ער זאָל טאָן. דער רב האָט אויסגעהערט זיין שאלה און אים געהייסן זיך איינוויקלען אין זיין טלית און ער זאָל ארייגגיין אין שול אריין. אָבער ער זאָל נישט קוקן, נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס, נאָר גיין גלייך. ער זאָל ארויפגיין אויפן באַ־לעמער און מאכן די ברכה איבער דער תורה בקול־רם, און ווען ער וועט ענדיקן, זאָל ער ווידער ארויסגיין גלייך, הינטערווייַלעכיץ און ווידעראמאָל זיך נישט אומקוקן אויף רעכטס אָדער לינקס.

משה בנימין האָט פארענדיקט, אז ער האָט אזוי געטאָן און ער איז אריינ־געגאנגען בשלום און ארויסגעקומען בשלום פון שול, וואָס איז געווען פול מיט מתים.

אין אלגעמיין האָט מען מן־הסתם משה בנימינען נישט גענומען שטארק ערנסט; ער איז בכלל געווען א ווייצלער און האָט נישט פיינט געהאט צו דער־ציילן א מעשה, וואָס זאָל זיין נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. אָבער די אויסטערלישע מעשה און ענלעכע מעשיות, האָבן אָנגעוואָרפן א פחד אויף

קינדער און ווייבער און סתם שרעקעוודיקע מענטשן, און זיי האָבן אויסגעמיטן דורכצוגיין דאָס שול־געסל שפּעט ביינאַכט.

אין שייכות מיט דער שול, וועלן מיר ברענגען דאָס וואָס הרב גליקסבערג דערציילט אין זיינע זכרונות *):

„די מעזריטשער קהילה איז געווען אַן אַלטע אין אירע מנהגים... אַזעלכע האָב איך נישט געזען אין אַנדערע שטעט (הרב גליקסבערג האָט אודאי גע־מיינט שטעט אין מזרח־אייראָפּע, ווייל אַ טייל ענלעכע מנהגים קען מען לייכט געפינען אין פראַנקפורט ביים מאַין און אין אַנדערע דייטשע קהילות, וואָס באַווייזט בלויז, אַז די ערשטע יידן פון מעזריטש, האָבן אָן שום ספק, גע־שטאַמט פון דייטשלאַנד. — מ. ע.). אייניקע פון זיי וועל איך דאָ דערמאָנען:

„די גרויסע שול, אַ ריזן־בנין, האָט געהאַט פיר בימות — איינע נעבן היכל, איינע אין דער מיט כנהוג, און אחוץ דעם נאָך צוויי בימות, ווי אַ מין באַלקאָנען, אויף דער מערב־וואַנט, איינע פון דער רעכטער זייט פון פּאָליש, איינע פון לינקס. די דרדקי־מלמדים האָבן געבראַכט יעדן שבת צו שחרית זייערע תלמידים, די קלענסטע, און זיי אַריינגעזעצט אין די דאָזיקע בימות; און זיי פלעגן ענטפערן „אמן" נאָך יעדער ברכה פון חזן; און דער עכאָ פון די קינדערשע קולות אין חלל פון בית־הכנסת איז געווען ווי אַ מעכטיקער כאָר פון זינגג־פייגעלעך און האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אין די הערצער.

„יעדן פאַרטאָג און פאַרנאַכט, האָט דער שמש געקלאַפּט אין די לאָדנס, אָנצוזאָגן דעם זמן תפילה. יעדן טאָג, האָט דער שמש געקלאַפּט דריי מאָל; און ווען ס'איז געווען אַ לוויה אין דער שטאָט, נאָר צוויי קלעפּ; און דאָס איז געווען אַ רמז, אַז עמעצער פון די שטאָט־מענטשן איז הלך לעולמו; וואָרום, משום „מוציא דבה" פירט זיך, נישט אָנצוזאָגן דירעקט זיין חבר וועגן שטאַרבן פון אַ מענטשן. שבת האָט ער בכלל נישט געקלאַפּט, נאָר האָט זיך געשטעלט אין מיטן גאס אָדער מאַרק און אויסגערופן: „אין שול אַריין!"

„אין וואָכנטעג, פלעגט מען זאָגן נאָכן דאַווענען „אנעים זמירות" ביים אָפענעם ארון־קודש, אַזוי ווי שבת. אין אַ טאָג ווען ס'איז געווען אַ ברית־מילה, האָט מען נישט געזאָגט „תחנון" אין אַלע שולן פון מעזריטש. אַ חופּה פלעגט מען שטעלן דווקא נעבן דעם פּאָליש פון דער גרויסער שול... דער פּאַראַד פון ברענגען חתן־כלה, איז געווען באַגלייט פון אַן אָרקעסטער פון פאַרשידענע כלי־זמר... בשעת „אנעים זמירות", האָט מען מכבד געווען דעם חתן מיט פּתיחת־הארון. דער חתן, וואָס פלעגט אָוועקפאָרן חתונה האָבן אין אַ פרעמדער שטאָט, פלעגט גיין אין באַגלייטונג פון שטאָט־שמש, צו געזעגענען זיך מיט די בעלי־בתים, אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען ער האָט געהאַט בדעה צוריקצוקומען אין שטאָט נאָך דער חתונה.

*) אַרויסגעקומען פון בוך „מעזריטש", ווו זיי זיינען טיילווייז פאַרעפנטלעכט־ און מיט וועלכע מיר האָבן זיך שוין באַנוצט ביי פריערדיקע געלעגנהייטן.

„דער ברייטער פּלאַץ פאר דער שול איז... אויך געווען אן אָרט פון טרויער און צער: אַלע לוויות פלעגן פארבייגיין און נישט אָפּשטעלן די מיטה — אין מעזריטש האָט מען נישט געזאָגט די תפילת השכבה בעת דער לוויה — נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט מספיד געווען דעם נפטר, האָט מען אָפּגעשטעלט די מיטה פאר דער טיר פון בית־הכנסת.

„אין מעזריטש איז געווען אן אלטער מנהג, וואָס וועגן אזעלכן האָב איך נישט געהערט אין קיין שום אָרט פון תפוצות ישראל. די מערב־תפילה פון מוצאי־שבת פאר ראש־השנה, איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער גרויסער שול מיט גרויס פייערלעכקייט. דער הויפּט־חזן האָט זיך געשטעלט פארן עמוד מיטן כאָר... און האָט אָנגעהויבן מיטן שיר המעלות „הנה ברכו את ד׳ כל עבדי ד׳ העומדים בבית ד׳ בלילות״ (איך ווייס נישט, פארוואָס הרב גליקסבערג האָט נישט באמערקט נאָך א זאַך, דהיינו, אין קיין שום מתנגדישן מנין ווערט נישט געזאָגט שיר המעלות פאר „והוא רחום״; בלויז ביי חסידים איז איינגעפירט געוואָרן צו זאָגן שיר המעלות „הנה ברכו וכו׳ פאר „והוא רחום״, ווי ביי די ספרדים. דאָס זאָגן שיר המעלות אין אזא מתנגדישער פעסטונג ווי די מעזרי־טשער שול, אפילו ווען בלויז איינמאָל אין יאָר, איז זייער מערקווירדיק. — מ. ע.) און האָט אויסגעזונגען א מאסע פון יענע דערהויבענע ימים־נוראים־ניגונים... די ענגשאפט איז געווען זייער א גרויסע; די פינצטערניש פאר דער הבדלה, האָט פארשארפט די סכנה פון דער ענגשאפט פאר שוואכע און קינ־דער; וואָרום אלע אין דער שטאָט האָבן זיך געוואָלט באטייליקן אין דער תפי־לה „שיר המעלות״ — אזוי האָט מען גערופן די פייערלעכקייט — פּלוצלינג האָט מען אים בטל געמאכט. אמאָל האָט דער חזן זיך פארשפעטיקט און אין צווישנצייט איז די ענגשאפט געוואָרן אומדערטרעגלעך, און די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען... אויך איך בין געווען צווישן זיי. מיטאמאָל האָט זיך דער־נענטערט צום עמוד איינער פון די מתפללים פון בית־הכנסת, דאָס איז געווען ר׳ דוב דוד פעלמאן —דער ערשטער פרדסן נעבן יפו— און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיטן וואָכעדיקן נוסח און ניגון „והוא רחום״... און דאָס גאנצע קהל האָט אים נאָכגעזאָגט א פּראָסטן שבפּראָסטן מעריב. ס׳איז גאָרנישט צו שיל־דערן די אנטוישונג און די מרה־שחורה... אָבער די זאך איז אדורך בשלום — ואין פּוצה פּה ומצפצף. פון דעמאָלט אָן איז דער מנהג פון „שיר המעלות״ לגמרי בטל געוואָרן״. (די רואיקייט איז אפשר געווען צו פארדאנקען דעם פאקט, וואָס ר׳ דוב דוד פעלמאן איז געווען איינער פון די שבעה טובי העיר, אן עושר און למדן. — מ. ע.).

פונקט אנטקעגנאיבער דער שול, איז געשטאנען דער גרויסער בית־המדרש. אין שפּיראָס באריכט צו דובנאָוון, אין וועלכן ער דערמאָנט די שול וואָס איז געבויט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם דוכס טשאַרטאָריסקי, דערמאָנט ער

אויך דעם גרויסן בית־המדרש. ער שרייבט אזוי: „גם לבד הבית־הכנסת סייע לבנין בהמ"ד חומה גדולה עם חניות בתקרת לבנים העומד מול בית־הכנסת..." — „אחוץ דער שול, האָט ער אויך געהאָלפן צום בוי פון דעם בית־המדרש. א גרויסער מויער מיט געוועלבער און מיט א סופיט פון ציגל, וואָס שטייט קעגנ־איבער דער שול...".

לויט שפּיראָס דערקלערונג, קומט אויס, אז דער בית־המדרש, איז אזוי אַלט ווי די שול. דאָס מיינט צו זאָגן. אז בערך תק"ל (1770) האָט מען אויך אויסגעבויט דעם בית־המדרש. לויט אונדזערע ידיעות, איז עס נישט אזוי. מיר ווייסן, אז די איניציאַטיוו פאַר דעם אויפבוי פון בית־המדרש, האָט גענומען אויף זיך ר' זעליג אייזנשטיין. ער איז געשטאָרבן אין תרמ"ב, ד. ה. 112 יאָר נאָך שפּיראָס דאַטע. דער בית־המדרש איז נישט אַלט געווען קיין פולע הונ־דערט יאָר. די פּליאה איז דערפאר נאָך גרעסער, ווייל שפּירא איז געווען ר' זעליגס מיטצייטלער און האָט אודאי גוט געדענקט, ווען מען האָט דעם בית־המדרש אויפגעשטעלט. אָט דאָס צווינגט אונדז צו קומען צום אויספיר, אז דער בית־המדרש, וואָס שפּירא רעדט וועגן אים, איז א פריערדיקער. עס איז גאנץ מעגלעך, אז דער בית־המדרש האָט אָפּגעברענט אין יאָר תר"ב (1842), צוזאמען מיט א גרויסער טייל פון שטאָט (300 הייזער) און אפילו די שול איז פארברענט געוואָרן. עס איז, ווארשיינלעך, פארבליבן פון איר בלויז די ווענט און דער דאך.ביידע געבעט־הייזער זיינען נאָכדעם ווידעראמאָל אויפגעריכטעט געוואָרן, און אפשר האָט מען דעם בית־המדרש געמוזט פולשטענדיק איבער־בויען. די מסקנא, שיינט צו זיין א ריכטיקע און באשטעטיקט אויך דאָס, וואָס מען האָט דערציילט אין שטאָט, אז גראף פּאָטאָצקי — וועלכער האָט אין אָנ־הויב פון די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איבערגענומען מעזריטש פון פּרינץ טשאַרטאָריסקי — האָט זיך בייגעשטייערט מיט א סך בוי־מאַטע־ריאַלן צום אויפבוי פון דער שול, בעסער געזאָגט, צום בדק־הבית, ווייל די שול גופא, אויסער די איינריכטונגען אינעווייניק, איז געבליבן שטיין, ווייל זי איז געווען געבויט פון ציגל און די ווענט האָבן געהאַלטן מער ווי אַן אייל די דיק (לויט דעם קומט אויס, אז די אַלע כלי־קודש מיט דעם ארון־קודש, זיינען געווען נישט די אָריגינעלע, נאָר געשטאַמט פון א שפּעטערדיקער דאַטע — פון נאָך דער שרפה).

דער „גרויסער בית־המדרש", איז אזוי גערופן געוואָרן, נישט נאָר צוליב דעם וואָס ער איז געווען דער וויכטיקסטער מקום־תפילה נאָך דער שול, און איז דערפאר געווען גרעסער אין חשיבות פון אַלע אנדערע בתי־מדרשים, נאָר אויך טאקע צוליב זיין ווירקלעכער גרויס. בלויז אין דער לענג, פון מערב צו מזרח, איז ער נישט געווען אזוי גרויס ווי די שול, אָבער פון דרום צו צפון, איז ער געווען אזוי ברייט ווי די שול. עס זיינען דאָרטן געווען הונדערטער זיץ־פּלעצער, און ווען אין גרויסן בית־המדרש האָט געדרשנט א באוווסטער מגיד — און אין

די שפּעטערע יאָרן, בעת פּאָליטישע מיטינגען — פלעגט זיך פאַרזאַמלען אַן עולם צוהערער, וואָס האָט זיכער געציילט ארום צוויי טויזנט מענטשן.

אין בית־המדרש האָבן געדאַוונט די פּני פון שטאָט. דער מזרח, איז גע־ווען באַזעצט פון די גרעסטע לומדים און עשירים פון שטאָט. אויך דער רב האָט געהאַט א שטאָט אין גרויסן בית־המדרש. יידן האָבן דאָרט געלערנט כמעט א גאַנצן טאָג. אויסער די ישיבה־בחורים און יונגעלייט, וואָס פלעגן דאָרט זיצן גאַנצע טעג און לערנען, און טיילמאָל אויך אויפזיין די נעכט, פלעגן אויך בעלי־בתים זיצן תמיד און לערנען. הונדערטער יידן זיינען געקומען א שטיק פאַר פאַרטאָג אין בית־המדרש אריין און זיך געזעצט לערנען ביזן שפּראָץ פון טאָג און דערנאָך זיך געשטעלט דאַווענען „ותיקין״ (דאָס ערשטע מנין). דער בית־המדרש האָט פאַרמאָגט עטלעכע טויזנט ספרים, צווישן זיי: 60 גענג ש״ס, 60 גענג משניותן, 30 גענג רמב״מס און אַנדערע ספרים, פון וויכטיקייט פאַרן לערנער. אַזעלכע ספרים, זיינען געווען אין די צענדליקער עקזעמפּלאַרן. ס׳זיי־נען געווען כמעט אַלע ספרי הלכה און דרוש, צווישן זיי אויך א סך יקר־המציאותן. אויך קבלה־ספרים, האָבן זיך געפונען אין בית־המדרש. אָן אויסנאַם זיי־נען געווען חסידישע ספרים. פון זיי האָט מען געקענט אָנטרעפן בלויז אויף איינצלנע עקזעמפּלאַרן. דער בית־המדרש איז מיט דעם געבליבן געטריי זיינע מתנגדישע פּרינציפּן.

סיי אין דער פרי און סיי פאַרנאַכט און נאָך מעריב, זיינען געזעסן כל־ערליי חברות און געלערנט ביי באַזונדערע טישן און אַלע טישן זיינען געווען באַזעצט. עס זיינען געווען עטלעכע חברות ש״ס, עטלעכע חברות משניות, א חברה וואָס האָט געלערנט חומש מיט רש״י, א חברה חיי־אדם, מדרש, מנורת־המאור, עין־יעקב, א חברה־תהילים א. א. יעדע חברה האָט געהאַט איר רבין, טיילמאָל איז דער רבי אויך געווען א געצאָלטער.

אויפן מערב־זייט האָט זיך געפונען דער עזרת־נשים, וואָס איז געווען גענוג גרויס און א דרומית־מערבית — קליינער בית־המדרש. אויך דאָרט האָט מען געלערנט און געדאַוונט און דער רב פלעגט דאָרט געבן חליצה. דער גרויסער בית־המדרש האָט געהאַט צוויי אריינגענג, איינעם אין דרום זייט און א צווייטן אין צפון. ביי ביידע אריינגענג, האָט געהאַנגען א כיור (האַנט־פאַס) צום וואַשן זיך די הענט. צוליב דער גרויסקייט פון בית־המדרש, זיינען דאָרט געשטאַנען צוויי זייער גרויסע אויוונס, כדי צו דערוואַרעמען דעם בית־המדרש אין די שווערע ווינטער־טעג.

אויך אַנטקעגנאיבער דער שול, אויף צפון זייט, איז געשטאַנען דאָס שניי־דער־שטיבל; א געמויערטער בנין, וואָס איז געווען פון די עלטסטע בתי־מדרשים און אינסטיטוציעס אין שטאָט. דאָרט האָבן אויך געדאַוונט די קצבים און אַמאָל האָבן דאָרט געדאַוונט די דאָרפס־גייער. דאָס שניידער־שטיבל האָט געהאַט א חזקה אויפן שטאָט־חזן, ער זאָל דאַווענען נעילה ביי זיי. אין דער זעלבער גאַס,

איז אויך געשטאנען דער הכנסת־אורחים מיט זיין בית־המדרש, און אביסל ארויפצו, צו שמולעוויזנע, האָט זיך געפונען דאָס מעזריטשער שטיבל (פריער ביאַלער) — א געמוירטער בנין. דאָרט האָבן געדאַוונט די מעזריטשער חסידים און אַלע אַנדערע חסידים פון אַנדערע רביים, וואָס האָבן צוליב זייער קליינער צאָל נישט געקענט באַווייזן צו האָבן א זעלבסטשטענדיק שטיבל. דאָרט האָט מען געטראָפן חסידים זיצן און לערנען אין דער פרי און ביינאַכט און חסידישע יונגעלייט האָבן דאָרט געלערנט א גאַנצן טאָג. נעבן דער שטיבל, האָט זיך געפונען דאָס שוסטער־שטיבל; א הילצערנער בית־המדרש מיטן אַן עזרת־נשים, וואָס איז אָן שום ספק, אויך געווען איינער פון די עלטסטע בתי־מדרשים און אינסטיטוציעס אין דער קהילה. אויף די ראַנדן פון שמולעוויזנע, זיינען געווען דער בערשטער־בית־המדרש, ר' איטשע־לייבס בית־המדרש מיט אַן עזרת־נשים אין דער פאָרעם פון א גאַלעריע ווי אין א שול, און דער שמולעוויזנער בית־המדרש. אויף דער וואַרשעווער גאַס, האָט זיך געפונען דער בעל־עגלהשער בית־המדרש מיט א גרויסער עזרת־נשים; אין דעם בית־המדרש האָט מען אויך געקענט טרעפן א רייכע ספרים־ביבליאָטעק און צוליב דעם פלעגן דאָרט זיצן לומדישע יונגעלייט און עלטערע יידן און לערנען. נאָכן גרויסן בית־המדרש, האָט דער בעל־עגלהשער בית־המדרש פאַרנומען דעם וויכטיקסטן פלאַץ צווישן די שטאָטישע בתי־מדרשים און דאָרטן פלעגן אָנגעפאָרענע מגידים דרשנען, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אמאָל געזעדט אין גרויסן בית־המדרש. דער מורה־הוראה, ר' מאיר לעוו (ר' יעקב שפּיראָס איידעם) פלעגט דאָרט דאַווענען און ער האָט דאָרט געלערנט פאַר דעם עולם „מעשה אלפס”. אויף פּיששטשאַנקע, האָט זיך געפונען א געמויערטער בית־המדרש מיט אַן עזרת־נשים, און אויף די בריקן —לובלינער גאַס— האָט זיך געפונען דער בריקן־בית־המדרש; א גרויסע הילצערנע געביידע מיט א ווייבערשע גאַלעריע; אויך דאָרט האָבן גע־דאַוונט יידן לומדים און דער צווייטער מורה־הוראה, ר' יאָשע־בער לעווינזאָן, פלעגט דאָרט דאַווענען און זאָגן א בלאַט גמרא פאַרן עולם. הינטער דער לובלי־נער גאַס, אין דעם געסל וואָס האָט געפירט צו דער קאָשטשעלנע־גאַס, האָט זיך געפונען ר' הירש־חיים ראָזנצווייגס בית־המדרש. דער בית־המדרש איז אויך געווען באַקאַנט אַלס ר' סענדערס בית־המדרש, ווייל ער האָט אָפּגעזאָגט זיין מויער לטובת דעם בית־המדרש*). אויך דער בית־המדרש איז געווען א גע־מויערטער און געהאַט א שיינעם עזרת־נשים, און אויך דאָרט זיינען געזעסן יונגעלייט און עלטערע יידן און געלערנט, צוליב די פיל ספרים, וואָס זיינען דאָרט געווען.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין קאָליע־געסל געווען דער בית־

*) אין זיין צוואה האָט ער אויך אָנגעזאָגט צו געבן 2.5000 רובל „בעד יושבי ארץ הקדושה” (ד״ר. הענדל — פּאָדליאַשער לעבן, איבערגעדרוקט אין בוך „מעז־ריטש” ז. 19).

המדרש פון מעזריטשער רבין. אחוץ דעם, זיינען געווען פארשידענערליי מנינים פון פארשידענע חברות. ביים רב האָט מען געדאַווענט שבתים און ימים־טובים, אפילו אין די ימים־נוראים. אויסער דעם, זיינען נאָך געווען שטיבלעך פון גערער, ראדזינער, סאָקאָלאָווער און לאָמזשער חסידים. אָבער זיי זיינען געווען קליינע לויט דער צאָל פון די מתפללים.

אין אָט די אַלע בתי־מדרשים און שטיבלעך, האָבן יידן פארבראכט אין תפילה און אין תורה און אפילו אין סאָציאַלע און פּאָליטישע שמועסן. עס האָט אין די אַלע ערטער, געברויזט א קערנדיק יידיש לעבן, וואָס איז געווען פאַר־וואָרצלט זינט צענדליקער דורות, און עס האָט זיך קיינעם נישט געחלומט, אז עס וועט קומען א טאָג ווען דאָס אַלץ וועט אויסגעריסן ווערן צוזאמען מיטן וואָרצל. ליידער, איז דער דאָזיקער ביטערער טאָג געקומען... חבל.

די מעזריטשער דרוקעריי

אין דער געשיכטע פון יידישן דרוק־וועזן, פאַרנעמט נישט מעזריטש קיין באַזונדער אָנזעעוודיקן פּלאַץ און אין קיין איינע פון די אַרבעטן, וואָס זיינען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן יידישע דרוקערייען אין פּוילן, געפינען מיר נישט דערמאָנט דעם נאָמען פון מעזריטש. די סיבה, פאַרוואָס די מעזרי־טשער דרוקעריי פיגורירט נישט אין ערגעץ, פאַרענטפערט זיך דערמיט, ווייל איינגנטלעך האָט די מעזריטשער דרוקעריי געדרוקט זייער ווייניק ספרים, און, השנית, די דרוקעריי איז איינגעשטעלט געוואָרן ערשט אין 1913, קורץ פאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און זי האָט נישט באַוויזן צו דערלאָבערן פאַר זיך אַן אָרט אינעם רעגיסטער פון דרוקערייען און איז, מהמת דעם, פאַרבליבן אומבאַקאַנט.

די מעזריטשער דרוקעריי, איז געגרינדעט געוואָרן פון ישעיה יוסף ראָ־גאָזשיק אין יאָר 1913. דער פאַרנעם פון דער דרוקעריי איז געווען א באַשיי־דענער און, פאַרשטייט זיך, אז דעם זאַץ האָט מען — אַזוי ווי איבעראַל אין יענער צייט — צוזאַמענגעשטעלט מיט קאַסטן־שריפט, קלייבנדיק אות ביי אות מיט דער האַנט. דאָך האָט די דרוקעריי באַוויזן אַרויסצוגעבן עטלעכע ספרים.

דער מחבר פון איין ספר, איז געווען ר׳ דוד ווייסמאַן. ער אליין האָט געשטאַמט פון דעם שכנותדיקן שטעטל פּאַרטשעוו. קיין מעזריטש איז ער געקומען אַלס יונגערמאַן, דוכט זיך, אז ער איז געווען א מעזריטשער איידעם. דאָס יאָר, ווען ער איז אָנגעקומען קיין מעזריטש, איז מיר נישט באַקאַנט. אין זיין משפּחה האָט מען דערציילט, אז ער איז שוין געווען אין מעזריטש אין דער צייט פון „עונג יום טוב". אויב דאָס זאָל זיין אַזוי, איז ער געקומען פאַר דער דאַטע פון תרי"ט. ער זאָל אויך האָבן מסדר געווען א טייל פון דעם ספר „עונג יום טוב". זיכער איז, אז ער האָט מסדר געווען דעם ספר „עזרת ישראל" פון א צווייטן מעזריטשער רב, ר׳ ישראל־איסר שאַפּיראָ. דער מחבר אין זיין הקדמה, דריקט אים אויס דערפאַר א בפירושן דאַנק. פון פאַך איז ער געווען א סופר און שטאָט־שמש. צומערשט איז ער געוואָרן הויפּט־שמש. פאַרצייטנס, האָט דער פּאָסטן געהאַט א גאָר וויכטיקן באַדייט. שפּעטער, ווען עס איז בטל געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן, זיינען די פונקציעס פון דעם שטאָט־

שמש געוואָרן שטארק באגרענעצט. דאָך איז ער נאָך אלץ געווען א וויכטיקער באאמטער פון קהל. ער איז געווען דער אָפיציעלער שמש פון בית־דין (דער צווייטער שמש, וואָס האָט געהאט א קהלשן כאראקטער, איז געווען דער שמש פון דעם גרויסן בית־המדרש, וואָס איז אויך געווען אן אָפיציעלע שטאָטישע אינסטיטוציע, בעת די אנדערע בתי־מדרשים זיינען, לעולם, געגרינדעט געוואָרן פון חברות אָדער פריוואטע גרופעס, אָבער נישט דירעקט פון דער קהילה). ער האָט געדארפט דאווענען פארן עמוד, ווען עס האָט געפעלט דער חזן און עס איז נישט געווען קיין בעלי־תפילה, וועלכע מען זאָל קענען צולאָזן צום עמוד. ער איז אויך געווען דער בעל־קורא. ר׳ דוד וויסמאן, איז אָבער געווען עפּעס מער פון דעם. ער האָט געהאט גאָר גרויסע יידיש קענטענישן. ער האָט גע־קענט גוט לערנען און איז געווען א בקי אין דער אגדה־ליטעראטור און אין מוסר־ספרים. אחוץ דעם, איז ער געווען א גרויסער קענער פון דער העברעאי־שער ליטעראטור — נאטירלעך פון דעם מליצהדיקן סטיל. אויך די השכלה־ליטעראטור, איז אים נישט געווען פרעמד. מיט אים צו פארברענגען, איז גע־ווען אן אמתער פארגעניגן, ווייל זיין הומאָר, וויצן און גלייכווערטלעך — סיי לומדישע און סיי חולינדיקע — זיינען געווען גאנץ אָריגינעל און האָבן שטענ־דיק אויפגעהייטערט די צוהערער. אין שטאָט פלעגט מען זיך ארומטראָגן מיט זיינע גלייכווערטלעך. זיין איינקל — חיים גלעד, פון ישראל — האָט אָפּגע־דרוקט א צאָל פון זיין זיידעס גלייכווערטלעך אין דעם זשורנאל פאר פאָלקלאָר „ידע עם״ (ירושלים, 1952).

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער מחבר געווען דעם „ספר המדות״, וואָס איז באזירט אויף די רייד פון שלמה המלך אין משלי, שיר השירים און קהלת. דער ספר איז געשריבן אין לשון־קודש און אין יידיש אין דעם סטיל פון אפאָריזמען און יעדער אפאָריזם איז באזירט אויף א פסוק. דער דאָזיקער ספר, איז געווען דער ערשטער צו דערשיינען אין דער דרוקעריי, וואָס ראָגאָזשיק האָט געעפנט און דער בחור הזעצער, איז געווען ה׳ מאָטל ברוק. מיט יאָרן שפּעטער, האָט דאָס ספר זוכה געווען צו א נייער אויפלאגע. דוכט זיך, אז ער האָט אויך ארויסגעגעבן דעם ספר „חכמת שלמה״ (וואָס ווערט מיוחסט צו שלמה המלך) צוזאמען מיט א יידישער איבערזעצונג. ער האָט דאָרט אויך אָפּגעדרוקט די ספרים „ספר הסגולות״, „ימי שהתות״ א. א.

צום „ספר המדות״ איז אויך צוגעגעבן די באגריסונג, וואָס ר׳ דוד שמש האָט געשיקט צום צאר ניקאָליי אין 1913, ווען מען האָט געפייערט 300 יאָר זינט דעם ערשטן צאר פון דער ראָמאנאָוו־דינאסטיע. סיי די באגריסונג און סיי דער ענטפער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דעם קייסערס פאלאץ, זיינען געווען אין יענער צייט די סענסאציע אין שטאָט.

א צווייטער ספר, וואָס איז אָן שום ספק א יקר־המציאות און פון א באַ־זונדערער אָריגינאליטעט, איז די הגדה של פסח, וואָס דער מעזריטשער משכיל,

ספר המדות

דלה משקה מטעיני

שלמה המלך ע״ה

הספר הזה ממקום קדוש יהלך, תוכו רצוף חכמה, מדות טובות, ומוכר השכל, נפכים מים חיים, ממעין טהור, ונובעים מבארות כתבי הקדש **משלי, שיה״ש, קהלת**, כל מדה נכונה לקח נפשות. להשכיל להיטיב, ועליהם יש מראה מקום המדות בכתובים. עשיתי למו ציונים ותקונים. והעתקתי אותם לתרגום אשכנזי, למען יתענגו בו כל ישרי לב.

דער **ספר המדות** איז ארויסגענומען פון די הייליגע שריפטען משלי, שיה״ש, קהלת. פון דעם בעריהמטען וועלט-חכם **שלמה המלך ע״ה** אין זיי איז די הייליגע אונד די ריינע קוועלע פון אלע גוטע מדות. דער לע-זער וועט זיך פערשאפען פיעל פערגע-ניגען און וועט שעצען דעם ארויסגע-בער פיר דיעזען ווערק.

המו״ל **דוד ווייסמאן** במעזריטש.

ולמען יאחז איש במדת השתיקה, ולחדול מדבורים האסורים, העתקתי „סיפור נפלא" ממכתב הרב הגאון וכו׳ מוהר״ר חיים ברלין זצ״ל.

יש ת״י הסכמות מגדולי ארץ, נודרי נדר ועומדים בפרץ, ואי״ה כשאוציא לאור ס׳ המדות מתהלים אדפיס הסכמותיהם.

פנים הספר ומראה המקומות הוא ס׳ אבני נזר מהמחבר הר׳ חיים אליעזר. מושקאט, אשר [illegible] לצמיתות כפי השט״ם בח״י.

מעזריטש

בדפוס ישעי׳ יוסף ראגאזיק

תרע״ה.

СЕФЕРЪ ГАМИДОСЪ

Этика Короля Соломона

ПЕРЕВОД. Д. ВАЙСМАНЪ

МЕЖИРѢЧЬЕ

Типографія Ш. І. Рогожика

1913.

שער-בלאט פון ספר המדות

אמר אני מעשי למלך.

יען כי בשנה הזאת 21 פעווראל 1913, היה יום חנינת כתר מלוכת „בית ראָמאַנאָוו״ למלאת לו של״ש מאות שנה, אמרתי להביא ברכה אל בית הספר, את אשר אצלתי ושלחתי לאדננו הקיסר יר״ה לחגינה הנ״ל, ונתכבדתי באותיות אהבה ות״ח מהמיניסטערסטווא הממונה על חצר בית המלך יר״ה דען 9-טען אווגוסט 1913.

הברכה הזאת מקורה **בתורת משה** בספר דברים יז כ, כו יט, כח ט.

למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל:

ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה לתהלה ולשם ולתפארת:

ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך:

לכבוד	כל	אב	ותמלכה	ומכורנת,	במדינת
מלך	תתרומם,	לרוסיא,	יחית,	לחגיגת	רוסיא
עוזו	ויחיו	ומלכותו	מצוים	תפארת	כלת,
ניקאליי	המה,	לעד	אנחנו,	פאר	ולעד
יחיה,	ובנם	תכון,	שנבקש	ארצנו,	תכון
אלכסנדרא	אליקסיי,	תתגדל	רחמים,	ראש	הממשלת,
ר״פ	וישב	כתרו	עכור	תפארתנו,	אשר
יונוא	בכסאו	עד	שלום	וכל	לאדננו
כלילת	נפש	לאריכת	המלך,	ברכות	הקיסר,
יופי,	יקרתו,	ימים	לפרוש	אלה,	ורעיתו
משמים	ופל	ושנים,	תמיד	וברכת	הקסרית
יתנשא	בית	נפשנו	תחסר	עבדיו	שיחיו,
מלכותם,	קהל	עצמה,	לבניו,	למלכם,	יתעלה
עליון	ראמאנאוו,	לחת	הנכנעים	יכתירו	גדולתם,
לכל	ברוכים	כבגר	ושומעים	כתר	ויתנשא
ממלכות,	יחיו,	לכבוד	לפקודתו,	כבוד,	כבודם,
מלכאם	שמכתר	המלך	שעה	לראמאנאוו	אמן,
לעיני	ראשון	נדול,	מוצלחת	המושל	ואמן,

המברך והמשתחוה להדם רגליהם באהבה ויראה, ברגשי כבוד ויקר אם כבנים אם כעבדים **דוד ווייסמאן** מעזריטש, פלך לובלין.

שנת ויחי המלך רוסיא הגדול והמלכה ובניהם לפ״ק

ידעי היקר הד״ר א״י שלמאן בא נ״כ בח״י על הברכה הנ״ל ולקח גם הוא חבל בתודת המיניסטוו.

די באגריסונג צום צאר ניקאָלייו

חיים אליעזר מושקאט, האָט איבערגעזעצט אין יידיש מיט גראמען. די דאָזיקע הגדה איז ספעציעל אינטערעסאַנט צוליב די פשטים און אויפקלערונגען וועגן די דינים פון פסח. די הגדה האָט אויך אַן הקדמה, וואָס גיט איבער די אנט־וויקלונג פון דער הגדה און די פארשידענע נוסחאות. אויך די הגדה איז גע־דרוקט געוואָרן ביי ראָגאָזשיקן אין 1913 *).

מושקאט האָט אויך פארעפנטלעכט א ספרל וועגן נאטור־וויסנשאפט, וואָס איז א העברעאישע איבערזעצונג פון דייטש **).

מחמת דעם, וואָס די הגדה פון חיים אליעזר מושקאט איז ווייניק באקאנט, וועלן מיר איבערגעבן א טייל פון זיינע איבערזעצונגען אזוי ווי זיי זיינען דאָרט געמאכט, אין פערזן:

קדש: גיס אָן דעם כוס און מאך קידוש —
מיט א נגון, ערנסט יודיש.

ורחץ: דעם וואשען הייס דיר צוטראָגען,
קיין על נטילת ידים דארפסטו נישט זאָגען.

כרפס: איינגעטונקט אין זאלצוואסער פון ירקות א זאך
און בורא פרי האדמה דאריבער מאך.

יחץ: די מיטעלסטע מצה אין צווייען שפאלט,
און די גרעסערע העלפט פאר אפיקומן בעהאלט.

מגיד: יעצט הויב אָן פון יציאת־מצרים צו דערצעלען
מיט א ניגון, וואָרט ביי וואָרט, זיך נישט איילען.

רחצה: יעצט וואש דיר די הענט צום עסען,
אין על נטילת־ידים זאָלסטו נישט פארגעסען.

מוציא: נעם די מצות אין די האנד
און מאך א מוציא איבער אלע ביינאנד.

מצה: די אונטערשטע מצה לאָז פון האנד ארויס
און על אכילת מצה מאך איבער די אויבערשטע בלויז.

מרור: טונק איין אין חרוסת פון ירקות א ביטערע זאך
און על אכילת מרור דאריבער מאך.

כורך: פון דער דריטער מצה א שטיקעל מיט מרור עס
און זכר למקדש דאריבער צו זאָגן נישט פארגעס.

*) די דאָזיקע זעלטענע הגדה׳ האָב איך באקומען פון ר׳ חיים ליבערמאן, ביבליאָ־טעקאר ביים ליובאוויטשער רבין; מעגלעך אז דאָס איז דער איינציקער עקזעמפלאר, וואָס איז פאראן אין נ. אמעריקע און אפשר פון די איינצלנע פארבליבענע אין אלגעמיין.

**) ח. א. מושקאט׳ „ההולך על שתים״ באארבעט לויט קארל עוואלד׳ בענדין׳ תר״ע.

סדר הגדה

ללילי פסח

עם באורים והערות רבות ומועילות, ובראשה מבוא על דבר מקור נוסח ההגדה והתפתחותו, גם מתורגמים כל דברי ההגדה ליהודית המדוברת בחרוזים נאים.

מאת

חיים אליעזר בהר"ב ז"ל מושקאט.

מעזריטש

נסדר בדפוס ישעי' יוסף ראגאזיק

תרע"ד.

СЕДЕРЪ АГАДА

т. е. молитвенникъ для Пасхальныхъ ночей.

Съ коментаромъ и переводомъ Х. П. Мушката.

МЕЖИРѢЧЬЕ

Набрано въ Типографіи Ш. І. Рогожика.

1913.

שער-בלאַט צו דער הגדה פון חיים אליעזר מושקאַט

שלחן עורך: יעצט נעם עס און טרונק געזונטערהייט
פון אלעם גוטן וואָס דו האָסט צוגעגרייט.

צפון: דערנאָך זאָלסטו אויך זיך אין אפיקומן נישט פארגעסען
און יעדען פון איהם א שטיקעל געבען צו עסען.

ברך: האָסט געגעסען און געטרונקען דו מענש
גיס אָן דעם דריטען כוס, נעהם און בענש.

„און פריער עפען אויף די טיהר און גיב א קוק
אויב ס׳דראָהעט אויף דיר חלילה נישט אנאומגליק,
אויב מ׳האָט דיר נישט געוואָלט מאכען חלילה
עפעס א מין פאלשען בלבול, פון דעם אנ׳עלילה.
און זאָג שפוך חמתך, עראינערדיג זיך וואָס אמאָל
פלעגען אויף אונז פאלשע בלבולים מאכען שונאי ישראל״.

שפוך חמתך: „גיס אויס דיין פייערדיקען צאָרן זאָלען זיי ברענען,
די אלע היידען וואָס האָבען דיך נישט געוואָלט קענען,
די אלע וואָס האָבן נישט געוואָלט פון דיין נאָמען וויסען,
זאָלען האָבען א מפלה, ווערען אויסגעריסען,
ווייל צו פארטיליגען דאָס פאָלק יעקב האָט זיך זיי פערגליסט
און זיין לאנד און בית המקדש פארברענט, פארוויסט.
גיס אויס אויף זיי דיין פייערדיגען צאָרן
פון אונטער גאָט׳ס הימעל זאָלען זיי ווערען פערלאָרען״.

חד גדיא

א ציגעלע א קליינס, א יונג׳ס, א שענ׳ס
וואָס צוויי זוזי האָט דער פאָטער נישט געקארגט
געקויפט און א היים געבראכט פון מארקט.
א ציגעלע א קליינ׳ס, א יונג׳ס, א שענ׳ס

ואתא שונרא

איז געקומען די קאץ,
און מיט נעגעל א זאץ,
אין רחמנות גאָר פארגעסען,
און דאָס ציגעלע אויפגעפרעסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס א. אז. וו.

ואתא כלבא

איז דער הונד געקומען
און צו דער קאַץ זיך גענומען
וואָס האָט אין רחמנות פארגעסען
און דאָס ציגעלע אויפגעפרעסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס א. אז. וו.

ואתא חוטרא

איז געקומען דער שטעקען געשווינד
און שטארק געשלאָגען דעם הונד,
פארוואָס ער האָט די קאַץ געביסען
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס...

ואתא נורא

איז געקומען דאָס פייער מיט רעש
און פארברענט דעם שטעקען אויף אש
וואָס דער רוח האָט איהם אָנגעטראָגען
און דעם הונד שטארק געשלאָגען
פארוואָס ער האָט די קאַץ געביסען
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס...

ואתא מיא

איז געקומען דאָס וואסער א צינד
און האָט פערלאָשען דאָס פייער געשווינד,
וואָס האָט מיט אזא רעש
פארברענט דעם שטעקען אויף אש,
פארוואָס ער איז צום הונד געקומען
און זיך פאר די קאַץ אָנגענומען,
וואָס האָט זיך אין רחמנות פארגעסען
און דאָס ציגעלע אויפגעפרעסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס...

ואתא תורא

איז געקומען דער אָקס צו לויפען
און האָט דאָס וואסער אויסגעזויפען

וואָס איז צום פייער געקומען
און זיך פאר׳ן שטעקען אָנגענומען,
וואָס איז אויפן הונד אָנגעפאלען
און איהם געמאכט וואונדען און ביילען,
פארוואָס ער האָט די קאץ געביסען
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס...

ואתא השוחט

איז דער שוחט מיט׳ן חלף געקומען
און האָט זיך פאר׳ן וואסער אָנגענומען,
און געשחטען דעם אָקס אויפ׳ן אָרט
וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואסער דאָרט,
וואָס האָט פארלאָשען דאָס פייער מיט רעש
פארוואָס ער האָט פערברענט דעם שטעקען אויף אש,
וואָס דער רוח האָט איהם אָנגעטראָגען
און דעם הונד שטארק צעשלאָגען,
פארוואָס ער האָט די קאץ געביסען
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס...

ואתא מלאך המות

איז געקומען דער מלאך המות
און איהם געשחטען גאָר אָהן קאטאָוועס
פארוואָס ער איז צום אָקס מיט׳ן חלף געקומען
און זיך פארן וואסער אָנגענומען,
פארוואָס ס׳האָט דאָס פייער אויסגעלאָשען געשווינד,
פארברענט דעם שטעקען וואָס האָט געשלאָגען דעם הונד,
פארוואָס ער האָט די קאץ געביסען
וואָס זי האָט דאָס ציגעלע צעריסען.
א ציגעלע א קליינ׳ס...

ואתא הקדוש ברוך הוא

איז גאָט ברוך הוא געקומען מיט זיין גרויסע מאכט
און געשחטען דעם מלאך המות, פון דער וועלט אומגעבראכט,
פארוואָס ס׳האָט איהם פערגליסט
צו שחטען דעם שוחט גאָר אומזיסט.

וואָס איז געגאַנגען אין וועג דעם רעכטען
אז מ׳דאַרף דעם אָקס שחטען,
וואָס איז געקומען צום וואַסער צו לויפען
און ביז איין טראָפּען אויסגעזויפען,
ווייל ס׳איז צום פייער געקומען
און זיך פאַר׳ן שטעקען אָנגענומען
און פערברענט איהם אויף אַש געשווינד,
ווייל ער האָט געשלאָגען דעם הונד,
פאַרוואָס ער האָט די קאַץ געביסען,
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסען,
וואָס צוויי זוזי האָט דער פאָטער נישט געקאַרגט
געקויפט און א היים געבראַכט פון מאַרקט,
א ציגעלע א קליינ׳ס, א יונג׳ס, א שענ׳ס.
יאָ די קאַץ איז דאָס געווען זעהר ווערט
נאָר האָט מען דען א מאָל געהערט,
אז א הונד זאָל זיך וועגען יושר אינטערעסירען
און דער גורל פון א ציגעלע איהם בעריהרען
ער וויל נאָר בייסען, דאָס איז זיין נאַטור,
פון יושר און רחמנות ווייסט ער נישט קיין האָר״.

ה׳ מושקאַט איז אויך געווען א צוגערייזטער און שפּעטער געוואָרן א תושב פון מעזריטש. אין איר פּראָגרעסיווער אַטמאָספערע, האָט ער זיך געקענט אויסלעבן מיט מער פרייהייט ווי אין לוקאָוו, פון וואנען ער איז געקומען, אָדער פון דער רבישער־חסידישער משפחה, פון וואנען ער האָט געשטאמט (ער איז געווען אן אייניקל פון דעם פּראַגער רב און רבי ישעיה מושקאַט).

צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, אינעם פעריאָד ווען דאָס פּאָליטיש־יידישע לעבן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט, צוזאַמען מיט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן, האָבן זיך אין ראַגאַזשיקס דרוקעריי, ווי אויך אין דער צוגעקומענער דרוקעריי פון ה׳ מאָטל פעלדמאַן, געדרוקט כלערליי בראָשורן, וואָכנצייטונגען אין פלוגבלעטער. ליידער, איז בלויז א גאָר קליינער טייל פאַרבליבן פון דעם געדרוקטן וואָרט אין מעזריטש און מיר ברענגען אלס אילוסטראַציע א טייל פּאָטאָסטאַטן פון דעם פאַראַנענעם, אלס זכרון עולם.

מעזריטשער רבנים

אין אונדזער פאָרוואָרט, האָבן מיר אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן ביי־שטייער, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער ארבעט פון ר׳ מרדכי (גערופן מאָטל) פרידמאן, אלס מקור פון אינפאָרמאציע. מיר האָבן זיך באצויגן אויף זיין חיבור „בר אבהן״, וועלכער באשטייט פון אָפּשריפטן, וואָס ער האָט געמאכט פון די שטאָטישע פנקסים וועגן רבנים און דיינים אין מעזריטש *), ווי אויך א רשימה פון חשובע נפטרים.

איצטער, ווען מיר האלטן ביי די קאפּיטלען, וואָס דערגענצן די געשיכטע פון אונדזער שטאָט, האלטן מיר פאר נויטיק צו מאכן אייניקע באמערקונגען אויפן חשבון פון דער דאָזיקער פאר אונדז ווערטפולער ארבעט, וואָס ר׳ מאָטל פרידמאן האָט אונדז איבערגעלאָזט. קודם־כל, וועגן דעם, ווי אזוי ער האָט גע־שריבן דעם דאָזיקן חיבור זיינעם, וואָס געפינט זיך, צייטווייליק, אין מיין רשות. וועגן דעם וועלן מיר לאָזן אים אליין דערציילן, ווי ער טוט עס אין זיין הקדמה, וואָס מיר זעצן איבער:

„בעזהש״י, איך בין מסדר די רשימה פון די רבנים פון אונדזער שטאָט מעזריטש דליטא יע״א (יבנה עירנו אמן) פון אן ערך 200 יאָר. כאָטש זי (מעזריטש) איז אן אלטע שטאָט פון איבער 500 יאָר (אפשר האָט ער געהאט ספּעציעלע ידיעות וועגן דעם אלטן יידישן ישוב. — מ.ע.), אָבער קיינער פון אונדז ווייסט נישט, וואָס דעמאָלט האָט פּאסירט, מחמת דעם, וואָס די אלטע פנקסים זיינען פארלוירן געגאנגען אָדער זיי זיינען פארברענט געוואָרן.

„אין מיינע הענט זיינען געווען דריי פנקסים:

„(א) — דער פנקס פון בית־דין. די ערשטע פארשרייבונג אין דעם פנקס, איז פון י״ט תשרי (חול המועד סוכות) תקמ״ב (1782), א קאָפּיע פון א שטר־מכירה און איז גענומען פון הק׳ אברהם החו׳ (נה) פה ק״ק מעזריטש יצ״ו.

„(ב) — דער פנקס פון די שטעט אין בית־הכנסת (שול) און אים האָט מען

*) דער דאָזיקער העפט, איז איינער פון די עטלעכע און צוואנציק העפטן, וואָס ער האָט אויפגעשריבן וועגן מעזריטש, סדר היוחסין א. אז. וו. כמעט אלע איבעריקע זיינען פארלוירן געגאנגען.



בר אבהן — כד — רבינו [illegible]

(הקד') בשנת תש"ה הנני מסדר רבינו, [illegible] [illegible]

מאחת שנה וחצי, בעזה"י היא סדר ושנה יותר [illegible] שנה, אבל

אין אתנו יודע [illegible] כי נאבדו או נשרפו הספרים [illegible] והי'

בידי רק ג' פנקסים, (א') פנקס הקדש, והתחילו לכתוב בו [illegible] (תורה [illegible])

תקמ"ב, הספר [illegible], וחתום הר' אברהם הכהן' [illegible] (ב')

פנקס מצוות הקדש, והתחילו לכתוב בו ר"ח [illegible] תקכ"ג, והספרים בו [illegible]

דברים [illegible] הישן, (ג') פנקס החו"ן, והתחילו לכתוב בו [illegible] תקכ"ג,

והספרים בו [illegible] דברים [illegible] הישן, אל מן שנת [illegible]

[illegible] די ראשון לשון היום והשנה והמספר [illegible]

שנים הראשונים בפרק ה' ת"ח [illegible] כפרטי דינו [illegible]

האחרונים [illegible], ובפטירת אנשים [illegible]

ובאבור ראשים [illegible] ודברי מוסר להחיים ואולם חבל על דאבדין, [illegible]

המצוות חסר ב' דפים באמצע סמוך לתחלתו, ובאמצע מצוות בפנקס,

ובפרט בפנקס החו"ן, [illegible] הדיו ולא [illegible] על נכון, [illegible]

ראשונים אנשי שם גדולים ואין [illegible] שמותיהם [illegible] ע"פ [illegible],

הפליטה [illegible] על נכון בבירור, וגם ע"פ [illegible]

לקרות, ובפנקס הישן עד [illegible]

ונשאר רק [illegible] מספר, וגם הם [illegible] על נכון [illegible]

החדש [illegible]

לשנן זה, כי רובם [illegible] על נכון, [illegible]

זמן רב, [illegible] חס על ביטול זמן רב [illegible], ע"כ הנני מסדר כפי

פאָטאָסטאַט פון ר' מאָטלס „בר אבהן": די הקדמה צו דעם העפט

אָנגעהויבן שרייבן ראש־חודש מ' אב, תקכ"ג (1763), און מען האָט דאָרט קאָפּירט אייניקע זאכן פון דעם אַלטן פּנקס.

„(ג) — דער פּנקס פון דער חברה־קדישא; אין אים האָט מען אָנגעהויבן שרייבן כ' שבט, תקכ"ז (1767) און עס געפינען זיך איבערשריפטן פון דעם אַלטן פּנקס, וואָס שטאַמען פון יאָר תס"ד (1704) און ווייטער.

„מחמת דעם, וואָס אין די עלטערע פאַרצייכענישן ווערט דאָס יאָר און טאָג פון דער פּטירה נישט ריכטיק אָנגעגעבן און... עס פעלן צוויי בלעטער, כמעט באַלד ביים אָנהויב; געוויסע ערטער אין די פּנקסים, בפרט אין דעם פּנקס חברה־קדישא, זיינען אָפּגעשפּרונגען און מען קען זיי נישט לייענען ריכטיק; און אין אַ סך ערטער זיינען פאַרצייכנט חשובע מענטשן און מען דערקענט נישט זייערע נעמען — דעריבער בין איך מסדר דאָס, וואָס איז כאָטש איבערגעבליבן, וואָס איך קען ריכטיק איבערלייענען. איך האָב זיך אויך באַנוצט מיט מצבות, וועלכע איך האָב געקענט איבערלייענען, אויפן אַלטן בית־עולם. אָבער, די מערסטע מצבות, ביז דעם יאָר תק"ע, זיינען שוין געווען איינגעזונקען אָדער צעגנבעט. די איבערגעבליבענע, זיינען זייער ווייניק און עס איז זייער שווער זיי איבערצולייענען. און, היות, מ'האָרף אָפּגעבן אַ סך צייט אויף דעם און איך בין חס אויף דער צייט וואָס מען מוז אויף דעם פּטרן, דעריבער בין איך מסדר, ווי ווייט מיין מעגלעכקייט גרייכט. אָבער, אין מדרש בלא חידוש (ד. ה., ער זאָגט צו, אז עס וועט נישט זיין עפּעס סתם אַ קאָמפּילאַציע, נאָר ער וועט זיך באַמיען פעסטצושטעלן פאַקטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער געשיכטע פון די רבנים אין מעזריטש. דעריבער טאַקע, האָבן מיר אָנגערופן ר' מאָטלס אַרבעט „חיבור", ווייל עס איז מער ווי אַ קאָמפּילאַציע אָדער אַ קאָפּיע, — מ. ע.).

„איך פאַרצייכן אויך די דיינים, לויט די פּנקסים און מיט עפּעס אַ צוגאָב. אַזוי פאַרצייכן איך אויך וויכטיקע נעמען, וואָס איך האָב באַוויזן דורכצולייענען און אייניקע אפילו נישט וויכטיקע נעמען, כדי עס זאָל בלייבן נאָך זיי אַ גוטער זכר".

ווי מיר זעען פון דעם אַריינפיר, האָט ר' מאָטל זיך באַנוצט מיט ערשטע מקורים און ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט זיינע גרויסע ידיעות אין דער רבנישער ליטעראַטור און דאָס גיט צו זיין אַרבעט אַ באַזונדערן חשיבות. מיר ווילן אויך צוגעבן, אז אויפן סמך פון זיין אַרבעט און מיט דעם צוגאָב פון אַנדערע מקורים, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צוצוגעבן נאָך אַ קאַפּיטל, נעמלעך, „מגידים אין מעזריטש". נאַטירלעך, וועלן מיר ר' מאָטלס מאַטעריאַלן באַהאַנדלען אונטער אַ געוויסן אייגנעם קריטעריום און אין די ראַמען פון אייגענע ידיעות, צוגעבנדיק די באַמערקונגען, וועלכע מיר האַלטן פאַר וויכטיק אויף צו דערגענצן זיין זייער חשובער אַרבעט.

1. — הג"ר (הגאון ר') צבי הירש הלוי מווילנא ז"ל. היה בתחילה ר"מ ואח"ז (ואחר זאת) היה אבד"ק מעזריטש (זע „הפלס", צווייטער יאָרגאנג, ז. 622, נומער כ"ד. דאָרט ז. 684) נראה לי דהיינו מעז־ריטש שלנו. וגם קרוב הוא שהוא ז"ל היה חותנו של הרב ר' אברהם ז"ל, האב"ד דקהילתנו, ומילא מקומו, וקרא שם בנו אחריו — ... איך מיין, אז דאָס איז אונדזער מעזריטש; און עס איז אויך אָנצונע־מען, אז ער איז געווען דער שווער פון זיין ממלא־מקום ר' אברהם און דעריבער האָט ער א נאָמען געגעבן דעם זון נאָך זיין שווער".

ר' מאָטל האָט ר' צבי הירשס נאָמען נישט געטראָפן אין דעם פנקס. ווי ער אליין ברענגט, האָט ער דעם נאָמען געפונען אין „הפלס", אין דעם ארטיקל וואָס דער באקאנטער היסטאָריקער פון רבנים, ר' יוסף לעווינשטיין, סעראָצ־קער רב *) האָט עס דאָרט פארעפנטלעכט.

פון וואנען האָט עס ר' מאָטל פרידמאן גענומען, אז עס רעדט זיך פון אונדזער מעזריטש? ער גיט אָן צוויי ראיות וואָס, אין פלוג, ליגן זיי זיך אויפן שכל: ער מיינט, אז ער איז געווען דער שווער פון זיין ממלא־מקום — ר' אברהם, והא ראיה: יעם לעצטנס זון האָט אויך געהייסן צבי הירש.

די השערה, אז דאָ רעדט זיך וועגן מעזריטש דליטא, אָדער פּאָדליאשע, איז גראָד א ריכטיקע. אין אונדזער קאפיטל וועגן „בראשית פון מעזריטש", דערמאָנען מיר דעם רב צבי הירש און מיר זיינען אויך געקומען דאָרט צום אויספיר, אז זיין דערמאָנען אלס מעזריטשער רב, מיינט טאקע אונדזער מעז־ריטש. אויך זיין הַשערה, אז ר' צבי הירשס ממלא־מקום, ר' אברהם, איז געווען זיינער אָן איידעם, איז מעגלעך א ריכטיקע, כאָטש נישט אבסאָלוט זיכער, וואָרום ר' צבי הירש איז נפטר געוואָרן נישט שפּעטער ווי אין ת"ל (1670), בעת ר' אברהם איז נפטר געוואָרן מיט גאנצע 45 יאָר שפּעטער. אָבער, ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אז דער ר' אברהם איז געווען זיין איידעם, איז אָבער די ראיה, וואָס ער גיט אָן — אבאָסלוט אָן א יסוד; עס איז גאָר נישטאָ קיין ספק, אז דער צווייטער ר' צבי הירש האָט בכלל נישט געהאט קיין שייכות מיט דעם רב ר' אברהם, דער כלומרשטער איידעם פון ר' צבי הירש ווילנער און דער וואָס דערשיינט דער ערשטער אין ר' מאָטלס ליסטע, ווי אויך דער ערשטער אין דעם פנקס, פון וואנען פרידמאן האָט ארויסגענומען די נעמען פון די מעזריטשער רבנים, ווי מיר וועלן דאָס באווייזן אין דעם פאראגראף 3.

2 — הרב המאור הגדול ר' אברהם ז"ל בהרב ר' יהודה ליב ז"ל ככתוב על המצבה: איש צדיק וישר הרב אב"ד דקהילתנו כבוד מו' אברהם

*) מיר וועלן נאָך דערמאנען דעם נאָמען ביי פיל געלעגנהייטן, אויך דערפאר וואָס ער האָט געשטאמט פון מעזריטשער עלטערן.

בהרבני מו' יהוד' ליב זצ"ל נפ' (טר) ביום כ' מנחם (אב) תע"ה לפ' (ק) תנצב"ה.

אָט דער דאָזיקער ר' אברהם, האָט עס געזאָלט זיין, לויט פרידמאנס השערה, דער איידעם פון דעם אובנדערמאָנטן ר' צבי הירש ווילנער.

3 — רבנו הרב המאור הגדול ר' צבי הירש ז"ל. מנוחת כבודו י"ד תמוז תצ"ד...

פרידמאן דערציילט אויך, אז ר' צבי הירש האָט געהאט צוויי ווייבער. די ערשטע האָט געהייסן רייזיל. זי איז געווען א טאָכטער פון דעם בריסקער רב — ר' מרדכי גינצבורג; די צווייטע פרוי, פייגעלע, איז געווען א טאָכטער פון דעם בארימטן ר' יצחק זשאלקאָווער (מיר וועלן נאָך שרייבן וועגן אים. — מ. ע.). זי האָט אים איבערגעלעבט 53 יאָר. ווען ער האָט איר גענומען איז זי געווען א יונגע מיידל. (אינטערעסאנט, אז דער ערשטער שווער פון דעם מעז־ריטשער רב, ר' מרדכי גינצבורג, איז אויך געווען אן איידעם פון דעם בארימטן ר' יצחק זשאלקאָווער. דאָס מיינט צו זאָגן, אז ר' צבי הירשס ערשטע פרוי איז געווען א איינִיקל פון ר' יצחק זשאלקאָווער און די צווייטע פרוי, א טאָכטער זיינע. — מ. ע.).

ווי מיר זעען, האָט פרידמאן אָנגענומען אז דער דאָזיקער צבי הירש (כדי מיר זאָלן זיך נישט פּלאָנטערן, וועלן מיר אים רופן צבי הירש דער צווייטער), איז דער זון פון דעם אויבנדערמאָנטן רב ר' אברהם. פרידמאן וויל אזוי ארום אויפשטעלן א קייט פון רבנים פון איין משפחה; נעמלעך, ר' צבי הירש וויל־נער (דער ערשטער), ר' אברהם, זיין איידעם; און ר' צבי הירש דער צווייטער— זיין איינִיקל. אָבער, ווי געזאָגט, האָט זיין גאנצער בנין נישט קיין יסוד.

דער אמת איז, אז ר' צבי הירש דער צווייטער, האָט זיך מיחס געווען צום באקאנטן גאון ר' אברהם חיים שור פון סאטנאָוו, שפּעטער אין לעמבערג *). דאָס איז קלאָר פון דער הסכמה, וואָס ר' מרדכי, בארימטער רב פון ליסא און זון פון ר' צבי הירש דער צווייטער, האָט געגעבן אויפן ספר „תורת חיים". נאָכדעם ווי ער לויבט דעם ספר און דעם מחבר, שרייבט ער זיך אונטער אזוי: „נאום הקטן מרדכי בלא"א מו' הרב ה"ה מוהר"ר צבי הירש נרו יאיר נין ונכד לבעל המחבר זצ"ל החונה ק"ק ליסא לע"ע שנת בתמים (תצ"ב)".

מיר זעען קלאָר, אז ער פאררופט זיך אלס איינִיקל פון דעם בעל „תורת חיים", צו וועמען דער מעזריטשער רב (נומער צוויי) ר' אברהם בהרב יהודה לייב, דער כלומרשטער פאָטער פון ר' צבי הירש (דער צווייטער), האָט גאָר־נישט קיין שייכות.

דאקעגן ווייסן מיר פון א צווייטן רב, וואָס האָט אויך געהייסן ר' אברהם,

*) מחבר פון די בארימטע ספרים „תורת חיים" אויף ש"ס (ערשטע אויפלאגע לובלין שס"ח-1608) און „צאן קדשים" אויף קדשים (ערשטע אויפלאגע וואנזבעק תפ"ט-1729).

װעלכער איז געװען רב אין מעזריטש אין אַ צייט פריער פאַר דעם אויבנדער־מאָנטן ר׳ אברהם בהרב יהודה לייב און ער האָט יאָ געהאַט אַ שייכות צו דעם מחבר פון דעם ספר „תורת חיים״, צו װעמען ר׳ צבי הירש דער צװייטער איז זיך מתיחס. אָט דער ר׳ אברהם פיגורירט נישט אין פרידמאַנס רשימה, װייל ער האָט אים נישט געפונען אין דעם פנקס. און דאָס איז דערפאַר, װייל די ערשטע רבנישע רשימה, װאָס ר׳ מאָטל האָט געפונען אינעם פנקס, שטאַמט פון יאָר תע״ה, בעת דער ערשטער, ר׳ אברהם, איז געװען רב אין מעזריטש אַ סך פריער און דער אַלטער פנקס איז פאַרלוירן געגאַנגען.

אונדזערע באַװייזן, אַז עס איז געװעזן אין מעזריטש אַ פריערדיקער רב, װאָס האָט אויך געהייסן אברהם, זיינען צװיי:

1. מיר געפינען אים אַלס איינער פון די רבנים, װאָס האָבן געגעבן הסכמות צו דער צװייטער אויפלאַגע פון ספר „עולת יצחק״ (פראַנקפורט ד״א, תנ״ב — 1692) פון ר׳ יצחק בה״ק מוה״ר ישעיה זצ״ל פון מאַרגינגראָדע. די הסכמה איז געחתמעט: „כ״ד (כה דברי) אברם הוא אברהם בא״א מו׳ ה״ה כמהר״ר צבי הירש מק״ק קרעמניץ... פק״ק מעזריטש דליטא תנ״ב״. אויך אין טעקסט ברענגט דער מחבר אַ קשיא, װאָס ער האָט געפרעגט דעם מעזריטשער רב, און דעם תירוץ װאָס ער האָט אים געגעבן, און ער באַצייכנט אים דאָרט אַלס „ישיש״ (אַלטער מאַן). מיר זעען אַלזאָ, אַז אין יאָר תנ״ב (און זיכער איז ער דאָרט געװען רב אַ סך פריער), איז אין מעזריטש געװען רב אַ געװיסער ר׳ אברהם, װעלכער איז געװען אַ זון פון ר׳ צבי הירש קרעמניצער, בעת דער צװייטער ר׳ אברהם, דער באַהויפּטעטער איידעם פון ר׳ צבי הירש װילנער, װאָס דערשיינט אין פנקס און אין פרידמאַנס רשימה, האָט גאָר געהייסן ר׳ אברהם בהרב יהודה לייב. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צװיי מעזריטשער רבנים, װאָס ביידע האָבן געהייסן אברהם. דהיינו, דער ערשטער— ר׳ אברהם בר׳ צבי הירש פון קרעמניץ און אַ צװייטער — הרב אברהם בר׳ יהודה לייב.

2. אונדזער צװייטער באַװייז, אַז אין מעזריטש איז געװען אַ רב מיטן נאָמען אברהם בהר׳ צבי הירש פאַר דעם ר׳ אברהם בר׳ יהודה לייב, איז אונדז געגעבן געװאָרן פון דעם באַקאַנטן היסטאָריקער ישראל היילפּערין, מחבר פון דעם „פנקס ועד ארבע ארצות״ (ירושלים). היילפּערין שרייבט צו אונדז, אַז אין דעם פנקס פון טיקטין *) (זייט 89, פּאַראַגראַף קי״ג), האָט ער געפונען פאַר־צייכנט אַ באַשטעטיקונג פון דעם מעזריטשער שמש, אַז ער האָט אויסגערופן דריי מאָל װעגן דער אבידה פון אַ װעקסל אויף 50 זלאָטים, געחתמעט פון די ראשים פון ק״ק טיקטין, װאָס האָט געהערט צו ר׳ מאיר באַרקאָװער. דער

*) דער פנקס איז אין מאַנוסקריפּט און געפינט זיך אין רשות פון ה׳ אברהם היילפּערין אין ירושלים.

שמש האָט זיך געחתמעט אין חודש אייר שנת ת"ן: „נאום יהודא ליב בן הר"ר יעקב הלוי זצ"ל עפשטיין, שמש דק"ק מעזריטש". אויך דער רב פון דער קהילה, באשטעטיקט דאָס אויסרופן וועגן דער אבידה אין זעלבן טאָג און חתמעט: „נא' (ום) אברהם הק' (טן) חונה פ"ק מעזריטש".

ווי מיר זעען, איז דער צווייטער דאָקומענט צוויי יאָר עלטער ווי דער ערשטער; עס איז, לכן, קלאָר אז מיר האָבן געהאט צוויי רבנים, וואָס האָבן גע־הייסן ר' אברהם; און דער ערשטער ר' אברהם, וועמענס פאָטער האָט זיך גע־רופן צבי הירש קרעמניצער, איז געווען א דירעקטער אייניקל פון דעם מחבר פון דעם אויבנדערמאָנטן ר' אברהם חיים שור, מחבר פון ספר „תורת חיים". ווייל צבי הירש קרעמניצער, איז געוואָרן רב אין דובנאָ און ער האָט ארויסגע־געבן דעם „תורת חיים" און ער באצייכנט זיך דאָרט אלס איידעם פון דעם מחבר.

אויפן דאָזיקן סמך באקומט זיך, בכן, אזא בילד פון מעזריטשער רבנים: 1. — ר' צבי הירש ווילנער; 2. — ר' נתן נטע קאצענעלנבויגן *); 3. — ר' אברהם בר' צבי הירש קרעמניצער; 4. — ר' אברהם בר' יהודה לייב (וואר־שיינלעך איז געווען נאָך איינער צווישן די צוויי אברהמס); 5. — ר' צבי הירש, זון פון ר' אברהם בר' צבי הירש קרעמניצער.

עס איז זייער אינטערעסאנט צו באמערקן, אז ר' יוסף לעווענשטיין, וועל־כער האָט זיך א סך אָפּגעגעבן מיט דער געשיכטע פון רבנים, און אודאי מיט דער געשיכטע פון זיין אייגענער משפחה — די משפחה פון בעל „תורת חיים" און זיינע שפּעטערדיקע דורות, האָט געמאכט א טעות אין דעם סדר־היוחסין. לויט אים קומט אויס, אז ר' צבי הירש דער צווייטער, איז געווען דער זון פון ר' אליעזר, אן איידעם פון ר' צבי הירש שור פון קראָקע, א זון פון ר' אברהם חיים שור, דער מחבר פון „תורת חיים" **). דעם זעלבן טעות האָבן געמאכט אלע אנדערע היסטאָריקער, איינגעשלאָסן דער גרויסער געלערנטער ר' שלמה בובער אין זיין ווערק „אנשי שם" (קראקא, תרנ"ה). זיי אלע האָבן אָנגענומען ר' יוסף לעווענשטיינס אינפאָרמאציע אָן שום קאָנטראָל וועגן זייער ריכטיקייט.

ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, איז ר' צבי הירש דער צווייטער, אין זיין ערשטן זיווג, געווען דער איידעם פון דעם בריסקער רב ר' מרדכי גינצבורג. זיין טאָכטער, האָט געהייסן רייזל. געוויסע היסטאָריקער ווילן האָבן, אז גראָד פארקערט: ר' מרדכים טאָכטער, איז געווען די צווייטע פרוי. אָבער, דאָס איז

*) דער זעלבער ר' נתן־נטע, וועלכער איז געווען נשיא פון דעם כולל אין ירושלים, ווו ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תמ"ט. ער איז געווען דער פערטער דור פון דעם לע־גענדארן פוילישן מלך פאר איין טאָג — ר' שאול וואל און פון אים האָט זיך פארצווייגט א באדייטנדיקע משפחה אין מעזריטש.

**) זע שער־בלאַט צום ספר „ברכת אברהם" פון ר' אברהם אבוש, פראנקפורטער רב, וואָס ר' יוסף לעווענשטיין האָט פארעפנטלעכט.

נישט ריכטיק, ווי עס איז קלאָר צו זען פון די רשימות אין דעם „פנקס הברה־קדישא" פון מעזריטש. בלויז מיט זיין ערשטער ווייב האָט ר' צבי הירש גע־האט קינדער. כאָטש מיר ווייסן נישט גאנץ באשטימט וויפל קינדער ער האָט געהאט, ווייסן מיר אָבער זיכער, אז ער האָט געהאט זין און טעכטער. עס איז אויך קלאָר, אז צוויי פון זיינע באַרימטע זין — ר' מרדכי, רב אין ליסא און ר' אבישל פראנקפורטער — זיינען ביידע געבוירן געוואָרן אין מעזריטש. דאָס איז אויך די מיינונג פון ר' יעקב שפּירא אין איינע פון זיינע בריוו צו דובנאָוון. וועגן דעם צווייטן זון, וועלן מיר אין קומענדיקן פּאראגראף שרייבן אויספיר־לעך, ווייל ער איז געווען מעזריטשער רב און ממלא־מקום פון זיין פאָטער.

מיר וועלן דערווייל, ביי דער געלעגנהייט, דערציילן עפּעס וועגן דעם גרויסן מעזריטשער בן־עיר, ר' מרדכי ליסער, וועלכער האָט בשעתו געשפּילט א גרויסע ראָל אין פּוילישן יידנטום: עס איז א סברא, אז ר' מרדכי איז גע־בוירן געוואָרן באלד נאָך זיין זיידעס טויט. דערפאר טראָגט ער דאָך זיין זיידעס נאָמען — מרדכי. דעריבער מוז מען אָננעמען, אז ער איז געבוירן געוואָרן אומגעפער אין יאָר תמ"ט (1689). מן הסתם איז ער צומערשט געווען רב אין א רייע קהילות, ווייל עס איז נישט אָנצונעמען, אז ער איז יונגערהייט אָנגע־קומען גלייך קיין ליסא, וואָס איז געווען צוליב איר אימפּאָרטאנץ, איינע פון די באַרימטסטע רבנותן אין אמאָליקן פּוילן. אָבער, אלס ליסער רב, געפינען מיר ר' מרדכין זייער אָפט דערמאָנט און אלס אזעלכער, איז ער אויך פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דעם בית־דין־הגדול, וואָס האָט עקזיסטירט ביים ועד ארבע ארצות. אלע פראגעס, וואָס זיינען אין זיין צייט געשטאנען אויפן סדר־היום פון פּוילישן יידנטום, זיינען אויך פאר אים פאָרגעבראכט געוואָרן, ער זאָל ארויסזאָגן זיין מיינונג. ווען עס איז אנטשטאנען דער טומל ארום דער שבתי־צבי־באוועגונג, וואָס האָט צעטיילט דאָס יידנטום אין צוויי לאגערן, האָט ר' מרדכי ארויסגעגעבן א חרם אויף אים און זיינע נאָכפאָלגער. שפּעטער ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מחלוקת צווישן ר' יעקב עמדין און ר' יהונתן איי־בעשוץ, וועמען ר' יעקב עמדין האָט פארדעכטיקט אין שבתי־צביאיזם, האָט זיך ר' מרדכי געהאלטן נייטראל. טאקע צוליב דעם, האָט ער אויף דעם פארלאנג פון ר' יהונתן אייבעשוץ, געזאָלט זיין איינער פון די דריי רבנים, וועלכע האָבן געדארפט ארויסטראָגן דעם פּסק־דין, וועלכער פון די צוויי צדדים איז גערעכט. דאָס איז אָבער נישט צושטאנדגעקומען, מחמת דעם, וואָס ר' מרדכי איז אינ־צווישנצייט געשטאָרבן: תקי"ג — 1753 (63).

ר' מרדכי האָט גענומען זיין קוזינע, יענטע, פאר א ווייב. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם פראנקפורטער דיין — רב גוטפריד אָדער גימפּל. דער לעצטער, איז געווען אן איידעם פון ר' יצחק זשאלקאָווער (64).

מחמת די חשיבות פון ר' יצחק זשאלקאָווער —דער זיידע פון דער גרוי־סער רבנים־משפחה פון מעזריטש, וועלכער ווערט באצייכנט פון זיינע מיט־

צייטלער אלס הייליקער, גדול בתורה און שר און ער האט געשטאמט פון גרויסן רבנישן יחוס *) — װעלן מיר אין קורצע ווערטער דערציילן עטוואס וועגן אים:

ר׳ יצחק האט געוווינט אין זשאלקעוו, וואס האט געהערט צו דער בארימ־טער פריצישער משפחה סאביעסקי. ער האט פארבראכט כל ימיו אין תורה און עבודה און זיך געעוסקט אין קהלשע ענינים, ווי עס באווייזט זיין טיטול „קצין ושר". זיין ווייב, אן אשת־חיל, האט געפירט די מסחרים. און מסחרים האבן זיי דוקא געהאט גרויסע. זי האט געהאלטן מיט א שותף (מעגלעך מיט א פריץ פון דער בארימטער שליאכטע) די פריצישע ארענדעס פון זשאלקעוו, זלאטשעוו, זבאר און די סביבות. א חוץ דעם, האט זי געפירט א גרויס געשעפט אין זשאלקעוו.

שלמה בובער דערציילט אין זיין „קריה נשגבה" (אות קס"ג), אז ער האט געזען א מאנוסקריפט פון ר׳ יעקב היילפערין, אן אייניקל פון ר׳ יצחק זשאלקא־ווער און אן אנגעזעענער רב אין זיין צייט, ווו עס ווערט דערציילט פאלגנדיקע לעגענדע (נאטירלעך, דערציילט עס היילפערין, אלס אן אמתער פאקט):

יאן סאביעצקי, דער בארימטער פוילישער קעניג, איז בחורווייז געווען אן אפטער ארייננגייער צו ר׳ יצחקן און פלעגט אפט דארט עסן. יאן סאביעסקי איז געווען דער זון פון דעם זשאלקאווער פריץ, ביי וועמען ר׳ יצחקס ווייב האט אפגעדונגען פארשידענע ארענדעס.

איין מאל, האט ר׳ יצחק פארבעטן אן אורח אויף שבת. דער יונגער סא־ביעסקי, וועלכער איז געווען אן אפטער גאסט צו די פרייטיק־צונאכטיקע סעו־דות, איז אויך יענעם פרייטיק אוונט געקומען צוגאסט צו זיינע יידישע פריינט. ווי נאר ער האט באטראכטן דעם שוועל, האט זיך דער אורח געגעבן א שטעל אויף אין זיין פולער הויך און צו ר׳ יצחקן האט ער געזאגט, אז ער האט זיך אויפגעשטעלט פארן גאסט, מחמת דעם, ווייל דער יונגערמאן וועט אין קורצן ווערן מלך פון פוילן. אזוי לאנג ווי דער אורח איז געווען מיט זיי, האט ר׳ יצחק נישט דערציילט דעם גאסט וועגן דער אויסטערלישער נבואה. אבער, ווען דער אורח האט פארלאזט דעם צימער, כלומרשט בלויז אויף א ווײלע, האט ר׳ יצחק דערציילט דעם פריצישן גאסט, דאס וואס דער ייד האט אים אקארשט געזאגט. ווען דער אורח האט זיך פארזאמט צוריקצוקומען, איז דער בעל־הבית מיט זיין פריצישן גאסט געגאנגען אים אויפזוכן. זיי האבן אים געזוכט אומע־טום, אבער זיי האבן אים נישט געפונען. דריי יאר שפעטער, איז די נבואה מקוים געווארן. דער פוילישער אדל, האט אויסגעקליבן יאן סאביעסקין אלס

*) הרב צבי יחזקאל מיכלזאהן, קונטרס „בית צדיקים", הוספה צום ספר „נפלאות היהודי", פיעטרקוב, תרס"א, ז. 100, גיט אן פאלגענדן יחוס: „השר... ר׳ יצחק מזאלקווי, בן הרב מ׳ יהודה ליב מק׳ ווין בהגאון הק׳ מ׳ יעקב טעמרילש מלובלין אבד"ק קרעמניץ, ווין, בע"ם ספרא דצניעותא דיעקב..."

מלך פון פוילן. ווער איז געווען דער מערקווירדיקער אורח? ס'איז ביי א טייל געווען די מיינונג, אז עס איז געווען אליהו הנביא.

אויך ר' יוסף לעווענשטיין שרייבט, אז ער האָט געזען דעם אויבנדער־מאָנטן אַלטן כתב־יד, אין וועלכן עס דערציילט זיך דער עפּיזאָד וועגן ר' יצחק זשאלקאָווער.

מיט זיין צווייטער פרוי, פייגעלע, א טאָכטער פון דעם אויבנדערמאָנטן ר' יצחק זשאלקאָווער, האָט ר' צבי הירש נישט געהאט קיין קינדער. ר' מאָטל פרידמאַן שרייבט, אז ער האָט מיט איר חתונה געהאט, ווען זי איז געווען א מיידעלע (ילדה). דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. מיר ווייסן פון אַנדערע מקורים, אז זי האָט געהאט א טאָכטער פון אַן ערשטן מאַן. (א חידוש אויף ר' מאָטלען, וועלכער האָט געהאט דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא, ווו עס ווערט בפירוש דערמאָנט איר טאָכטער). הפּנים, זי איז געווען א יונגע אלמנה, ווען זי האָט חתונה געהאט מיט דעם מעזריטשער רב.

4. — בנו הגאון הקדוש... ר' אברהם אבוש ז"ל...

פרידמאַן שרייבט אויך: „וקודם שהיה אב"ד פּה — איידער ער איז גע־וואָרן רב דאָ־הי, איז ער געווען (היה אבד"ק) רב אין וואָהין, ווישניץ, לוקאָוו, יאנאָוו נעבן ביאלא דליטא — נאָכדעם אין מעזריטש און נאָכדעם אין ריטשש־וואָל, קאָרוב, ליסאָ און פראנקפורט ביים מיין, און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן דאָנערשטיק, י"א תשרי תקכ"ט און איז געבראכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו פרייטיק עש"ק, י"ב תשרי".

ער שרייבט אויך, אז מחמת דעם וואָס ער האָט קיינעם נישט געקענט אָפּ־זאָגן, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונגען פון אַזויפיל שטעט צו זיצן אויף זייערע כסא־רבנות. א חוץ דעם, האָט ער געוואָלט אומעטום מתקן זיין גוטע תקנות.

פרידמאַן שרייבט ווייטער, אז דאָס יאָר ווען ער איז געוואָרן רב אין מעז־ריטש, איז נישט באקאנט; און ער איז אוועק פון מעזריטש אין אָנהויב תקי"ד. ר' מאָטל איז זיך משער דאָס יאָר פון זיין פאַרלאָזן מעזריטש, פון פאַרצייכע־נישן אין דעם פּנקס פון די שול־שטעט און פון בית־דין, וואָס זיינען געחתמעט פון ר' אבושן, און זיי אַלע שטאַמען פון דעם יאָר תקי"ג (צוויי — פון ב' דר"ח כסליו תקי"ג, און איין חתימה— פון ז' ניסן תקי"ג). אין דער פאַרצייכעניש פון דעם פּנקס פון די שול־שטעט, דאַטירט ט"ז אדר ב' תקי"ג, ווערט געזאָגט, אז איין פּלאַץ נעבן ארון־הקודש, אויף דרום, געהערט צום רב האב"ד ר' אברהם (א ירושה פון זיין שווער) און דער דאָזיקער איינשריפט איז געחתמעט געוואָרן אין כ"ז תשרי תקי"ד. ר' מאָטל מיינט, אז די סיבה פון דעם גרויסן אונטער־שייד אין צייט, פון דער ערשטער רשימה ביז דער צווייטער חתימה, פון ט"ז אדר ב' תקי"ג ביז כ"ז תשרי תקי"ד —גאַנצע זיבן חדשים— איז געווען צוליב

עפעס א סיכסוך אָדער אַן אַנדערער סיבה, וואָס האָט גורם געווען אַז דעם רבס אונטערשריפט זאָל קומען מיט אַזויפיל חדשים שפּעטער, און ער פירט אויס, אַז מן הסתם האָט ער נישט פאַרלאָזט מעזריטש ביז דעמאָלט.

ר׳ מאָטל מיינט אויך, אַז נאָכן פאַרלאָזן מעזריטש, איז ר׳ אבוש געווען רב אין ריטשעוואָל און אין קארוב; אָבער, דאָס האָט נישט קיין יסוד. פון מעזריטש, איז ער גלייך אָנגעקומען קיין ליסאָ, ווו ער האָט איבערגענומען די רבנות נאָך דער פּטירה פון זיין עלטערן ברודער מרדכי. מיר ווייסן אויך, אַז ער איז אָנגעקומען קיין ליסאָ אין יאָר תקי״ד אין ווינטער ((65). אין ליסאָ איז ער פאַרבליבן ביז תק״ך. דעמאָלט, האָט ער אויף דעם פאָרשלאַג פון דער פראַנקפורטער קהילה, אָנגענומען זייער כסא־הרבנות.

ד״ר לעווין, דערציילט אין זיין בוך, אַז צומערשט האָט די ליסער קהילה נישט געלייגט קיין אכט אויף דעם, וואָס דער רב האַלט ביים פאַרלאָזן זייער שטאָט. די ליסער יידן מיט זייערע פירער, זיינען אין יענער צייט געווען באַ־זאָרגט צוליב דער מלחמה־געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף זייער שטאָט, און זיי האָבן זיך געמוזט אויסבאהאלטן; די קהילה איז אויך דעמאָלט צוליב דעם, שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. ווען די סכנה איז פאַרביי, האָט זיך קהל ארומ־געזען, וואָס עס איז געשען און זיי האָבן זיך געווענדעט צו זייער רב און גע־בעטן, אַז ער זאָל אָפּשיקן דעם כתב־רבנות קיין פראַנקפורט. ר׳ אבוש איז גע־ווען גרייט צו פאַרבלייבן אין ליסאָ, אָבער, היות ווי ער האָט געגעבן זיין וואָרט צו די פראַנקפורטער יידן, האָט ער עס נישט געקענט צוריקציען. ער האָט זיי דערפאַר געעצהט, אַז זיי זאָלן פועלן ביי די פראַנקפורטער יידן, זיי זאָלן אים ארויסלאָזן פון זיין צוזאָגמן וואָרט. די פירער פון דער ליסער געמיינדע האָבן געשריבן קיין פראַנקפורט און אָנגעוויזן אויף דער עוולה, וואָס ס׳וועט געטאָן ווערן זייער קהילה, אויב ר׳ אבוש וועט זיי פאַרלאָזן. אחוץ דעם, האָבן זיי אויך אָנגעוויזן, אַז אַלע רייכע קהילות וועלן זיך אָפּלערנען פון פראַנקפורט און נאָכ־טאָן איר ביישפּיל, און זיי וועלן אויסכאַפּן די רבנים מיט א פירסום, פון די אָרעמע קהילות. אָבער, די אַלע אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן — די מנהיגים פון דער פראַנקפורטער קהילה, האָבן זייער נייעם רב נישט געוואָלט באַפרייען — און ר׳ אברהם אבוש, איז געוואָרן פראַנקפורטער רב.

די איינגעשפּאַרטקייט מצד די פראַנקפורטער מנהיגים, איז אפשר געווען א פאַרשטענדלעכע: פראַנקפורט האָט א לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין מזל מיט אירע רבנים, כאָטש זיי אַלע זיינען געווען פון די גרעסטע און אָנער־קענטסטע. באַזונדערס איז דאָס אַזוי געווען, בעת דער רבנות פון דעם באַרימטן גאון ר׳ יעקב יהושע פאַלק *). ער איז געווען אַן אייניקל, פון דעם מחבר פון

*) מחבר פון דעם לומדישן חיבור „פּני יהושע״ אויף ש״ס (פראַנקפורט תקי״ב א. א. ערטער), אַלע פיר חלקים צוזאַמען (סדילקאָוו תקצ״ד).


[illegible]

בן אבהן

(ב) הרב [illegible] ר' אברהם ז"ל בהרב ר' יהודה ליב ז"ל, [illegible] על המצבה.
[illegible] צדיק וישר הרב אבד"ק [illegible] בכוד [illegible] אברהם בהרבני [illegible] יהודה
ליב [illegible] נפ' ביום ק' [illegible] לפ' [illegible]

(ג) [illegible] הרב [illegible] ר' צבי הירש ז"ל, [illegible] וכמ"ש באות
[illegible], [illegible] תפ"ח על ס' [illegible]
תורה, עיין [illegible] 2092.
והי' לו ב' נשים, (א) [illegible] בת [illegible] ז"ל, בת [illegible] ז"ל אבד"ק
[illegible] באות [illegible], ונפטרה [illegible] תפ"ח, וכמ"ש באות [illegible] (ב) [illegible]
[illegible] ז"ל בת [illegible] ר' יצחק [illegible] ז"ל [illegible] באות
[illegible], ונפטרה [illegible] וכמ"ש באות [illegible], [illegible] באות רנ"ח,
[illegible] של [illegible] שהיתה. [illegible] אחר [illegible] ז"ל [illegible], כי [illegible] ילדה,
ולא האריך ימים [illegible].

(ד) בלו [illegible] המפורסם [illegible] ר' אברהם [illegible] ז"ל, [illegible] רבים [illegible],
ונדפס [illegible] ס' [illegible] אברהם על התורה [illegible] [illegible], [illegible]
[illegible] בספרים [illegible] בתורה [illegible] [illegible] והי' [illegible]
דהי' אבד"ק [illegible] ווי [illegible] ווי [illegible] ווי [illegible] הסמוך לביאלא [illegible], ואחר
[illegible] הי' אבד"ק [illegible] ווי [illegible] ווי ליסא ווי [illegible], [illegible] ה' יא
תשרי תקכ"ט, [illegible] ביום [illegible] י"ב תשרי,
סיבת היותו אבד"ק בהרבה עירות, [illegible]

פאָטאָ פון א בלעטל פון ר' מאָטלס „בר־אבהן“

„שו"ת פני יהושע", וואָס האָט אויך געהייסן מיטן זעלבן נאָמען, און איז גע־וועזן א מחותן פון דעם מעזריטשער רב ר' צבי הירש פון ווילנע, ווי מיר האָבן שוין געשריבן וועגן דעם אין אונדזער קאפיטל „בראשית פון מעזריטש". דער דאָזיקער פראנקפורטער רב, האָט דורך זיין מחלוקת מיט ר' יהונתן אייבעשיץ — וועמען אויך ער האָט באשולדיקט אין שבתי־צביאיזם — ארויסגערופן חילוקי דעות אין דער פראנקפורטער קהילה. די פראנקפורטער יידן האָבן זיך צעטיילט אין צוויי צדדים; דער צד, וואָס האָט געהאלטן מיט ר' יהונתן אייבעשיץ, האָט פארפירט א שארפע מחלוקת מיט זייער רב און אין דער קהילה זיינען צוליב דעם פאָרגעקומען א סך רייסענישן. די מנהיגים פון פראנקפורט, האָבן מיט אלע מיטלען זיך באמיט איינצושטעלן א שלום אין די רייען פון דער קהילה, אָבער דאָס איז נישט געווען אזוי לייכט. ווען דער „פני יהושע" איז נפטר גע־וואָרן און פראנקפורט האָט געזוכט א רב, האָט זי געוואָלט אויסגעפינען אזא פערזענלעכקייט, וואָס זאָל ארויסרופן די פארערונג פון אלעמען, און דאָס איז געווען שווער, ווייל כמעט אלע רבנים זיינען געווען פארמישט אין דער דאָזיקער מחלוקת, נעמענדיק שטעלונג פאר איינעם אָדער אנדערן צד. אויסער דעם, האָט מען טאקע גענדארפט זוכן אזא רב, וואָס זאָל באמת זיין ראוי צו זיצן אויפן כסא־רבנות פון אזא חשובע קהילה ווי פראנקפורט. האָבן זיי אזוי לאנג גע־זוכט, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף ר' אברהם אבושן, דעמאָלט ליסער רב.

דער אויסוואל פון ר' אברהם אבושן פאר פראנקפורטער רב, האָט געהאַט צוויי טעמים: ערשטנס, האָט ר' אבוש פראנקפורטער (אזוי רופט מען אים, אויפן נאָמען פון זיין לעצטער רבנות. אין געשיכטע־ביכער, ווערט ער געוויינ־לעך באצייכנט אלס — אברהם ליסאַ) געשמט איבעראל מיט זיין גאונות און צדקות און זיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אומעטום מיט גרויס יראת־הכבוד; ער איז טאקע געווען פאסנד צו פארנעמען דאָס פראנקפורטער רבנות. דער צווייטער פאקטאָר, פארוואָס ר' אבושס קאנדידאטור האָט אימפּאָנירט די פראַנקפורטער קהילה, איז געווען זיין נייטראלע האלטונג אין דער פארשארפ־טער דיסקוסיע. פונקט ווי זיין פארשטאָרבענער ברודער ר' מרדכי, האָט ר' אבוש זיך נישט געוואָלט ארויסזאָגן פאר איינעם אָדער צווייטן צד אין דער מחלוקת. אזא רב, האָט געזוכט פראַנקפורט. זי האָט געזען אין ר' אבושן דעם אידעאלן רב, ארום וועמען גאנץ קהל וועט זיך אייניקן.

וועגן דער נייטראלער שטעלונג פון ר' אבושן, ווייסן מיר פון א סך מקורים, פון וועלכע דער וויכטיקסטער, איז דער ספר „לוחות העדות" (אלטונא, תקט"ו — לעמבערג 1857), וואָס ר' יהונתן אייבעשיץ האָט ארויסגעגעבן. אין דעם ספר, געפינט זיך די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט געפירט מיט אנדערע רבנים בשייכות דער מחלוקת.

אין דער הקדמה צום „לוחות העדות", שרייבט ר' יהונתן אייבעשיץ:
„איך האָב געשריבן צו מיין טייערן רבני הנגיד מוהר"ר משה גוריר פון ליסאָ, ער זאָל רעדן מיט דעם אב"ד פון ק"ק ליסאָ — ר' מרדכי (די הקדמה איז געשריבן געוואָרן נאָך ר' מרדכיס פּטירה. — מ. ע.). אויב ער וויל זיך אריינ־לייגן אין דעם ענין און וועמען ער וועט וועלן, זאָל ער צוזעצן צו זיך (עס האָט זיך געהאנדלט וועגן פאַרלאָזן זיך אויף א בית־דין פון דריי רבנים. צומערשט האָט דער „פּני יהושע" אויף דעם מסכים געווען. אָבער נאָכדעם האָט ער צו־ריקגעצויגן זיין הסכם. — מ. ע.). אינצווישנצייט איז בעוונותינו הרבים נסתלק געוואָרן דער רב... מרדכי אב"ד דק"ק ליסאָ און ער איז פאַרבעטן געוואָרן פון הימל און זיין אָרט איז געבליבן ליידיק... כאָטש כ'האָב שוין געשריבן צום ועד ארבע ארצות און כ'האָב שוין צוגעשיקט מיין טענה, כדי אויפצוקלערן מיינע רייד שריפטלעך, פונדעסטוועגן האָב איך אויסגעקליבן אויף דעם גאָון... מוהר"ר אברם הוא אברהם (ר' אבוש פלעגט זיך אזוי חתמענען. — מ. ע.) אב"ד דק"ק ליסאָ, אָנשטאָט זיין ברודער, ווייל ער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. אָבער ער איז נישט אהיימגעקומען און ער האָט האָט זיך פאַרשפּעטיקט ביז חנוכה תקי"ד" (פון דעם לשון „אהיימגעקומען", ווייזט אויס, אז ר' אבוש איז געקו־מען קיין ליסאָ פריער און איז צוליב עפּעס א סיבה ארויסגעפאָרן פון ליסאָ, וווּהין ער איז צוריקגעקומען חנוכה תקי"ד. דאָס, אפשר, קלערט אויף דעם רעטעניש, וועגן דעם אונטערשייד אין דער צייט —גאַנצע זיבן חדשים— פון דער פאַרצייכנטער דאַטע אין דעם פּנקס פון די שול־פלעצער, וועגן וואָס פריד־מאַן דערמאָנט. ס'קאָן זיין, אז ער איז אין משך פון דער צייט געווען אין ליסאָ און איז צוריקגעפאָרן קיין מעזריטש צו ליקווידירן זיין הויז און זיך געזעגענען מיט זיין רבנות. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין מעזריטש, האָט ער געחתמעט דאָס וואָס איז שוין געווען פאַרשריבן אין פּנקס פון דער פריערדיקער דאַטע און נאָכדעם האָט ער פאַרלאָזט מעזריטש אויף תמיד. — מ. ע.).

ר' אבוש האָט אָנגענומען ר' יהונתן אייבעשוצס פאָרשלאָג און מיר זעען טאקע פון א בריוו־אויסטויש (געפינט זיך אין „לוחות העדות"), אז ער האָט געוואָלט פאַרמיטלען אין דעם ענין. ער האָט געוואָלט צוציען צו זיך זיין מחותן, דעם בערלינער ראש־דיינים ר' הירץ, און דעם אלטיטשקן גאון ר' לעמיל, רב פון גלינאָ. דער לעצטער, האָט זיך אָבער צוריקגעצויגן און ר' אבוש שרייבט צו זיין מחותן, אז דער אלטער גאון האָט זיך צוריקגעצויגן פון דעם האמבור־גער עסק (ר' יהונתן אייבעשוץ איז דעמאָלט געווען רב אין האמבורג). „ומה לעשות עוד — וואָס נאָך קען מען טאָן" (66).

ר' אברהם אב"ש איז געבוירן געוואָרן אין מעזריטש ארום ת"ס — 1700 (מער־ווייניק אין דער זעלבער צייט איז אויך געבוירן געוואָרן דער שעפער פון חסידיזם — ר' ישראל בעל־שם־טוב).

ר' יוסף לעווענשטיין, גרויסער קענער און פאַרשער פון דער געשיכטע פון רבנים, דער אור־איניקל פון ר' אבישל פראנקפורטער, שרייבט (67):

„אין די שריפטן (לעווענשטיין ברענגט, אז ר' אבוש האָט איבערגעלאָזן טויזנטער בויגנס פארשריבן מיט חידושי־תורה. — מ. ע.) פון מיין עלטער־זיידע הגאון ר' אברהם אבוש ז"ל אבד"ק פראנקפורטביים מיין, וואָס זיינען אין מיין באזיץ, געפינט זיך זיין אונטערשריפט — אברם הוא אברהם. (ווי באַקאנט, איז אברהם אבינוס נאָמען צומערשט געווען אברם און נאָכדעם האָט אים דער אויבערשטער גערופן אברהם. מעגלעך אז אויך ביי אים איז געשען אזעלכע נסים, וואָס זיינען געווען ענלעך צו אברהם אבינו, אפשר צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאט שפעט קינדער. — מ. ע.). אלע הסכמות וואָס ער פלעגט געבן, האָט ער אזוי געחתמעט, דהיינו, אברם הוא אברהם.

„יאָ, איך האָב פיל געהערט וועגן דער סיבה, פארוואָס ער האָט זיך אזוי געחתמעט. דאָס זאָל זיין דער רעזולטאט פון א נסיון, צו וועלכן ער איז גע־שטעלט געוואָרן פון הימל, צו זען אויב ער איז אזוי גרויס ווי אברהם־אבינו אין דער מידה פון הכנסת־אורחים, ווי עס איז שוין וועגן דעם געשריבן געוואָרן; און ווי איך האָב עס אויך געהערט פון ר' ישראל וויינטרויב, און ער האָט עס געהערט פון ר' נפתלי צבי בערלין, בארימטער ראש־הישיבה פון וואָלאָזשין און ער האָט עס געהערט פון ר' חיים וואָלאָזשינער".

לעווענשטיין דערציילט נישט וואָס אייגנטלעך דער נסיון איז געווען. ער פארלאָזט זיך, הפנים, אויף דעם שוין געשריבענעם. דער דאָזיקער נסיון, ווי געזאָגט, האָט געהאט צו טאָן מיט הכנסת־אורחים.

עס ווערט וועגן דעם דערציילט:

איינמאָל איז צו ר' אבושן געקומען אן אורח און ר' אבוש האָט אים גע־געבן צו עסן אלץ וואָס דער אורח האָט געבעטן. ער איז אָבער אלץ נישט גע־וואָרן זאט. דעמאָלט האָט ר' אבוש געלאָזט שחטן א בהמה און געקאָרמעט דעם אורח מיט דעם פלייש און דער אורח איז נאָך אלץ נישט זאט געוואָרן. ווען דאָס פלייש האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט ר' אבוש געשיקט צונויפנעמען וויפל כשר פלייש עס געפינט זיך אין שטאָט, כדי צו שטילן דעם אורחס הונגער און עס האָט אים כלל נישט פארדראָסן אויפן אויסטערלישן אורח, וועלכער איז געווען אזא זולל־וסובא; ער האָט דעם נסיון פון הכנסת־אורחים אויסגעהאלטן. דעמאָלט האָט זיך דער אורח אנטפלעקט פארן רב. ער האָט אים מגלה געווען, אז ער איז נישט קיין אנדערער ווי אליהו־הנביא און ער איז געשיקט געוואָרן פון הימל אויסצופרווון אים.

די דאָזיקע מעשה, האָב איך אויך געהערט אלס קינד אין מעזריטש, און עס האָט טאקע געזאָלט געשען אין מעזריטש. (אגב, ר' יצחק ריווקינד, מאכט מיר אויפמערקזאַם אויפן פאקט, אז דער נצי"ב —ר' נפתלי צבי וואָלאָזשינער— האָט נישט געקענט ר' חיים וואָלאָזשינער. — מ. ע.).

ר' יוסף לעווענשטיין שרייבט ווייטער:

„אָבער דאָס וואָס ער ווערט דערציילט, אז ער האָט געהערט א געטלעכן רוף: אברהם, אברהם! פּאסט זיך מער צו דעם וואָס איך האָב געהערט פון ר' ישראל בריסקער מיט 60 יאָר צוריק (דער אויבנדערמאָנטער ספר איז דערשינען מיט אריבער 40 יאָר צוריק. עס מיינט, אז די מעשה וואָס לעווענשטיין דערציילט ווייטער, האָט ער געהערט מיט ארום 100 יאָר צוריק. — מ. ע.) און דאָס זעלבע האָב איך געהערט פון מיינע עלטערן:

„ר' אבוש איז געווען איינער פון די תלמידים פון זיין עלטער־שוואָער, דער גאון בעל „בית שמואל" אויף אבן־העזר. דעמאָלט האָט ער (ד. ה. ר' אבוש.— מ. ע.) אָנגעהויבן דינען השם יתברך מיט גרויס אייפער. יעדן פארנאכט פלעגט ער ארויסגיין אויסער דער שטאָט און שטארק וויינען און בעטן גאָט, ער זאָל אים העלפן פארשטיין זיין תורה. פּלוצים, האָט ער געהערט א קול וואָס רופט צו אים: אברהם, אברהם, אויב דו ווילסט מיך דינען, גיי צום כהן נפתלי קיין פּויזן.

„ער איז אוועק קיין פּויזן. ווען ער איז אריינגעקומען אין בית־המדרש, האָט ער געטראָפן דעם הייליקן גאון ר' נפתלין זיצן איינגעהילט אין טלית־און־תפילין און ער האָט געזען א געטלעך ליכט שיינען איבער זיין קאָפּ. און דאָס איז באוווסט, אז אזא ליכט באווייזט זיך נישט צו מער ווי צו איינעם אָדער צוויי פון א דור.

„ר' אבוש איז געוואָרן שטארק דערשטוינט פון אָט דער מראה, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען און ער האָט פארשטאנען, אז דאָס הייליקע ליכט איז אים געגעבן געוואָרן צוליב זיין ריינע תפילה. דאָך, האָט ער ביי זיך נישט געקענט פּועלן, אז נאָר צוליב זיין ערלעכע תפילות, זאָל ר' נפתלי האָבן זוכה געווען צו דעם הייליקן ליכט. ר' אבוש האָט באשלאָסן, אויסצופאָרשן ר' נפתלים וועגן. ער האָט געזען, אז ביי ר' נפתלין פירט זיך א קייזערלעך הויז, אָבער ער אליין איז מקיים דעם מאמר פון די חז"ל, פּת במלח תאכל... (פרקי אבות ה' — ד'). און ער האָט אלץ נישט געוואָלט גלויבן, אז דורכדעם האָט ער זוכה געווען צו אזא גדולה.

„ר' אבוש איז געוואָרן ר' נפתלים תלמיד און ער האָט געזען מיט וואָסער קדושה זיין רבי לערנט די הייליקע תורה און ער איז אלץ געבליבן אן אומצופרידענער. ביז איינמאָל האָט זיך ר' אבוש באהאלטן אין ר' נפתלים שלאָף־צימער, כדי פון דער באהעלטעניש נאָכצוקוקן זיין רבין און ער האָט געזען, אז די משרתים האָבן אויסגעבעט לכבוד ר' נפתלין א גרויסארטיק בעט און ווען זיי זיינען ארויס פון צימער און עס איז געקומען די צייט פון גיין שלאָפן, האָט זיך ר' נפתלי אויסגעצויגן אויף דער גאָלער פּאָדלאָגע און געלייגט א שטיין צוקאָפּנס. צו חצות איז ער אויפגעשטאנען און פארברענגט די רעשט נאכט אין עבודת־הבורא און ר' אבוש איז שיעור נישט אויסגעגאנגען פון מתיקות. ערשט

דעמאָלט איז אים אַלץ רעכט געוואָרן און ער איז געוואָרן איינער פון זיינע תּלמידים.

„עס איז שוין באוווּסט — שרייבט ר׳ יוסף לעווענשטיין ווייטער — וואָס ר׳ ענזיל, רב אין סטרי, האָט געשריבן צום בראָדער רב — שלמה קלוגער, אַז ר׳ אבישל איז געווען דער גדול־הדור און אַלע רבנים, זיינען געווען נכנע צו אים. אויך דער רבי פון לובלין, פלעגט ממש ציטערן ווען ער פלעגט דערמאָנען זיין נאָמען, און ער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן אים: „אויף אים מעג מען זאָגן, מאברהם אבינו ביז אברהם אבישל, איז נאָכנישט געווען אַזא אברהם אין ערלעכקייט. אָבער, וואָסער וווּנדער: זיין גאַנצער דור איז באשטאַנען פון הוילע גרויסע נשמות ווי דער בעל־שם־טוב און זיינע תּלמידים און אַלע אַנ־דערע חכמים פון יענער צייט און ער איז געווען גרעסער פון זיי אַלע״.

„ר׳ לייבעלע אייגער האָט מיר געזאָגט —שרייבט ער ווייטער— וואָס קען איך זאָגן וועגן אַזא מענטש וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי דער ר״י הקדוש״.

די אויבנדערמאָנטע באשרייבונג פון ר׳ יוסף לעווענשטיין, איז א געמיש פון לעגענדע און ווירקלעכקייט. אַז ר׳ אבוש איז געווען פאַרהערלעכט און איז געבליבן א פאַרהייליקטע געשטאַלט, כמעט א לעגענדאַרע פיגור, איז א פאַקט. אויך זיין מידה פון צדקה, איז געווען אומגעהויער גרויס, ווי מיר זעען עס פון א סך היסטאָרישע מקורים, וואָס מיר וועלן ווייטער ברענגען.

מיט דעם אַלעם האָבן די מעשיות, וואָס ר׳ יוסף לעווענשטיין האָט וועגן אים דערציילט, דאָך נישט קיין פעסטן יסוד, ווי מיר וועלן עס באווייזן:

קודם־כל, דאָס וואָס ער דערציילט וועגן דער סיבה פאַרוואָס ער האָט זיך געחתמעט „אברם הוא אברהם״, האָבן מיר גראָד געפונען, אַז דער דאָזיקער נאָמען איז נישט אָריגינעל זיינער. שוין זיין זיידע —דער מעזריטשער רב, ר׳ אברהם בר׳ צבי הירש קרעמניצער— האָט זיך אויך געחתמעט „אברם הוא אברהם״. ווי עס איז צו זען פון דער הסכמה, וואָס ער האָט געגעבן אויף דעם ספר „עולת יצחק״, ווען ער איז דערשינען אין דער צווייטער אויפלאַגע אין פראַנקפורט ביי דער אָדרע אין יאָר תנ״ב (זע וועגן דעם פריער, אין זעלבן קאַ־פיטל). אָט די הסכמה, איז געחתמעט מיט אן ערך אכט יאָר איידער ר׳ אבוש איז געבוירן געוואָרן. עס איז קלאָר, אַז צוליב עפּעס א סיבה, האָט זיין באַרימט אייניקל אויסגעבאָרגט דעם נאָמען ביי זיין זיידן. ממילא, פאַלן אוועק אַלע מעשיות אַרום דעם נאָמען, און אפשר ווערן אָט די מעשיות דערציילט וועגן זיין זיידן און מען האָט פאַרביטן דעם אייניקל אויפן זיידן.

אויך לעווענשטיינס דערציילן, אַז ר׳ אבוש איז געווען א תּלמיד פון ר׳ נפתּלי הכהן, מחבר פון דעם ספר „סמיכת חכמים״, האָט נישט קיין יסוד און עס איז באמת נישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ר׳ יוסף לעווענשטיין האָט געקענט מאַכן אַזא גרויסן טעות. ווי מיר ווייסן, איז ר׳ אבוש געבוירן געוואָרן אין 1700, אָדער א יאָר פריער. ר׳ נפתּלי, איז געניטען געוואָרן פון פויזן אַלס רב

קיין פראַנקפורט און פון פראַנקפורט איז ער צוליב א מחלוקת אוועק (מען האָט אים חושד געווען, אז צוליב זיין עוסקן זיך אין קבלה, האָט ער גורם געווען אז די פראַנקפורטער געטאָ זאָל אָפּגעברענט ווערן) אין 1711 (68). עס קומט אויס, אז ר' אבוש איז געוואָרן א תלמיד פון ר' נפתלין צו 5 יאָר, און דאָס איז דאָך פּאַראַדאָקסאַל.

אויך זיין דערקלערונג, אז ר' אבוש האָט געפירט א קייזערלעך הויז מיט משרתים, איז אויך אָן א יסוד. ער איז גראָד געווען א גרויסער אביון און קוים געהאַט ברויט צו דער זעט (69). די אַלע מעשיות, וואָס מ'דערציילט וועגן אים, זיינען נישט מער ווי לעגענדעס וואָס דאָס פאָלק האָט געוויינלעך געשפינט ארום זיינע באַליבטע העלדן.

דאקעגן איז ריכטיק, דאָס וואָס ער דערציילט, אז ער איז געווען א תלמיד פון דעם באַרימטן גאון ר' שמואל, דער מחבר פון דעם קלאַסישן קאָמענטאַר אויף אבן העזר „בית שמואל", וואָס איז ביז היינט צו טאָג איינע פון די אוי־טאָריזירטסטע ווערק מיט וועלכע רבנים מוזן זיך רעכענען. ר' שמואל, איז גע־ווען צומערשט רב אין שידלאָוו, פּוילן. נאָכדעם איז ער געוואָרן רב אין פירטה, דייטשלאַנד. ער איז אָבער דאָרט לאַנג נישט פארבליבן און ווען זיין פריערדיקע פּוילישע קהילה באָט אים אָן איר רבנות אויפסניי, נעמט ער אָן די איינלאַדונג און ווערט ווידער אמאָל רב אין שידלאָוו. אָט דער גרויסער רב, האָט געהאַט וווינען אין מעזריטש א זון, (הפנים ער איז געווען א מעזריטשער איידעם) ער האָט געהייסן אליהו כ"ץ און ער איז געוואָרן טיטולירט „השר הקצין", מחמת דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די אָנפירער פון דער מעזריטשער קהילה און ער האָט פאַרטראָטן מעזריטש אינעם „ועד ארבע ארצות". ר' אליהו, האָט זיך משדך געווען מיט דעם דעמאָלטיקן מעזריטשער רב, ר' צבי הירש און גע־נומען פאַר זיין טאָכטער זיין יינגערן זון, אברהם אבוש, פאַר א מאַן. עס איז אָנצונעמען, אז ער האָט געשיקט זיין יונגן איידעם לערנען ביי זיין גרויסן פאָ־טער. אָבער גאַנץ זיכער אין דעם זיינען מיר נישט, ווייל דער עלטער־שווער איז נפטר געוואָרן, ווען ר' אבוש איז נאָך געווען א יינגל.

אויב די מעשה מיט דעם אורח איז נישט מער ווי א שיינע לעגענדע, מיט וועלכער דאָס פאָלק האָט געקרוינט זיין באַליבטן רב, ר' אבישל, איז עס זיכער געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך פאַרדינט אזא קרוין, צוליב זיינע מעשים־טובים און צדקה.

זיין מיטצייטלער, יהודה ליב מרגלית, אין זיין ספר „טל אורות"*), שרייבט וועגן אים:

„ווי עס ווערט דערציילט וועגן דעם חסיד מו"ה אברהם אבישל ז"ל, וועל־

*) א ספר געווידמעט דער נשמה און איר אייביקייט, דערשינען אין פראַנקפורט ד"א (ביי דער אָדרא) אין תקנ"א.

כער איז געווען רב אין פראנקפורט. איינמאָל, אין א הונגער־יאָר, האָט ער אויסגעגעבן זיין גאנץ פארמעגן אויף צו באשפייזן די אָרעמעלייט. האָבן זיינע פריינט צו אים געזאָגט: רבי, איר האָט דאָך עובר געווען אויף די רייד פון די חכמים; זיי האָבן געזאָגט, אז א מענטש זאָל נישט אויסגעבן (אויף צדקה) מער פון א פינפטל? האָט ער זיי געענטפערט: איר האָט געלערנט אָבער נישט געווען מדייק גענוג. דער פארזאָג פון די חכמים באציט זיך נישט אויף פיקוח־נפש. וואָרום, מה דאָך שבת פאלט אוועק, ווען עס האנדלט זיך אין פיקוח־נפש, א פארזאָג פון די חכמים — לא כל שכן. און די חכמים האָבן אויך געזאָגט: „מרבה צדקה מרבה חיים — דער וואָס מערט צדקה מערט לעבן".

עס איז כדאי צו באמערקן, אז דער ספר איז געדרוקט געוואָרן אין תקנ"ח בסך־הכל 29 יאָר נאָך ר' אבושעס פטירה.

ר' אבושעס געשיכטלעך מיינען, אז דער הויפּט־מאָטיוו, וואָס האָט באַוויגן די מנהיגים פון פראנפורט, איינצולאדן ר' אבושן, אָנצונעמען דאָס פראנקפורטער רבנות, איז געווען זייער הייסער באגער צו געפינען א רב, וואָס זאָל מיט זיין פערזענלעכקייט באווירקן דאָס צוריקברענגען שלום און רו צו דער קהילה. דער דאָזיקער ווונטש, איז אָבער מיט אים נישט מקוים געוואָרן אינגאנצן. אמת, אלע יידן אין פראנקפורט האָבן זיך ממש געשפּיגלט אין זייער נייעם רב און ער האָט מיט קיין איינעם פון זיי נישט געהאט קיין דיסקוסיעס. אָבער א מחלוקת האָט פּאַרט אויסגעבראָכן און אינעם צענטער איז געשטאנען נישט קיין אנדערער ווי ר' אבוש אליין. עס איז אָבער דאָס מאָל געווען א גרויסער אונטערשייד. נישט נאָר איז גאנץ פראנקפורטער קהל געשטאנען הינטער איר גרויסן רב, נאָר די מחלוקת האָט גלייכצייטיק ארויסגעבראכט די גרויסקייט פון זייער רב. ר' אבוש האָט נישט געענטפערט אויף די טענות פון זיינע בעלי־מחלוקת. ער האָט געשוויגן אזוי לאנג, ביז די פראנקפורטער יידן האָבן זיך איינגעשטעלט פאר אים און אליין זיך געשטעלט אין פייער, אזוי צו זאָגן, כדי צו באשיצן דעם כבוד פון זייער רב.

די געשיכטע פון דער דאָזיקער מחלוקת, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל־גענומען כמעט אלע גדולים פון יענער צייט, האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר תקכ"ד, און געקריגט האָט מען זיך צוליב א גט. דער באקאנטער גאון ר' ישראל ליפשיץ (זיידע פון דעם מחבר פון פּאָפּולערן פּירוש אויף משניות „תפארת ישראל") רב אין דעם שטעטל קלעווא, נעבן פראנקפורט, האָט ארויסגעגעבן א גט צו א געוויסן יצחק נויבורג פון מאנהיים. ווען דער דאָזיקער גט איז פאָר־געבראכט געוואָרן פאר דעם בית־דין פון מאנהיים, האָט דער דאָרטיקער בית־דין געפּסלט דעם גט, שטיצנדיק זיך אויף אינפאָרמאציעס, וועלכע האָבן פעסט־געשטעלט, אז דער מאן איז נישט געווען ביים קלאָרן געדאנק. כדי צו באקרעפ־טיקן דעם פסק־דין, האָט דער מאנהיימער בית־דין איבערגעשיקט דעם ענין קיין פראנקפורט און געבעטן דעם אָרטיקן רב מיט זיין בית־דין, אז זיי זאָלן זיך

ארויסזאָגן אין דעם ענין. ר׳ אבוש, האָט נאָך א שקלא־וטריא, געפּסלט דעם גט. דער קלעווער רב, האָט דעם ענין נישט פארשוויגן און ער האָט זיך אדורכגע־שריבן מיט כמעט אלע גרויסע רבנים פון יענער צייט, און זיי האָבן אלע מסכים געווען מיט אים. עס איז אָבער כדאי צו באמערקן, אז נישט געקוקט אויף זייער מיינונג, אז דער פראנקפורטער רב איז אומגערעכט, האָבן זיי אלע דערמאָנט זיין נאָמען, אין זייערע ענטפערס, מיט דעם גרעסטן יראת־הכבוד און דרך־ארץ. דער שארפסטער ענטפער, איז געקומען פון דעם בארימטן גאון און פּראַגער רב, ר׳ יחזקאל לאנדוי, מחבר פון דעם בארימטן ספר „נודע ביהודה". אים האָט גאנץ באזונדערס פארדראָסן, הלמאי ר׳ אבוש שווייגט און וויל נישט ענטפערן אויף זיין ווענדונג און די פאָדערונג פון א סך אנדערע, אז ער זאָל אויפקלערן, פארוואָס און אויף וואָסערע יסודות ער האָט געבויט זיין פסק־דין צו פּסלען דעם גט. ר׳ יחזקאל לאנדוי, איז נישט געווען אין זיין דרך־ארץ־האלטונג צו ר׳ אבושן קלענער, ווי אלע אנדערע רבנים. אָבער דין איז דין, און דאָרט ווו עס האנדלט זיך אין א דין, פאלט אוועק דער כבוד אפילו פאר דעם גרעסטן רב, אויב ער איז אומגערעכט.

ר׳ יחזקאלס שארפער ארויסטריט קעגן ר׳ אבושן, האָט אויפגערעגט די פראנקפורטער יידן, נאָך מער דערפאר וואָס ר׳ יחזקאל איז געווען פון די גרעס־טע און אָנערקענטסטע רבנישע אויטאָריטעטן און די פראנקפורטער מנהיגים האָבן דעריבער באשלאָסן, אז זיי קענען מער נישט פארשווייגן די מחלוקת. כאָטש זייער רב האָט געהאלטן, אז מען דארף יאָ פארשווייגן. זונטיק, ט׳ מרחשון, תקכ"ח האָבן די פירער פון דער קהילה און חשובים פון דער שטאָט זיך ספּעציעל פארזאמלט וועגן דעם ענין און האָבן נאָך א באראטונג אָנגענו־מען דעם באשלוס, וואָס זיי האָבן באקאנט געמאכט און פארשריבן אין דעם פּנקס פון דער קהילה, כדי עס זאָל בלייבן אויף אלע דורות. מיר וועלן דאָ אי־בערגעבן בלויז יענע שטעלן פון דער רעזאָלוציע, וואָס זיינען אונדז נוגע, אין זיין יידישער איבערזעצונג:

„ס׳איז איינשטימיק באשלאָסן געוואָרן צו רעאגירן צו אויף דעם בריוו פונעם פּראַגער רב, וואָס אלע וואָס זעען אים אָדער הערן אים לייענען, קלינגט זיי אין די אויערן, מחמת די רייד פון בזיונות וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט. דאָס איז קעגן דעם כבוד פון השם יתברך און קעגן דעם כבוד פון אונדזער הייליקער תורה; און ער האָט אויך גערעדט שארף און האָט מבזה געווען כבוד אדמו"ר הגאון אב"ד נ"י און דעם כבוד פון דער חברה־קדישא יצ"ו (דאָס מיינט מנהי־גים פון פראנקפורט — ישמרם צורם וגואלם. — מ. ע.) און דעם כבוד פון צוויי בתי־דין יצ"ו (פראנקפורט און מאנהיים) און דעם כבוד פון אונדזער גאנצער קהילה... און איצט קענען מיר לענגער נישט שווייגן. וואָרום, אויב מיר זאָלן ווען שווייגן איצט, וועט פון דעם ארויסקומען א סך שטרויכלונגען... אונדזער שווייגן וועט דערפירן צו חילול־השם און וועט מערן מחלוקת אין

ישראל... כדי מיר זאָלן חלילה נישט זיין קיין חוטאים, האָבן מיר געטאָן אַ קליינע זאַך, כדי יוצא צו זיין ידי־שמים און מיר האָבן גענומען אויף זיך, דאָס דער רב פון פּראָג, נישט ער און נישט זיינע קינדער און קינדס־קינדער און אויך נישט זיינע איידעמס און זייערע קינדער און קינדס־קינדער — וואָרום אַזוי ווייט גרייכט דער רחמנות פון עלטערן אויף זייערע קינדער — זאָל אויפ־גענומען ווערן צו קיין שום קהלשן אמט, וואָס ער זאָל נישט זיין, אפילו נישט אַלס אויפזעער (פון דערציאונג? — מ. ע.). און אויב ס'וועט עמעצער פון זיי קומען צו אונדזער קהילה, זאָל מען זיי נישט אָפּגעבן קיין כבוד און זיי נישט לאָזן דרשענען פאַר קהל. און ווען עמעצער קומט צו אונדז מיט אַ כתב, וואָס איז געחתמעט פון פּראָגער רב אליין, זאָל מען דעם כתב נישט אָנערקענען און מען זאָל נישט לייגן קיין אכט אויף זיינע רייד...״ *).

ווי געזאָגט, איז ר׳ אבוש פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, וועלכע איז באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ „דור דעה״. זיין אור־אייניקל, ר׳ יוסף לעווענשטיין, וועלכער האָט געירשנט זיינע כתבים, פאַרזי־כערט, אַז ר׳ אבוש האָט איבערגעלאָזט 4.000 בויגן פאַרשריבן מיט חידושי־תורה אויף ש״ס, רמב״ם, פּוסקים, קבלה און אַ כתב־יד „פּועל ישועות״ וועגן רפואות. ר׳ יוסף לעווענשטיין האָט אַרויסגעגעבן אַ טייל פון די כתבים: „ברכת אברהם״ — חידושים אויף ערובין, פּסחים, חגיגה ומוע״ק (וואַרשאַ, תרמ״א); אַ צווייט ספר מיטן זעלבן נאָמען אויף נאָך מסכתות (פּיעטרקוב, תרע״ג); „ברכת אברהם״ אויף דער הגדה של פּסח, אַרויסגעגעבן פון זיין פראַנקפורטער אייניקל דוד זאַק, פון אַ כתב־יד, וואָס ר׳ יוסף לעווענשטיין האָט אים געגעבן (מיינץ, תרמ״ז). דער לעצטער האָט אַרויסגעגעבן אַ צווייטע הגדה של פּסח מיט אַ צווייטן פּירוש „מחזה אברהם״ (פּיעטרקוב, תרס״ט) און אַ פּירוש אויף חומש שמות און פּרקי־אבות, לויט קבלה, מיטן נאָמען „ברכת אברהם״ (וואַר־שאַ, תרמ״ד).

ווי ווייט עס האָבן געגרייכט ר׳ אבושעס ידיעות אין מעדיצין, קאָנען מיר נישט זאָגן. מען קען אָננעמען, אַז זיינע ידיעות זיינען געווען אַ געמיש פון פּאָ־פּולערע רפואות און סגולות. ר׳ אבוש פלעגט אַזעלכע רפואות און סגולות געבן צו אַלע וואָס זיינען געקומען צו אים בעטן אַ היילונג. וועגן דעם האָבן מיר צוויי וויכטיקע מקורים.

---

*) דר. מ. האָראָוויטץ, „פראַנקפורטער ראַבינען״, זז. 65/101. זע אויך „אור ישראל״ פון ר׳ ישראל ליפשיץ (קליוואַ, תק״ל), דער בעל־מחלוקת פון ר׳ אבושן; און אין „אור הישר״ (אַמסטערדאַם, תקכ״ט), פון אהרן שמעון קאָפּענהאַגען, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע האַנט אין דער מחלוקת. אין די לעצטע צוויי ספרים געפינט זיך דער גאַנצער רבנישער מאַטעריאַל וועגן דעם קלעווער גט.

זיין תלמיד ר' יעקב מאיר קאָבלענץ, שרייבט *):

„איך האָב געהערט א ווּנדערלעכע סגולה קעגן קדחת פון דעם נפטר מהור"ר אברהם ליסאָ דק"ק פראנקפורט: מ'זאָל נעמען א גאנצן עפּל און מ'זאָל אויפשרייבן אויף איין פערטל דאָס וואָרט ביקדש, אויפן צווייטן פערטל — מיקדש, אויפן דריטן פערטל — ניקדש, און דאָס פערטע פערטל זאָל בלייבן ליידיק. דערנאָך זאָל מען צעשניידן דעם עפּל אויף פיר פערטלען און דער חולה זאָל אָנהויבן עסן דעם עפּל דווקא אין א טאָג, ווען ער האָט מנוחה פון זיין קרענק. דעם ערשטן טאָג, זאָל ער עסן דאָס פערטל מיטן וואָרט ביקדש און ער זאָל אָפּבייסן דאָס וואָרט מיט איין ביס; דעם צווייטן טאָג זאָל ער עסן דאָס פערטל מיטן וואָרט מיקדש און ער זאָל אויך אָפּבייסן מיט איין מאָל דאָס וואָרט; און דעם דריטן טאָג זאָל ער עסן דאָס דריטע פערטל מיטן וואָרט ניקדש און ווידער אמאָל אָפּבייסן מיט איין מאָל דאָס וואָרט. דאָס פערטע פערטל, זאָל ער ווארפן הינטער זיך אין טייך אריין. דאָס איז א גוט און אויסגעפּרוווט מיטל בעזרת־השם" **).

אין א ווייטערער שטעלע לייענען מיר א צווייטע סגולה ***): „וואָס איך האָב באקומען פון מיין רבין הגאון מהור"ר אברהם מליסאָ, אב"ד דק"ק פראנקפורט: מ'זאָל נעמען א פאפיר אָדער זאק אין וועלכן ס'איז געלעגן זאפרין און מ'זאָל עס לייגן אונטער דעם קישן פון דעם חולה, אָן זיין וויסן, און ער וועט קענען שלאָפן. ס'איז אן אויסגעפּרוווט מיטל..." אין זעלבן ספר געפינען זיך נאָך א רייע סגולות, וואָס ער האָט מקבל געווען פון זיין רבין.

דער צווייטער מקור וועגן דער פּערזענלעכקייט פון ר' אבוש, איז די מצבה וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויף זיין קבר. דאָרט זאָגט זיך, צווישן אנדערעס:

„ער האָט געטאָן צדקה און גמילת־חסדים מיט אלע, וואָס זיינען געקומען צו אים; אין חסידות און עניוות האָט ער נישט איבערגעלאָזט קיין גלייכן צו זיך און ער האָט, מיט דעם אויבערשטנס הילף, געהיילט א סך מענטשן און ער האָט נישט גענומען קיין שכר פאר די רפואות וואָס ער האָט געגעבן; און ער האָט צעטיילט א פינפטל פון זיין פארמעגן און אלע מצוות —גרינגע צי האַרבע— זיינען געווען גלייך פאר אים און ער האָט זיך משתדל געווען צו זיין סנדק און מוהל, און פלעגט אויף דעם אויסגעבן א סך געלט אין זיינע אלע יאָרן. זאָל זיין זכות מגין זיין אויף אונדז..." (70).

אין עלטער פון אן ערך 69 יאָר, איז ר' אבוש נפטר געוואָרן אין פראנקפורט. זיין פרוי „מרת גאלדא רבקה בת מוהר"ר אלי' כ"ץ במיזריטש דליטא"

---

*) „מפתח הים", אופינבאך, תקמ"ח. דער ספר באהאנדלט די זיבן חכמות: נעמלעך, ארכיטעקטור, מוזיק, אסטראָנאָמיע, נאטור־וויסנשאפט, אייבשליסלעך מע־יצין, געאָמעטריע, כעמיע, שפּראכן.

) דאָרט ז. 33. *) דאָרט ז. 34.

(דאָס איז דער נוסח פון איר מצבה), איז געשטאָרבן אין פראנקפורט — פינף יאָר פאר אים.

ר׳ אבוש האָט איבערגעלאָזט זין און טעכטער: ר׳ עוזר — רב אין מעזריטש און אנדערע שטעט; ר׳ יוסף — ראב״ד אין קאליש; ר׳ יהודה לייב — איינער פון די גרעסטע לומדים אין פראנקפורט. אין געוויסע מקורים ווערן אויך אָנגעגעבן נאָך פאָלגנדיקע זין: ר׳ יעקב — רב אין לוקניק; אליעזר — רב פון די דריי קהילות: זשאגער, ניישטאט, שאוול און סביבה; ר׳ צבי הירש — ראש־ישיבה אין פראנקפורט (ער האָט חתונה געהאט מיט זיין קוזינע, די טאָכטער פון ליסער רב ר׳ מרדכי); ר׳ משה — רב אין קארוב.

די דאָזיקע מקורים, זיינען פונדעסטוועגן נישט עקזאקט אין אלעם, וואָרום אין דעם פנקס פון פראנקפורט לייענען מיר: „יזכור אלקים את נשמת האיש תם וישר המאור הגדול המפורסם החסיד ועניו צנא מלא ספרא וכולי תלמודא הגאון מוהר״ר משה יעקב צבי הירש זצללה״ה בן לאותו צדיק אדמו״ר... אברם הוא אברהם מליסא זצלה״ה שהיה אב״ד דקהלתינו...״

מיר זעען דערפון, אז דער כלומרשטער לוקניקער רב — ר׳ יעקב; ר׳ צבי הירש פראנקפורטער — ראש־ישיבה און ר׳ משה — קארובער רב, זיינען אין דער אמתן נישט מער ווי איין און די זעלבע פערזאָן.

ווי מיר זעען אויך, איז ער געווען איינער פון די גרעסטע לומדים אין דער חשובער פראנקפורטער קהילה, ווו ער איז געווען ראש־ישיבה. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 40 יאָר. ס׳איז נישטאָ קיין ספק, אז א טייל פון ר׳ אבושעס קינדער, זיינען געבוירן געוואָרן אין מעזריטש.

4. — הגאון ר׳ יהודה לייב ז״ל.

פרידמאן גיט אָן, אז ר׳ יהודה לייב איז געווען רב אין מעזריטש בלויז צוויי יאָר און אפשר נאָך ווייניקער. היות, ער איז נפטר געוואָרן אין ד׳ תשרי תקט״ז (1756) און ר׳ אבוש איז אוועק פון מעזריטש אין יאָר תקי״ד (1754), א שטיק נאָך תשרי (פון א צווייטן מקור, „לוחות העדות״, וועלכן מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, ווייסן מיר אז ר׳ אבוש איז צוריקגעקומען קיין ליסאָ אין חנוכה תקי״ד). פרידמאן וויל פון דאנען דרינגען נאָך אן אינטערעסאנטן פאקט: היות ווי אין דעם פנקס פון דער חברה־קדישא ווערט נישט באקלאָגט די פריצייטיקע פטירה פון דעם רב — ווי עס איז דער שטייגער אין אזעלכע פאלן — איז פון דאנען א באוויז, אז ר׳ יהודה לייב איז געווען דער עלטערער ברודער פון ר׳ אבושן. אלא, מחמת זקנה האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט ווערן רב, נאָר ווען ר׳ אבוש איז אוועק פון מעזריטש, האָט ער איינגעשטימט צו ווערן רב, אָבער בלויז צייטווייליק, מחמת דעם — מיינט פרידמאן — געפינען מיר אויך נישט זיינע חתימות אין דעם פנקס פון בית־דין, נאָר בלויז די חתימות פון די דיינים. אלס ראיה פאר זיין השערה, נעמט ער צו הילף דעם פאקט, וואָס

ר׳ יהודה לייבס זון האָט געהייסן אברהם און דאָס איז דאָך אויך געווען דער נאָמען פון ר׳ אבושעס זיידע.

אונדז שיינט, אז דער גאַנצער יסוד, אויף וועלכן ער האָט געבויט זיין השערה, איז א נישט ריכטיקער. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף ר׳ מאַטלס טעות, אין צונויפמישן דעם ר׳ אברהם בר יהודה לייב (דעם ערשטן רב, וואָס ר׳ מאַטל האָט געפונען אין פנקס) מיט ר׳ אבושעס זיידע, וועלכער האָט אויך געהייסן אברהם, און מיר האָבן באוויזן אז דער פאָטער פון אָט דעם אברהמען האָט געהייסן ר׳ צבי הירש קרעמניצער. די ביידע אברהמס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות איינער מיטן אנדערן, דעריבער האָבן מיר נישט דעם מינדסטן באַווייז, אז ר׳ אבוש איז געווען א ברודער פון ר׳ יהודה לייבן. אויב מען זאָל דוקא וועלן געפינען זיין יחוס אין מעזריטש, קען מען אים גיכער מיחס זיין צום מעזריטשער רב אברהם בר יהודה לייב, וואָס איז פאַרשריבן אינעם פנקס, וואָס ר׳ מאַטל האָט געהאַט אין זיין רשות. און אפשר איז גאָר דער ר׳ אברהם געווען זיין פאָטער. אויב דאָס זאָל טאַקע האָבן אַזוי געווען, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אז דער ר׳ יהודה לייב האָט געדאַרפט זיין א זקן מופלג, ממילא איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער זאָל נישט וועלן אָננעמען דאָס רבנות אויף די עלטערע יאָרן; און עס איז אויך נאַטירלעך, אז די מעזריטשער זאָלן אים אָנבאָטן דאָס רבנות, וויבאַלד זיין פאָטער איז דאָרט פריער געווען רב.

5. — הרב הגאון ר׳ עוזר בן הג׳... ר׳ אברהם אבוש...

ער איז, משמעות, געווען ר׳ אבושעס עלטסטער זון. פרידמאַן שרייבט, אז ער האָט געפונען זיינע חתימות אין דעם פנקס פון בית־דין פון די יאָרן תקכ״ד ביז תקל״ג. איידער ער איז געוואָרן רב אין מעזריטש, איז ער געווען רב אין ביאַלע, נעבן מעזריטש. ווען ער האָט פאַרלאָזט מעזריטש איז ער געוואָרן רב אין קאָזשניץ (נאָכדעם אין ריטשעוואָל). פאַרן ארויסקלייבן זיך פון מעזריטש, האָט ער פאַרקויפט צוויי שטעט אין שול. זיין שטאָט און זיין רביצנס שטאָט, וואָס זיי האָבן געהאַט אין ירושה. זיין רביצן האָט געהייסן צערטיל! און איז געווען א טאָכטער פון דעם באַקאַנטן דובנער רב ר׳ יוסף יוסקי. ר׳ עוזר, האָט מחבר געווען א ספר מיטן נאָמען „אבן העוזר״. ווי עס ווייזט אויס, איז דער חיבור פאַרבליבן אין כתב־יד.

פון פרידמאַנס פאַרצייכענונג איז צו זען, אז צווישן תקט״ז (1756) און תקכ״ד (1764), האָט מעזריטש געהאַט אַן אַנדערן רב. עס איז אָבער א פּלא, וואָס מען געפינט נישט אין דעם פנקס פון בית־דין דערמאָנט א רב פאַר דער צייט. עס זאָל זיין, אז מעזריטש איז געווען אָן א רב אין משך פון די יאָרן?

אין דער צייט פון ר׳ עוזרס רבנות, האָט אָפּגעברענט די אַלטע מעזריטשער שול.

ווי עס שיינט, איז ר׳ עוזר געווען דער לעצטער פון דער באַרימטער רבני־

שער משפחה צו זיצן אויפן מעזריטשער כסא־רבנות. אָבער, נאָך אים האָט זיך אויך ווייטער געצויגן די גאָלדענע קייט פון דער רבנים־משפחה, וואָס האָבן זיך אימפּאָנירט אויף די יידישע קהילות. אן אייניקל פון ר׳ עוזרן איז געווען, דער אונדז שוין באַקאַנטער, ר׳ יוסף לעווענשטיין, רב אין סעראָצק. ער איז געווען איינער פון די באַקאַנטסטע רבנים אין פּוילן, נישט נאָר מיט זיין גרויס־קייט און תורה, נאָר אויך אלס איינער פון די באַקאַנטסטע פאָרשער פון דער געשיכטע פון די רבנים און זייער יחוס. אין דער הקדמה צום ספר „ברכת אברהם״ פון זיין זיידע ר׳ אבוש פראַנקפורטער, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן, שרייבט ער זיין יחוס: „... יוסף האבד״ק סעראָצק, בן הרב החסיד... מו״ה אברהם אבוש... חתן הגאון המפורסם מו״ה ישראל איסר האבד״ק קלימנטוב (קלימענטאָוו), ריצעוועל (ריטשעוואָל)... בהרב הגאון המפורסם מו״ה עוזר האבד״ק ביאלע, מעזריטש, קאָזניץ...״

ר׳ עוזרס זון — ר׳ שלמה, וועלכער איז געוואָרן ממלא־מקום אויף זיין פאָטערס פּלאַץ אין קאָזשניץ, האָט שטאַרק געדרודפּט דעם בארימטן קאָזשניצער מגיד ר׳ ישראל, איינער פון די הויפּט־זיילן פון חסידיזם אין פּוילן (71).

א צווייטע פּערזענלעכקייט, אן אייניקל פון דער דאָזיקער רבנישער משפחה, איז געווען דער פּרעדיקער און רב אין דער פּראָגרעסיווער לעמבערגער שול — ר׳ ישכר בעריש לעווענשטיין. כאָטש ער איז געווען רב פון דעם רע־פאָרמיסטישן טעמפּל, האָבן אלע שיכטן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ, אפילו די פרומע יידן, וועלכע האָבן זיך בשעתם קונה־שם געווען מיט זייער קאַמף קעגן ר׳ ישכר בערישעס פאָרגייער, וואָס האָט גורם געווען צו זיין טראַגישן טויט. ר׳ ישכר בעריש איז געבוירן געוואָרן אין מעזריטש ער״ח אדר, תקפ״א, צו זיין פאָטער ר׳ יצחק עוזר און זיין מוטער פייגה ביילה. זי איז געווען א טאָכטער פון הרב נחום שיף.

זיין פאָטער, וועלכער איז געווען א גדול־בתורה, האָט אָבער נישט גע־וואָלט ווערן רב און איז געוואָרן א גרויסער סוחר. אָבער, אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זיין זון ישכר בעריש, וועלכער איז געווען בארימט אלס עילוי. פּ׳ן לערנען אים וועלטלעכע לימודים איז נישט געווען וואָס צו רעדן. און ווען ישכר בעריש האָט שוין אלס קליינער יינגל, אָנגעהויבן שרייבן פּאָע־זיע, האָט אים דער פאָטער קוים דערלויבט אריינצוקוקן בלויז אין די שירים פון ר׳ יהודה הלוי א. א. משוררים פון דער יידיש־שפּאַנישער „גאָלדענער עפּאָ־כע״. ווען ער איז אלט געוואָרן 15 יאָר, איז ער שוין געווען באהאוונט אין ש״ס און פּוסקים. דעמאָלט האָט זיך זיין פאָטער מיט דער משפחה באזעצט אין אמסטערדאַם, ווו ישכר בעריש האָט פאָרגעזעצט זיין לערנען. צו יענער צייט איז בארימט געוואָרן דער האַנאָווער רב, ד״ר נתן אדלער (ער איז נאָכדעם גע־וואָרן רב־הכולל אין ענגלאַנד), און ער האָט באשלאָסן צו פאָרן צו דעם גרויסן רב לערנען. מחמת דעם, וואָס אין האַנאָווער האָט געוווינט זיין באָבע (זי איז

געוועזן א טאָכטער פון דעם גרויסן גאון ר׳ יצחק הורוויטץ, רב אין די בארימטע דריי קהילות א. ה. ו.: אלטאָנא, האמבורג, וואנזבעק, די אלמנה פון דעם האַנאָווער רב ר׳ בעריש), האָט מען אים דערפאר דערלויבט צו פאָרן קיין האַנאָווער. דאָרט, האָט ער זיך באקענט מיט זיינע חברים: ד״ר שמואל מייער, וועלכער האָט שפּעטער פארנומען ד״ר אדלערס פלאץ אין האנאָווער, ד״ר ט. רייצנפעלז — רב אין שטעטין און ד״ר שטיין — רב און פרעדיקער אין פראָג. זיי האָבן אים צוגערעדט צו שטודירן וועלטלעכע לימודים אויפן אוניווערזיטעט און צו ווערן א מאָדערנער רב, א פרעדיקער. ער האָט זיי געפאָלגט. אָבער, ער האָט די וועלטלעכע חכמות באטראכט בלויז אלס היפּלסמיטל צום עיקר — צו דער תורה, וואָס ער האָט באמת ליב געהאט. אין תר״א, האָט ער פארבראכט אין פראָג און געלערנט ביים פּראָגער רב, שלמה יהודה ראפּאָפּאָרט (שי״ר), איינער פון די בארימטסטע משכילישע רבנים אין זיין צייט, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאר דעם שטודיום פון חכמת־היהדות. ער האָט אויך געלערנט ביים בארימטן בערלינער פרעדיקער ר׳ מיכל זאקס (זכ״ם) און ביים גרויסן גאון און קעמפער קעגן די רעפאָרמאטאָרן: ר׳ יעקב עטלינגער, ר׳ מיכל לאנדסבערג און ר׳ יעקב משה גאָלדבערג. דעם לעצטנס טאָכטער, האָט ער גענומען פאר א ווייב.

ישכר בעריש איז געווען פרעדיקער און לערער פון רעליגיע אין א ריי קהילות, און ווען די לעמבערגער פּראָגרעסיווע קהילה האָט געזוכט א רב, האָבן אלע אָנגעוויזן אויף ישכר בעריש לעווענשטיין אלס דער פּאסנדיקסטער קאנדידאט. ווען עס איז אין יאָר תרמ״ה (1885) געוואָרן 25 יאָר זינט ער האָט פארנומען די שטעלע אלס לעמבערגער ראבינער, האָט גאנץ לעמבערג געפייערט דעם גרויסן יום־טוב. אין עלטער פון 68 יאָר, איז ער נפטר געוואָרן אין לעמבערג און די גרעסטע רבנים, ווי ר׳ שאול נאטאנזאָן, לעמבערגער רב, און אנדערע געלערנטע, האָבן אים מספּיד געווען.

פון אים האָט זיך צעצווייגט די בארימטע לעווענשטיין־משפּחה אין לעמבערג און ד״ר דיאמאנד — באקאנטער פירער פון דער פּוילישער סאָציאליסטישער פּארטיי פּ. פּ. ס. און דעפּוטאט פון פּוילישן סיים — איז געווען זיינער אן איידעם.

לכבוד דעם אויבנדערמאָנטן 25־יאָריקן יובילעאום זיינעם, האָט מען פארעפנטלעכט א סך שריפטן געווידמעט דעם יובילאר, און דער משכיל צבי אליעזר טעללער, האָט פארעפנטלעכט אן אויספירלעכע ביאָגראפיע לכבוד אים, מיטן נאָמען „שם עולם" (לעמבערג, תרמ״ט — 1889).

6. — הגאון ר׳ אברהם בר׳ יהודה לייב ז״ל.

פרידמאן האָט געפונען זיינע חתימות אין דעם פּנקס פון בית־דין פון תקל״ז (1777), ביז אייר תקמ״ז (1787). ווידער אמאָל איז אָפּגעלאָפן פיר יאָר צייט —פון תקל״ג (1773), ביז תקל״ז (1777)— א צווישנצייט, אין וועלכער מעזריטש האָט, הפּנים, נישט געהאט קיין רב.

.7 — הגאון ר׳ יחיאל מיכל הײלפּרין.

זײנע חתימות אין פּנקס, האָט פרידמאַן געפונען פון כ׳ טבת, תקמ״ח (1788), ביז ז׳ אדר, תקס״ח (1808) *).

.8 — הגאון ר׳ אברהם בר׳ יהודה לײב ז״ל.

פרידמאַן באַמערקט, אַז ער האָט געפונען בלויז זעקס חתימות פון אים אין פּנקס און זײ זײנען פון תקס״ח (1808), ביז תק״ע (1810). דער נאָמען דערמאָנט אונדז באַלד אין דעם אביסל פריער דערמאָנטן מעזריטשער רב ר׳ אברהם בר׳ יהודה לײב, װעלכער דערשײנט בײ פרידמאַנען אין דער רשימה נומער 6. איז דאָס בלויז אַ צופאַל אַזאַ, װאָס בײדע רבנים האָבן געטראָגן פּונקט דעם זעלבן נאָמען און פאָטערס נאָמען? אָדער זײנען טאַקע די רבנים, װאָס פיגורירן אין דער רשימה־סדר 6 און 8 אײן און די זעלבע פּערזאָן? אויב מען זאָל אַזױ אָננעמען, קומט װידער אויס, אַז מעזריטש האָט געהאַט צװײ רבנים —ר׳ אברהם בר׳ יהודה לײב און ר׳ יחיאל־מיכל הײלפּרין— אין אײן און דער זעלבער צײט?

אָט די דאָזיקע פראַגעס זײנען אויך אױפגעשטעלט געװאָרן פאַר ר׳ מאָטל פרידמאַן און ער פּרוּװט געבן דערויף זײן תירוץ. קודם־כל װאַרפט ער אָפּ די היפּאָטעזע, אַז דאָס זאָלן האָבן געװען צװײ באַזונדערע פּערזאָנען, װאָס זאָלן פּונקט האָבן געטראָגן די זעלבע נעמען און די זעלבע נעמען פון זײערע פאָטערס. אחוץ דעם, גיט צו פרידמאַן, איז עס סתם אויסגעשלאָסן; װאָרום, בײם פאַר־גלײכן די אונטערשריפטן פון די רבנים װאָס פיגורירן אין דער רשימה־סדר 6 און 8, זעט זיך באַשײמפּערלעך, אַז זײ שטאַמען פון אײן און די זעלבע פּער־זאָן. אויך אײנעם סטיל, װי זײ האָבן זיך געחתמעט אין בײדע פאַלן, איז דער זעלבער. אַזױ, צום בײשפּיל, געפינען מיר אַמאָל אין דער חתימה בלויז דעם נאָמען פונעם רב און טײלמאָל װערט אויך דערמאָנט דעם פאָטערס נאָמען; טײלמאָל זאָגט זיך בײ דער חתימה „החונה פּה״ און טײלמאָל „האב״ד״. דאָס חזרט זיך איבער אײנעם פאַראַגראַף 6 און 8. קומט דערפאַר ר׳ מאָטל צום אויספיר ,אַז די בײדע גלײכנאָמענדיקע רבנים, װאָס װערן דערמאָנט אין דער כראָנאָלאָגיע פון די מעזריטשער רבנים, זײנען פון אײן און די זעלבע פּערזאָן.

די דאָזיקע מסקנא רוקט אָבער אַרויס די שװין דערמאָנטע פראַגע: װי קומט עס װאָס אין אײן און דער זעלבער צײט געפינען מיר אויך אין פּנקס אַ צװײטן רב; נעמלעך, ר׳ יחיאל מיכל הײלפּרין?

ר׳ מאָטל פרידמאַן גיט אויף דעם זײן ענטפער: אין יאָר תקמ״ח (1788), איז ער זיך משער, האָט דער רב ר׳ אברהם בר׳ יהודה לײב זיך צוריקגעצױגן צוליב עפּעס אַ סיבה פון זײן רבנות־שטעלע און זי אָפּגעטראָטן צו ר׳ יחיאל

*) װעגן אים שרײבן מיר אויספירלעכער אין אונדזער קאַפּיטל „מתנגדים און חסידים אין מעזריטש״.

מיכל הייל‏פּרין. ממילא, איז נישט קיין וווּנדער, פאַרוואָס מיר געפינען מיט יאָרן שפּעטער דעם אויבנדערמאָנטן ר׳ אברהמען ווידער אמאָל התמענען דער ערשטער אונטער די פּסקי־דינים און ער שרייבט זיך נישט אב״ד. ווייל אין דער אמתן איז ער דאָך שוין נישט געווען דער רב פון שטאָט. אויב אזוי, פאַר־וואָס־זשע האָט ער זיך בכלל געחתמעט אונטער די פּסקי־דינים, וויבאלד ער איז שוין געווען אוים רב? אויף דעם ענטפערט ר׳ מאָטל, אז די צדדים האָבן מן־הסתם אויסגעדריקט זייער ווילן צו לאָדען זיך פאַר דעם אלטן רב. אָבער פון יאָר תק״ע (1810) אָן, שרייבט ער זיך יאָ אונטער האבד״ק, ווייל ר׳ יחיאל מיכל איז שוין דעמאָלט מער נישט געווען רב אין מעזריטש; ער איז געוואָרן רב ערגעץ אנדערשוואו, האָט דעריבער דער אלטער רב צוריק איבערגענומען זיי־נע פונקציעס אלס שטאָט־רב.

פרידמאַן ברענגט שטאַרקע באַווייזן פאַר זיינע השערות. אין דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא, ווו עס איז פאַרצייכנט די פּטירה פון דעם רב, ווערט געזאָגט: „...הרב... מוהר״ר אברהם במוהר״ר יהודה ליב זצ״ל שהיה אב״ד דקהילתנו נפטר יום ב׳ כ׳ מנ״א תק״ע (1810)״. אָט די ווערטער: „שהיה אב״ד — ער איז געווען רב״, זיינען א באַווייז: 1. אז מיר האָבן צו טאָן מיט איין און דער זעלבער פּערזאָן; 2. אז ער איז פריער געווען רב און ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער רבנות צוליב עפּעס א סיבה.

און נאָך א ראיה: אין דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא ווערט נישט דער־מאָנט די פּטירה פון דעם רב ר׳ אברהם, וואָס דערשיינט אונטער נומער 6. אודאי קען מעגלעך זיין, אז ער איז נישט געשטאָרבן אין מעזריטש. פּונקט ווי א צאָל אנדערע רבנים, וואָס זיינען אוועק פון מעזריטש און געוואָרן רבנים ערגעץ אנדערשוואו: ר׳ מאָטל פרידמאַן האלט אָבער, אז זיין השערה איז די וואַרשיינלעכסטע. דהיינו, היות דער ר׳ אברהם פון פּאַראַגראַף 6 און דער ר׳ אברהם פון דער רשימה 8 זיינען איין און די זעלבע פּערזאָן, האָט מען דאָך נישט געקענט רעקאָרדירן זיין טויט אין יאָר תקמ״ז (1787), ווען ער איז גאָר געשטאָרבן אין תק״ע (1810), און דעמאָלט דערשיינט ער טאַקע אין דער רשימה פון דער חברה־קדישא.

א צווייט מאָל דערשיינט דער אויסדרוק „שהיה אב״ד״ וועגן דעם ר׳ אברהמען אין יאָר תקצ״ב (1832), ווען אין דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא ווערט פאַרצייכנט דער טויט פון זיין זון. דאָס אַלץ, האלט ר׳ מאָטל, באַווייזט אז זיינע השערות זיינען ריכטיקע.

מ׳מוז מודה זיין, אז ר׳ מאָטל האָט מיט זיינע באַווייזן באַגרינדעט צוויי עיקרים: 1. אזביידע אברהמס זיינען אין דער ווירקלעכקייט איין און די זעלבע פּערזאָן; 2. אז ר׳ אברהם האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין רבנות־שטעלע. דאָס שטימט פולשטענדיק לויט די דאָקומענטן, וואָס זיינען אין אונדזער באַזיץ און וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריער געשריבן. ר׳ מאָטל האָט אָבער נישט גע־

ווּסט פון יענע דאָקומענטן און ממילא האָט ער זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו דער אמתער סיבה און ער האָט אָנגענומען, אז דאָ האנדלט זיך פון א פּריוויליקן צוריקציען זיך מצד ר' אברהמען. פון די דאטעס פון יענע דאָקומענטן ווייסן מיר, אז ר' אברהם בר' יהודה לייב, איז געווען א מעזריטשער פון געבורט, און אין יאָר תקמ"ו (1786) האָט קהל —מן־הסתם צוליב גוטע כוונות— אָנגענומען א באשלוס אונטער א חרם, אז א מעזריטשער טאָר נישט ווערן קיין רב און אפילו נישט קיין איידעם אָדער נאָענטער קרוב פון מעזריטשער. ר' אברהם איז געוואָרן רב אין יאָר תקל"ז (1777). און אין יאָר תקמ"ו (1786), האָט מען אים אראָפּגעזעצט פון רבנות און אים באשטימט אלס ראב"ד (ראש־בית־דין), אָן וועמען עס טאָר נישט פאָרקומען קיין דין־תורה, סיידן ער איז מוחל אויף זיין כבוד. דעמאָלט האָט מען אויפגענומען ר' יחיאל מיכל הײלפּרין, דער חסידישער רב פון קוזמיר, וועלכער האָט געהאט אויסצושטיין גענוג צרות פון די מתנגדים און מן־הסתם נישט ווייניקער פון ר' אברהמס צד אויך. ווען ר' יחיאל מיכל איז אוועק פון מעזריטש, האָט ר' אברהם געפירט דעם בית־דין, אָבער אלס ראב"ד און נישט אלס רב. ער איז דערפאר געווען תמיד דער ערשטער צו חתמענען, ווען דער רב האָט נישט אָנטיילגענומען אין דער דין־תורה, און עס איז אויך ריכטיק, פאַרוואָס די חברה־קדישא האָט אים נישט באַצייכנט אלס ראב"ד —דעם אמט וואָס ער האָט פארנומען ביז צו זיין פּטירה— ווייל ער איז דאָך באמת געווען אמאָל מעזריטשער רב. מחמת דעם, ווערט ער באַצייכנט אלס געוועזענער רב: „שהיה אב"ד".

9. — הגאון ר' נחמן בהרב הצדיק איש מופת ר' יעקב.

זיינע חתימות אין דעם בית־דין־פּנקס האָט פרידמאן געפונען פון אָנהויב תקע"א (1811), ביז כ' מנחם אב תקצ"ב (1832), עטלעכע טעג פאר זיין פּטירה. ר' נחמן איז געוואָרן פאררעכנט אלס רב פון גרויסן לומדישן פארנעם. אין דעם גוט־באקאנטן שאלות־ותשובות־ספר „חמדת שלמה" *) טרעפן מיר אן ענטפער פון דעם בארימטן ווארשעווער רב ר' שלמה זלמן ליפשיץ אויף א שאלה, וואָס ר' נחמן האָט אים געשטעלט. עס האנדלט זיך דאָרט וועגן די פּרויען פון צוויי מענער, וועלכע זיינען פארברענט געוואָרן אין א דאָרף נאָענט פון מעזריטש. ר' נחמן האָט געפּסקנט, אז די פרויען מעגן ווידער אמאָל חתונה האָבן. דער ווארשעווער רב ענטפערט אים מיט גרויס כבוד און איז מסכים אויף זיין פּסק־הלכה.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז ר' נחמן געווען דער מעזריטשער רב אין וועמענס צייט עס איז פאָרגעקומען דער עלילת־דם. ער איז אויך דער העלד פון דעם דערמאָנטן אינצידענט מיט דעם רב, ביי וועמען די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע מאכט האָט רעקווירירט דעם פערד־און־וואָגן און ער האָט זיך אויך

*) ווארשא, תקצ"ו (1836), חלק אבן העזר סימן ל"ח.

אקעגנגעשטעלט דעם רבי ר׳ בונם, ווען ער איז געזעסן אין מעזריטש אלס פּארטרעטער פון בערקען, וועלכער האָט געהאלטן דעם מלוכה־שטייער אויף פלייש אין ארענדע.

10. — הגאון הקדוש... ר׳ אפרים אליעזר צבי חרל״פ.

זיינע חתימות האָט פרידמאַן געפונען פון אָנהויב תקצ״ג (1833) ביז ה׳ אלול תר״ט (1849), ד. ה. ער איז געווען 16 יאָר רב אין מעזריטש. אזוי ווי ר׳ אבוש, האָט אויך ר׳ לייזער חרל״פ *) זוכה געווען צו ווערן א לעגענדע. די גרעסטע רבנים אין זיין צייט, האָבן אים פּארערט און גערעדט וועגן אים מיט דעם גרעסטן יראת־הכבוד. ר׳ עקיבא אייגער האָט אים גערופן ר׳ אליעזר הגדול, אן אָנדייט אויף דעם גרויסן תנא ר׳ אליעזר הגדול, וועלכער איז אויך געווען בארימט צוליב זיין גרוים וויסן אין קבלה, וואָס האָט אים אוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון די תנאים אין זיין צייט. אויך ר׳ אליעזר חרל״פ, איז געווען בארימט אלס הייליקער מאן און גרויסער בעל־מקובל. עס איז גענוג צו זען די הסכמות, וואָס די גדולי־הדור האָבן געגעבן אויף זיינע ספרים, וואָס זיינען ארוים פון דרוק נאָך זיין פּטירה. ר׳ יאשע דער בריסקער א. א. טיטולירן אים „הגאון הקדוש״ און שרייבן, אז אייגנטלעך גיבן זיי נישט קיין הסכמה אויף זיינע ספרים, ווארום זיינע חיבורים נויטיקן זיך נישט אין זייערע הסכמות. אזא יראת־הכבוד און פּארערונג האָבן ארויסגעוויזן צו אים אפילו די חסידים, ווי מיר האָבן עס שוין פריער אונטערגעשטראָכן אינעם קאפּיטל „מתנגדים און חסידים...״.

פרידמאַן דערציילט, און דאָס ווערט אויך באשטעטיקט פון משפּחה־מקורים, אז ר׳ אליעזר איז געשטאָרבן פון עגמת־נפש, ווען זיינע כתבים זיינען פארניכטעט געוואָרן אין דער גרויסער שרפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין מעזריטש (עס זיינען דאן אָפּגעברענט געוואָרן 300 הייזער) אין יאָר תר״ח (1848). ווי עס ווערט דערציילט, האָבן פיל מענטשן געפּרוווט מציל זיין זייערע ווערטפולע זאכן דורך אריבערטראָגן זיי אין דער געמויערטער שול. דאָרט זיינען געוואָרן אוועקגעלייגט ר׳ אליעזרס כתבים, אויף וועלכע ער האָט געהאָרעוועט זיין גאנץ לעבן. הפּנים, אז צווישן די געבראכטע זאכן אין שול אריין, האָט געטליעט א פונק און דאָס האָט גורם געווען א שריפה אין שול, ביי וועלכער אלץ, איינגעשלאָסן די ספרי־תורות און ר׳ אליעזרס כתבים זיינען פארברענט געוואָרן. ר׳ אליעזר האָט זיך פון דעם אומגליק גענומען שטארק צום הארצן און ער איז דערפון קראנק געוואָרן און ער האָט זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן פון דער קרענק.

די ספרים וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן נאָך זיין פּטירה, זיינען גענומען

---

*) זע וועגן אים אין קאפּיטל „מתנגדים און חסידים אין מעזריטש״, וועגן זיינע באציאונגען צו די חסידים.

פון כתבי־יד, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט צווישן פרעמדע און אויך פון די נייע כתבי־יד, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון דעם קנאַפּן יאָר וואָס ער האָט נאָך געלעבט, באַוויזן אויפסניי אָנצושרייבן, נישט געקוקט אויף זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד.

זיינע דערשינענע ספרים זיינען:

1. שאלות־ותשובות „עטרת צבי" (וואַרשאַ, תרנ"ו — 1896), אַרויס־געגעבן פון זיין אייניקל אפרים צבי אליעזר הרל"פּ פון סאַרנאַק. איינע פון די שאלות־ותשובות, איז וועגן אַ גט, וואָס אַ מעזריטשער ייד, זאב־וואָלף, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין האַמבורג, האָט געשיקט צו זיין ווייב קיין מעזריטש. דער מסדר פון דעם גט, איז געווען ר' שמואל האָלדייש, רב אין פראַנקפורט ביי דער אָדרע. ר' אליעזרן איז דער גט נישט געפעלן געוואָרן, מחמת דעם, ווייל דער נאָמען איז נישט געווען ריכטיק געשריבן און ער האָט מסדר געווען אַ צווייטן גט און עס צוגעשיקט צום אויבנדערמאָנטן רב, אז ער זאָל אים איבער־ווייזן קיין האַמבורג. פון דער דאָזיקער רבנישער קאָרעספּאָנדעניץ, דערוויסן מיר זיך וועגן די יידישע הענדלער אויף די ירידים אין דייטשלאַנד. מיר דערוויסן זיך אויך גלייכצייטיק וועגן דער דחקות, וואָס האָט געהערשט ביי דעם גרויסן ר' לייזער הרל"פּ. דאָס דערוויסן מיר זיך פון פּאָלגנדיקן צושריפט *): „לולי שחסתי על דמי־פּאָסט הקשה עלי —שרייבט ר' לייזער— ווען עס איז מיר נישט שווער די הוצאה פאַר פּאָסט — הייתי מבקש להשיב אלי כי קבל דברי— וואָלט איך געבעטן צו ענטפערן אז ער האָט דערהאַלטן מיינע רייד". דעמאָלט איז גראָד מעזריטש געווען אין איר סאַמען אויפבלי. אויך דער פראַנקפורטער רב ווייזט אַרויס גרויס הכנעה צו ר' לייזערן און ער בעט אים, אז ער זאָל אים אָנטאָן דעם כבוד און צושיקן צו אים זיינע חידושי־תורה.

2. „מגדנות אליעזר" (וואַרשאַ, תרנ"ה — 1895), דער ספר איז גע־בראַכט געוואָרן צום דרוק פון ר' מרדכי חיים לייב שו"ב פון מעזריטש. די העתקה איז געמאַכט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן מעזריטשער למדן און משכיל ר' יעקב שפּיראָ פון כתב־ידן, וואָס ער האָט געהאַט און ער האָט אויך גע־שריבן די הקדמה צום ספר. אין דער הקדמה דערציילט שפּיראָ, אז ער האָט גוט געקענט דעם גרויסן מחבר (ער איז געווען זיין תלמיד) און אז ער באַ־זיצט אַ „המון", ד. ה. גאָר אַ סך מאַנוסקריפּטן און אַ סך ספרים מיט פאַר־שריבענע חידושים, שו"ת און וווּנדערלעכן דרוש און פירושים אויף פאַרשידע־נע קבלה־ספרים. אָבער, היות, ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין געלט אַרויסצו־געבן זיינע ספרים, זיינען די שריפטן געווען צעשפּרייט אַ גאַנצן יובל (50) יאָר. אחוץ דעם האָבן זיי (די כתבים) דורכגעמאַכט פייער און וואַסער (אַ רמז אויף דער אויבנדערמאָנטער שרפה) און זיי זיינען אויך פאַרדאָרבן געוואָרן

*) אין דער אויבנדערמאָנטער תשובה וועגן גט.

פון אלטקייט. „האָב איך זיך אָנגעשטרענגט און איבערגעשריבן בלויז א ביסל פון דעם, וואָס ס׳געפינט זיך אין מיין רשות; וואָס איך האָב באקומען פון זיין עלטסטן זון החריף והבקי מו״ה זאב וואָלף ז״ל, איידער ער איז אוועק־געפאָרן פון דאנען צו אונדזער הייליק לאנד, ווו ער איז נפטר געוואָרן אָן קינדער...״

אין דעם ספר זיינען פאראן דרשות, אין וועלכע דער קבלה־עלעמענט איז שטארק קענטיק און אויך חידושים אויף פארשידענע שטעלן אין ש״ס. אגב, אין איין פלאץ זאָגט ער אליין וועגן זיך, אז „ער איז נישט קיין חריף״. האָט ער עס, מן־הסתם, געזאָגט צוליב תמימות און עניוות. ווייל גראָד האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס חריפות, וואָס איז גלייכצייטיק געווען באזירט אויף א שטארקע בקיאות און לאָגיק.

אין „מגדנות אליעזר״ געפינט זיך אויך א „קונטרס הספדים״, וואָס ער האָט געהאלטן אויף פארשידענע חשובע בעלי־בתים אין די פארשידינע שטעט, ווו ער איז געווען רב. איין הספד, איז געווידמעט ר׳ מאיר יאנאָווער — איינער פון די מעזריטשער לומדים. ער דריקט זיך דאָרט אויס אזוי: „דאָס איז דער הספד, וואָס איך האָב געמאכט אויף א תלמיד־חכם, וועלכער האָט זיין גאנץ לעבן געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים און זיינע נעכט האָבן געלויכטן ווי די טעג אין זיין תורה־לערנען. כ״ז טבת, תר״ב״.

ווי דער שטייגער פון די מספידים אין יענע טעג, ווען מען פלעגט זאָגן מער תורה און מוסר ווי רעדן וועגן דעם נפטר אליין, איז אויך דער הספד פול געווען מיט תורה און דברי־מוסר. אָבער אויף איין פלאץ רופט ער פאטעטיש אויס: „שוטטו בחוצות מעזריטש, הנמצא כמוהו ת״ח עוסק בתורה יום ולילה? האם התערב בשום דבר לבעט׳ ברבותיו? — זוכט אין אלע גאסן פון מעזריטש, וועט איר דען טרעפן נאָך אזא תלמיד־חכם ווי ער, וואָס איז עוסק טאָג און נאכט אין תורה? האָט ער זיך דען ווען געמישט אין ערגעץ אין א זאך צו ווי־דערשפעניקן זיינע רביים?״

צי דאָס איז געווען א מליצה אָדער אן אָנדייט אויף מחלוקתן מיט די חסידים, צי גאָר מיט געוויסע מעזריטשער, וואָס האָבן געפרווט איינפירן נייע אָרדענונגען, וועלכע זיינען געווען דערווידער ר׳ אליעזר חרל״פ — ווייסן מיר נישט.

צום סוף פון דעם ספר געפינען זיך אייניקע בלעטלעך מיט חידושי־תורה פון דעם ארויסגעבערס פאָטער — ר׳ פנחס אליעזר בר׳ מאיר ז״ל, פון זיין רבין ר׳ ברוך סעמיאטיטשער, וועלכער איז געווען א תושב אין מעזריטש און פון ר׳ יצחק פרידמאן, וועלכער איז קורץ נאָכדעם אוועק קיין ירושלים, ווו ער איז געווען שטארק געאכטעט. דעם לעצטנס תורות זיינען אויך געדרוקט אין דעם באקאנטן תורה־זשורנאל „תורה מציון״, וואָס איז א לענגערע צייט

דערשינען אין ירושלים. זיין ארויסגעבער, ר׳ שמואל צוקערמאן, איז, אגב, גע־
ווען א מעזריטשער ייד.

3. „ספר הוד תהלה״, ארויסגעגעבן פון שמואל יהודה הכהן ז״ל פריי־
זאנד פון מעזריטש. דער ספר פון ר׳ אליעזר הרל״פ, איז אייגנטלעך געשריבן
געוואָרן אלס א תשובה צו איינעם א רב, וועלכער האָט אים אָנגעפרעגט א
שאלה וועגן חנוכה. דער ספר הייסט דערפאר אויך „ל״ו נרות על חנוכה״. יע־
דע תורה וואָס געפינט זיך דאָרט איז אקעגן איין ליכטל פון די 36 ליכטלעך,
וואָס מען צינדט אָן אין משך פון חנוכה. אין דעם ספר דערמאָנט ער, אז ער
האָט געשריבן א פירוש אויפן בארימטן „ספר יצירה״ וואָס ווערט מיוחסט צו
אברהם אבינו.

אין יאָר תק״ע (1810), איז דער ספר געווען פיל גרעסער. אין יאָר
תקפ״ז (1827), דאָס הייסט מיט 17 יאָר שפעטער, האָט ער אים געקירצט,
נאָר ער איז געבליבן אינעם זעלבן פאָרמאט ווי ער איז דערשינען פון אָנהייב;
אָבער, ר׳ אליעזר איז אלץ נישט געווען צופרידן מיט דער רעדאקציע זיינע. ער
שרייבט: „צוליב פארשידענע איבערררייסונגען... איז ער נישט מסודר. אויב
דער אויבערשטער וועט מיך לייטזעליקן, וועל איך אין אים מעיין זיין און
מסדר זיין אזוי ווי מ׳דאַרף״. דאָס האָט ער פארצייכנט ו׳ עש״ק ו׳ טבת תקפ״ו
לפ״ק פה ק״ק ביזון (ביעזשון).

4. א פערטער ספר איז זיין „ריח ניחוח״. דעם ספר האָבן מיר ליידער
נישט געהאט די געלעגנהייט צו האָבן אין אונדזער רשות.

פון די אויבנדערמאָנטע וויכטיקע ספרים, קען מען זיך שאפן א בילד
וועגן דעם מעזריטשער רב, ארום וועלכן די פאנטאזיע פון פאָלק האָט געשפינט
וווּנדערלעכע לעגענדעס, וואָס זיינען דערציילט געוואָרן אין מעזריטש און אין
אנדערע שטעט. אָבער, דאָס וואָס עס איז געבליבן פארעפנטלעכט פון אים,
איז א קליינער טייל פון דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבן. אין זיי גייט אויך
נישט אריין זיין קאָרעספאָנדענץ, וואָס רבנים האָבן מיט אים געהאט און זיין
רבנישע קאָרעספאָנדענץ, האָט געדארפט זיין זייער א גרויסע, שוין דערפאר,
וואָס ער איז געווען אזוי פארהערלעכט ביי אלע גאונים פון זיין צייט. דאָס
זעען מיר אויך פון א שאלה, וואָס איינער פון די באקאנטע רבנים אין זיין
צייט און מחבר פון פיל ספרים — הרב עזריאל פון קאָנסטאנטין, האָט גע־
שיקט צו ר׳ אליעזרן. די דאָזיקע שאלה פארנעמט א גאנצן ספר, וואָס דער
מחבר האָט א נאָמען געגעבן „קונטרס לראות״ (לעמבערג תקצ״ח — 1838).
אגב, דער דאָזיקער מחבר האָט כמעט אלע זיינע חיבורים גערופן מיט טיטולן,
וואָס האָבן געהאט א שייכות מיט „זעען״. דאָס איז דערפאר, ווייל ער איז גע־

וואָרן קראַנק אויף די אויגן און יעדער ספר זיינער, איז געווען אַ מין תפילה צום אויבערשטן, אַז ער זאָל אים געבן געזונטע, זעעוודיקע אויגן *).

די שאלה, וואָס דער רב האָט אים צוגעשיקט, איז געווען וועגן פּאָר־טרעטן — צי מען מעג זיי האַלטן אין יידישע היימען; ווייל ער האַלט, אַז אַ פּאָרטרעט אָדער סטאַטוע און בכלל יעדע זאַך, וואָס האָט אויף זיך אַ צורה, איז געגליכן צו עבודה־זרה. דער פרעגער פון דער דאָזיקער שאלה, הויבט אָן מיט דעם לשון: „נוסח מה שכתבתי לגאונים פארי הזמן וביחוד להגאון האמתי יחיד בדורו מהור"ר צבי נ"י אב"ד דק"ק מעזריטש — דער נוסח וואָס איך האָב געשריבן צו די גאונים... איבערהויפּט צום אמתן גאון, איינציקער אין זיין דור מוהר"ר..."

פון דעם נוסח פונעם בריוו, זעט זיך אויך אַרויס דער אויסערגעוויינלע־כער דרך־ארץ און הכנעה, וואָס דער רב האָט אַרויסגעוויזן לגבי ר' אליעזר חרל"פ. און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן, ער איז ווירקלעך געווען פון די גדולי הדור.

ר' אליעזר חרל"פ, איז געבוירן געוואָרן אין טיקטין און האָט זיך זייער געגרויסט מיט זיין משפחה. צווישן זיינע כתבים, האָט מען געטראָפן זיין יחוס־בריוו, ווו ער איז זיך מיחס דירעקט ביז דוד־המלך. דאָרט ווערט אויך אויסגעטייטשט דער מיין פון די ראשי־תיבות, וואָס פאָרמירן דעם נאָמען חרל"פ. דער יחוס־בריוו איז נאָכדעם איבערגעדרוקט געוואָרן אין זיינע ספרים, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך זיין טויט.

דער יחוס־בריוו

„אליעזר צבי (דאָס מיינט ער זיך אַליין. — מ. ע.) בן זאב בן אברהם בן דוד בן שמשון בן שמעון בן אברהם בן זאב בן שלום בן דוד בן שמעון שאלתיאל בן אליעזר אשר מצא ראש משפחתנו והתחיל לחתום חרל"פ (ער האָט געגרינדעט אונדזער משפחה און אָנגעהויבן זיך חתמענען חרל"פ) בן דוד בן יהודה בן גדליה בהמ"ס (אויטאָר פון ספר) שלשלת הקבלה בן יוסף בן דוד בן הושע בן דוד בן שלמה בן דוד בן גדליה בן שלמה בן יוסף בן יהודה בן יחייא בן יעוש בן חייא אבי חזקיה ר"ג (די ראשי־תיבות זיינען ראש־גליל) ובעצמו הלך לפולין ועל כן חתימת משפחתנו חרל"פ. ר"ת (ער איז אוועק

*) פריינט דר. יצחק ריווקינד האָט געצייגן מיין אויפמערקזאַמקייט צום ספר, וואָס ער האָט באַקומען פון ר' חיים ליבערמאַן, ביבליאָטעקאַר ביים ליובאַוויטשער רבין. צו זיי ביידע — מיין האַרציקסטן יישר־כוח. אגב, ריווקינד מיינט, אַז די דאָ־זיקע קאָנסטאַנטין איז אין שכנות מיט לאָדזש; וואָרום, ער דערמאָנט דאָרט טעקסטיל־פאַבריקן און דייטשן. כידוע האָבן די דייטשן דעמאָלט זיך באַזעצט אין לאָדזש און אין די שכנותדיקע שטעטלעך און געעפנט טעקסטיל־פאַבריקן. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דאָזיקע קאָנסטאַנטין איז יענע וואָס געפינט זיך אין שכנות מיט מעזריטש און פון דעמאָלט, אפשר, נעמט זיך זיין נאָענטקייט מיט הרב חרל"פ.

קיין פוילן און פון דעם נעמט זיך דער משפחה־נאָמען חרל״פ, וועלכעס איז א ראשי־תיבות פון) חייא ראש לגליל פולין בן דוד בן דוד בן זכאי בן אברהם בן נתן בן דוד בן דהוא בוסתנאי בן דוד בן חזקיה בן הונא בן כהנא בן מר זוטרא בן אבא בן עוקבא בן נחמיה בן נתן בן הונא בן חייא בן ענן בן שפט בן יוחנן בן דוד בן נחום בן עקוב בן שלמה בן הונא בן נתן דצוציתא בן שלום בן חזקיה בן שכניה בן דוד שמעיה בן שלמה בן דוד ישעיה בן חזקיה בן חסדיה בן ברכיה בן חנניא בן משולם בן זרובבל בן פדיה בן שאלתיאל בן יהוכין בן יהויקים בן יאשיהו בן אמן בן מנשה בן חזקיהו בן אחז בן יותם בן עזריה בן אמציה בן יואש בן אחזיהו בן יורם בן יהושפט בן אסא בן אביה בן רחבעם בן שלמה בן דוד מלך ישראל״.

ר׳ אליעזר האָט מיט זיך פאַרמירט דעם 86טן דור נאָך דוד המלך. מיט אזא יחוס, צדקות און גאונות, איז גאָרנישט קיין ווונדער פארוואָס זיין קבר איז געווען דער פאָפּולערסטער און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגן פרומע לייט מתפלל זיין אין זיין אוהל און בעטן, אז דער גרויסער צדיק זאָל זיין א מליץ־יושר און אויסבעטן א גוטע ישועה. ר׳ אליעזר איז נפטר געוואָרן דאַנערשטיק ביינאכט, ה׳ אלול, תר״ט.

11. — הגאון... ר׳ רפאל יום טוב ליפמאן ז״ל.

זיין פאַמיליע־נאָמען, איז געווען היילפּערין. ער איז געווען אן אייניקל פון דעם בארימטן מינסקער רב, ר׳ יחיאל היילפּערין, דער מחבר פון דעם קלאַסיש־היסטאָרישן ווערק „סדר הדורות״ *). אין דער מתנגדישער וועלט, איז ער גערופן געוואָרן מיט דעם פארצויגענעם נאָמען ר׳ ליפּעלע, אָדער אויפן נאָמען פון זיין בארימטן ספר — „עונג יום־טוב״ (ווילנא, תר״ט — 1849). דאַקעגן, ביי די חסידים איז ער נישט געווען איבעריק באליבט צוליב זיינע מחלוקת מיט די מעזריטשער חסידים, וועלכעס האָט בשעתה אויפגעקאָכט די חסידישע קרייזן קעגן אים. (ווי מיר האָבן עס שוין פריער באשריבן אין אונדזער קאפיטל „מתנגדים און חסידים אין מעזריטש״). פרידמאן האָט אָנגעטראָפן זיינע אונטערשריפטן אין פנקסים פון מעזריטש, וואָס דאטירן זיך פון אָנהויב תרי״א ביז סוף תרמ״ט. פון מעזריטש איז ער אריבער קיין ביאליסטאָק און ער איז דאָרט פארבליבן רב ביז זיין פטירה.

12. — הגאון... ר׳ יהושע לייב דיסקין.

ער איז געוואָרן רב אין מעזריטש אין יאָר ה׳תר״כ (1860). פרידמאן שרייבט, אז אין דעם פנקס פון בית־הכנסת, האָט ער געפונען אויפן סוף עמוד 50 זיין חתימה, דאטירט: „ביום י״ב טבת שנת תר״כ״.

ר׳ יהושע לייב דיסקין, איז אויפגענומען געוואָרן פון מעזריטש אלס רב מיט גרויס פאראד. דער קאָרעספּאָנדענט פון „המגיד״, וועלכער חתמעט זיך

*) געדרוקט צומערשט אין קארלסרוא, תקכ״ט—1769.

י. ש. ר. *) באשרייבט די דאָזיקע געשעעניש אין א רייכער מליצהדיקער שפּראך (72); איבערגעזעצט אין יידיש, דערציילט זיך דאָרט:

„מעזריטש, חודש תשרי. דער 24 טאָג אין חודש אלול איז געווען א טאָג פון פרייד און גליק פאר אונדזערע ברידער אין דער דאָזיקער שטאָט. עס איז געקומען צו אונדז אין גרויסער און הייליקער פּראכט, דער רב הגאון המפורסם מיט זיין תורה און צידקות, מוהר"ר יהושע ליב דיסקין נ"י (נרו יאיר — זיין ליכט זאָל שיינען), וואָס איז פריער געווען רב אין לאָמזשע. אים האָט די שטאָט אויסגעווילט צו באקליידן דעם אמט פון רבנות און צו ווייזן דעם וועג, אויף וועלכן זיי זאָלן גיין און די מעשים, וואָס זיי זאָלן טאָן. אלע פירער פון דער קהילה, די חשובים און געהויבענע שטאָט־מענטשן, ווי אויך אלע מיטגלי־דער פון דער יידישער באפעלקערונג, אָנגעפירט פון די באוווּסטע רבנים — די דיינים פון שטאָט: הרב . . . ר' אליהו (א זון פון ר' אליעזר חרל"פּ. — מ. ע.) און פון הרב . . . ר' ברכיהו הכהן (דער זיידע פון דעם קאָרעספּאָנדענט), האָבן זיך אלע פארזאמלט און זיינען ארויס אים מקבל פּנים זיין מיט שמחה, גע־זאנג און כלי־זמרים; און אזוי האָט מען אים אריינגעפירט אין שטאָט אריין. און ווען ער איז דערשינען אין שטאָט, האָט אויסגעבראָכן א פריידיק געזאנג ביי אלע שטאָט־מענטשן און די פרייד האָט מען געפילט אין אלע גאסן...

„שבת חול־המועד, האָט דער רב געהאלטן זיין ערשטע דרשה. עס איז געווען א טיפזיניקער פּילפּול און א שמועס אין מוסר און אלע האָבן געהאט גרויס הנאה פון זיין חכמה און תורה. די ווערטער זיינע, האָבן איבערגעלאָזט א טיפן רושם און וועלן טראָגן פרוכט אין די נאָענטע טעג... און מיר האָפן, אז ער וועט מיט זיין פארשטענדעניש אונדז פירן אין די וועגן פון גערעכטי־קייט; און אין זיינע טעג וועט זיך מערן שלום, ברידערלעכקייט און פריינד־שאפט אין אונדזערע היימען, וואָס וועט זיין פאר אונדזער טובה־וועגן שטענדיק".

און באמת, מיטן אויפנעמען דעם גאון, האָט מעזריטש געהאט רעכט זיך צו פרייען. דער קאָרעספּאָנדענט האָט געהאט מאָטיוון צו האָפן, אז די מחלוקת צווישן מתנגדים און חסידים, וואָס האָט געבושעוועט אונטער ר' ליפּעלעס רבנות, וועט זיך איינשטילן. אָבער עס איז מעזריטש נישט געווען באשערט אזא גליק.

די אידיליע, וואָס האָט זיך מאניפעסטירט ביים אָנפאנג פון זיין פארנע־מען דאָס מעזריטשער רבנות, האָט לאנג נישט אָנגעהאלטן. נאָך קנאפּע צוויי יאָר, איז ר' יהושע לייב געווען געצוווּנגען צו פארלאָזן מעזריטש און ער האָט אָנגענומען די רבנות־שטעלע אין בריסק. אין די יידישע פּובליקאציעס פון יע־נער צייט געפינען מיר נישט קיין שום פארצייכענונג וועגן זיין אוועקגיין פון

*) איניציאַלן פון דעם באקאנטן מעזריטשער חשוב ר' שלמה יצחק הכהן. ער איז געווען א משכיל און בן־תורה און פון די פירנדיקע חובבי־ציון און שפּעטער פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטן אין שטאָט.

אונדזער שטאָט און, ממילא, אויך נישט די סיבה, וואָס האָט גורם געווען אַז ער זאָל דאַרפן פאַרלאָזן אַזוי שנעל דאָס רבנות פון מעזריטש. וואָרום, ס'איז קלאָר, אַז זיין אוועקגיין איז געווען פאַראורזאַכט פון אַ נישט־האַרמאָנישער לאַגע, וואָס האָט זיך אויסגעוויקלט צווישן דעם רב מיט זיין קהילה. דער שרייבער פון די שורות, האָט נאָך געקענט פערזענלעך אַ שטאָט־בעל־הבית, אַ זקן, וועלכער האָט אַליין געהאַט אַ האַנט אין דער מחלוקת קעגן דעם רב ר' יהושע לייב און אין זיין געצוווּנגענעם פאַרלאָזן מעזריטש. פרידמאַן האָט אויף געוויס געהערט אַ סך וועגן די שטרייטן, וואָס האָבן זיך פאַרפירט אַרום דעם רב, אָבער ער פאַרשווייגט עס אין זיינע פאַרצייכענונגען. בלויז אין געציילטע ווערטער דעקט ער דאָך אויף אַ טייל פון דער סיבה פונעם באַשלוס פון דעם רב צו פאַרלאָזן מעזריטש. ער שרייבט:

„ומפני שזוגתו הרבנית ז"ל היתה אשת חיל ורצתה להנהיג גם היא את הרבנות, ע"כ נתפרדה החבילה בינינו — מחמת דעם, וואָס זיין ווייב, די רביצן, איז געווען אַן אשת חיל און אויך זי האָט געוואָלט פירן דאָס רבנות, איז דעריבער געקומען צו אַ ריס צווישן אונדז".

די זעלבע טענה קעגן ר' יהושע לייבס ווייב — די באַרימטע בריסקער רביצן — הערן מיר אויך פון אַנדערע מקורים. זי איז געווען אַ קענערין אין לערנען און זי האָט אפילו געטראָגן אַ טלית־קטן. זייענדיק אויסערגעוויינלעך קלוג און פאַרמאָגנדיק אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, האָט זי זיך געמישט אין קהלס אָנגעלעגנהייטן און דאָס האָט, אָן שום ספק, געווירקט נישט גינסטיק אויף די באַציאונגען צווישן דער קהילה און זייער רב.

ר' יהושע לייב האָט פאַרנומען דאָס רבנות אין אַ צאָל גרעסערע און קלענערע קהילות, דערונטער לאָמזשע און בריסק. אין ערגעץ האָט ער זיך נישט געקענט לאַנג האַלטן, ביז ער האָט, צום סוף, באַשלאָסן אוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים. דאָרט, האָבן די גדולי־תורה באַלד אים אָנערקענט אַלס דעם גרויסן גאון און תורה־אויטאָריטעט. ער האָט אין ירושלים אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט אויפן געביט פון תורה און ער האָט זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט די יתומים. ער האָט געגרינדעט דאָס גרויסע יתומים־הויז אין ירושלים, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

13. — הגאון... ר' שמחה שמואל.

ער איז געוואָרן רב אָנהויב תרכ"ב און איז נפטר געוואָרן אין מעזריטש מיט פינף יאָר שפּעטער. ר' שמחה שמואל, איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע גאונים אין זיין צייט. זיין ספר אויף רמב"ם „משרת משה" (קעניגסבערג, תרי"ח — 1858), איז אָנערקענט געוואָרן פון לומדים אַלס אַ גרויס תלמודיש ווערק. פרידמאַן, האָט אים, הפנים, גוט געקענט און ער דערציילט וועגן אים: „ער האָט פאַרמאָגט ווייניק ספרים; ער האָט אָבער געהאַט

א פענאָמענאַלן זכרון. ווען ער האָט דורכגעקוקט א ספר, האָט ער געדענקט זיין גאנצן אינהאלט". ער האָט אויך ארויסגעגעבן א חיבור אויף קהלת „שמחת ישרים" (ווארשא, תרכ"ג — 1863), פון וועלכן מיר נעמען ארויס, אז ער האָט געהאט נייגונגען צו חקירה. אין כתב־יד איז אויך פארבליבן זיינער א חיבור מיטן נאָמען „אור ישר" אויף מדרש רבה.

נישט געקוקט אויף זיין גאונות און צדקות (פרידמאַן איז מעיד אויף אים, אז ער איז געווען „א גרויסער עניו"), האָט ער דאָך זיך פארשאפט שאַר־פע קעגנער, וועלכע האָבן אים פארביטערט דאָס לעבן. דער קאמף קעגן אים, איז פאראורזאכט געוואָרן צוליב א גט, וואָס ער האָט מסדר געווען. ר' שמחה שמואל, האָט אין דעם פאל מכשיר געווען א גט מיטן „ענדערן דעם נאָמען אין גט". מיט אים איז מסכים געווען דער לעמבערגער רב, ר' יוסף שאול נאַטאַנ־זאָן. אָבער דער ראב"ד פון מעזריטש, ר' שמואל, האָט דעם גט געפסלט. מיט אים האָבן געהאלטן נאָך לומדים פון שטאָט, דערונטער ר' יעקב שפירא, וועל־כער איז געוואָרן זיין שארפסטער בעל־מחלוקת. עס האָט זיך דערמיט אָנגע־פאַנגען א גרויסער שטרייט. זיינע קעגנער האָבן אוועקגעשיקט א רייע אָנפראגן צו א גרויסער צאָל גאונים, דערונטער צו ר' שמואלס קרוב, דער בארימטער ר' איצעלע פעטערבורגער; צו ר' שלמה קלוגער פון בראָד; צו ר' יעקב עט־לינגער, איינער פון די לעצטע דייטשע גאונים און האמבורגער רב; צום באַ־קאנטן חסידישן רבין און גרויסן גאון ר' חיים צאנזער; צום ווארשעווער רב ר' בעריש מייזילש; צום לובלינער רב ר' העשיל אשכנזי; צו ר' יהושעלע קוטנער; צו ר' יצחק אלחנן פון קאָוונע; צום פריערדיקן מעזריטשער רב, ר' יום טוב ליפמאן פון ביאליסטאָק און צו די בארימטע רבנים און גאונים פון קארלין, וואָלקאָוויסק, גראָדנע, סטאַניסלאַוו, שעדלעץ א. א. זיי אלע האָבן דעם גט געפסלט. עס איז קלאָר געוואָרן, אז דאָ האַנדלט זיך איבער די געשיכטע מיט דעם בארימטן קלעוועער גט, אין וועלכן די הויפט־פיגור איז געווען דער געוועזענער מעזריטשער רב און בן־עיר — ר' אבישל פראנקפורטער.

אין דעם ענטפער, וואָס ר' יצחק דאנציג (ר' איצעלע פעטערבורגער), האָט געשיקט צו זיין קרוב —דעם מעזריטשער ראב"ה, ר' שמואל— וועגן דעם ענין, דריקט ער טאקע אויס זיין זאָרג פאר א נייער קלעוועער־סקאנדאל. ער שרייבט צווישן אנדערעס: „לא אכחד מידידי ש"ב כתר"ה, אשר מאד אתפלא על הרה"ג המתיר אשר ידענוהו כי רב חילו לאורייתא והוא מחריפא דפומפו־דיתא, כאשר ספרו יעיד עליו, איך נכנס בפרצה דחוקה כזה. ולמען כבוד התורה מהראוי להחזיק במעוז השלום... ולא יהיה כמעשה הגט דקליוואַ, וגם הרה"ג המתיר בחכמת תורתו יחזור מהיתרו ולא יעמוד על דבריו. וזה איזה שנים אשר זכיתי לקבל פני הרב הגאון הגדול סוע"ה (סיני ועוקר הרים) הוא הרב המתיר גט זה, ומדי דברי בו השתוממתי על המחזה על רוב חכמתו ועוצם הריפתו, אחד מגאוני זמננו עטרת תפארת ישראל בתורתו ויראתו וחכמתו

ובמקום גדולתו שם תהא ענוותו להרבות שלום בישראל בתוך גדולי חכמי ישראל..."

אין דער יידישער איבערזעצונג, לייענט עס זיך: „איך וועל נישט לייקענען פאר מיין קרוב און זיין כבוד־התורה, דאָס איך וווּנדער זיך אויף דעם רב הגאון, וואָס איז מתיר דעם גט (דער מעזריטשער רב. — מ. ע.). מיר ווייסן זיין גרויסן כוח אין תורה און ער איז פון די שארפזיניקע אין פומפּודיתא (פומפּודיתא איז געווען איינע פון די בארימטסטע ישיבות אין בבל אין דער צייט ווען דער תלמוד איז געשריבן געוואָרן, פריער פאר דעם און אויך א סך יאָרן שפּעטער. — מ. ע.), ווי דער ספר זיינער („משרת משה". — מ. ע.) זאָגט עדות אויף דעם. ווי אזוי האָט ער זיך געקענט אריינלאָזן אין אזא ענגן ברוך (פון דין. — מ. ע.). צוליב דעם כבוד פון דער תורה דארף מען זיך האלטן ביי שלום... און ס'זאָל זיך נישט חלילה איבערהזרן די מעשה מיטן קלעוועער גט. און דער רב הגאון זאָל מיט זיין גרויס תורה זיך צוריקציען פון זיין היתר און ער זאָל זיך נישט איינשפּארן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך געהאט דעם זכות אויפצונעמען דעם גרויסן רב און גאון... און ווען איך האָב מיט אים גערעדט, האָב איך שטארק געשטוינט אויף זיין גרויסער חכמה און געוואלדיקן שארפזין; ער איז איינער פון די גאונים פון אונדזער צייט; די שיינע קרוין פון ישראל מיט זיין תורה, יראה און חכמה. זאָל ער ווייזן זיין עניוות און מערן דעם שלום צווישן די גדולים און חכמי ישראל..."

א צווייטן שארפן בריוו וועגן זעלבן ענין, האָט צוגעשיקט ר' שלמה קלוגער, וועלכער איז געווען שטארק פארערט צוליב זיין גאונות און צידקות, סיי צווישן חסידים און סיי צווישן מתנגדים.

אין זיין בריוו צו ר' שמואלן דעם ראב"ד שרייבט ר' שלמה קלוגער, אז ער האָט דערהאלטן א בריוו פון דעם רב, אין וועלכן ער באַרעכטיקט דעם היתר. ער איז מודיע ר' שמואלן, אז ער האָט נישט בדעה צו ענטפערן דעם רב דירעקט, נאָר ער פארזיכערט אים, אז ער האלט זיך פעסט ביי זיין דעה, אז דער „גט איז פסול און די געגטע פרוי איז אן אשת־איש".

וועגן דעם רב, וועלכער האָט מסכים געווען צום היתר, דריקט ער זיך אויס: „ידוע רוע דרכו והוא מתיר אסורים בגבהות לבו, ועת לחשות — זיין שלעכטער וועג איז גוט באקאַנט און ער איז מתיר דאָס וואָס עס איז אסור מיט זיין שטאָלצן הארץ. עס איז אָבער א צייט ווען מ'דארף שווייגן".

דער בריוו, וואָס איז אויך פארעפנטלעכט צוזאמען מיט דער אויבנדערמאָנטער תשובה אין ספר שו"ת „בית יצחק" (ווארשא, תרנ"ח — 1898) פון ר' יצחק פעטערבורגער (סימן ל', חלק אהע"ז) ברענגט נישט דעם נאָמען פון דעם אָנגעגריפענעם רב. דער מחבר פון „בית יצחק" האָט דעם נאָמען ארויסגעלאָזט צוליב דעם כבוד פון דעם רב, וועלכער איז געווען איינער פון די באַרימטסטע רבנים אין יענעם דור. מיר ווייסן אָבער, אז דער אָנגעגריפענער

רב, איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער אויבנדערמאָנטער לעמבערגער רב, ר׳ ישראל נאַטאַנזאָן. ר׳ שלמה קלוגערס כעס אויף ר׳ שאול נאַטאַנזאָן, האָט זיך גענומען נאָך פון זיין פריערדיקער דיסקוסיע מיט אים וועגן דער כשרות פון מאשין־מצות. ר׳ שלמה קלוגער און נאָך גאונים, איינגעשלאָסן דער באַרימטער גערער רבי, ר׳ איטשע מאיר (באַקאַנט אלס בעל חידושי הרי״ם), האָבן געאסרט מאשין־מצות און ער האָט זיך אקעגנגעשטעלט און זיי מתיר געווען. ר׳ יוסף שאולס שטעלונג דעמאָלט האָט ארויסגערופן גרויס כעס אויף אים און אין דעם בריוו צו ר׳ שמואלן האָט ר׳ שלמה קלוגער געפונען דאָרט אָרט זיך אָפּצורעכענען מיט אים.

פרידמאַן שרייבט אין צוזאמענהאנג דערמיט: „דער שטן האָט געזיגט. מען האָט אים (דעם רב) גערודפט און עס איז געווען אן אומרעכט, ווייל די רייד פון חכמים ווערן גערעדט רואיק. און מ׳האָט מיר דערציילט, אז די אַלע מענטשן וואס האָבן אים גערודפט, זיינען באשראַפט געוואָרן מיט פארשידענע (געטלעכע) שטראָפן און ער אליין איז געשטאָרבן פאר דער צייט, פון כאָלע־ריע. (פרידמאַן גיט צו די ווערטער: לא עלינו ולא היום, אן איבערזעצונג פון יידישן אָפּשפּרעך־וואָרט „נישט פאר אונדז געדאכט און נישט היינט געדאכט״ — מ. ע.). אין דעם לעצטן טאָג פון זיין קראנקייט, ווען ער איז געוואָרן סכנותדיק קראנק, האָט מען געשלאָסן אַלע קלייטן און מיר אַלע האָבן זיך פארזאמלט אין שול, וועלכע איז געווען איבערגעפולט ווי אין יום־כפור און מיר האָבן א גאנצן טאָג געזאָגט תהילים, ביז די אויבערשטע האָבן גובר גע־ווען און זיין נשמה איז ארויף אין הימל אריין״.

אזוי האָט זיך פארענדיקט א טראַגיש בלעטל אין דער געשיכטע פון א רבנות־מחלוקת צוליב א גט, וועלכעס האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין שטאָט.

14. — הגאון... ר׳ ישראל איסר שאַפּיראָ ז״ל.

פרידמאַן שרייבט וועגן אים אזוי: „ער איז געווען רב ביי אונדז 26 יאָר, פון תרכ״ח (1868) ביז תרנ״ד (1894). ער פלעגט לערנען מיט בחורים א שיעור אין גמרא און פוסקים. אויך מיט מיר האָט ער געלערנט חושן־משפט און מיר פלעגן לערנען יעדן שבת פון נאָך דער פרימאָרגן־סעודה ביז מנחה, אפילו אין זומער־שבתים, ווען אַלע שלאָפן. צומערשט איז די שטאָט נישט געווען צופרידן מיט אים, ווייל צוליב זיין גרויס התמדה און לערנען טאָג און נאכט, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן ווי ס׳דאַרף צו זיין מיט די שטאָט־ענינים. נאָכדעם האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט שטאָטישע ענינים, און ער האָט מיר אמאָל געזאָגט, איך זאָל אים אויפמערקזאם מאכן אויף זיינע חסרונות. ער פלעגט מדקדק זיין אויף יעדע מצוה; און ווען עס איז נפטר געוואָרן דער יונגערמאַן, גרויסער למדן און ירא־שמים — ר׳ העשיל מאַרשאַל־

קאָוויטש, האָט ער זיך שטארק צעוואַרעמט אין דעם הספד און זיך שטארק איבערגענומען מיט זיין טויט. ער איז פון דעם קראנק געוואָרן און אָפּקרענקנדיק עטלעכע יאָר, איז ער נפטר געוואָרן".

פרידמאן דערציילט אויך, אז ער איז געווען א גרויסער בעל־צדקה. איינמאָל איז געקומען צו אים אן אָרעמאן פון א מיוחסדיקער משפחה און געבעטן ביי אים געלט אויף וויין (מן־הסתם אויף ארבע כוסות. — מ. ע.). נישט האָבנדיק ביי זיך קיין געלט, האָט ער אים אוועקגעגעבן א ספר, וואָס איז ווערט געווען דריי רובל.

ר' ישראל איסר האָט מחבר געווען דאָס ספר „שו"ת עזרת ישראל" (ווארשא, תרמ"ז), וואָס ווערט שטארק באַנוצט פון רבנים צוליב זיינע פּסקים. די גרעסטע רבנים האָבן אים שטארק מכבד געווען. דער קוטנער רב, ר' יהושע, פלעגט זיך מיט אים אָפט דורכשרייבן און בעטן ביי אים, ער זאָל ארויסזאָגן זיין מיינונג אין שווערע שאלות, וועלכע זיינען אים צוגעשיקט געוואָרן. אויך דער גרויסער גאון ר' יעקב אָרינשטיין *) פלעגט זיך מיט אים באַראַטן אין שווערע הלכה־ענינים.

ווען ס'איז אנטשטאַנען די חובבי־ציון־באַוועגונג, האָט ער זיך אין איר אָנגעשלאָסן און האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער גרינדונג פון דער מעזריטשער חברה „יסוד המעלה", וועלכע האָט געגרינדעט די קאָלאָניע אין ארץ־ישראל אונטערן זעלבן נאָמען. ער האָט זיך אויך געשטעלט אין דער ריי פון די רבנים און חסידישע רביים, וועלכע האָבן געאַסרט צו מאכן א ברכה איבער קאָרפוער אתרוגים און אגיטירט פאר קויפן ארץ־ישראל־אתרוגים. געוויסע חסידים און קנאים אין מעזריטש זיינען געווען אומצופרידן מיט ר' ישראל־איסרס קאָאָפּעראַציע מיט די חובבי־ציון; זיי האָבן אָבער נישט געוואַגט זיך קעגנצושטעלן קעגן אים. זיין אויטאָריטעט אין שטאָט איז געווען זייער גרויס און דער אַלגעמיינער דרך־ארץ פאר אים, האָט ביי די קנאים און אנטי־חובבי־ציון אָפּגענומען דעם מוט צו קעמפן קעגן אים; זיי האָבן בלויז געקענט טראָגן זייער פאַרדרוס אין זייערע הערצער. זיין נאָמען איז אויך אין די שפּעטערע יאָרן דערמאָנט געוואָרן מיט גרויסן יראת־הכבוד.

15. — הגאון ר' נחמן דוב שפּיראָ.

צומערשט איז ר' נחמן שפּיראָ געווען רב אין דעם שכנותדיקן שטעטל קאָנסטאַנטין. נאָך זיין פאָטערס פּטירה איז ער געוואָרן זיין ממלא־מקום אין מעזריטש. אין די ערשטע יאָרן פון זיין רבנות האָבן נישט אַלע מנהיגים און

*) ווען די צארישע רעגירונג האָט ארויסגעשיקט די אויסלענדישע יידן פון רוסלאַנד, איז ר' יעקב אָרינשטיין געווען געצוווּנגען צו פארלאָזן בריסק. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין גאַליציע, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט און איז געוואָרן רב אין לעמבערג און פארנומען די כסא־רבנות, אויף וועלכער עס זיינען געזעסן זיין זיידע און זיין פעטער.

אָנגעזעענע יידן פון שטאָט, געוואָלט אים אָנערקענען אלס רב און האָבן אים אָנערקענט בלויז פאר ראב"ד. אָבער, מיט דער צייט האָבן אים אלע אָנערקענט אלס רב. אין זיין פאָטערס ספר „עזרת ישראל", ווערט ער פיל מאָל דערמאָנט. ער איז געווען א גרויסער בקי און איינער פון די אָנערקענטסטע פוסקים. פון דער גאנצער געגנט האָט מען אים אָפט איינגעלאַדן צו שווערע דיני־תורות. ווען אין מעזריטש איז געווען א קיבוץ פון ישיבה־לייט, האָט דער רב געזאָגט פאר זיי א שיעור איינמאָל אין וואָך.

אין זיין צייט, האָט מעזריטש דורכגעמאכט שטורמישע יאָרן פון פּאָלי־טישע און סאָציאַלע, ווי אויך קולטורעלע צעטרייסלונגען. פון דער נאטור א שטילער מענטש און א מתמיד, האָט ער זיך נישט געמישט אין די פארשידענע פּארטיי־קאמפן. ער האָט זיך נישט געשטעלט אין דעם אנטי־ציוניסטישן לאַ־גער, ווען דער ציוניזם איז באקעמפט געוואָרן פון דער אָרטאָדאָקסיע און א טייל גרויסע רבנים, און זיך נישט געלאָזט באאיינפלוסן פון די שטאָטישע קנאים. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באוועגונג צו רעפאָרמירן דעם רעלי־גיעזן חינוך און אויך איינפירן לימודי־חול, האָט ער זיך נישט קעגנגעשטעלט קעגן דעם. דער „בונד" האָט אפילו, אין זיינע האָניק־יאָרן, יאָ געפּרוּווט זיך משעפּען צו אים און באשולדיקט אין שטעלן זיך אויפן צד פון די פאבריקאַנטן. אָבער, דאָס איז געווען נישט מער ווי רעטאָריק. עס האָט זיך צוגע־פּאסט צו יענער צייט אזא שטעלונג, בכדי דערמיט נאָכצוטאנצן די נישט־יידישע סאָציאַליסטן, אין זייער אונטערגענומענעם קאמף קעגן דעם קלער אין אלגעמיין. אזוי איז דעמאָלט געווען די מאָדע. עס איז דעם רב אויך אויסגע־קומען צו האָבן די שווערע אויפגאבע פון פירן די קהילה אין די קריטישע יאָרן פון דער רוסיש־יאפּאנישער־מלחמה און אויך דערנאָך, אינעם רעוואָלו־ציאָנערן פּעריאָד פון דער מרידה פון 1905; א צייט, וועלכע איז געווען רייך אין שטרייקן און לאָקאַוטס, וואָס האָבן זיך אויך געלאָזט פילן אין א גרויסער מאָס אין אונדזער שטאָט. זיין רבנות האָט זיך פארצויגן ביז אריבער דער ערשטער וועלט־מלחמה און דערגרייכט ביז א צענדליק יאָרן אונטער דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקער הערשאפט.

נאָך זיין פּטירה, אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן פון דעם י. ה., איז נאָך א גאנץ העפטיקן קאמף, אויפגענומען געוואָרן אלס רב:

16. — הרב... ראשקע...

די חשובי העיר, די שיינע בעלי־בתים און לומדים, האָבן געהאט פאר זיך אין זכרון די פארגאנגענע דורות רבנים און זיי האָבן ביים איצטיקן מאָל אויך געזוכט פאר זייער שטאָט א רב וועלכער זאָל ווייטער פלעכטן די קייט פון די רבנישע פּערזענלעכקייטן פון מעזריטש מדור־דורות. יאָרן־לאנג האָבן זיי דעם נייעם רב, וואָס זיי האָבן אויפגענומען, נישט גערן געוואָלט צוטיילן דעם גע־

העריקן כבוד, וואָס עס קומט א מרא־דאתרא. אָבער די שוידערלעכע פארלענ־דונג פון אונדזער קהילה און דער טראַגישער טויט פון לעצטן מעזריטשער רב (די נאַציס האָבן אים ארומגעשלעפּט איבער די גאסן פון שטאָט, א צוגעבונ־דענעם צו א פערד), האָט אָפּגעווישט די מחיצה צווישן אים און אלע שיכטן פון דער קהילה און צוזאמען מיט אים איז געוואָרן פארזיגלט די גלאָררייכע געשיכטע פון דער „עיר ואם בישראל", וואָס האָט זיך געדופן מעזריטש.

געוויס, איז די רבנים־ליסטע, וואָס מיר האָבן אָנגעגעבן, נישט קיין פולע. עס פעלן נאָך די נעמען פון א סך רבנים, וואָס זיינען געזעסן אויפן מעזריטשער כסא־הרבנות. אויף אייניקע האָבן מיר שוין פריער אָנגעוויזן אינעם קאפּיטל „בראשית פון מעזריטש". אויך ר' מאָטל פרידמאן, וועלכער האָט זיך א סך אָפּגעגעבן מיט דעם ענין האָט אליין אונטערגעשטראָכן דעם פאקט, אז זיין רשימה פון די רבנים איז נישט קיין קאָמפּלעטע און ער האָט גלייכצייטיק אָנגעגעבן אייניקע נעמען פון ווארשיינלעכע מעזריטשער רבנים.

אזוי, למשל, ווייזט ער אָן אויף ר' נתן נטע קאצענעלבויגן (מיר וועלן זיך אויך באַציען וועגן אים אין אונדזער ווייטערדיקן קאפּיטל „אויסצוגן פון חברה־קדישא־פּנקס"), וועלכער איז געווען דער נשיא פון דעם „כולל" אין ירושלים און ער איז דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר תמ"ט (1689). ר' מאָטל מיינט, אז דער ר' נתן איז געווען רב אין אונדזער מעזריטש. זיין ראיה נעמט ער פון דעם, וואָס זיין זון, ר' דוד, איז געווען רב אין קאָצק, וועלכע געפינט זיך אין שכנות פון אונדזער מעזריטש.

ר' מאָטלס סברא לייגט זיך אויפן שכל. כאָטש קיין בפירושער באווייז איז עס נישט. אָבער די ראיה צוזאמען מיט די ווייטער־געברענגטע פאקטן קע־נען אָבער, אָן שום ספק, דינען פאר א באווייז אז ר' נתן נטע איז טאקע גע־ווען מעזריטשער רב. אזוי ווייסן מיר אז זיין זיידע, ר' מאיר וואל (זון פון דעם לעגענדארן יידישן קעניג, וועלכער האָט געקיניגט אין פוילן במשך פון איין טאָג — ר' שאול וואל), איז געווען רב אין בריסק, וועלכע ליגט אין שכנות מיט מעזריטש. נאָכמער, א צאָל משפחות אין מעזריטש, האָבן געצויגן זייער יחוס פון אָט דעם רב ר' נתן נטע, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער שטאם־פאָטער פון די דאָזיקע משפחות. אָט די אלע ראיות צוזאמען קענען, אָן ספק, דינען פאר א באווייז, אז ר' נתן נטע קאצענעלבויגן איז געווען רב אין אונדזער מעזריטש, דהיינו, מעזריטש דליטא אָדער מעזריטש אין פּאָדליאשע.

אויף נאָך איינעם א רב, וואָס מ'קען צוגעבן צו דער רשימה, ווייזט אָן ר' מאָטל פרידמאן: אויף דעם רב ר' יהודה אידיל. וועגן אים נעמען מיר דאטן פון זיין אייניקל ר' יהודה לייב, אב"ד דק"ק זאגר, זון פון דעם באקאנטן גאון ר' שמחה טיקטינער. דער אויבנדערמאָנטער ר' יהודה לייב שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר „שלמי שמחה" (ווילנא, תקס"ו — 1806): „... יהודה

ליב בהגאון... ר׳ שמחה ז״ל... ובכן אני בן רבקה בת המאו״הג (המאור הגדול) מ׳ יהודה אידיל שהיה אב״ד בקאָצק, בייאלי ומעזריטש ממשפחת הקרחים״.

פרידמאַן ווייזט אָן מיט רעכט, אויפן פאַקט, וואָס די אַלע שטעט ליגן אין שכנות פון אונדזער מעזריטש; דעריבער איז קלאָר, אז די דערמאָנטע מעזריטש, איז מעזריטש דליטא.

ער ווייזט אויך אָן, אז דאָ קען נישט זיין קיין רייד, אז דער יהודה אי־דיל זאָל זיין אויטענטיש מיט דעם פריער־דערמאָנטן מעזריטשער רב, ר׳ יהודה לייב, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקט״ו (1755); וואָרום, יהודה לייב ווערט, בדרך־כלל גערופן איינער, וועלכער הייסט בלויז יהודה, אָבער נישט יהודה אידיל. אחוץ דעם איז אָט דער יהודה אידיל געווען אַ לוי; ווייל דאָס איז די באַדייטונג פון וואָרט קרחים. דאקעגן, וועגן דעם מעזרי־טשער רב, ר׳ יהודה לייב, ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט, אז ער איז גע־ווען אַ לוי. אויך וואָלט זיין אייניקל געווען דערמאָנט דעם זיידנס נאָמען אלס יהודה לייב און נישט יהודה אידיל. מיר האָבן, אלזאָ, דאָ צו טאָן מיט אַ צווייטן רב. פרידמאַן דרינגט פון דעם, אז ער איז געווען מעזריטשער רב צווישן ר׳ צבי הירש דער צווייטער און זיין זון, ר׳ אבוש פראַנקפורטער — צווישן די יאָרן תצ״ה (1735) און ת״ק (1740), בערך. דאָס איז גראָד מעגלעך; וואָ־רום, עס מיינט אז דער ר׳ יהודה אידיל איז געווען רב אין מעזריטש ארום 60 יאָר איידער עס איז ארויס פון דרוק דער „שלמי שמחה״, פון זיין אייניקל ר׳ יהודה לייב. אז ער האָט געהאַט אַ שייכות מיט מעזריטש, איז אויך קלאָר פון דעם חברה־קדישא־פּנקס, ווו עס ווערט פארצייכנט דער טויט פון זיין פרוי חיה, וואָס איז געשען אין תקכ״ג (1763). אָט די דאָזיקע דאטע ברענגט אונדז צו דער השערה, אז ער האָט פארנומען דאָס רבנות צווישן ר׳ יהודה לייבן תקט״ז (1756) און ר׳ אבושעס זון, ר׳ עוזר, וועלכער איז געוואָרן רב אין מעזריטש אין יאָר תקכ״ד (1764).

נאָך איינער אַ מעגלעכער רב אין מעזריטש, איז געווען ר׳ יוסף לאַנדאָ, פּלימעניק פון דעם פּראַגער רב, ר׳ יחזקאל לאַנדאָ. אָט דער רב, האָט געגעבן אַ הסכמה אויפן „הר הכרמל״ און דאָרט ווערט ער דערמאָנט אלס מעזריטשער רב. ר׳ מאָטל מיינט, אז דאָס איז נישט אונדזער מעזריטש־דליטא; וואָרום, פון זיינע הסכמות אויף אנדערע ספרים, ווערט ער דערמאָנט אלס רב אין פראַנק־פורט ביי דער אָדרע און, היות, ווי פראַנקפורט ליגט נישט ווייט פון גרויס־מעזריטש ביי פּויזן, וויל ער דרינגען, אז ער איז געווען רב אין גרויס־מעז־ריטש. ער ברענגט נאָך אַ באַווייז פאַר דעם: די הסכמה איז געגעבן געוואָרן אויפן „הר הכרמל״ אין תקמ״ב (1782) און צו יענער צייט איז געווען רב אין מעזריטש ר׳ אברהם בר׳ יהודה לייב און עס קען דאָך נישט זיין, אז עס זיינען געווען צוויי רבנים גלייכצייטיק אין שטאָט. ר׳ מאָטל גיט צו, אז ער האָט

דעם ספר „הר הכרמל" נישט געזען. מיר האָבן אָבער דעם ספר יאָ געליינט און דאָרט ווערט בפירוש געזאָגט, אז די הסכמה איז געגעבן געוואָרן פון דעם רב פון „מעזריטש־דליטא". זאָל דער מחבר פון דעם ספר האָבן געמאכט אזא טעות, אומצובייטן גרויס־מעזריטש אויף אונדזער מעזריטש? שווער צו גלויבן.

ר' מאָטל ווייזט אָן אויף נאָך א מעגלעכן מעזריטשער רב — ר' יהושע הלוי. ער ווערט דערמאָנט אלס רב אין דראמיל, טשעכאנאָוויצי, סעמיאטיטש און מעזריטש. היות די פריער־אויסגערעכנטע שטעט ליגן אין שכנות פון מעזריטש־דליטא, איז אָנצונעמען, אז דאָ רעדט זיך וועגן אונדזער מעזריטש. עס איז אָבער אינטערעסאנט, אז אין אנדערע מקורים, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם רב, וועלכער איז געווען נאמן פון ועד ארבע ארצות, ווערט נישט דערמאָנט מעזריטש צווישן די שטעלעס, וואָס ער האָט פארנומען. מיינען מיר דעריבער, אז דער ר' יהושע הלוי איז ווארשיינלעך נישט געווען רב אין אונדזער מעזריטש.

מעזריטשער דיינים

אויך אין דעם פאַל — פון געבן די רשימה פון די דיינים פון אונדזער שטאָט, באַנוצן מיר זיך מיט ר׳ מאָטל פרידמאַנס העתקות, וואָס ער האָט געמאַכט פון די פּנקסים, אין די דאַטן וואָס מיר נעמען אַרויס פון זיין חיבור „בר אבהן״.

אין זיין איינלייטונג צו דער אָפּטיילונג שרייבט פרידמאַן:

„איך פאַרצייכן די דיינים פון אונדזער שטאָט, וואָס איך האָב געפונען אין די פּנקסים און ערגעץ אַנדערש.

„אויפן סמך פון די פּנקסים, שיינט, אַז על־פּי־רוב, זיינען געווען פינף דיינים אחוץ דעם רב. דריי פון זיי, זיינען געווען דיינים קבועים, ד. ה. געוויילטע, באַרופענע, וואָס זיינען תמיד געזעסן אין בית־דין צו משפּטן און ענטפערן אַלעמען וואָס זיינען געקומען צו זיי. צייטנווייז, פלעגן זיי משפּטן און זיך חתמענען אויך אָן דעם רב. די אַנדערע צוויי דיינים, זיינען נישט געווען קיין געוויילטע. צוזאַמען הייסט עס זיינען געווען פינף דיינים, און דערפאַר געפינען מיר פיל מאָל די חתימות פון אַלע פינף דיינים, וואָס פאָלגן נאָך דעם רבס חתימה. פיל מאָל, איז איינער פון די דיינים געווען אויך דער סופר, ד. ה. דער יעניקער, וואָס האָט איינגעשריבן אין פּנקס אַריין די פּסקים א. א. וו. אַזאַ דיין, איז גערופן געוואָרן „ספרא ודיינא״. ער איז געווען דער גרעסטער צווישן די דיינים. געווען אויך, צייטנווייז, ווען איינער פון די דיינים האָט אויך געהאַט דעם אמט פון „נאמן״ איבער די ענינים פון קהל. („נאמן״, ווי מיר האָבן שוין קלאָר געמאַכט, איז געווען דער טיטול וואָס איז געגעבן געוואָרן צום קאַסירער פון די קהילה־שטייערן. — מ. ע.)״.

1 — הרב לייבוש בר״ש דיין ז״ל. אַזוי איז פאַרשריבן אין דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא אויפן ערשטן עמוד, אָן א דאַטע. (די ראשי־תיבות דערמאָנען שטאַרק אין ר׳ שמואל דער ראב״ד, וועלכער ווערט דערמאָנט אין דעם ספר שו״ת „פּנים מאירות״ פון ר׳ מאיר אייזנשטאַט, חלק א׳, סימן נ״א. אויך ר׳ מאָטל האָט עס באַמערקט. — מ. ע.).

2 — הרב... ר׳ אריה לייב ז״ל ד״ק (דיין קבוע) בר׳ מנחם מאניס ז״ל.

ומ״כ (ומנוחתו כבוד, וואָס מיינט, ער איז נפטר געוואָרן. — מ. ע.) סיון, תפ״ט (1729).

3 — הרב... ר׳ דוד ז״ל (ד״ק) בר׳ יונה ז״ל; ומ״כ י״ד סיון תצ״ט (1739).

4 — הרב... ר׳ נתן ז״ל (ד״ק) בר׳ יואל, ומ״כ כ״ו אדר תק״ד (1744).

5 — הרב... ר׳ יואל ז״ל (ד״ק) בר׳ אברהם ז״ל, ומ״כ בכסלו תק״ה (1745).

6 — הרב... ר׳ יוסף יעסיל ז״ל (ד״ק); ומ״כ באדר תק״י (1750).

7 — הרב... ר׳ משה ז״ל (ד״ק ונאמן) בר׳ צבי הירש ז״ל; זיין חתימה געפינט זיך אין פּנקס פון יום ב׳ מנחם אב תק״י (1750). ומ״כ כ״ה תשרי תקי״ג (1753).

8 — הרב... ר׳ אריה לייב ז״ל (ד״ק) בר׳ יהודה שמש ז״ל; זיינע חתימות זיינען אויך דאטירט יום ב׳, מנחם אב תקי״ג (1753) און ביז תקט״ז (1756). ומ״כ כ״ז תמוז תקי״ז (1757).

9 — הרב... ר׳ יהודה ליב ז״ל; אויך זיין אונטערשריפט געפינט זיך אין דער אויבנדערמאָטנער דאטע, צום ערשטן מאָל, אויף אַ שעבוד (היפּאָטעק) פון דעם הרב ר׳ יעקב סו״ד (ספרא ודיינא) בר׳ אשר ז״ל. נאָך אים קומען די אונטערשריפטן פון די אויבנדערמאָנטע דיינים, ר׳ אריה ליב און ר׳ משה.

פרידמאַן באמערקט: „פון דעם סטיל דאָרט, איז צו זען אז ער איז נישט געווען דער רב, נאָר דער עלטסטער פון די דיינים; און ס׳איז מעגלעך, אז אין יענער צייט איז אין מעזריטש נישט געווען קיין רב״.

ווייסן מיר נישט פארוואָס פרידמאַן מיינט, אז דעמאָלט איז מעזריטש געווען אָן א רב. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אז ר׳ אבוש איז געווען רב אין מעזריטש ביז נאָך תקי״ד; וואָרום, קיין ליסאַ איז ער אָנגעקומען ערשט חנוכה תקי״ד (1754).

10 — הרב... ר׳ ישעיה ז״ל בר׳ שמואל דיין ז״ל; מ״כ ביום ו׳ אייר תקט״ו (1755); פון דאנען איז נישטאָ קיין גענויע באשטימונג ווער ס׳איז געווען דיין. מעגלעך, אז ביידע.

11 — הרב... ר׳ זוסמאַן דיין ז״ל.

12 — הרב... זאב וואָלף כהנא מרגלית ז״ל פון סלוצק (ד״ק). פרידמאַן האָט געטראָפן זיינע חתימות פון תקי״ג (1753) ביז תקכ״ג (1763). ומ״כ ט״ו אייר תקכ״ג.

13 — הרב... ר׳ שמחה ז״ל (ראש הדיינים) בר׳ שמשון ז״ל. פרידמאַן האָט געפונען זיינע חתימות פון יאָר תקי״ג ביז תקכ״ה (1765). ומ״כ ביום ד׳ אדר ב׳, תקל״א (1771).

14 — הרב... ר׳ יעקב ז״ל (סו״ד) בר׳ אשר ז״ל. כ׳האָב געפונען זיי־נע חתימות פון יאָר תקי״ג (1753) ביז תק״מ (1780). (דאָס איז דער זעלבער ר׳ יעקב, קעגן וועמען ס׳איז געווען א היפּאָטעק. — מ. ע.).

15 — הרב... ר׳ צבי הירש ז״ל בר׳ יעקב ז״ל. זיינע חתימות פון תקט״ז (1756) ביז תקמ״ה (1785).

16 — הרב... ר׳ צבי הירש ז״ל במוהר״ב זלה״ה. זיינע חתימות פון תקי״ח (1758) זיינען טיילמאָל די ערשטע אין דער רשימה און טיילמאָל אין מיטן.

17 — הרב... ר׳ שמחה ז״ל בר׳ אהרן אייזיק ז״ל. זיינע חתימות זיינען פון תק״כ (1760) ביז תקכ״ד (1764).

18 — הרב... ר׳ אריה יהודה יונה הלוי ז״ל (ד״ק) בר׳ שמואל הלוי ז״ל. זיין אונטערשריפט געפינט זיך פון תקכ״ו (1766) ביז תקל״ו (1776). פיל מאָל באמערקט זיך נאָך זיין נאָמען נאָך א וואָרט, וואָס איז אָפּגעשפרונ־גען און פרידמאַן האָט עס נישט געקענט דעציפרירן און ס׳הויבט זיך אָן מיט אן א׳. ווארשיינלעך איז דאָס וואָרט דער נאָמען פון דער שטאָט פון וואנען ער איז געקומען.

19 — הרב...ר׳ יוסף ז״ל בר׳ אריה ליב ז״ל. זיינע חתימות געפינען זיך עטלעכע מאָל, פון תקכ״ו (1766) ביז תק״מ (1780).

20 — הרב... ר׳ יוסף ז״ל בר׳ צבי הירש ז״ל. זיינע חתימות געפינען זיך פון תקכ״ו (1766) ביז תקמ״ט (1789).

21 — הרב... ר׳ יצחק ז״ל בר׳ יהודה יודל ז״ל. זיינע חתימות געפי־נען זיך אין מיטן פון די דיינימס חתימות אין יאָר תקכ״ח (1768).

22 — הרב... ר׳ יהודה ז״ל בר׳ אייזיק ז״ל. זיינע חתימות זיינען פון תקכ״ט (1769) ביז תקל״ג (1773).

23 — הרב... ר׳ יעקב ז״ל בר׳ יהודה ליב ז״ל. זיינע חתימות זיינען פ ן תקל״א (1771) ביז תקע״א (1811).

24 — הרב... ר׳ אליעזר זעירא ז״ל בר׳ יצחק ז״ל. זיינע חתימות גע־פינען זיך צווישן די חתימות פון די דיינים אין יאָר תקל״ד (1714).

25 — הרב... ר׳ יצחק אייזיק ז״ל בר׳ יצחק ז״ל. זיינע חתימות זיי־נען פון יאָר תקל״ו (1776) ביז תקמ״ז (1787).

26 — הרב... ר׳ מאיר ז״ל בר׳ זאב וואָלף ז״ל. זיינע חתימות זיינען פון תקל״ו (1776) ביז תקס״ז (1807).

27 — הרב... ר׳ נחמיה ז״ל בר׳ שלום ז״ל. זיינע חתימות געפינען זיך אינדערמיט פון אנדערע דיינים אין דעם יאָר תקמ״ג (1783).

28 — **הרב.. .ר' אלי' ז"ל בר' ליב ז"ל.** זיינע חתימות געפינען זיך פון יאָר תקמ"ז (1787) ביז כ"ו טבת תקע"ז (1817). אין זעלבן טאָג איז ער נפטר געוואָרן.

29 — **הרב... ר' צבי יצחק ז"ל בר' יעקב ז"ל.** ער איז געחתמעט צווישן אנדערע דיינים אין יאָר תקנ"ג (1793).

30 — **הרב... ר' משה ז"ל טשעמערניקער בר' יהודה ז"ל.** זיינע חתי־מות געפינען זיך פון תקס"ח (1808) ביז תקע"ו (1816). ומ"כ חול המועד פסח תק"ץ (1830).

31 — **הרב... ר' יעקב ישראל ז"ל בר' יהודה לייב ז"ל;** זיינע חתימות זיינען פון תק"ע (1810) ביז תקפ"א (1821).

32 — **הרב החסיד החו"ב** (החריף והבקי)... **ר' יעקב דוד בידערמאַן ז"ל בר' ישראל איסר ז"ל.** זיינע חתימות געפינען זיך פון יאָר תקצ"ב ביז תקצ"ה (1835). נאָך דעם יאָר איז ער געוואָרן רב אין קאָזשניץ און אין ווישעגראָד. ומ"כ אין ווארשא תרכ"ג (1863). ער איז באקאנט מיט זיין חיבור „הגהות מהרי"ד" אויף תורת כהנים, מיט דעם פירוש פון הר"ש משאנץ ז"ל.

ר' יעקב דוד, איז געווען איינער פון די גדולי־החסידים פון לענטשנער רבין, ר' שלמה לייב. נאָך זיין פטירה, איז ער געוואָרן א תלמיד פון ר' מענדל קאָצקער און נאָכדעם איז ער געוואָרן א חסיד פון דעם ערשטן גערער רבין, ר' איטשע מאיר, באקאנט אויפן נאָמען פון זיין ספר — „חידושי הרי"ם". (זע אויך וועגן אים און זיין פאָטער אין קאפיטל „מתנגדים און חסידים אין מעזריטש").

דער טעקסט פון זיין מצבה לייענט זיך אזוי:

פ"נ

כבוד הרב הגאון הצדיק המפורסם בתורה ובחסידות
צנא מלט ספרא נ"י פ"ה שלשלת היוחסין כקש"ת מו"ה
יעקב דוד זצללה"ה שהיה אבד"ק קאזניץ ובסוף ימיו היה אב"ד
ק"ק ווישעגראָד בן הרב הגדול צדיק וחסיד מו"ה
ישראל איסר זצ"ל ממעזריטש דליטא. נח נפשי' דרב
בן חמשים וחמש שנים פה ק"ק ווארשא. ביום ד'
עשרים לחודש מ' אב שנת תרכ"ג זי"ע תנצב"ה.

עס איז העכסט ווארשיינלעך, אז ר' יעקב דוד איז א געבוירענער אין מעזריטש.

33 — **הרב הצדיק חו"ב... ר' מנחם מאניש הלוי זילבערמינץ ז"ל.** זיינע חתימות זיינען פון תקצ"ב (1832) און תקצ"ג (1833). ומ"כ כ"ב אלול תקצ"ג. אין כפר „אבל יחיד" (ווארשא, תקצ"ד — 1834) פון דעם בארימטן

מגיד ר׳ דוב בעריש פלאָהם (זע ווייטער וועגן אים), איז אָפּגעדרוקט א הספד אויף אים. ער רופט אים אָן אין זיינע ספרים „מורי", ד. ה. מיין רבי. אין אויבנדערמאָנטן ספר, וואָס איז געווידמעט דעם באַרימטן ליסער רב ר׳ יעקב און די אומגעקומענע מעזריטשער יידן אין דער כאָלערע, ווי אויך דעם מעזריטשער רב ר׳ נחמן, שרייבט ער:

„ומדי דברי בזה אכתוב מה שזכרתי במספד אל השמועה כי באה, כי הרב החריף הגדול צדיק ואיש קדוש, כבוד מהו׳ מנחם מאניש במהור"ר אליעזר הלוי מ"צ מקהילתנו נאסף אל עמיו כ"ב אלול, וקראתי יום לבכי באחת מבתי־כנסיות הגדולות פה ווארשא, ועשיתי לו מספד גדול ואבל כבד כראוי לכבוד קדשו — און רעדנדיק וועגן דעם וועל איך דערמאָנען, וואָס איך האָב געזאָגט אין מיין הספד, ווען עס איז דערגאַנגען צו מיר די ידיעה, אז דער גרויסער רב און חריף, צדיק און הייליקער מאן כב׳ מהו׳ מנחם מאניש... דיין פון אונדזער קהילה איז נפטר געוואָרן... האָב איך פּראָקלאַמירט א טאָג פון קלאָג אין איינעם פון די גרויסע שולן אין ווארשע און אים געמאַכט א גרויסן הספד, ווי עס פּאַסט פאַר אזא הייליקן מענטש".

אויך ווייטער זאָגט ער אזוי:

„הרב המפורסם המנוח מהו׳ מנחם מאניש נ"ע, אם אמרתי הגד לבני עמי השוד והשבר אשר מצא אותנו בהעדרו, ולספר קצות דרכיו הגלויות לנו מבלעדי הנסתרות אשר לד׳ אלקינו, כי בכל יכלתו היה בוחר להיות הצנע לכת עם אלקים, טוב לבו יקר נפשו, חכמתו ורוחב בינתו, יראתו ותום דרכו, ונועם מנהגו, אין בפי מלים להגידם, כי מעולם בחר לו הפרישות מעניני עולם־הזה מכל וכל, וכל מגמתו וחפצו הי׳ להשתעשע על שדי התורה כשעשוע יונק על ברכי הוריו, עד אשר כמעט לא הלך ד׳ אמות בלא תורה, והיה מנהגו תמיד לשבת בבהמ"ד מוכתר בטלית ותפלין עד חצי היום, והיה לומד בשקידה נפלאה, והיה מעמיק בכל ענין לאין חקר, והיה אומר בכל פעם חידושים יקרים ונעימים לאוזן שומעיהם אם בגפ"ת ואם במקרא ובמדרש (והיה דואג תמיד על שלא הי׳ יכול להעלות חידושיו הרבים והעצומים על הכתב מפני הטרדות, ואנכי גם כי היו לי חידושיו לששון ולשמחת לבב, נמצאו דבריו ואוכלם והיו בפי כדבש למתוק עכ"ז אנכי לא רשמתי אותם מפני הטרדות ונשכחו ממני, וקצת רשמתי והמה בכתובים ת"י. ד׳ יהי׳ בעזרי להוציאם לאור עולם) ואח"כ בלכתו לביתו היה מאכלו אך עוגה אחת קטנה. על הרוב הי׳ זה מספיק לו לכל היום, כי לחם תורתו הי׳ מחייהו, וכל בנין גופו הי׳ אך עור גיד ועצם...

„הה! שמעתי אסיפתו ותחרד נפשי, ועוד עטי בידי ניוע כנוע עצי יער מפני הרוח מדי דברי באיש קדוש ההוא.

„הוי, קהלת מעזריטש, את היית בבתי העיירות, גברת הקהלות, כי גדלו בקרבך שתילי קודש, בדי חמד, פרחי התורה והעבודה בקרבך פרחו. החכמה

והיראה בתוכך זרחו, כל שושן נחמד, כל גפן פוריה, לך לבד היה למנה — כל קהלות קודש; אך את עלית על כולנה.

„הה! כי פתאום סער מתחולל בא, ויעקד וישרש כל מבחר מטעך, כל ארז אדיר, כל יפה נוף הניח לארץ ביד... כן וכן דמוע תדמע עיני, ומר תבכה נפשי, על מחמד עינינו צבי עינינו. הה! כי במות הצדיק הזה והוסר הצניף הטהור מעל ראשינו, הלא כל מאורי אור קדרו בעדינו, אספו נגהם, כה כעתה נשאר בעיר שמה, פנה הודה פנה הדרה, ועל אלה מאנה הנחם נפשי עד ישקיף וירא ד׳ מן השמים, ויצוה עלינו לאמר, עד פה יבואו מכותיכם, ולא תוסיפו לדאבה עוד, ושוב ישוב לשוש לטוב עלינו, וכימי קדם ישים את העיר הקדושה מעזריטש תהלה בארץ ותהי זאת תנחומותינו״.

אין יידישער איבערזעצונג לייענט זיך עס:

„...ווען איך זאל װעלן אויסדערציילן װעגן דעם גרויסן בראך, וואס האט אונדז געטראפן מיט זיין אוועקגיין, און דערציילן כאטש א טייל פון זיינע װעגן וואס זיינען אונדז באקאנט... זיין גוט הארץ און נאבעלע נשמה, זיין חכמה און ברייטן פארשטאנד, זיין גאטספארכטיקייט און תמימות און זיין אנגענעמען באנעמען זיך, וואלט מיין מויל נישט געהאט קיין גענוג ווערטער; ווייל פון שטענדיק אן האט ער זיך אפגעשיידט פון עולם־הזה־זאכן און זיין גאנצער ווילן און באגער איז געווען בלויז זיין תורה־לערנען... און ער איז כמעט נישט געגאנגען קיין ד׳ אמות אן תורה. פון תמיד־אן האט ער זיך געפירט צו זיצן אין בית־המדרש איינגעהילט אין טלית־און־תפילין ביז האלבן טאג און ער האט עוסק געווען אין תורה מיט געוואלדיקער התמדה און אין יעדן ענין פלעגט ער זיך אויסערגעוויינלעך פארטיפן. פיל מאל פלעגט ער זאגן טייערע חידושים, וואס איז געווען א פארגעניגן צו הערן; אמאל לומדישע און אמאל פשטים אין תנ״ך און מדרש (ער פלעגט אפט אויסדריקן זיין צער, פארוואס ער פארשרייבט נישט זיינע חידושים צוליב זיינע שטענדיקע טרדות. און איך, כאטש זיינע חידושים האבן דערקוויקט און דערפרייט מיין הארץ און פלעג זיינע ווערטער שלינגען און זיי זיינען געווען ווי האניק צו מיין גומען, האב איך זיי נישט פארצייכנט צוליב מיינע טרדות און איך האב זיי פארגעסן. דאס ביסל וואס איך האב יא פארצייכנט, זיינען אין מאנוסקריפט מיט מיר. זאל דער אויבערשטער מיר העלפן זיי ארויסצוגעבן). ווען ער פלעגט ענדלעך אהיימגיין, האט ער בלויז געגעסן א קליין ביסעלע. על־פי־רוב האט ער זיך באגנוגנט מיט דעם אליין, ווייל די תורה איז געווען זיין דערנערונג און ער איז געווען הויט און ביינער.

„ווי! ווען איך האב געהערט, אז ער איז מער נישטא, בין איך דערציטערט געווארן, און די פען אין מיין האנט ציטערט ווי עס ציטערן די ביימער אין וואלד געשמיסן פון א שטורעם־ווינט, ווען כ׳רעד וועגן דעם הייליקן מאן.

„אוי, קהילה פון מעזריטש, דו ביזט געווען גרויס צווישן שטעט, א

הארנטע צווישן קהילות; ווייל אין דיין מיט, זיינען געוואקסן הייליקע פלאנצן, וווּנדערבארע צווייגן; אין דיין מיט האָבן געבליט בלומען פון תורה און עבודה. די געטלעכע חכמה און גאָטפאָרכטיקייט האָבן אין דיין מיט געשיינט — יאָ, אלע קהילות זיינען הייליק, אָבער דו האָסט זיי איבערגעשטיגן.

„ווײ, פּלוצים איז געקומען דער שטורעם־ווינט און ער האָט אויסגע־וואָרצלט דיינע בעסטע פלאנצן, יעדן מעכטיקן טענענבוים, יעדן שיינעם צווייג האָט ער געשליידערט צו דער ערד. (די ווערטער זיינען אודאי אן אָנדייט אויף דער כאָלערע, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין מעזריטש, ווענען דער ספר „אבל יחיד" איז טיילווייז געווידמעט. — מ. ע.).

„ווײ, מיט דעם טויט פון דעם צדיק איז ארונטערגענומען געוואָרן די קרוין פון אונדזער קאָפּ, אלע ליכטער זיינען פארטונקלט געוואָרן און האָבן אויפגע־הערט צו לייכטן. ווייל איצט איז אונדזער שטאָט געוואָרן א מדבר; ס'איז אוועק איר גלאָריע און איר שיינקייט און אויף דעם אלעם וועל איך זיך נישט טרייסטן ביז וואנען גאָט וועט ארונטערקוקן פון הימל און ער וועט באפעלן וועגן אונדז, זאָגנדיק: ביז דאנען זיינען אייערע קלעפּ און ס'וועט אייך מער נישט וויי־טאָן און, ווי אמאָל, וועט ער אונדז ווידער דערפרייען און גוטס־טאָן און אזוי ווי פריער מאכן די הייליקע שטאָט מעזריטש פאר א לויב אין לאנד און דאָס וועט זיין אונדזער טרייסט".

געוויס איז דאָ אין דעם א סך מליצה און איבערגעטריבענער לאָקאל־פּאַ־טריאָטיזם. אָבער, ווען מעזריטש זאָל נישט באזיצן די אלע מעלות פון א שטאָט פון תורה און גדולה —וואָס זי איז באמת געווען— וואָלט ער אזעלכע אויס־דרוקן נישט געווען באנוצט.

34 — **הגאון החסיד החריף... ר' יעקב ציטרינבוים ז"ל בר' אפרים ז"ל.** ער איז געווען באקאנט מיטן נאָמען ר' יאקיל הישעם; זיינע חתימות געפינען זיך פון תר"ז (1847) ביז תרי"ה (1858). ער איז נפטר געוואָרן כ"ג טבת תרי"ח און ליגט נעבן ר' אליעזר חרל"פּ. זיינער א גרויסער און וויכטיקער חיבור אויף חושן ומשפּט, איז געבליבן אין כתב־יד.

35 — **הרב... ר' אליהו ז"ל, דער זון פון מעזריטשער רב ר' נחמן ז"ל.** זיינע חתימות זיינען פאראן ביז זיין פּטירה, ג' אדר תרכ"ח (1868). ער איז געווען דער ראש־הדיינים און א גרויסער פּוסק. יעדן טאָג פלעגט ער לערנען תורה פאר אן עולם מענטשן און ער פלעגט אכטונג געבן, אז מען זאָל דאווענען און זאָגן קריאת־שמע אין צייט אין דעם גרויסן בית־המדרש. יעדן פרייטיק פלעגט ער זיך לאָזן איבער דער שטאָט און זען מ'זאָל שליסן די קלייטן אין צייט. אָבער, ווען מ'האָט אים נאָר דערזען, פלעגט מען אליין שליסן די קלייטן.

36 — **הרב... ר' ברכיה הכהן ז"ל בר' יצחק ז"ל.** פון זיינע חתימות געפינען זיך בלויז עטלעכע. ער איז נפטר געוואָרן אין צווייטן טאָג ראש־השנה

תר"ל (1870). ער האָט מחבר געווען א ספר מיט חידושים אויף דער מסכתא הוריות.

ר' ברכיה כהן, האָט געשטאמט פון איינע פון די געהויבנסטע רבנישע משפחות, וועלכע האָבן פארנומען גרויסע רבנות־שטעלעס — דאָס איז די משפחה בכר"ך (73). לויט „דעת קדושים" (פעטערבורג תרנ"ז־תרנ"ח — 1897/8) פון ישראל אייזענשטאט (ז. 32—40), שטאמט ער פון דעם אומגע־קומענעם אויף קידוש־השם, הרב ר' טוביה. דער יחוס זיינער ציט זיך אזוי: ר' ברכיהס פאָטער האָט געהייסן ר' יצחק און ער האָט געוווינט אין סעמיא־טיטש. ער איז געווען אן איידעם פון ר' נתן נטע אלטשולער און סעמיאטיטש, וועלכער איז געווען אן איידעם ביי ר' יוסף בכר"ך, פון סעמיאַטיטש. ער איז געווען א זון פון גאון און צדיק ר' טוביה חסיד, וועלכער איז געחתמעט אין פנקס טיקטין (דף קל"ד), דאטירט „שנת תס"ה (1705)" און איז נפטר געוואָרן אין טיקטין אין יאָר תצ"א (1731). ר' טוביה איז געווען א זון פון הרב הגאון ראש פון די דיינים אין טיקטין, און ער איז געווען א זון פון דעם איבנדער־מאָנטן קדוש הר' טוביה.

ער האָט איבערגעלאָזן א זון — ר' דוד, וועלכער איז געווען פון די אָנ־געזעענסטע יידן אין שטאָט. ר' יצחק שלמה כהן (מיר האָבן אים שוין דער־מאָנט אלס דער קאָרעספּאָנדענט פון דעם „המגיד") איז געווען דעם לעצטנס א זון. צו דער זעלבער משפּחה זיינען זיך מתיחס ר' אברהם פון סעריי, דעם ווילנער גאונס מחותן, דעם לעצטנס ברודערס זון — הרב הגאון ר' יוסף זיל־בערשטראָם, איז געווען אן איידעם פון דעם באריממטן מעזריטשער חשוב ר' ארוש מינץ, פון וועמען עס איז אנטשטאנען די באקאנטע משפּחה זילבער־שטראָם אין מעזריטש.

37 — **הרב... ר' שמואל ז"ל בר' אהרן ז"ל.** צומערשט איז ער געווען רב אין וואָלטשין, נאָכדעם איז ער געוואָרן מעזריטשער ראב"ד, ד. ה. ראש־בית־דין. ער איז געווען א גרויסער בעל־הוראה און א מקובל (ער האָט געהאַט אלע טאָג א שיעור אין קבלה צוזאמען מיט מיין זיידן הרב ר' יוסף חיים שו"ב פלאָסטערשטיין ז"ל. — מ. ע.). ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט גע־פירט די מחלוקת מיט דעם מעזריטשער רב ר' שמחה שמואל איבער דעם גט, וואָס איז שיעור נישט פארוואנדלט געוואָרן אין א צווייטן קלעווער סקאנדאל. ווי געזאָגט, האָבן אלע גדולים געהאלטן מיט אים און געפסלט דעם גט. ר' שמואל איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער אין י"ט כסליו, תר"ס (1900). זיינע חידושים אויף דער הגדה־של־פסח, זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „חידושי מהר"ש".

38 — **הגאון ר' משה קאצינעלענבויגן ז"ל.** (ר' משה דער דיין); ער האָט מחבר געווען א פירוש אויפן רמב"ן א. נ. „אהל משה" (וואַרשא תרל"ח — 1878) און א ספר שאלות־ותשובות „אהל משה" (וואַרשא, תרמ"ט — 1889).

אין דעם ספר איז אויך אָפּגעדרוקט א גרעסערער קונטרס (העפט) „פּותח דברים" אויף הלכות תפילין פון ר' מאָטל פרידמאַן. ר' משה איז נפטר געוואָרן א' סו־כות תרס"ט (1909). אין זיין הקדמה דערציילט ער פון זיינע פיינען און יסורים, וואָס ער האָט דורכגעלעבט און זיין עגמת־נפש, ווען אלע זיינע כתבים זיינען פארברענט געוואָרן אין יאָר תרל"ג (1873). ער האָט ווידער גענומען אויפ־שרייבן זיינע חידושים און „אויפשטעלן א געצעלט (אהל משה) אויף שאלות־ותשובות", און מחמת דחקות אין פרנסה —שרייבט ער— האָט ער אָפּגעדרוקט בלויז א טייל פון זיינע כתבים. זיין ספר שאלות־ותשובות, האָט די הסכמות פון אזעלכע גדולי־הדור ווי דער מעזרימטשער רב ר' ישראל־איסר שאפּיראָ, ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר — רב אין קאָוונע, ר' יוסף בער — רב אין בריסק א. א. אלע רימען דעם ספר און דעם מחבר.

איינער פון זיינע זין, ר' חיים מרדכי, איז געווען א גרויסער למדן און פון די אינגעזעענסטע בעלי־בתים אין ווארשע. ער איז אויך געווען פּרנס פון דער ווארשעווער קהילה.

39 — **ר' מאיר לעוו ז"ל.** ר' מאיר איז געווען אן איידעם פון ר' יעקב שפּיראָ. ער איז געווען באקאנט אלס גרויסער מומחה אין הוראה און פלעגט זיך נעמט דרוקן אין כמעט אלע תורה־זשורנאלן, וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען, דארטנטער אין די ארץ־ישראלדיקע. ער איז געווען פּאָפּולער ביי די פּשוטע יידן, פאר וועמען ער פלעגט לערנען די סדרה פון דער וואָך און עין־יעקב און דאָס אויסגעטייטשט פאר זיי על־פּי דרוש און מיט משלים.

40 — **ר' יוסף דוב ראָזקי הי"ד;** ער איז געווען ר' משה דיינס איידעם, און געהאט א נאָמען פאר א גרויסן למדן. ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, ווען ער האָט זיך אליין איבערגעגעבן אין די הענט פון די נאצים, וועלנ־דיק דערמיט מציל־זיין זיין קהילה, און זיי האָבן אים גלייך דערשאָסן.

די אויסגערעכנטע מורי־צדק, זיינען בלויז א טייל פון דער צאָל דיינים און מורי־הוראה, וואָס מעזרימטש האָט געהאט צו פארצייכענען.

ר' בעריש פלאהם, אין זיין „אבל יחיד" און אויך ר' מאָטל פרידמאַן, ווייזן אָן אויף נאָך מורי־הוראה.

41 — **ר' יעקב ישראל כעלמער,** וועמען פלאָהם רופט „הרב הקדוש והטהור חסיד ועניו המקובל דיין צדק דפּה". ער איז שוין אונדז באקאנט פון דעם עלילת־דם, ווען ער איז אויפגעטראָטן פאר דעם אויספאָרשער אלס עקס־פערט פון זוהר. ער איז נפטר געוואָרן אין תקצ"א (1831). ווייזט אויס, אז ער איז נישט געווען קיין קרבן פון דער כאָלערע־עפּידעמיע, וועלכע האָט אוועקגע־רויבט אזוי פיל לעבנס אין מעזריטש אין יענעם יאָר; וואָרום, ער ווערט נישט באצייכנט אין „אבל יחיד" אלס איינער פון די עפּידעמיע־קרבנות, וועלכע ווערן פון אים באקלאָגט.

42 — **הרב ר' משה בר' אשר שולמאן ז"ל.** ער איז, ווארשיינלעך, געווען דער זון פון דעם ראש־הקהל ר' אשר שולמאן, וועלכער האָט געפּאַטשט ר' וואָלפן און איז דערפאר באשטראָפט געוואָרן פון דעם פּריץ. פרידמאן האָט געפונען זיינע חתימות צוזאמען מיט ר' אליעזר הרל"פס. ער האלט, אז דער ר' משה, איז נישט דער זעלבער וועמען ר' אברהם בעריש פלאהם איז מספיד אין זיין „אבל יחיד", אלס קרבן פון דער כאָלערע; וואָרום, זיינע חתימות פּי־גורירן אין א שפּעטערער דאטע.

אין יאָר תקס"ג (1703), געפינען מיר אין מעזריטש דעם באקאנטן רב ר' אהרן מירלש, מחבר פון „בית אהרן" (ברלין, תקס"ט — 1799). אין דעם ספר געפינט זיך (דף מ"ט) א תשובה וואָס ער האָט געשיקט צו זיין שוואָגער און איז דאטירט „בי:ם ד', ו' כסלו תקס"ג, פה מעזריטש דליטא".

פון דער תשובה קענען מיר דרינגען, אז דאָס איז נישט געווען קיין צייט־ווייליקער באזוך אין אונדזער שטאָט. מיר האָבן אָבער נישט קיין שום אָנדייט וועגן אים אין מעזריטשער דאָקומענטן, וואָס זאָלן אונדז דערציילן וועגן זיין באשעפטיקונג דאָרט.

מגידים און מעזריטש

מגידות ביי יידן, אין משך פון א לענגערער צייט, איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע קהלשע פונקציעס. נאָך אין די גאָר אלטע צייטן זיינען ביי יידן געווען צווייערליי רעליגיעזע אויטאָריטעטן: עס זיינען געווען די געזעץ־גע־בער און געזעץ־אויסטייטשער; און די בעלי־הגדה האָבן געהאט זייער פּלאַץ צווישן די תנאים און די אמוראים.

אודאי, זיינען געווען צווישן די רבנים זעלבסט אזעלכע, וואָס זיינען גע־ווען מייסטערס סיי אין הלכה און סיי אין הגדה. מיר האָבן ידיעות וועגן רבנים, וואָס זייערע קאָנטראַקטן האָט זיי פארפליכטעט גלייכצייטיק אויך צו האלטן דרשות פארן פאָלק אין די שבתים און ימים־טובים און ביי אלע אנדערע פאסנדיקע געלעגנהייטן. אָבער דאָס זיינען געווען זעלטענע פאלן. על־פּי־רוב, איז דעם רבס אויפגאבע געווען צו זיין א מרא־דאתרא — פּסקענען שאלות און משפּטן אין דיני־תורות — און בלויז אין צוויי שבתים פון יאָר: אין שבת־הגדול און שבת־תשובה, האָט דער רב געדארפט האלטן דרשות. די דרשות, ווי מיר ווייסן, זיינען אָבער געווען בדרך־כלל געבויט אויף פּילפּול, און בלויז א קליינער טייל איז געווען געווידמעט צו התעוררות און מוסר. אויף מוסרן דאָס פאָלק, צו פירן זיי אין די וועגן פון תשובה, לערנען זיי מאָראַל און עטיק, האָבן ס׳רוב קהילות אייסגעהאלטן א ספּעציעל צו דעם צוגעפּאסטן מענטש — דעם מגיד.

אין א טייל קהילות, האָבן די מגידים פארנומען גלייכצייטיק א פּלאַץ אין דעם בית־דין; אָבער, על־פּי־רוב איז דאָס געווען א גאנץ זעלבסטשטענדיקער אמט, וואָס האָט מיטן אייגנטלעכן בית־דין גאָרנישט געהאט צו טאָן, אויף וויפל ס׳האָט זיך געהאנדלט אין שאלות און דיני־תורות. נאטירלעך, האָבן די קהילות געזוכט א מגיד, וואָס זאָל זיין, א חוץ אן ערלעכער ייד און גוטער בעל־דרשן, אויך א למדן; כדי ער זאָל קענען האָבן א געהעריקע השפּעה אויף אלע שיכטן פון דער קהילה. אָבער קיין סמיכה אָדער היתר־הוראה האָט מען אָפּי־ציעל פון אים נישט פארלאנגט.

אין אנדערע צייטן, און אפילו מיט א דור אָדער צוויי צוריק, איז מגידות שוין מער נישט געווען דאָס זעלבע וואָס אמאָל; און אפילו נישט א שאָטן פון

דעם. בלויז געציילטע שטעט האָבן נאָך אויסגעהאַלטן שטענדיקע מגידים, א שטייגער ווילנע, ביאַליסטאָק. אין ווילנע, איז דער שטאָט־מגיד גלייכצייטיק געווען איינער פון די דיינים. לרוב זיינען אין די לעצטע צייטן, כמעט אַלע מגידים געווען אָן באַשטימטע שטעלעס און זיי פלעגן אַרומפאָרן אויף זייער אייגענעם חשבון איבער דער מדינה, פון שטאָט צו שטאָט און האַלטן זייערע דרשות; זיי פלעגן זיך אויסהאַלטן פון דעם, וואָס דער עולם צוהערער פלעגט אַריינוואַרפן אין די קערות, וואָס זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם צוועק.

וואָס האָט גורם געווען צו דער ירידה פון מגידות? מיינען מיר, אַז אין דעם האָבן געהאַט א חלק צוויי פאַקטאָרן:

דער ערשטער גורם איז געווען דאָס אָפּשאַפן פון דער אויטאָנאָמיע פון די קהילות אין פוילן, וואָס איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דער ירידה פון דער פוילישער מלוכהשקייט. אַלס רעזולטאַט פון דעם איז די מאַכט פון דער קהילה געוואָרן באַגרענעצט; מיטן פאַרלירן פון דער אויטאָנאָמיע, איז געוואָרן פאַרקלענערט די רעכטן פון דער קהילה אַרויפצולייגן שטייערן אויף די מיטגלידער. דאָס האָט רעדוצירט אויף א גרויסן אופן די קהלשע הכנסות און ממילא האָט קהל געמוזט זען צו פאַרקלענערן די צאָל אָנגעשטעלטע כלי־קודש. צווישן די געטראָפענע פון דער עקאָנאָמיע איז, ווייזט אויס, אויך געווען די מגידות־שטעלע, וועלכע איז ביסלעכווייז אָפּגעשאַפט געוואָרן; בפרט, אַז מען האָט געקענט יוצא־זיין מיט פרעמדע מגידים, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן אויפן אייגענעם חשבון, פון שטאָט צו שטאָט און האַלטן מוסר־דרשות.

א צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט נישט ווייניקער מיטגעווירקט צו דער ירידה פון מגידות, איז געווען דאָס אויפקום פון חסידיזם. שוין דער באַגרינדער פון חסידיזם, ר' ישראל בעל־שם־טוב, האָט זיך קריטיש באַצויגן צו די מגידים. אים איז נישט געפעלן געוואָרן דער מאָן פון די מגידישע דרשות; דאָס שטענדיקע מוסרן די יידן, דאָס שרעקן זיי מיט גיהנום און מיט דעם פאַרטרויערן זייער לעבן. ער האָט, דאַקעגן, געפּרעדיקט שמחה און דערנענטערונג צו גאָט; אָנשטאָט פייניקן זיך — פריידיקע תפילה; אָנשטאָט שטענדיקע חרטה — א נייע מצוה. ער האָט געגלויבט, אַז מיט די וועגן דערנענטערט מען בעסער דעם פשוטן יידן צום פאָטער אין הימל. די מגידישע מעטאָדן, זיינען ממילא אים געווען דערווידער.

א חוץ דעם, האָבן די מגידים, על־פי־רוב, זיך געשטעלט אויפן צד פון די מתנגדים. זיי, איז דער נייער חסידישער דרך געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך און דאָס האָט אויך גורם־געווען צו די אַנטי־מגידישע סענטימענטן מצד די חסידים. צו דעם קען מען אויך צוגעבן נאָך א סיבה, פאַרוואָס די חסידים האָבן זיך דערווייטערט פון די מגידים און מיט דעם געבראָכן די טראַדיציע פון גיין הערן זייערע דרשות. די חסידישע רביים האָבן, אין אַלגע־

מיין, נישט געלערנט מיט די חסידים קיין פּלפּולים אָדער א שיעור אין רמב"ם. תורה-לערנען, איז געווען א חוב פאר יעדן יידן, אָבער נישט קיין גלייכער חוב. דער האָרעפּאשנער בעל־מלאכה און פארשמאיעטער קרעמער, וואָס האָט קוים געקענט געפינען צייט פאר תפילה און א פּרק משניות אָדער גאָר שוין א בלאַט גמרא, האָט נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו א טיפערן לימוד און די חסי־דישע רביים האָבן עס פון אים אויך נישט פאַרלאנגט. וואָס זיי האָבן דער עיקר געוואָלט, איז דאָס איינפלאנצן אין די הערצער פון זייערע חסידים יידיש־קייט: אהבת־ישראל, אהבת־תורה און יראת־שמים; דורך ווייזן זיי „די וועגן אין וועלכע זיי זאָלן גיין און די מעשים וואָס זיי זאָלן טאָן". דאָס האָבן זיי באוויזן צו דערגיין מיט זייערע חסידישע תורות ביי די שבתים־ און יום־טוב־טישן. כאָטש זייערע תורות האָבן אין זיך אויך געהאט מגידות, זיינען אָבער זייערע דרשות געווען ליבלעכע און הארציקע מגידות, וואָס האָט געווארעמט אָנשטאָט געבערנט. די רבישע שמועסן, האָבן די חסידים געגעבן פליגלען צו זען אלע דריי הונדערט און צען וועלטן, די הימלען, דעם גן־עדן און אפילו דעם סאמע כסא־הכבוד — אָנשטאָט די מוראדיקע פּחדים פון דעם גיהנום און די שווארצע וועלטן פון די מלאכי־חבלה. אָט צוליב דעם, האָבן מגידים מער נישט געהאָט קיין דריסת־הרגל אין די חסידים־שטיבלעך; און, היות, ווי דער חסידיזם האָט דעראָבערט איין קהילה נאָך דער אנדערער און זיי זיינען גע־וואָרן איבעראל די מערהייט, זיינען די מגידים, ממילא, פארשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס.

מעזריטש, וועלכע איז פּאָרט נישט געוואָרן קיין חסידישע שטאָט און האָט זיך אזוי ווי תמיד, ווייטער געקוויקט מיט גוטע מגידישע דרשות. אזוי לאנג ווי די קהילה איז געווען מעכטיק און זי האָט גענאָסן פון איר לעגאלן סטאַטוס, וואָס גיט איר דאָס רעכט צו דיספּאָנירן מיט אירע מיטגלידער — ווי עס איז געווען דער פאל מיט אלע אנדערע קהילות אין אַמאָליקן פּוילן, ווען זיי האָבן פארמאָגט די אויטאָנאָמיע — האָט מעזריטש געהאט א קהלשן מגיד, פּונקט ווי א רב און א דיין. ווען צוזאמען מיט אנדערע קהילות, האָט אויך די מעזריטשער קהילה פארלוירן איר אויטאָנאָמיע, איז דער מגידישער אמט אָפּגעשאפט געוואָרן צוזאמען מיט אלע אנדערע קהלשע אמטן (אויסער רבנים, דיינים און שוחטים — אויך זייער צאָל איז באגרענעצט געווען לויטן געזעץ), וואָס זיינען בטל געוואָרן ווען די אויטאָנאָמיע פון די קהילות איז אָפּ־געשאפט געוואָרן.

די רשימה פון מגידים, וואָס מיר גיבן דאָ איבער, האָבן מיר צונויפגע־שטעלט אויפן סמך פון די אויסצוגן פון דעם פּנקס פון דער חברה־קדישא, וואָס ר' מאָטל פרידמאן האָט געמאכט און אויך פון אנדערע מקורים. אָבער, די ליסטע, איז ווייט נישט קיין גאַנצע. די סיבה איז א פּשוטע: נישט אלע

מגידים האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין מעזריטש. מגידים ווי רבנים א. א. כלי־קודש, האָבן אָפט געביטן זייערע שטעלעס; מיט מגידים איז דאָס געשען פיל אָפטער. דער פנקס פון דער חברה־קדישא, פארמאָגט דערפאר בלויז גע־ציילטע נעמען פון די שטאָט־מגידים, און אויך די ידיעות פון אנדערע מקורים זיינען נישט דערגענצט, ווי עס איז בכלל קארג די מקורים וועגן מגידים. מחמת דעם, איז דער מאטעריאל וועגן די מגידים אויך אן אָרעמער. מגידים, וואָס זיינען געווען באקאנט פארנעמען ביי אונדז געווען פלאץ, כדי צו שאפן א שטיקל בילד וועגן זייער פערזענלעכקייט. דאקעגן, זיינען די רעשט כמעט אומבאקאנטע און זייערע נעמען דערציילן אבסאָלוט גאָרנישט דעם לייענער. דערפאר באגנוגענען מיר זיך צו געבן זיי אין איינצלנע שורות.

דער ערשטער מגיד, וואָס איז פארצייכנט אין דעם פנקס פון דער חברה־קדישא, איז:

1 — הרב ר' שמואל מגיד משרים; געשטאָרבן אין תפ"ח (1728).

2 — הרב יצחק בהרב ישראל סג"ל; געשטאָרבן י"ח סיון, תק"ד (1744).

3 — הרב אשר בהרב יונה; געשטאָרבן כ"ה אלול, תק"ז (1747).

4 — הרב יעקב קראנץ (באקאנט אלס דובנער מגיד).

וועגן דעם, אז דער דובנער מגיד ר' יעקב קראנץ, איז געווען מגיד אין מעזרימש, דערוויסן מיר זיך פון זייער א סך מקורים. פאקטיש האָט מעזריטש מער רעכט זיך מיחס צו זיין צו אים, ווי וועלכע ס'איז אנדערע שטאָט. נישט נאָר איז מעזריטש געווען זיין ערשטע שטעלע און אויך זיין לעצטע, נאָר, נאָכ־מער — מעזריטש האָט אים אנטדעקט און א מעזריטשער האָט אים געמאכט בארימט. דער דאָזיקער בן־עיר, וועלכער האָט אים געגעבן פרסום, איז דער בארימטער מגיד ר' בעריש פלאהם (וועגן וועמען מיר שרייבן שפעטער). אלץ וואָס מיר ווייסן וועגן ר' יעקב קראנץ, האָבן מיר צו פארדאנקען פלאהמען, וועלכער האָט פשוט אָפגעגעבן זיין לעבן צו פאָפולאריזירן דעם דובנער מגיד.

אין זיין הקדמה צום דובנער מגידס „ספר המדות" (צום ערשטן מאָל דער־שינען אין יאָהאניסבורג, תרי"ט — 1859), וואָס ר' אברהם בעריש פלאהם האָט רעדאגירט און ארויסגעגעבן מיט זיין אייגענעם פירוש „שיורי המדות", ווערט צווישן אנדערעס דערציילט:

„אדמו"ר מו"ה יעקב דובנער זצוק"ל, איז געווען א זון פון... הרב הצדיק מו"ה זאב זללה"ה פון זעטיל. זיין מוטער איז געווען די צדיקות מרת הינדא, טאָכטער פונעם הייליקן גאון מו"ה נחום, רב אין קאָברין... ווען ער איז גע־ווען אן ערך 18 יאָר אלט, איז ער געקומען קיין מעזריטש און געלערנט אין בית־המדרש (הפנים, אז מעזריטש האָט דעמאָלט געהאט א ישיבה אָדער א קיבוץ פון יונגעלייט. עס איז אָנצונעמען, אז ער איז שוין דעמאָלט געווען נאָך דער חתונה און, מעגלעך, אז ער האָט געהאט זיין פרוי מיט זיך. — מ.

ע.) *). ארום אים פלעגן זיך תמיד זאמלען אייניקע, וואס האבן ליב געהאט מיט אים צו שמועסן. ווען זיי האבן געזען (ר׳ בעריש מיינט אודאי די מנהיגים פון דער קהילה אדער די גבאים פון בית־המדרש. — מ. ע.), אז מיט יעדן טאג מערן זיך זיינע צוהערער און די ענגשאפט ארום אים איז גרויס, האבן זיי אים פארגעשלאגן, אז ער זאל ארויפגיין אויף דער בימה און דערשנען, אזוי אז אלע בית־המדרש־יידן זאלן האבן די מעגלעכקייט צו הערן זיינע רייד. האט ער אזוי געטאן; און דעמאלט איז ער אויפגענומען געווארן אלס שטאט־מגיד און איז דארט פארבליבן צוויי יאר.

„פון מעזריטש איז ער אריבער קיין זשאלקעוו (ש. בובער ברענגט אים אין זיין ספר „קריה נשגבה״ און דערקלערט, אז אין זשאלקעוו איז ער געווען מגיד בלויז צוויי יאר. — מ. ע.), פון זשאלקעוו איז ער אנגעקומען קיין דובנא און ער איז דארט געווען מגיד 18 יאר צייט. דעמאלט האט ער דערהאלטן א בריוו פון דעם ווילנער גאון (זיי זיינען געווען גוט באפריינדעט. — מ. ע.), אז ער זאל אים באזוכן. ווען ער איז צוריקגעפארן פון ווילנע, האט ער זיך אפגעשטעלט אין וולאדאווע (נעבן מעזריטש) און אויף דער בקשה פון דארטיקן קהל, האט ער זיך אפגעזאגט פון דובנער מגידות און אנגענומען די שטעלע אין וולאדאווע. דארט איז ער פארבליבן בלויז איין יאר און ער איז אנגעקומען קיין כעלם אלס שטאט־מגיד און ער איז דארט פארבליבן צוויי יאר. פון כעלם איז ער אנגעקומען אלס שטאט־מגיד קיין זאמאשטש און איז דארט געווען 15 יאר. הגם, ער איז צום סוף פון זיינע טעג ווידער אמאל געווארן מגיד־מישרים אין מעזריטש, איז ער דארט פארבליבן בלויז עטלעכע חדשים. ווארום ער האט געשריבן נאך זיין בן־יחיד, הרב ר׳ יצחק, ער זאל קומען צו אים קיין מעזריטש. נאר ער האט נישט געקענט פארלאזן זיין מסחר אין זאמאשטש״.

ר׳ יעקב קראנץ האט זיך צוריקגעצויגן פון זיין מעזריטשער מגידות און זיך צוריקגעקערט קיין זאמאשטש צו זיין בן־יחיד, ווו ער איז אין א קורצער צייט ארום נפטר געווארן.

פארוואס האבן מיר אים געשטעלט אויפן פערטן ארט אין אונדזער רשימה? זיכער זיינען געווען אנדערע מגידים אין מעזריטש אין דער צווישנצייט: איידער דער דובנער מגיד איז אנגעקומען קיין מעזריטש אלס ישיבה־מאן. זייערע נעמען זיינען אבער אונדז נישט באקאנט. צווישן דעם פארלעצטן מגיד, ר׳ אשר בר׳ יונה, וועלכער איז נפטר געווארן אין תק״ז (1747) און דעם מגיד ר׳ אבלי סג״ל, איז אפגעלאפן א היפשע צייט און לויט אונדזער אויסרעכענען, איז ר׳ יעקב קראנץ געווען מגיד אין מעזריטש אין דער צייט.

---

*) פאראן א מיינונג, אז דער מגיד פון דובנא איז געווען א מעזריטשער איידעם. דאס איז אבער נישט ריכטיק; ר׳ בעריש פלאהם וואלט אודאי אנגעגעבן דעם נאמען פון זיין שווער. אויך ר׳ יצחק, דעם דובנער מגידס זון, וואלט דעם פאקט נישט דורכגעלאזט אין זיין הקדמה צו זיין פאטערס ספר.

דער חשבון איז אזוי: קיין מעזריטש איז ר׳ יעקב געקומען אלס יונגערמאן פון אן ערך 18 יאר. ער איז געווען א שטיקל צייט אין אונדזער שטאט, ביז זיין מגידישער טאלאנט איז אנטדעקט געווארן און ער איז דערנאך פארבליבן נאך צוויי יאר. דאס מיינט צו זאגן, אז ער האט פארבראכט אין מעזריטש ארום 3 יאר; צוויי יאר אין זשאלקעוו; 18 יאר אין דובנא; 1 יאר אין וולאדא־ווע; 2 יאר אין כעלם און 15 יאר אין זאמאשטש. מיר באקומען א סך־הכל פון 41 יאר אויף מגידישע שטעלעס. צו דעם קען מען נאך צורעכענען די נסיעות, וואס ער האט געמאכט צווישן איין שטעלע און דער אנדערער, וועלכע האבן אויך צוגעגעבן צו דער צייט־אפפלוס, בערך, נאך א יאר, וואס גיט אונדז א סך־הכל פון אן ערך 42 יאר. ווען מיר נעמען אראפ 42 יאר פון תקס״ה -1805 (דאס יאר פון זיין פטירה), קומען מיר צו צום יאר תקכ״ג (1763), אלס דאס יאר ווען ער איז אנגעקומען קיין מעזריטש (אין תקכ״ד — 1764, איז ר׳ עזר בר׳ אברהם אבוש געווארן רב אין שטאט).

מעזריטש האט זיך אויך געווים איבערגענומען מיט דעם דובנער מגיד, מיט וועמען דער ווילנער גאון האט זיך געחברט און זיך געקוויקט מיט זיין מוסר־זאגן און פאלקסטימלעכע משלים. זיי האבן אודאי אויך גערעדט וועגן דער התפעלות, וואס ר׳ משה מענדעלזאן האט געהאט פון ר׳ יעקב קראנץ, וועמען ער האט גערופן „עזאפ דער צווייטער״. אין עס איז אנצונעמען, אז אויך דער דובנער מגיד האט זיך געפילט באקוועם אין מעזריטש און האט מכיר־טובה געווען דער שטאט, וואס האט אים אויסגעהאלטן אלס ישיבה־מאן און אים אויפגענומען אלס מגיד, אין א צייט ווען עס האבן דארט געווירקט אזעלכע גרויסע גאונים, און עס קען זיין, אז מחמת דעם האט ער מסבים גע־ווען אנצונעמען דאס מעזריטשער מגידות צום צווייטן מאל. ווי מיר זעען, האט מעזריטש טאקע געהאט א גרויסן חלק אין דער קאריערע פון דעם גרעסטן מגיד, וואס יידן האבן ווען עס איז געהאט.

5 — **הרב ר׳ אבלי סג״ל.**

וועגן אים ווערן מיר געוויר אומדירעקט. אין יאר תקמ״ח (1788) איז געשטארבן זיין ווייב, ווי עס איז פארצייכנט אין דעם פנקס פון דער חברה־קדישא און זי ווערט רערמאנט אלס די פרוי פון „ר׳ אבלי סג״ל מגיד משרים דקהלתנו״. דאס הייסט, אז ער האט נאך דאן געלעבט. אבער, ווי עס שיינט, איז ער שוין געווען א זקן; ווארום, די פארשטארבענע פרוי זיינע ווערט בא־צייכנט אלס „זקינה״.

6 — **הרב אליעזר במו״ה גרשון.**

ער האט געדארפט אנקומען קיין מעזריטש ערשט נאך תקס״ה (1805); ווארום, אין דעם יאר האט מעזריטש ווידער אמאל אויפגענומען ר׳ יעקב קראנץ אלס שטאט־מגיד און ער איז געווען אין מעזריטש עטלעכע חדשים. ער איז נפטר געווארן ב׳ דר״ח טבת, תקע״ד (1814).

7 — הרב ר׳ יצחק קראַנץ בהרב ר׳ יעקב קראַנץ.

וועגן ר׳ יצחק קראַנץ ווייסן מיר בלויז דאָס, וואָס זיין תלמיד ר׳ אברהם בעריש פלאַהם האָט געשריבן און אויך דאָס וואָס ער אליין האָט דערמאָנט, דרך־אגב, וועגן זיך פון זיין הקדמה צום ספר „אהל יעקב" אויף בראשית, (יאָזעפאָף, תק"ץ) וואָס ער האָט מסדר געווען פון זיין פאָטערס כתבים. סיי דעם ספר און סיי די הקדמה, האָט ער צוזאמענגעשטעלט אין מעזריטש און פון דער הקדמה ווערן מיר געוויר, ווען ער איז אָנגעקומען אויף זיין מגידות־שטעלע.

אָט וואָס ער שרייבט:

„פארשידענע געשעפטן האָבן מיך ארומגערינגלט און האָבן מיר נישט געגעבן קיין מנוחה. און כאָטש כ׳האָב אָפטמאָל אוועקגעוואָרפן מיינע עסקים (אָן אָנדייט אויף זיינע מסחרים אין זאמאָשטש. — מ. ע.), האָב איך נישט באוויזן אויסצופירן דעם דאָזיקן גוטן געדאנק (דהיינו, מסדר זיין די כתבים פון זיין גרויסן פאָטער. אין זאמאָשטש האָט ער באוויזן מסדר צו זיין איין ספר, וועלכן ער האָט אָנגערופן „קול יעקב" און איז דערשינען אין ווארשא, תקע"ט — 1819. — מ. ע.), מחמת דעם וואָס די כתבים פון מיין פאָטער ז"ל זיינען נישט געווען גוט מסודר... ביז דער אויבערשטער האָט פאַר מיר אויס־געשפרייט א מקום מנוחה אין דער שטאָט, ווו מיין פאָטער ז"ל האָט גע־וואוינט; און זי איז די געליבטע שטאָט מעזריטש (נעבן בריסק). שוין פינף יאָר, ווי איך בין דאָ אויפגענומען געוואָרן אלס מגיד. איך דרשן פאַר דעם פאָלק פון שבת צו שבת און זאָג פאַר זיי איבער די חידושים פון מיין פאָטער ז"ל... די ערשטע דריי יאָר, בין איך נאָך אלץ געווען איבערגעלאָדן מיט טרדות און מיינע געדאנקען זיינען נישט געווען רואיק, ביז דער אויבערשטער האָט מיר געגעבן א רואיקע היים און דעמאָלט האָב איך געזאָגט: ס׳איז געקומען די צייט מקיים צו זיין מיין נדר, און כ׳האָב זיך גענומען צוויי יאָר צייט, אויפ־צוזאמלען די דרשות, וואָס האָבן א שייכות צו די פרשיות פון דער תורה..."

דאָס ספר איז דערשינען אין תק"ץ און אויף דעם סמך איז אָנצונעמען, אז ער איז אָנגעקומען קיין מעזריטש אין תקפ"ה (1825). ליידער איז אים נישט געווען באשערט צו האָבן אריכת־ימים אין אונדזער שטאָט. דעם ערשטן טאָג חול־המועד פסח תקצ"א (1831) איז ער נפטר געוואָרן, אלס קרבן פון דער כאָלערע, וואָס האָט צו יענער צייט געבושעוועט אין שטאָט (74).

איך האָב דעם איינדרוק, אז מיט דער פטירה פון ר׳ יצחקן, האָט זיך פארענדיקט די רשימה פון „שטאָט־מגידים" אין מעזריטש. די השערה, איז באזירט אויף צוויי יסודות:

אין אונדזער אריי־פיר צום קאפיטל „מגידים אין מעזריטש", האָבן מיר אָנגעוויזן, אז איינע פון די סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען צו דער ליקווידא־ציע פון דעם „שטאָט־מגיד"־אמט אין פוילן אין אלגעמיין, איז געווען דאָס

אָפּשאפן די רעשטן פון דער אויטאָנאָמיע, וואָס די קהילות האָבן נאָך אָנגע־האלטן, א צייט נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעשאפט געוואָרן דער „ועד ארבע אר־צות". מיטן פארלירן די רעכטן צו טאקסירן זייערע מיטגלידער, האָבן די קהילות געמוזט אָנהייבן מאכן עקאָנאָמיעס אין די הוצאות און זיי זיינען גע־ווען געצווונגען אָפּצושאפן דאָס רוב קהלשע אמטן. ווי מיר ווייסן, איז די אויטאָנאָמיע פון די קהילות אָפּגעשאפט געוואָרן ארום תקפ"ה — 1825; ר' יצחק איז גראָד אָנגעקומען און אויפגענומען געוואָרן אלס שטאָט־מגיד אין א קורצער צייט פאר דער געשעעניש. אזוי לאנג ווי ר' יצחק האָט געלעבט און מהנה געווען מעזריטש מיט זיין מגידות, האָט די קהילה אים אויסגעהאלטן. אָבער, נאָך זיין פטירה, האָט מען צוליב דער ניי־געשאפענער לאגע מער קיין נייעם שטאָט־מגיד נישט אויפגענומען.

א צווייטן באווייז, האָבן מיר פון דעם באַרימטן בן־עיר און מגיד, ר' אברהם בעריש פלאהם. אין דער שוין דערמאָנטער הקדמה צום „ספר המדות", דערציילט ר' בעריש פלאהם:

„אין מיין יוגנט בין איך געשטאנען אויף מיין פּאָסטן, משמרת הקודש, דאָ־הי אין מיין געבוירנשטאָט, אין דעם בית־המדרש פון הרב הצדיק צבי הירש חיים נ"ע (נשמתו עדן). אָבער צוליב די צייט־ווערקסלונגען, האָט זיך מיין פרנסה פארקלענערט. שוין עטלעכע יאָר, ווי כ'האָב פארלאָזט מיין היים און מיין געבוירנשטאָט און איך בין אוועק וואָגלען און געפונען א צווייט אָרט. איך בין געקומען קיין שעברשין און בין דאָרט אויפגענומען געוואָרן פאר מגיד. אָבער די פאררעטערישע צייט האָט אויך אהינצו געשיקט איר האנט און האָט מיך אָנגעכאפּט פארן קארק און מיך צעקלאפּט... האָב איך געזאָגט: איך וועל גיין און זיך צוריקקערן צו מיין ערשטן אָרט, אפשר וועל איך דאָרט געפינען רו און זיך קענען ווידמען צו תורה און ענדיקן די חיבורים, וואָס איך האָב אין כתב־יד, זיי מסדר־זיין און ברענגען צום דרוק. האָב איך זיך צוריקגעקערט צו מיין געבוירנשטאָט און האָב דאָרט נישט באקומען די מינדסטע שטיצע. בעוונותינו הרבים, איז אראָפּ דער גלאנץ פון אונדזער הייליקער תורה און אי־רע לערנערס, און איר שטיצע איז געפאלן ביז צו דער ערד".

פון דער הקדמה דערוויסן מיר זיך בפירוש, אז ר' אברהם בעריש פלאהם איז נישט געווען מגיד פון גרויסן בית־המדרש — דאָס פלאץ וווּ די שטאָט־מגידים פלעגן שטענדיק דרשנען — בעסער געזאָגט, דאָרט וווּ זיי זיינען גע־ווען פארפליכטעט צו דרשנען פון שבת צו שבת. דאקעגן, מגידישע געסט האָבן דאָרט נישט געטאָרט דרשנען, אָן דער הסכמה פון די מנהיגים פון דער קהילה און מרא־דאתרא. אלע אנדערע בתי־מדרשים זיינען געווען ענטוועדער פריוואַ־טע, אָדער פון חברות, און זייערע מגידים האָבן נישט גענאָסן די רעכטן פון א קהלשן באאמטן. ר' אברהם בעריש, וועלכער איז געווען אזוי באַרימט און שטארק פּאָפּולער, וואָלט אודאי באקומען די שטעלע פון שטאָט־מגיד, ווען

דאָס וואָלט געווען מעגלעך, בפרט, אז ער האָט געשטאַמט פון די שענסטע רבנישע משפחות פון שטאָט. פארוואָס־זשע האָט ער פאָרט נישט באַקומען די שטעלע, וואָס איז אים געקומען?

ר׳ אברהם בעריש פלאהם באַמיט זיך אפילו צו געבן דערויף א תשובה. ער באַקלאָגט זיך „אז דער כבוד־התורה און פון אירע לערנערס איז געפאַלן ביזקל דער ערד". אָבער נישט דאָס איז געווען די סיבה; וואָרום, אין זיין צייט האָט דאָך מעזריטש געהאַט די גרעסטע רבנים און מורי־צדק. האָט דאָך אין זיינע יאָרן מעזריטש געהאַט דעם גרויסן רב ר׳ נחמן, דעם ראב"ד ר׳ יעקב דוד בידערמאַן, ר׳ לייזער חרל"פ, דעם בעל „עונג יום טוב", ר׳ יהושע דיסקין און דעם „משרת משה". מעזריטש האָט, הייסט עס, יאָ געזוכט רבנים, וואָס האָבן געשמט אויף דער וועלט. די סיבה איז, ווייזט אויס, געווען אן איינפאַכע: די קהילה האָט דאַן פארלוירן איר פריערדיקע מאכט און די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן. דערפאר איז אים אויסגעקומען אָנצונעמען די מגידות־שטעלע אין א פריוואַטן בית־המדרש.

ר׳ בעריש פלאהם, איז געבוירן געוואָרן אין תקס"ה, אין זעלבן יאָר פון דעם דובנער מגידס פטירה. נאָך אלס יונגערמאַן, קומט ער אין באַרירונג מיט מגידות, דורך זיין נאָענטער חברשאפט מיט דעם דעמאָלטיקן מעזריטשער מגיד, ר׳ יצחק קראַנץ, זון פון דובנער מגיד, און ער ווידמעט זיך פון דעמאָלט־אָן, נישט נאָר צו מגידות, נאָר אויך צו די כתבים פון דעם דובנער מגיד, ווי ר׳ יצחק איז דאָס מעיד אין זיין הקדמה צום אויבנדערמאָנטן ספר „אהל יעקב", ער שרייבט דאָרט: „און איך האָב עס איבערגעשריבן דורך דעם געשווינדן און פארשטענדיקן, דער טייערער יונגערמאַן הרבני מוהר"ר אברהם דוב נ"י פון די געבוירענע אין אונדזער קהילה... זיין שפּראַך איז געשמאַק און קלאָר... ער האָט פארשריבן דאָס וואָס איך האָב אים דיקטירט..."

ר׳ יצחק האָט געהאַט בדעה ארויסצוגעבן אלע כתבים פון זיין פאָטער און דער גורל האָט געוואָלט, אז זיין תלמיד ר׳ בעריש פלאהם זאָל איבערנעמען די גרויסע ירושה פון דעם דובנער מגיד, אויף וועמען עס איז אויך געפאַלן זיין מאַנטל. ער האָט אין פארלויף פון יאָרן —פרנסהלאָזע יאָרן— מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעבנקייט געאַרבעט איבער די כתבים פון דעם דובנער מגיד. ווי ער שרייבט אליין: „פארבונדן א מאמר צו א מאמר, אן ענין צו אן ענין און איך האָב צוגעגעבן מיינע אויפקלערונגען און פארבונדן די ענינים, ביז איך האָב ב"ה מחבר געווען צוויי חלקים פון „אהל יעקב". מיינע אויגן זיינען געווענדעט צו גאָט, ער זאָל מיר העלפן אין זיין חסד, צו פארענדיקן דעם טייערן חיבור אויף אלע חלקים פון דער תורה" (הקדמה צום „ספר המדות").

נישט נאָר האָט ער ארויסגעגעבן די אלע חלקים „אהל יעקב" מיט זיינע דערקלערונגען, נאָר ער האָט מיד געמאַכט זיינע פיס און געוואָגלט איבער מדינות; געוואַנדערט איבער די שטעט פון גאַליציע, עסטרייך און דייטשלאַנד

אויף צו שאפן די נויטיקע פינאַנץ־מיטלען און די הסכמות פון גרויסע רבנים, כדי ער זאָל קענען אַרויסגעבן די ספרים פון זיין גרויסן רבין.

דער לעמבערגער רב, ר' יעקב אָרינשטיין, מחבר פון דעם באַרימטן ספר „ישועות יעקב", שרייבט טאַקע אין זיין הסכמה:

„ואם אמנם הוא ז"ל לא כתב חידושיו בדרך שיהיו ראוים להעלות על הדפוס. על זאת נחזיק טובה אל תלמידו, הוא ידידי הרב המגיד הדרשן הנחמד ונעי' מו"ה אברהם בערוש פלאהם נ"י, כי יתן עינו ולבו על מורשה קהלת יעקב". דאָס הייסט, אַז אויך ער אַנערקענט, אַז דער וואונדערבאַרער דרשן ר' אברהם בעריש, האָט מיט זיין אַרבעט געשאַפן כמעט אַן אייגענעם חיבור. וואָס איז באַזירט אויף קורצע און נישט צוזאַמענגעבונדענע פּאַרצייכענישן, וואָס דער דובנער מגיד האָט איבערגעלאָזט. אין זעלבן זין שרייבן כמעט אַלע הסכמות־געבער, דאַרונטער ר' לייזער חרל"פּ פון מעזריטש.

אָבער נישט בלויז דעם חיבור אויף תורה האָט ער איבערגעשריבן, אָפּגע־דרוקט און פאַרשפּרייט. ער האָט אויך מסדר געווען די דרשות אויף אַלע הפטורות א. נ. „כוכב מיעקב" מיט זיינע הוספות און באַמערקונגען (דערשינען אין וואַרשע, תרל"ב — 1872. שפּעטערדיקע אויסגאַבעס: אין תר"ם, תר"ן) און אַ פּירוש אויף דער הגדה־של־פּסח — „אמת ליעקב", אונטער דעם נאָמען „יום ישועה", צוזאַמען מיט זיין אייגענעם פּירוש — „חסד לאברהם" (זאָל־קאָווא, תקצ"ו — 1836). ר' בעריש פלאהם, וואָלט אפילו אָן זיינע אייגענע ספרים און דרשות אויך געווען פאַרנומען אַן אויבנאָן אין דער מגידישער וועלט. שוין בלויז צוליב זיין מפרסם־מאַכן דעם דובנער מגיד. אָבער ער אַליין האָט אויך געגעבן זיין אייגענעם גרויסן ביישטייער. זיין הויפּט־חיבור איז, אָן שום ספק, דער ספר „שמן המור" (וואַרשע, תר"כ — 1860), וועלכעס אַנט־האַלט דריי קאַפּיטלען וועגן די עיקרים פון דער אמונה. דער ערשטער מאמר „שמים חדשים", איז אַ פילאָזאָפישער שמועס וועגן דעם ענדציל פון דעם באַשאַף. ער פאַרטיידיקט דאָרט דעם רמב"ם, וועלכער זאָגט אין „מורה נבוכים" אַז יעדע באַשעפעניש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר זיין אייגענעם צוועק־וועגן און נישט פאַר דעם מענטשס־וועגן. די דאָזיקע דעה איז שטאַרק קריטיקירט גע־וואָרן פון דעם רמב"מס קעגנער, וועלכע האָבן געזען אין איר אַ סתירה צו דער מיינונג פון די חז"ל.

אינעם צווייטן מאמר „ארובות השמים", רעדט ער אַרום וועגן דעם חטא פון דעם דור־המבול און באַהאַנדלט די זעלישע עמאָציעס און נייגונגען פון דעם מענטשן, און גיט צו פאַרשטיין דעם ענין פון השגחה־פּרטית. ער פאַר־ענטפערט אויך די אור־אַלטע קשיה פון „צדיק ורע לו ורשע וטוב לו".

אינעם דריטן מאמר, „ארץ חדשה", רעדט ער אַרום דעם ענין פון מתן־תורה, אַלס די סיבה פון דער באַנייאונג פון דער וועלט; די השגה פון די יידן וועגן נבואה און דער באַדייט פון תשובה.

דאָס דאָזיקע ספר „שמן המור", איז געשריבן אין א לייכטער שפּראַך און איז דערגענצט מיט צוויי זעלבסטשטענדיקע חיבורים, וואָס געפינען זיך אינ־טערן טעקסט. איינער הייסט „מור ואהלות" און דער צווייטער — „ראשי בשמים", אין וועלכע ער ברענגט ציטאַטן פון תנ"ך און פון די חז"ל און טייטשט זיי אויס אינעם סטיל און אופן פון זיין גרויסן רבין — דער דובנער מגיד. ער באנוצט זיך מיט משלים גענומען פון לעבן גופא, וואָס טרעפן שטענדיק אין פּינטל אריין. מיר וועלן דאָ ברענגען אן אינטערעסאנטן עפּיזאָד, וואָס ר' אברהם בעריש דערציילט אין זיין ספר:

ער האָט אמאָל באזוכט פראנקפורט ביים מאַין און ער האָט געהאַלטן א דרשה אין דער דאָרטיקער שול. אָבער די אויערן פון זיינע צוהערער זיינען געבליבן טויב צו זיינע רייד. שפּעטער זיינען געקומען צו אים די מנהיגים פון דער קהילה און האָבן זיך געקליגלט און צו אים געזאָגט, אז, היות, ווי די צו־הערער פארשטייען נישט זיין יידישע שפּראַך, וואָלט געווען מער ווי רעכט, אז ער זאָל דרשענען אין דייטש. א קאפּולע אָנצוהערעניש, אז זיי ווילן נישט ער זאָל דרשענען ביי זיי.

נאָכדעם ווי זיי האָבן מיט אים פארבראַכט עטלעכע שעה און זיך גאַנץ גוט מיט אים פארשטענדיקט שפּראַכלעך, האָט ער צו זיי געזאָגט: הערט זיך איין וואָס גאָט האָט געזאָגט צו זיין נביא — „לך בוא אל בית ישראל ודברת בדברי אליהם, כי לא אל עם עמקי שפה וכבדי לשון אתה שלוח אל בית ישראל, לא אל עמים רבים עמקי שפה וכבדי לשון אשר לא תשמע דבריהם, אם לא אליהם שלחתיך המה ישמעו אליך. ובית ישראל לא יאבו לשמוע כי אינם אוהבים לשמוע אלי — גיי און קום צו ישראלס הויז און רעד מיט מיינע ווערטער צו זיי, ווייל דו ווערסט נישט געשיקט צו א פאָלק מיט א טיפער שפּראַך און א שווערן לשון, נאָר צו ישראלס הויז; נישט צו פרעמדע פעלקער מיט פרעמדע שפּראַכן און שווערע לשונות, וועמענס רייד דו קענסט נישט פארשטיין. ווען איך שיק דיך צו זיי, וואָלטן זיי זיך צוגעהערט צו דיר. אָבער דאָס הויז ישראל וועט נישט האָרכן צו דיר, ווייל זיי ווילן זיך נישט צוהערן צו מיר..." (יחזקאל ג—ד, ז).

און ער גיט זיי דאָרט צו פארשטיין דעם מיין פון דעם שווערן פּסוק מיט א משל:

„א ליטווישער מגיד איז אמאָל געקומען קיין דייטשלאַנד און האָט זיי געזאָגט מוסר, אָבער די צוהערער האָבן אים געזאָגט, אז ער זאָל אויפהערן דרשענען, וואָרום זיי פארשטייען נישט זיין ליטווישע אויסשפּראַך. דער מגיד איז אראָפּ פון דער בימה און איינגעשפּאַנט זיין פערד און איז אוועקגעפאָרן. אונטערוועגס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אן אכסניה, און זעענדיק דאָרט פארשידענע סחורות, האָט ער איינגעקויפט בוימוואָל און איז צוריקגעפאָרן מיט דער סחורה אין דער זעלבער שטאָט אריין, פון וואַנען ער איז אָקאָרשט

אוועקגעפאָרן. אָבער איידער ער איז אהינצו געקומען, האָט ער זיך פאַרשטעלט און די שטאָט־מענטשן האָבן אים נישט דערקענט און זיי האָבן מיט אים פאַרהאַנדלט וועגן זיין סחורה; און ווען זיי זיינען מושווה געוואָרן וועגן פּרייז אין זיי האָבן אים באַצאָלט דעם מקח, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, האָט ער צו זיי געזאָגט: און איצט, רבותי, קומט אין בית־המדרש אריין! זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט דערשטוינונג. דאַן האָט זיי דער מגיד אַנטדעקט ווער ער איז. „און איצט —האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיי— זעענדיק, אַז איר פאַרשטייט מיין לשון, קומט מיט מיר אין בית־המדרש אריין...״

דער משל און נמשל איז געווען אויפן פּלאַץ. צי די פראַנקפורטער מנהי־גים האָבן זיך גענומען צום האַרצן דערפון, ווייסן מיר נישט. דער דערציילער רעדט נישט וועגן דעם.

ר׳ אברהם בעריש האָט אָפּגעדרוקט נאָך א צאָל ספרימלעך און א סך פון זיינע כתבים זיינען פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט. איין ספרל, — „דבר אליהו״, מיט אן הקדמה און באמערקונגען (וואַרשע, תרי״ד — 1854), איז א כתב־יד פון דעם ווילנער גאון, — א פירוש אויף איוב. דעם כתב־יד, האָט דער דובנער מגיד באַקומען פון גאונס זון, ר׳ אברהם, און ר׳ בעריש פלאהם האָט אים ארויסגעגעבן. די אנדערע ספרימלעך זיינע, זיינען די הספדים אונטערן נאָמען „עין המים״. איין ספר איז געווידמעט זאב אורינשטיין (זאָלקאָווא, תקצ״ז — 1837). א צווייטער הספד איז געווידמעט ר׳ עקיבה אייגער (ברעסלאַ, תקצ״ח — 1838). און דער דריטער הספד מיטן זעלבן טיטול באַציט זיך אויף דעם באַרימטן וואַרשעווער רב, ר׳ דוב בעריש מייזליש (תרל״ג — 1873, לובלין). דער וויכטיקסטער ספר, וואָס האָט א ספּעציעלן ווערט פאַר אונדז, איז דער שוין דערמאָנטער „אבל יחיד״ (וואַרשע, תקצ״ג — 1833). כאָטש דער ספר איז געווידמעט דעם ליסער רב און אַנדערע רבנים, האָט ער פאַר אונדז א קוואַל פון אינפאָרמאַציע, וואָרום מעזריטש ווערט דאָרט גאָר אָפט דערמאָנט.

אין די יאָרן תקצ״א און תקצ״ב, האָט מעזריטש שטאַרק געליטן פון דער כאָ־לערע־עפּידעמיע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיין „אבל יחיד״. ער שרייבט דאָרט וועגן געוויסע פאַרשטאָרבענע, קרבנות פון דער כאָלערע: „אַלע זיינען געווען טייערע און חשובע מענטשן, ווי מיר האָבן עס געהערט פון פיל קהילות (די עפּידעמיע, האָט געבושעוועט אין גאַנצן לאַנד. — מ. ע.), בפרט דאָס וואָס מיר האָבן געזען דאָ אין מעזריטש, ווען אונדזער יום־טוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער — דאָס איז דער יום־טוב פּסח... תקצ״א. עס האָט אויס־געבראָכן די פּלאָג און עס האָט דערלאַנגט א שטאַרקן קלאַפּ דעם פאָלק. פון דעם המון זיינען געשטאָרבן עטלעכע הונדערט און אויך הרב המגיד ר׳ יצחק... און הרב הדיין מוהר״ר משה טשעמערניקער, הרבני המופלג... ר׳ יעקב שפּירא חזן פון אונדזער בית־המדרש, הרבני המופלג מהו״ר משה במהור״ר אשר און

א סך אנדערע גלייך צו זיי אָן א שיעור. אין פּאַריקן ווינטער, איז נפטר גע־וואָרן דער רב הקדוש... מוה׳ ישראל יעקב בעלמער, היגער דיין, און יום־כפּור תקצ״ב, איז צוליב אונדזערע זינד נפטר געוואָרן דער באַרימטער רב הגאון ר׳ יהודה ליב (לייבקע דעם רבס. — מ. ע.), ווייל מען האָט זיי נישט מספּיד געווען ווי מ׳דאַרף (צוליב דער עפּידעמיע. — מ. ע.)... האַלטן מיר עס פאַר א חוב לגבי זיי און כדי זייער געדעכעניש זאָל ווערן איינגעקריצט אין אונד־זערע הערצער..."

ר׳ אברהם בעריש, האָט די אַלע אויבן אויסגערעכנטע קרבנות פון דער כאָלערע און צוזאמען מיט זיי — דעם ליסער רב, ר׳ יעקב; דעם מעזריטשער רב, ר׳ נחמן; דעם פּלאָצקער רב, ר, אריה לייב צונץ; און אויך דעם ביאַלער רב, ר׳ אברהם הבלי; און דעם מעזריטשער חשוב, ר׳ ארוש מינץ — מספּיד געווען און פאַראייביקט.

א מעזריטשער בן־עיר, דער גוט באַקאַנטער ראב״ד פון תל־אביב (פריער רב אין אָדעס) — ר׳ שמעון יעקב הלוי גליקסבערג ז״ל, אין זיין ווויכטיקן ספר „הדרשה בישראל" (תל־אביב, ת״ש), רימט ר׳ בעריש פלאַהמען אַלס איינער פון די גרעסטע מגידים. ער לויבט באַזונדערס זיין ספר „שמן המור".

ר׳ בעריש פלאַהם, האָט געשטאַמט פון דורות מעזריטשער רבנים און חשובים, ווי עס איז צו זעען פון דער הקדמה צו זיין ספר „שמן המור", וועל־כער ער ענדיקט אַזוי:

„אלה דברי המחבר, אברהם בעריש פלאַהם... נין ונכד להגאון מוהר״ר שאול ז״ל (דער לעגענדאַרער יידישער קעניג פון פּוילן אויף איין טאָג. מ. ע.), והגאון מהר״ם פּאַדווה ז״ל, והגאון מהר״י מינץ ז״ל (דאָס איז דער עלטער־זיידע פון דער מעזריטשער משפחה מינץ. דער מעזריטשער רב ר׳ נתן נטע קאַצענעלענבויגן, וועלכער איז געשטאָרבן אין ירושלים אין יאָר ת״מ, איז, הפנים, געווען איר גרינדער. — מ. ע.), ומגזע הקדוש... אברהם אבוש דק״ק פראַנקפורט ד״מ (דער לעצטער איז אויך געבוירן געוואָרן אין מעזריטש...).

ר׳ בעריש פלאַהם, איז אין זיינע לעצטע יאָרן געווען מגיד אין לובלין, און ער איז דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ג — 1873.

יעקב בר׳ אברהם פאלק*)

א מעזריטשער ספרים־פארלעגער פונעם 16טן יאָרהונדערט

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, כמעט צום סוף פון אונדזער ארבעט, ווידמענען מיר אונדזערן א בן־עיר, א מערקווירדיקע און אייגנארטיקע פערזענלעכקייט; א יוצאי־מעזריטש, וועלכער האָט זיך אין ווייטן 16טן יאָרהונדערט אָפּגעגעבן מיט דער נאָבעלער באשעפטיקונג פון ארויסגעבן און פארשפרייטן ספרים און ער האָט אויך מיטגעהאָלפן אין דער אנטוויקלונג און באריכערונג פון אונדזער יידיש־לשון. און זאָל דורך־אגב געזאָגט ווערן, אז די אָנרעגונג צו שרייבן וועגן אונדזער בן־עיר האָט געגעבן ד״ר יצחק ריווקינד, וועלכער האָט נאָך אין 1939 געשריבן וועגן דעם דאָזיקן אינטערעסאנטן מעזריטשער, וועלכער האָט אויסגעוואנדערט פון זיין „קהילה קדושה״ — ווי ער דריקט זיך אליין אויס — נאָך דייטשלאנד.

דריקן מיר דעריבער אויס אינדזער דאנק דעם פריינד ריווקינד, פאר זיין ציען אונדזער אויפמערקזאמקייט אויף דעם בארימטן מוכר־ספרים יעקב בר׳ אברהם, און וועלן צוגעבן אויף זיין אדרעס דעם זאָג: „מגלגלין זכות על ידי זכאי״.

וועגן ר׳ יעקב בר׳ אברהם האָבן מיר נישט קיין גענויע דאטן. דאָך, מיינען מיר, אז מעזריטש איז געווען זיין געבוירנשטאָט. אלס ראיה דערצו, נעמען מיר זיין כסדר זיך יחסנען מיט מעזריטש. אין אלע זיינע ארויסגעגעבענע ספרים פארפעלט ער נישט צו דערמאָנען, אז ער קומט פון מעזריטש דליטא נעבן בריסק. וואָלט ער געווען בלויז א צוגערייזטער, אָדער א מעזריטשער איידעם, וואָלט ער גלייכצייטיק אויך געדארפט דערמאָנען זיין געבורט־שטאָט. דרינגען מיר דערפאר, אז ער איז טאקע געווען א מעזריטשער מבטן ומלידה.

מיר זיינען זיך אויך משער, אז אין מעזריטש האָט ער זיך געדארפט פאר־

---

*) זיין פאמיליען־נאָמען לייענט זיך פאַלק אָדער פאָלק און מער ווארשיינלעך פאַלאַק און האָט מן־הסתם א שייכות מיט זיין פוילישן אָפּשטאם.

נעמען מיט א פרנסה, וואָס האָט א שייכות צו „מלאכת הקודש"; דהיינו, מלמדות אָדער גאָר אלס מוכר־ספרים; וואָרום שוין דער עצם פאקט פון זיך נעמען צום ארויסגעבן פון ספרים, זיינע קענטענישן הן אין לשון־קודש און הן אין יידיש־לשון, זייען א באווייז, אז ער איז געווען א ייד א תלמיד־חכם. אז ער האָט נישט פארנומען קיין רבנות־שטעלע, איז קלאָר דערפון וואָס אין קיין שום פון זיינע ספרים ווערט ער נישט דערמאָנט אלס רב.

פון די אינטערעסאנטע הקדמות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו די ספרים, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן, איבערזעצט פון „לשון־קודש" אויף „טייטש־לשון". געשריבן אין העברעאיש און יידיש, דערוויסן מיר זיך א סך וויכטיקע פרטים וועגן זיין פריוואטן עקאָנאָמישן מצב, משפחה־אָנגעלעגנהייטן און אויך טייל־ווייזע דאטן וועגן דעם עקאָנאָמישן צושטאנד פון כלל־ישראל אין יענער צייט.

אין זיין הקדמה צום ספר „ברכת המזון", וואָס איז טיילווייז איבערזעצט אין טייטש־לשון (דערשינען אין באזל אין יאָר ש"ס—1599), דערציילט ער די סיבה, וואָס האָט אים געצוואונגען צו פארלאָזן זיין היים, פרוי און קינדער:

„דען דער היים האָב איך נישט גיהט (געהאט) בעו"ה (בעוונותינו הרבים)
צו ברעכין נאָך בייסן, ווען איך בין שאָן גיזעשין (געזעסן) אין רייסין" *)

ווי מיר זעען גראמט זיך ביים מחבר „בייסן" מיט „רייסן" און מיר דערוויסן זיך פון דעם, אז דער מחבר האָט נישט געהאט מיט וואָס מפרנס צו זיין ווייב און קינדער און אז ער איז פשוט געווען אן אָרעמאן אין זיבן פּאָלעם. פון אן אנדערע שטעלע אין דער זעלבער הקדמה, ווו ער אפעלירט צו די יידישע פרויען זיי זאָלן קויפן זיין „ברכת המזון", דערוויסן מיר זיך, מער ווייניקער, די צייט ווען ער האָט פארלאָזט מעזריטש; ער שרייבט דאָרט: „דרום ליבה (ע) ווייבר האָט אָך (אויך) אויף מיר אכט אונ' טוט מירש בלט (באלד) אָבקויפין, אז איך אָך בלד צו מיינס ווייב אונ' קינט טון לויפן. דען איך בין גיוועזין דרייא יאָר אין טייטשלנט (דייטשלאנד)". היות ווי דאָס דאָזיקע ספר איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר ש"ס, איז פון דאנען א באווייז, אז ר' אברהם איז אוועק פון מעזריטש אין יאָר תנ"ו (1595), אריינרעכענענדיק דערביי די צייט וואָס האָט געדויערט ביז צו זיין אָנקומען קיין דייטשלאנד.

כאָטש ער שרייבט אין דער זעלבער הקדמה: „דרום האָב איך אייך דאָש (דאָס) טייטש בענשין דרוקן צו לעץ" (אלזאָ, כמו לעצט־געלט), וואָס וואָלט דאָך געקענט הייסן, אז ער איז באלד נאָכדעם צוריקגעפאָרן קיין מעזריטש, איז אָבער א פאקט, אז ער איז פארבליבן, לכל הפחות, נאָך דריי יאָר אין דייטשלאנד איידער ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פרוי און קינדער; ווייל מיר וויסן, אז ער האָט אין יאָר שס"ב אָפּגעדרוקט דאָס באריממטע מעשה־בוך

*) מעזריטש האָט זיך געפונען אין דעם טייל פוילישן ליטאַ, וואָס האָט זיך גערופן רייסן.

און ער איז מן־הסתם פארבליבן א לענגערע צייט ביז ער האָט באוויזן צו פארקויפן טיילווייז זיין מעשה־בוך.

בכלל גענומען זיינען די הקדמות צו די ספרים, וואָס ער האָט ארויסגע־געבן אינטערעסאנט ביז גאָר. באזונדערס פון דער הקדמה צום מחזור דערוויסן מיר זיך וועגן דער לאגע זיינער ווי אויך אנדערע יידן, וועלכע וואנדלען פון פלאץ צו פלאץ, פון שטאָט צו שטאָט און פון יאריד צו יאריד, כדי צו פארדינען אויף חיונה. נישט ווייניקער אינטערעסאנט, איז די הקדמה צום מחזור, וואָס איז דערשינען שפעטער אין יאָר 1599 אין באזעל אין דער דרוּ־קעריי פון קאָנראד וואלדקירך, ווו ער האָט אויך געלאָזט דרוקן די אנדערע ספרים זיינע.

ד"ר יצחק ריווקינד האָט דעם מחזור דערמאָנט אין אן אינטערעסאנטער ארבעט „עי דאקעט עדישיאָן פרייע בוק פאָר דזשערמאן דזשואיש אימיגראנט טו אמעריקא" (א מיניאטור־אויסגאבע פון א געבעט־בוך פאר יידישע אימי־גראנטן קיין אמעריקע), וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אינעם זשורנאל פון דער „אמעריקען דזשואיש היסטאָריקל סאָסייטי", באנד 35, זז. 212—207, פון יאָר 1939.

ריווקינדן אינטערעסירט בעיקר די מאָטיוון וואָס האָבן באוויגן די פאר־לעגער פונעם 16טן יאָרהונדערט צו דרוקן ספרים אין מיניאטור־פאָרמאט. ריווקינד גיט אָן פארשידענע סיבות. די הויפט סיבה, זאָגט ער, איז א ריין עקאָנאָמישע. ער ברענגט דערביי עטלעכע ביישפילן פון אזעלכע אויסגאבן אין דער מחזור פון יעקב בר אברהם, איז אויך א מוסטער דערפון.

אזא מיניאטור־אויסגאבע — דערקלערט דער מעזריטשער פארלעגער — איז פון דרינגלעכער וויכטיקייט איבערהויפט פאר די יידישע וואנדערער, פאר יענע וועלכע פאָרן אויף די ירידים און עס איז פאר זיי שווער מיטצונעמען די נויטיקע ספרים, ווי א סידור, מחזור א. א. די מערסטע דעמאָלט געדרוקטע ספרים, זיינען געווען גרויס אין פאָרמאט און ממילא שווער אין געוויכט און אגב געגוג קאָסטבאר. מחמת דעם האָט עס גורם געווען, אז פיל פון יענע וואנ־דער־יידן האָבן נישט מיטגעדאוונט ווי ס'דארף צו זיין. זייענדיק אין פראנק־פורט (אגב, ער שרייבט נישט וועלכע פראנקפורט, צי די וואָס ליגט ביים מאַין אָדער ביי דעם אָדער; אין דיביידע שטעט פלעגן פאָרקומען ירידים) —דער־ציילט ער— האָט ער געזען דעם חילול־השם, וואָס דער מאנגל אין סידורים פאראורזאכט בעת די תפלות. האָט ער דערפאר באשלאָסן אָפצודרוקן קליינע תפילה־ספרים, וואָס יעדער איינער זאָל קענען מיטנעמען און לייכט איינפּאקן צווישן די זאכן וואָס מען נעמט מיט, ווען מען לאָזט זיך ארויס אין וועג אריין.

ר' יעקב בר אברהם שרייבט, אז ער האָט דעם דאָזיקן געדאנק זיינעם דיסקוטירט מיט די רבנים און בעלי־בתים און זיי האָבן מסכים געווען, אז די אידייע איז א גוטע. ס'איז זיך לייכט משער צו זיין, אז בעת ער האָט געבעטן

תם ונשלם המחזור מכל השנה יום ב׳ ט׳ אלול
בפרט למען יברכך יי אלהיך בכל מעשה ידיך
והאל שאזרני חיל להתחיל ולהשלים המחזור הזה
יתן עוז ותעצומות לגמור הסליחות אשר התחלתי
ויגדיל תורה ויאדיר אכי״ר

במצות יעקב בר אברהם זל פאלק
הנקרא יעקב מוכר ספרים ממדינות
רייסן מק״ק מעזריטש דליטא אצל
בריסק

סליק המחזור מכל השנה

פאקסימיל פון בוך פון ר׳ יעקבס מחזור

ביי די רבנים זייערע הסכמות, האָט ער ביי די בעלי־בתים געזוכט, אָן שום ספק, שטיצע פאַר זיין אונטערנעמונג אָדער האַנט־געלט.

ווי מיר האָבן שוין אויבן געברענגט, האָט ער זיינע ספרים געדרוקט אין באזעל (שווייצאריע). ער האָט געהאט א שותף, וועמענס נאָמען איז גראָד אויך געווען יעקב בר אברהם, מיטן פאמיליען־נאָמען טיהינגער. ס׳איז זיך משער צו זיין, אז דאָס איז געווען א פינאנציעלער שותף מער ווי אלץ. און די הויפט־

ארבעט ווי צוגרייטן צום דרוק, איבערזעצן אויף עברי־טייטש, שרייבן הקדמות, מגיה זיין און שפעטער דאָס אָפּגעבן זיך מיטן פאַרקויף פון די ספרים, איז אײנגאַנצן אויסגעפאַלן אויף אונדזער בן־עיר ר׳ יעקב בר אברהם. אלס באַגרינ־דונג פאַר דעם נעמען מיר דעם פּאַסוס פון סוף פון מחזור און דאָרט זאָגט זיך: „תם ונשלם המחזור מכל השנה. ד׳ יתן עוז ותעצומות לגמור הסליחות אשר התחלתי ויגדיל תורה ויאדיר אכי״ר (אמן כן יהי רצון)״ „במצות יעקב בר ר׳


סליחות
ראה זה חדש אשר כבר
לא היה לעולמים סליחות קטון
מסודר כפי הסדר ובנוסח דקק ורנקפורט
ושאר קהלות ומדינות האשכנזים וגם
מנהג מדינת פולין ופיהם ומי היין כמוהו
לא נדפס עד היום הזה כאשר עיניכם
במשרים תחזינה ובראותכם יופי
המלאכה פתחו פיכם בשיר
וברנה אמן
תם הוגה בתכלית העיון
כמצות יעקב בר אברהם זל״ק [illegible]
[illegible]
נתהיה ראשית מלאכתו יום ד׳ ג׳ תשרי בשנה
טובה בשנת הנה לא ינום ולא יישן
שומר ישראל

דער שער־בלאַט פון די סליחות

אברהם פאלק הנקרא יעקב מוכר ספרים ממדינת רייסין מק"ק מעזריטש דליטא אצל בריסק".

מיר זעען, אז אין קעגנזאץ צום שער־בלאט, ווו עס ווערט דערמאָנט אויך דער שותף אלם ארויסגעבער, ווערט צום סוף ספר דערמאָנט בלויז יעקב בר'

אפס תווים	קכו	אבותי כי בטחו	קמ
אתנם אכסכו	קכז	אתה האל עושה	קלח
אכי סוא הסואל	קכח	אתה האל עושה פלא	קלט
אריאל בהיותי	קכו	אדום נקום	קמ
משאת כפי	קכז	בתתי תספר	קמא
את הברית	קכח	פניך האר	קמב
אל ימעט	קכט	אתחנו לך יוצר	קמג
אומן יוסף	קל	אספוני מכוקות	קמד
אך בך לדל	קלא	אדאג מחטאתי	קמה
מאתך תהלתי	קלב	טעה כאסר	קמו
אליך נורי	קלג		
אדברים וירום	קלד	ותשלם כל המלאכה ביום א' כ"א	
אבן הראשה	קלה	טבט בשנת משך חסדיך ל	
אום קרואם	קלו	ליודעיך לפרט קטן:	

סליק

מנהג של קק וראנקבורט:

ותשלם את המלאכה שמורה בכל וערוכה לא נמצאת ככה ועל זאת אשא ברכה: והשם שעזרני עד כה להדפיס עיקור הסליחות הוא יעזרני להדפים הענף ושוכה ובזכותם נעלה מהגלות: כה תפלת המדפיס יעקב בר אברהם זל מקק מעזריטש דליטא הנקרא יעקב מוכר ספרים:

דער ענדע־בלאט פון די סליחות

אברהם פון מעזריטש, וועלכער טוט תפילה צו גאָט, ער זאָל אים העלפן און געבן כוח צו פארענדיקן די סליחות, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צוגרייטן צום דרוק. די סליחות זיינען טאקע דערשינען אינעם זעלבן פאָרמאט מיט א יאָר שפּעטער.

וואָס שייך דעם פּארקויף פון די ספרים, זעען מיר פון די הקדמות, אז דער מעזריטשער ייד יעקב בר אברהם האָט אויסגעשפּאנט גאנץ דייטשלאנד, געטראָגן אויפן רוקן זיין פּאק ספרים פון איין יידישן ישוב צום צווייטן, פון איין יריד צום צווייטן, און באזאָרגט סיי מענער און סיי פרויען, געלערנטע און סתם יידן מיט יידישקייט...

די וויכטיקסטע ספרים

אונדזער בן־עיר יעקב בר אברהם האָט ארויסגעגעבן א גרויסע צאָל ספרים. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען אָבער, אָן ספק, יענע וואָס אנטהאלטן הקדמות, און דאָס זיינען די פאָלגנדיקע:

„ברכת המזון" (אן עקזעמפּלאר געפינט זיך אין דער באדלע־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד, ענגלאנד);

„מחזור מכל השנה" (אן עקזעמפּלאר געפינט זיך אין דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאר, ניו־יאָרק. זיי האָבן אויך א קאָפּיע פון די סליחות);

„מעשה־בוך" (פּריוואט־ביבליאָטעק פון מר. יאפע, ניו־יאָרק).

דער באריהמטער ביבליאָגראף משה שטיינשניידער, האָט פארעפנטלעכט אין די „יאָרביכער פיר יודישע געשיכטע אונד ליטעראטור", 1889, באנד 9, ז. 84, אן ארבעט וועגן דעם „ברכת המזון"־ספרל. ער גיט איבער דעם אינהאלט, דעם שער און די הקדמה, פון וועלכע מיר גיבן דאָ אן אָפּשריפט.

דאָס ספר הויבט זיך אָן מיטן קאפּיטל כ"ג (מזמור לדוד ד' רועי) — „מזמור איין געזאנג צו דוד, גאָט איז מיין שפּייזע; ברכת־המזון; זמירות כל מקדש — „כל א יִדר (איעדער) מן דער דאָ הייליג דעם זיבנטן"; סדר הדלקת הנרות; אל ישועתי; „אחד יחיד" — א פּזמון פון אביגדור קרא; מעוז צור; סדר הכפרות; א חתונה־זמר — „דען זמר זינגט מן ווען חתן אונ' כלה ביי אונדר זיין"; קריאת־שמע; ברכות המילה; כי לו נאה; הגדה של פסח; קידוש; חד גדיא; „כי ווען צו אים איז שיין ווען צו אים צי מיט רעט" (הודו לד'), א אשליך יגון ואנחה; ברכת הנהנין; שלום עליכם.

ש ע ר ־ ב ל א ט

„ברכת המזון, דיא זמירות גידרוקט אין עברי אונ' אין טייטש דז (דאָס די ווייבר זאָלין זמירות זינגען אין אָך דיא ברכות... אונ' האָב איך מוסיף גיוועזן דיא מה נשתנה אויף טייטש דיא נאָך ניא איז אין קיין בענשין גישטנדין

און' אָך וויא מן טוט אין פסח בניאן. אז איר וועט (ווערדעט) הינטן שויאן במצות יעקב בר אברהם ז"ל טיהינגר עם השני יעקב בר אברהם ז"ל פאלק הניקרא יעקב מוכר ספרים ממדינות רייסן מק"ק מעדייטש (מעזריטש. — מ. ע.) דליטא אצל בריסק. פה בסילהי... בדפוס קונראד וואלדקירך וביתו בשנת מש"ך (ש"ם — מ. ע.) חסדך ליודעיך לפ"ק".

הקדמה

„איך יעקב בר אברהם ז"ל דער שרייבר, אלה פרומה ווייבר, האָב דס טייטש־בענשין אין דרוק גיבראכט, דרום ליבה ווייבר האָט אָך אויף מיר אכט, און' טוט מירש בלט אָבקויפין, אז איך אָך בלד צומיינס ווייב און' קינט טון לויפן, דען איך בין גיוועזין דרייא יאָר אין טייטשלנט, איך האָף צו גאָט מיין קינדר ווערין האָבן דער פון קיין שנט (שאַנד. — מ. ע.), דען איך האָב ספרים אום געטראָגין, איך האָף מן מיר קיין בייז ניט נאָך זאָגין, איך האָב מיך אָך וואָל טון דרינן האלטין, מן האָט מיך אָביר אָך וואָל געהעלטין, ועק ספרים טרעגר בין איך גינגט, מן קעניט מיך אין גנץ טייטשלנד, איך האָף איך ווער איין שכר מצוה דער פון האָבין. מן הינט אין אלה ישובים נאָך מיר טון פראַ־גין, ווען וועט דער ספרים טרעגיר קומען הער, אז ער מעכיט אונדז ספרים ברענגין מער, דען דער היים האָב איך נישט גיהט בעו"ה צו ברעכין נאָך צו בייסן, ווען איך בין שאָן גיזעשין אין רייסן, אָבר אין אשכנז (דייטשלאנד. — מ. ע.) האָט גאָט דער אלמעכטיג מאנר ניט שון פרגעשין, איך האָף אָן אים, איך וויל אָן אים ה"ו אָך ניט טון פרגעשין, דרום האָב איך אייך דאָש טייטש בענשין דרוקן צו לעץ, און' נימען צו שערץ, אז איר מעכט אלה שבת טון דרינן לייאן, זאָ מעכיט זיך אייער העריץ דרינן טון פרייען, איך האָף איר וועט אן מיר גודינקין לטובה אלה צייט, ווען איך ווער זיין פון אייך וועיט, דרום ליבה ווייבר טוט מיר בלט אָבקויפן, אז איך ווער קענען בלט צו מיינס ווייב און' קינט לויפן, דען דיא צייט איז מיר שיר צו לנג, און' מיינס ווייב און' קינדליך ווערן אך שיר זיין בנג, דא מיט וועט איר זוכה זיין, אז איר וועט בלט קומען אין הייליגן לנט ארייַן, דאָש בעט אייער דינר יעקב פאלק מוכר ספרים".

מהזור מכל השנה

ד"ר ריווקינד אין זיין ארבעט, וועלכער איז בעיקר געווען פאראינטערע־סירט צו ברענגען די שטעלן פון דער הקדמה אויף וויפל ס'האָט געהאט א שייכות מיט זיין טעמאטיק, האָט נישט געהאלטן פאר נויטיק צו ברענגען די הקדמה אינגאנצן און ער האָט אויסגעלאָזט טייל זאצן פון איר. מיר פון אונדזער זייט האלטן פאר אינטערעסאנט צו געבן א יידישע איבערזעצונג פון דער הק־דמה צום מחזור, באגלייט מיט דעם פאָטאָסטאט פון העברעאישן אָריגינאל:

„ברוך ד' אלקי ישראל מן העולם עד העולם וועלכער האָט אונדז געהאָלפן

אַנצוהויבן דרוקן קליינע מחזורים, פון א גאַנץ יאָר, מנהג אַשכנז צום זכות פון א רבים און אויך ווייל כ'האָב געזען, אז עס איז שטאַרק נויטיק פאַר יידישע קינדער, בפרט אין דער דאָזיקער צייט ווען יידן גייען און קומען, וואַנדערן און וואַגלען פון מדינה צו מדינה, פון שטאָט צו שטאָט און פון פלאַץ צו פלאַץ מיט סחורה און אַנדערע געברויכבאַרע זאכן, האָב איך געטראַכט אָפּצודרוקן א


ברוך יי אלהי ישראל מן העולם ועד העו
אשר עזרנו להתחיל להדפיס מחז
קטנים מכל השנה כמנהג האשכנזים למען ז־
כו את הרבים וגם בראותי צריך גדול אל כל
ישראל ובפרט בזמן הזה שהיהודים עוברים ושב
הולכים ומתנדדים ממדינה למדינה ומעיר לע
ומתקום למקום עם סחורה ובמאר כרכיה:
אמרתי בהיות כי נדפס מחזור קטן להקל המשא
להיות ביד כל אחד ואחד ובפרט שיזדמני הירידי
דק"ק פרנקפורט בשלש רגלים ובימים נוראי
להיות בידו להביא עמו לקהילה הקדושה בירי
אשר חנני אלהים וכזה יצא ידי חובתו וגם או
ראיתי בפני האורחים עומדים חוץ לבית הכנסי
רבים שנה והנה ואינם משגיחים על השליח ציבו
לומר ג"כ פיוטים והסיבה הוא שאין ביד כל אחר
ואחד מחזור ע"כ נתעוררתי וגם הסכימו הרב
בעלי בתים דק"ק פרנקפורט להדפיס זה המחז
להיות מצוי ביד כל אחד ואחד כמו תפילה קטנ.
ובזה יוצא כל אחד ואחד ידי חובתו וכן יזכינו ה'
לעשות ספרים אחרים אין קץ לשם ולתפארת יה
וכן מלפני השמים לתת לנו עוז ותעצומות להד־
פיס הרבה כאשר עם לבבינו ה' בידינו י.
אליר כה תפילת ערבכם יעקב פאלק:

פאקסימיל פון דער הקדמה צום מחזור

קליינעם מחזור צו פאַרלייכטערן די משא, וואָס זאָל זיך קענען געפינען ביי יעדן איינעם, בפרט ווען די ירידים אין פראַנקפורט פאַלן אויס אין די שלש רגלים און אין די ימים־נוראים; זאָל ער עס האָבן מיט זיך ווען ער קומט קיין פראַנקפורט די קהילה קדושה, צום יריד, און מיט דעם וועט ער יוצא זיין דעם חוב. אויך האָב איך מיט מיינע אויגן געזען ווי די אורחים שטייען לעבן בית־

הכנסת, זיי לויפן אהין און צוריק און הערן זיך נישט צו צום שליח־ציבור און זאָגן אויך נישט קיין פּיוט, און די סיבה פון דעם איז דאָס וואָס נישט אַלע האָבן א מחזור, דערפאר האָב איך זיך אויפגעוועקט און אויך די רבנים און בעלי־בתים פון פראנקפורט האָבן מסכים געווען אָפּצודרוקן אָט דעם מחזור, וואָס זאָל זיך געפינען אין באזיץ פון יעדן איינעם, א מין קליינע תפילה און מיט דעם וועט איעדער איינער יוצא זיין דעם חוב זיינעם. און אזוי זאָל אונדז גאָט דערמעגלעכן צו מאכן נאָך אומצאָלבארע ספרים וואָס זאָלן זיין לשם ולתפארת; און עס זאָל זיין דער ווילן פון דעם הימל צו געבן אונדז שטארקייט און מוט אָפּצודרוקן פיל ספרים, ווי מיר ווילן און גאָט זאָל אונדז מצליח זיין, אמן כן יהי רצון, אייער קנעכט יעקב פאלק".

דאָס „מעשה־בוך"

דאָס פון יעקב בר אברהם ארויסגעגעבענע „מעשה־בוך", ווערט פאררעכנט אלס איינע פון די קלאסישסטע ספרים, וואָס דינען אלס יסוד פאר דער פאָר־שונג פון יידיש־לשון און האָט געהאט א גרויסע השפּעה אין דער שאפונג פון יידישע פּראָזע פאר פיל, פיל יאָרן. די פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך, זיי־נען נישט געקומען צו קיין איינפארשטענדעניש נישט וועגן דעם, ווען דאָס „מעשה־בוך" איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל און נישט וועגן דעם, ווער עס איז אייגנטלעך איר מחבר. דער פאקט, וואָס ר' יעקב בר אברהמס אויפ־לאגע פון באזעל פון יאָר 1602, איז דערווייל דאָס עלטסטע מעשה־בוך וואָס איז בנמצא, קען דערפירן צו דער פראגע, אפשר איז טאקע די אויסגאבע די עלטסטע און אפשר איז דער ארויסגעבער יעקב בר אברהם איר מחבר?

ד"ר משה שטיינשניידער אין זיינער אן ארבעט, פארעפנטלעכט אין דעם דייטשן זשורנאל „סאראפּעאום" (''Sarapeum'', 1866, ז. 2), האלט אז עס איז געווען א פיל עלטערע אויסגאבע פונעם „מעשה־בוך" און אז אונדזער בן־עיר איז אויך באשטימט נישט געווען איר מחבר. אויך ד"ר צינבערג אין זיין „געשיכטע פון דער ליטעראטור" (באנד 6, ז"ז 210/211) מאכט אויך די זעלבע אויספירן. שטיינשניידער און צינבערג באזירן זייער טעזיס, אז דער מעזריטשער יעקב בר אברהם איז נישט דער מחבר און אויך נישט דער ערשטער ארויס־געבער פונעם „מעשה־בוך" דערמיט וואָס אינעם שער־בלאט זאָגט זיך, אז דאָס בוך אנטהאלט „דרייא הונדרט אונ' עטליכה מעשים", בעת אין זיין אויפלאגע געפינען זיך פיל ווייניקער פון דער אָנגעגעבענער צאָל.

אָבער נישט אלע זיינען מסכים מיט דעם ארגומענט. ד"ר ריווקינד איז נישט ווייניקער איבערצייגנד אין זיין ענטפער דערויף און ער האלט, אז אפשר האָט דאָס בוך טאקע געזאָלט אנטהאלטן „דרייא הונדרט אונ' עטליכה מעשים", נאָר מחמת פארשידענע סיבות פון וועלכע די וויכטיקסטע האָט געקענט זיין

דאָס מאנגל אין געלט, האָט ער אָפּגעדרוקט בלויז 251 מעשיות און געלאָזט דעם שער־בלאט אומגעענדערט. ס'שיינט אויך, אז מאַקס ערִיך (זע „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור") און שמואל ניגער, זיינען נישט גענויגט אָנצונעמען די מיינונג, אז ס'איז געווען א פריערדיקע אויסגאבע.

דער באקאנטער ביבליאָגראף בן־יעקב, האלט אז דער פארפאסער פונעם „מעשה־בוך", איז געווען דער פוילישער ייד אשר לייזער חין. די מיינונג ווערט אָבער נישט אָנגענומען פון די רעשט פאָרשער פון דער יידישער ליטעראטור.

די היסטאָריקער וואָס האלטן אז די אויסגאבע פונעם „מעשה־בוך" פון יעקב בר אברהם איז די ערשטע, גיבן דערביי צו אז די גאנצע צוזאמענשטעלונג געהער צו אים. אמת, ער האָט זיך באנוצט מיט די שוין באקאנטע איבערזעצונגען, וואָס ער האָט געפונען אין „כפתור ופרח" פון יעקב בן יצחק לוצאטאָ (דערשינען אין באזעל אין יאָר 1590), און מיט אנדערע פריער דערשינענע עברי־טייטש־ספרים, אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען כלערליי מעשיות און אגדות פון תלמוד, מדרשים און אנדערע ספרים; אָבער ער האָט דאָס אלץ צונויפגעזאמלט, רעדאקטירט און עס געגעבן א סטיליסטישן חן.

ווילן מיר נישט זיין דער מכריע אין דער דאָזיקער פלוגתא. מיר האָבן דאָס אלץ געברענגט בלויז מיט דער כוונה אונטערצושטרייכן די גרויסע וויכטיקייט און אויפטו פון אָט דעם באשיידענעם פארלעגער יעקב בר אברהם און זיין ביישטייער פאר יידיש־לשון און יידישע ליטעראטור פון היסטאָרישער באדייטונג.

דער שער־בלאט

„איין שיין מעשה בוך, קומט הער איר ליבן מאנן אונ' ורויאן *) און טוט דאָש מעשה בוך אָן שויאן, דאָש נאָך נון וייל דער עולם שטיט אין דרוק איז וואָרדן גיבראכט, מיט דרייא הונדרט אונ' עטליכה מעשים דאָ דיא זיין אלע אויש דיא גמרא גימאכט אונ' אָך אויש דען רבתה **) אונ' בחיי אונ' אָך רבי יהודא החסיד מעשים וועט אייך אָך קיינר טון פעלין, אונ' אָך אויש דען ספר החסידים אונ' ספר מוסר אונ' אויש דען ילקוט וויא איר וועט הינטון אין מיינן סימנים טון זעהן. דרום איר ליבן ורויאן, איר האָט נון די טייטש ביכר אל ואר, איצינדר האָט איר אָך די טייטש גמרא, אזוי וועט איר האָבן כל התורה כולה גאָר".

הקדמה

„גאָט יתברך שמו אליין צו מיר (ערע), דער מיר האָט גיהאָלפין מיין ביגיר, וועלכעש איך מיך האָב לנג ויר (פיר) גינומן, צו דינן דיא ווייבר די

*) דאָס וואָרט פרויען, ווי אויך אנדערע ווערטער, וואָס לייענען זיך מיט א „פ", פלעגט מען אין אלטן יידיש שרייבן מיט א „ו".

**) מדרש רבה.

ורומן (פרומען), איך האָב נון ויל ספרים אויף גירוכט, נאָך אישט דאָך, גיגן דיזם ווערק אלער ניכט, דען דאָ ארויש לייאנן, רב אונ׳ רביצין אונ׳ אירר מאן. טרויץ איינעם דער דאָ ויל גמרא קאָן, ווער ער מדרשים ומעשים ואגדות הערוישר ווירפין (שאפן?) דש (דאָס) זיך כל עולם אויף אים ווערט וארגאפיין אונ׳ אידר מאן זאָגן מוש: איך גלויב ער קאָן כל התורה אויף אינם פויש (פוס): וויא קאָן ער בקיאות אויש דר גמרא. איך גלייב ער קאָן כל התורה, ווער האָט זיין גלאכנש גיזעהן, צו אלי זאכן זאָגט ער איין הלכה למעשה וואָש דאָ אישט גישעהן, צו צייטן וואָרדן זיך מענכיר אָן אינם מעשה שטאָשן (שטויסן), זיין בויזי (בייזע) מחשבות אונ׳ בויזי ווערק אב־לאָשן (אָפּלאָזן), דען מענכים משל ומעשה טוט מענכין ויל גוטש ליידן, ער הלט מענכין בייא גוט אונ׳ בייא אירן, דרום איר ליבנן מאנן אונ׳ ורויאן, לייאנט איר אופט דארויש, זאָ ווערט איר דריען ביהויען אונ׳ ניט צו לייענן אויש דעם ביכר פון קויאן *) (קו־בוך) אונ׳ כון דיטריך פון בערן אונ׳ מיינשטר הילדאָ בראַנט **) זלט איר אָך אייך ניט טון מיאן, נון עש זיין ווערליך איטל שמיץ. זיא געבן איך ניט. ווארום נוך היטץ, אָך זינן זיא ניט געטליך דער בייא, איר בדרפט וואָל אז איריש גוט פר צייא. אונזירי ספרים שרייבן עש איז איין זינט אז איין הויש (הויז) צו לייאן אין דעם הייליקן שבת דר אויש, ווע׳לט איר אייער צייט מיט לייאנן ורטרייבן, אזו וויל איך אין שן (שיין) מעשה בוך שרייבן, דרום איר ליב ורויאן, קויפט איר זי ביהינד (געשווינד), אי זי וורדן קומן אין פרעמד לענדר, אין פיהם (בעהמען־טשעכן) אונ׳ אין רייסין אונ׳ אין פוילן, אזו ווערט מן זיא אָך טון ווידליק פוילן אונ׳ אנדרן לענדרן מער: דרום קויף דאָ זיא זיין גוועזן נייערט אין לאנד, איצינדר וועל איך גערן איינש צאָלין ווען איך קענן ניט איינש ביקימן בלד. דרום לאָשט איירש אום איין טאָלער ניט זיין צו טייער. אזוי ווערט אייך גאָט בהיטן ור (פאר) בייזן און גיהייאר אמן סלה.

„במצות יעקב בר אברם מק"ק מעזריטש דליטא, פה בסיליאה בשנת שס"ב לפ"ק ע"י האדון קונראד וואלדקירך".

מיטן ארויסגעבן דאָס מעשה־בוך און אנדערע ספרים, האָט אונדזער בן־עיר געשטעלט א וווּנדערבארן דענקמאָל אויפן קבר פון דער שטאָט צו וועלכער ער האָט געבענקט, ווען ער האָט געטראָטן איבער וועגן און שטעגן אין מדינת דייטשלאנד — פון ווענען דער חורבן איז געקומען מיט 340 יאָר שפּעטער.

---

*) קו־בוך — א זאמלונג פון משלים פון אברהם בן מתתיהו, ווערא‌נע׳ 1594.

**) דיטריך פאָן בערן — דיטריך איז דער היסטאָריש באקאנטער טעאָדאָריך (493—526); ער איז געווען א וואסאל פון דעם הוננען־קעניג אטטילון — א נישט־יודישע געדיכט, וואָס יידישע שפּילער האָבן געזונגען אין די געטאָס און איז שפּעטער געוואָרן פארעפנטלעכט אין בוך־פאָרם. מיינסטער הילדע בראנט — די ערשטע גערמאַנישע געדיכט, וואָס איז אויך געווען פאָפּולער ביי די דייטשע יידן.

אויסצוגן פון חברה־קדישא־פנקס

דער דריטער טייל פון ר׳ מאָטל פרידמאַנס העפט „בר אבהן״, איז געווידמעט די אויסצוגן פון דעם פנקס פון דער חברה־קדישא. אין אייניקע ערטער גיט ער צו צו די רעקאָפּילאַציעס זיינע באמערקונגען, צו וועלכע ס׳וועט פון אונדזער זייט אויך אויסקומען עפּעס מיטצובאמערקן.

פאַרוואָס ר׳ מאָטל האָט דווקא אויסגעקליבן גראָד די נעמען, וועלכע מיר ברענגען אין דער ווייטערדיקער רשימה, איז נישט אינגאַנצן קלאָר פאַר אונדז. זיין פעסטשטעלונג, אז ער טוט עס, כדי עס זאָל בלייבן א זכר נאָך די פאַרשטאָרבענע, מאַכט אויך נישט פאַרשטענדלעכער דעם אויסוואַל. ס׳בלייבט נאָך ווייטער די זעלבע שאלה: פאַרוואָס בלויז די אָנגעגעבענע נעמען פון די נפטרים. ווען מען זאָל אפילו אָנעמען, אז ער האָט ספּעציעל אויסגעקליבן „אנשי שם״—אָנגעזעענע פּערזאָנען— קען מען נאָך אַלץ אָפּפרעגן די סעלעקציע; וואָרום, עס איז מער ווי זיכער, אז מיט דער רשימה זיינען נאָך נישט אריינגענומען געוואָרן אַלע חשובים פון שטאָט. בכל אופן דאַרפן מיר אים דאַנקבאַר זיין פאַר דעם אינטערעסאַנטן און נוצלעכן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט א נדז איבערגעלאָזט פאַר דער דערגענצונג און מקור פון אונדזער ארבעט.

1. — **האשה רחל אלמנת ר׳ ליבוש בר״ש דיין** (זע פּאַראַגראַף 1, צווישן די דיינים) נפטרה ביום... (עס פעלט די דאַטע אין פנקס.— מ. ע.)
2. — **הרב מוהר״ר משה במהור״ר ארי׳ אב״ד דק״ק ראַדזין**; נפטר י״ג אייר תע״ב (1712).
3. — **ה״ה התורני הראש מוהר״ר אלי׳ כ״ץ, חמיו של הרב דק״ק פ״פ** דמיין; נפטר... ניסן תעהייא (1715).

פרידמאַן באַמערקט, אז דער אות „ה״ איז געשריבן אזוי ווי מען רעדט אים אַרויס, היינו — הייא. ער האָט אויך געמאַכט אַן אָפּשריפט פון זיין מצבה, וואָס געפינט זיך אויפן אַלטן בית־עולם:

פ ה נ ט מ ן
האיש חשוב צדיק וישר מהור״ר
אלי׳ כ״ץ יד כ״ה ניסן תע״ה לפ״ק

פרידמאן שטעלט זיך אָפּ אויפן אויסדרוק יד כ״ה. ער מיינט, אז דער מחבר פון דעם טעקסט וויל מיט דעם אָנדייטן אויף זיין הייבן די הענט צום דוכנען. וואָרום, יד קען נישט זיין די ראשי־תיבות פון יום ד׳, ווייל כ״ה ניסן איז דעמאָלט אויסגעפאלן אין א זונטיק. ס׳איז א חידוש פארוואָס פרידמאן שטעלט זיך נישט אָפּ דערויף וואָס אין דעם טעקסט פון דער חברה־ קדישא, ווערט ער דערמאָנט אלס שווער פון פראנפורטער רב, ר׳ אבוש, בעת דער לעצטער איז ערשט געוואָרן דאָרט רב גאנצע 45 יאָר נאָך ר׳ אליה׳ס טויט. דאָס קען זיך דערקלערן דערמיט, וואָס די אויסצוגן פון דעם פנקס, זיינען נישט אלע אָריגינעלע. דער דאָזיקער פּנקס איז געשריבן געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער און דער איבערשרייבער האָט ארייגקאָפּירט געוויסע נעמען פון דעם אלטן פנקס. דעמאָלט איז שוין ר׳ אבוש געווען פראנקפורטער רב און דערפאר באַ־ צייכנט ער דעם ר׳ אלי׳ כ״ץ אלס „שווער פון פראנקפורטער רב״. דער טיטול „הראש״, וואָס פיגורירט אין פּנקס, איז אים געגעבן געוואָרן דערפאר ווייל ר׳ אלי׳ איז אויך געווען ראש־הקהל. מיר ווייסן שוין פון פריער, אז ער האָט פארטראָטן מעזריטש אין ועד ארבע ארצות.

4. — ע״ז דוה לבנו כי נפלה עטרת ראשינו ה״ה הרב החסיד מוהר״ר שמואל מגיד ישרים בבהמ״ד דקהלתנו; נפטר ביום ט״ו שבט תפ״חיתל (1728).

5. — האשה החשובה וצנועה וצדקנית רייזיל בת הרב הגאון מהור״ר אב״ד דק״ק בריסק, אשת הרב המאוה״ג החסיד מהור״ר הירש אב״ד דקהילתנו יצ״ו (ישמרו צורו וגואלו); נפטרה ביום... אדר תפ״חיתל (1728).

זי איז געווען די ערשטע פרוי פון דעם אויבנדערמאָנטן ר׳ צבי הירש און די מוטער פון די באַרימטע רבנים, ר׳ מרדכי ליסער און זיין ברודער ר׳ אבוש פראנקפורטער.

6. — הרבני החסיד מההור״ר ארי׳ ליב במהור״ר מנחם מאגיס דיין קבוע בקהילתנו; נפטר ביום... סיון תפ״טיתל (1729).

7. — ה״ה הישיש הר״ר אשר לעמיל חמיו של מוהר״ר א׳ ליב המ״ל; נפטר ביים... כיון תפ״מיתל.

8. — האשה חשובה וצנועה הרבנית מרת צינא אשת הרב מהור״ר משה אב״ד דק״ק ראדזין הנ״ל; נפטרה כ׳ חשון תצ״אל (1731).

וואָס ס׳האָט געבראַכט דעם ראדזינער רב מיט זיין רביצן קיין מעזריטש, ווו זיי זיינען ביידע געשטאָרבן, ווייסן מיר נישט. ווייזט אויס, אז ייי האָבן געוויינט א לענגערע צייט אין מעזריטש. בעת דער מאן איז נפטר געוואָרן אין 1712, איז די פרוי געשטאָרבן מיט 19 יאָר שפּעטער.

.9 — האשה זקינה חשובה וצנועה מרת יטא (יעטא) חמותו של הרב דק״ק פ״פ דמיין; נפטרה ב׳ חשון תצ״דל׳ (1734).

זי איז געווען ר׳ אלי׳ כ״ץ׳ס ווייב און פרידמאן באמערקט דאָ, אז אויך די רשימה אין פנקס, איז א קאָפּיע פון דעם אַלטן פנקס און מחמת דעם ווערט זי דערמאָנט אלס שוויגער פון פראנקפורטער רב, ווייל דעמאָלט ווען די קאָפּיע איז געמאכט געוואָרן, איז שוין ר׳ אביש געווען רב אין פראנקפורט. אגב, דער דאָזיקער פנקס, פון וואנען ר׳ מאָמל האָט געמאכט זיינע אויסצוגן, שטאמט פון יאָר תקכ״ז (1767).

.10— ע״ז דוה לבנו אוי כי חטאנו נפלה עטרת ראשינו גאון עוזינו ה״ה הרב המאוה״ג החסיד המפורסם מהור״ר הירש, בהרב המאוה״ג החסיד המפורסם מהור״ר אברהם אב״ד ור״מ דקהילתנו; נפטר ביום... תמוז תצ״דל׳ (1734).

פרידמאן באמערקט, אז דער טאָג פון דעם רבס פטירה, איז געווען י״ד תמוז; פון דעם זעען מיר, אז ר׳ יוסף לעווענשטיין און אלע אנדערע היסטאָרי־קער וואָס האָבן זיך באזירט אויף אים, זיינען געווען אומגערעכט, ווען זיי האָבן אָנגעגעבן, אז ר׳ צבי הירש׳ס פאָטער האָט געהייסן אליעזר; מיר ווייסן, אז זיין נאָמען איז געווען אברהם און ממילא פאלט אוועק דער יסוד, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אויפן סמך פון דעם קארדינאלן טעות.

.11— ה״ה הרבני המופלא מהור״ר דוד במהור״ר יונה שהיה נקרא בחייו ר׳ יונש דיין קבוע בקהילתנו; נפטר ביום ש״ק (שבת קודש) י״ד סיון תצ״טיתל׳ (1739).

.12— ה״ה התורני מהור״ר נתן במהור״ר יואל דיין קבוע בקהילתנו יצ״ו; נפטר ביום א׳ כ״ו אדר תק״דל׳ (1744).

.13— ע״ז (על זאת) דוה לבנו נפלה עטרת ראשינו ה״ה הרבני המופלג החסיד המפורסם מהור״ר אשר במהור״ר יונה מגיד מישרים בבהמ״ד דקהילתנו; נפטר ביום ו׳ עש״ק ה״י סיון תק״דל׳.

.14— ה״ה התורני מהור״ר יואל בהר״ר אברהם דיין קבוע בקהילתנו; נפטר ביום... כסלו תק״הייאל׳ (1745).

.15— ע״ז דוה לבנו כי נפלה עטרת ראשינו ה״ה הרבני במופל׳ (ג) החסיד המפורסם מהור״ר אשר במהור״ר יונה מגיד מישרים בבהמ״ד דקהילתנו; נפטר ביום ה׳ כ״ה אלול תק״זיין (1747).

.16— ה״ה הרב מהור״ר יוסף יעסיל (יאָסיל?) דיין קבוע בקהילתנו; נפטר ביום... אדר תק״יודל׳ (1750).

17.— ה"ה האלוף *) ומרומם איש חסיד מוהר"ר הירש במהור"ר יוסף; נפטר ביום ג' כ"ד כסלו תקי"אל' (1751).

18.— ה"ה התורני מהור"ר משה במהור"ר הירש דיין קבוע בקהילתנו שהיה נקרא בחייו ר' משה נאמן. (מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אז נאמן איז געווען דער מענטש וועלכער האָט געהאַט דעם קהלשן אמט פון פינאַנצן. טיילמאָל איז דער אמט אָנפארטרויט געוואָרן איינעם פון די דיינים); נפטר ביום ג' כ"ב תשרי תקי"גימל' (1753).

19. — האשה חשובה וזקינה מרת שיפרה אלמנת ר נתן דיין; נפטרה ביום ב' ה' אדר ראשון תקי"גימל' (1753).

20.— ה"ה התורני מהור"ר ישעי' בר' שמואל דיין; נפטר ביום ה' ו' אייר תקט"ואול' (1756).

21.— ע"ז דוב לבנו כי נפלה עטרת ראשינו גאון עוז ה"ה הרב הגאון הגדול המפורסם מהור"ר יהודה ליב אב"ד ור"מ דקהילתנו יצ"ו; נפטר ביום ד' ה' תשרי תקט"זיין (1756).

22.— הרבני מהור"ר ארי' ליב במהור"ר יהודה שמש דיין קבוע בקהיל־תנו; נפטר ביום ו' עש"ק ז"ך תמוז תקי"זיינל' (1757).

23.— האשה חשובה צנועה וזקינה מרת הענא אלמנת המנוח הרבני מהור"ר אשר ז"ל מגיד מישרים בבהמ"ד דקהילתנו; נפטרה ביום ו' עש"ק י"ב שבט תקי"טיתל' (1759).

24.— ה"ה התורני המופלא בתורה ובחסידות ומתמיד בלימודו מהור"ר מרדכי בהר"ר יהודה לייב; נפטר אור ליום א' ד' ניסן תקי"טיתל' (1759).

25.— האשה הצנועה מרת רוזא בת מהור"ר זוסמן דיין אשת מהיר"ר בצלאל; נפטרה ביום ו' עש"ק ר"ח אייר תקי"טיתל' (1759).

26.— האשה הצנועה וזקינה מרת שפרינצא בת הרב הגאון מהור"ר דוד לידא שהי' אב"ד דק"ק אמשטרדם; נפטרה ערב חג הסוכות תקכ"גימל' (1763).

א שאָד וואָס דער פארצייכנער האָט נישט אָנגעגעבן מער פרטים. ס'איז בלי שום ספק, אז די מרת שפרינצא האָט געהאַט א מעזריטשער פאר א מאן און בכלל געהאַט א שייכות צו מעזריטש. ס'וואָלט אונדז געהאָלפן עטאבלירן דעם שייכות צווישן אָט דעם גרויסן רב און אונדזער שטאָט. ס'איז אויך מעגלעך,

*) דער טיטול „אלוף" באצייכנט מן־הסתם, אז ער האָט געהערט צו דער קהילה־אָנפירערשאפט.

אז זי האָט זיך אויפגעהאלטן ביי איר פלימעניק, ר' זיסקינד בר' פתחיה, וועל־כער האָט געוווינט אין אונדזער שטאָט *).

27.— האשה הרבנית מרת חי' אלמנת המנוח הרב ר' יודל אב"ד דק"ק קאָצק; נפטרה ביום ג' אדר תקכגימ"ל (1763).

די לייענער וועלן זיך דערמאָנען, אז ביים סוף פון קאפיטל „רבנים אין מעזריטש", האָבן מיר ארומגערעדט וועגן א געוויסן ר' יהודה אידיל, וועלכער ווערט דערמאָנט פון זיין אייניקל, אלס געוועזענער רב אין „קאָצק ובייאלי ומעזריטש". מיר האָבן געבראכט א באווייז פון דער פארצייכעניש, אז עס האנדלט זיך וועגן אונדזער מעזריטש. לויט די אויבנדערמאָנטע פארצייכעניש פון זיין אייניקל קומט אויס, אז אין מעזריטש איז ער געווען רב צומלעצט. מעגלעך אז אזוי איז עס געווען. דאָס וואָס ער ווערט כסדר באצייכנט אלס אב"ד דקאָצק, קען זיין ווייל אזוי איז ער געווען מפורסם. אזוי איז דער פאל פון א סך רבנים און מגידים וועלכע זיינען געבליבן באקאנט לויט דער שטאָט ווו זיי זיינען געווען, כאָטש זיי זיינען שפעטער אוועק פון דאָרט. דאָס וואָס זיין רביצן איז געשטאָרבן אין מעריטש, איז ממילא אויך א שטיקל באווייז דערצו. ווידער, אויב ס'זאָל אזוי' זיין, ווי מיר דרינגען ארויס, וואָלט דאָך די חברה־קדישא געדארפט האָבן פארשריבן אין איר פנקס זיין פטירה; מאכט דאָס אונדז דענקען, אז דער סדר פון די שמעס, וואָס ווערן דאָרט אָנגעגעבן, איז נישט קיין גענויער. דאָס וואָס זיין רביצן איז געשטאָרבן אין מעזריטש, איז אויך נישט קיין באווייז, אז ער איז געווען צומלעצט רב ביי אונדז; עס קען זיין, אז זי האָט געהאט דאָרט ווינען קינדער און ווען זי איז געבליבן אן אלמנה, האָט זי זיך צוריק באזעצט אין מעזריטש.

28.— ה"ה התורני מהור"ר דוד בן הרב דקהילתנו; נפטר ביום ה' כ"ד ניסן תקכ"גימל' (1763).

ווער איז געווען דעמאָלט מעזריטשער רב? עס קען נישט זיין, אז דאָ מיינט מען ר' יהודה אידיל; וואָרום זיין רביצן, וועלכע איז געשטאָרבן מיט קנאפע צוויי חדשים פאר דעם ר' דודן, ווערט דאָך באצייכנט אלס אן אלמנה.

29.— ה"ה הרבני מהור"ר זאב וואָלף בר' ישראל בריסקער דיין קבוע בקהילתנו; נפטר ביום ה' ט"ו תקך"גימל' (1763).

30.— על זה דוה לבנו כי נפלה עטרת ראשינו ה"ה הרבני במופלא הישיש מהור"ר שמחה בהרב מהור"ר שמשון סג"ל ראש ב"ד דקהילתינו יצ"ו; שנפטר ביום ד' ו' אדר תק"ל (1770).

*) זע באמערקונגען וועגן זעלבן אינעם קאפיטל „מתנגדים און חסידים אין מעזריטש".

31.— על זה דוה לבנו ודמעותינו על לחיינו מאין הפוגות, על פטירת ה״ה הרבני החריף אשר לא פסק פומיה מגירסא יומם ולילה מהור״ר משה במהור״ר שמשון; שנפטר ביום ב׳ ר״ח אדר שני תקלהייא״ל׳ (1775).

32.— ע״ז דוה לבנו על פטירת האברך הרבני המופלג אשר לא פסק פומי׳ מגירסא יומם ולילה מוהר״ר ארי׳ יהודה ליב במהור״ר שמואל סג״ל; נפטר ביום ג׳ י״ג חשון תקל״טיתל׳ (1779).

33.— ע״ז דוה לבנו על פטירת ה״ה הרבני מהורר״א זיסקינד במהור״ר יונה שהי׳ הפועל והמתעסק והצייר בבנין ב״הכ בקהילתנו שיוגמר במהרה בימינו, אוי לנו כי חטאנו שאבדנו אותו צדיק, כי צדיק אבד לדורו אבד, חבל על דאבדין ולא משתכחין; נפטר ביום שבת קודש ר״ח מנחם אב תקלטית״ל׳ (1779).

ווי מיר זעען, לויט דער באצייכענונג, איז אָט דער ר׳ זיסקינד געווען אן אויסגעצייכנטער מאָלער. ער איז אויך געווען א גרויסער למדן; וואָרום, ער ווערט טיטולירט אויפן זעלבן אופן ווי עס ווערט דאָס געטאָן ביי דיינים און גרויסע לומדים; ער ווערט אָנגערופן „רבני". ער ווערט אויך טיטולירט אַלס צדיק און עסקן; ווייל ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן בוי פון דער שול, דאָס איז די שול, וועלכע איז אָפּגעברענט געוואָרן אין דער צייט פון ר׳ עוזרס רבנות און זי איז אין זיין צייט צוריק אויפגעבויט געוואָרן. פון פוילישע מקורים ווייסן מיר, אז די שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן זעלבן אָרט, ווו עס איז פריער געשטאַנען די אַלטע שול, און די זעלבע שול האָט אויך שפּעטער אָפּגעברענט אין דער צייט פון ר׳ אליעזר הרל״פּ. ווי מיר האָבן שוין פריער געברענגט, האָט יענע שריפה בלויז באשעדיקט די אינעווייניקסטע איינריכטונגען, אָבער נישט דעם בנין גופא, וואָס איז באשטאַנען פון זייער דיקע ווענט.

34.— על זה דוה לבנו וחבל על דאבדין ולא משתכחין על פטירת אב בחכמה ורך בשנים ה״ה הרבני המופלג מוהר״ר אליעזר בר׳ שמואל סג״ל זצ״ל; נפטר ביום ג, כ״א מנחם (אב) תק״מ לפ״ק (1780).

35.— ע״ז דוה לבנו על פטירת האברך רך בשנים הרבני המופלג אשר לא פסק פומי׳ מגירסא מהור״ר צבי הירש... הנקרא בחייו ר׳ הירש חעלימער; נפטר ביום ד׳ ב׳ דר״ח כסלו תקמד״ל (1784).

36.— הר״ר יהודה ליב בהגאון מ׳ יהושע; נפטר ביום א׳ י״ט מנחם (אב) תקמו״ל (1786).

37.— ה״ה הרבנית פיגלא אשת הרב המאור הגדול החסיד המפורסם כבוד מהור״ר צבי הירש אב״ד דקהילתנו; נפטרה ביום ד׳ אסרו חג של הה״מ (חג המצות) פסח תקמז״ל (1787).

די פרוי פייגעלע, איז געווען די צווייטע פרוי פון דעם מעזריטשער רב און איז געווען די טאָכטער פון ר׳ יצחק זשאַלקאָווער *).

38.— **על אלה אני בוכי׳ עיני עיני יורדה מים על פטירת הרבני איש תם וישר לא פסק פומי׳ מגירסא ה״ה מהור״ר יוסף בהרבני הגאון הגדול המפורסם מהור״ר יהושע**; שנפטר ביום ג׳ ר״ח טבת תקמח״ל (1788).

ווי מיר זעען, איז דער נפטר געווען א ברודער פון דעם אויבנדערמאָנטן ר׳ יהודה לייב בר׳ יהושע. עס איז נישט קלאָר צי דער ר׳ יהושע, וועלכער ווערט טיטולירט „הגאון הגדול המפורסם", איז ערגעץ ווו געווען רב, אָדער ער איז געווען איינער פון די חשובע שטאָט־בעלי־בתים. דאָס צווייטע איז וואר־שיינלעכער, ווארום דער ר׳ יהושע ווערט נישט באצייכנט אלס אב״ד אָדער דיין. אויך דער פאקט, וואָס זיינע צוויי זין זיינען געשטאָרבן אין מעזריטש, איז א באווייז, אז דאָס איז געווען אן אלט־איינגעזעסענע משפחה.

39.— **האשה הזקינה והשובה פעשי אשת ר׳ אבלי סג״ל מגיד מישרים דקהילתנו**; נפטרה ביום שבת קודש ח׳, אדר ראשון תקמח״ל (1788).

40.— **ה״ה התורני צדיק וחסד המרומם מהור״ר משה חר״ו (חריף ובקי)**; נפטר ביום ו׳ עש״ק ה׳ אייר תקנה״ל (1795) **ועל אלה עיני יורדה מים על פטירת הנ״ל כי מימיו לא פסק פומי׳ מגירסא.**

41.— **ע״ז ידוו כל הדווים על פטירת התורני והרבני שלא פסק מגירסא** פומי׳ ה״ה מהור״ר צבי הירש **חר״ל** (החתן ר׳ לייב: מעגלעך, אז ער איז געווען אן איידעם פון דעם אויבנדערמאָנטן ר׳ יהודה לייב בהגאון מ׳ יהושע. — מ. ע.). **חר״ג (חריף גדול)**: נפטר ביום ה׳ י״א שבט תקנו״ל (1796).

42.— **ה״ה התורני והרבני המופלג מ׳ יוסף חמרמרא** (וויינשענקער, וויינ־מאכער?) **אשר עסק בתורה יומם ולילה ולא פסק פומי׳ מגירסא**; נפטר ביום א׳ תשעה עשר בחודש אדר א׳ תקנו״ל.

43.— **האשה הצנועה פריידא בת הרבנית פיגלא**; נפטרה ביום ב׳ עשרה ימים בח׳ מר חשון תקנט״ל (1799).

ס׳איז אָן שום ספק, אז די רבנית פיגלא, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, איז די זעלבע וועלכע ווערט פריער דערמאָנט (פאראגראף 37), די צווייטע ווייב פון דעם מעזריטשער רב ר׳ צבי הירש. פון דעם קענען מיר מאכן דעם אויספיר, אז ר׳ מאטל פרידמאן איז נישט געווען גערעכט מיט דעם וואָס ער שרייבט, אז ר׳ צבי הירש האָט מיט איר חתונה געהאט, ווען זי איז נאָך געווען א „ילדה"—

*) זע קאפיטל „מעזריטשער רבנים" — ר׳ צבי הירש דער צווייטער.

א מיידל. עס איז קלאָר, אז די פארשטאָרבענע פריידא איז נישט געווען ר׳ צבי הירש׳ס טאָכטער; וואָרום, ווען דאָס וואָלט אזוי געווען, וואָלט דער כראָניקער גיכער איר מיחס געווען צום רב איידער צו זיין פרוי. איז פון דאַנען געדרונגען, אז די פריידא איז געווען די טאָכטער פון פיגלא פון איר ערשטן מאן און זי איז שוין געווען אן אלמנה, ווען זי האָט חתונה געהאט פאר ר׳ צבי הירשן.

44.— **על זה לבי דוה על פטירת הרב המופלא כבוד מהור״ר אברהם במהור״ר יהודה ליב זצ״ל שהיה אב״ד דקהילתנו; נפטר ביום ב׳** כ׳ מנחם אב תק״ע לפ״ק (1810).

פרידמאן באמערקט, אז דאָ ווערט באריכות דערציילט אין פנקס, אז אין יאָר תק״ע האָט די מאכט גוזר־געווען מ׳זאָל מער נישט באערדיקן קיין מתים אויפן אלטן בית־עולם און מ׳זאָל איינשאפן א נייעם בית־עולם. דער כראָניקער טרויערט שטארק אויף דער שווערער גזירה און ער חתמעט: „היום ד׳ אחד באלול תק״ע בפקודת האלופים דה״ק יהודה יודל בלא״א מוה״ה מוהר״ר יוסף כ״ץ זצללה״ה ספרא דפק״ק מעזריטש יע״א *).

46.— **האשה הצנועה הרבנית מ׳ מושקא בת מ׳ ארון כ״ץ שהיתה אשת הרב מוהר״ר נחמן אב״ד דקהילתנו יצ״ו;** נפטרה ביום ג׳ כ״ג מרחשון תקעד״ל (1814).

47.— **על זה דוה לבו על פטירת ה״ה הרבני מהור״ר אליעזר במהור״ר גרשון שהיה מגיד מישרים בקהילתנו וע״ז ידוו כל הדווים. אוי לנו כי חטאנו שאבדנו אותו צדיק, כי צדיק לדורו אבד, חבל על דאבדין** ולא משתכחין; נפטר ביום ו׳ עש״ק ב׳ דר״ח טבת תקעד״ל.

48.— **ע״ז דוה לבו על פטירת הרבני מו״ה אלי׳ במהור״ר יהודה ליב זצ״ל שהי׳ נקרא בחייו ר׳ אלי׳ דיין;** נפטר ביום ג׳ כ״ו טבת תקע״ז לפ״ק (1817).

49.— **ה״ה הרבני הצדיק מהור״ר ישראל איסר בן המנוח הרב מקאָברין שהי׳ חתן הרב דפה״ק;** נפטר ביום ה׳ כ״ה מרחשון תקפד״ל (1824).

דער פארשטאָרבענער איז געווען ר׳ נחמנס איידעם, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט געלעבט.

50.— **קראו למקוננות ואשה קינה על פטירת הרבני המופלג מהור״ר יעקב במהור״ר דובער חתן הרבני מוהר״ר יוסף דיין, ביום ה׳ ד׳** להודש כסלו תקצ״ל (1830).

*) זע וועגן דעם יהודא יודל אין קאפיטל „מתנגדים און חסידים".

51.— ע"ז דוה לבנו על פטירת הרב המופלג בתו"י (בתורה ויראה) הרבני יוסף במהור"ר פתחי' שהיה נקרא בחייו ר יוסל טשעמערניק (טשע־מערניקער), ביום ד' כ' לחודש כסלו תק"ץ לפ"ק (1830).

52.— יום ב' כ"ב לחודש שבט תק"ץ (1830) לפ"ק נפטר ה"ה הרבני המופלג בתורה וביראה מו"ה מיכל דוד במו"ה יוסף שהי' מתגורר אצלנו ועסק באמונה בתורת ד' יום ולילה והוא היה מק"ק ראדזין.

53.— יום ה' א' דחו"הפ על זה דוה לבנו והבל על דאבדין ולא משתכחין על פטירת הרבני מוהר"ר יצחק שהי' מגיד מישרים בקהילתנו ומוכיח לבבים במו"ה יעקב שהי' מ"מ בק"ק זאמושץ.

פרידמאן באמערקט, אז דער פארשטארבענער איז דער זון פון דעם באַ־קאנטן דובנער מגיד און אז דאָס איז געשעען אין יאָר תקצ"א (1831), בעת דער כאָלערע־עפּידעמיע. אין זעלבן טאָג, זיינען געשטאָרבן נאָך 12 מענטשן. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין פרייטיק דעם צווייטן טאָג חול־המועד, יונ־טיק דעם פערטן חול־המועד און דינסטיק אחרון של פסח; אין די טעג זיינען געשטאָרבן נאָך צוואנציק מאן *).

54.— יום ש"ק ג' דחוה"פ ספדו והילילו על זאת על פטירת הרבני המופלג מו"ה משה במו"ה יהודה יודל שהי' דיין מצוין בקהילתנו והי' נקרא ר' משה טשעמערניקער וחבל על דאבדין ולא משתכחין. (ער איז געווען נאָך א קרבן פון דער עפּידעמיע).

55.— יום ג' אחרון ש"פ קראו למקוננות וספדו על זאת על פטירת הרבני המופלג מו"ה יעקב בהרבני מו"ה יהודה „שפּירא" שהי' ש"ץ בבהמ"ד וריבץ תורה לרבים כל ימיו.

אויך ער איז געווען א קרבן פון דער כאָלערע. ווי עס שיינט האָט רעמאָלט אויך דער שטאָטישער בהמ"ד געהאט א געצאָלטן חזן.

56.— בו ביום (ד' א' דר"ח אייר תקצ"א — 1831) נפטר ה"ה הרבני מו"ה משה ברוך חתן ר' לייבלי בר' יוסף דיין.

57.— אלו וקוננו וספדו והלילו על פטירת הרבני המופלג בתו"י יום ולילה לא פסק פומי' מגרסא מו"ה שמואל אפרים חתן „הלוי" הכהן, ביום ג' ד' תמוז תקצ"אל' (1831).

58.— ספדו והלילו על האי גברא רבא שנאסף והלך לעולמו ה"ה החריף ובקי ולא פסק פומי' מגרסא כבוד מ' יהודה ליב בהרב מוהר"ר אברהם שהי' רב בקהילתנו חשכה עינינו ונפלה עטרת ראשינו; נפטר ביום ב י"ב ימים בחודש תשרי תקצ"בל' (1832) חולירע (כאָליערע).

*) זע אין קאפּיטל „מגידים אין מעזריטש".

פרידמאַן באַמערקט: „ער איז געווען באַקאַנט אַלס ר׳ לייבקע דעם רבס און מ׳האָט אים שטאַרק געריזמט מיט זיין צידקות. אין „אבל יחיד" (פון ר׳ בערוש פלאהם) ווערט ער באַצייכנט אַלס „הרב הגאון המפורסם".

59.— על זה דוה לבנו על פטירת הצדיק בן צדיק ה״ה הרבני ורך בשנים מ׳ זיסקינד בהרבני החריף מ׳ יהודה ליב ביום ג׳ ד׳ דחוה״ה סוכות.

ווי עס איז צו זען, איז דער נפטר געווען דער זון פון דעם אויבנדערמאָנטן ר׳ לייבקע דעם רבס. דאָס יאָר פון זיין פטירה איז נישט אָנגעגעבן. עס איז אָבער אָנצונעמען, אַז זיין פטירה איז געשען אין זעלבן יאָר, היינו תקצ״ב. וואָרום די קומענדיקע פאַרצייכענישן פון טויט־פאַלן זיינען פון זעלבן יאָר. דאָס איז טאַקע געווען אַ שרעקלעכע טראַגעדיע: טאַטע און זון זיינען געשטאָרבן אין איין וואָך. עס איז אַ סברא, אַז אויך ער איז געווען אַ קרבן פון דער כאָלערע און עס איז דערפּר אַ ווונדער, וואָס סיי די חברה־קדישא און סיי ר׳ בעריש פלאהם, אין זיין „אבל יחיד", דערמאָנען נישט דעם פאַקט. אין פנקס פון בית־הכנסת ווערט דערמאָנט, אַז אין יאָר תקצ״ד (1834), האָבן ביידע פרויען, ר׳ לייבקעס און ר׳ זיסקינדס ווייבער, פאַרקויפט די „שטעט" אין שול, וואָס זיי האָבן געהאַט בירושה.

60.— בואו וספדו כל אנשי קהילתנו על פטירת הרב המאור הגדול אב״ד דקהילתנו שנים ועשרים שנים ה״ה מ׳ נחמן בן הרב המפורסם שהי׳ איש מופת הנקרא ר׳ יעקילע מארש; נפטר ביום העשרים ימים בחודש מנחם אב שנת תקצ״בל׳ (1832).

61.— ע״ז ידוו כל הדווים על פטירת הרבני המופלא האברך מו״ה אברהם ליב במוהר״ר צבי יום ולילה לא פסק פומי׳ מגרסא ונקרא בחייו ר׳ אברהם ליב מתמיד, ביום ה׳ ח׳ ימים לחודש טבת תקצב״ל (1832).

62.— ביום ד׳ שמונה עשר בחודש סיון תקצ״ג (1833) נפטר החריף המפורסם מוהר״ר אהרן בהמנוח מ׳ זאב וואָלף הנקרא בחייו ר׳ וואָלף פאשעשיר (פאסעסאר. — מ. ע.).

פרידמאַן באַמערקט: „דאָס איז הרב הגאון הצדיק המפורסם הנקרא ר׳ ארוש מינץ ז״ל... ער... און זיין פרוי, די צדיקת מרת רבקה ז״ל, האָבן איבערגעלאָזט אויף עולמות און פאַרשידענע צדקות די געוועלבן וואָס מען רופט גן־עדן־קלייטלעך. זיי ברענגען אריין אַ גרויסע הכנסה און ער האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע צוואה, וועלכע ער האָט אַליין געשריבן..." די דאָזיקע צוואה ווערט אויך דערמאָנט פון ד״ר מ. הענדל אין זיין שוין דערמאָנטער אַרבעט, „מעזריטשער פנקסים". ער ציטירט דאָרט דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן ציטאַט: „ידעו הממונים למנות תחתיהם רק אנשים בעלי תורה יראי ד׳ וגם בטוחים אפס לא מאנשים מנהיגי מנהג ספרד גם מהבתי דירות לא יחכרו על בית התאספות מנהיגי ספרד — די באַשטימטע זאַלן וויסן צו באַשטימען אויף

זייערע פלעצער נאָר אזעלכע, וואָס זיינען בעלי־תורה און גאָטס־פּאָרכטיקע און אויך פארלעסלעכע אָבער נישט פון יענע מענטשן וואָס פירן זיך לויט מנהג ספרד (דאָס הייסט חסידים) און פון די דירות זאָל מען אויך נישט פארדינגען פאר פארזאמלונגען פון מנהג ספרד". (ער האָט אודאי געמיינט פאר חסידים־שטיבלעך און אפילו א חסידישן רבין. — מ. ע.).

אינטערעסאנט, ר' מאָטל פרידמאן דערמאָנט נישט דעם שטעל אין דער צוואה. ער זאָגט בלויז, אז די צוואה איז „א שטארקע און א גוטע". חסידים פלעגן זאָגן, אז אין דער צוואה איז אויך געשטאנען, אז מען זאָל נישט פאר־דינגען „פאר בתי־זונות (הייזלעך) און חסידים־שטיבלעך". די דאָזיקע ווערסיע איז אביסל א צווייפלהאפטע; ד"ר הענדל וואָלט אזא אויסדרוק זיכער נישט געוועז אדורכגעלאָזט. ווי עס זאָל נישט זיין, באווייזט עס, ווי שטארק עס איז געוועז זיין קעגנערשאפט צו חסידות.

ר' ארוש מינץ האָט געשטאמט פון גרויסן יחוס. ער איז געווען אן אייניקל פון דעם לעגענדארן פוילישן קעניג אויף איין טאָג, ר' שאול וואל מצד דעם מעזריטשער רב, ר' נתן נטע קאצענעלענבויגן, שטאם־פאָטער פון דעם מעזריטשער צווייג פון דער פאמיליע, וועלכער איז געשטאָרבן אין ירושלים אין תמ"ט (1689). ער האָט געטאָן די בעסטע שידוכים מיט זיינע קינדער. אין „אבל יחיד", פון ר' אברהם דוב בעריש פלאהם (ווארשע, תקצ"ג—1833), איז אָפּגעדרוקט א הספד א. נ. „קינה על מות הרב הגדול החריף שר וגדול בישראל, הגביר המפורסם כבוד קדושת שמו המנוח מהור"ר אהרן בן הגביר המפורסם מהור"ר זאב זלה"ה, הנקרא ר' ארוש מינץ אשר קוננתי עליו ביום מיתתו ח"י סיון תקצ"ג פ"ק מעזריטש".

דער מספיד זאָגט צווישן אנדערע שבחים אויפן מת: „ער האָט זיך איינגעשטעלט מיט אלע זיינע כוחות, אז אלץ זאָל געטאָן ווערן לויט משפט און יושר. אזוי האָט ער זיך געפירט סיי אין זיינע אייגענע ענינים און סיי אין זיין הנהגה פון כלל־זאכן" — „כי מה כמוהו חרף נפשו להעמיד המשפט על תלו, ולהציב ההנהגה על אדני היושר אם בעניני עצמו, ואם בעניני ועסקי הצבור אשר על כולם יפלס נתיב ההנהגה. יורה לפניהם ארחות הישרה". ער איז זיכער געווען ראש־הקהל.

זיין אייניקל, מאגיסטער שמואל מינץ פון ריגע, האָט אויפגעשריבן א יחוס־בריוו (75) וואָס מיר האלטן פאר וויכטיק צוצוגעבן צו אונדזער ארבעט. צוליב זיין היסטאָרישן ווערט; ווי אויך דערפאר ווייל עס באשטעטיקט ר' מאָטלס השערה, אז דער ר' נתן נטע קאצענעלענבויגן, וועלכער איז נפטר גע־וואָרן אין ירושלים אין תמ"ט, איז געווען רב אין מעזריטש.

די משפחה מינץ

ערשטער דור... ר' אליעזר הלוי.

צווייטער דור... ר' אליעזרס זון, דער גרויסער גאון ר' יהודה

(יודא) מינצי (ד. ה. אז ער האָט געשטאמט פון דער דייטשער שטאָט מינץ. ווען מען האָט אין יאָר רכ"ב (1462) פון דאָרט פארטריבן די יידן, איז ער אוועק קיין איטאַליע און איז געוואָרן ראש פון דעם בית־דין אין פאַדוואַ (פּאַ־דואַ). אין רס"ט (1509) איז ער נפטר געוואָרן. פינף טעג שפּעטער איז נפטר געוואָרן דער בארימטער דון יצחק אברבאַנ׳ל און מען האָט אים מקבר געווען נעבן ר׳ יהודאן).

דריטער דור... זיין זון ר׳ אברהם מינץ. אויך ער איז געווען נשיא פון דעם בית־דין אין פּאַדואַ.

פערטער דור... זיין טאָכטער חנה; פרוי פון דעם גאון ר׳ מאיר בר׳ יצחק קאצענעלענבויגן. אויך ער איז געווען נשיא פון דעם פּאַדוער בית־דין.

פינפטער דור... זיין זון ר׳ שמואל יהודא קאצענעלענבויגן. אויך ער איז געווען נשיא פון דעם בית־דין.

זעקסטער דור... זיין זון, דער גאון און שר ר׳ שאול וואל (לעגענדארער פּוילישער מלך).

זיבעטער דור... זיין זון, ר׳ מאיר וואל, בריסקער רב (ער האָט פּרעזידירט די גרינדונגס־פארזאמלונג פון דעם ועד מדינת ליטא, נאָכדעם ווי די ליטווישע יידן האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם אלגעמיינעם ועד פון אלע פּוילישע יידן. ווי מיר האָבן שוין וועגן דעם געשריבן אין אונדזער ארייַנפיר, האָט דער ועד ליטא צוליב דעם כבוד פון ר׳ מאיר וואל, באשלאָסן אָפּצוהאלטן אלע אסיפות פון דעם ועד אין בריסק, אזוי לאנג ווי ער וועט לעבן. — מ. ע.).

אכטער דור... זיין זון ר׳ נחום, רב אין סלוצק. (דער פאָרשער מגיד שטיינשניידער (76) שרייבט, אז ר׳ נחום איז נישט געווען ר׳ מאירס א זון, נאָר זיינער אן איידעם. ר׳ נחומס פאָטער האָט געהייסן ר׳ נתן נטע און איז געווען רב אין הילדעסהיים, דייטשלאנד. — מ. ע.).

ניינטער דור... ר׳ נתן נטע, רב אין מעזריטש (מיר האָבן שוין געשריבן וועגן אים. לויט דעם נאָמען זיינעם שיינט, אז הלל מגיד שטיינ־שניידער איז גערעכט, היינו, אז ר׳ נחומס פאָטער האָט געהייסן ר׳ נתן נטע און האָט געשטאמט פון הילדעסהיים. אָבער קיין פעסטער באווייז איז עס נישט. קעגן דעם האָבן מיר א שטארקערן באווייז. ר׳ נתן נטע דער מעזריטשער רב האָט זיך גערופן קאצענעלענבויגן, וואָס איז געווען, ווי מיר האָבן עס אויבן געזען, דער פאמיליע־נאָמען פון ר׳ מאיר וואלס משפחה. מיר קומען צום אויספיר, אז ר׳ נחום איז געווען אן איידעם פון דעם הילדעסהיימער רב און ער האָט א נאָמען געגעבן זיין זון נאָך דער פרוים פאָטער. — מ. ע.).

צענטער דור... ר׳ דוד, רב אין קאָצק.

עלפטער דור... ר׳ מנחם נחום (רב אין סעמיאטיטש. — מ. ע.).

צוועלפטער דור... זיין זון ר׳ יצחק.

דרייצענטער דור... ר׳ זאב וואָלף (דאָס איז דער זעלבער ר׳ זאב וואָלף פּאָסעסאָר. מאגיסטער מינץ ברענגט, אז ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, אז דער דאָזיקער עלטער־זיידע האָט זיך אָנגעהויבן רופן מיט דעם פאמיליען־נאָמען מינץ. — מ. ע.).

פערצענטער דור... ר׳ ארוש מינץ.

ר׳ ארוש מינץ האָט געהאט זעקס זין און דריי טעכטער:

1. — ר׳ אלכסנדר זיסקינד מינץ. ער האָט געוווינט אין בראָד, גאליציע. דער בארימטער געלערנטער שד״ל (שלמה דוד לוצאטאָ) פון פּאַדוא האָט זיך מיט אים געקענט. אין דער הקדמה צו זיין זאמלונג פון די שירים פון ר׳ יהודה הלוי, שרייבט שד״ל אזוי: „וישתבח שם של החכם אלכסנדר זיסקינד מינץ מעיר ברודי, אשר בראותו אותי אוהב הפיוטים ומקבץ כל מיני מחזורים בדפוס ובכ״י, יעצני לעשות רשימה על סדר א״ב מכל הפיוטים הנמצאים בהם, ואני בחודש טבת תר״ה (1845 ליאנואר) החילותי לעשות לוח הפייטנים... והערכת הנסחאות השונות האלה היתה לי לעזר גדול לתקן כמה לשונות בפיוטים... פּאדובה בתמוז תרכ״ד (1864)״.

2. — ר׳ מתתי׳ מינץ.

3. — ר׳ אביגדור (ער האָט זיך גערופן גרינבערג).

4. — ר׳ הירש קלאצקא. ער איז געווען אן איידעם פון דעם בארימטן ווילנער חשוב און עושר, ר׳ שמואל יהודה קלאצעס.

ר׳ הירש איז געווען א גרויסער עסקן. איבערהויפּט האָט ער געשטיצט מיט א ברייטער האנט אלע משכילישע אונטערנעמונגען און איז געווען שטארק באאיינפלוסט פון דער בערלינער השכלה. ער האָט געהאָלפן גרינדן אין ווילנע א דריי־קלאסיקע גימנאזיע פאר יידישע קינדער און איז דערפאר באערט געווארן מיט א מעדאל פון דער רעגירונג אין פעטערבורג. צוזאמען מיט דעם ווארשעווער משכיל און גביר דוד טעביל טעפּליץ, האָט ער פינאנסירט די אויסגאבע פון דעם תנ״ך מיט משה מענדעלסאָנס „ביאור״.

זיין הויז אין ווילנע, איז געווען א צענטער פאר יידישע און נישט־יידישע אינטעליגענץ. זיין זון יודל האָט ער געגעבן א מאָדערנע דערציאונג און געהאלטן אלס לערער פאר אים די בארימטע ווילנער משכילים, ווי ר׳ שמואל יוסף פיין און דעם העברעאישן שריפטשטעלער טריוואוש. פאר זיין בר־מצוה, האָט דער קליינער יודל אָנגעשריבן א קליינעם העפט מיט העברעאישע שירים, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די משכילישע קרייזן אין ווילנע; און דער גרעסטער העברעאישער שריפטשטעלער דעמאָלט, גינצבורג, האָט געשריבן א בריוו צו זיין טייערן פריינד און משכיל יהודה קלאצקא, אין וועלכן ער דריקט אים אויס אָנערקענונג, פאר זיין אינטערעס אין דער העברעאישער ליטעראטור און

זאָגט, אז איצט קען ער רואיק אוועקלייגן די פען, וויסנדיק אז ער לאָזט איבער אזא יורש.

ווען יודל איז אלט געוואָרן 12 יאָר, האָט ער אויך ארויסגעגעבן א ביכל מיט פוילישע לידער א. נ. „מאָיא פיערווּשאַ אָפּיאַראַ", וואָס האָט ארויסגערופן די גרויסע אנטציקונג פון דעם העברעאישן דיכטער שלמה זאלקינד, וועלכער האָט לכבוד דעם געווידמעט א שיר דעם יונגן פּאָעט.

לײדער האָט די ריכטונג פון דער בערלינער השכלה, וואָס האָט אין עצם געזוכט צו דערווייטערן די יידן פון זייער מקור און זיי אסימילירן מיט די נישט־יידישע שכנים — גובר געווען די ווילנער און גאליציאנישע השכלה, וואָס איז אין תוכן אויסן געווען בלויז צו פארוועלטלעכן די יידן, אָבער נישט זייער אויסמישן זיך מיט די נישט־יידן. דער קליינער קלאצקא איז אוועק ביז צום אסימילאַמאַרישן עקסטרעם. ער האָט זיך אלץ מער און מער איבערגענומען מיט דער פוילישער ליטעראטור, אויף אזוי ווייט, ביז ער האָט זיך געשמדט און געוואָרן אן אייפערדיקער קאטאָליק און זיך געפירט ווי א פוילישער פּריץ, אין אלע זיינע באנעמונגען. ער איז געוואָרן איינער פון די אָנערקענטסטע פוילישע דיכטער און שריפטשטעלער. ווען נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך מיט אים באגעגנט, ווען ער איז שוין געווען אלט, אין קראָקע און זיך מיט אים צעשמועסט וועגן זיין יוגנט, יידישקייט און העברעאישן וויסן, איז דאָס אלץ געווען פאר אים כמעט אינגאנצן פארגעסן. קלאצקא איז טאקע געוואָרן דורך און דורך א קאטוילישער פּאָלאַק (77).

עס איז פריקרע דער פארגלייך, אויף ווי ווייט עס איז געווען דער מרחק צווישן אים און זיין זיידן ר' ארוש מינץ, פאר וועמען די חסידים זיינען נישט געווען גענוג פרום און כשר; און ער האָט אזש פארבאָטן צו פארדינגען א הויז פון זיינע אייגנטומס פאר א חסידישן מנין....

5. — ר' יהודה לייב מינץ; געשטאָרבן אין מעזריטש אין תרכ"ב (1862). אין דער וואַרשעווער „הצפירה" איז געווען אָפּגעדרוקט א לענגערע קאָרעספּאָנדענץ פון מעזריטש, ווו עס ווערט איבערגעגעבן וועגן דעם גרויסן פארלוסט, וואָס די שטאָט האָט געליטן מיט זיין טויט. עס ווערט דאָרט דערציילט, אז נישט געקוקט אויף זיין גרויס עשירות און עסקים, איז ער תמיד געזעסן און געלערנט; און ער האָט אויך פארמאָגט א זייער רייכע ביבליאָטעק. ער איז געשטאָרבן פּלוצים, שבת פרשת פקודי, אין עלטער פון קרוב 60 יאָר.

6. — ר' מנחם נחום מינץ. ער איז געשטאָרבן אין ביאליסטאָק, ווו ער האָט זיך באזעצט. מאגיסטער שמואל מינץ איז געווען זיין אייניקל.

7. — חנה, די פרוי פון דעם ווילנער חשוב ר' אורי צבי גינצבורג (זע, ווייטער וועגן אים).

8. — צנה גאָלדע; זי האָט חתונה געהאט פאר דעם גרויסן למדן אליעזר לאנדא.

9. — טויבע לאה; זי איז געווען די פרוי פון דעם אויבנדערמאָנטן ווילנער עושר און עסקן ר׳ שמואל יהודה קלאצקא. (הפנים, אז זי איז געווען זיין צווייטע פרוי, וואָרום איר ברודער הירש איז דאָך געווען שמואל יהודהס איידעם).

ר׳ ארושעס זון, אלכסנדר זיסקינד מינץ פון בראָד, האָט געהאט א באַרימטן זון. זיין נאָמען איז געווען ר׳ מאיר מינץ. ער איז געווען אי א גרויסער למדן און אי א באדייטנדיקער געלערנטער. ער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע שריפטן אין דייטש, ווי „איין ווארט צור צייט״ (לעמבערג, 1848) און זיין צווייט בוך „לעלעווער קאמפף פיר רעכט אונד ווארהייט אונד די יודען פיינדע״ אין וועלכע ער האָט שטארק אָנגעגריפן די אנטיסעמיטן. צוליב זיין אָנזען אין לעמבערג, האָט אים די קהילה אויסגעקליבן אלס איר פרנס. ער איז געווען א שטארק רעליגיעזער ייד און ווען ער איז געשטאָרבן, האָבן אים מספיד געווען די בארימטסטע רבנים און געלערנטע, צווישן זיי דער לעמבערגער רב, ר׳ שאול נאטאנזאָן.

דער סדר־היוחסין פון מאגיסטער מינץ שטימט נישט, אין געוויסע פרטים, מיט די, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון הלל מגיד שטיינשניידער, אין זיין אויבנדערמאָנטן „עיר ווילנא״.

לויט מגיד שטיינשניידער, איז אורי בער גינצבורג געווען אן איידעם פון „הרב הגדול ר׳ אלכסנדר זיסקינד מינץ״ און ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן, האָט ער חתונה געהאט מיט איר מומען, צינא גאלדע, ר׳ ארושעס טאָכטער. לויט מאגיסטער מינץ, איז ר׳ אורי בער געווען דער מאן פון ר׳ ארושעס טאָכטער חנה, בעת צינא גאָלדע איז געווען ר׳ אליעיר לאנדאָס ווייב. פון זיין ערשטער פרוי האָט אורי בער געבוירן א זון, וועמען ער האָט א נאָמען געגעבן אריה לייב, נאָך זיין בארימטן פאָטער און פון זיין צווייטער פרוי, צינא גאָלדען, האָט ער געהאט א זון מתתיהו, נאָך זיין זיידן. אינטערעסאנט, אז אויך צינא גאָלדע האָט געהאט צוויי מענער. מאגיסטער מינץ דערקלערט, אז ווען צינא גאָלדעס מאן, לאנדאָ איז געשטאָרבן, איז זי געוואָרן די פרוי פון דעם בארימטן גאון ר׳ יהושע מארשאלקאָוויטש פון דובנע (זע, „עיר דובנא ורבניה״ פון פנחס פעסים — קראָקע, תרס״ב, 1862 — וועגן דער משפחה מארשאלקאָוויטש. דער שטאם־פאָטער פון דער משפחה איז געווען פרנס־המדינה, וועמען מען פלעגט אין אמאָליקן פוילן רופן מארשאלעק).

ר׳ אורי בער גינצבורג האָט חתונה געהאט א דריט מאָל, ווען זיין צווייטע פרוי איז אים געשטאָרבן. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם בארימטן סטריער רב, ר׳ ענזיל, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאכט נישט נאָר מיט זיין גאונות, נאָר אויך מיט זיין קאמף קעגן חסידיזם. איר נאָמען איז געווען רבקה און זי איז געווען שטארק געאכטעט אין מעזריטש. ר׳ אורי בער האָט געטאָן גרויסע יחוס־שידוכים מיט זיינע קינדער. זיין עלטסטער זון האָט חתונה געהאט מיט

דער טאָכטער פון דעם גרויסן עושר און חשוב, ר׳ משה יצחק לעווין, פון קארלין. זיינע אנדערע מחותנים זיינען געווען: הרב ר׳ מאיר זוסמאן פון אָסטראָ; ר׳ מרדכי זאב איטינגא הלוי, לעמבערגער רב. זיין טאָכטער חנה, האָט חתונה געהאט פאר ר׳ טוביה גינצבורג *), אן אייניקל פון ר׳ אורי בער; ר׳ שאול פאפירנע פון פאריטש (ער איז געווען ר׳ שמעון פאפירנעס פאָטער); מיט זיין שוואָגער, ר׳ אלכסנדר זיסקינד מינץ פון בראָד (לויט מגיד שטיינ־שניידער, איז ער געווען דער שווער פון זיין ערשטן זיווג); ר׳ יצחק לאנדאָ, ווילנער שטאָט־מגיד (מעגלעך, אז די גיטל לאנדאָ, וועלכע האָט איבערגעלאָזט עטלעכע מייערן אויף עולמות, איז געווען זיין פרוי). ר׳ לייבל האלפערין, איי־נער פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון בריסק; ר׳ שלמה ראָזענצווייג, איי־נער פון די שענסטע יידן אין מעזריטש און דער גרויסער גביר און עסקן ר׳ יודל אָפּאָטאָוו פון ווילנע, וועמענס זון, צבי הירש, האָט גענומען ר׳ טוביה גינצבורגס טאָכטער.

ר׳ אורי בער גינצבורג איז נפטר געוואָרן שבת, 23 אין אייר תרי״ט (1859). אין „הצפירה״ איז געווען אָפּגעדרוקט א גרויסע קאָרעספּאָנדענץ פון מעזריטש, וואָס באשרייבט דעם רושם וואָס זיין פטירה האָט געמאכט אויף די שטאָט־מענטשן. מיר לייענען צווישן אנדערעס:

„ביי אונדז איז געשטאָרבן א איש נכבד און מפורסם, הרב הגביר ירא־אלקים פון די מיוחסים פון ווילנע, א גרויסער בעל־צדקה און נאָבעלער מאן ר׳ אורי בער גינצבורג. נישט געקוקט אויף זיין גרויס עשירות, האָט ער תמיד געלערנט, און ווען די הצלחה האָט זיך פון אים אָפּגעטון און זיין איינציקע שטיצע איז געקומען פון די קינדער, האָט ער געטאָן א סך מיט יעדן נויטבאַ־דערפטיקן און ער איז געווען פרעזעס פון אונדזער שפיטאָל. פאָריקן ווינטער, איז געשטאָרבן זיין געלערנטע פרוי רבקה, די טאָכטער פון דעם בארימטן גאון ר׳ ענזיל, רב אין סטרי. איצט איז ער מער נישטאָ. אין טאָג פון דער לויה, האָט מען געשלאָסן אלע געשעפטן א האלבן טאָג לכבוד דעם נפטר. דער בארימטער גאון ר׳ רפאל יום טוב ליפמאן היילפערין (געוועזענער רב אין מעזריטש. — מ. ע.) איז ספעציעל געקומען פון ביאליסטאָק מספיד צו זיין דעם נפטר״.

ר׳ אורי בער האָט אליין צוגעגרייט דעם נוסח פון דער מצבה וואָס זאָל געשטעלט ווערן אויף זיין קבר נאָך זיין טויט. די מצבה האָט זיך געלייענט:

פ״נ

איש יודע ספר אוהב צדקות, בר אבהן, אהוב ונוח לבריות,
שלשלת היוחסין, אורי דוב בער בן הצדיק הרב הגדול מו׳ ארי׳
ליב ז״ל פייגעס מווילנא״.

---

*) ער איז געווען פון די ראשי־הקהילה.

63.— היום ו׳ עש״ק כ״ד אלול תקצג״ל (1833) נפלה עטרת ראשינו ושבק לן חיים ה״ה הרב החריף מוהר״ר מנחם מאניס סג״ל *).

64.— יום ו׳ טו״ב אדר שני תקצד״ל (1834) נפטר הרבני המופלג מהוה״ר זאב וואָלף בהרב מוהר״ר אברהם ז״ק האבד״ק קאדני.

65.— אשה יראת ה׳ היא תתהלל כפה פרשה לעני וידי׳ שלחה לאביון הצדקנית המפורסמת מרת רבקה אשת הרב המנוח מ׳ אהרן מינץ, ונפטרה יום ו׳ ב׳ דפסח תקצד״ל (1834).

פרידמאַן באַמערקט, אַז זי איז געווען ר׳ ארו׳שעס ווייב און זי האָט גע־האָלפן איר מאַן אויסבויען די „גן־עדן־קלייטלעך", וואָס זיי האָבן אָפּגעזאָגט אויף עולמות.

לויט מאַגיסטער מינץ, איר אור־אייניקל, האָט זי געשטאַמט פון ר׳ דוד לידאַס משפחה. מיר ווייסן שוין (זע, פּאַראַגראַף 26), אַז ר׳ דוד לידאַס טאָכ־טער שפרינצא, האָט געלעבט אין מעזריטש. זי איז מעגלעך געווען אירער אַן אייניקל אָדער איר־אייניקל.

66.— על זה דוה לבנו ונחשכו עינינו על פטירת רך בשנים ולא פסק פומי׳ מגירסא ה״ה מוהר״ר שמעון בהמנוח מ״ה צבי הירש בש״ק כ״ה ימים בחודש שבט שנת תקצוא״ו (1836).

67.— בליל ש״ק הנ״ל נפטר המופלג רך בשנים ועוסק יום ולילה בתורת ה׳ וגם בגמילת־חסדים ובהכנסת־אורחים מוהר״ר אברהם יצחק במ׳ בנימין שהי׳ חתן ר׳ אייזיק בר״מ.

פרידמאַן באַמערקט, אַז דאָס וואָרט הנ״ל, באַציט זיך נישט אויפן פּאַ־ראַגראַף 66, נאָר אויף אַ צווייטער פאַרצייכעניש פון י״א ימים בחודש מנחם אב תקצ״ז (1837). ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, האָט ר׳ מאָטל פרידמאַן נישט פאַרצייכנט אַלע פאַרשטאָרבענע. לויטן סדר ווי זיי זיינען געווען פאַר־שריבן אין דעם פנקס פון דער חברה־קדישא; ער האָט בלויז געמאַכט אַ סע־לעקציע לויט זיין אייגענעם איינזען.

68.— על זה דוה לבנו נפלה עטרת ראשינו ביום א׳ שנים עשר יום בחודש מנחם (אב) נפטר התורני מוהר״ר גדליה במהור״ר יצחק שהי׳ חתן הצדיק המנוח מוהר״ר הירש חיים שנפטר בארץ הקדו־שה בארץ־ישראל. (זאָל עס זיין ר׳ הירש חיים ראָזענצווייג, וועל־כער האָט אויסגעבויט דאָס בית־המדרש? — מ. ע.).

69.— ביום א׳ י״ג ניסן תקצחי״ת (1838) נפטר איש צדיק וישר העוסק מנעוריו בעבודת ה׳ באמונה מוהר״ר מרדכי במהור״ר שמשון ז״ל.

*) זע וועגן אים אין קאַפּיטל „מעזריטשער דיינים".

70.— ביום ש"ק כ"ז ימים בח' אייר תר"ג (1843) לפ"ק נפטרה האשה זקנה ממשפחה מיוחסת ושמה מרת בילא בת המנוח מו"ה מאיר מק"ק וואלטשין אחותה של הנגידה מ' פייא שהיתה אשת הרבני מו"ה עזריאל זעליג כמ"ץ ממעזריטש כמה שנים.

פרידמאַן באַמערקט: „דאָס וואָרט כמ"ץ שיינט צו זיין א ראשי־תיבות פון כמורה צדק. ער פלעגט עוסק זיין אין כלל־ענינים זיי זאָלן געטאָן ווערן כדין. די צוויי שוועסטער, בילא און פייא, זיינען עלטער־מומעס פון מיין פאָטער ז"ל".

71.— ביום ד' ב' ר"ח מרחשון נפטר ה"ה רך בשנים צנא מלא ספרי מו"ה ירוחם פישל במו"ה חיים מק"ק שטוצין, חתנו של הרב הדיין מו"ה אלי' בהרב הגאון מו"ה נחמן אשר הי' רב פק"ק מעזריטש, ור' פישל הנ"ל הוא נכד של הרבני מו"ה צבי הירש בלומקעס מק"ק ביאלא שנת תר"ד (1844) לפ"ק.

72.— אשה יראת ה' היא תתהלל כפה פרשה לעני וידי' שלחה לאביון, ה"ה האשה הצדקנית המפורסמת בת גדולים מ' שרה אשת המאוה"ג מ' אפרים אליעזר צבי חרל"פ הרב דפה מעזריטש; נפטרה ביום ד' כ"ו לחודש אייר תד"ר (1844) לפ"ק ונקברה בו ביום.

73.— יום ג' ב' שבט (תר"ז—1847) נפטר איש ת"וי הולך בדרך תמים לא פסק פומי' מגירסא ר' חיים טוביה בר' שלמה צירלס.

74.— יום ד י"ב אייר נפטר המופלג בתורה ר' ברוך מסמיטיץ (סעמיאַטיטש) נעשה ס"נ (סגי נהור — בלינד) יו"ד שנים קודם מותו והי' עוסק בתורה ולמד עם תלמידים בע"פ עד יום מותו. (ר' ברוך איז בלינד געוואָרן 10 יאָר פאַר זיין טויט און ער האָט געלערנט אויף אויסנווייניק מיט זיינע תלמידים).

75.— יום ה' ט"ז טבת (תר"ח — 1848) נפטר הישיש מו"ה עזריאל זעליג (דער מאַן פון דער אויבנדערמאָנטער פרוי בילא, זע פאַראַגראַף 70) בן הקדוש מ' צבי הירש שהי' עוסק כל ימיו בצרכי צבור ונקבר בו ביום.

(סיי דער כראָניקער און סיי פרידמאַן דערציילן נישט, פאַרוואָס דער צבי הירש ווערט גערופן „ק־וש". עס קען נישט זיין דערפאַר וואָס ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, ווארום עס וואָלט געדאַרפט זיין געשריבן הי"ד — גאָט זאָל זיך נוקם זיין פאַר זיין בלוט. אפשר האָט מען אים גערופן קדוש צוליב זיין הייליקן לעבנס־שטייגער).

76.— יום ב' כ"ד אדר נפטר הישיש החריף מופלג בתורה מוהר"ר יצחק הלוי שהי' נקרא ר' איצלי יאַייוער.

פרידמאַן באַמערקט, אז ער האָט געהערט נאָכדערציילן שבחים אויפן נפטר.

77.— על זה דוה לבנו נפלה עטרת ראשינו הרב הגאון מו' אליעזר אפרים צבי חרל"פ זללה"ה מטיקטין שהי' אב"ד דקהילתנו י"ז שנים; נפטר בליל ה' ה' אלול תר"ט (1849) לפ"ק *).

78.— יום ה' ד' דכסלן (תרי"ב — 1852) נפטר ראש־הישיבה. (ס'ווערט נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען און מער דאטן).

79.— על זה דוה לבנו על פטירת ה"ה הרבני המופלג הח"וב (חריף ובקי) מו"ה שרגא פייבול במו"ה שמואל הנקרא בפי כל פייבול ליקאוויסקער; נפטר ביום א' כ"ו אדר תרי"ג (1853) לפ"ק.

80.— על אלה אני בוכי' על פטירת ר' יאקיל חישעס שהי' דיין כמה שנים; שנפטר יום ש"ק כ"ג טבת תרי"ח (1858).

81.— יום ב' ט"ז תמוז נפטר ר' יעקל בר' צ"ז פישביין.

פרידמאן באמערקט: ער איז געווען רב אין פישטאץ (פישטשאטש) נעבן מעזריטש. מען האָט אים קובר געווען לעבן ר' אליעזר חרל"פ ז"ל.

82.— ביום ג' ב' דחוה"מ סוכות (תרכ"ו—1866) נפטרה האשה הזקינה חמות הרב הגאון דפה (ר' שמחה שמואלס שוויגער).

83.—הגאון הגדול החו"ב המפורסם ר' שמחה שמואל אבדפ"ק מעזריטש. מ"כ (מנוחתו כבוד) י"ב מנ"א (מנחם אב) תרכ"ז (1867) **).

84.— ביום ג' אדר תרכ"ח (1868) נפטר הצדיק המופלג הרב ר' אלי' בהרב הגאון ר' נחמן זצללה"ה.

85.— ביום ג' ב' דר"ה (ראש השנה) שנת תר"ל (1870) נטלה מאתנו עטרת ראשינו ה"ה ירא (ירא אלקים) הרבני הח"וב דיין דפה ר' ברכיה בר' יצחק כ"ץ זלה"ה.

86.— ביום א' כ"ב טבת נפטרה האשה המיוחסת גאלדא בת המנוח המפורסם החו"ב ר' לייבקע שהיו קוראין אותו בחייו ר' לייבקע דעם רבס, תר"ל (1870).

87.— יום ו' עש"ק ה' אדר ב' תרל"ב (1872) נפטר הרבני החשוב המופלג אשר הי' מנכבדי עירנו דפה ושמו ר' זונדיל חנוך בר' יוסף; נפטר בווילנא וחבל על דאבדין.

עס איז דאָ נישט קלאָר, צי דער נפטר איז געבראכט געוואָרן צו קבר־ישראל אין ווילנע אָדער מעזריטש. דער נפטר, איז געווען א זון פון דעם גרויסן מעזריטשער חשוב ר' יוסף זילבערשטראם, וועלכער איז געווען, לויט מאגיסטער מיניץ, אן איידעם פון ר' ארוש מיניץ.

*) אין די קאפיטלען „מתנגדים און חסידים" און „מעזריטשער רבנים" שרייבן מיר באריכות וועגן ר' לייזער חרל"פ.

**) זע וועגן אים אין קאפיטל „מעזריטשער רבנים".

88.— יום ו' עש"ק י"א ניסן נפטר איש יקר מופלג חסיד ועניו הרבני ישראל במו"ה שמואל האוועס. (הפנים אין 1872).

89.— בו ביום (כ"ב אלול תרל"ב — 1872) נפטר איש נכבד ויקר למדן מופלג מגיד מנורת המאור לפני רבים מ' ר' זאב במ' פתחי' אליעזר הלוי.

פרידמאן באמערקט: „ער איז געווען באקאנט אלס ר' וואָווע מגיד".

90.— בו ביום (כ"ד מנ"א תרל"ג — 1873)) נפטר האברך המופלג ר' יהושע פאליג במ"ר שמואל הלוי חתן ר' יוסקע בנציונס מחלירע.

(דאָס איז דער דריטער פאל פון א קרבן פון דער כאָלערע־עפּידעמיע, וואָס איז פארצייכנט אין פנקס).

91.— על זה דוה לבנו זאת בזכרנו שאבד מעירנו האברך הנפטר בשם טוב ביום ה' כ"ח מנ"א מ' ר' יעקב במ' יצחק, כל ימיו עסק בתורה ובגמ"ח ודורש טובות העניים ואביונים עליו סמכו ובזיעת אפיו הישיבות תמכו וחבל על דאבדין, מחלירע.

פרידמאן באמערקט: „ער פלעגט אויך מיט מיר האָבן א שיעור איעדן טאָג זייער פרי אין מיין הויז. ער איז געווען מפורסם אלס ר' יעקב דער פרומער".

92.— בו ביום (ג' אלול) זאת בזכרנו תסמר שערת בשרנו שני שושני חמד מבית מדרשנו חותן וחתנו ביום אחד נפטר הרבני המופלג עוסק בתורה ובגמ"ח וצדקה בישראל עשה מ' שבתי במ"ר יהודה מחלירע.

93.— וחתנו האברך המופלג בתורה יושב ועוסק יומם ולילה בתורה יהו־דה במ' גדלי' הכהן מחלירע.

(ווי מיר זעען, זיינען שווער און איידעם געשטאָרבן אין זעלבן טאָג פון דער כאָלערע).

94.— בו בשבת (ז' אלול) נפטר הרבני המופלג החסיד שמואל יצחק מלמד בן הרב החסיד אבד"ק נאָווידוואָר.

95.— בו ביום (י' אלול) נפטר איש תם וישר צדיק ועוסק בתורה ר' משה בר' אברהם יצחק הנקרא ר' משה קאהוואיל (קאָוואל?).

96.— ביום ב' ט"ז אלול נפטרה האשה החשובה המפורסמת מרת חנה רחל אשת ר' משה ד"צ (דיין צדק) דפה.

(ווי מיר זעען, זיינען די לעצטע דריי טויט־פאלן נישט צוגעשריבן גע־וואָרן צו דער עפּידעמיע. כאָטש זיי זיינען פאָרגעקומען אין זעלבן חודש פונעם זעלביקן יאָר).

97.— בליל השייך ליום ב' כ"ב אדר ב' (תרל"ה — 1875) נפטר איש נכבד ויקר מופלג בתורה חו"ב ויחסן גדול ר' שלמה בר' (יצחק) הכהן, ונקרא בחייו ר' שלמה ראדזימינער.

פרידמאַן באַמערקט: „ער איז הרב הגאון המפורסם ר׳ שלמה יצחק הכהן ז״ל, מחבר פון כּפר „יד של שלמה״, חידושי ש״ס ושולחן ערוך״. ווי עס שיינט, איז דער חיבור ארויס נאָר אין איין חלק, נעמלעך אויף בבא קמא און בבא מציעא. פון דעם שער־בלאַט צו זיין ספר, וויסן מיר, אז ער האָט געהאַט פּאַרטיק צום דרוק א חיבור אויף ניין מסכתות; וואָרום, ער שרייבט דאָרט אזוי: „את אשר כתבתי והדשתי בדרך פּשט ופלפּול על תשעה מסכתות זה יצא ראשונה״.

ר׳ שלמה הכהן גיט אָן אין זיין ספר דעם גרויסן יחוס פון ר׳ שלמה, ראַד־זימינער. ער שרייבט אזוי: „אני הצעיר שבתלמידים שלמה בהרב... מוהר״ר יצחק הכהן ממעזריטש בן הרב הגאון המאו״הג מהור״ר שלמה הכהן אב״ד דק״ק לאסק ומנוחת כבוד בק״ק ברעזא בהרב הגאון הגדול החריף המפורסם מוהר״ר אהרן הכהן אב״ד דק״ק לבוב (לעמבערג) ומנוחתו כבוד בק״ק ראזנאי (רושאנאי) התן הרב הגאון איש אלקי... מוהר״ר יהדא יודיל אב״ד דק״ק קאוולע בעהמ״ח ספר קול יהודה אביאה דארבעה אחים הא׳ הרב המפורסם... מוהר״ר יוסף יאסקי אב״ד דק״ק דובנא רבתא בעהמ״ח ספר יסוד יוסף ושארי חיבורים (דאכט זיך, אז ער איז געווען דער שווער פון דעם מעזריטשער רב ר׳ עוזר, זון פון ר׳ אבישל פראנקפורטער) והשני הרב... מוהר״ר משה זאב אב״ד דק״ק מינסק, והשלישי הרב... ארי׳ ליב אב״ד דק״ק סלוצק, והרביעי הרב... משה אב״ד דק״ק פּונא ויחוסו הולך עד התנא ר׳ יהודא הנשיא. ואבי מצד האם הוא נכד הגאון... מו״ה יחיאל אב״ד דק״ק מינסק בעהמ״ח סדר הדורות ושארי החיבורים נכד... מהר״ל (פון פּראָג) נכד... רש״י ז״ל ויחוסו הולך עד התנא ר׳ יוחנן הסנדלר שהוא דור רביעי לר׳ גמליאל הזקן״.

וואָס ער האָט געטאָן אין מעזריטש, איז נישט קלאָר. פון דער הסכמה, וואָס דער מעזריטשער רב, ר׳ שמחה שמואל האָט אים געגעבן, איז צו זען, אז ער איז פריער געווען דיין אין טיקטין. פון זיין הקדמה דערוויסן מיר זיך, אז ער איז געווען אַן אָרעמאַן. דער ספר איז ארויס אין ווארשע אין יאָר תרנ״ט— 1899.

98.— **ביום ב׳ כ״ח תשרי** (תרל״ז — 1877), **איש יקר מופלג בתורה ירא אלקים מ׳ זאב דוב במ״ר זושע.**

פרידמאַן שרייבט: ער איז געווען דער ערשטער שווער פון הרה״ג המפור־סם... ר׳ ברוך מאיר.... זון פון דעם באַקאַנטן צדיק ר׳ שלום מנשה ז״ל (דיין) פון בריסק. (מן הסתם דער באַקאַנטער „מזרחי״־פירער, ר׳ ברוך מאיר ראָזענ־בלום, וועלכער האָט געשפּילט א באַדייטנדיקע ראָלע אין דער גרינדונג פון יסוד־המעלה).

99.— **במוש״ק ו׳ ניסן** (תרל״ט — 1879) **נפטר הרבני המופלג ונכבד מאוד ר׳ בנימין במ״ר ר׳ יעקיל זצ״ל מ״צ דפה.**

100.— ביום ד׳ י״ג טבת (תרמ״ב — 1882) **נפטר איש נכבד מאוד ר׳ בנימין מ״ה החריף ר׳ יעקיל זצ״ל מ״צ דפה.** (דער אויבנדער־מאָנטער ר׳ יעקיל).

101.— **ביום א׳ בפורים נפטר איש נכבד ויקר הרב החריף המופלג חכמתו ותורתו נודע למרחק עוסק בתורה ועבודה מ״ר זעליג בר׳ נתן *) וחבל על דאבדין ונספד כהלכה בו ביום.**

פרידמאן גיט צו: „ער איז דער באוווּסטער גאון ר׳ זעליג איי־ינשטיין ז״ל. ער פלעגט תמיד לערנען דעם אלפסי. איך האָב געהערט אז מ׳האָט אים געוואָלט אויפנעמען פאר רב אין שטאָט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ווערן רב. ער ז״ל, איז געווען דער גרינדער פון דעם גרויסן בית־המדרש ביי אונדז און איז געווען דער פירער דארט״.

עס איז א חידוש, אז ר׳ מאָטל האָט נישט געוווּסט פון דעם חרם, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר תקמ״ו (1786), וועלכער האָט פארבאָטן אויפצונעמען —אויף אייביק— אלס רב א מעזריטשער, אָדער א מעזריטשער איידעם צי א קרוב. ר׳ זעליג אייזינשטיין, האָט לויט דער תקנה, נישט געקענט ווערן קיין רב אין מעזריטש. ר׳ זעליג איז —ווי עס האָט מיר דערציילט זיין אייניקל, דער גרויסער געלערנטער און זקן, ד״ר יהודה אייזינשטיין, דער בעל אוצר־ישראל פון ניו־יאָרק— געווען אן אָנגעשטעלטער אין א מיל, פון וואָס ער האָט זיך דערנערט. אמאָל האָט ער געהאט די קאָנצעסיע פון ארויסגעבן געלט־קוויטלעך; נאָר געוויסע מענטשן האָבן ארויסגעלאָזט פאלשע קוויטלעך, און דאָס האָט אים געברענגט גרויסע פארלוסטן; און כאָטש ער האָט געוווּסט, ווער די פעלשער זיינען געווען, האָט ער נישט געוואָלט זיי לאָזן ארעסטירן און ער האָט זיך שפעטער אָפּגעזאָגט פון דער קאָנצעסיע.

102.— **ביום ג׳ ז׳ אלול נפטר בשם טוב הרבני המופלג כל ימיו עסק בתורה ועבודה וגמ״ח** (וגמילת חסדים) **כש״מ** (כבוד שמו מורנו) **סענדיר בר׳ גדלי׳ ז״ל רוזינצווייג וחבל על דאבדין.**

פרידמאן באמערקט: „ער האָט איבערגעלאָזט א מויער אויף עולמות און פון דער הכנסה האלט מען אוים ר׳ הערש־חיימס בית־המדרש (אויך גערופן ר׳ סענדערס בית־המדרש. — מ. ע.). זיין פרוי גאָלדע, איז געווען די טאָכטער פון בארימטן ווארשעווער רב ר׳ חיים דאווידזאָן״.

103.— בש״ק כ״ו ניסן (תרמ״ה — 1885) **נפטר איש זקן תו״י** (תורני ויירא אלקים) **יושב אהל שוקד בתורה כל ימיו הרבני המופלג יקר ונכבד מ׳ מתתיהו בר׳ מאיר הכהן חבל על דאבדין.**

104.— **מוש״ק ג׳ אייר נפטר איש זקן נכבד ויקר הרבני אהרן במ״ר יצחק** הכהן שמש דבה״מ הגדול דפ״ק.

---

*) **ער איז געווען א מיטגליד פון דער קהילה־פארוואלטונג.**

פרידמאן שרייבט: „ער איז געווען א גרויסער מדקדק אין מצוות. אפילו ווען ער איז געווען פארנומען, צווישן מנחה ומעריב, פלעגט ער עטלעכע מינוט פאר מעריב זיך זעצן אויף זיין שטענדיקן אָרט און לערנען. ער פלעגט זאָגן, אז אפילו איין וואָרט תורה אויפן שטענדיקן פלאץ איז א מצוה".

105.— על זה דוה לבנו שנלקח בעירנו עטרת ראשינו ה"ה האברך היקר המופלג החו"ב כל ימיו ולילות עסק בתורה ועבודה צדיק ועניו נח נפשו בכ"ז ניסן (תרמ"ו — 1886) ונספד כהלכה שנקרא בשם ר' העשיל חתן ר' שמעון פאפירנא.

ר' העשיל האָט געשטאמט פון דער בארימטער מארשאלקאָוויטש־משפחה פון דובנע. זיינע חידושים ווערן דערמאָנט אין ספר „עזרת ישראל", פון דעם מעזריטשער רב, ר' ישראל איסר שפירא און אין „היכלי שן", פון דעם קלעצקער רב, ר' שלום דוב.

106.— ביום ג' שבעה עשר בתמוז נפטר איש נכבד ויקר כל ימיו עסק בתורה ועבודה הרבני המופלג מ' שמואל חיים בר' חנוך מטשעכינאוועצ.

פרידמאן שרייבט: „ער איז געווען באקאנט אלס טשעכינאָוועצער מלמד" לויט דעם „דעת קדושים" (ז. 40), איז ער געווען א פארוואנדטער פון דעם מעזריטשער דיין ברכיה הכהן, שטאמענדיק פון דער זעלבער בכרך־משפחה און פון ר' יוסף זילבערשטראם, ר' ארושעס איידעם.

107.— ביום ג' ניסן (תרמ"ח — 1888) נפטר איש יקר חסיד כל ימיו עסק בתורה ועבודה מופלג מ' מאטיל חתן ר' הירש חסיד ז"ל מבריקז.

108.— ביום ה' ח' אדר א' (תרנ"א — 1891) נפטר איש זקן נכבד ויקר כל ימיו עסק בתורה מ' ר' זלמן הנקרא ר' זלמן בר' חיים שמשענס.

109.— ביום ב' כ"ח תמוז נפטר איש זקן נכבד יקר הרבני המופלג ח"וב כל ימיו הי' עוסק בתורה ועבודה ובצרכי צבור מ' ברוך בענדיט בר' דוד וחבל על דאבדין.

פרידמאן באמערקט: „הרה"ג ר' ברוך בענדיט בארג איז געווען א תלמיד פון דעם גאון וצדיק ר' יהושע ז"ל, רב אין קוטנא". אויך ער איז א זיידע פון דעם מעזריטשער בן־עיר, ד"ר יהודה אייזענשטיין.

110.— ביום ג' כ"ה תשרי (תרנ"ב — 1892) נפטר ר' גדלי' שטייערמאן מן ברוז (ברויז) *).

פרידמאן שרייבט וועגן אים: „זאָל ער דערמאָנט ווערן צום גוטנס. ער האָט איבערגעלאָזט 24 טויזנט רובל אלס היפּאָטעק אויף זיין מויער אין וואר־

*) מיטגליד פון דער קהילה־פארוואלטונג.

שע פאר עולמות־צוועקן אין מעזריטש. דער היפּאָטעק ברענגט אריין 5 פּראָ־צענט. יעדעס יאָר דאַרף מעזריטש באקומען 1.000 רובל. זיין פארלאנג איז געווען, אז די גאנצע 1.000 רובל זאָלן גיין פאר דער תלמוד־תורה; ווייל ער האָט געזאָגט: „ת"ת כנגד כולם". און מיט גרויסע שוועריקייטן, האָט דער רב ר' ישראל איסר און נאָך בעלי־בתים געפּועלט, מ'זאָל זיי געבן רשות אראָפּ־צונעמען א טייל געלט פאר אנדערע צדקות. אן ענלעכע סומע, האָט ער אָפּ־געזאָגט אויך פאר ווארשע. נאָר די יורשים זיינען מושווה געוואָרן מיטן ווארשעווער קהל און זיי האָבן זיי געגעבן אן איינמאָליקע סומע".

111.— בש"ק ו' אדר נפטרה אשה חשובה פראדיל שהיתה אשת הר' שמואל מ"ץ.

פרידמאן באמערקט: „זי איז געווען א געלערנטע און האָט פארשטאנען וואָס זי דאוונט".

112.— ביום א' ד' דחו"המ פסח נפטרה הרבנית הזקינה וחשובה מרת מרים אשת הרב הגאון הגדול ר' שמחה שמואל זצ"ל (מעזרי־טשער רב).

113.— בש"ק כ"ט מרחשון (תרנ"ג — 1893) נפטר ר' אייזיק בהרב ר' לייזער חרל"פ.

114.— ביום ו' עש"ק עשרה בשבט נפטר איש יקר ונכבד חסיד ר' יצחק צבי בר' יעקב ז"ל שהי' כמה שנים גבאי דח"ק.

פרידמאן דערציילט: „ער פלעגט זיין שטארק נזהר אין טבילה. האָט אים דער אויבערשטער אָפּגעצאָלט מידה כנגד מידה. וואָרום ער איז נפטר געוואָרן ערב שבת און איז באערדיקט געוואָרן נאָענט צום פינצטער־ווערן, זיינען דער־פאר אלע זיינע מלווים געווען געטובלטע יידן לכבוד שבת. ענלעכעס האָט פּאסירט מיט אן איש חסיד, וועלכער פלעגט זיך נוהג זיין אהיימצוגיין פון בית־הקברות אָן שיך, פון גרויסן צער, וואָס ער האָט געהאט מיט דעם אבל. האָט אים דער אויבערשטער אָפּגעצאָלט מידה כנגד מידה און ער איז נפטר געוואָרן אין תשעה־באב, ווען אלע גייען ארום אָן שיך, ווי עס שטייט געשריבן אין ספר חסידים".

115.— מוש"ק אור ליום א' ב' דר"ח טבת תרנ"ד (1894) נפטר הגה"צ המפורסם הי' חסיד הי' עניו ר' ישראל איסר שהי' אבדפק"ק מעזריטש כ"ז שנה שחיבר ס' עזרת ישראל.

116.— ביום ד' ג' אייר נפטר האברך המופלג חו"ב שוקד על התורה ועבודה יומם ולילה, נפטר בשם טוב ונספד כהלכה מוהר"ר צבי יהודה הנקרא הירש ליב חתן ר' שמואל הירש.

פרידמאן באמערקט: „ער האָט געהאט פארשריבן חידושי־תורה און ער איז געווען איינער פון מיינע פריינד, וואָס איך האָב דערמאָנט אין מיין קונטרס פותח דברים...."

117.— ביום ו' עש"ק כ"ז אלול נפטר הזקן הנכבד המופלג ר' יעקב זאב במ"ר חיים ש"ץ (חזן) דפה קהילתנו.

פרידמאן שרייבט: „ער איז געווען גרויס אין תורה און יראה, און זיינע תפילות, וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון זיין הארץ, האבן געמאכט א רושם. די צוהערער זיינען שטארק צענומען געווארן פון זיין וויינענדיק קול, וואס איז געווען זייער שטארק, אזש א פייער האט געברענט. ער, ז"ל, איז געווען דער פאטער פון דעם באקאנטן גאון ר' אלי', זאלאשינער רב א. א. קהילות. ער האט מחבר געווען א צאל טייערע ספרים און ער האט געהאט קינדער און איידעמס רבנים". (מ'האט אים גערופן דער „שווארצער חזן").

118.— ביום ד' ב' ניסן (תרנ"ה — 1895) נפטר איש יקר ונכבד גודע לשם ולתהלה הרבני המופלג כל ימיו עסק בתורה ועבודה וג"ח מ' שמעון בר' שאול פאפירניע.

פרידמאן שרייבט וועגן אים: „ער, ז"ל, איז געווען אן עמקן אין לערנען און איז אויך געווען א מחדש. ער פלעגט דאווענען מיטן ערשטן מנין, ווייל ער האט מורא געהאט עובר צו זיין אויפן זמן קריאת־שמע. ער איז געווען א שטארקער מדקדק אין מצוות און געגעבן מעשר פון זיינע פארדינסטן, וועלכע זיינען געווען גרויסע; ווארום ער איז געווען א גרויסער עושר. כ'דערמאן מיך: איינמאל איז געקומען אין זיין הויף אריין איינער א מאן, וואס האט געוואלט שפילן אויף זיין קאטערינקע פאר זיינע קינדער און ער האט עס פארבאטן, מחמת דעם איסור. (פרידמאן מיינט דעם איסור פון די חז"ל, וועלכע פארבאט צוליבן חורבן בית־המקדש צו שפילן מוזיק, סיידן אויף א חתונה. — מ. ע.). אויך געדענק איך: איינמאל, ווען מיר האבן געמאכט א סיום אויף ש"ס, האט ר' שמעון פאפירנע ז"ל געוואלט שיקן נאך כלי־זמרים צו שפילן, האט דער רב, דער בעל עזרת־ישראל ז"ל געזאגט, אז ניין! ווייל מיר געפינען נישט, אז די חכמים זאלן האבן מתיר־געווען צו שפילן ביי אנדערע געלעגנהייטן, אויסער אויף חתונות; האט ער זיך דערפון אפגעהאלטן. ער האט געשטאמט פון א מיוחסדיקער משפחה (ער איז געווען אן איידעם פון ר' יודל אפאטאווסקי פון ווילנע. — מ. ע.) און ער איז געווען ר' העשיל מארשאלקאוויטשעס שווער".

ווי מיר האבן שוין אויבן געשריבן, זיינען, זיין פאטער ר' שאול פאפירנא און ר' אורי דוב בער גינצבורג, איידעם פון ר' ארוש מינץ, געווען מחותנים. ביי ר' שמעונען אין הויז, איז געווען א פריוואטע מקוה.

119.— ביום ב' ער"ח ניסן (תרנ"ז — 1897) נפטר איש תו"י כל ימיו עסק בתורה נקרא בחייו ר' יצחק מגיד.

120.— בשבת ו' שבט נפטר איש נכבד הרבני המופלג עוסק כל ימיו בתורה ועבודה מ' יעקב בר' אלי' ראשקעס.

פרידמאן גיט צו: „דאס איז דער בארימטער הרה"ג ר' יעקב שפירא. ער ז"ל, האט ארויסגעגעבן דעם ספר „ביאור אויפן פירוש הרמב"ן" אויף תורה

מיט א טייערע הקדמה; און דעם ספר „אוצר השלם" מיט אן הקדמה. ער האָט געשטאמט פון א מיוחסדיקער משפחה. זיין איידעם איז הרב... מאיר לעוו, מורה־הוראה אין מעזריטש".

ר' מאָטל האָט געקענט דערציילן פיל מער וועגן דעם אינטערעסאנטן בן־עיר. ליידער, האָבן מיר נישט געהאט אין אונדזער רשות דאָס ספר „ביאור על פירוש הרמב"ן", וואָס ער האָט ארויסגעגעבן פון א כתב־יד. דאקעגן האָבן מיר געהאט צו דער האנט דעם „אוצר הכבוד השלם", וואָס ער האָט ארויסגעגעבן און פון דער הקדמה וואָס ער האָט געשריבן צו דעם ספר —כאָטש זי איז קליין אין כמות— זעט מען פון איר דעם מענטש און זיין שארפן קריטישן אנאליז. דער ספר איז געשריבן געוואָרן פון רבנו טודרוס הלוי, איינער פון די גדולי תורה אין זיין צייט. ר' טודרוס איז א חוץ גרויסער גאון און יידישער מנהיג, געווען א גרויסער מעדיצינער און ער איז געווען הויף־דאָקטער פון קעניג סאנטשאָ דער פערטער. דער קעניג און זיין קעניגין, מרים די מאלינא פון שפאניע, זיינען געשטאנען אונטער זיין מעדיצינישער אויפזיכט. א חוץ דעם, איז ער געווען קעניג סאנמשאָס פינאנץ־מיניסטער און ראטגעבער. צוליב זיין גדלות אין תורה און זיין חשיבות אין קעניגלעכן הויף, האָבן די יידן אים באטראכט אלס זייער נשיא. נישט געקוקט אויף זיינע טרדות, איז ער אויך געווען ראש־הישיבה און געשריבן ספרים. זיין ספר „אוצר הכבוד השלם", א פירוש אויף „עין־יעקב". דער ספר איז צומערשט ארויסגעגעבן געוואָרן פון דעם טוטשינער רב, ר' יצחק (נאָווידוואָר, תקס"ט — 1809). ער איז אָבער געווען פול מיט גרייזן. ר' יעקב שפּירא, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אלטע מאנוסקריפּטן, האָט באקומען א קאָפּיע פון דעם כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער בארימטער באָדאָליאנישער ביבליאָטעק, אין אָקספאָרד; און ער האָט ארויסגעגעבן דעם ספר „אוצר הכבוד השלם" לויט דעם כתב־יד (ווארשע, תרל"ד — 1874) מיט אן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנטער הקדמה. אין דער הקדמה ווייזט ער, מיט ראיות פון דעם כתב־יד, אז די געלערנטע וועלכע האלטן, אז דער ספר „הזוהר" איז נישט געשריבן געוואָרן פון ר' שמעון בר יוחאי, נאָר פון זיין אנטדעקער —ר' משה די ליאון— האָט נישט קיין יסוד. ער שטעלט פעסט, אז די אויטענטישקייט ווערט באשטעטיקט דורך פיל שטעלן, וואָס מען געפינט אין דעם פירוש פון רבנו טודרוס הלוי, וועלכע זיינען פול־שטענדיק פארגלייכבאר מיט די שטעלן פון זוהר הקדוש. ר' משה די ליאון, האָט דעם „זוהר" אנטדעקט מיט יאָרן שפּעטער נאָך רבנו טודרוס הלוי און ער האָט ממילא זיין כתב־יד נישט געקענט האָבן געזען. מוז מען פון דעם דרינ־גען, אז דער „זוהר", אָדער געוויסע טיילן פון אים, זיינען שוין פון לאנג גע־ווען באקאנט צו די מקובלים. עס איז בלויז א וואונדער, וואָס די פאָרשער, וועלכע ווילן מיט געוואלט אָפּפרעגן די אויטענטישקייט פון דעם „זוהר", האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף שפּיראָס הקדמה. אויך דאָס ספר „הביאור על

פירוש הרמב"ן", האָט ער ארויסגעגעבן פון א כתב־יד פון וועלכן מען האָט אים צוגעשיקט א קאָפּיע.

121.—יש לנו להתאונן על פטירת האברך היקר מחובשי בה"מד אשר כל ימיו הי' עוסק בתורה ועבודה ביראה ר' אהרן דוד שהי' בן לאותו צדיק ר' יעקב זצ"ל שהי' נקרא ר' יעקב דער פרומער והניח בן קטן וכשנפטרה גם אמו הינדא הי' בן שלש שנים. ור' אבא מלמד עם בן אשתו גידלו אותו לתורה ועבודה ומע"ט והשיאו לו אשה בת הרב המופלג ר' ברוך מאיר שליט"א, ואחר שתי שנים אחר החתונה הי' בן כ"ה שנה נתקבש למעלה והשאיר פרי צדק ילד קטן בן עשרה חדשים והאברך הצדיק הנ"ל נפטר כ"ג לחודש שבט תרנ"ח — 1898) ונספד כהלכה וחבל על דאבדין.

ר' ברוך מאיר, וועלכער ווערט דאָ דערמאָנט, איז דער שוין אונדז גוט־באקאנטער ר' ברוך מאיר ראָזענבלום. זיין טאָכטער לאה איז די אלמנה פון דעם יונ־פארשטאָרבענעם מאן און דער קליינער יתום, וואָס ווערט דערמאָנט, איז נישט קיין אנדערער ווי דער געוועזענער „התאחדות"־פירער פון מעזיריטש, יעקב לעבענגליק (מאושער). זיין מוטער און ער ווינען היינטצוטאָג אין ישראל.

122.— ביום ג' ה' אלול נפטר איש יקר כל ימיו הי' עוסק בתורה ובע־בודה הרבני המופלא צדיק ועניו מ' ליבל מלמד הנקרא לייבל קאשער.

פרידמאן ברענגט: „ער פלעגט פאסטן א סך תעניתים; אָבער ער האָט זיין פאסטן פארבאָרגן פאר אנדערע".

123.— על זה דוה לבנו וחשכה עינינו על פטירת האיש היקר הצדיק הישר הרבני המופלג שקד יומם ולילה בתורה ועבודה כמ"ר דוב יוסף במ"ר אברהם יהודה הלוי נפטר בש"ק ה' תשרי (תר"ס— 1900) וחבל על דאבדין.

פרידמאן שרייבט: „ער פלעגט חזרן אויסנווייניק די מסכתא ברכות און געוויסע סדרים משניות און ער איז אויך געווען א מחדש אין לערנען. ער איז געווען דער שווער פון הגאון ר' בנימין אלי' (זע פאראגראף 117)".

124.— על זה דוה לבנו על אבדן מעירנו הרב הגאון הצדיק הישר זקן ונשוי פנים כל ימיו עסק בתורה ועבודה דיין ומ"צ כמה שנים בעירנו נפטר בש"ט (בשם טוב) ביום ג' י"ט כסלו דשנת הנ"ל (תר"ס — 1900) וחבל על דאבדין, ה"ה הרב ר' שמואל בר אהרן זצ"ל ונספד כהלכה ויליץ טוב בעדינו ויגדור פרצותינו וימחה דמעה מעל כל פנים *).

*) זע וועגן אים אין קאפיטל „מעזריטשער דיינים".

125.— **ביום ב׳ ב׳ דשבועות נפטר האברך היקר המופלג מחובשי בהמ״ד שוקד יום ולילה בתורה ועבודה הנקרא בחייו מאטיל חתן ר׳ טייבול גאָלדשמיד.**

126.— **ביום ב׳ ה׳ תמוז נפטר איש יקר מחובשי ב״המד הרבני המופלג והי׳ יושב בשקידה ועוסק בתורה יום ולילה, דרשן מפורסם שמו אלי׳ חיים בר׳ מתתיהו הכהן זצ״ל.**

פרידמאַן באמערקט: „ער האָט איבערגעלאָזט אין כתב־יד חידושים אויף תורה און ש״ס...״

127.— **ביום ה׳ ה׳ טבת (תרס״א — 1901) נפטר איש נכבד ויקר הרבני המופלג המפורסם כל ימיו הי׳ עוסק בתורה ועבודה הישיש דוד בר׳ שלמה טייטלבוים.**

פרידמאַן שרייבט וועגן אים: „ער ז״ל, האָט געלערנט אין וואָלאָזשין, און אויך נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן א קרעמער, איז תורה געווען זיין הויפּט־באשעפטיקונג; און דערנאָך האָט ער איינגאנצן פארלאָזט דעם מסחר און גע־זעסן און געלערנט און ער האָט זיך מפרנס געווען פון עיסקא (דאָס הייסט, ער האָט אוועקגעגעבן געלט אויף פּראָצענט מיט א היתר־עיסקא. — מ. ע.); און ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע חידושים אויף ש״ס און זיינע מפרשים א. נ. „דבש תמר״ און ער האָט דעם ספר צעטיילט אומזיסט. און איז געווען פיל יאָרן דער גבאי איבער די צוויי מויערן, וואָס גיטל לאנדאָ האָט איבערגעלאָזט אויף עולמות; און ער פלעגט שטארק אכטונג געבן, אז קריאת־שמע און תפילה זאָלן געזאָגט ווערן אין צייט אינעם גרויסן בית־המדרש; ווי אויך, אז מען זאָל שליסן די געוועלבער פאר ליכט־בענטשן. ער פלעגט אומישנע גיין יעדן ערב שבת צו דער באַן, כדי אָנצושטעלן די ריכטיקע שעה. ער איז געווען א מחותן פון דעם גרויסן גאון און צדיק ר׳ רפאל יום־טוב ליפּמאַן היילפּערין ז״ל — רב אין מעזריטש און ביאַליסטאָק״.

ר׳ דוד טייטלבוים דערציילט אין זיין איינבנדערמאָנטן ספר „דבש תמר״ (ווארשע, תרנ״ז — 1897): „כאָטש איך האָב ס׳רוב פון מיינע טעג פאר־בראכט אין מסחר און אָפּרו, האָב איך דאָך, מיטן אויבערשטנס הילף, געלערנט יעדן טאָג און דאָס איז מיר בייגעשטאנען, אז היינט, ווען איך בין שוין אויף דער עלטער, איינצוזאמלען אלע מיינע הגהות און באמערקונגען וואָס איך האָב פארצייכנט דאָ און דאָרט און אויפשרייבן זיי אין א ספר. איך בין קיינמאָל נישט געווען צווישן די גרויסע לומדים און מיין פּלאץ איז נישט צווישן די חריפים. אָבער, זיי האָבן פאר מיר איבערגעלאָזט פּלאץ מחדש צו זיין. וואָרום די בעלי־פּילפּול לאָזן זיך אוועקטראָגן אין שווונג פון די פּילפּולים און גיבן נישט קיין אכט אָפּצוראמען פון דעם וועג אלע שטרויכלונגען, די פיל טעותים און גרייזן, וואָס זיינען ארייַנגעפאלן אין ש״ס מיט זיינע מפרשים, אפילו אין די בעסטע דרוקן זיינען זיי פאראן.

„פיל יאָרן האָב איך זיך געמאַטערט, און מיטן אויבערשנס הילף, איז מיר געלונגען — אויף וויפל מיין אָרעמע האַנט האָט געגרייכט — אויסצורייניקן די שטרויכלונגען פון ג־טס ווייַנגאָרטן. אויך די חידושים, וואָס געפינען זיך אין ספר, זייַנען נישט קיין גוואַלטיקע, אָבער פּשוטע און גלייכע לויטן אמת. אפילו ווען איך זאָל האָבן צוגעטראָפן בלויז איינמאָל צום אמת, בין איך אויך צו־פרידן פון מיין שווערער האָרעוואַניע. וואָרום דער בעסטער פאַרגעניגן מייַנער וועט זיין, ווען אויך אנדערע וועלן הנאה האָבן פון מיין ערלעכער און לשמהדי־קער ארבעט, און דאָס וועט זיין מיין שכר.

„...איך האָב גערופן מיין ספר „דבש תמר" אויף מיין נאָמען און דעם נאָמען פון מיין פאָטער, ר' שלמה ז"ל און אויפן פאַמיליע־נאָמען טייטלבוים. איך דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס האָט מיך געבראַכט ביז אַהער, אז איך זאָל קענען ארויסגעבן מיין ספר אויף מיינע אייגענע הוצאות וואָס ג־ט האָט מיר געגעבן.

„היות ווי געצײלטע יונגע מענטשן און ערלעכע האָבן אין אונדזער שטאָט געשאַפן א תלמוד־תורה (זע, „קולטור־אינסטיטוציעס") אין אונדזער שטאָט, צו לערנען אָרעמע און באַלעבאַטישע קינדער תורה מיט דרך־ארץ; און זיי פירן זי פאַר די לעצטע צוויי יאָר מיט מוט און גוטן פארשטאַנד; און די תלמוד־תורה ווערט גרעסער פון זמן צו זמן און בעסערט זיך, נישט געקוקט אויף אַלע מכשולים וואָס זיי באַגעגענען, און זייער ווייניק מענטשן שטיצן דער תלמוד־תורה; אָבער איך ווייס וואָס פאַרא גרויסע זאַך די מנהלים טוען פאַר די שטאָט־קינדער; האָב איך זיי געוואָלט העלפן, האָב איך דערפאַר געשאַנקען דאָס ספר, וואָס ווערט ארויסגעגעבן פאַר מיין געלט, במתנה גמורה צו דער „תלמוד־תורה עם דרך־ארץ" במעזריטש, אז אַלע הכנסות פון דעם ספר זאָלן געהערן צו איר און איך זאָג זיך אָפּ פון יעדער פאַרגיטיקונג. דער אייבערשטער זאָל שטאַרקן די הענט פון די גרינדער און די עוסקים, ביז וואַנען דער מאָרגנשטערן וועט אויפשייַנען איבן הימל פון חינוך, וואָס שטייט לעת עתה ליידער נידעריק...

„יום א' בא' אלול תרנ"ו (1896) לפ"ק מעזריטש דוד טייטלבוים המכונה דוד יוכבדס".

אויף יעדן עקזעמפּלאַר פון ספר, איז געווען א שטעמפּל אין אויך אן אויפשריפט, וועלכע האָט מודיע געווען, אז מען זאָל וויסן אז יעדער ספר וואָס איז נישט געשטעמפּלט, איז א געגנבעטער. ער ווערט געבעטן, אז דאָס געלט פאַרן ספר זאָל מען שיקן אויפן אדרעס פון שמואל בער מינץ (זיין איידעם).

דאָס ספר איז פאַרזען, ווי דער מיהג איז, מיט הסכמות פון רבנים. ר' משה דיין פון מעזריטש שרייבט אין זיין הסכמה: „...און נאָך פיל יאָרן פון עוסקן זיך אין מסחר, און ער איז געווען צווישן די בארימטע און חשובע סוח־

רים מיט לייפּציג, האָט ער פאַרלאָזט דעם מסחר, וואָס ער האָט געפירט מיט ערלעכקייט און ריינע הענט און אָפּגעגעבן זיינע טעג און נעכט אויף לערנען..."

ר' דוד טייטלבוים, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן: ר' דוד יוכבדס, איז געווען דער שווער פון דעם זייער פּאָפּולערן עושר און גרויסן בעל־צדקה, ר' בייניש מינץ (נישט פון דער אויבנדערמאָנטער מינץ־משפחה), פאָטער פון דעם משכיל און ציוניסטישן עסקן, ר' שמעון בער מינץ, גרינדער פון דער האַנדלס־באַנק ס. ב. מינץ אין מעזריטש און שעדלעץ, און פון ר' משה מינץ, וועלכער איז געווען א צדיק תמים און געזעסן יומם ולילה און געלערנט. דער לעצטער איז אומגעקומען פון א מיתה־משונה, דורך די נאַציס הי"ד (השם ינקום דמו).

128.— **ביום ג' כ"ג מרחשון תרס"ב (1902) נפטר הרבני המופלג מחובשי בהמ"ד מ' אלי' הנקרא ר' אלי' נעמית.**

129.— **א' דר"ה (תרס"ג — 1803) נפטר איש יקר ונכבד הרבני המופלג החסיד כל ימיו עסק בתורה ועבודה הר' יצחק אייזיק נירעבארג מבריקין.** (בריקן האָט מען גערופן דעם שטאָט־טייל, וואָס ליגט אויפן רעכטן זייט טייך איבער דער בריק. — מ. ע.).

130.— **ביום ה' י"ד כסלו (תרס"ד — 1904) נפטר איש יקר הרבני המופלג גדול בתורה מחובשי ב"המד כל ימיו שקד בתורה ועבודה צדיק תמים מ' בייניש הלוי.**

פרידמאַן שרייבט: „ער איז געווען באַקאַנט ביי אונדז און אין וואַרשע אַלס גרויסער למדן, גרויסער צדיק און שונא בצע. ער איז געשיקט געוואָרן פון וואַרשע קיין ארץ־ישראל וועגן קויפן באָדן פאַר קאָלאָניזאַציע און האָט דורכגעפירט זיין שליחות מיט דערפאָלג".

ר' בייניש מאַנפּערל איז געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע חובבי־ציון און ער האָט מיטגעאַרבעט מיט אַנדערע חובבי־ציון און שפּעטערדיקע ציוניסטן אין שטאָט, ווי: ר' ברוך מאיר ראָזענבלום, לייזער בייניש גאָלדפאַרב א. אַנדערע — פאַר דעם אידעאַל פון קאָלאָניזירן ארץ־ישראל. ער האָט איבערגעלאָזט זין, וואָס האָבן זיך פאַררעכנט פון די חשובים אין שטאָט, אַלע תלמידי־חכמים; איינער פון זיי, ר' אלי' מאַנפּערל, איז געווען פון די איבערגעגעבנסטע מזרחיסטן אין שטאָט און ער איז געווען זייער געאַכטעט.

131.— **בש"ק ב' דר"ח אייר נפטר איש תו"י מחובשי בהמ"ד הרבני** המופלג כל ימיו עסק בתורה **כמ"ר אלי' פנחס בר' יעקב ונספד** כהלכה.

132.— ביום ג' ב' מרחשון (תרס"ה — 1905) **נפטר הרב המופלג גדול בתורה ועמלו בתורה כל ימיו מרביץ תורה לרבים כמה שנים הי' בפה ראש־ישיבה דורש לרבים להדריכם בדרך ישרה בעבודת השם כמ"ר פנחס אליעזר בר' מאיר וחבל על דאבדין.**

פרידמאַן באַמערקט: „ער איז געווען א גרויסער מדקדק במצוות און ער

האָט אָפּגעשפּאָרט הונדערט רובל, כדי ער זאָל קענען עולה זיין קיין ארץ־ישראל און קענען דאָרט גיין כאָטש פיר איילן. ער האָט אָפּגעדרוקט א ספר „גבעת פּנחס" אויף תורה און מגילות". (צי ער האָט א:יסגעפירט זיין פּלאַן און באַזוכט ארץ־ישראל, איז אונדז נישט באקאנט. — מ. ע.).

133.— **ביום ג' א' דר"ח אדר שני נפטר הרבני המפורסם נכבד ויקר כ"ש (כבוד שמו) מ' מיכל בר' שלמה ראָזענצוויג.**

פרידמאַן גיט צו: „ער האָט געלערנט און געהאנדלט ערלעך און געווען אַן עוסק בצרכי צבור באמונה. ער האָט געשטאמט פון דעם „בעל פּנים מאירות" (מיר האָבן שוין וועגן אים געשריבן אין אונדזער קאַפּיטל „בראשית פון מעזריטש").

134.— **במוש"ק אור ליום א' כ"ד אלול נפטר הזקן היקר במעשיו בעל־קורא ובעל־תוקע בבהכ"נ, שנחלה פתאום בליל ש"ק ר' אבא ז"ל ובא לקבורה ביום א' והספידוהו לפי כבודו ביום א' האזינו.**

פרידמאַן שרייבט: „צומערשט פלעגט ער דאַווענען מיט דעם ערשטן מנין אין גרויסן בית־המדרש, נאָכדעם פלעגט ער גיין אין שול אריין לייענען די תורה. ער איז געווען א סך יאָרן גבאי פון דער חברה בקור־חולים און פלעגט אויך מאכן רעצעפּטן. ער און זיין פרוי פלעגן אויפכאָווען ית:מים, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען זייערע אייגענע קינדער, און ער האָט עוסק געווען אין תורה".

135.— **באחד עשר יום בח' תשרי** (תרס"ח — 1908) **נפטר ר דוד כהן בר' ברך ז"ל מו"צ דפה.**

ר' דוד כהן, איז געווען דער פאָטער פון דעם באַקאַנטן מעזריטשער למדן, משכיל און גרויסער ציוניסט, ר' שלמה יצחק כהן און שווער פון ר' נחום שיינמאַן — פון די חשובע העיר.

136.— **א' דסוכות תרס"ט** (1909) **נפטר הרב הגאון המפורסם ר' משה קאצענעלענבויגען ז"ל מו"צ דקהילתנו** (זע „מעזריטשער דיינים").

137.— **כ"ד ימים בחודש מרחשון (תרע"ב — 1912) נפטר ר' שמולקע ביילעס בר' שלמה.**

פרידמאַן שרייבט וועגן אים: „ער איז געווען א גרויסער עסקן... ער פלעגט זאָרגן דערפאַר, אז מען זאָל טיילן האָלץ צו אָרעמעלייט אויף ווינטער און מעות־חיטים. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַזאָרגן די יידישע סאָלדאטן (אין מעזריטש זיינען כמעט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאַנען רוסישע סאָלדאטן) מיט כשר עסן. ער און זיין ווייב (זי איז שפּעטער געווען די פרוי פון ר' ברוך מאיר ראָזענבלום) פלעגן אוועקגעבן א סך מי אויף דעם. ער האָט אויך מנדב געווען די ערשטע 75 רובל, מען זאָל מאכן א נייע פּאָדלאָגע אין גרויסן בית־המדרש און פאר דעם דאָזיקן צוועק האָט מען געשאַפן 500 רובל און ער האָט איבערגעלאָזט אויף עילמות 1.000 רובל. אין

זיין פרייער צייט, האָט ער עוסק געווען אין תורה. יעדע גוטע זאַך, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן, האָט ער דורכגעפירט מיט אַלע זיינע כוחות".

138.— ביום ב׳ דר״ה תרע״ג (1913) נפטר ר׳ אברהם סאיעטא.

פרידמאַן זאָגט וועגן אים: „זאָל דער דאָזיקער מענטש דערמאָנט ווערן צום גוטן און מען זאָל אים בענטשן. ווייל ער האָט צעטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן, עטלעכע טויזנט רובל, צווישן זיינע קרובים און פאַרשידענע צדקות, און ער האָט אויך אָפּגעזאָגט פאַר עולמות 7.000 רובל, אין זיין אָנדענק און אין אָנדענק פון זיין פרוי אסתר הי׳ ז״ל, וועלכע איז נפטר געוואָרן כ׳ שבט תרס״ט (1909)".

139.— ח׳ ימים בח׳ אדר שני נפטר ר׳ פנחס בר׳ שנאור שהי׳ ראש־הישיבה בהת״ת (תלמוד־תורה) שלנו בפה.

פרידמאַן באַמערקט: „ער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם... און ער האָט זיך געהאַלטן באַשיידן. ער איז געווען באַקאַנט אַלס ר׳ פנחס איטקעס".

מיט דעם פאַרענדיקט זיך די לעצטע רשימה אין ר׳ מאָטל פרידמאַנס כתב־יד; אָבער א שטאַרק ברויזנדיק לעבן איז ווייטער אָנגעגאַנגען ביי די מעזריטשער יידן א גרויסע צאָל יאָרן שפּעטער, נאָך דער דאַטע פון דער דאָזיקער רשימה. די מעזריטשער יידן צוזאַמען מיט די פאַרשידענערליי אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן געשאַפן אין פאַרלויף פון זייער עקזיסטענץ אין דער שטאָט, האָבן פּראָגרעסירט בהסכם מיט דער צייט און מיטגעמאַכט די קאָנסעקווענצן פון די וויכטיקסטע געשעענישן, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן מיטן גאַנג פון דער צייט.

אין 1914 ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט ארויפגעלייגט איר אויסנאַמלעכן שטעמפּל אויפן לעבן פון יידישן ישוב אין מעזריטש. ביים ענדע פון דער מלחמה טרעט אריין מעזריטש אין א נייער תקופה — מיטן אנטשטיין פון דער באַנייטער פּוילישער מלוכה — און דאָס דריקט זיך אויס מיטן קאַמף פון יידישן ישוב פאַר זיין עקזיסטענץ; אויפשוווּנג פון פּאָליטישן פּאַרטיי־קאַמף; דער אָנטייל פון מעזריטשער יידן אינעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, אָדער גאָר דאָס אָנשליסן זיך אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — ספּעציפיש יידישע אָדער פּוילישע. גלייכצייטיק עפנט זיך א נייע פאַזע אינעם הינוך־וועזן מיט דער דערעפענונג פון מאָדערנע שולעס און די יידישע גימנאַזיע, מיט אן אונטעררינכט פון העברעאיש, יידיש אָדער פּויליש. צייטשריפטן, וואָס ווערן ארויסגעגעבן דורך די פאַרשידענע פּאַרטייען, גיבן אן אָפּשפּיגלונג פון יידישן לעבן אין מעזריטש. אויך ספּאָרט הייבט אָן פאַרנעמען א וויכטיקן פּלאַץ ביי יידן און אין מעזריטש גרינדן זיך פאַרשידענע ספּאָרט־קלובן, א טייל מיט א פּאַרטייאישן הינטערגרונט. אויך אויפן רעליגיעזן געביט מערקט זיך דער גייסט פון דער צייט. די שטאָטישע תלמוד־תורה ווערט מאָדערניזירט און

באקומט אָפיציעלע רעכט אלס רעליגיעז־נאציאָנאלע טאָג־שולע און עס דער־עפנט זיך די גרויסע מוסר־ישיבה „בית יוסף". אויפן סאָציאלן געביט שאפן יידן פארשידענערליי הילפס־אינסטיטוציעס: א הילפס־קאסע פאר הלוואות אָן פּראָצענטער; זיי מאָדערניזירן דעם יידישן שפיטאָל, וואָס פארוואַנדלט זיך אין איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע הייל־אנשטאלטן אין פוילן און צווישן יידן בפרט. נישטאָ קיין איינצלנער געביט, וואָס זאָל נישט האָבן גע־ווען אינטערעסירט די מעזריטשער יידן און אין וועלכן זיי זאָלן זיך נישט אויסצייכענען.

יידן האָבן שווער געארבעט, געקעמפט און געחלומט... זיי האָבן אָבער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אז הינטער זיי שטייט די תליונישע האק פון די נאצים מיט זייערע שותפים גרייט צו פארלענדן די יידן־שטאָט מעזריטש צו־זאמען מיט אירע יידן. ליידער איז די פינצטערע שעה געקומען...

דער ביטערער שונא פונעם יידישן פאָלק — די נאצישע בעסטיע — האָט אויך די מעזריטשער יידן נישט אויסגעמיטן. אין א סעריע פון „אקציעס" איז געוואָרן אויסגעמאָרדעט, דערשאָסן און פארגאזט, אכזריותדיק פארפייניקט און פארברענט די מעזרימשער עדה צוזאמען מיט זייערע ברידער און שוועס־טער פון אנדערע קהילות קדושות פון פוילן און אנדערע לענדער; און... די ציוויליזירטע וועלט פון מזרח און מערב האָט געשוויגן...

זאָל דאָס דאָזיקע בוך דינען אלס מצבה אויפן אומבאקאנטן קבר פון דער קהילה קדושה מעזריטש־דליטא. זאָל איר גרויסע און הייליקע נשמה געפינען א צובונד צו די נשמות פון אלע הייליקע יידישע קהילות, וואָס זיינען פונקט ווי די קהילה פון מעזריטש, אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם און אין זייער זכרון, זאָל דאָס יידישע פאָלק געפינען טרייסט און אומאויפהערלעכע גבורה און מוט צו מארשירן פאָרויס, מיט זיכערע טריט אויפן נייעם היסטאָרישן וועג צו וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך דערשלאָגן — א דאנק די קרבנות וואָס אונדזער דור און אלע דורות פאר אונדז — מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל...

פּאָטאָסטאטן

אָריגינעלע אויסצוגן פון

מעזריטשער קהילה־פּנקס

No. [illegible] III 16a

העתק מפנקס [illegible] לקהל שעדריטש

ה"ה הראש הגביר המפורסם מוהר"ר ישראל בהגאון מהר"ש וואלף זצ"ל מק"ק
בריסק [illegible] התחייבות אלופי הקהל ק"ק שעדריטש יצ"ו ליתן בכל
שנה ושנה סך מעות [illegible] להוציא קופת רבני [illegible] ק"ק ווילנא
והר"ר ישראל הנ"ל קנה את הסכנה הנ"ל מרבני הנ"ל שיהי' שייך לו הכנסה
הנ"ל משך ששה שנים [illegible] הרבנים הנ"ל על אלופי
הקהל ק"ק שעדריטש יצ"ו כפי התקנה שהרבנים הנ"ל שייך להגביר מוהרר
ישראל הנ"ל . בכן בהיום הזה הגביר מוהר"ר ישראל הנ"ל קיבל מאלופי
קהל שעדריטש סך [illegible] משך ששה שנים [illegible]
נקי [illegible] מהתחייבות השייך להגביר מוהרר ישראל הנ"ל ..
כל הנ"ל נעשה [illegible] וכו'
לאלופי הקהל יצ"ו ק"ק שעדריטש כו' [illegible] בעולם [illegible]
לראי' באנו על החתומים. היום יום [illegible] שבט תצ"ב לפ"ק פה ק"ק
ווילנא יצ"ו . נאום [illegible] ונאום [illegible]
בהאמור הרב הגאון מוהרר יצחק אייזיק נ"י [illegible] ..

למען יהיה למזכרת [illegible] לאות ולמשמרת העתקתי מן [illegible] הכתב אות
באות כבעט ברזל ועופרת [illegible] היום יום ה' [illegible] אייר
תקט"ו לפ"ק .. נאום יעקב [illegible] מוהרר [illegible] זצ"ל [illegible]
בק"ק שעדריטש יצ"ו ..

פאקסמיל נומ. 1

דער דאָקומענט דאטירט זיך פון יאָר תצ"ב (1732) און ער באציט זיך צו א התחייבות פון צאָלונג, וואָס מעזריטש האָט געהאט צו דעקן דעם קהל פון ווילנע (מיגלעך, דעם ועד מדינת ליטא). דער דאָקומענט איז איבערגעשריבן געוואָרן פון דעם מעזריטשער „דיינא וספרא" יעקב ב"ר אשר אין דעם יאָר תקט"ו (1754) און דער טעקסט לייענט זיך אזוי:

העתק משירי פנקס ישן נושן הוצאה והכנסה לקהל מעזריטש

ה"ה הראש הנגיד המפורסם מוהר"ר ישראל בהמנות מהר"ז 1) וואָלף זצ"ל מק"ק בריסק איך בדבר התחייבות אלופי הקהל ק"ק מעזריטש יצ"ו 2) ליתן בכל שנה ושנה סך מאה וחמשים זהו' פ' 3) לתוך נקופת רוזני קציני ק"ק ווילנא והר' ישראל הנ"ל 4) מרוזני הנ"ל שיהי' שייך לו הכנסה הנ"ל משך ששה שנים והתחייבות ויפוי כח שיש להרוזנים הנ"ל על אלופי הקהל ק"ק מעזריטש יצ"ו כפי תוקף של הרוזנים הנ"ל שייך להנגיר מוהר"ר ישראל הנ"ל. בכן כהיום הודה הנגיד מוהר"ר ישראל הנ"ל שקיבל מאלופי קהל מעזריטש כל סך המגיע מהם בעד משך ששה שנים רצופים עד פ"א 5) וקול נוגש לא ישמע מהתחייבות השייך להנגיד מוהר"ר ישראל הנ"ל. כל הנ"ל נעשה בפנינו בהוראה גמורה עפ"ת חז"ל 6) דלא כאסמכתא וכו'... לאלופי הקהל יצ"ו מעזריטש בלי שום שבועה ונ"ש 7) בעולם. להיות בידם לראיה באנו על החתומים.. היום יום ה' ח"י שבט תצ"ב לפ"ק פה ק"ק ווילנא יצ"ו. נאום צבי הירש במהור"ר בער סג"ל זלה"ה ונאום מאיר באמו"ר הרב הגדול מוהר"ר יצחק אייזיק נ"י גינצבורג.

למען יהיה לדורות הבאים לאות ולמשמרת העתקתי מגוף הכתב אות באות כבעט ברזל ועופרת לבל תהי' לאבדון, היום יום ה' כ"ה אייר תקט"ו לפ"ק. נאום יעקב בלא"מו מוהר"ר אשר זצלה"ה דיינא וספרא דק"ק מעזריטש יצ"ו.

---

1) מורנו הרב זאב; 2) ישמרהם צורם וגואלם; 3) זהובים פוילן; 4) הנזכר לעיל; 5) פרוטה אחת; 6) על פי תורת חכמינו זכרונם לברכה; 7) ונדר שמתא.

הגלותה לקונסטנטינא עבור המחה על כרגון על שטף לבעל שנים מלבושים זו"ב
ונתנו תשעה גילוט לחוני ב' משלבת וליפות ונגר קונטריינר ונאמה שנתנו תשעה
גילוט להמתון קונטרסה פלוסלוגסקי משם ומולה לסך אלפים ומאמיי' שני שתות אהו
עס"ח לבון ומאומים כל וואה י"ג גרוש (כל גרוש י' אהו לבנה גאלכולין) וז"צ
היינו י"ח ומאומים י"א אהו הוז' ,,

ה' קריבתי מו"ל השתדלות בר"ח פסלוו תק"ח עד ר"ח כסליו תקי"ט נחבר לאחורים
הב' האולכים ע' ילחק ק"ס בשנה וע' קונטל ר"ה ע' רסך שנה ומחבעה ומאמים
עס"ו ומאהגרי. הנשררים רבנן בחוץ י"ט וע"י נתנו החוררים הנ"ל סך ש"ה ולכשים
ומאומים ה' אהו י' נאו מהיינו עם אמתן בסך שלשה שמות. ותשעה. בסו י' נשא הבקבה
מרצ"ם מקהילתנו לאחק הסרים. עשום אלף וחה כיבוי חשוים אהו להתאמן
ותשעם אהו לה' מתנש שנה סך אלף ושבעה מאות ושבעים אהו י"ט גאו ע"ו נתנו
אלף שט"ה בח"י המו שסך ושבעים ומאומים ושם בר"ח סיון הבע"ל ונכתב עליו קבלה
סך תשבב עזר ומאומים. ושם שני ריט"ח משך אלף שני שמות וחמשה ועשרים שסו נשאר
שט"ח חומה בר"ח אלול תק"ח נשט"ה ב' בר"ח פסלוו תקי"ט. ואגיע עוד מהחוררים הנ"ל
רלח שט"ח סך מאה ותשעה עשר אהו ב' נאו ומחויבים החוררים הנ"ל לפרוע קי"ט
אהו הנ"ל לאמן ר"ח סיון הבע"ל הנ"ל ,, החוררים קרונסקי והעשקל השתדלות בר"ח תשוו
תק"ו עד ר"ח חשוו תק"ח נחבר להם חלק כסף שנה ושלשים ומאומים ויותר הגבה ומאום
והם להחודר ורר מסולק כלסך הנ"ל עד פ"מ ,, השתדלות השתדלות ח"י וזייר
ר"ק"ו עד ח"י אייר תק"ח נחבר להם יהודא שנתי וסך מאה ושלשים אהו לסלק כל המעשה
להיות אלקא מקהילתנו כ' נוער כ' החר הולאמה.

פאָטאָסטאַט נומ. 2

דער דאָקומענט דאַטירט זיך פון די יאָרן תק"ז, תק"ח, תק"ט (1747, 1748, 1749). דער אָריגינאַל באַציט זיך צו א ריי הוצאות, וואָס די קהילה האָט געמאַכט. די וויכטיקע פרטים דערפון זיינען: חתימה־געלט איינגעצאָלט פאַר דעם ועד ארבע ארצות; א פרט וואָס איז ביז איצט ניט געווען אין ערגעץ דערמאָנט. דער קאָמיסאַר פלאַשצינסקי איז געווען דער רעגענט פון דעם פינאַנץ־מיניסטעריום אין פוילן. אין זיין רשות איז געליגן דאָס אויפמאָנען די שטייערן ביי די יידישע קהילות. מיר האָבן דאָ די נעמען פון די „חוכרים", די וואָס פלעגן נעמען אין ארענדע די „קאָראָבקע", און אויך דעם נאָמען פון שמש אין יענער צייט (רב אבוש). מיר דערוויסן זיך אויך, אז אויסער דער אלגעמיינער קאָראָבקע איז נאָך געווען א שטייער פון אורחים און פון די וואָגן. דער טעקסט לייענט זיך:

הוצאה לקאנסטאנטין עבור הנחה על כרגא 1) על משך שבעה שנים רצופים אי"ה 2) ונתנו חתימה געלט לרוזני ד' ארצות וליפויץ 3) וגם קאפהיינר וגם מה שנתנו חתימה געלט להאדון קאמיסאר פלאשצינסקי 4) משם ועולה לסך שלשים אדומים שני מאות זהו' עפ"י 5) חשבון אדומים כל אדום י"ג גרוש (כל גרוש א' זהו' שמונה גדול' פוליש) א"צ היינו י"א אדומים י"ד זהו' ה"ג.

הקרופקי דז"ץ 6) המתחלת בר"ח כסליו 7) תק"ח עד ר"ח כסליו תק"ט נחכר להחוכרים ה"ה האלופים מ' יצחק ב"מ מאיר ומ' קאפיל בר"מ בסך מאה וארבעים ושמונה אדומים. עפ"י אופנים הנזכרים כאן בדף י"ט וע"ז 8) נתנו החוכרים הנ"ל סך ששה ושבעים אדומים ה' זהו' י' גדו' דהיינו עם אותו הסך שלשה מאות וחמשה זהו' י' גדו' הנגבה מבע"ב 9) דקהילתנו לצורך הסכום. 10) ונשאר אצלם אחר ניכוי חמשים זהו' להנאמן וחמשים זהו' לר' אבוש שמש סך אלף ושבעה מאות ושמונים זהו' י"ט גדו'. ע"ז 11) נתנו שלשה שט"ח בה"י 12) הא' 13) מסך ארבעים אדומים וזמ"פ 14) בר"ח סיון הבעל 15) ונכתב עליו קבלה סך חמשה עשר אדומים. ועוד שני שט"ח 12) מסך אלף שני מאות וארבעה ועשרים זהו' וזמ"פ 14) שט"ח אחד בר"ח אלול תק"ח שט"ח ב' בר"ח כסליו תפ"ט. ומגיע עוד מהחוכרים הנ"ל בלתי שט"ח סך מאה ותשעה עשר זהו' ד' גדו' ומחויבים החוכרים הנ"ל לסלק סך קי"ט זהו' הנ"ל לזמן ר"ח סיון הבע"ל הנ"ל.

האורחים קרופקי והמשקל המתחלת בר"ח תמוז תק"ז עד ר"ח תמוז תק"ח נחכר לרב דוד חר"ץ בסך ששה ושלשים אדומים אחר הנחה אדום זהב להחוכר וכבר סילק כל סך הנ"ל עד פ"א 16)

השחיטה המתחלת ח"י אייר תק"ז עד ח"י אייר תק"ח נחכר לר' יהושע שוחט בסך מאה ושלשים זהו' לסלק כל הראטיש להרב אב"ד 17) דקהילתנו כנזכר בחדר הוצאות.

---

1) כרגא — די מלוכהשע שטייערן; 2) אם ירצה השם; 3) אונטערקויף; מפצה צו זיין; 4) דער גענעראל־קאָמיסאַר פון דער פוילישער רעגירונג איינצומאָנען די שטייערן; 5) על פי; 6) דזובחי צדק, פון די קצבים; 7) בראש חודש כסליו; 8) ועל זה; 9) מבעלי־בתים; 10) הסכום, מיינט די שטייער־קוואָטע פאַר דעם ועד־מדינה; 11) על זה; 12) שטר חוב בחתימת יד; 13) האחד; 14) וזמן פרעונו; 15) הבא עלינו לטובה; 16) עד פרוטה אחת; 17) אב־בית־דין.

ע״פי תקנות קהלתנו יצ״ו שנתיסדה מקדמת דנא הקרובקי מלח הג״ש יתנו
מכל בהמה כשרה שני גדו׳ ג״ג ומטריפה א׳ גדו׳ ט״ג ומעגל נ״מ חלב גדו׳
ומה שנה חר״ז מקרוב באו ונשנו דרכו ועלה במוטרה מאלופי הקהל לקבל
מן הג״ש רשות הקרובקי שיתנו את כל העורות לאלופי הקהל יצ״ו רק
מכשירות והן מטריפות, [illegible] באשר לא הביטו אם כי בקהלתנו על כשר
טריפה אין קונה מעשה לכל משליכין אותו. ובפרט כי רעה רבה אלופי
הקהל יצ״ו לתקנות הג״ש להסיר עול הכבד מעליהם, שיתנו העורות רק
מכשירות ומטריפות מחויבים אלופי הקהל יצ״ו ליתן להג״ש בעד עור בהמה
טריפה שני גדו׳ ט״ג ומכל עור חלב נסה טריפה א׳ ג״ג ומעגל נ״מ טריפה
חלב ג״ג ומר מקה טריפה נ״ג, והנה לא כל העתים שוים כי גם
המעלה היה בתחלת ר״ח כסליו תקט״ו לפק, ובאמת עכשיו היה הישר
מכירות העורות ביוקר שמכרו אלופי הקהל יצ״ו כל עור שור בכסף עשרים
גדו׳ וכל עור בהמה בכסף שבעה גדו׳ וכל עור חלב נסך כסף [illegible] גדו׳ ט״ג
וכל עור עגל נ״מ בכסף ח״ג, ובכן הכל לפי העת והזמן לפי היוקר והזול
של העורות ראוי ביד אלופי הקהל יצ״ו להוסיף או לגרוע כחק של הג״ש
ואף גם זאת שאינם מחויבים אלופי הקהל יצ״ו ליתן להג״ש מעופנים משורות
הטריפות, רק שיתנהגו ע״פי האומנים שיובאו לשם. ואלו הן באשר
שהה התורני מוהר״ר [illegible] כהרב המנוח מוהר״ר [illegible] חבר הקרובקי של אלופי
הקהל יצ״ו על משך שתי שנים רצופים עם ר״ח כסליו תקי״ב לפק עד ר״ח כסליו
תקי״ד לפק ע״פ האופנים הנ״ל שיקח העורות מג״ש מכל בהמה נסה מקה

פאַטאַסטאַט נומ. 3

דער דאָקומענט דאטירט זיך פון די יאָרן תקי"ב, תקי"ד, תקט"ו, תקט"ז (1752, 1754, 1755, 1756). אין דעם דאָקומענט ווערט איבערגעגעבן דער אופן ווי אזוי עס פלעגן די ז"ץ (זובחי־צדק) — די קצבים צאָלן זייער אָפּ־צאָל פארן קהל; דער אופן פון איבערגעבן צו די „חוכרים" די הכנסות און דאָס אָפּרעכענען זיך. א טייל אָפּצאָל איז געדעקט געוואָרן מיט די פעל פון די געשאָכטענע בהמות. דער ווערט פון די פעלן איז געוואָרן געשאצט לויטן פרייז פון דער געגעבענער צייט. אויך איז אנדערש געשאצט געוואָרן די פעל פון די כשרע בהמות און אנדערש די פעל פון די טרפהנע בהמות. ווייטער ווערט באַ־ריכטעט ווי אזוי ס'איז געמאכט געוואָרן דער חשבון מיט ר"י לאזיל, וועל־כער האָט געפּאכטעט די פלייש־קאָראָבקע אין די יאָרן תקי"ב—תקי"ד. דער טעקסט לייענט זיך אזוי:

עפ"י 1) תקנות קהילתנו יצ"ו 2) שנתיסד מקדמת דנא הקרופקי 3) אשר הז"ץ 4) יתנו מכל פרה כשרה שני זהו' ז"ג 5) ומטריפה א' זהו' יט"ג 6) ומעגל גדול חצי זהו' וזה שנה הדשים מקרוב באו ונמנו ורבו ועלה במוסכם אלופי הקהל לקבל מן הז"ץ בעד הקרופקי שיתנו את כל העורות לאלופי הקהל יצ"ו הן מכשירות והן מטריפות. אבל באשר לא הביטו אז כי בקהילתנו על בשר טריפה אין קונה ממש לכלב משליכין אותו. ובהיות כי רעה ראו אלופי הקהל יצ"ו לתקנת הז"ץ להסיר עול הכבד מעליהם, שיתנו העורות רק מכשירות, ומטריפות מחויבים אלופי הקהל יצ"ו ליתן לז"ץ בעד עור פרה טריפה שני זהו' ט"ו ג' 7) ומכל עור חצי גסה טריפה א' גל' 8) ומעגל גדול טריפה חצי גל' ומכל דקה טריפה ו' צל. והנה לא כל העתים שוים כי זה המעשה היה בתחלת ר"ח 9) כסליו תקט"ו לפ"ק, ובאותו זמן היה השער של מכירות העורות ביוקר שמכרו אלופי הקהל יצ"ו כל עור שור בסך עשרה זהו' וכל עור פרה בסך שבעה זהו' וכל עור חצי גסה בסך ארבעה זהו' ט"ו ג' וכל עור עגל גדול בסך ח"צ. ובכן הכל לפי העת והזמן לפי יוקרא וזולא של העורות רשות ביד אלופי הקהל יצ"ו להוסיף או לגרוע כחם של הז"ץ, ואף גם זאת שאינם מחויבים אלופי הקהל יצ"ו, ליתן לז"צ מזומנים מעורות הטריפות, רק שיתנהגו עפ"י 10) האופנים שיתבארו למטה, ואלו הן באשר שה"ה התורני מוהר"י לאזיל בהרב המנוח מוהרר"י יודל חכר הקרופקי דז"ץ מאלופי הקהל יצ"ו על משך שתי שנים רצופים מר"ח 11) כסליו תקי"ב לפ"ק עד ר"ח כסליו תקי"ד לפ"ק ע"פ 10) האופנים הנ"ל שיקח העורות מז"ץ מכל בהמה גסה ודקה מכשירות ומטריפות כפי שנרשם לקמן בחדר ההכנסות של שתי שנים הנ"ל והרבה במהר ומתן מבור

אב יחידות ומעורבות כדי שנרשם לקאסן בחדר ההכנסות של שתי שנים הנ"ל

הרבה כאשר ומתן מכוח הקונטרקט הנ"ל. וגם מהראוי ליתן, והלכך הוות

להאוועק שתי שנים הנ"ל תרפ"ט שנה בסך מאה ושמונים זהובים, ובשנה

של שנת להיות מר"ח כסליו תקיט לפ"ק עד ר"ח כסליו תקכ"ו לפק השכירו לו

אלופי הקהל יצ"ו זאת הקונטרקט הנ"ל בסך מאה וחמשים ושמונים כנזכר

קאסן בחדר ההכנסות של שנה זו חוץ נ"ב ז"ז, ובור זה נתנו לו כתב וחותם

קונטרקט של שלשת ביום ליתן מעות לשו"ב לקנות בהמות עד סך שמונה

מאות זהו"ב, ובשביל סוף שנותיו של החכירות הנ"ל, ואי כל מה שיהיו

חייבים הגו"ש עד סך שמנה מאות זהוב מחויבים אלופי הקהל יצ"ו לשלם

מהר"ר ליב הנ"ל מקופת הקהל, ומה שיהיו חייבים הגו"ש יותר מסך הנ"ל.

ואי יהיה מעותיו כמונח על קרן הצבי, והנה זה היום שהגיע עת ומשך ר"ח

כסליו תקט"ו לפ"ק היה למרחבים עיני הקהל יצ"ו הרייסטער של מוהרר ליב

ומצא מגו"ש עבור חשבון שבק שהיה בעניהם עד סך חמשים זהובים ויותר והתפשרו

אלו אלופי הקהל יצ"ו עם מוהרר ליב הנ"ל שיתנו לו סך שבעה מאות זהו עבור

החובות של גו"ש הנ"ל, והגו"ש ישלמו לאלופי הקהל יצ"ו סך חמשים זהובים הנ"ל

על ידי מה שעל ידי ההכנסות הטריבות כנ"ל עד שיסלקו ימי חובתם סך חמשים זהובים

כנ"ל וכשיסלקו ימי חובתם אז יהיו מחויבים אלופי הקהל יצ"ו לשלם לגו"ש מה שהגיע

ועליו סך הנ"ל במעות, וכל זמן שיהיו הקהל יצ"ו. כל הנ"ל נעשה ונגמר באסיפת כל

הקהל ולמען יהיה לזכרון לדורות הבאים למשמרת ולעדות, כתבנו וחתמנו בכל כחו ואסרות

וכל ויהיה הדברים נעשה כ"ב יום ג' ח"ה סיון תקט"ו לפ"ק נאום יעקב בלאאמ"ו מוהרר

זצ"לה"ה

הקרופקי הנ״ל יותר מהראוי ליתן, וזה לכם האות שבאותן שתי שנים הנ״ל חכר כל שנה ושנה בסך מאה ושמונים אדומים, ובשנה השלישית שהוא מר״ח כסליו תקי״ד לפ״ק עד ר״ח כסליו תקט״ו לפ״ק, השכירו לו אלופי הקהל יצ״ו את הקרופקי הנ״ל בסך מאה וחמשים אדומים כנזכר לקמן בחדר ההכנסות של שנה זו דף נ״ה ע״א. ועבור זה נתנו לו כתוב וחתום בקונטראקטין שלו שרשות בידו ליתן מעות לז״ץ לקנות בהמות עד סך שמונה מאות זהוב׳ פ׳ 12), וכשיגיע סוף שנתיו של החכירות הנ״ל, אזי כל מה שיהיו חייבים הז״ץ עד סך שמונה מאות זהו׳ מחויבים אלופי הקהל יצ״ו לשלם למהר״י לאזיל הנ״ל מקופת הקהל, ומה שיהיו חייבים הז״ץ יותר מסך הנ״ל אזי יהיו מעותיו כמונח על קרן הצבי, והנה זה היום שהגיע עת וזמן ר״ח כסליו תקט״ו לפ״ק, היה למראה עיני הקהל יצ״ו הרייסטער של מוהרר״י לאזיל ומגיע מז״ץ עפ״י חשבון צדק שהיה ביניהם סך חמשים אדומים ויותר והתפשרו א״ע 13) אלופי הקהל יצ״ו עם מוהרר״י לאזיל הנ״ל שיתנו לו סך שבעה מאות זהו׳ עבור החובות של ז״ץ הנ״ל, והז״ץ ישלמו לאלופי הקהל יצ״ו סך חמשים אדומים הנ״ל ע״י הבהמות הטריפות כנ״ל עד שיצאו ידי חובתם סך חמשים אדומים הנ״ל. וכשיצאו ידי חובתם אזי מחויבים אלופי הקהל יצ״ו לשלם לז״ץ מכל בהמה שיטדוף אצלו סך הנ״ל במזומנים. וכל אחד מז״ץ הקודם זכה. כל הנ״ל נעשה ונגמר באסיפת כל הקהל. ולמען יהיה לדורות הבאים לאות ולמשמרת, כתבתי וחתמתי כבעט ברזל ועופרת לבל יהיה האמת נעדרת כהיום ג׳ כ״ד סיון תקט״ז לפ״ק נאום יעקב בלאאמ״ו מוהר״ר אשר זצלה״ה דיינא וספרא דק״ק מעזריטש.

לר׳ לאזיל היה מגיע שמונה מאות זהו׳ עבור החיבות שהיו לו אצל הז״ץ מהכירות הקרופקי כפי הקונטראקט שבידו בח״י 14) אלופי הקהל יצ״ו על הקרופקי מר״ח כסליו תקי״ד לפ״ק עד ר״ח כסליו תקט״ו לפ״ק ושם נאמר שמחויבים אלופי קהל יצ״ו לסלק לר׳ לאזיל הנ״ל סך שמונה מאות זהו׳ הנ״ל בר״ח כסליו תקט״ו לפ״ק רק שהיה לאלופי הקהל יצ״ו איזה טענה לר׳ לאזיל הנ״ל והתפשרו א״ע עמו בסך שבעה מאות זהו׳ ונתנו לו קודם פסח תקט״ז לפ״ק עשרים אדומים ועוד על עשרים אדומים נתנו לו שט״ח 15) בח״י 16) ר׳ יעקב בר״א עצה״כ 17) מזמן ר״ח כסליו תקט״ז לפ״ק לשלם ביריד וויסאקי בקיץ תקט״ז לפ״ק קרן ורווחים שיגיע לו.

טקסא וסכום ושאר גביות שהוגבו בשנה זו עולה לסך מאה וארבעה עשר אדומים חסר א׳ זהו׳ טו״ג ג״ט כפי שרשם בכתב יושר דברי אמת חזה מעל״ד 18) דף פ׳ ע״א.

הקרופקי דז״ץ המתחלת מר״ח כסליו תקט״ו עד ר״ח כסליו תקט״ז רשום בכתב יושר לעיל דף ס״ט ע״א שקיבלו אלופי הקהל על עצמם לטובת הקהילה ושם נאמר שקיבלו יצ״ו קודם חג הפסח תקט״ו מן הקרופקי הנ״ל סך תשעה ושמונים אדומים. והנה בשנה זו קיבלו אלופי הקהל יצ״ו עוד מקרופקי הנ״ל

לר' לאויל היה פנקס שנותנה מומתנה עבור החובות שבילו וגם הכל מתבררות

הקרובקי כפי הקונטראקט שבידו כה"י ואלופי הקהל יצ"ו על הקרובקי. מר"ח כסליו

תקצ"ה לפ"ק עד ר"ח כסליו תקצ"ו לפ"ק וגם נאמר שמחויבים אלופי קהל יצ"ו לסלק לר'

לאויל הנ"ל סך שמונים זהובים הנ"ל בר"ח כסליו תקצ"ו לפ"ק רק שהיה לאלופי

הקהל יצ"ו איזה טענה לר' לאויל הנ"ל והתפשרו אז"ר עמו בסך שבעים זהובים

ונתנו לו קודם פסח תקצ"ו לפ"ק עשרים זהובים נשאר על עשרים זהובים נתנו

לו שט"ח בח"י ר' יעקב [illegible] עד [illegible] ר"ח כסליו תקצ"ו לפ"ק ולזאת בירושלים

וויסאקי [illegible] תקצ"ו לפ"ק קרן [illegible] ויגמר לו ,,

[illegible] שלש [illegible] שהוא [illegible] עולה לסך [illegible] וחשבון

[illegible] זהובים [illegible] זהו' טו"ג [illegible] שנהלו [illegible]

[illegible] ה' [illegible] ,,

הקרובקי [illegible] מר"ח כסליו תקצ"ו עד ר"ח כסליו תקצ"ז [illegible]

[illegible] סך [illegible] קיבלו אלופי הקהל על עצמם לטובת הקהילה [illegible]

נאמר שקיבלו יצ"ו קודם חג הפסח תקצ"ו מן הקרובקי הנ"ל סך [illegible]

זהובים. [illegible] קיבלו אלופי הקהל יצ"ו [illegible] מקרובקי הנ"ל סך [illegible]

זהובים [illegible] זהו' טו"ג [illegible] עם [illegible] ועם [illegible]

[illegible] קיבלו אלופי הקהל יצ"ו עבור הקרובקי הנ"ל סך [illegible]

זהובים [illegible] זהו' טו"ג [illegible] ,, [illegible] מר"ח [illegible] תקצ"ו עד ר"ח [illegible]

תקצ"ו [illegible] כסף [illegible] ,, סך [illegible]

[illegible] עולה לסך [illegible] זהובים [illegible] ר"ח [illegible] ,,

סך שלשה ותשעים אדומים עשרה זהו' ט"ג א"ט. דהיינו עור מן השור שאינו מסורס ועם א' עור עגל גדול מחצר. נמצא קיבלו אלופי הקהל יצ"ו עבור הקרופקי הנ"ל סך מאה ושנים ושמונים אדומים ועשרה זהו' ט"ג א"ט. השחיטה המתחלת מר"ח אלול תקט"ו עד ר"ח אלול הבע"ל 19) תקט"ז נחכר להשוחטים בסך מאה ושלושים זהו' וניתן להחזן. סך דסך מכל ההכנסות מכל השנה עולה לסך ארבעה מאות וששים אדומים פחות א' זהו' ק"ח ג' א"ט.

---

1) על פי; 2) ישמרהם צורם וגואלם; 3) קאָראָבקע; 4) הזובחי צדקי קצבים; 5) שני זהובים ז' גדולים; 6) אחד זהובים י"ט גדולים; 7) שני זהובים ט"ו גדולים; 8) אלף גדולים; 9) ראש חודש; 10) על פי; 11) ערב ראש חודש; 12) זהוב פוילן; 13) את עצמם; 14) בהתימת ידי; 15) שטר חוב; 16) בחתימת יד; 17) על צד הכשרות; 18) מעבר ל ף; 19) הבא עלינו לטובה.

מעות גביות הסכום סך אלף ושבעה ושמונים זהו' י"א ג' מיואמינג חוץ פיגור יהוי
שכונות יחוץ ושוש.ש כנגד כמו בחוץ ב' עי"ו ,, מעות גביות בחוץ לארץ
סך אחד ומאתים זהו' ט"ו גאו' מיואמינג ,, שני ומאות מ"ח ושבעה מפרחלי עמוד
הכית שמכר בקהלתנו ,,

סך הכל שנתה אלפים ושבעה מאות וחמשה וחמשים זהו' ק"ב גאו' חוץ מה
שנשנע. אלו' החודרים של הטקסה סך אלף ושבעה מאות ושמונים זהו' י"ט גאו' ,,
לרבנן מעלרנו שלשה ועשרים ומאתים ,,

הולכה להרב מקצ' ששעהאולי כשהיה בקהלתנו ע"ש שבולת שועל גם ווינטיב
וקרובמות שבעה זהו' י"ט גאו' ,, לה"ה במאונאוויצער אחד עשר ומאתים ,,
הולכה שלו כיריעות ושלו פרומות כשר ומפש ושבולת שועל מה"י לו ולעשבאיו
אחת ושלשים זהו' פ"ג גאו' ,, היאך למאתים שנתן לו מאתים עלוכן מוונקיר י"ג נרש
להוצאת הכומר וויבלויטש עבייחיו רווחים את הלוואה שלו ושלו סך מאה ואחת ותשעים
ומאתים מיושן ק"ה שבתי תק"ב כנגדה ושל חלף עז"ג ע"א עם אתן חאגי יהנים תקטורונים
לו רווחים עבור שלשה שנים וחלק מסך הכל שלש וחמשים ומאתים שלשה עשר זהו' פ"ה גא' ,,
עוד לפורח הכל רווחים חמשה ומאתים על סך עשרה ומאתים רווחים המגיעי לו בכל
שנה שנה את הלוואה השנה. ומגיע לו עוד משנה זו חמשה ומאתים חוץ מה שמגיע
לו עוד רווחים מיושן חונגי יהנים תקט"ו את סך ק"ו ומאתים הכל ואת סך קי"ח ומאתי
שלוני ושלו כשנה זו שהוא סך הכל שלש מאות ותשעה ומאתים, ומגיע לו רווחים
עם חונגי יהנים תקט"ו סך אחת ועשרים ומאתים אחת עשר זהו' , לכומר שושקי
ע"פ פסק מהוראן בנחלו ב' קווסער גורסקי יר"ה. שנים ותשעים גרוך זה"ב ,,

פּאָטאָסטאַט נומ. 4

דאטירט זיך פון די יאָרן תקי"ב, תקט"ו׳ תקט"ז (1752, 1755׳ 1756). מיר דערוויסן זיך פון דעם דאָקומענט א ריי חשבונות פון קהל. די וויכטיקסטע פּרטים זיינען: די הויף פון בודזשעט; וויפל האָט אויסגעטראָגן דער קאָפּ־שטייער (פּאָגלאָווני); וועגן א יידן אברהם פון ביאלעי וועלכער האָט געהאט א הויז אין מעזריטש און עס פארקויפט; אז דער טשעכנאָווצער רב, איז גע־ווען שבת אין מעזריטש און מען האָט געדעקט ניט נאָר פארן האָבער פאר זיינע פערד נאָר אויך פאר ווישניק און קאפהענער; וועגן א ריי פארבינדונגען מיט דעם וואָיעוואָ־ע; חובות וואָס קהל איז שולדיק געווען צו גלחים — צום אָפּיציאל פון ביאלעי ביי וועמען מען האָט גענומען עטלעכע הלוואות און דערביי געצאָלט גאָר גרויסע פּראָצענטער („רווחים"); מיט א צווייטן גלח פון שאסטקי ? איז געווען א משפט ביים אדון הגדול דעם קאָמיסאר גורסקי יר"ה. דער טעקסט לייענט זיך:

מעות גבית הסכום סך אלף ושבעה וארבעים זהו׳ י"א ג׳ 1) מזומנים חוץ פיזוד וחוץ משכנות וחוץ רעשטיש כנזכר כאן בדף ה׳ ע"א... מעות גביות פאגלאווני 2) סך אחד ומאתים זהו׳ ט"ו ג׳ א׳ מזומנים... שני אדומים מר׳ אברהם מביאלי עבור הבית שמכר בקהילתנו... סך הכל שמנה אלפים ושבעה מאות וחמשה וחמשים זהו׳ כ"ב גדו׳ חוץ מה שנשאר אצל החוכרים של הטקסה סך אלף ושבעה מאות ושמונים זהו׳ י"ט גדו׳... לכרגא דמלכא 3) שלשה ועשרים אדומים... הוצאה להרב דק"ק טשעכנאווצי כשהיה בקהילתנו ע"ש 4) שבולת שועל גם ווישניק וקאפהאן שבעה זהו׳ י"ט גדו׳... לפ׳ 5) בהאוואייוואדי אחד אשר אדומים... הוצאה עליו בירידים ושלא בירידים בשר ודבש ושבולת שועל והי׳ לו ולעבדיו אחד ושלשים זהו׳ כ"ז גדו׳... היזק לאדומים שניתן לו אדומים על אבן דאנצקיר י"ב גרש... להאדון הכומר איפיציאל מביאלי רווחים 6) מן הלואה שלוו אצלו סך מאה ואחד ותשעים אדומים מזומן כ"ה שבט תקי"ב כנזכר לעיל דף מ"ג ע"א עד זמן חאגי יהנים 7) תקט"ו ומגיע לו רווחים עבור שלשה שנים וחצי מסך הנ"ל ששה וארבעים אדומים שלשה עשר זהו׳ כ"ה גדו׳... עוד לכומר הנ"ל רווחים חמשה אדומים על סך עשרה אדומים רווחים המגיע לו בכל שנה ושנה מן ההלוואה השניה ומגיע לו עוד משנה זו חמשה אדומים חוץ מה שמגיע לו עוד רווחים מזמן חאגי יהנים תקט"ו מן סך קצ"א אדומים הנ"ל ומן סך קי"ח אדומי׳ שלווי אצלו בשנה זי שהוא סך הכל שלשה מאות ותשעה אדומים, ויגיע לו רווחים עד חאגי יהנים תקט"ז סך אחד ועשרים אדומים אחד עשר זהו׳... לכומר משוסטקי עפ"י פסק מהאדון הגדול פ׳ קאמיסאר גורסקי יר"ה 8) שנים ותשעים גרוש א"צ.

---

1) זהובים י"א גדולים; 2) קאָפּשטייער; 3) מלוכה־שטייערן; 4) על שבת; 5) לפקיד אָדער לפריץ; 6) געמיינט פּראָצענטער; 7) דער קאטוילישער יום־טוב פון הייליקן יאָהאַן; 8) ירום הודו.

בהתאסף האלופים חשובים ומנהיגים ראשי קהלתינו [illegible] דקהילתנו
שלא בשבועה כל כ"ש ובהסכמת הגאון הק' אב"ד כמש"ט [illegible] קהילתנו
והתאספו כולם יחד בבית הכנסת יו' בחדר הקהל והסכימו כולם בהסכמה גמורה
בנפש חפצה ובלב שלם ומיושבת וקבלו עליהם כולם כאו"א שמהיום והלאה שום
[illegible] הגאון בה"ב חל עליו חרם הגאון חרם [illegible] שום רשות שום [illegible]
קהילתנו להיות רב בקהילתנו ואף אם לא יהיה מחזיקי' ק' איש שיהיו קרוב
פסול בק' [illegible] [illegible] ומ איש שיהיו מחותן בק' [illegible] קודם החתונה
אין רשות להיות רב בקהילתנו וגם אות קטן [illegible] [illegible] בגזירת
הגאון חרם [illegible] בשבועות התורה שלא יועיל שום התרה והפרה כלל בעולם
ושלא לבטל מעתה שיהי' יו' מחזיקי' ק' שלא רב בק' כלל שום הוראות היתר וכלל
שום עצה ותחבולה בעולם, כדי [illegible] חומרות החרמות ושבועות
מרע"ה ועל עצמו. והיה תנאי מפורש הנה שיתקבל [illegible] כולם כאחד לבטל
תקנה הנ"ל [illegible] [illegible] שלא לבטל בשום אופן תקנה הנ"ל וגם
קצת לבטל כל מסירת מודעות נגד תקנה הנ"ל. [illegible]
[illegible] נגד תקנה הנ"ל [illegible] יהיה [illegible]
[illegible] בשרו [illegible] כאשר [illegible] יהי' [illegible]
בין כל האלופים הכתובים בס' התורה כנ"ל [illegible] תקט"ו
[illegible] . . . ונאמר הק' [illegible] קעזעריטש יצ"ו,
גם [illegible] הרב [illegible] אמן
[illegible] בקהילתנו ומחויב [illegible] קטון וגדול [illegible] אמן

פאָטאָסטאט נומ. 5

דער דאָקומענט באציט זיך צו די יאָרן תקמ"ו, תקנ"ג, תקס"ג (1786, 1793, 1803) און באהאנדלט אין תמצית די פאָלגנדיקע ענינים: 1) תקמ"ו — עס קאָן נישט פארנעמען דעם כסא־רבנות אין שטאָט א תושב פון דער שטאָט, דער וואָס האָט קרובים אין שטאָט; אפילו א מחותן. די תקנה איז אָנגענומען געוואָרן מיט דער חומרא פון א חרם. 2) תקנ"ג — עס ווערט באשטימט דעם הר... מ' אברהם צו זיין דער שטענדיקער דיין; דער שמש איז מחויב אים צו פארבעטן צו אלע דין־תורות; זיין פרוי געניסט פון דעם רעכט צו פארנעמען דעם פלאץ, וואָס איז באשטימט פאר דער רביצן אין דער ווייבער־שול פון דער אלטער שול. 3) תקס"ג — וועגן דעם, אז דער רב טאָר זיך נישט פארנעמען מיט מסחר, אויך זייבע זין און איידעמס. אנדערע תקנות וואָס דער רב מעג יאָ און וואָס ער טאָר נישט. דער ווייטערדיקער טעקסט לייענט זיך אזוי:

בהתאסף האלופים ראשים ומנהיגים רוזני קציני ונגישי דקהילתנו יצ"ו 1) בצירוף כל בע"ב 2) ובצירוף העדה הקדושה כמעט כל אנשי קהילתנו והתאספו כולם באסיפה א' 3) בחדר הקהל והסכימו כולם בשפה ברורה בנפש חפצה ובד"ש 4) ומיושבת וקבלו עליהם כולם כ"א 5) שמהיום והלאה עד ביאת הגואל ב"ב 6) חל עונש חרם הגדול חרם יב"נ 7) שאין רשאי שום א' 8) מתושבי קהילתנו להיות רב בקהילתנו ואף אם לא יהיה מתושבי קהילתנו אך שיהי' לו קרוב פסול בק' 9) אף מדרשי סופרים או אף שיהי' לו מחותן בק' 9) אף קודם החתונה אין רשות להיות רב בקהילתנו וגם זאת קבלנו ע"ע 10) וע"כ 11) הנלוים אלינו בחרם הגדול חרם המור בשבועת התורה שלא יועל שום התרה והפרה כלל בעולם ושלו לבטל דעתנו שיהי' א' מתושבי ק' יצ"ו ר' בק' בלי שום הוראת היתר ובלי שום ערמה ומרמה ותחבולה בעולם, בכל תוקף ועוז חומרות החרמות שמיטות מרע"ה 12) ועד עכשו. והיה תנאי בפירוש הגם שיתרצו אח"ז 13) כולם כאחד לבטל תקנה הנ"ל עכ"ז 14) חל העונש בחרם ושבועה שלא לבטל בשום אופן תקנה הנ"ל וגם קבלו לבטל כל מסירת מודעות נגד תקנה הנ"ל. ובאם שימצא איש שורש פורה ראש ולענה שיעשה נגד תקנה הנ"ל אזי יהיה האיש ההוא מחורם ומנודה מופרש ומובדל מק'. פתו פת כותי בשרו בשר חזיר כדומן ע"פ 15) השדה יהי' ורבצה בו כל האלה הכתובות בס' 16) התורה. בעה"ח 17) יום ד' ט' תמוז תקמ"ו גם אנחנו כ"ד 18) נאום הק' אברהם ההו' 19) פה ק"ק מעיריטש יצ"ו.

[illegible] לא יוכל [illegible] [illegible] ולא יהיה [illegible] והיה בקהלה גם [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] רב [illegible] בקהלתנו הראשון

[illegible] הרבנית [illegible] הרב ה״נל [illegible] [illegible] לרבנית [illegible] [illegible]

[illegible] ומעריב [illegible] בש״ה ו׳ תמוז תקמ״ו י י.

תקנות ע״ה הרב

הרב [illegible] אין רשות לסחור בשום סחורה [illegible] [illegible] רק להיות [illegible].

גם בניו [illegible] לא יסחרו [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

[illegible] יהיה [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] הרב [illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible]

[illegible] להיות [illegible] ע״י [illegible] הקהל. [illegible] [illegible] הרב [illegible] [illegible]

[illegible], רק [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] הקהל [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] הקהל [illegible] הרב אין רשות לכתוב [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] ראשונים ואחרונים [illegible] וקניינים [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] הרב [illegible].

בש״ה כ״ב תמוז תקנ״ג. והרב [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

בש״ה כ״ח תמוז תקנ״ג

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] רב [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

נעשה ו׳ תמוז תקס״ג בש״ה י י.

גם זאת עלה במוסכם שמשך שלשה שנים יהי׳ הרב המאוה״ג 20) מ׳ אברהם נ״י 21) דיין קבוע בקהילתנו ומחויב השמש לקרוא אותו לכל דבר במשפט קטון וגדול ואין רשאין הדיינין לישב אם לא אחר קריאתו ולא ירצה לילך או שלא יהיה בביתו. גם זאת נגמר במוסכם שבמשך שלשה שנים הנ״ל באם שלא יקבלו רב ואב״ד 22) בקהילתנו הרשות ביד הרבנית אשת הרב הנ״ל לעמוד על מקום המיוחד לרבנית שבבהכ״נ 23) הישנה בלי שום מוחה ומערב בעולם. בעה״ח 17) ט׳ תמוז תקמ״ו.

תקנות ע״ד הרב.

הרב האב״ד 22) אין רשאי לסחור בשום סחורה אף אגולנע וע״י 24) שותף רק להלות עצה״ע 25). גם בניו וחתניו לא יסחרו בעצמם וע״י 24) שותף מותר ודווקא אגולנע וחייבין סכום וטקסה. שלא יהיה שום התראה ע״י גבאי של הרב ואם הגבאי יתרה אין להבע״ב 26) דין מסרב שמחויב להיות התראה ע״י השמש הקבוע לאלופי הקהל. שלא ישחטו להרב שום בהמות ודקות, רק כשיקנה בשר באיטלז פטור מן הקרופקי 27) קטנה, שלא יחרים וינדה הרב ורב״ד 28) לשום ב״א 29) בלא ידיעת ורצון אלופי הקהל ולא יהי׳ שום כוח בלתי אם ניערו יחדיו אלופי הקהל ויסכימו ע״ז 30). הרב אין רשאי לכתוב כתבים השייכים להסופר היינו תנאים ראשונים ואחרונים כתובות וקניינים של בתים ומקומות בה״כ 31) וקאנטראקטין אבל שאר כתבים הרשות ביד כל אדם לכתוב וגם הרב רשאי. בעה״ח 17) כ״ב תמוז תקנ״ג. והרב קיבל עליו בזה הלשון איך וועל בוודאי האלטען אללע פונקטען און וואָש עש איז ארויס גגאנגען פון כבוד אלופים יצ״ו מען האָט צו מיר ניט גדארפט בחרם צו שיקען איך וועל אָן דעם אויך האלטען די פונקטען. בעה׳ח כ״ח תמוז תקנ״ג.

עלה במוסכם שאין לפחות מסכום אותן שקנו בתים או השיאו בניהם ובנותיהן ובזבזו ע״ז 30) ממון רב. ולאותן שהי׳ להם ריוח ידוע לא יוסיפו יותר מחצי פ״צ 32) מהריוח נעשה ו׳ תמוז תקס״ג בעה״ח...

---

1) ישמרהם צורם וגואלם; 2) בעלי־בתים; 3) אחת; 4) ובדעה שלימה; 5) כל אחד; 6) במהרה בימינו; 7) יהושע בן נון; 8) אחד; 9) בקהילתנו; 10) על עצמנו; 11) ועל כל; 12) מרבינו עליו השלום; 13) אחר זה; 14) עם כל זה; 15) על פי; 16) בספר; 17) באנו על החתום; 18) כה דברי; 19) החונה; 20) המאור הגדול; 21) נרו יאיר; 22) ואב בית דין; 23) שבבית הכנסת; 24) ועל ידי; 25) על צד היתר עיסקא; 26) להבעלי־בתים; 27) די קאָראָבקע; 28) וראש בית־דין; 29) בן אדם; 30) על זה; 31) בית הכנסת; 32) פּראָצענט.

ביבליאָגראַפיע

(1) „דער צוזאמענשטעל פונעם ועד ארבע ארצות", היסטאָרישע שריפטן, 2טער באנד, ייוואָ, ווילנע.
(2) דר. רפאל מאהלער: „יידן אין פוילן", ז. 46; קאָמיטעט פאר דער אויסגאבע „די יידן אין פוילן", ניו-יאָרק, 1946; (3) דאָרט ז. 105; (4) דאָרט ז. 46.
(5) פראָפעסאָר דר. מאיר באלאבאן: „די יידן-שטאָט לובלין", ז. 59; פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע, בוענאָס איירעס, 1947.
(6) פראָפ. שמעון דובנאָוו: „פנקס ליטא", סימן תע"ז, ווילנע; (7) דאָרט סימן תשל"ה.
(8) דר. מ. באלאבאן: „היסטאָריא רוסקיך יעווריעיעוו", פעטערבורג, ז. 167.
(9) הײלפּרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", ירושלים, סימן תמ"ז.
(10) דאָרט סימן תמ"ח; (11) דאָרט סימן תנ"ד.
(12) דר. מ. באלאבאן: „היסטאָריא רוסקיך יעווריעיעוו", ז. 167.
(13) דר. י. שיפּער: „דער צוזאמענשטעל פונעם ועד ארבע ארצות", היסטאָרישע שריפטן, 2טער באנד, ייוואָ, ווילנע; (14) דאָרט.
(15) דר. מ. הענדל: „מעזריטשער פּנקסים", ייוואָ-בלעטער, יאנואר 1935, באנד 8, נומער 1, ווילנע. הײלפּרין: „פנקס ועד ארבע ארצות" סימן תקי"ט.
(16) דר. מ. הענדל, דאָרט; (17) דאָרט.
(18) דר. מ. הענדל: „פּאָדליאשער צייטונג", מעזריטש 1935; איבערגעדרוקט אין בוך „מעזריטש", ארויסגעגעבן פון מעזריטשער לאנדסלייט-פאראיין אין ארגענטינע, בוענאָס איירעס, 1952; (19) דאָרט; (20) דאָרט; (21) דאָרט; (22) דאָרט; (23) דאָרט; (24) דאָרט; (25) דאָרט; (26) דאָרט; (27) דאָרט; (28) דאָרט; (29) דאָרט; (30) דאָרט; (31) דאָרט; (32) דאָרט; (33) דאָרט; (34) דאָרט.
(35) פראָפ. שמעון דובנאָוו: „פנקס ליטא", ז. 299.
(36) פראָפ. מאיר באלאבאן: „היסטאָריא רוסקיך יעווריעיעוו", ז. 167.
(37) הײלפּרין: „פנקס ועד ארבע ארצות", סימן תר"ז.
(38) געאָגראפישער אטלאס „סטאראָזשיטנא פּאָלסקא", 4טער באנד — וואָלאַדאָווי; נתן נטע האנאָווער: „יון המצולה" — לאצקי בערטאָלדים איבערזעצונג, ייוואָ-אויסגאבע, ז. 60; ר' שבתי כהן (באקאנט אלס ש"ך — שפתי כהן — צוליב זיין חיבור אויף שולחן ערוך), „מגילת איפה"; „טיט היון" ציטירט פון דר. ש. בערענפעלד אין זיין „ספר הדמעות", באנד 3, סימן קנ"ב; (39) דאָרט.
(40) „יון המצולה" ציטירט אין ספר הדמעות, סימן קנ"א.
(41) Roman Rybarski, „Skarbowość Polski w Dobie Rozbiorów" זייט 87.
(41 אַ) דר. ע. רינגעלבלום: „די פוילישע יידן אין אויפשטאנד פון קאָשציושקאָ — 1796", ז. 54; (42) דאָרט ז. 121/124; (43) דאָרט ז. 135; (44) דאָרט ז. 121/124; (45) דאָרט.

(46) E. Ringelblum: „Projekty i próby przewarstwowienia Żydów w epoce Stanislawowskiej'', Warszawa 1934.

(47) דר. ע. רינגעלבלום: „די פוילישע יידן אין אויפשטאנד פון קאָשציושקאָ — 1796", ז. 139.

(48) Roman Roginski: „Zaczątki Powstania 1863 na Podlasiu i na Łytwie'', Poznam, 1896. A. Krashar: „Z Pamiętnika Romana 1859/1863'', Kraków 1898.

(49) פראָפ. דר. מאיר באלאבאן: „די יידן־שטאָט לובלין", ז. 57; (50) דאָרט ז. 59.

(51) י. האָרן: „מיין חרובע היים", בוענאָס איירעס, ז. 15־16.

(52) Dr. Ugnacy Schipper, „Żydzi Królestawa Polskiego w Dobie Powstania Listopadowego'' ..arszawa, 1932.

(53) „באר משה", מר' משה אליקים בריעה, דף קמ"ח.

(54) כתבים לחיבת ציון, חלק א', סעיף 127, ז. 220/223.

(55) הרב יהושע טרונק: „ישועות מלכו", סימן ל"ח, חלק אהע"ז, פיעטרקוב, תרפ"ג.

(56) כתבים לחיבת ציון, סעיף 265; (57) דאָרט, סעיף 331, ז. 584/597;

(58) דאָרט, חלק ב', ז. 306/307; (59) דאָרט, חלק ג', ז. 861.

(60) י. האָרן, דאָרט, ז. 27; (61) דאָרט, ז. 28/29.

(62) י. אלעקסאנדראָוו: „דער וועקער", ווילנע, 4טער יאנואר, 1906.

(63) דר. לואיס לעווין: „געשיכטע דער יודען אין ליסא", ז. 183/191.

(64) שלמה בובער: „קריה נשגבה", קראקאָ, תרנ"ט.

(65) דר. ל. לעווין: „געשיכטע דער יודען אין ליסא".

(66) האָראָוויטץ: „פראנקפורטער ראבינגען", ז. 65/101.

(67) הרב מיכלזאָהן: „בית צדיקים", ז. 103, הערה ט"ז.

(68) האָראָוויטץ: „פראנקפורטער ראבינגען", ז. 60/66; (69) דאָרט.

(70) האָראָוויטץ: „פראנקפורטער ראבינגען".

(71) צ. מ. רבינוביץ: „המגיד מקוזניץ", ז. 40, תל אביב.

(72) „המגיד", י"א חשון, תר"כ—11/9/1859.

(73) ישראל אייזינשטאט: „דעת קדושים", ז. 32/40, פעטערבורג, תרנ"ז—תרנ"ח.

(74) אברהם בערוש פלאהם: „אבל יחיד", ווארשא, תקצ"ג.

(75) אייזינשטאט: „דעת קדושים".

(76) „עיר תהלה", ווילנא, תר"ס.

(77) מאגיסטער פנחס קאהן: „פון ווילנער ארכיוון און ביבליאָטעקן", היסטאָרישע שריפטן, 1טער באנד, ייוואָ (ווילנע).

אינהאלט:

זייט

פּאַרוואָרט — 11
אריינפיר — 17
די אָרגאַניזאַציע פון די קהילות — 18
שטייערן — 21
ווער האָט געהאַט רעכט צו ווײלן און געוויילט צו ווערן — 21
די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידן אין פוילן און ליטע — 25
די גזירות ת"ח און די אַנדערע שחיטות אויף יידן — 28
דער בראשית פון מעזריטש — 32
די באַציאונגען צווישן מעזריטש מיט אַנדערע קהילות — 43
מעזריטשער פּנקסים און וואָס זיי דערציילן... — 52
די אָרגאַניזאַציע פון דער מעזריטשער קהילה — 54
דער קאַמף קעגן לוקסוס און אומנייטיקע הוצאות — 56
די אייגנטלעכע קהילה־פּאַרוואַלטונג — 58
באַציאונגען צווישן דער קהילה און די מאַכט־אָרגאַנען — 63
א הוב וואָס מעזריטשער קהל איז געווען שולדיק דעם קהל פון ווילנע — 65
די קהילה־הכנסות פאַרן יאָר תק"ח־תק"ט (1748-1749) — 66
דער שטייער וואָס קצבים האָבן געצאָלט — 68
הוצאות — 71
תקנות וועגן מעזריטשער רבנות — 77
מעזריטשער האָבן נישט געטאָרט פאַרנעמען די רבנות־שטעלע — 77
דער רב טאָר נישט זיין קיין סוחר — 80
מעזריטשער ירידים — 83
גזירות ת"ח און אנדערע מלחמות און זייער ווירקונג אויף די מעז־ריטשער יידן — 87
די באַציאונגען צווישן מעזריטשער יידן און זייערע שכנים — 91
די געשיכטע פון די ראַד־קראָמען — 100
מעזריטשער יידן אין דער פוילישער באַפרייאונגס־באַוועגונג — 113
עלילת־דם אין מעזריטש — 118
מעזריטש אונטער דער רוסישער הערשאַפט — 131
מקורים פון פרנסה פון די מעזריטשער יידן — 137
יידישע לאַנדווירטן פון מעזריטש פּראָטעסטירן קעגן דיסקרימינאַציעס — 145
מתנגדים און חסידים אין מעזריטש — 153
עפּיזאָדן וועגן מעזריטשער מתנגדים און חסידים — 182
דער גערער און איזשביצער קריטיקירן מעזריטשער מתנגדישע פרומקייט — 185
כאָטש מתנגדיש און דאָך האָבן חסידישע רביים זיך געריסן קיין מעזריטש — 186

די נביאות פון א מעזריטשער הסיד — 186
די אַנטי־חסידישע צוואה — 188
דער שאַרפער ענטפער — 189
די פאה מיט א שטיק פלייש — 189
ר׳ יעקב שפּיראָ זיצט שבעה... — 191
מעזריטש באַקומט דאָך א רבין... — 192
די עליה קיין ארץ־ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג — 197
די פאָרמירונג פון „יסוד המעלה" — 199
די מאַמע פון פרדסנות אין ארץ־ישראל — 218
ציוניסטישע באַוועגונג — 226
די אַרבעטער־באַוועגונג — 229
דער „בערשטער־בונד און די אַרבעטער־קאַמפן — 229
דער „בונד" ווערט א כוח אין מעזריטש — 231
אַן אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון 1903 — 237
די רעוואָלוציע פון 1905 — 241
דער ערשטער קרבן... — 244
ווי אַזוי מען האָט געפעלשט געשיכטע — 245
פּאַרטיי־קאַמפן און געשלעגן — 250
דערציערישע, קולטורעלע און הילפס־אינסטיטוציעס — 252
די תלמוד־תורה און ישיבה — 254
דערציאונגס־אַנשטאַלטן — 261
קולטור־טעטיקייט — 263
דער יידישער שפּיטאָל און אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס — 267
די שול און בתי־מדרשים — 270
די מעזריטשער דרוקערייַ — 280
מעזריטשער רבנים — 290
מעזריטשער דיינים — 335
מעזריטשער מגידים — 345
יעקב בר׳ אברהם פאלק — א מעזריטשער ספרים־פאַרלעגער פונעם
16טן יאָרהונדערט — 358
אויסצוגן פון חברה־קדישא־פּנקס — 370
שלום־וואָרט — 401
פאָטאָסטאַטן — 403
ביבליאָגראַפיע — 421

דאָס בוך דערשיינט א דאנק דער מאטעריעלער הילף

פון די לאַנדסלייט:

באַקאַלאַרזש אליהו
בוראַטשיק לייזער (אליעזר)
ביבער סעם (פּאַסיטאַ — סאַן־כואַן)
בליין מאַקס
בראָנשטיין לייזער (אליעזר)
גורמאַן דוד
גורמאַן מינטשע
האַלמאַן שמחה
וואַלטפּויגעל לייבל
ווייםאַן לייבל
ווישנע לייזער (אליעזר)
טאנדייטער יואל
טשעפּעלינסקי דוד
טשעפּעלינסקי יוסף
טשעפּעלינסקי משה
יאַווערבוים יואל
יערזשימאָווסקי שמואל

לוי דזשעק
לייבמאַן חיים
שליזאַק ישראל
ערדפּאַרב חיים
פּיטערמאַן אברהם
פלאַסטערשטיין יוסף
פלאסטערשטיין ישראל
פּערלמאַן וואָווע (מענדאָסע)
פּערלמאַן מענדל
פּערלמאַן משה
פּערלמאַן משה אהרן
ציטרין גדליה
ציטרין שלמה
קאָגוט יצחק (מאָנטעווידעאָ)
רייזמאַן פייוול
שוואָם יעקב (ראָזאַריע)
אדלער אברהם ע״ה

Este libro se terminó
de imprimir el día 5 de
marzo de 1957 en los
Talleres Gráficos CULTURA,
Sarmiento 2157 - Bs. Aires

M. EDELBOIM

HISTORIA DE MEZRITCH

(MEZRITCH PODLASIE)

SU POBLACION JUDIA

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

EDITADO POR

SOCIEDAD DE RESIDENTES DE MEZRITCH
EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES, 1957